STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02584

# ALE VERK

## Sholem Aleichem

*Permanent preservation of this book was made possible
by David Bern
in memory of
Israel Bernbaum*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אַלע ווערק
פֿון
# שלום עליכם

איקוף פֿאַרלאַג

1952

OBRAS COMPLETAS DE

# SCHOLEM ALEIJEM

TOMO II

PRINTED IN ARGENTINE
IMPRESO EN LA ARGENTINA
Editorial "ICUF"
BUENOS AIRES, 1952

Queda hecho el depósito que marca la ley.

Copyright by the
Estate of Olga Rabinowitz
New York

# אַלע ווערק

פון

# שלום עליכם

## באַנד II

יאָסעלע סאָלאָוויי

אין שטורעם

# יאָסעלע סאָלאָוויי

## אַ יידישער ראָמאַן

געשריבן אין יאָר 1886.

Лучшему другу и вернейшему товарищу
О. М.
в знак глубочайшей преданности посвящает
Автор.

ליבער, טײַערער פרײַנט!

מײַן צווייטן יידישן ראמאן „יאסעלע סאלאוויי“ ברענג איך דיר במתנה הײַנט, צו דעם טאג פון דײַן געבוירן ווערן. איך האף, אז די דאזיקע מתנה וועט בא דיר אנגעלייגט זײַן, נישט דערפאר, וואס איך זאל מיך אײַנריידן, אז זי איז מיט אלע מעלות; איך ווייס בא מיר זייער גוט, אז איך האב נאך נישט אינגאנצן אויסגעפאלגט דעם זיידן רב מענדעלעס כלל, אז „א ווערק דארף מען פײַלן און פײַלן“, — מחמת צוויי טעמים: ראשית, דערלאזט ניט די צײַט, מען איז דאך נישט מער ווי א זינדיקער מענטש, משטיינס געזאגט, און בסך־הכל נאר א האלבער שרײַבער, ד״ה האלב־סוחר און האלב־שרײַבער, ווי געוויינלעך בא יידן; מע באדארף איז זינען האבן די וועלט אויך, נישט נאר עולם־הבא אליין... והשנית, איז מען דאך טאקע, צווישן אונדז ריידנדיק, יונגע לייט, מענטשן, וואס האבן קיינמאל קיין צײַט ניט, אחשתרנים, אלץ געיאגט, געכאפט, איין איין מורא, מע זאל חלילה ניט פארשפעטיקן... נאר וואס דען? ווײַל איך רעכן דערויף, וואס דו ווייסט, אז ווי ווײַט נאר מײַן מעגלעכקייט איז געווען, האב איך געארבעט און מיט מײַן יאסעלען מי געהאט, ביז גאט האט מיר געהאלפן און איך האב אים דערלעבט צו זען, אז ער האט כאטש עפעס א פנים פון א לעבעדיקן פארשוין.

נעם זשע צו, ליבער פרײַנט, די דאזיקע מתנה מײַנע, אזוי ווי זי איז, און לאז זי דיר דינען צום צייכן, וויאזוי עס ליבט דיך און שעצט דיך

דײַן בעסטער, אמת געטרײַער פרײַנט,

**דער מחבר.**

קיעוו, 26טן דעצעמבער 1889.

**I.**

## יאָסעלע גייט־אויס זינגען

אַזעלכע אויסבּרענגער, ווי די בעלי־בתּים פון דער קאַלטער שול אין מאַזעפּעווקע, איז שווער צו געפינען אַף דער גאַנצער וועלט. „וואָס זיי קאָסט־אָפּ אַ יאָר חזנים — אַזוי זאָגט מען אין שטאָט — וואָס זיי קאָסט־אָפּ אַ יאָר חזנים, וואָלט זיך דאָס יעדער געמעגט ווינטשן האָבּן אַף זײַן אייגנס". נעמען נעמט זיך דאָס דערפון, וואָס די מאַזעפּעווקער ייִדן בכלל זײַנען, ווי עס איז באַוווּסט אַף דער גאַנצער וועלט, פון תּמיד אָן שאַרפע מבינים אַף נגינה; נאָר אַזעלכע ליבהאָבער אַף זינגען, ווי די בעלי־בתּים פון דער קאַלטער שול, קריגט מען גאָר נישט, מע זאָל אויספאָרן וועלטן. קומט־אַראָפּ קיין מאַזעפּעווקע דער באַרימטער פּ י צ י — ווו דאַוונט ער? אין דער קאַלטער שול; ווו הערט מען י ר ו ח מ ע ן? אָדער נ י ס י ן? אָדער מ י צ י ן? — אין דער קאַלטער שול. עס איז שוין באַ זיי אײַנגעפירט אַזוי פון קדמונים, און ס'איז רעכט, קיינער פרעגט נישט קיין קשיות. עס קומט זיי דאָרט אָן שווערלעך, ביז זיי קלויבן זיך צו אַ רעכטן בעל־תּפילה, וואָס מען זאָל פון אים האָבּן הנאה און נישט שעמען זיך מיט אים קעגן לײַטן. זיי קאָכן־אויס גענוג וואַסער, ביז דער חזן געפעלט זיי איטלעכן באַזונדער און ביז ער טרעפט זיי צו צו זייער שניט מיט זייער כאַראַקטער; נאָר קוים האָט ער זיי שוין צוגעטראָפן, אַזוי בלײַבט ער שוין באַ זיי אַ שטענדיקער, אַן אייביקער, און עס איז שוין פאַר אים גאָר קיין בעסערס נישטאָ אַף דער

גאַנצער וועלט. אַט אַזעלכע מינים ברואים זײַנען זיך די בעלי־בתים פֿון דער דאָרטיקער קאַלטער שול. און אַט אַזאַ מין בעל־תּפֿלה איז באַ זיי געווען שמואליק יאַמפּעלע ר. געהאַט האָט שמואליק אַ קול — אַ „שאָגת־ארי״, דאָס הייסט, אַ געמבע פֿון אַ לייב, מיט זייער אַ שיין „פּיסטל״, דאָס הייסט, אַ מין בײַ־קול, אַף וועלכן ער פֿלעגט זיך בריהש פּאַרקאַטשעז. „מיט זײַן ממקומו — אַזוי האָט מען אַף אים געזאָגט — לאָזט זיך אוים די וועלט; דעם ממקומו האָט ער געגאַשט פֿונעם קרוטיער״... אויך האָט שמואליק געהאַט אַ רײַכן האַלדז און איז געווען אַ פֿײַנער בעל־עברי; זײַן „זאָגן״ איז גע־ווען גאָלד מיט זילבער... „ווען, אַ שטייגער, אונדזער שמואליק — אַזוי האָבן אַף אים געזאָגט די בעלי־בתים פֿון דער קאַלטער שול — ווען למשל, אונדזער שמואליק זאָל שטודירן אַף נאָטן, וואָלט ער גע־ווים אַריבערגעפּוצעוועט פּיצין און מיצין און ירוחמען מיט אַלע היינטיקע וועלט־חזנים! אונדזער שמואליק, אַבי ער וויל נאָר, קאָן ער נאָך היינט אויך אָוועקלייגן מיט איין כתרל זײַנעם, מיט איין וואָלעכל אַ רעכטס, די אַלע היינטיקע נײַע בריהם מיט זייער גאַנצן כאָר דאָרטן!״.... ימים נוראים פֿלעגט שמואליק דאַווענען מיט משוררים; אים פֿלעגט אונטערהעלפֿן טאַקע זײַן זונדל יאָסעלע, אַף אַ פֿײַפֿנ־דיק קולכל, און נאָך צוויי משוררים: איינער אַ באַס און דער אַנדערער אַ שרײַער — און געגוג; דאָס איבעריקע האָט שוין שמואליק אַליין אויסגעאַרבעט מיט זײַן אייגענעם „געבענטשטן״ האַלדז. די „שטיקלעך״, וואָס שמואליק פֿלעגט אַף יעדן יום־טוב „אויסשטעלן״, האָט מען נאָכ־דעם אין דער שטאָט געזונגען אַ גאַנץ יאָר כּסדר; דאָס הייסט, נישט מע האָט זיך צונויפֿגעקליבן ערגעץ אין איין אָרט אַף צו זינגען, — דערווײַף איז קיין צײַט נישטאָ און ס'איז עפּעס גאָר נישט אַזוי אויפֿגע־לייגט אַפֿן הארצן, אַז מע זאָל זיך פּלוצים אַנידערזעצן זינגען; נאָר יעדער באַזונדער פֿאַר זיך, באַ זײַן טיש, אָדער אַפֿילו אין גאַס גייענ־דיק, האָט זיך שטילערהייט איבערגעזונגען די אַלע „שטיקלעך״, וואָס שמואליק האָט באַשאַפֿן. פֿון קיין נאָטן, ווי אויבן איז געשטאַנען, האָט שמואליק נישט געוווּסט, דאָס הייסט, ער האָט געהערט, אַז ס'איז דאָ חזנים, וואָס זינגען פֿון נאָטן, נאָר געזען האָט ער דאָס נאָר איין מאָל אַף זײַן לעבן. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען פּיצי איז דורכגעפֿאָרן

איבער מאַזעפּעווקע מיט זײַנע אַכצן משוררים. שמואליק האָט געהערט אַ סך חזנים אַף זײַן לעבן, נאָר אַלע האָבן זיי געזונגען אַפן אַלטן שטייגער, דאָס הייסט, אָדער אָן „אויסגעשטעלטע" זאַך, אָדער גאָר „פונעם קאַפּ". מע באַדאַרף נישט מער ווי דער פאַרעצער חזן איז געווען גרויס, האָט אים שמואליק געהערט דאַווענען אַ מוסף באַם רבין, און דוקא אָן נאָטן, וועט ער דעם טעם געדענקען ווײַל ער וועט לעבן. נאָר אַז פּיצי איז אַראָפּגעפאָרן מיט זײַע אַכצן משוררים קיין מאַזעפּעווע, האָט שמואליק דאָס ערשטע מאָל דערהערט, ווי מע דאַוונט מיט נאָטן; ער איז פון פּיציס דאַווענען אַזוי אַנטציקט געוואָרן, אַז ער איז געבליבן צוגעקאָוועט צום אָרט. „אָט דאָס הייסט נאָטן! נאָטן!"... דעם גאַנצן שבת איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אַ טויטער. זיך גאָר נישט געקאָנט קיין אָרט געפינען. „אָט וואָס הייסט נאָטן!" — ער האָט קוים דערלעבט דעם שבת־צו־נאַכטס, ער האָט אָפּגעמאַכט הבדלה און האָט געזאָגט צו זעלדען זײַן ווײַב, אַז ער וועט דאָס גאָר נישט אויסהאַלטן; ער מוז זיך דורכגיין צו רב שבתין אַף דער אַכסניה זיך זען מיט דעם דאָזיקן פּיצין און זיך דורכשמועסן מיט אים פּנים אל פּנים. אָפּזאָגנדיק די אליהוס, האָט זיך שמואליק אונטערגעגאַרטלט, גענומען מיט זיך זײַן יאָסעלען און איז זיך דורכגעגאַנגען מיט אים צו רב שבתין אַף דער אַכסניה. שמועסנדיק מיט פּיצין פון עניין החזנות, האָט אים שמואליק געבעטן, ער זאָל זיך מטריח זײַן „זאָגן" אים עפּעס אַ שטיקל פון נאָטן און קלאָר מאַכן דעם עניין אַקוראַט. לכתחילה האָט אים פּיצי אויסגעלאַכט, געטריבן מיט אים קאַטאָוועס; נאָר באַטראַכטנדיק שמואליקס ערלעך נאַיִוו פּנים און אויספּרוּוונדיק די שטימע זײַנע, האָט זיך אין פּיצין צעברענט דער חזן, און ער האָט אים פאָרגעזאָגט עטלעכע שטיקלעך פון זולצערס סדור מיט אַלע זײַנע אַכצן משוררים. שמואליק איז אַרויס פון די כלים, און עס האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן. „וואָס איז שײַך? אָט הײַנט זע איך ערשט אַרויס, רב פּיצי, וואָס פאַר אַ מין קאַליקע, וואָס פאַר אַ דער־רוח־ווייסט־וואָס איך בין!" — האָט שמואליק געזאָגט בתמימות און האָט אים אַ ווײַז געטאָן אַף זײַן יאָסעלען. „זעט איר, רב פּיצי, אָט דעם קליינעם? ס'יאָז מײַנער, מײַן זון הייסט דאָס; איר מעגט אים האָרכן". פּיצי האָט אויסגעפּרוּווט יאָסעלען, און זײַן שטימע איז

אים זייער געפעלן. שמואליק האָט אַליין פון פּ י צ י ם מויל געהערט, „אַז דאָס קינד איז אַ כלי שלמה, אַז ער האָט זייער אַ שיינע „שאַפּראַנע", און מיט דער צײַט, ער זאָל זיך אויסאַרבעטן, קאָן ער ווערן אַ לײַט"... די דאָזיקע ווערטער זײַנען שמואליקן אַרײַן אין נאַר אַרײַן, און פון יענער צײַט אָן האָט ער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן: „וואָס טוט מען מיט יאָסעלען? מילא, איך בין שוין אַ פאַרפאַלענער, וואָס איז שײַך, איך וועל שוין שטאַרבן אַ קאַליקע; אָבער מײַן יאָסעלע? לאָז ער מיר נאָר אונטערוואַקסן, אָנהייבן צו לייגן תפילין, אם ירצה השם, וועל איך אים אוועקגעבן צו אַ גרויסן חזן, צו פּ י צ י ן אָדער צו מ י צ י ן, אָדער גאָר צו י ר ו ח מ ע ן, אם ירצה השם, מיט גאָטס הילף"... עס האָט זיך אים פון דעמאָלט אָן כסדר פאַרגעשטעלט, אַז יאָסעלע באַדאַרף זײַן אַמאָל אַ באַרימטער, אַ וועלט־חזן, אַזוי ווי פּ י צ י, און אפשר טאַקע אַזוי ווי נ י ס י — פאַר וואָס נישט? וואָס איז? מיר האָבן דען נישט געזען, ווי אַזוי פון אַ יינגל אַ שנעק וואַקסט נאָכדעם אויס אַ מענטש, וואָס אַ מענטש הייסט?

— יאָסעלע, — רופט זיך אָן שמואליק צו זײַן זונדל, בשעת יענער קומט פון חדר פאַרפלאָמט און דאָס קאַשקעטל איז אים אויף דער זײַט, — יאָסעלע, דו ווילסט זײַן אַ וועלט־חזן, דו שקאָץ איינער?

יאָסעלע בלײַבט שטיין פאַרטראַכט, און די אייגלעך גלאַנצן אים. אַ שאלה, אויב עס ווילט זיך אים זײַן אַ וועלט־חזן? נאָך פון קינדווײַז אָן איז זײַן השגה געווען צו זײַן אַ חזן; קיין גרעסערס און שענערס דערפון האָט זיך יאָסעלע גאָר נישט געקאָנט פאָרשטעלן. און זינט ער האָט געהערט פּ י צ י ן דאַווענען, איז אין אים דער חשק צו זײַן אַ חזן געוואָרן נאָך גרעסער. דאָס דאַווענען אין מאַזעפּעווקע פון פּ י צ י ן מיט זײַנע אַכצן משוררים האָט אָנגעמאַכט בײַ יאָסעלען אין האַרצן, גלײַך ווי בײַ שמואליקן, אַ גאַנץ איבערקערעניש. אין דער צײַט וועז שמואליק איז געווען פאַרנומען מיט פּ י צ י ן, האָט זיך דערווײַל יאָסעלע צונויפגעסקאָמפּאַניעט מיט פּ י צ י ס קליינע משוררימלעך, פון וועלכע ער איז געוואָר געוואָרן אַ סך זאַכן: ראשית, האָבן זיי אים־דערציילט, אַז זיי פאָרן־אויס די גאַנצע וועלט, און וווּהין זיי קומען, פאַרט מען זיי אַרום אַקעגן מיט גרויס פּאַראַד, עס קערט זיך די וועלט; מע טראָגט זיי אַרום אויף די הענט, מען איז זיי אומעטום מכבד פונעם

שענסטן און פונעם בעסטן — הכלל, עס איז אַ לעבן, אַף אַלע ייִדן געזאָגט געוואָרן!... באַטראַכטנדיק די דאָזיקע זינגערלעך מיט זייערע שיינע שוואַרצע קאַפּאָטקעלעך און מיט זייערע קײַלעכיקע סאַמעטענע היטעלעך, האָט זיי יאָסעלע באמת מקנא געווען; יאָסעלע האָט זיי מקנא געווען נישט אַזוי אַף זייערע קאַפּאָטקעלעך מיט די היטעלעך, ווי אַף זייער זינגען באַם עמוד מיט פּ י צ י ן. ער וואָלט זיך געשעצט גליקלעך, ווען ער זאָל זײַן, ווי זיי, אַ משורר באַ פּ י צ י ן. „ווי דערלעב איך שוין מײַן בר־מצוה!" — האָט זיך יאָסעלע געקלערט, און יענע גליקלעכע זינגערלעך זײַנען אים נישט אַרויסגעקראָכן פונעם קאָפּ אַפילו אַף אַ מינוט. זיצנדיק באַם חומש, פלעגט ער נישט איין מאָל כאַפּן אַ מיאוסן פּסק פונעם רבין פאַר זײַן טבע פאַרטראַכטן זיך בשעת לערנען. „אַ ייִנגל זאָל נאָר אין זינען האָבן פייגעלעך, מלאכים, בשעת מע לערנט!" — פלעגט דער רבי אַף אים זאָגן. דאָס לערנען און דער חדר זײַנען געווען פאַר יאָסעלען אַ משא כבדה, און וויבאַלד ער האָט נאָר געהאַט אַ פרײַע מינוט, פלעגט ער זיך קאַטשען אַפן העלדזל, נאָכמאַכן פּ י צ י ם טענאָר, צעברומקען זיך אַף דער גראָבער סטרונע, ווי פּ י צ י ם באַס, און רײַסן זיך אַף די גלײַכע ווענט. באַ זיך אין האַלדז האָט ער געפילט, ווי עס קיצלט אים תמיד און עס ווערגט אים עפּעס אינעווייניק; ער האָט געפילט, אַז ווען ער זאָל זיך קאָנען גוט אויסשרײַען, אויסזינגען, וואָלט אים צוגעקומען אַ שטיק געזונט.

---

## II.

## שמואליק דער חזן דערציילט מעשיות פון חזנים, און יאָסעלע לייגט־צו קאָפּ

די וועלט, ווו יאָסעלע האָט זיך געפונען קינדווײַז, איז געווען פול מיט זינגען און מיט חזנים. פון קינדווײַז אָן האָט ער זיך אָנגעהערט באַ שמואליקן אין שטוב פאַרשיידענע מעשיות פון וועלט־חזנים, וואָס האָבן זיך קונה שם געווען מיט זייער זינגען, און זייער נאָמען איז נאָכדעם

פארבליבן אף אייביק צווישן יידן. די דאזיקע מעשיות וועגן הערשע־לע דאס יינגעלע, וועגן דעם ווילנער בעל־הבית׳ל, וועגן ארקע פידעלע, וכדומה, האבן אים נישט געלאזט צו־רו, און ער פלעגט טראכטן וועגן זיי טאג און נאכט. יאסעלע פלעגט זיך פארשטעלן, אז ער איז אליין הערשעלע דאס יינגעלע, וואס האט צו עלף יאר אנגעטאן א טליתל, געדאוונט באם עמוד און מרעיש עולם געווען. אז ער פלעגט אמאל בלייבן איינער אליין אין שטוב, פלעגט ער זיך אנטאן אינעם טאטנס טלית, אוועקשטעלן זיך בא דער וואנט און, מאכנדיק מיט די הענט, פראווען חזנישע שטיק, זיך רייסן אף קולות, זינגען און „מתפלל זיין״, קאטשענדיק זיך אפן האלדז. שמואליק האט אים אמאל געטראפן אין אזא מין אופן, האט ער אים גוט מכבד געווען, דעם שקאץ, און אפגעשיקט אין חדר אריין, ווי געוויינלעך. יאסעלע אבער האט צום חדר ווינציק־וואס חשק געהאט, און דער רבי האט מיט אים געהאט צו זינגען און צו זאגן. ער האט נישט פארשטאנען, וואס הייסט דאס: א יינגל זאל זיין שטענדיק פארטראכט און דער קאפ זאל אים ליגן ווייס איך ווו? יאסעלעס גרעסטער פארגעניגן נאך אלס פיצל־קינד איז געווען, אז עס איז געקומען די צייט פאר ימים נוראים, ווען שמואליק פלעגט זיך באדארפן פארטיק מאכן צום דאווענען און א וואך זעקס פאר ראש־השנה איבערזינגען אלע שטיקלעך מיט זיינע משוררים, — אין יענער צייט פלעגט יאסעלעס נשמה זיין אפן הימל. ער האט קוים דערלעבט די גליקלעכע מינוט, וואס דער רבי לאזט די קינדער אהיים עסן, און פלעגט קומען צו לויפן, אפכאפן דארט, ווי עס איז, דעם וואר־רעמס, זיך פאררוקן אין א ווינקעלע און צוהערן, ווי דער טאטע צעגייט זיך אף א זיס קול, צעגעמענדיק מיט ביידע הענט מיט א געבעט, און זאגט: „אוי־וויי — אוי־וויי — אוי־וויי — אוי־וויי!״.... און די משוררים כאפן אים אונטער: אטונענעם דעי — עי — עי!״... גליק־לעך איז יאסעלע געווען, אז קיינער האט אים נישט באמערקט און ער האט געקאנט אוועקזיצן אזוי אין א ווינקעלע און אויסהערן דאס גאנצע דאווענען ביז דער „עבודה״. בעסער פון אלץ האט יאסעלע ליב געהאט הערן די מעשיות, וואס דער טאטע פלעגט דערציילן פאר זיינע משוררים פון בארימטע וועלט־חזנים, וויאזוי זיי האבן זיך געמאכט א נאמען אף דער וועלט. עס איז אים זייער געפעלן די מעשה, וויאזוי פיצי איז

געוואָרן חזן. „פֿון באַרדיטשעוו שטאַמט ער אַרױס — אַזוי האָט שמואליק דערציילט װעגן פּ י צ י דעם וועלט־חזן — פֿון באַרדיטשעוו, פֿון אונ־טער דער גרעבלי; זײַן טאַטע איז געווען אַ שמש. נאָך יִינגלווײַז האָט פּ י צ י אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט אַ כּלי. פֿריִער איז ער געווען אַ משוררל בײַ אַ חזן, נאָכדעם האָט ער פֿאַרלאָרן די שטימע, האָט מען אים אָפּגע־געבן צו אַ גאָלדשמיד; נאָר מחמת ער האָט זייער ליב געהאַט דאָס זינ־גען, האָט ער זיך שטענדיק געריבן צווישן חזנים און צווישן כּלי־זמר. ער איז געווען וואָס איר ווילט: ער איז געווען אַ פּײַקלער, געגאַנגען מיט די טאַצן און איז שוין געווען, זאָגט מען, אַ וואַסערפֿירער אויך, ביז ער האָט זיך באַגעגנט מיטן גרויסן ר ב צ ל א ל ן; האָט אים ר ב צ ל א ל געזאָגט: „וואָס איז שײַך, דו נאַר, צו וואָס טויג דיר זײַן אַ וואַסערפֿירער? דו האָסט אַ שענערע כּלי — אַ האָלדז!"... בקיצור, ער האָט זיך אָוועקגעלאָזט קיין ל ע מ ב ע ר י ג און איז געקומען פֿון דאָרטן מיט אַ נאָמען און מיט אַ כּבוד, הלוואי אַף מײַן יאָסעלען געזאָגט געוואָרן כאָטש האַלב, רבונו־של־עולם!"... דערהערנדיק פֿונעם טאַטן אַזעלכע ווערטער, איז בײַ יאָסעלען שיער דאָס האַרץ נישט אַרויסגע־שפּרונגען פֿאַר שמחה; ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז מע שיקט אים אויך קיין ל ע מ ב ע ר י ג, און ער קומט אויך פֿון דאָרטן מיט אַזאַ נאָמען און מיט אַזאַ כּבוד, ווי פּיצי... שמואליק האָט געהאַט מעשׂיות פֿון חזנים לרוב, איינע שענער פֿון דער אַנדערער. ער האָט געוווּסט איט־לעכן באַזונדער פֿונעם שורש. „למאי ב א כ מ א ן? — האָט שמואליק געזאָגט צו זײַנע משוררים — למאי ב א כ מ א ן? וואָס איז שײַך? דער גרויסער ב א כ מ א ן! וואָס איז ער געווען פֿריִער? פֿאַרט אַרײַן קיין קעשעניעוו, וועט מען אײַך דערציילן. וואָס דען מיינט איר? מע שטייט אויף פּלוצים אינדערפֿרי און מע ווערט אַ ב א כ מ א ן, אַ פּ י צ י, אַ נ י ס י? נאָר איין ס ע נ ד ע ר מ י ר ע ר איז געווען אַ ייִד אַ נגיד. אַ גביר, און האָט געזונגען נאָר פֿון כּבוד וועגן; אָט דאָס איז זײַן „יראו עינינו", וואָס איך זינג איצט. ס'איז דאָ, ס'איז פֿאַראַן חזנים גרויסע הײַנט אויך; ס'איז פֿאַראַן אַ נ י ס י ב ע ל ז ע ר, אַ ח ז ק א ל ע, אַ פּ י צ י, און א ל י ־ ד ו ד ט ש ע ר נ י ג ע וו ע ר, אַ ש ק ו ד ע ר ח ז ן, — וואָס איז שײַך? און נאָך חזנים לרוב. נאָר אַזעלכע חזנים, ווי אַמאָל זײַנען געווען, געפֿינט מען שוין הײַנט נישט. כּדומה למשל, ווו געפֿינט

יאר היינט אזא חזן, ווי ארקע פידעלע דער וויטעבסקער איז געווען, וואס די וועלט פלעגט פארן הערן זיין שטימע, וואס איז געווען א פידעלע, נישט קיין שטימע? צי, אשטייגער, ווּ קריגט איר היינט אזא מען קאנאריק, וואס זאל האבן א מתנה פונעם קיסר פראנץ־יוסף אליין? צי, אשטייגער, ווּ נעמט איר היינט אזא רב דוד כמעלניקער מיט זיינע דריי זין? ער איז דאך באמת געווען לפני מלכים יתיצב, געמעגט זינגען פארן מלך אליין! ער פלעגט זיך אוועק־שטעלן זינגען טרוילערש, און דווקא מיט א לאנגן טלית־קטן, און דווקא מיט א צילענדער אפן קאפ, אז ס'איז געווען מחיה נפשות! צי, אשטיי־גער, איר האט היינט אזא מין חזן, ווי דער קרוטיער חזן, טאקע דעם גרויסן ניסים א זיידע? צי, למשל, רב אברהם חסיד פון לעמבערג, וואס איז געווען איין שטשאגאל אין דער וועלט? צי קאשטאן מיט זיין וידוי, וואס ער האט געמאכט פארן טויט? צי, אשטייגער, אזא מין, ווי דער ווילנער בעל־הבית'ל, ווי מע האט אים גערופן? ווּ הערט מען גאר היינט אזוינס? וואס איז שייך, מסתמא האט איר דאך געהערט די מעשה מיטן ווילנער בעל־הבית'ל? ס'איז א שיינע מעשה, איר מעגט דאס אויסהערן. גערופן האט מען אים יואל־דוד, ער איז געווען א פארשוין, אז ס'האט זיך אויסגעלאזט די וועלט, און א כלי האט ער געהאט — שמו־עסט מען נישט: איר קאנט פארשטיין, אז צו עלף יאר האט ער גע־דאוונט ימים נוראים פארן עמוד. זיין נאמען איז געגאנגען אזוי ווייט, אז ער האט געגרייכט ביז צום גראף, און דעם גראף האט זיך פארוואלט הערן, וואס פילדערט דארטן אזוי דער עולם? האט ער אים מסתמא געשיקט רופן. יואל־דוד איז אריינגעקומען צום גראף דווקא מיט א יארמעלקע אויפן קאפ. דארט זיינען געווען פיל גרויסע לייט, שררות. דאס בעל־הבית'ל האט זיך תחילת שטארק פארשעמט פאר אזא עולם און א ביסל דערשראקן אויך; נאר ער האט זיך אוועקגעשטעלט מיטן פנים צום וואנט און האט אנגעהויבן צו באווייזן זיינע קונצן, „שטעלן א האלדז" און ארויסבאווייזן גרויסע בריהשאפטן, ווי ער האט געקאנט. אים האט איינער אונטערגעהאלטן אפן פידל, און דער גאנצער עולם איז געבליבן ווי פארגאפט, גאר נישט ווּיסנדיק, וועלכעס איז האלדז און וועלכעס איז פידל, — אזא לויטערע שטימע האט יואל־דוד

געהאט און אזוי הויך פלעגט ער מיט איר נעמען און דערלאנגען, טאקע נאר „ביזן גיבל”, ווי מע זאגט. שוין צום סוף כמעט האט בא דער פידל געפלאצט די קווינטע, און מע האט באדארפט אויסלאזן א זאך אף דער דינסטער אקטאווע. וואס־זשע מיינט יאר? איז זיך מיישב מיין ב ע ל־ה ב י ת ל און נעמט־אן, וואס איז שייך, מיטן האלדז פונקט אט דאס, וואס מען קאן דערלאנגען נאר מיט א פידל, און האט נאך דערביי אוועקגעמאכט עטלעכע קונצן, ווי א סאלאווייטשיק, און אז ער האט אויסגעלאזט, האט זיך שוין דער גראף נישט געקאנט איינהאלטן: ער איז צוגעגאנגען צו אים און האט אים א קוש געטאן אין שטערן. דער גראף איז געווען זייער א גוטער מענטש, נאר זי, די גראפינע ימח שמה, איז געווען זייער א גרויסע מרשעת און האט פיינט געהאט א ייִדן, ווי איר קאנט זיך פארשטעלן. אז דאס ב ע ל־ה ב י ת ל איז אריינגעקומען מיטן יארמעלקע אפן קאפ, איז זי געווען אזוי אין כעס, אז זי איז גרייט געווען אים דעם קאפ אראפצונעמען. נאר אז ער האט אנגעהויבן צו זינגען, איז זי באלד אפהענטיק געווארן און איז נאכדעם צוגעגאנגען צו אים, אים אנגענומען פאר דער האנט און אים געדאנקט עטלעכע מאל פאר זיין זינגען, געפרעגט אים, וויאזוי ער הייסט און וויפל ער איז אלט? י ו א ל־ד ו ד האט איר דערויף אלצדינג געענטפערט, נישט קוקנדיק איר אין פנים אריין, מחמת זי איז געווען א זעלטענע פארשוין. זי אבער האט אף אים יא געקוקט. האט זיך לאנג געשפיגלט אין זיין פנים, אים נישט אפגעלאזט פון זיך בשום אופן, אלץ געקוקט אף אים און געקוועטשט אים די האנט, אים געדאנקט. אפן אנדערן טאג, וואס איז שייך, קומט א שליח ווידער פונעם גראף און רופט אים אין פאלאץ אריין גאר אן א שום תירוץ. וואס טוט מען? סע העלפט אבער נישט; אז דער גראף רופט. קאן מען קיין דבר־אחר נישט זיין און מע מוז גיין. צום סוף לאזט זיך אויס א מעשה — ווער־וואס? דער גראף איז גאר נישט געווען אינדערהיים, נאר זי, די גראפינע ימח שמה; זי איז ארויסגעגאנגען אקעגן י ו א ל־ד ו ד ן מיט זיינע משוררים אן אויסגעסטראצלטע, באהאנגען מיט גאלד און מיט דימענטן פון קאפ ביז די פיס, און דערלאנגט אים די האנט מיט זייער א פריינטלעכער מינע, גלייך ווי זי וואלט שוין געווען מיט אים באקאנט מי יודע פון ווען אן. די משוררים האט זי געבעטן מחילה, זיי זאלן צוווארטן א ווײַלע אין זאל, און אים

האָט זי אַרײַנגעפירט צו זיך אין איר חדר אַרײַן, אַנידערגעזעצט אים אויף אַ טײַערן סאַמעטענעם דיוואַן, מכבד געווען אים, וואָס איז שײַך, מיט זיסע שפּײַזן און מיט טײַערן פּראַנצווײַן אויף גילדענע כּלים. ער האָט זיך פון די זיסע שפּײַזן אָפּגעזאָגט, און דעם ווײַן, געוויינלעך, נישט גע־וואָלט טרינקען בשום אופן; וויפל זי האָט אים נישט געבעטן, עס האָט איר נישט געהאָלפן. אַז די גראַפינע ימח שמה האָט דערזען, אַז ס'איז שלעכט, האָט זי אים אָנגעכאַפּט בײַ דער קאַפּאָטע, אַזוי ווי פּוטיפרע האָט אָנגעכאַפּט אַמאָל יוסף הצדיק... און י ו א ל ־ ד ו ד איז אַנט־לאָפן פון דאָרט קוים מיטן לעבן. פון דעמאָלט אָן, דערציילט מען, איז זי געוואָרן נאָך מער מרשעת, און אַז זי האָט דערזען אַ ייִדן, פלעגט זי ווערן, וואָס איז שײַך, אָנגעצונדן און האָט אַרויסגעפירט דעם גראַף אויך, ער זאָל ווערן אַ שונא־ישראל, און מיטן ב ע ל ־ ה ב י ת ל האָט זי זיך אָפּגערעכנט אויף אַן אַנדער אופן. עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע לײַט, טאַקע צווישן אונדזערע ייִדעלעך, וואָס האָבן פאַר געלט אַוועקגע־קוילעט אַ מענטשן; וואָס, מיינט איר, האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן אים אײַנגעגעבן אַזאַ געטראַנק און האָבן אים אָפּגעסמט די שטימע. דאָס ב ע ל ־ ה ב י ת ל נעבעך, ווײַבאַלד ער איז געבליבן אָן אַ קול, איז ער אַרײַנגעפאַלן אין אַ שרעקלעכער מורה־שחורה און איז געוואָרן, וואָס איז שײַך, אויף אַלע שונאים. ער האָט זיך נאָכדעם אַרומגעשלעפּט איבער דער וועלט, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, נישט ריידנדיק צו קיינעם אַ וואָרט. אַט אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזט דער סוף פונעם ו ו י ל נ ע ר ב ע ל ־ ה ב י ת ל, און אַלץ איבער איר, ימח שמה!"...

בײַ יאָסעלען אין האַרצן האָבן די מעשיות אָנגעמאַכט אַ גאַנצע חתונה: „בעל־הביתל", „פידעלע", „קאַנאַריק", „גראַפינע", „פּוטיפרע", וכדומה אַזעלכע בילדער, זײַנען אים נישט אַרויס פון קאָפּ, און דאָס האַרץ האָט אים כסדר געצויגן אַהין, צו פ י צ י ן, צו נ י ס י ן, צו י ר ו ח מ ע ן! עס איז אים שוין געגאַנגען דאָס צענטע יאָר. נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר ווערט ער בר־מצוה, און דער טאַטע שיקט אים אָפּ אַהינצו. די גאַנצע וועלט איז פאַר אים פול געווען מיט פאַרשיידענע קולות און געזאַנגען. חזנים און משוררים זײַנען אים קיינמאָל פון קאָפּ נישט אַרויסגעקראָכן, און אין דער צײַט, ווען דער רבי האָט געהאָרע־וועט איבער אים מיט נאָך תלמידים אויף דער גמרא, — דעמאָלט פלעגט

זיך יאָסעלע גאָר פאַרגעסן אַז דעם רבין מיט דער גמרא, און עס פלעגט זיך באַ אים אַפּטמאָל אַרויסרײַסן פונעם האַלדז אַ קוויטשל, אַ פּײַף אָדער אַזוי אַ משונהדיק קול, ווי אַ קריי פון אַ האָן, גאָר אַליין נישט וויסנדיק ווי אַרום. דערבײַ פלעגט אים, געוויינלעך, דער רבי אַראָפּלאָזן אַ שיינעם פּאַטש: „דאָרטן, מיטן טאַטן באַם עמוד, וועסטו קרייען, נישט דאָ!"...

באַם עמוד האָט יאָסעלע אונטערגעהאָלפן דעם טאַטן נאָר ימים נוראים, און דאָס איז פאַר אים געווען דאָס בעסטע שטיקל צײַט: ערשטנס, וואָס מע האָט אים אָפּגענומען פונעם חדר פריִער מיט אַ חודש, און צווייטנס — דאָס זינגען: דאָס זינגען איז באַ אים געווען זייער טײַער. דאָרטן, באַם עמוד, האָט ער שוין פאַר קיין פּעטש קיין מורא נישט געהאַט; דאָס העלדזל איז אים געווען פרײַ, און ער האָט זיך געקאָנט אָנשרײַען וויפל דאָס האַרץ האָט געגלוסט. אין איינעם מיט שמואליקס האַלדז האָט זיך ימים נוראים באַם עמוד געלאָזט הערן אויך יאָסעלעס פײַפנדיק קולכל, און דער עולם האָט אָנגעקוואָלן פון זיי ביידן. מבינים האָבן אַף אים געזאָגט, אַז ער וועט זײַן אַ כלי שלמה און וועט אַמאָל אַריבערגיין דעם טאַטן זײַנעם. שמואליק אָבער האָט דערפון גע־האַט ווינציק־וואָס נחת; עס איז אים נישט אײַנגעגאַנגען דער כבוד, זעענדיק, אַז יאָסעלע וואַקסט אין שטויבער אַרײַן, און ער קאָן אים גאָר נישט העלפן. שמואליק דער חזן, כאָטש ער איז געווען אין שטאָט זייער אָנגענומען, פונדעסטוועגן האָט דאָס אים נישט געשאַדט צו זײַן אַ קבצן, ווי אַלע מאַזעפּעווקער כלי־קודש, וואָס באַדאַרפן אַרויסקוקן אַף די דאַר־טיקע הכנסות, משטיינס געזאָגט. אין מאַזעפּעווקע, ווי עס איז באַוווּסט, איז דאָס שכירות פון חזנים, שמשים, שוחטים, רבנים עפּעס נישט אַזוי גרויס. דער דאָזיקער עולם זאָלן דאַרפן אַרויסקוקן אַף דאָס שכירות אַליין, וואָלטן זיי געמעגט, ווי מע זאָגט, פאַרוואַרפן די ציין אַף די באַנטענעס; דער עיקר איז באַ זיי ׳די הכנסה, די זײַטיקע הכנסות, דאָס קערבל, וואָס פאַלט אַרײַן מן הצד. די דאָזיקע זײַטיקע הכנסות דאָס זײַנען: די „שיסל", וואָס מע שטעלט ערב יום כפור אין שול, דאָס „חנוכה־געלט", דאָס „פּורימדיקע שלח־מנות", דער „בע־ע־עבור" אַף אַלע שמחות, וכדומה. שמואליק דער חזן מעג זיך האָבן אַ זעלטענעם האַלדז און אויסשטעלן אַ זאַך, ווי ג י ס י, ווי פּ י צ י, און אפילו ווי י ר ו ח ם

הקטן, נאר אז עס קומט חנוכה, מעג ער זיך, נישקשה, נעמען א שטעקן מיטן לאמטערן און ארויסגיין א ביסל איבער דער שטאט, ווינ־טשעווען יעדן באזונדער „דערלעבן איבער א יאר” און נעמען... א נדבה. אויך פורים מעג אים אנשטיין נעמען א שאל, ארײנלייגן אהינצו א צוקער־לעקעכל מיט א שטיקל פלאדן און ארומשיקן פון איין בעל־בית צום אנדערן און נעמען פאר דעם דאזיקן שלח־מנות... א נדבה.

---

## III.

### וויאזוי שמואליק באקענט זיך מיט זײַן שכנה זלאטע די צעלניקערין, און זייערע קינדער — צווישן זיך

האבן אז אייגענע שטוב האט אין מאזעפעווקע נישט קיין קליינע ווערט; א נחלה, א לאד, א זעמליאנקע — אבי ס'איז אייגנס, און מע באדארף נישט אנקומען צו יענעם, קריכן אין שכנות אריין. זלאטע די צעלניקערין האט זיך געהאט איר אייגן שטיבל, אפילו נישט קיין געהוי־בענע פאלאצן, נישט קיין סך פאקאיעס, — א דרײַ חדרים נידעריקע, אײַנגעבויגענע, מיט שפיציקעוואטע ווינקלען, און א קיך, אן א הויז, אן א הויף און אן א שום שטעלכל בא דער האנט, נאר א בוידעם און געגנוג. נאר דאס וואלט נאך געווען נישקשה. ווען דער דאך זאל זײַן א דאך; עס איז אבער גאר קיין דאך נישט; משטיינס געזאגט, א צוויי קראקוועס מיט א ביסל ערד און מיט א ביסל שווארצע שטרוי איבערגעדעקט, ערטערווײַז באוואקסן מיט גרינע פעטשעריצעס, אזוי, אז פונדערווײַטנס זעט אוים די שטוב ווי א סוכה, באדעקט מיט גרינעם סכך. נאר דאס וואלט נאך אלץ געווען אן אז אומגליק, ווען דער גראף, דער פריץ פון דער שטאט, זאל נישט דערקוטשען מיט זײַנע חפציות: אים ווילט זיך, די גאנצע שטאט זאל זיך איבערצאניים דעקן מיט אײַזן, מיט שינדל, אדער, לכל הפחות, מיט האליץ, און קיין שטרוי זאל גאר נישט גערעכט ווערן. זלאטע די אלמנה האט זיך גענוג אנגעטאן א כח ביז זי האט צונויפגעשלאגן א גראשן מיט א גראשן און האט זיך גע־

שטעלט דעקן איר נחלה. נאר דא האט זיך ארויסבאוויזן גאר א נייער אומגליק: נאר־וואס מע האט זיך אנידערגעשטעלט צעווארפן דעם דאך, לויפן אריין צו זלאטען אין שטוב אריין שמואליק דער חזן מיט א גוואלד:

— רוצחטע! אין גאטס ווילן, וואס טוט איר דאס? איר ווילט מיך, וואס איז שייך, מאכן אומגליקלעך? וואס האט איר צו מיר? געהארעוועט, קוים דערלעבט זיך א שטיקל נחלה, קומט איר און מאכט א תל!

— אט האסטו דיר די אנדערע טעג יום־טוב! וואס פארא תל?

— פרעגט אים זלאטע פארוואונדערט. — ווער טשעפעט אייך מיט אייער נחלה?

— איר פרעגט נאך, ווער טשעפעט מיך? — האט זיך שמואליק צעלאזט גאר אף אן אנדער אופן — א יידענע בלייבט א יידענע: לאנגע האר — קורצער שכל.

— אט ווייסט איר, וואס איך וועל אייך זאגן? — האט אים זלאטע געענטפערט, אריינקומענדיק אין כעס אריין. — כאטש איר זענט חזן אין דער קאלטער שול, פונדעסטוועגן, איר זאלט אף מיר קיין פאריבל נישט האבן, וואס איך זאג אייך דעם אמת: זינט גאט האנדלט מיט נאראנים, האט ער נאך אזא נאר, ווי איר זענט, נישט באשאפן.

— זענט איר נאך, הייסט דאס, אן עזות־פנימטע אויך? — האט זיך שמואליק צעפלאקערט. — לא־די, וואס איר צעווארפט מיר מיין שטוב, מאכט פון מיר, וואס איז שייך, א תל־עולם, האט איר נאך א העזה צו זידלען אן ערלעכן ייִדן? איך האב שוין געהאט אף מיין לעבן אלערליי שכנים און שכנהטעס, וואס איז שייך, טפו זאל דאס ווערן!...

— טפו זאלט איר בעסער ווערן מיט אלעמען, וואס ס׳איז אייך ליב היינטיקן טאג, רבונו של עולם, עס זאל זיך אנקלעפן אן אייך און ווו איך האב ערגעץ א שונא, ליבער גאט! איך בין אויך, ברוך השם, געזעסן אין שכנות און האב נאך אזא מין באגעגעניש נישט געטראפן זינט איך לעב, זינט איך שטיי אף מיינע פיס! ווי פארגינט זיך דאס א ייִד אריינקומען צו יענעם און אזוי אנכאפן אן אלמנה און שפייען יענעם אין פנים אריין פלוצים פון דער העלער הויט?!...

— ששששא, שאט נאר, וואס טוט זיך דא? — האט זיך אריינגע־מישט, אריינלויפנדיק א דערשראקענע, זעלדע די חזנטע, א נידעריקע,

א שווארצע יִדענע מיט זייער שיינע גוטע אויגן. — וואָס איז דאָ באַ איַיך פאַר קולות?

שמואליק מיט זלאַטען האָבן זיך ביידע צעלאָזט צו דער חזנטע אויסדערציילן איר דאָס מחלוקת, וואָס איז צווישן זיי פאָרגעקומען; נאָר מחמת זיי האָבן ביידע געשריגן, איבערשלאָגנדיק איינס דאָס אַנ־דערע, דעריבער האָט זעלדע נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווער ס'איז דאָ גערעכט און ווער ס'איז אומגערעכט.

— ווייסטו וואָס, שמואליק? דו גיי אַהיים, דאָרט האָב איך דיר צוגעגרייט אַ גלעזל ציקאָריע, און איר, זלאַטעניו, זעצט זיך אַקאָרשט צו אַט דאָ מיט מיר אויף דער באַנק, וועלן מיר שמועסן פּאַוואָלינקע; צו וואָס טויגן די גוואַלדן? די גאַס וועט זיך צונויפלויפן, מע וועט מיינען, חלילה, אַז מע קוילעט דאָ מענטשן אין מיטן העלן טאָג!

ערשט, אַז שמואליק איז אַוועקגעגאַנגען און זלאַטע מיט זעלדען האָבן זיך אַ ביסל פונאַנדערגערעדט, איז מען געקומען צו אַ שטיקל טאָלק. די מעשה דערפון איז אַזוי: זלאַטע דער אַלמנהס שטוב מיט דער אַנדערער שטוב, וואָס שמואליק דער חזן האָט ערשט נישט לאַנג געקויפט באַ רב שלום־שכנא דעם שוחט אויף אויסצאָלן, זיַינען געווען בסך־הכל מיט אַ וואַנט אָפּגעטיילט; דאָס הייסט, עס איז, אייגנטלעך, געווען איין שטוב, איבערגעצאַמט מיט עטלעכע ברעטלעך און איבער־געדעקט מיט איין דאַך. דאָס פאַרשטייט מען שוין אַליין, אַז אַנרירנדיק די ערשט קראָקווע, איז איַינגעפאַלן דער גאַנצער דאַך, פון שמואליקס שטוב אויך — און דערפאַר איז דאָס שמואליק אַריַינגעפלויגן אַזוי צעקאָכט. זלאַטע מיט זעלדען, וואָס זיַינען געווען באַקאַנט פריִער פון דערוויַיטנס (ווײַל זלאַטע האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ מיוחסת: פאָרט רב אַברהמלס שנור, ווי וויַיטער וועט שטיין), האָבן זיך נאָך דעם דאָ־זיקן שמועס אַזוי באַפריַינדעט, אַז זיי זיַינען געוואָרן גיך נפש אחת, גאָר ווי אַנדערע צוויי. דעם דאַך — איז געבליבן — זאָל מען דעקן בשותפות, וועט קאָסטן אַ סך וועלוועלער, און דער בוידעם מעג אויך זיַין אַ בשותפותדיקער; נישקשה, מען איז, ברוך השם, באַגלייבט איינס באַם אַנדערן פון צו גנבענען חלילה.

— איַיער מאַן — האָט זלאַטע געזאָגט צו זעלדען —איז אַ כשרער

ייִד; ווער ווייס עס נישט? נו, און איר, זעלדע, זענט אויך נישט, חלילה, פון די ווײַבער, וואָס זאָלן זיך ראַדעווען אַף אַ פרעמדער ציבעלע.

— און איר — האָט זעלדע דערויף געענטפערט זלאַטען — באַדאַרפט נישט חלילה מײַן זעקל קאַרטאָפליעס; איר מיינט, מע קען אײַך נישט? מע ווייס גאַנץ גוט, ווער אײַער מאַן איז געווען און פון וואַנען איר שטאַמט. ס'איז אַ שטיקל סברה, אַז מײַן מאַמע, זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן, איז געווען באַ אײַער באָבע אסתרל אַן אַפטע אײַנגייערן, דאָס הייסט, זי פלעגט איר אײַנקויפן אין שטוב אַרײַן אַלדאָס גוטס. און אַ שטוב איז באַ אײַער באָבען געווען, הלוואי כאָטש האַלב אַף אַלע ייִדישע בעל־הביתטעס! דאָס הייסט דאָך אײַער טאָכטער נאָך איר, מן הסתם?

זלאַטע האָט זיך אַזש צעווײנט פאַר ווייטקייט פון זעלדעס רייד, און עס איז פון דעמאָלט אָן געוואָרן צווישן זיי אַ מוראַדיקע ליבשאַפט. אויך זייערע קינדער זײַנען צווישן זיך געוואָרן גאַנץ נאָענט; שמואַליקס זון יאָסעלע און זלאַטעס טאָכטער אסתר זײַנען שוין תמיד געווען אײנאײנעם, כמעט ווי אין איין שטוב געוואַקסן. שפּעטער, אַז זעלדע איז געשטאָרבן און יאָסעלע איז געבליבן אַ יתום, זײַנען די קינדער נאָך מער צוגעלאָזט געוואָרן איינס צום אַנדערן. „אומגליק — זאָגט מען — בינדט צונויף, שלעכטקייט מאַכט פרײַנטשאַפט”...

כל זמן זעלדע האָט געלעבט, האָט שמואַליק דער חזן פון קיין נויט נישט געוווּסט: ער האָט זיך, ווי עס איז, דורכגעשלאָגן און געלעבט, ווי אַ סך אַנדערע לעבן דאָרטן. נאָר עס האָט אים פּלוצים געטראָפן אַ גרויס אומגליק: זעלדע זײַן ווײַב איז אים אָפּגעשטאָרבן! זעלדע די חזנטע איז געווען אַ כשרע, אַן ערלעכע ייִדענע; איר פּלוצלעך אָפּשטאַרבן איז געווען פאַר אירע אַלע באַקאַנטע אַ גרויסער בראָך, און פאַר שמואַליקן איז דאָס געווען אַזאַ אומגליק, אַז ער האָט געשוואָרן פאַר אַן עדה ייִדן, אַז ער וועט נישט אויסהאַלטן, ער וועט נאָך זעלדען געווייס נאָכשטאַרבן, ס'איז גאָר נישטאָ וואָס צו ריידן! און פון חתונה האָבן שמועסט מען נישט: וואָס איז שייך? ווען באַ אים וועט אויסוואַקסן האָר אַף דער דלאָניע, דעמאָלט וועט ער חתונה האָבן נאָך זעלדען!” — אַזוי האָט שמואַליק געזאָגט בשעת שבעה זיצן. עס האָבן זיך אָבער געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן אים שטאַרק דעקוטשעט, גייענדיק

צו אים טאָג אויף טאָג און אײַנטעניהנדיק מיט אים: „איר ווילט, אפנים, רב שמואליק, זײַן קליגער פון דער גאַנצער וועלט און גיין אַקעגן דעם מנהג העולם? די וועלט איז שוין אַזוי געשטעלט געוואָרן איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז אַ מאַנצביל טאָר נישט זיצן אַליין, און איר ווילט זי מיט אײַער חכמה איבערמאַכן?" די דאָזיקע לײַט האָבן איבער שמואליקן אַזוי לאַנג געטענהט, ביז ער איז אַ פּאָר וואָכן נאָך שלשים זיך דורכ־געפאָרן מיט רב קלמן שדכן קיין באַרדיטשעוו און גאָר גיך געבראַכט מיט זיך אַ ייִדענע מיט אַ טערקישן שאַל... באַרדיטשעוו, דאַנקען גאָט, איז באַוווּסט אויף דער וועלט פאַר אַזאַ מקום, וואָס דאָרט קאָן מען אײַן גלײַכן געלט אָפּזעצן די דאָזיקע סחורה, דאָס הייסט — אַן אַלמן, אַ גרוש, אַ בחור, — וואָס עס מאַכט זיך. באַרדיטשעוו, ברוך השם, איז אַן אָרץ מבורכת, זי פאַרזאָרגט די אַלע איבעריקע שטעט פון יענער געגנט מיט ווײַבער פון כל המינים: אַלמנות, גרושות און בתולות, — ווי עמעצנס גוסט. אַהינצו אַז עס כאַפּט זיך אַראָפּ אַן אַלמן, הייבט מען אים אַן אַרומצופירן איבער די הײַזער, באַווײַזנדיק אים סחורה פון וואָס אַן אויג קאָן זען, און זײַט זיכער, ער וועט זיך שוין זײַן גלײַכן אָפּזוכן, ער וועט האַנדלען די מציאה און צוריקפאָרן שוין אין צווייען... אַהינצו האָט זיך אויך אַרײַנגעכאַפּט אונדזער שמואליק; חברה האָבן מיט אים קיין לאַנגע שהיות נישט געמאַכט — אַ וואָרט און צוויי און אַ חופּה. אָנ־קוקנדיק די יפהפיה זײַנע, אַזוי, כאַפּנדיק, אויף איין פוס, בכדי מען זאָל קאָנען קומען צוריק אַהיים אויף שבת, האָט שמואליקן אויסגעוויזן, אַז ער האָט, ברוך השם, געטראָפן גאַנץ נישקשהדיק. „אַ ייִדענע, וואָס איז שייך, ווײַזט־אויס אַ לײַטישער מענטש, באַדאַרף זײַן נישט קיין שלעכטע בנאַטור, רעדט אַזוי בנעימות, שמייכלט"... ערשט קומענדיק אַהיים אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, האָט זיך נעבעך שמואליק אַרומגעקוקט, וואָס פאַר אַ צרה, וואָס פאַר אַ שלאַק־פּורעניות גאָט האָט אים באַשערט: גרוי און אַלט האָט זי אים געמאַכט פאַר דער צײַט! שמואליק איז בײַ איר אויסגעריסן געוואָרן און האָט געהאַט בײַ איר אַ ווייסט עלטער. און יאָסעלע נעבעך איז אָפּגעקומען אויף אַן אַנדער אופן. ער איז איר געווען גרויס אין די אויגן, געשטאַנען איר ווי אַ ביין אין האַלדז. „דאָס ייִנגל — האָט זי אַלץ געטענהט — וועט מיך נאָך אין דער ערד אַרײַנטרײַבן, שונאי ציון! פון אינדערפרי ביז אָפּדערנאַכט ווייסט דאָס נאָר עסן

און גענוג! דאס מויל מאכט זיך אים נישט צו אף קיין מינוט, און איז נאך אן עזות־פנים אויך: אז מע זאגט אים, וויינט ער נאך, פעסטעט זיך, דאס ציטעריקע קינד!" גאט וויים ווו יאסעלע וואלט אצינד אנגעשפארט, ווען נישט שמואליקס שכנה, זלאטע די צעלניקערן, מיט איר הויזגעזינט, וואס האבן זיך אנגענומען די קריוודע פונעם דאזיקן אומשולדיקן יתום.

---

IV.

## זלאטע די צעלניקערן און איר טאכטער אסתר

זלאטע די צעלניקערן האט זיך גערעכנט נאך פאר איר מאנס לעבן פאר איינע פון די בארימטסטע קרעמערנס, נישט נאר אין מאזעפעווקע אליין, נאר אויך אין דער גאנצער סביבה פון מאזעפעווקע; איר נאמען איז געווען באוווּסט אף אלע גרויסע ירידים. — אין דער צייט, ווען מע האט נאך בא אלע פעלקער צו טאן מיט דער שאלה, צי איז די נקבה אויך עפעס א מענטש, דאס הייסט, צי מע מעג איר עפעס געבן אן ארבעט אין דער האנט, צי איר עסק איז טאקע נאר די שטוב, דאס טעפל, די קינדער און דעסגלייכן; דעמאלט ווען גרויסע מענטשן זיצן און ברעכן זיך דעם מוח איבער דעם עניין שוין היפשע עטלעכע יאר, איבערפירנדיק אזוי פיל פאפיר און טינט — שטייען זיך די מאזעפעווקער יידן פון דערווייטנס און מאכן חוזק פון זייערע אלע המצאות און אויפטורכצן, דען בא זיי אין מאזעפעווקע שפילט די יידענע פון קדמונים פונקט אזא ראלע, ווי דער ייד, און די בעל־הביתטע איז נישט קלענער פונעם בעל־הבית. אדרבה, מע קאן זאגן, אז כמעט דער גאנצער מסחר אין מאזעפעווקע געפינט זיך בא די ווייבער אין די הענט. עס טרעפט זיך דארטן גאנץ אפט, אז דאס ווייב פארשטעלט דעם מאן מיט איר נאמען לחלוטין. עס געפינען זיך אזעלכע מאנען, וואס כמעט מע ווייסט זיי גאר נישט; מע קען נאר „זי" און גענוג. זלאטע די צעלניקערן איז געווען איינע פון די דאזיקע ווייבער, וואס זיינען באקאנט מיט דעם נאמען „אשת־חיל". אין שטאט האט זלאטע שטענדיק געהייסן, אפילו פאר איר

מאַנס לעבן, „זלאַטע די צעלניקערן", נישט זלאַטע לויס, אַף איר מאַנס נאָמען; אַדרבה, לוי האָט געהייסן אַף איר נאָמען — „לוי זלאַטעס". דאָס הייסט: לוי, וואָס איז דער מאַן פון זיַין וויַיב זלאַטע... אַזוי איז געווען מיט זלאַטעס מוטער אויך. „בתיה די האַרטאַוואָניצע" האָט מען זי גערופן; זי איז אַליין געווען אַן אשת־חיל און האָט אויך אירע טעכטער געמאַכט פאַר „אשת־חילס", בכדי זיי זאָלן קאָנען געבן אַ מאַן ברויט... איידעמס האָט זיך בתיה די האַרטאַוואָניצע געקריגן אַנטיקלעך, צאַצקעלעך, זיַידענע קינדער און מיוחסים; פאַר יחוס האָט בתיה געצאָלט אין טאָג אַריַין. פאַר איר איידעם לוי, זלאַטעס מאַן, האָט זי געצאָלט צוויי מאָל נדן, אַבי באַקו־מען אים פאַר אַן איידעם, מחמת לוי איז געווען רב אַברהמל סלאַוויטערס אַ זון, און רב אַברהמל סלאַוויטער איז געווען איַינגעטונקען אין יחוס, אויסגעבונדן כמעט מיט אַלע גוטע ייִדן. בטבע איז לוי געווען טאַקע זייער אַ ווילער יונגערמאַן, נאָר נישט קיין געזונטער, אַ יאַדעשליוווער; עפּעס אַלץ געהוסט, געהוסט, ביז ער איז געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק זלאַטען אַ יונגע אַלמנה מיט דריַי פּיצלעך קינדער: אסתר — אַ מיידל פון אַ יאָר אַכט, און צוויי חדר־יִינגלעך — אפרים און מנשה.

אסתר איז געווען אַ בת־יחידה באַ איר מאַמע, נאָר תנועות פון אַ בת־יחידה האָט זי נישט געהאַט, דערפאַר וויַיל זי האָט שוין באַ אירע עלטערן נישט „זאַנאַיעט" קיין גוטע ציַיטן. זינט זי איז צו איר שכל געקומען, געדענקט זי נאָר שלעכטס און טרויעריקס: דער טאַטע שטעלט זיך איר אַנדערש נישט פאַר, ווי נאָר פאַרזאָרגט, פאַרקרענקט און פאַר־חושכט, און די מאַמע איז שטענדיק פאַרנומען מיט דער קראָם, האָט קיינמאָל קיין ציַיט נישט, תמיד בייז, שטענדיק פאַרשאָלטן זיך און דעם טאָג, וואָס זי איז געבוירן געוואָרן אַף דער וועלט. צו דריַיצן יאָר איז איר אסתר געווען שוין אַ גאַנצע הילף אין קלייט, פריַער אַכטונג געבנדיק גלאַט אַזוי, מע זאָל נישט גנבנען, און נאָכדעם ריידן מיט אַ קונה, דער־לאַנגען אַ שטיקל סחורה, און שפּעטער טאַקע העלפן צום געשעפט, לייזן געלט. אסתר האָט געשמט אין שטאָט פאַר אַ גרויסן בר־דעת, אַ בריה צום געשעפט און אַ פיַינע בעל־חשבונטע. ווו האָט זיך אסתר אויסגע־לערנט שריַיבן און רעכענען? — באַ מאָטל שפּריַיז, וואָס האָט אויס־געלערנט אַלע מאָזעפּעווקער מיידלעך לייענען און שריַיבן און רעכענען.

עס איז אין מאַזעפּעווקע גלאַט קיין נאַווינע נישט, וואָס עס וואַקסן־אויס קינדער זייער גערראָטענע און קאָנען אַלצדינג, נישט לערנענדיק זיך אין ערגעץ, נאָר „פון זיך אַליין"...

כל זמן לוי זלאַטעס האָט געלעבט, האָט ער, ווי אַ געטריַיער טאַטע און ווי אַן איידעלער מענטש, אַ ייִד פון לערנען, אוודאי געוואָלט, אַז אסתר זאָל זיַין אַ וווילקענענדיקע, און לויט זי האָט זיך אַרויסבאַוויזן נאָך קינדוויַיז, האָט לוי גאָר אַנדערש נישט גערעכנט, אַז אסתר וועט, אם ירצה השם, זיַין אַ מיידל מיט אַלע מעלות, נישט ווי אַלע מאַזעפּעווקער מיידלעך. געוויינלעך, איז דאָס שוין נישט אָנגעקומען אַזוי גרינג, מחמת זלאַטע זיַין וויַיב, וואָס איז באַ אים תמיד געגאַנגען אין ספּאָדעק, האָט דערויף אַזוי גיך נישט געקאָנט מסכים זיַין: „נאַ דיר גאָר נאָך — האָט זי געטענהט מיט לוין — אַ נקבה אַ למדן, אַ הון קרייט קוקאַריקו, כ'לעבן, נישט מיאוס!"... אָפּ אַלץ האָט זיך לוי אונטער־געגעבן זלאַטען זיַין וויַיב, נאָר אין דעם ענין האָט ער זיך געשטעלט שטאָל און אייַזן: איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אסתר באַדאַרף זיַין אַ מלומדת! נאָר דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט: עס איז לוין נעבעך נישט באַשערט געווען זיַין מחשבה אויסצופירן, דען ער האָט זיך נאָך עטלעכע יאָר באַרעניש מיט דער גוטער קרענק, מיט דער טשאַכאָטקע, רחמנא ליצלן, געמוטשעט אָפּזעגענען זיך מיט דעם לעבן צו עטלעכע און צוואַנציק יאָר, איבערלאָזנדיק זיַין ליבע, טיַיערע אסתר אויף זלאַטעס הענט.

אסתר האָט דעמאָלט שוין מער נישט געקאָנט אין זינען האָבן דאָס לערנען און דאָס שריַיבן; דאָס ביסל, וואָס זי האָט געקאָנט, איז איר פאַרבליבן, און דאָס איבעריקע איז זי שוין דערגאַנגען אַליין, רייַבנדיק זיך צווישן סוחרים. און אסתר האָט דערמיט אין מאַזעפּעווקע שטאַרק אויסגענומען. רב קלמן שדכן האָט זיך נישט געשעמט דאָס איר אין די אויגן צו זאָגן, איינמאָל, אַריַינקומענדיק צו זלאַטען אין קלייט אַריַין.

— הערסטו — האָט זיך רב קלמן געווענדט צו זלאַטען, סמאַרענ־דיק מיט דער נאָז און כלומרשט קוקנדיק אַן אַ זיַיט — הערסטו, זלאַטע, דו האָסט דאָך שוין אַ היבשע מויד האָסטו, און אַ געראָטענע דווקא, אַ פאַרשויִן, קיין עין־הרע, און אַ בריה נפלאה, זאָגט מען. וויפל איז זי

אַלט? האַ? שוין צײַט אַ טראַכט טאָן עפּעס מכוח אַ שידוך, ווי זאָגט ער... אַ שיין מיידל איז אַ האַלבער נדן, האַ?

— ווייס איך! — האָט אים זלאַטע געענטפערט מיט אַ צופרידן שמייכעלע. — וואָס כאַפּט איר זיך אַזוי? ס'איז נאָך דאָ צײַט; לאָז זי נאָך הוליען...

און אסתר האָט געהוליעט...

טאָג און נאַכט איז זי געווען אײַנגעשפּאַנט אין דער אַרבעט, נישט ווייסנדיק פון קיין שום פאַרגעניגן. מע קאָן זאָגן בפירוש, אַז אסתר איז קיינמאָל קיין קינד נישט געווען. די נאַרישע, קינדערשע יאָרן זײַנען איבערגעלאָפן בײַ איר, ווי אַ חלום, און זי איז פרי געוואָר געוואָרן וואָס הייסט נויט, דאגות און אָרעמקייט. זי געדענקט נישט, אַז זי זאָל אַמאָל זײַן פריילעך, ווי אַנדערע מאָזעפּעווקער מיידלעך. טאָמער האָט אסתר אַמאָל אַ לאַך געטאָן, פלעגט איר די מאַמע זאָגן: „איך ווייס נישט, וואָס איז מיט דיר די שמחה אַזוי גרויס? וואָס דער טאַטע איז געשטאָרבן און האָט מיך געלאָזט אַ וויסטע, אַ פינצטערע אַלמנה מיט דרײַ קינדער צו מוטשען זיך אויף דער וועלט?"... דאָס איז געווען בײַ אסתרן ערגער ווי געשלאָגן; אַז מע האָט איר דערמאָנט דעם טאַטן, פלעגט זיך איר אָפּרײַסן אין האַרצן, און זי האָט שוין מער קיין קאָפּ נישט געקאָנט אויפהייבן. זי האָט געדענקט דעם טאַטן, ווי דורך אַ חלום, מחמת זי איז אַלט געווען סך־הכּל זיבן־אַכט יאָר בשעת ער איז געשטאָרבן. ער האָט זיך איר תמיד פאַרגעשטעלט אַ קראַנקער, מיט אַ געל אויסגעטריקנט פּנים, נאָר מיט גרויסע זייער גוטע בלויע אויגן, וואָס האָבן תמיד געקוקט אויף איר מיט רחמנות, גלײַך ווי לוי האָט געוווּסט, אַז זײַן בת־יחידה וועט גיך בלײַבן אַ יתומה נעבעך. אסתר געדענקט, ווי דער טאַטע פלעגט זי גלעטן מיט דער האַנט איבערן קאָפּ און בשעת מעשה הוסטן; און זיך פאַרגיין. אייביק וועט אסתר נישט פאַרגעסן יענעם טאָג, ווען דער טאַטע איז געלעגן בײַ זיך אויפן בעטל אָן לשון, נאָר געקוקט אויף איר מיט זײַנע גוטע בלויע אויגן, און, צורופנדיק זי צו זיך מיט דער האַנט, אַלץ געגלעט זי איבערן קאָפּ.דעם דאָזיקן קוק האָט זי לאַנג נישט געקאָנט פאַרגעסן. און קוים איז איר געווען אויפן האַרצן עפּעס פריילעך, לעבעדיק, האָט זי נאָר באַדאַרפט זיך דערמאָנען אין יענעם קוק, אַזוי איז איר באַלד פאַרשטערט געוואָרן איר שמחה די רגע, כאָטש זי איז נאָך

געווען גאָר אַ קינד. זלאַטע האָט זי נישט געלאָזט, זי זאָל לאַנג בלײַבן אַ קינד; זי האָט זי גיך באַנוצט צום געשעפט, צו דער קלייט, און אסתר האָט אַרויסבאַוויזן אַזוי פיל בריהשאַפט, אַז זלאַטע האָט גאָר אַנגע־קוועלט פון איר: „איינס און אַ רעכטס, דאַנקען דעם וואָס לעבט אייביק כאָטש דערפאַר!" — האָט זלאַטע געזאָגט. — „וואָס וואָלט איך געטאָן, אַ וויסטע אַלמנה, ווען איך זאָל האָבן אַזעלכע קינדער, ווי באַ לײַטן, גאָט זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד? מיט איין האַנט שטראָפט ער, דער וואָס לעבט אייביק, מיט דער אַנדערער האַנט היילט ער... אָט אַזוי, טאָכטער, לערן זיך, וועל איך האָבן כאָטש אַ שטיקל הילף מיט מײַנע יתומים די פיצעלעך, און אַליין וועסטו אויך ווערן אַ שטיקל מענטש"... אסתר האָט זיך געלאָזט לערנען און האָט פאַרשטאַנען דאָס געשעפט, ווי עס דאַרף צו זײַן.

ווי אסתר איז געווען אַ בריה אין קלייט, אַזוי האָט זי נאָך מער געטויגט אין שטוב, דעם דלות צו פאַרשטעלן. „פאַרשטעלן דעם דלות" — איז איינע פון די חכמות, וואָס מע באַדאַרף אין מאַזעפּעווקע דערויף שטודירן; נישט איטלעכער קאָן דאָס. באַ דער ערגסטער צײַט האָט אסתר געקאָנט פירן די שטוב אַזוי קונציק, אַז קיינער האָט נישט געקאָנט טרעפן, אַרײַנקומענדיק צו זלאַטען אין שטוב אַרײַן, צי זי איז אַ נגידה, צי אַ קבצנטע. ריין און ציכטיק איז דאָרטן געווען, ווי באַ קיין שום נגיד אין דער גאַנצער שטאָט; דאָס עסן — וואָס ס'איז שוין דאָרטן געווען, נאָר דאָס טישטוך, דאָס געפעס און דאָס דערלאַנגען — כאָטש נעם און שפּיגל זיך אין דעם! אויסקלערן וואָס וואָרמעס צו קאָכן באַם געמיינעם גראָד, אָן פליישׁ, אָן פיש, אָן שמאַלץ, נאָר גלאַט אַזוי מיט די הוילע פינף פינגער — דאָס איז עפּעס נישט אַזאַ גרינגע מלאכה, און דערצו האָט אסתר געטויגט. דאָס מעבל באַ זלאַטען אין שטוב איז געווען עפּעס נישט אַזוי בעל־הבתיש, זייער אַלט־פרענקיש און שטאַרק צעפּאָרן; דער־פאַר אָבער איז דאָס תמיד באַצויגן מיט אַזעלכע ווײַסע ציכלעך, און די פענצטער זײַנען פאַרהאַנגען מיט אַזעלכע פײַנע פאַרהענגלעך, אַז עס שעמערירט און פינקלט אין די אויגן, ווי עפּעס רעכטס. די מלבושים, אמת, זײַנען שוין אַ ביסל אַרויס פון דער מאָדע, דערפאַר זײַנען זיי אָבער תמיד גאַנץ, אויסגעוואַשן, אויסגעפּרעסט — אַ מחיה נפשות אָנ־צוקוקן! קיין קינד איז אין מאַזעפּעווקע נישט געגאַנגען אַרום זיך אַזוי

רייז, אזוי שייז, ווי אפרים מיט מנשהן, זלאטעס קינדער, און אסתר אליין — שמועסט מען נישט; קוקנדיק אף איר, האט מען אין שטאט געזאגט: „אפנים, אז עס איז זלאטען די צייט גאר נישקשהדיק"... נעמען דעם קבצן, ארומוואשן אים, אויסקעמען אים, אויספוצן און מאכן אזוי, אז קיינער זאל אים נישט דערקענען, — דערוויף איז אסתר געווען איין בריה. נאר דער נאמען, וואס אסתר האט זיך געקויפט בא איר אין איר שטאט, איז נאך גארנישט אקעגן דעם שם, וואס זי האט געהאט אין דער גאנצער סביבה פון מאזעפעווקע ארום און ארום. איר נאמען האט זיך געלאזט הערן אף דער וועלט צוליב די ירידים, וואס שטעלן זיך אוים אין מאזעפעווקע דריי מאל אין יאר.

דריי גרויסע ירידים שטעלן זיך אוים אין מאזעפעווקע און געבן דער שטאט די וועלט צו זען: אז זיי איז א שטארקער ספק, אויב מאזעפעווקע וואלט געהאט א קיום. דאס זיינען די געוויסע דריי ירידים יוריע, ספאס און פאקראווע, אף וועלכע דער מאזעפעווקער ייד קוקט־ארוים א גאנץ קיילעכיק יאר, ארויפלייגנדיק דאס גאנצע שטיקל האפענונג נאר אף זיי. נאך פריער מיט עטלעכע וואכן הייבט מען זיך שוין אן צו גרייטן צום יריד, דאס הייסט, יידן לויפן שוין ארום, ווי די פארסמטע, אויסשמעקנדיק זיך ערגעץ אן ארט און פארכאפנדיק וואס פריער א בעסער שטיקל פלאץ. „נישטא קיין צייט, מע באדארף זיך פארטיק מאכן צום יריד!" אזוי זאגט יעדער, אפילו דער וואס האט נישט קיין קראם, נישט קיין שענק און נישט קיין איינפאר־הויז, נישט קיין קאמער פון תבואה, אפילו נישט קיין עפלקוואס; גלאט אזוי א ייד פון א גאנץ יאר גרייט זיך אויך צום יריד; אפילו מלמדים און חזנים קוקן ארוים אפן יריד. אין פלוג איז אפילו א שטיקל קשיא: וואס פאר א שייכות קאן האבן א מלמד אדער א חזן מיטן יריד? פונדעסטוועגן צעלאזט דער מלמד דעם חדר א ביסל פריער, און דער חזן פארלאזט די משוררים אין מיטן א „מלך עליון" — און מע לויפט אוועק גיך און געשווינט אפן יריד, און מע קומט צוריק מיט דעם, מיט וואס מען איז אוועקגעגאנגען, דאס הייסט, מיט ליידיקע הענט און מיט א גריזאטע אין הארצן: „סטייטש, די וועלט קויפט, האנדלט מציאות פון כל־טוב!" קומענדיק אהיים, כאפט מען נאך א רעכטן פסק פונעם ווייב דערפאר, וואס אלע כאפן מציאות אפן יריד, נאר זיי נישט. „א ווייסטער, א פינצ־

מערער מארגן אף אלע שונאימס קעפ! — טענהן נאכדעם די ווייבער.
— א שמחה אף אים, א גליק האט אים געטראפן, אפן הימל א יריד!
געוועז ברענגען כאטש א שטיקל זאנג אף העמדלעך די קינדער, צי
כאטש א רעכטן קראנץ ציבעלעס אף ווינטער, צי דאס שווארץ־פינצטער־ע
יאר ווייסט די נשמה דיינע!״... „נא דיר א יריד, טאמער איז דיר
קארג!״ — זאגט נאכדעם דער מלמד אדער דער חזן און בלייבט שטיין
א פארוואגלטער, אראפלאזנדיק די נאז און אויסהערנדיק א גאנץ צעטל
פון אלערליי קללות. אט אזא כוח האט אין זיך דער יריד אין מאזעפעווקע.
נו, איז שוין א חידוש, וואס צווישן די קרעמער ווערט חושד, אז עס
קומט יוריע, ספאס און פאקראווע? עס איז שוין א חידוש,
וואס מע צעשלאגט זיך פאר די ערטער מיט די פלעצער און וואס מע
שלעפט איינער באם אנדערן דעם קונה, רייסנדיק אים אף אלע זייטן?
אז מע וויל דערקענען א מאזעפעווקער ייִדן, וואס ער איז מיט אלע
זיינע מעלות און חסרונות, זאל מען אים באטראכטן דורך א שפאקטיוו
פונדערווייטן בשעת יריד, ווען ער שטייט אזוי מיט זיין ווייב בא זיין
שאלאש, ריידנדיק מיט זעקס קונים מיט א מאל, ווייזנדיק דעם, דינגענ־
דיק זיך מיט יענעם און מעסטנדיק אדער וועגנדיק די סחורה. דארט,
אין שאלאש, עסט מען, דארט שלאפט מען, סיי זומער, סיי ווינטער. ער
איז א גרויסער בריה, דער מאזעפעווקער ייִד, צום יריד; מיט איין מויל
רעדט ער פאר צען, מיט צוויי הענט טוט ער דריי מלאכות, מיט צוויי
אויגן קוקט ער אף פיר זייטן, וווּהין עס גייט אוועק דער קונה, בכדי
מע זאל אים קאנען רופן צוריק, שרייענדיק: „א כאדי נו סיודי, טשא־
לאוויטשע!״ און דער עיקר — אכטונג געבן, מע זאל נישט גנבענען.
„דאס לייזן — זאגט ער — איז נאך ווי עס איז, נאר דאס גנבהנען, וואס
מע גנבהט פון אונטער די הענט, אוי, איז נישט אויסצושטיין!״ בא־
טראכטנדיק דעמאלט דעם ייִדן, ווייזט זיך אייך אויס, אז ער און זיין
ווייב און זיינע קינדער זיינען לכתחילה באשאפן געווארן נאר צוליב דעם
יריד; זייערע פנימער פלאמען בשעת מעשה, די אויגן ברענען, די נאז
שמעקט, דאס מויל רעדט, די הענט ארבעטן, אלע איברים טוען, עס איז
כל עצמותיו תאמרנה: „גוואלד, ייִדן, ס'איז יריד!״...

זלאטע מיט אסתרן ארבעטן, גלייך מיט אלע יריד־לייט, אף אלע
כלים דעם גאנצן טאג. אזא טאג! אגריידנדיק זיך ווי א פויק, ווערט

מען אזש הייזעריק און מאַט, אויסגעמוטשעט, הונגעריק און פאַרשמאַכט, ווי נאָך אַ תענית, ביז גאָט העלפט, דער טאָג גייט אַוועק און עס קומט די נאַכט; דעמאָלט ווערן די שאַלאַשן פאַרהאַנגען פון אויבן ביז אַראָפּ מיט לײַנטיכער, און אַלע קרעמער מיט די קרעמערנס זעצן זיך אויפן טיש, און מע הייבט־אָן יעדער באַזונדער איבערציילן דעם פּדיון, זאָגנדיק נאָכ־דעם מיט אַ זיפץ: „אַט האָסטו דיר די מחיה פונעם יריד — אַ טאַרע־ראַם! אויף אַזאַ יריד זאָל מען נישט לייזן קיין געלט — איז שוין עק וועלט און געוואַלד!"

— מאָלט אײַך, — דערציילט אַן אַלטער שניט־קרעמער רב פּינוול — אַז מע האָט שוין בײַ מיר געקאָנט אָוועקלקחענען אַכצן אַרשין! איך בין שוין העכער דרײַסיק יאָר קרעמער און מע האָט נאָך בײַ מיר ביז הײַנטיקן טאָג נישט געגנבֿעט קיין פֿאָדעם אפילו — אַ מעשה נפלא! איך קאָן דאָס נישט פאַרשטיין: אַט איז דאָס געלעגן, דאַכט זיך, פאַר מײַנע אויגן, און אַט האָט דאָס אין דער מינוט שוין נישט געשטאַנען! מאָ־ראַזאָווס זאַנע, פערוווע גומער, אַכצן אַרשין, אַזאַ רציחה!

צווישן עולם ווערט אַ געדערדערײַ. יעדער דערציילט מעשיות פונעם יריד. צווישן אַלע קולות לאָזט זיך הערן אויך אסתרס קול; יעדן הערן זי אויס, קוקנדיק אויף איר מיט אַ צופרידן שמייכעלע און קראַצנדיק זיך פאַר התפעלות. „אַ גאַנצער מענטש, זלאַטעס מיידל! — זאָגן נאָכדעם די קרעמערס. — דאַכט זיך, נאָך גאָר אַ קינד, פאַרשטייט אָבער דווקא אַ געשעפט, ווי עס געהער צו זײַן"...

מחמת גרויס ענגשאַפט און מחמת פיל פּדיון אויפן יריד, באַנוצן די מאַזעפּעווקער ווײַבער, די אשת־חילס, זייערע מאַנען, די שיינע ייִדן, וואָס קערן זיך, צום מייסטנס, אַ גאַנץ יאָר נישט אין מיטן געשעפט לחלוטין גאָרנישט; זיי באַנוצן די מאַנען נישט אַזוי צום לייזן געלט, ווי צום היטן, מע זאָל נישט גנבֿהנען. די דאָזיקע מאַנען זײַנען „פּוגאַ־לעס", „סטראַשידלעס"; אויפן קוק, דאַכט זיך, גאַנץ פֿײַנע ייִדן מיט בערד, נאָר אין תוך אַרײַן — גרויסע לאָ־יוצלחס, טויגעניכטסן, ייִדענעס אין הויזן, ווײַבער מיט בערד און פאות... אַזאַ ראָלע האָט אַמאָל געשפּילט לוי זלאַטעס בײַ זײַן לעבן, און תמיד, ווען זלאַטע דערמאָנט זיך אָן דעם, באַדויערט זי זיך און באַוויינט זיך: „נישטאָ לוין, נישטאָ ווער ס'זאָל זיצן אַכטונג געבן בײַ דער שטעל!"... זלאַטע קלאָגט זיך

פאר איר שכן, שמואליק דעם חזן, און בעט בא אים, אזוי ווי זײַן יאַסעלע גייט ממילא ארום בטל, לאָז ער כאָטש וויסן א שטיקל עול אף זיך, לאָז ער כאָטש זײַן א שומר בא דער שטעל, אכטונג געבן, מע זאָל נישט גנבהנען. שמואליק טוט איר צוליב, און יאַסעלע שטייט גלײַך מיט זלאַטען און אסתרן אפן יריד און „העלפט לייזן געלט". יאַסעלען, אייגנטלעך, טוט דאס הנאה, וואָס ער קאָן העלפן אסתרן, איר נוצלעך זײַן מיט עפּעס א טועכץ. צוליב אסתרן וואָלט זיך יאַסעלע נישט געפּוילט און וואָלט נעגאַנגען אין עק וועלט, אין פײַער און אין וואַסער, נאָר פאר איר גע־טרײַשאַפט אליין, פאר איר גוט הארץ און פאר איר באַגיין זיך מיט אים, ארעמען, עלנדן יתום.

---

## V.

### יאַסעלע גייט אַרום פּוסט און פּאַס און עס ציט אים אַלץ „אַהין"

דער עולם זאָגט א ווערטל: „מיט דער מאַמע איז דער טאַטע א פ א ט ע ר, מיט דער מומע — איז ער א פ ע ט ע ר". שמואליק דער חזן, כל־זמן זעלדע האָט געלעבט, איז יאַסעלע געווען בא אים א צאַצקע, ער האָט זיך שטענדיק געשפּיגלט אין אים: „מײַן יאַסעלע? איר וועט זען, וואָס ס'וועט פון אים אמאָל זײַן!" ווײַבאַלד אָבער זעלדע איז אים אפּגעשטאָרבן און ער האָט געבראַכט צו פירן פון באַרדיטשעוו אָט־אַ־יענע ייִדענע מיטן טערקישן שאַל, האָט שמואליק צוליב איר אָנגעהויבן ביסלעכווײַז קאַלט צו ווערן צו יאַסעלען, כאָטש אין הארצן, קאָן זײַן, האָט ער אים ליב געהאַט ווי פריִער. זלאַטע די צעלניקערן האָט גע־ברענט קוקנדיק, ווי מע באַגייט זיך מיט יאַסעלען. „ווי מיינט איר, רב שמואליק, — פלעגט אים אָפט זאָגן זלאַטע מיט א שטאָך — אשטייגער, אז זעלדע, עליה־השלום, זאָל געווען בלײַבן אַן אלמנה, וואָלט יאַסעלע אזוי ארומגעגאַנגען פּוסט און פּאַס? זי וואָלט אים אויך אָפּגענומען פונעם חדר, עס זאָל פון אים אויסוואַקסן א וויים־איך־וואָס, א הינט־שלעגער?" דערויף פלעגט שמואליק ענטפערן נאָר מיט א טיפן זיפץ

און מיט א קרעכץ און אויסדרייען זיך פון זלאטעס מויל, אבי נישט הערן מער אירע רייד, וואס דערלאנגען אין דער זיבעטער ריפ.

יאסעלע איז געווען, ווי אויבן איז געשטאנען, פון קינדווייז אויף בא זלאטען אין שטוב, ווי אן אייגענער, און זינט ער איז א יתום גע־בליבן, האט אים זלאטע נאך מער מקרב געווען, אף אים גרויס רחמנות געהאט און זיך איינגעשטעלט פאר אים, נישט לאזנדיק די שטיפמאמע זאל זיך מיט אים באגיין, ווי איר האט זיך געוואלט. דערפון איז צווישן זלאטען און צווישן שמואליקס ווייב אויסגעבראכן א גרויס מחלוקת מיט א שרעקלעכער שנאה איינע צו דער אנדערער, און איבער זיין ווייב האט שוין שמואליק אויך זיך געמוזט צעקריגן מיט זלאטען. דאס הייסט, קריגן האבן זיי זיך, אייגנטלעך, נישט געקריגט: אים האט נאר זלאטע עטלעכע מאל גוט אפגעזייפט דערפאר, וואס ער לאזט זיך טרעטן אפן קאפ און וואס ער לאזט, מע זאל באליידיקן זיין קינד.

— איר זענט, רב שמואליק, איר זאלט מיר מוחל זיין, וואס איך זאג אייך אזוי אפנטלעך, איר זענט א צאפ, נישט קיין מאן. וואס הערט איר זי, די באַרדיטשעווער מכשפה? ווען זעלדע, עליה השלום, זאל איצטערט אויפשטיין און זאל א קוק טאן אף איר יאסעלען, וואלט זי זיך געמעגט נאך א מאל באגראבן. א שיינער טאטע, נישטא וואס צו ריידן! איך וואלט זיך אף אייך געריכט א קרענק, כ'לעבן! אזוי טוט אן ערלעכער ייִד, איא?!

שמואליק פלעגט זי אויסהערן, אננעמען וואסער אין מויל אריין און אוועקגיין צו זיך מיט זיינע משוררים באשאפן א נייעם „עוד יזכר לנו" אף ראש־השנה. פאר זלאטען האט שמואליק מורא געהאט א סך מער, ווי פאר זיין פלוניתטע, „די באַרדיטשעווער מכשפה"; עס איז אים געווען פריקרע צו באגעגענען זיך מיט זלאטען, וואס האט אים שטענדיק דערמאנט זעלדען. דאס איז פאר אים געווען ערגער פון ערגער, און דערפאר האט ער זיך פאר איר געהיט, ווי פאר פייער, און תמיד געטשאַ־טעוועט, אז ווען זלאטע איז געקומען פון מארק, איז ער געווען פאר־נומען מיט זיינע משוררים איבער א „מכלכל", אדער א „ויאתיו" אף ימים נוראים, אדער אזוי זיך געקאטשעט אפן האלדז, אבי זיך נישט באגעגענען מיט זלאטען. דערפאר איז אבער יאסעלע געלעגן דארטן טאג ווי נאכט. פון צען יאר אן, זינט מע האט אים אפגענומען פונעם חדר,

איז יאָסעלע אַרומגעגאַנגען בטל, נישט האָבנדיק וואָס צו טאָן און נישט וויסנדיק וווּהין זיך צו „פּריטוליען"; ער פלעגט זיצן בײַ זלאַטען אין קלייט, דאָרט אַכטונג געבן, אָדער אין שטוב עפּעס העלפן טאָן אַן אַר־בעט, דערבײַ צוזינגענדיק מיט זײַן זיסער שטימע, וועלכע אסתר האָט זייער ליב געהאַט צו הערן. מיט אסתרן האָט יאָסעלע געלעבט, ווי אַן אייגענער ברודער. זיי זײַנען ביידע געווען כמעט אין איינע יאָרן, פון קליינווײַז אויף אינאיינעם געוואַקסן, ביידע געווען יתומים, און ביידע אין איין צײַט געוואָר געוואָרן, וואָס באַדײַט שלעכטיקייט. אַז אסתרן איז שלעכט געוואָרן אַפן האַרצן, פלעגט זי בעטן יאָסעלען, ער זאָל איר זינגען פון „דער ווילנער גאַס"; יאָסעלע פלעגט זיך אַוועקשטעלן אין מיטן שטוב און מיט דער מינע פון אַן אַקטיאָר אויסציִען אַף זײַן ווײַ־בער, זיסער שטימע:

גיי איך אַרויס
אַף דער ווילנער גאַס.
הער איך אַ קול
מיט אַ גרויס געשריי:
אוי וויי! איך הער מע שרײַט...

יאָסעלע פלעגט זיך צעציִען, פאַרגלאַנצן די אויגן צו דער סטעליע, צוהאַלטן זיך מיט דער האַנט באַם האַרצן, זיך פרעגן, מאַכנדיק בשעת מעשה אָנשטעלן, ווי אַן אמתער אַקטיאָר.

— ווּ האָסטו זיך אויסגעלערנט אַזעלכע תנועות? — האָט אים איינמאָל אסתר אַ פרעג געטון.

— איך האָב דאָס געזען פון פּיציס טענאָר, ווען איך בין דאָרט געווען מיטן טאַטן. פּיציס טענאָר האָט דערציילט, אַז אַזוי זינגט מען אין טריאַטער. אַז מע זינגט אין טריאַטער, באַדאַרף מען זיך אויס־ציִען, מאַכן מיט די הענט און מיט אַלע אברים. אי, אי, זינגט ער, אָט דער טענאָר! ער האָט אַ פּרווו געטון מײַן שטימע און האָט מיר געזאָגט, אַז פּיצי וואָלט מיך צוגענומען בשתי ידים. איך האָב דעמאָלט גע־טראַכט אפילו אַ זאָג טאָן דעם טאַטן מכוח דעם, נאָר איך האָב נישט געוואָלט. איך האָב מורא געהאַט... אַצינד, אַז פּיצי זאָל קומען אַהער, וואָלט איך שוין קלינגער געווען.

זאָגנדיק די ווערטער, פלעגט זיך יאָסעלע פאַרטראַכטן. אין זײַן

קליין קינדערש האַרץ האָט געבערענט אַ פײַערל, און עס האָט אים אַלץ געצויגן אַהין, אין דער גרויסער, פרײַער וועלט אַרײַן. ניסי, פּיצי, ירוחם, נאָטן — אַט דאָס איז געווען יאָסעלעס השגה, זײַן ווונטש אין זײַנע יינגלשע יאָרן. צו גרייכן צו איינער פון די דאָזיקע זאַכן — איז בײַ אים געווען די העכסטע מדרגה אין זײַן קינדערשן לעבן. פאַרשיידענע גילדענע חלומות האָבן זיך נישט אויפגעהערט צו פּלאָנטערן און צו שוועבן בײַ אים אין קאָפּ; דער בעסטער פון די דאָזיקע אַלע זײַנע חלומות איז געווען: אַוועקלאָזן זיך אַמאָל קיין אָדעס צו פּיצין, אָדער צו מיצין קיין טעטרעווע, און דאָרטן זיך אויסלערנען נאָטן. דאָס זעלבע, קאָן זײַן, איז געווען אויך שמואליקס ווונטש; ער האָט אָבער נישט געהאַט ביכולת אַרויסנעמען און געבן אים עטלעכע קערבלעך אויף הוצאות: דערצו האָט ער נאָך באַדאַרפט פריִער איבעררײדן מכח דעם מיט זײַן פּלוניתטע, און דאָס איז געווען פאַר אים שווער בקריעת ים־סוף. אַז יאָסעלען האָבן שוין גוט צוגעטראָטן די צרות, פלעגט ער זיך נישט איין מאָל פאַרטראַכטן, טאָמער וואָלט געווען אַ סברה, אַז ער זאָל זיך אַליין אַוועקלאָזן צו פּיצין, נעמען פשוט די פיס אויף די פּלייצעס — און נישטאָ מיך! פאַר וועמען האָט ער נאָכדעם מורא צו האָבן? יאָסעלע האָט שוין אַפילו אָפּגעקלערט אַ פּלאַן, ווען און ווי־אַזוי; עס האָט אים אָבער באַנג געטאָן איבערלאָזן דעם טאַטן אַליין בײַם עמוד. שמואליק האָט זיך שוין אָן יאָסעלען גאָר נישט געקאָנט באַגיין. ער איז געווען זײַן גאַנצע „פּאָדפּאָרע" בײַם עמוד; אין דער צײַט ווען יאָסעלע פלעגט זיך צעלאָזן אויף זײַן העלדזל, פּײַפן און טרעליקען אויף אַלערליי אופנים, האָט זיך שמואליק דערווײַל געקאָנט אָפּרוען און אָננעמען זיך מיט נײַע כחות אויף צו אַרבעטן ווײַטער. יאָסעלע, ווי שלעכט ס'איז אים געווען, האָט דעם טאַטן זייער ליב געהאַט, רחמנות געהאַט אויף אים. „וואָס וועט ער טאָן אָן מיר? ווער וועט אים טראָגן דעם שלח־מנות אום פּורים, צעטראָגן די שמורה־מצה ערב פּסח, די אתרוגים אויף סוכות?"... אַמאָל, אין די גוטע יאָרן, בשעת זעלדע, עליה השלום, האָט געלעבט און געפירט די שטוב־הוצאה פון איר אייגענער פּראַצע, פון האָדעווען גענדז, פון פּרעגלען שמאַלץ, פון פליקן פעדערן וכדומה אַזעלכע זײַטיקע פּרנסות, האָט נאָך שמואליק נישט באַדאַרפט אַזוי יאָגן זיך נאָך די דאָזיקע ווייסטע הכנסות; אַצינד אָבער, אַז זעלדע איז אים

אָפּגעשטאַרבן און ער האָט געבראַכט איענע ייִדענע פון באַרדיטשעוו, האָט זי אים פאַרגרעסערט די משפחה מיט אַ צוויי־דריי פּיצלעך אומ־שולדיקע באַשעפענישלעך, וואָס באַדאַרפן עסן, און שמואליק האָט זיך באַדאַרפט אָנטון אַ כּח און אַליין אַרויסשיקן יאָסעלען אויף דער שטאָט פּורים אַרומטראָגן דעם שלח־מנות. דאָס איז געווען פאַר שמואליקן אַ גרויסער אַראָפּפאַל, צוזעענדיק זײַן זון, ווי ער גייט דאָס אָרום איבער די הײַזער אַ באָרוועסער נעבעך...

יאָסעלען אַליין האָט דאָס ווינציק־וואָס געאַרט. פונעם טאַטנס וועגן איז ער געווען גרייט צו טאָן אַלץ אין דער וועלט, ווען ער זאָל נאָר וויסן וואָס. „איך זאָל זײַן אַזוי גרויס, ווי פּ י צ י, — האָט זיך יאָסעלע געקלערט — וואָלט איך דאָס לעצטע אוועקגעגעבן מײַן טאַטן, אַבי נישט צו זען זײַנע יסורים!" וואָס ווײַטער האָט יאָסעלע אָנגעהויבן אַלץ מער צו פילן ווי עס ציט אים אין ערגעץ, פלעגט אַרומגיין פאַרטראַכט און פאַרזאָרגט. זײַנע מחשבות זײַנען געווען דאָרטן ערגעץ, גאַנץ ווײַט. עס איז בײַ אים אין האַרצן געזעסן אַ מין גײַסט, וואָס ער אַליין האָט אים ווינציק פאַרשטאַנען. עס האָט אים געטראָגן אין דער לופטן, נישט גע־לאָזט שלאָפן און אַלץ געשלעפּט אים ערגעץ: „אַהין — אַהין! איין מאָל פאַר אַלע מאָל — אַהין!"...

---

## VI.

### ער זוכט זיך אויף זײַן גן־עדן, נאָר מען טרײַבט אים פון דאָרטן מיאוס אַרויס

נישט האָבנדיק וואָס צו טאָן, פלעגט זיך יאָסעלע אַרומשפּאַנען איבער דער שטאָט, אויסמעסטן די גאַסן אין דער לענג און אין דער ברייט, אַמאָל פאַרגיין ווײַט הינטער דער שטאָט און דאָרט איינער אַליין זיך אויסציִען אויף דער ערד, נישט ווײַט פונעם וואַלד, און צעלאָזן זיך אויפן האָלדז, צעגיסן זיך אויפן טאַטנס שטייגער, זאָגנדיק „עפּעס" פון ימים נוראים „אַ זאַך"... דאָרט, אויפן פרײַען פּלאַץ, האָט ער זיך גע־

קאנט אויסשרייען, אויסזינגען זיך, און דער ווידער־קול פונעם וואלד פלעגט זיך אים אפגעבן מיט א קלאנג און מיט א הילך, גלייך ווי דיביימער זיינען זיינע משוררים און זיי האלטן אים אונטער. דא, אפן פרייען פעלד, האט זיך יאסעלע געפילט א סך היימישער, ווי בא זיך אינדערהיים; קיינער האט אים נישט געווערט צו זינגען און צו שרייען, און ער האט זיך פאר קיינעם נישט באדארפט שעמען. אויך האט ער דא נישט געהאט אף זיך קיין אויבערהאר, קיין שטיפמאמע, וואס זאל אים יאדען, און קיין טאטן, וואס זאל זיפצן און קרעכצן אף זיינע יאר און טעג. עפעס גאר א באזונדערע וועלט האט דא יאסעלע באשאפן בא זיך אין קאפ: דער וואלד — דאס איז זיין וואלד, צוליב אים באשאפן געווארן, ער זאל דא קאנען זינגען; דאס פעלד — דאס איז זיין אייגענע „אימעניע", זיין גוטס, זיין גן־עדן. דא, אין דעם גן־עדן, ווו קיינער זעט אים נישט און הערט אים נישט, מעג ער זיך, נישקשה, אנטאן דעם ווילטאג און זינגען, און שרייען, און שפרינגען, און מאכן אנשטעלן, וויפל זיין הארץ גלוסט. עס איז אבער, אוי־ווי, נישטא קיין אייביקע זאך אף דער וועלט; מע האט יאסעלען גיך פון זיין גן־עדן ארויסגעטריבן, ארויסגעיאגט מיט הינט, מיט שטעקנס און מיט שטיינער, כאטש ער איז געווען גאט די נשמה שולדיק...

עס איז געווען א ווארעמער, א לויטערער זומער־טאג. אין שטאט, געוויינלעך, בראט די זון און סמאליעט גאר אן רחמנות, פארטרייבנדיק די מאזעפעווקער מארק־יידן און מארק־ווייבער אונטער דער סטאיקע, ליגן דארטן אין א שאטן און פאכען מיט דער נשמה, און די היימישע ווייבער, די גראבע יידענעס, וואס קאנען קיין היץ נישט איבערטראגן — אין די קעלערס ארייַן. די מלמדים אין די חדרים דעמאלט ווארפן אראפ די קאפאטעס, בלייבן זיצן מיט דיברייטע ארבל פון דעם העמד און מיט די געלע טלית־קטנס, דאס הארץ צעכראסטעט, מע הייבט די יארמלקע און מע שוויצט, ווי אין א באד; די תלמידים לאזט מען אפ צום טייך זיך באדן, פליעסקען זיך אין דער בלאטע — עס ברענט ווי אין גיהנום, נישטא זיך ווו אהינצוטאן! יידן מיט שטעקלעך גייען ארום אין מארק, די ארבל פארקאטשעט, דאס היטל פאררוקט, מע רייסט אף זיך דאס לייב, זאגנדיק איינער צום אנדערן: „נו, א היץ! אי, א טאג! גאר נישט אויסצושטיין!"... אויך די ציגן אף דער שולגאס, וואס

דאַבן ביז אַהער פאַרשײַט געקלעטערט אַף די דעכער, געסיפּעט פון דאָרטן שטרוי פון דער סטריכע, געלעקט די ווענט פון די שולן, געשפּרונגען צו די ווײַבערשע טישלעך אין מאַרק, באַפּנדיק אַלע מינוט אַ מיאוסן פּסק פון די קלייט־משרתים, — אויך די דאַזיקע פאַרשײַטע ציגן האָבן זיך אײַנגעמידט פון דער היץ, זיך אַנידערגעלייגט, די פּיסקעך אונטער זיך, אויסגעצויגן די קעפּלעך, אַרויסגעשטעלט די צינגלעך, מאַכנדיק דערבײַ אַ משונה־נאַריש פּנים. הכלל, עס ברענט אין שטאָט, עס שרפהט, און אַלע קוקן שוין אַרויס אַף דער ליבהאַרציקער נאַכט.

נישט אַזוי איז אָבער הינטער דער שטאָט, אין פעלד, באַם גרויסן גרינעם וואַלד. אַהינצו האָט זיך עס יאָסעלע פאַרקליבן מיט זײַן זינגען, שרײַען און פילדערן. גייענדיק אַזוי באַם וואַלד מיטן שאָטן פון די ביימער און שלינגענדיק די פרישע קילע לופט מיטן פולן מויל, האָט זיך יאָסעלע גאָר נישט אַרומגעקוקט, ווי ווײַט ער איז פאַרגאַנגען פון דער שטאָט. עס האָט זיך פאַר זײַנע אויגן פאַרשפּרייט אַ גרויסער גרינער קאָוויאָר, אַזאַ גלאַטער, אַזאַ מחיהדיקער, אַז עס בעט זיך אַ וואָרף טון אַף אים, אויסציִען זיך און רוען, און רוען אָן אַן עק. נאָר וואָס ווײַטער ווײַזט־אויס דאָס גראָז אַלץ געדיכטער און שענער, און עס ציט אים אַלץ ווײַטער און ווײַטער. ער פילט זיך אַזוי גרינג, אַפּן האַרצן איז אים אַזוי גוט און אין האַלדז באַרבלט, עס קיצלט, עס גלוסט זיך זינגען. עס פאַלט אים אַרײַן אין קאָפּ אַ נײַער געדאַנק, אַ נײַער מין נוסח פון אַ „ו ע ל ה מ ד י נ ו ת ב ו י א מ ר", און יאָסעלע הייבט אָן צו נעמען אַלע מאָל העכער און שטאַרקער, און דאָס קול גייט אים אַזוי פרײַ, אַזוי גרינג, אַז עס דאַכט זיך אים אויס, ווי הויך ער זאָל נישט נעמען דעם טאָן, קאָן מען נאָך העכער נעמען — און ער קנאַקט, ער זינגט, ער צעגייט זיך, ער מאַכט טרעלן אַזעלכע, וואָס ער אַליין וווּנדערט זיך, ווי קומט דאָס צו אים? ער פּלאָנטעט אַ מין פאַנטאַזיע מיטן האַלדז, גאָר אַליין נישט ווויסנדיק, וווּהין ער וועט פאַרקריכן ווײַטער און מיט וואָס וועט ער אויסלאָזן; עס קומט צו די ווערטער: „אשרי איש — וווֹיל איז צו דעם, וואָס פאַרגעסט דיך נישט, און שטאַרקט זיך מיט דיר, וואָרעם דײַנע פאַרשער וועלן נישט געשטרויכלט ווערן, און וועלן זיך נישט שעמען אייביק אַלע די, וואָס באַשיצן זיך אַן דיר"... — צעלאָזט זיך

יאָסעלע אַף זײַן האַלדז אַלץ לעבעדיקער און שטאַרקער, אונטערשפּרינ־גענדיק, מאַכנדיק מיט די הענט און שרײַענדיק אַף אַ קול:

„כל החוסים בך!
כל החוסים בך!"...

פּלוצים הערט יאָסעלע אַ משונה געשריי: „קסי—קסי—קסי! אַטו יעהאַ! קסי—קסי—קסי!" ער קוקט זיך אַרום און בלײַבט טויט: אַ גאַנצע טיטשקע פּאַסטוכלעך, מיט טאַרבעלעך אַף די פּלייצעס, מיט גרויסע היטלען אַף די קעפּ און מיט גראָבע בולעוועס אין די הענט, יאָגן זיך נאָך אים, און פֿאַר זיי לויפֿט אַ גרויסער, שוואַרצער, מוראדי־קער, קודלאַטער הונט. יאָסעלע פֿילט אַ שאַרפֿן קלאַפּ און נאָכדעם — ווי עפּעס עמעצער שלעפּט אים, רײַסט אים, סיפּעט אים. און נאָכדעם. . נאָכדעם געדענקט ער שוין גאָר נישט.

. . . . . . . . . . . . . .

אַז ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט ער שוין קיינעם נישט געזען אַרום זיך. פֿאַרטומלט, מבויש, אַן איבערגעשראָקענער, מיט אַ צעריסע־נער, צעפּיצלטער קאַפּאָטקע, האָט זיך יאָסעלע אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד און האָט זיך געלאָזט גיין צוריק אַהיים, נעבעך מיט זייער אַ פֿאַר־ביטערט האַרץ. ער האָט זיך צעוויינט; ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס האָט צו אים דער רבונו־של־עולם מער ווי צו אַלע ייִנגלעך פֿון זײַן גראַד? פֿאַר וואָס שטראָפֿט ער אים אַזוי? דאַכט זיך, דאַוונען דאַוונט ער אַלע טאָג, היט אָפּ אַלע מצוות, ווי עס געהער צו זײַן, איז מקיים די מצוה פֿון כבוד־אב; אַפֿילו דער שטיפֿמאַמע גיט ער אָפּ כבוד, מער ווי זי פֿאַרדינט בײַ אים.

— פֿאַר וואָס קומט דאָס מיר, רבונו־של־עולם? מיט וואָס האָב איך אַזעלכעם פֿאַרזינדיקט, וואָס דו שטראָפֿסט מיך אַזוי?

און אויסדרייענדיק צום לעצטן מאָל דעם קאָפּ צוריק, האָט זיך יאָסעלע מיט אַ זיפֿץ אָפּגעזעגנט מיט זײַן גן־עדן, מיט דעם פֿרײַען פֿעלד, מיטן גרינעם שאָטנדיקן וואַלד אַף תמיד, אַף אייביק.

---

## VII.

## יאָסעלע ווערט אַ בעל־תשובה און פאַלט אַרײַן אין אַ נײַעם אומגליק

נאָכדעם ווי מע האָט אים אַזוי מיאוס אַרויסגעטריבן פון זײַן גן־עדן און יאָסעלע איז געקומען אַהיים אַ צעשלאָגענער, אַ צעפּלאַכטענער, מיט אַ צעפּליקט קאַפּאָטקעלע, האָט ער, געוויינלעך, באַקומען אַ שיינעם ברוך־הבא פון דער שטיפמאַמע, און טאַקע פונעם טאַטן אַליין. שלאָגן האָט אים שמואליק נישט געשלאָגן קיינמאָל, נאָר ער פלעגט אים באַשטראָפן מיט ווערטער:

— איך פרעג דיך אַליין: נו, טוט עס אַזוי אַ בחור? גייט און צערײַסט אַ קאַפּאָטקעלע אויף פּיץ־פּיצלעך! איך וועל דיר מסתמא, וואָס איז שייך, באַלד מאַכן אַ נײַס? די גוטע פּרנסות הײַנטיקע? ווען די מאַמע דײַנע זאָל איצטערט אויפשטיין, איך וויים? וואָס איז שייך...

יאָסעלע וואָלט אַוועקגעגעבן מי יודע וואָס, אַבי ער זאָל נישט הערן מער דעם טאַטנס מוסר. אין דער מינוט האָט זיך יאָסעלע באַשוואָרן, אַז ווײַל ער וועט לעבן זאָל שוין זײַן פוס מער נישט זײַן אין וואַלד, און ער וועט שוין פון שטאָט נישט אַרויסטרעטן, ער זאָל וויסן — גליקלעך צו ווערן!... דאָס איז געווען דאָנערשטיק. אויפן אַנדערן טאָג, פרײַטיק הייסט דאָס, איז יאָסעלע גאַנץ פרי אַוועקגעלאָפן אין שול אַרײַן און האָט זיך אַוועקגעשטעלט דאַווענען, אָבער אַזוי פרום און מיט אַזוי פיל האַרץ, ווי נאָך קיינמאָל נישט. נאָכן דאַווענען האָט ער זיך אַליין גענומען שײַערן דער שטיפמאַמעס דאָס מעש מיטן קופּער, געלאָפן איר אין מאַרק אַרײַן „אויף איין פוס" אײַנקויפן פעפער, לאָרבער־בלעטער מיט צימערינג מיט אײַנגעלגעוווירץ, מיט „פאַר דרײַ גראָשן האָניק" צום קוגל, מיט קידוש אויף שבת. און קומענדיק האָט זיך יאָסעלע אַליין אַ וואָרף געטאָן אָנרײַבן כריין צום טיש און האָט זיך גענומען צו דער „פּיסנאָגע" זי שפּאַלטן אין בעט מיט אַ מעסער און מיטן אייבערשטן פונעם שטויסל אַזוי בריהש, אַז די חזנטע האָט זיך שוין נישט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָט אַ זאָג געטאָן אַזוי, פאַר זיך, פאַרקוקנדיק אין אויוון אַרײַן און צעבלאָזנדיק דאָס פײַער:

— וואָרעם? אַזוי באַדאַרף אַ יונגל! נישט וואַרטן, ביז יענער זאָגט גיי! האָריקן זיך, שיקערלעך, זאַגערלעך, שאַפּערלעך...

פון די ווערטער האָט יאָסעלע באַקומען אין זיך נאָך מער קוראַזש, ווי פריער; ער האָט זיך געפילט אין כוח איבערקערן אַ וועלט, כמעט ווי שמשון הגבור. ער האָט באַמערקט, אַז די שטיפמאַמע זוכט אַ ביסל וואַסער, האָט ער לאַנג נישט געטראַכט, פאַרקאַטשעט די פאָלעס פונעם צונויפגעשטריגעוועט קאַפּאָטקעלע, געכאַפּט דעם עמער און האָט אים אין עטלעכע מינוט אַרום אַרײַנגעטראָגן אַ פולן, ווי אַז אויג. שפּעטער האָט ער זיך אָוועקגעזעצט מעביר זײַן די סדרה און זאָגן שיר־השירים מיט אַזאַ זיסקייט, אַז די חזנטע האָט אים אַליין צוגעטראָגן אַפן דער־קאַטש אַ ביסל לאָקשן, באַשמאַלצט מיט אַ ציבעלקע פון שמאַלץ. יאָ־סעלעס האַרץ איז געווען יענעם טאָג און דעם אַנדערן טאָג, דאָס הייסט שבת, פול מיט ליבשאַפט און געטרײַשאַפט צו זײַנע אייגענע און מיט תשובה צום אייבערשטן. שבת באַטאָג, נאָכן טיש, דעמאָלט ווען אַלע יונגלעך שפּאַצירן אַרום אַף דער באַרדיטשעווער גאַס, האָט זיך יאָסעלע אָוועקגעזעצט זאָגן פּרק מיט גרויס חשק. נאָכן פּרק האָט ער זיך גענומען געשמאַק צום תהילים און האָט זיך אָבער מיישב געווען, עס איז נישט קיין פּלאַץ: אַלע ערלעכע ייִדן זאָגן תהילים אין בית־המדרש, און ער זיצט דאָ בײַ דער פּאַמעניצע גאָר — פּע, מע באַדאַרף גיין אין שול אַרײַן!

און יאָסעלע נעמט אַף זיך דאָס שבתדיקע קאַפּאָטקעלע, בינדט זיך אַרום דעם האַלדז מיט אַ ווײַסער פּאַטשײלע און לאָזט זיך גיין אין שול אַרײַן. אַפן האַרצן איז אים איצט אַזוי גרינג, ווי נאָך קיינמאָל נישט. ער פילט זיך, ווי אַ מענטש, וואָס האָט זיך מיט עמיצן צעקריגט און האָט זיך נאָרוואָס איבערגעבעטן. עס ווײַזט זיך אים אויס, אַז צווישן אים און צווישן דעם גרויסן לעבעדיקן גאָט איז פאַראַן אַ שטיקל שייכות; ער, יאָסעלע, און אַט די גאַנצע וועלט, וואָס ער זעט איצט פאַר זײַנע אויגן, זײַנען גאַנץ נאָענטע מחותנים. די זון, וואָס הייבט־אָן נאָר־וואָס צו אונטערגיין, אַראָפּלאָזנדיק זיך געשווינט אַראָפּ־אַראָפּ, דער הימל, וואָס לויכט און וואָס באַפאַרבט זיך בײַ דער זײַט מיט אַ העל־רויטן פּאַס, די פייגעלעך, וואָס שווימען אויבן, מחנותוויַיז, אַראָפּ און אַרויף, וויגן זיך, ווי אַ שיף אַפן ים, — אַלץ, אַלץ איז אים נאָנט, היימיש, עס

געהער זיך מיט אים עפּעס אָן, עס האָט אַ שייכות צו אים... פּאַרטיפֿט אין געטלעכע ענינים, גייט זיך יאָסעלע ווײַטער און ווײַטער, גאָר נישט באַמערקנדיק, אַז ער האָט שוין לאַנג איבערגעלאָזט די קאַלטע שול, מיט דער גאַנצער שולגאַס, מיט דער באַרדיטשעווער גאַס אויך, מיט די „האַ־מאַרניקעס", מיט די „קוזניעס", מיט דער „נײַער בריק", און איז שוין גאָר אַף דער „פּוילישער גאַס". יאָסעלע וואָלט געגאַנגען נאָך ווײַטער, ווען עס זאָל אים נישט געוועזן אָפּשטעלן אַ משונה־זיס געזאַנג, עפּעס אַ מין געטלעכער שפּילן, זעלטענע קולות, אַזעלכע, וואָס ער האָט זיי נאָך אין זײַן לעבן קיינמאָל נישט געהערט. ער שטעלט זיך אָפּ און הערט און קאָן זיך גאָר זאַט נישט אָנהערן. אַז עס איז פֿאַראַן אַף דער פּוילישער גאַס, דאָרט אַפֿן באַרג ערגעץ, אַ „קאָסטיל" — ווייס ער גאַנץ גוט; אויך ווייס ער, אַז דאָרט שפּילט מען אַפֿן „אָרגל"; נאָר הערן האָט ער דאָס נאָך נישט געהערט קיינמאָל, מחמת, ערשטנס, איז אַף דער פּוי־לישער גאַס פֿאַראַן הינט אין יעדן הויף, און, צווייטנס, טאָר מען דאָך גלאַט נישט הערן דעם „אָרגל" שפּילן זינט דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן... אין דער מינוט פֿאַרדריסט אים שטאַרק, וואָס די ייִדן האָבן פֿאַרזינדיקט, און עס טוט אים האַרצעדיק באַנק, וואָס ייִדן האָבן שוין מער נישט זייער בית־המקדש, זייער אָרגל מיט זייערע לוויים, וואָס פֿלעגן שפּילן אַף אַלערליי אינסטרומענטן און זינגען הייליקע לידער... און דאָ דערווײַל פֿון קאָסטיאָל לאָזט זיך הערן דאָס שפּילן מיטן געזאַנג, און ווי מיט אַ מאַגנעט ציט עס אים אַלץ אַרויף־באַרג, נענטער צו זיך, און פֿון דאָרטן, פֿון ערגעץ, גיסן זיך, גיסן זיך זיסע, הימלשע קולות, ווי אַ געזאַנג פֿון אַ מענטשן, פֿון אַ סך מענטשן אינאיינעם; און עפּעס אַ גראָב קול, אַ דינער, פֿאַלט אַלע מינוט פֿון אויבן אַראָפּ, אַז עס ציטערט אַזש די ווענט מיט דער ערד אונטער די פֿיס. און נאָכדעם — ווידער זיסע געצייכנטע שטימען, מיני געזאַנגען, וואָס שנײַדן דאָס האַרץ, ווי מיט אַ מעסער, און אַ שיינע גלאַטע שטימע פֿון אַ מענטשן לאָזט זיך הערן פֿון דאָרטן און פֿילט אָן דאָס האַרץ און רופֿט־אַרויס פֿאַרשיידענע מחשבות. יאָסעלע שטעלט זיך פֿאָר, אַז פּונקט אַזוי האָבן די לוויים באַדאַרפֿט זינגען אין בית־המקדש, געשפּילט אַפֿן „אָרגל" און געלויבט גאָט דעם האַר פֿון אַלע הערשאַפֿטן — און דאָס האַרץ ווערט אים פֿול, און די מחשבות טראָגן אים אַוועק אַהין, קיין ירושלים...

די גאַנצע צײַט פֿונעם שפּילן און פֿונעם זינגען געדענקט נישט יאָסעלע אַף וואָס פֿאַר אַ וועלט ער איז; עס איז אים ליכטיק אין די אויגן, עס איז אים ליכטיק אין אַלע אבֿרים; עס הייבט אים ווי אין דער לופֿטן, עס טראָגט אים אַרויף, אַרויף, אַפֿן הימל... פּלוצים הערט מען אויף צו זינגען און צו שפּילן, און יאָסעלע דערהערט אַן אַנדער שטימע, אַ באַקאַנט קול שוין פֿון אַן אַנדער זײַט. ער קוקט זיך אײַן, פֿון וואַנען דאָס קול גייט, און דערזעט פֿאַר זיך אַ באַקאַנטן פּריץ, מיט אַ פֿעט געגאָלט פּנים. ער קוקט זיך צו און דערקענט... דער קסיאָנדז! דעם קסיאָנדז האָט ער נישט איין מאָל געזען באַ זלאָטען אין קליים קויפֿן סחורה. זײַן קײַלעכיק געגאָלט פּנים מיט דער רויטער גראָבער נאָז, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גולקע, פֿלעגט זיך אים תּמיד אויסווײַזן משונה, מאָקע נאָר צום לאַכן. יאָסעלע טוט זיך אַ כאַפּ: „אי, ווּ בין איך דאָס?" — און לאָזט זיך אַראָפּ פֿון באַרג...

אַף דער גאַס, הינטערן באַרג, שטייט אַ רעדל פֿון ייִדן און יונגע לײַט. מע שטייט און מע באַטראַכט די נײַע בריק, וואָס בויט זיך, און מע שאַצט, מע רעכנט, מע זאָגט מבֿינות, ווי געוויינלעך ייִדן, אַז מע קומט זיך צונויף באַ אַ נײַעם בנין. דערזעענדיק, ווי יאָסעלע לויפֿט פֿון דאַרטן באַרג אַראָפּ, שטעלן זיי אים אָפּ און מע טוט אים אַ פֿרעג:

— פֿון וואַנען איז? פֿון קאָסטיל?... וועמ ביסטו, יינגעלע?

— וואָס הייסט? — זאָגט דער אַנדערער. — דו קענסט אים נישט? ס'איז דאָך שמואליקס, שמואליק דעם חזנס זונדל!

— אַ פֿײַנער בחור! גייסט אין קאָסטיל, גייסטו?!...

— קוק אים אָן, דאָס נעבעכל: שטייט, כאַטש מעלק אים! אַ לײַטיש בחורל!

— הײַנטיקע קינדער! גוטע יאָרן זיך דערלעבט! פֿיר אים אָפּ אַהיים, דוד־הערש! ער איז דאָך פֿון דײַן גאַס. אַ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע!...

דער גאַנצער גיהנום, מיט אַלע מוראַדיקע פּורעניות, וואָס איז באַ אונדז אויסגערעכנט אין די הייליקע ספֿרים, מיטן כּף־הקלע, דאָס הייסט, דאָס שלײַדערן פֿון איין עק ביזן אַנדערן עק וועלט, מיט די אַלע מלאכי־חבלה אַרום און אַרום — איז אַ גאָרנישט אַקעגן דעם, וואָס יאָסעלע האָט זיך פֿאַרגעשטעלט באַ זיך אין קאָפּ נאָך דער שרעקלעכער עבֿירה,

וואס ער האט דא אפגעטון, אליין נישט וויסנדיק — ווי, ווען און וויאזוי קומט ער גאר דערצו? ער האט זיך שוין גערעכנט פאר א פארפאלענעם, פארשפילטביידע וועלטן... ער האט זיך מוסר נפש געווען, מקבל געווען אף זיך אלע שטראף, וואס א מענטש קאן צוקלערן, און האט זיך באשלאסן איין מאל פאר אלע מאל, נישט ריידן קיין ווארט, ווי איינער רעדט: „שנײַדט מיך, בראקט מיך, עסט מײַן פלייש — איך וועל אײַך נישט זאגן!"... עס פארשטייט זיך, אז צום אלעם ערשטן האט זיך שמואליק צו אים גענומען מיט ווערטער, אים געשטראפט מיט מוסר, וויפל ס'איז אין אים אריין, און האט געוואלט וויסן פון אים נאר איין זאך: „ער זאל אים זאגן, וואס איז שײַך, ווי קומט ער גאר אהין?"... נאר אזוי ווי די וואנט שווײַגט, אזוי האט אויך געשוויגן יאסעלע. דאס האט שוין די חזנטע נישט געקאנט אויסהאלטן; זי האט זיך א לאז געטאן צו יאסעלען, איז אנגעפאלן אף אים מיט ביידע קולאקעס, גע־פינעט און געהירטשעט, ווי א ווילדע חיה, און ווען נישט זלאטע, וואס האט דערהערט פון יענער זײַט וואנט דאס קלאפן מיטן פאטשן, וואלט אים די חזנטע קיין לעבעדיקן פון אירע הענט נישט ארויסגעלאזט. זלאטע דאט אים ארויסגעריסן פון דער חזנטע און האט אים משלח געווען צו זיך אין שטוב אריין, און אליין איז זי געבליבן דא און האט שמואליקן געגעבן א וויסטן, א פינצטערן פסק, וואס ער דערלאזט, אז פרעמדע הענט זאלן שלאגן זײַן בלוט און פלייש. די חזנטע פון איר זײַט האט איר אויך נישט אפגעשוויגן, און דערווײַל איז יאסעלע ניצול געווארן פון שלעכטע הענט.

---

## VIII.

## אסתר הארעוועט־צו, און יאסעלע פארט אוועק קיין טעטרעוועץ שטודירן חזנות

איין קוק א ווארעמער, איין ווארט א גוטס פון אסתרן איז פאר יאסעלען געווען א רפואה צו אלע צרות, טענות פונעם טאטן אינאיינעם מיט די קלעפ פון דער שטיפמאמע זײַנער. ארײַנקומענדיק אין שטוב

אריַין פונעם שפּאַציר שוין שפּעטלעך און דערזעענדיק יאָסעלען, ווי ער שטייט אַזוי פּאַררוקט אין אַ ווינקעלע, אַ דערשלאָגענער, ווי אַן אָפּגע־פליקט הינדל, דאָס היטעלע צעקנייטשט, די בעקלעך רויט און אָנגע־דראָלן, ווי די פּאַמפּעשקעס, איז אסתר צוגעגאַנגען צו אים גאַנץ נאָנט, האָט אים אָנגענומען בײַ דער האַנט און האָט אים אַ פרעג געטאָן מיט אַ ווייך קול, קוקנדיק אױף אים מיט רחמנות:

— וואָס איז, יאָסעלע? וויַיטער זי?...

פאַר דער גאַנצער צײַט האָט זיך יאָסעלע אָט־דאָ דאָס ערשטע מאָל צעוויינט פאַר אסתרן, ווי אַ קליין קינד, און האָט איר אויסדערציילט אינגאַנצן די מעשה פון אלף ביז תיו, נישט פאַרלייקנט פון איר קיין האָר אפילו, זיך מודה געווען, ווי מען איז זיך מודה פאַר גאָט אַליין. אסתרן האָט דאָס שטאַרק אָנגענומען בײַם האַרצן: זי איז געשטאַנען די גאַנצע צײַט, וואָס ער האָט גערעדט, און האָט געהאַלטן איינעם פון אירע לאַנגע ליכטיקע צעפּ, צעפלאָכטן, צוריק פאַרפלאָכטן און ווידער צעפלאָכטן, קוקנדיק אים גלײַך אין פּנים אַריַין מיט אירע שיינע בלויע אויגן. נאָכדעם האָט זי דעם צאָפּ אַ וואָרף געטון אַרונטער, צוגעגאַנגען צו יאָסעלען נאָך נענטער און האָט אַ זאָג געטאָן צו אים:

— ווייסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגן, יאָסעלע? דו דאַרפסט נישט זיַין דאָ; דיַין אָרט איז אין אַ גרויסער שטאָט. ערגעץ בײַ אַ גרויסן חזן. כל זמן דו וועסט דאָ זיַין, וועט פון דיר נישט זיַין גאָר נישט. געדענק מיַין וואָרט.

— הערסטו! — מאַכט יאָסעלע, און דאָס פיַיערל פון זיַינע אויגן גלאַנצט־אַרויס פון דער פינצטער. — הערסטו! אָט דאָס איז דאָך די מעשה, וואָס איך שריַי שוין לאַנג. איך וויל קיין טעאַטרעווע, צו מ י צ י ן. דאָרט, ווייס איך, וועל איך זיך עפּעס אויסלערנען, נישט אַרומגיין, ווי איך גיי דאָ אַרום בטל, ביז אַ משרתל בײַ דער מומע. דאָרט, אין טעאַטרע־ווע, איז גאָר אַן אַנדער וועלט; דאָרט, אַז מע קומט צו פאָרן...

— שאַ! — זאָגט צו אים אסתר. — דו זאָגסט טעאַטרעווע. איך קען איינעם אַ טעאַטרעווצער; ער באַדאַרף אָנקומען נאָך שבת אױפן יריד, איך וועל מיט אים ריידן. מיר דאַכט, עס וועט גיין.

— אפשר איענער, מיינסטו, דעם שניטקרעמער, וואָס שטייט תמיד די אַנדערע קראָם פון אײַך?

— יאָ, אַ יונגערמאַן, זייער אַ וווילער מענטש, אַ ייִד אַז אַ גאָל. איך וועל מיט אים אַ רייד טאָן מכוח דיר... שאַ, אָט גייט די מאַמע.

— אַ גוטע וואָך! — מאַכט זלאַטע, אַריינקומענדיק צו זיך אין שטוב אַרײַן. — זאָג, אסתרל, „גאָט פון אברהם" און צינד אָן פײַער... און דו קאָנסט שוין גיין אַהיים. — רופט זי זיך אָן צו יאָסעלען. — איך האָב זיך דאָרט אַ ביסל אָפּגעקריגט פאַר דיר. נישקשה, ביסט אַ לײַטיש בחורל! באַ לײַטן קינדער זיצן שבת אין שול, און דו גייסט גאָר אין די קאָסטיאָלן אַרײַן. האָסטו געהערט אַ השגה!

— ניין, מאַמע! — זאָגט אסתר און וויל אים פאַרענטפערן. — ס'איז נישט אַזוי די מעשה... ער איז גאָר נישט געווען אין קאָסטיאָל, ער איז געווען לעבן קאָסטיאָל...

— אַ נײַער מליץ־יושר! — מאַכט זלאַטע און שלאָגט איר איבער די רייד. — גיי, יאָסעלע, אַהיים, מע וועט דיך שוין מער נישט טשעפּען. נאָר זע, שאָנעווע זיך און זײַ אַ סטאַטעק. די מאַמע דײַנע זאָל אויפשטיין, וואָלט זי געהאַט ווינציק וואָס נחת פון דיר...

יאָסעלע גייט אַהיים, און אסתר הייבט אָן צו קלערן אַלערליי פּלאַנען, וויאַזוי מאַכט מען, אַז יאָסעלע זאָל זיך קאָנען דערשלאָגן קיין טעטרעוועץ. „ער, מיט זײַן קול, וואָלט געקאָנט זײַן באַ אַ רעכטן חזן; אַ רחמנות אויף אים, ער ווערט דאָ נעבעך שטאַרק אויסגעריסן!"...

ווען די דרײַ גרויסע ירידים, וואָס זײַנען אויבן דערמאָנט, יוריע, ספּאַס און פּאָקראָווע, זאָלן זײַן באַשאַפן נאָר פאַר די מאַזעפּעווקער קרעמער אַליין, וואָלט אוודאי אַז וווּל געווען די דאָרטיקע ייִדן. דער חסרון איז אָבער, וואָס אַהין פאָרן זיך צונויף קרעמער פון דער גאַנצער וועלט כמעט: פון מאַקאַרעווקע, פון קאַשפּערעוו, פון באַרדיטשעוו און פון יאַרמעלינעץ, און פון טעטרעוועץ און פון אַרום און אַרום. מע פאָרט־אַראָפּ קיין מאַזעפּעווקע אויפן יריד און מע שטעלט זיך אויס מיט אַזעלכע שאַרפע קראָמען, אַז עס נעמט־אָפּ אַן אויג. און דערצו זײַנען נאָך די צונויפגעפאָרענע אַזעלכע שאַרפע בריהס צום לייזן געלט, אַז דער היימישער באַדאַרף זיך גוט אונטערגאַרטלען, ער זאָל קאָנען ביי־שטיין אַקעגן דער דאָזיקער סכנותדיקער קאָנקורענציע. דערפון שפּרינגען אויפן אַרויס, געוויינלעך, שרעקלעכע מחלוקתן צווישן די „היימישע" מיט די „פרעמדע"; מאַנצבילן קריגן זיך, זידלען זיך, ווײַבער צווישן זיך

שטעלן זיך פֿינגן, און עס טרעפֿט זיך אַפֿטמאָל, אַז עס דערגייט צו פּעטש אויך. דערפֿאַר אָבער, אַז עס קומט דער הייליקער טאָג שבת, ווען דער יריד ווערט געשלאָסן, דעמאָלט ווערט מען ווידער שלום; די נעכטיקע פֿײַגן מיט די פּעטש ווערן פֿאַרגעסן, און מע קומט אין די שולן אַרײַן הערן די מאַזעפּעווקער חזנים. מע נעמט זיי אויף פֿאַר שיינע געסט אין שול. מע טרעט זיי דעמאָלט אָפּ דעם אויבנאָן און מען איז זיי מכבד מיט די פֿײַנסטע עליות, געוויינלעך, נישט אַזוי צוליב זייער כבוד, ווי צוליב זייערע נדרים, פֿון וועלכע עס פֿאַלט אַרײַן אַ היבשע קאָפּיקע. אָף יענעם שבת גרייט זיך צו שמואליק דער חזן ווי געהעריק איז. ער פּלייסט זיך פֿאַר די פּרעמדע, און יאָסעלע פֿון זײַן זײַט באַווײַזט אויך אַרויס וואָס ער האָט, וואָס ער קאָן, אַזוי, אַז אַלע לעקן נאָכדעם די פֿינגער. קומענדיק נאָכדעם אין אַן אַנדער שטאָט, דערציילן זיי זיך אָן פֿונעם מאַזעפּעווקער חזן: „איר זאָלט הערן אין מאַזעפּעווקע איז דאָ אַ בעל־תּפֿילה, האָט ער אַ האַלדז, וואָס איז אַ חידוש; אים העלפֿט אַ יינגעלע זײַנס פֿון אַ יאָר צוועלף אָף אַ דין קולכל, ווי אַ פֿײַפֿעלע, וואָס סע לאָזט זיך אויס די וועלט! און דווקא אין מאַזעפּעווקע!״...

צווישן די דאָזיקע צונויפֿגעפֿאָרענע לײַט איז געווען איינער אַ טעטרעווצער סוחר. ער איז געווען, ווי עס האָט אויסגעוויזן, אַ שאַרפֿער מבֿין אָף חזנים, און בכלל אַ יודע־נגן, מחמת צוהערנדיק זיך צו שמואליקס שטיקלעך, פֿלעגט ער צוקלאַפּן מיט דעם פֿוס צום טאַקט, האַלטן דעם קאָפּ אָף אַ זײַט מיט צוגעמאַכטע אויגן און נאָכן דאַווענען זיך אָוועקשטעלן מיט שמואליקן שמועסן מכח חזנות. דער טעטרעווצער יונגערמאַן האָט ליב געהאַט צו דערציילן פֿון זייערע טעטרעווצער חזנים, אַרויסבאַווײַזנדיק דערבײַ פֿיל פֿאַרשטאַנד און בקיאות אין ענין הנגינה. „באַ אונדז אין טעטרעווע זאָלט איר הערן דאַווענען!״... צו יאָסע־לען האָט זיך דער יונגערמאַן אויך זייער צוגעלאָזט, געגעבן אים אַ קניפּ אין בעקל און געזאָגט, אַז ער וועט זיך „אויסזינגען״, וועט ער האָבן אַ זעלטענע שטימע, אַז צו זײַן זינגען גייט אים נאָר אָפּ נאָטן. און ווען ער זאָל מיט זײַן קול אַרײַנפֿאַלן צו זיי קיין טעטרעווע, צו מ י צ י ן אין די הענט אַרײַן, וואָלט מיצי געמאַכט פֿון אים אַ לײַט.

שמואליק האָט אויסגעהערט דעם יונגנמאַנס רייד מיט אַ ביטער שמייכעלע, ווי איינער רעדט: „יאָ, וואו־זשע נעמט מען אָבער דערצו די

קלינגערס?״... און יאסעלע, הערנדיק אזעלכע שמועסן, האט זיך אזש באלעקט, און עס איז אים שיער דאס הארץ נישט ארויסגעשפרונגען פאר פרייד. ער איז אין דער מינוט געווען מיט לייב און לעבן דארט, אין טעטרעוועץ, בא מיציו.

בא יאסעלען אין די אויגן באקומט דער יונגערמאן גאר אן אנדער מין גלאנץ; ער קוקט אף אים, ווי אף זיין אויסלייזער, ווי אף א מלאך פון גאט. ער און זיין מזל מיט זיין גאנץ לעבן זיינען בא דעם יונגנמאן יאן די הענט. דער יריד אבער איז זיך דערוויל א יריד; מע באדארף הארעווען, אנעסן זיך מיט אזוי פיל מענטשן און ל ײ ז ן ג ע ל ט. יא־כעלע שטייט, ווי אלע מאל, בא זלאטעס קראם, גיט אכטונג, דערלאנגט וואס מע באדארף, פאלגט א גאנג, העלפט זיי „טאשן זיך״ און טוט געטריי. די גאנצע צייט רעדט ער נישט מיט אסתרן קיין ווארט מכח טעטרעוועץ און מכח דעם יונגנמאן. ער האט מורא צו מאכן א רייד וועגן דעם. אדרבה, אז ער דערזעט, ווי אסתר מיטן יונגנמאן ריידן צווישן זיך, טרעט ער אפ אף א זייט און דאס הארץ בשעת מעשה קלאפט אים נעבעך זייער גוט: „רבונו־של־עולם! — קלערט זיך יאסעלע. — שטאר־קער גאט! גיב אים אריין א גוטע מחשבה, ער זאל מיך נעמען קיין טעטרעוועץ״...

און אסתר האט געארבעט אף אלע סטראזשן. זי האט יאבערגע־שמועסט מיטן יונגנמאן און געפועלט, ער זאל נעמען יאסעלען קיין טעטרעוועץ אף זיינע הוצאות. עס איז איר אבער געבליבן א שטיקל ארבעט בא שמואליקן און בא זלאטען. שמואליק, ווי ער האט געוואלט פארזארגן דעם תכלית פון זיין קינד, איז אים שווער געווען פונדעסטוועגן מיט יאסעלען זיך צו שיידן: „וואס איז שייך, וויאזוי לאזט מען דאס אפ א קינד?״... דערצו האט זיך נאך אריינגעמישט די שטיפמאמע אין מיטן: זי האט נישט פארשטאנען, צו וואס דארף מען זיך, נאך ארומפירן מיט אזא תכשיט, ווי יאסעלע איז? אויך זלאטען איז דער־פלאן נישט געווען צום הארצן: נעמען א קינד פון א יאר דרייצן און פארשיקן, מפקיר זיין אים ערגעץ דארטן אין דער פרעמד, גאט ווייס צווישן וואסערע מענטשן?!... אסתר האט זיך אבער גענומען אף אלע כלים און האט אזוי לאנג געארבעט, ביז זי האט איבערגערעדט די מאמע אויך, און תיכף נאכן יריד האט זיך יאסעלע גענומען זיין תפילין־

זעקל מיטן גאַנצן קלומעקל און איז, אין אַ מזלדיקער שעה, אַוועקגעפאָרן קיין טעטרעוועז. אין יענעם פרימאָרגן איז יאָסעלעס האַרץ געווען פול מיט פרייד און מיט געטריישאַפט צו אסתרן; ער זאָל זיך נישט שעמען פאַר לײַטן, וואָלט ער זי אַרומגענומען און וואָלט זיך מיט איר צע־קושט...

ווער איז דאָס אימשטאַנד צו איבערגעבן די געפילן, וואָס יאָסעלע האָט געטראָגן אין האַרצן צו זײַן אמתן גוטן פרײַנט, צו אסתרן? דאָס זײַנען געווען אַזעלכע געפילן, וואָס לאָזן זיך נישט אַרויסגעבן דורך ווערטער; זיי באַווײַזן זיך אַרויס נאָר דורך טרערן. זאָגנדיק אים „פאָר געזונט", האָט אסתר באַמערקט, ווי יאָסעלע פינטלט מיט די אויגן, באַ־האַלט דאָס פנים און הוסט־אונטער מיט עפּעס אַ משונה קוויטש, קוים אַרויסריידנדיק דעם „זײַ געזונט". יאָסעלעס אויגן זײַנען געווען באַפּײַכט מיט טרערן. מיט טרערן פון גליק. און האָבן געקוקט ווײַט, ווײַט, אויף יענע גרויסן, ברייטן וועג, וואָס איז אים פאַרגעשטאַנען אין זײַן לעבן.

---

## IX.

### מיצי דער חזן פאַרהערט אים זינגען און גייט אַרויס פון די כלים

ביז מען איז נישט אַריבערגעפאָרן די גרעבלי, דאָס הייסט, די גרענעץ פון דער שטאָט מאַזעפּעווקע, האָט זיך יאָסעלע נישט געגלויבט אַקוראַט, אַז ער פאָרט קיין טעטרעוועז. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַלע מינוט, זיך געהויבן פונעם אָרט און האָט אַלץ מורא געהאַט, טאָמער רופט מען אים אַהיים. אַ קשיא אויף אַ מעשה: דער שטיפמאַמע קאָן געפעלן און זי זאָל הייסן פאַרקערעווען צוריק. ערשט אָט דאָ, קומענדיק צו די ווינטמילן און דערזעענדיק דעם וואַלד וונדערוועיטן, האָט יאָסעלע דערפילט, אַז ער פּ אָ ר ט, און עס איז אים געוואָרן אויפן האַרצן אַזוי ווי אַ מענטשן, וואָס כאַפּט זיך אַרויס פון אַן ענגער פינצטערער טורמע אויף דער פרײַער לופט. קוקנדיק אויפן וואַלד, האָט זיך יאָסעלע דערמאָנט אין זײַן פרוזערדיקן גן־עדן, פון וועלכן מע האָט אים אַזוי מיאוס אַרויס־

געטריבן, און ער האָט שוין געלאַכט צו זיך אַליין: „אויך מיר אַן אַנטיק — דער וואַלד! אַ טייַערע מציאה! אַט טעטרעוועץ — דאָרט איז אַ וועלט!"... איין זאַך האָט יאָסעלע נישט פאַרשטאַנען: עס זיצן, אַן עין־הרע, אַ פולע בויד מיט ייִדן, אַלע פאָרן קיין טעטרעוועץ, און פון וואָס רעדט מען? פונעם יריד, פונעם פדיון און פון די מאַ־זעפּעווקער קונים! וואָס איז דאָס פאַר מינים ברואים פאַראַן אויף דער וועלט?!... טעטרעוועץ — אַזוי האָט זיך יאָסעלע פאַרגעשטעלט בײַ זיך אין קאָפּ — דאָס באַדאַרף זײַן אַ מין ערטל, וווּ אַלע זינגט און פרייט זיך, מענטשן גייען אַרום פראַנק און פרײַ, איינער מיטן אַנדערן אַרומ־גענומען. מע קריגט זיך נישט, מען עסט זיך נישט איינס דאָס אַנדערע לעבעדיקערהייט, ווי דאָ, אין מאַזעפּעווקע; מע האָט נישט אין זינען אַזעלכע פּוסטע געשעפטן: יריד, קונה, פדיון, פּרנסה. אַלע גייען אַרום זיך ציכטיק, ריין; די פּנימער שײַנען, די אויגן לײַכטן, עס איז אַ לעבן, ווי אין גן־עדן, פּונקט ווי דאָרטן, אויף יענעם אינדזל, וואָס ליגט אויף יענער זײַט ים אוקינוס, וווּ עס איז אַ גאַנץ יאָר זומער און וווּ מענטשן לעבן אייביק, לויט די מעשיות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון זײַנע חברים אין חדר... הײַנט גלאַט, אַן אַלעמען, איז דאָך דאָרטן מ י צ י! אַ קלייניקייט מ י צ י?!...

אין אַזעלכע מחשבות האָט יאָסעלע פאַרבראַכט דעם גאַנצן וועג, כמעט נישט באַמערקנדיק די אַלע דערפער מיט די שטעטלעך, וואָס מען איז איבערגעפאָרן אין דער גאַנצער צײַט פון דער נסיעה. יאָסעלע איז דערמיט געווען אָפּגעזונדערט, פאַרענדערט פון אַלע איבעריקע ייִנגלעך פון זײַן גראַד, וואָס ער האָט זיך תמיד געפונען נישט אויף דעם עולם; עפּעס האָבן אים זײַנע מחשבות מיט זײַן כּח־הדמיון שטענדיק געטראָגן אין דער לופטן, און אַלץ, וואָס ער האָט געזען, האָט בײַ אים געהאַט נישט אַזאַ פּנים, ווי בײַ אַלע אַנדערע ייִנגלעך. ער האָט מער געלעבט אין דמיונות, ווײַאַזוי. האָט ער עפּעס געהערט דערציילן, אַזוי פלעגט אים זײַן כּח־הדמיון אויסמאָלן מאָדנע־משונה זאַכן און בילדער. האָט ער עפּעס פאַרקלערט אַן עניו, אַזוי פלעגן אים די מחשבות פאַרטראָגן ווײַט אַהין, אין דעם עולם־הדמיון. אין דער צײַט, למשל, ווען ער פלעגט זיצן אין חדר גלײַך מיט אַלע ייִנגלעך איבער דער גמרא, אָדער אין שטוב איבער אַן אַרבעט, פלעגט ער גאָר בשעת מעשה נישט אין זינען האָבן

וואָס מע רעדט, אָדער וואָס מע טוט; זײַן נשמה איז געווען גאָר דאָרט ערגעץ, און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט אַלערליי מינים קולות און געזאַנגען. ער האָט געקאָנט אויסהערן אַ זאַך דרײַ מאָל און נישט פאַרשטיין איין וואָרט, און דערפאַר פלעגט ער, געוויינלעך, נישט איין מאָל כאַפּן אַ מיאוסן פּסק פון איטלעכן באַזונדער. אפילו אסתר, וואָס האָט געלעבט מיט אים, ווי אַ שוועסטער מיט אַ ברודער, פלעגט אים אָפט באַמערקן, אַז ער הערט נישט וואָס מע רעדט צו אים. דערפון איז גרינג צו פאַרשטיין, אַז מחמת ער האָט זיך יעדע זאַך פאַרגעשטעלט מער ווי עס איז, דערפאַר פלעגט דאָס אים נאָכדעם אויסווײַזן שוין צו פּשוט, זייער וואָלוול און אָפטמאָל נמאס ומאוס ווערן...

אויפן דריטן טאָג, גאַנץ פרי גאָר, האָט יאָסעלע דערפילט, ווי דער וואָגן טרייסלט זיך און עס קלאַפּט און עס טראַסקעט, ווי אויף שטיינער, און אַ שיינע פּאַנאָראַמע פון הויכע ווײַסע מויערן מיט געפאַרבטע אײַזערנע דעכער, מיט גרויסע שיינע הײַזער, אָרומגעזעצט מיט ביימער, האָט זיך צעשפּרייט און אַרויסבאַוויזן פאַר זײַנע אויגן. „אַפּנים, אָט דאָס איז טעטערעוועץ". — האָט יאָסעלע אַ טראַכט געטאָן, גלײַך ווי דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט.

— נעם דיר דײַן קלומעקל. — האָט אים דער שניטקרעמער אַ זאָג געטאָן, איבערגעבנדיק אים אַ פּאַטשיילע, וווּ עס איז געלעגן דאָס תפילין־זעקל, אַ סידורל, דאָס שבתדיקע קאַפּאָטקעלע, אַ פּאָר העמדלעך ווײַסע, מיט אַ פאַרדאַרט שטיקל ברויט, איבערגעבליבן פון די וועגשפּײַזן. — אָט דאָ, זעסטו, זיצט מיצי. קריך־אַראָפּ און זאָג אים פון מײַנעטוועגן, אַז ער זאָל דיך צונעמען, און, אם־ירצה־השם, מאָרגן גיי זיך דורך צו מיר אַהיים.

יאָסעלע האָט זיך פאַרנומען זײַן קלומעקל. די בויד איז אוועקגעפאָרן ווײַטער, און יאָסעלע איז געבליבן שטיין נעבן אַ גרויסן מויער, נישט וויסנדיק וווּהין צו גיין.

— וועמען דאַרפסטו, ייִנגעלע? — האָט אים אַ פרעג געטאָן עפּעס אַ ייִדענע, אַרויסשטעקנדיק אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ פונעם פענצטער, וואָס אינעם אונטערשטן עטאַזש.

— מיצין באַדאַרף איך, — האָט יאָסעלע געענטפערט גײַציק. רב מיצי דעם חזן.

— אט דא אף די טרעפּ, זײַ מוחל, אין דער רעכטער האַנט. — האט אים געענטפערט די ייִדענע, שמייכלענדיק.

יאסעלע האט זיך אראפּגעלאזט אראפּ, גאנץ נידעריק, אף אזוי פיל טרעפּ, — דאס ערשטע מאל אף זײַן לעבן — און איז אריינגעקומען פריִער אין א פינצטערן קארידאר און נאכדעם אין א גאנץ פײַנער שטוב מיט געפּארבטע פּאדלאגעס, מיט שיינע בענקלעך און מיט שפּיגלען, גאר גרויסארטיק, נאך יאסעלעס מיינונג דעמאלט, און ער האט דערהערט פון ערגעץ ארויסגיין זיסע קולות אלערליי: גראבע, גאר גראבע, מיטעלע, דינע און גאר קוויטשיקע, און אלע אינאיינעם זײַנען זיי עפּעס צונויפגעגאסן, צונויפגעשטעלט, ווי אין א הארמאניע, פּונקט אזוי ווי ער האט אמאל, שוין לאנג, געהערט אין מאזעפּעווקע, בשעת פּיצי האט דארטן געדאווענט מיט זײַנע אכצן משוררים. שפּעטער ווערן אלע קולות שטיל, און עס לאזט זיך הערן א געזאנג פון איינעם, א זיס־ריין געזאנג. דאס געזאנג ווערט וואס ווײַטער שטילער, נידעריקער, ביז עס ווערט פארשטארבן. יאסעלע שטייט אינמיטן שטוב, ווי צוגעקאוועט צום ארט, און זעט גארנישט פאר זיך דאס זעלבע ווײַבל וואס האט אים אנגעוויזן, ווו מיצי וווינט.

— גיין ארײַן אהינצו, אין יענעם חדר, אַז־א! — מאכט צו אים דאס ווײַבל, אנווײַזנדיק אים ווּהין. יאסעלע עפנט אויף די טיר און דערזעט פאר זיך א גאנצע חברה יונגעלײַט און קליינע ייִנגלעך: זיי שטייען אלע אויסגעשטעלט, ווי די סאלדאטן, קוקן ארײַן אין גרויסע ביכער, איינער פון דער חברה האלט א שטעקעלע אין האנט, און אויבנאן, אף א בענקל, זיצט א געווײַנלעכער ייִד מיט א געוויינלעך געל שפּיציק בערדל און מאכט צו אים, ווי א געוויינלעכער מענטש:

— וואס ווילסטו זאגן?

„שוין־זשע איז דאס טאקע מיצי אליין?“ — טראכט זיך יאסעלע און טוט א זאג:

— איך באדארף האבן צו מיצי דעם חזן; איך האב צו אים א גרוס איבערגעבן.

— א גרוס? — פרעגט אים מיצי. — פון וועמען איז?

— טאקע פון א היגן שניטקרעמער; איך בין מיט אים אינאיינעם געקומען צו פארן אהערצו.

— פון א היגן שניטקרעמער? — מאַכט מיצי. — וואָזוי זשע רופט מען אים?

— וואָזוי רופט מען אים? — ענטפערט יאָסעלע. — אַ־ווא, איך האָב גאָר פאַרגעסן אַ פרעג טאָן אים, וואָזוי ער הייסט און ווו ער זיצט.

ווי אַ זאַלפּ פון עטלעכע האַרמאַטן מיט אַ מאָל — אַזאַ מין געלעכטער האָבן אויסגעשאָסן די גאַנצע חברה משוררים, און מיצי אַליין האָט זיך אויך צעלאַכט, באַטראַכטנדיק יאָסעלען, אין זײַן פאַרצווייפלטער לאַגע, ווי ער שטייט זיך אַזוי מיטן פּעקל אין האַנט. דאָס קאַפּאָטקעלע צעפּליקט, געלאַטעט, די שטיוועלעך אויסגעדרייט און צעהאַקט, דאָס קאַרטוזל — אַנגעוואָרן דעם קאַזעראָק מיטן גאַנצן פּאַסאַן, נאָר דאָס פּנימל שיין, די האָר געקרײַזלט און די גרויסע קאָרע אויגן לײַכטן און בלישטשען, ווי מיט אַ פּײַערל אין זיי.

— זאָג מיר נאָר, ווער ביסטו און פון וואַנען קומסטו אָן? — האָט אים מיצי אַ פרעג געטאָן מיט אַ פרײַנטלעך שמייכעלע.

— איך בין יאָסל, שמואליק דעם חזנס זון פון מאַזעפּעווקע. — ענטפערט אים יאָסעלע גאַנץ תקיפדיק. — מיך האָט אַהער געבראַכט אַ היגער שניטקרעמער, אונדזערער אַ באַקאַנטער, צו מיצי דעם חזן באַשטעלן פאַר אַ זינגערל.

— אַזוי די מעשה? — מאַכט צו אים מיצי. — נו, לייג זשע אַנידער דאָס פּעקל, און קום אַהער נענטער, לאָמיר דיך אויסהערן זינגען.

תחילת האָט אים מיצי אַ פּרוּוו געטאָן, צי ער קען נאָטן; נאָכדעם, זעענדיק, אַז ער ווייסט נישט מיט וואָס מען עסט דאָס, האָט ער אים געהייסן, ער זאָל אים גלאַט אַזוי עפּעס אַ זינג טאָן. יאָסעלע האָט געמיינט, אַז מע באַדאַרף טאַקע עפּעס „זאָגן אַ זאַך", האָט ער גענומען זינגען אַ גאַנץ שטיק פון דער ראש־השנהדיקער שמונה־עשרה. לכתחילה האָבן די חברה משוררים זיך פאַרשטעלט מיט די הענט די מײַלער, מע זאָל נישט זען, ווי זיי לאַכן; וואָס ווײַטער איז דער געלעכטער געוואָרן קלענער, די פּנימער זײַנען געוואָרן ערנסטער, און מע האָט זיך אָנגעהויבן איבערקוקן איינס מיטן אַנדערן פאַרוווּנדערט, גאָרנישט פאַרשטייענדיק, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין זינגען — עפּעס נישט קיין געוויינלעכע שטימע! מיצי האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אויף דער האַנט,

אויפגעעפנט דאָס מויל און אויסגעשטעלט אַף יאָסעלען די אויגן, גלײַך ווי ער וואָלט אים וועלן אײַנשלינגען, ווי ער שטייט און גייט. זינט מיצי האָט צו טאָן מיט זינגערס, האָט ער נאָך אַזאַ מין זינגען נישט געהערט און זיך אפילו קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט אין דער מחשבה. יאָסעלע האָט נישט געזונגען, צולייגנדיק כח, ווי אַנדערע, נישט געשריגן, נישט געריסן דעם האַלדז, נאָר עס האָבן זיך אַליין ארויסגעגאָסן פון זײַן האַלדז אַזעלכע זיסע, אײַנגענעמענע ווייכע קולות, ארויסגייענדיק פונעם האַרצן, פון דער נשמה, און דערלאַנגענדיק טיף־טיף אין ביין אַרײַן; דערבײַ האָט זיך באַ אים, אין זײַן זינגען, ארויסבאַוויזן אויך פיל בריהשאַפט, אריבערפאַלנדיק פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרויף און צעשיטנדיק זיך אין אַזעלכע ווילדע טרעלן, אַז אַלע זײַנען געבליבן פאַרשטיינט, נישט וויסנדיק, פונוואַנען נעמט זיך דאָס באַ אים! אַז יאָסעלע האָט אויפגעהערט צו זינגען, האָט זיך מיצי אויפגעכאַפּט פונעם בענקל, און האַלטנ־דיק זיך מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ, האָט ער אָנגעהויבן אַרומלויפן איבער דער שטוב, ווי אַ משוגענער, שרײַענדיק: „אײ־אײ־אײ־אײ!"

— זאָג נאָר, ווער ביסטו? פון וואַנען ביסטו? וועמענס ביסטו?

— איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, — מאַכט יאָסעלע בתמימות — אַז איך בין י אָ ס ע ל ע ש מ ו א ל י ק ס פ ו ן מ אַ ז ע פּ ע ו ו ק ע; איך בין געקומען צו אײַך זיך באַשטעלן פאַר אַ משורר.

— פאַר אַ משורר? — האָט מיצי געשריגן — אײ־אײ־אײ! פאַר אַ משורר, זאָגסטו? מירל! מירל! קום נאָר אַהער, מירל!

אַף דעם געשריי איז אַרײַנגעקומען טאָקע יענע ווײַבל, וואָס האָט אָנגעוויזן יאָסעלען, ווו מיצי וווינט, און מיצי, אָנווײַזנדיק מיט דער האַנט אַף יאָסעלען, האָט זיך צעשריגן אַף קולי־קולות.

— זעסטו אָט דאָס יינגל? דאָס איז דעם מאַזעפּעווקער חזנס אַ זון. דאָס איז ער געקומען אַהער צו מיר זיך באַשטעלן פאַר אַ משורר. זינט איך לעב, זינט איך געפין זיך צווישן חזנים, האָב איך נאָך אַזאַ מין שטימע נישט געהערט. מירל, ס'עקט זיך די וועלט, ס'איז עק! עק, זאָג איך דיר! הער נאָר אויס, יאָסל רופט מען דיך? — האָט אים מיצי געזאָגט, אַ זעץ טוענדיק אים איבער די פּלייצעס. — יאָסעלע, איך נעם

דיך צו! דו בלייבסט בא מיר בלייבסטו! מירל, מע דארף אים מאכן אן אנדער קאפאטקעלע, אנדערע מלבושימלעך... האסט אים באדארפט הערן זינגען, מירל. וואס זאל איך דיר זאגן? עק — און גענוג!

---

## X.

## א ניי ארט, נייע מענטשן, נייע צרות

טעטרעוועץ — דאס איז געווען א נייער גן־עדן פאר יאסעלען די ערשטע צייט. קודם־כל האט ער זיך דערפרעגט צו דער שול, און אריינקומענדיק אהין דאס ערשטע מאל, האט ער זיך פארגעשטעלט, אז ער איז אין בית־המקדש. באטראכטנדיק די מוראדיקע הויכע געמאלטע סטעליע מיט די געקינצלטע ווענט, אף וועלכער דער מאלער האט נישט געזשאלעוועט קיין פארב און האט אויסגעמאלט אלערליי בילדער, אינסטרומענטן, עפל, בארן, גרינע אוגערקעס און צעשניטענע רויטע קאווענעס, וואס בעטן זיך אין מויל אריין, וכדומה נאך אזעלכע בריהשאפטן, — האט זיך יאסעלען אויסגעוויזן, אז דערמיט עקט זיך שוין די וועלט און קיין בעסערס און שענערס דערפון קאן שוין גאר נישט זיין. און ווער שמועסט דעם ערשטן שבת, ווען מיצי האט זיך אוועקגעשטעלט דא מיט זיינע אלע משוררים, און יאסעלע אויך בתוכם, און דאס כאר האט א זעץ געטאן דעם „מה־טובו" מיטן געוויסן נוסח פון אלע כאר־שולן, האט יאסעלע געפילט, ווי א פראסט גייט אים איבער איבערן לייב און עס שטעלן זיך אים אויף די האר איינציקווייז. צעלאזנדיק זיך נאכדעם אף זיין העלדזל, האט ער כמעט אליין נישט דערקענט זיין קול — אזוי דאט דאס געקלונגען אין דער דאזיקער שיינער הויכער שול. אויסערדעם, איז בא אים געווען אלץ, וואס ער האט געזען, א נייס. די ערשטע צייט האט ער ארומגעשפאנט איבער דער שטאט מיט א פארריסענעם קאפ ארויף, צוהאלטנדיק זיך דאס היטעלע, עס זאל נישט אראפפליען, און פון יעדער זאך איז ער געווארן נתפעל. עס האט אים פארדראסן איין זאך: וואס אסתר איז דא נישטא און זעט נישט די אלע חידושים, וואס ער זעט.

זײַן האַרץ איז אים געווען פֿול מיט דאַנקען און מיט ליבעניש צו השם יתברך, וואָס ער האָט אים געבראַכט אַהערצו בשלום.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז שפּעטער, מיט דער צײַט, האָט טעטרעװעץ אָנגעהויבן אָנצוװערן דעם גלאַנץ מיט דער שיינקייט אין זײַנע אויגן, דען ער איז צו דעם אַלעמען געוווינט געוואָרן. חוץ לזה האָט ער פֿאַרזוכט דאָ די אייגענע צרות, וואָס אין מאָזעפּעווקע, נאָר אויף אַן אַנדער אופֿן.

ווי מיצי איז געווען צו אים היים און צוגעלאָזט, אַזוי איז צו אים מיציכע געווען קאַלט און פֿרעמד, האָט געקוקט אויף אים קרום, און שפּעטער איז זי זיך מיט אים באַגאַנגען כמעט אַזוי, ווי אינדערהיים די שטיפֿמאַמע זײַנע... נאָר דאָס האָט יאָסעלען נישט אַזוי אויסגעמאַכט, ווי די יסורים, וואָס ער האָט נאָכדעם געהאַט פֿון זײַנע נײַע חברים די משוררים. דאָס איז געווען אַ חבֿרה פֿון אַלערליי מענטשעלעך, צונויפֿגעקליבענע בחורימלעך פֿון אַלע מיסטן און צונויפֿגעלאָפֿענע פֿון אַלע מײַזנלעכער. זעלטן האָט זיך געפֿונען צווישן זיי אַ לײַטיש יִנגל, אַ „טאַטנס אַ קינד", און מײַנסטנטייל — לײדיקע פּוסטע בחורים און מוראַדיקע ריכלותניקעס. פֿאַר גרויס קנאה האָבן זיי יאָסעלען נישט געקאָנט סובל זײַן, אים אָפּט געמסרט פֿאַר מיצין, געגראָבן, געטישטערט אויף אים, אויסנאַרנדיק בײַ אים, וווּ ער האָט געהאַט ערגעץ אַ גראָשן. געלט פֿלעגט יאָסעלע באַקומען גאַנץ אָפֿטלעך פֿון יענעם שניטקרעמער, וואָס האָט אים געבראַכט אַהער. אויך פֿלעגט אים דער דאָזיקער שניטקרעמער — בנצי לייבצים האָט ער געהייסן —— פֿאַררופֿן צו זיך אַמאָל אויף שבת, אָדער אויף אַ יום־טובֿ, מקרבֿ זײַן אים זייער און ברענגען אים דרײַ מאָל אין יאָר אַ הערצלעכן גרוס פֿון דער היים, קומענדיק פֿון יריד. די דאָזיקע גרוסן זײַנען בײַ יאָסעלען געווען נאָך מער אָנגעלייגט פֿון אַ גוטן וואַרמעס און פֿון געלט; און ווער שמועסט, אַז בנצי לייבצים פֿלעגט אים נאָך ברענגען אַ בריוול פֿונעם טאַטן, איז דאָס געווען בײַ יאָסעלען גאָר אַ גרויסע מתנה. אויף די בריוולעך פֿלעגט ער אָפּענטפֿערן, אַז ער איז, ברוך־השם, בחיים ושלום און גייט בדרך הישר; ער היט־אָפּ דעם טאַטנס געבאָט, נישט אַראָפּ חלילה פֿונעם גלײַכן וועג, און פֿירט זיך גאַנץ ייִדישלעך, פּונקט אַזוי ווי אינדערהיים, נישט געמינערט קיין האָר. גייט אַלע טאָג אין בית־המדרש אַרײַן דאַווענען און „זאָגט תהילים".

אויך לערנט ער זיך צו שרייבן און פאָלגט אויס אַלצדינג, וואָס דער טאַטע האָט אים אָנגעזאָגט פאַר זיין אַוועקפאָרן. ער האָפט, אַז ער וועט, אם־ירצה־השם, קומען אַהיים בשלום זיך זען באַשיינפּערלעך, גיב גאָט מיט פרייכלעכע הערצער און מיט פיל נחת — אָמן! דערביי בעט ער לאָזן גריסן פון זיינעטוועגן להצנועה מרת זלאַטע שתחיה, און אויך איר טאָכטער אסתר לעב...

דערמאָנענדיק זיך אָן אסתרן, פלעגט אים ציען דאָס האַרץ צו איר, אַליין נישט וויסנדיק וואָס דאָס באַדייט. עפּעס איז אים אסתר געווען איינגעבאַקן אין האַרצן, טאַקע נאָר ווי אַן אייגענע שוועסטער, און חוץ דעם טאַטן, האָט ער נאָך קיינעם אַזוי נישט געבענקט, ווי נאָך איר. עס פלעגט אים צוקומען אַ שטיק געזונט, בשעת בנצי לייבצים פלעגט אים איבערגעבן אַ גרוס פון איר, מיט איר אייגענער האַנט צו־געשריבן. יאָסעלע פלעגט די ווערטער אירע אַ מאָל צען איבערלייענען און צוקוועטשן זיי צום האַרצן שטאַרק, ווי מע קוועטשט צו אַ קליין קינד, וואָס איז טייער און ליב... פּונקט אַזוי, ווי עס האָט אים אַמאָל געצויגן פון מאַזעפּעווקע קיין טעטרעוועץ, אַזוי האָט דאָס אים אַצינד אָנגעהויבן ציען צוריק, נאָך מיט מער שטאַרקייט, און ווען מיצי זאָל אים נישט געווען צוהאַלטן און אים וועלן אָפּלאָזן פון זיך, וואָלט ער אפשר שוין געפאָרן אַהיים. מיצי האָט אים אָבער זייער ליב געהאַט, זיך אַרומגעפירט מיט אים, ווי מיט אַן אבן־טוב, באַוויינזנדיק איטלעכן באַ־זונדער, וואָס פאַר אַ מין זינגערל ער האָט. „טאַקע נאָר באַ מיר קאָן זיך אַזעלכעס געפינען! — פלעגט מיצי זאָגן. — איך, אַז איך וויל נאָר, קאָן איך מאַכן יענעם פאַר אַ לייט!"...

דאָס האָט געהערט איינער פון אַמאָליקע מיצים משוררים, גדליה באַס האָט מען אים גערופן, און איז געוואָרן אַף מיצין מלא רציחה. גדליה באַס איז שוין אַליין געווען ערגעץ חזן. ער איז איינמאָל דורכ־געפאָרן פאַרביי טעטרעוועץ, און, ווי געוויינלעך אַ גוטער פריינט, איז ער זיך דורכגעגאַנגען צו מיצין — פאַרט געגעסן פון אים אַמאָל ברויט — און האָט דאָרטן דערהערט יאָסעלען זינגען און איז שוין מער פון אים נישט אָפּגעטרעטן אַף קיין מינוט. גדליה האָט אַלץ געטשאַטשעוועט, ווי דערטאַפּט מען יאָסעלען אַליין, און נאָכשפּירנדיק אַזוי לאַנג, האָט ער אים זאַסטעמפּעט באַ בנצי לייבצים אין שטוב און האָט אים דאָרטן

גענומען צו דער אַרבעט, פּריִער פּאַוואָלינקע, אויספּרעגנדיק בײַ אים אַלצדינג, וואָס אים פּאַסט, און נאָכדעם האָט ער אים אָנגעהויבן דורכ־נעמען מיט רייד, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז ער האָט אים אַרויפגעפירט דערויף, אַז ס'איז פאַר אים מער קיין פּלאַן נישט צו זינגען בײַ מיצין אומזיסט, און דערצו נאָך זײַן בײַ מיציכען אַ משרתל.

— אַזאַ רציחה הערט זיך נישט אין דער האַלבער וועלט! — האָט גדליה באַס געטענהט איבער יאַסעלען. — מע זאָל נעמען אַ קינד און מאַכן דאָס פאַר אַן עבד־כנעני, אַ פּאַדאַנע אומזיסט, און זיך נאָך באַ־רימען פאַר איטלעכן באַזונדער מיט אַ פרעמדן האַלדז, אַזוי, אַז עס שלאָגט צו דער גאַל הערנדיק! און חוץ אַלע זאַכן, גיי זײַ אַ משרת בײַ מיציכען — אַזאַ עזות! רב שמואלס אַ זון! אַ ווערטעלע אויסצורײדן? איך קען דען נישט דעם טאַטן דײַנעם? ווער קען נישט רב שמואלן, דעם מאַזעפּעווקער חזן? אַ שיינע מעשה! וואָס איז, ביסט אַן כּלים? אַן אַ האַלדז? צי דו פאַרשטייסט נישט קיין גאָטן? איך מײן טאַקע אַן ליצנות! איך האָב פאַר דיר אַן אָרט, נאַרעלע, אַזאַ אָרט, וואָס דײַן טאַטע אַליין וועט זאָגן, אַז ס'איז אַ גליק פאַר דיר. איך זאָג — אַן אָרט; וואָס טויג דיר אַן אָרט? דו ביסט אַליין אַן אָרט; דו ווייסט דאָס כאָטש, צי ניין? פרעג מיך, נאַרעלע, וועל איך דיר זאָגן!

און גדליה באַס מאָלט אויס יאַסעלען, וואָס פאַר אַ גליק פאַר אים איז, ווען ער וואַרפט אַוועק מיצין און פאָרט אַרויס אויף דער וועלט מיט אים, מיט גדליהן, אַזוי ווי יענע יינגעלע, אַזוי ווי א ר ק ע פ י ד ע ל ע, ד אָ ס ו ו י ל נ ע ר ב ע ל ־ ה ב י ת ל וכדומה אַזעלכע וועלט־חזנים, וואָס האָבן זיך קונה שם געווען. בײַ יאַסעלען אין דער מחשבה שטייען אויף די אַלע שיינע בילדער פון אַמאָל, און ער איז פאַרטיק מיט לײַב און לעבן זיך איבערגעבן צו גדליהן — אַזאַ וווילער, ערלעכער, געטרײַער מענטש!

— איין זאַך וועל איך בײַ אײַך בעטן, רב גדליה! — מאַכט צו אים יאַסעלע.

— זאָג מײַן קינד.

— איך וויל פריִער זיך דורכפאָרן אַהיים, צו מײַן טאַטן און צו מײַנע פרײַנט.

— אַך, ס'טײַטש, ווי דען איז אַנדערש? — ענטפערט אים גדליה

באַס. — אַ שיינע מעשה! ס'טײַטש, ווי דען? כּבוד־אָב! ע, הערסטו, ביסט נאָך גאָר אַ קינד, ווי איך זע אַרויס פון דײַנע רייד. ווער קאָן דען זײַן נענטער פון אַ טאַטן?

מיט די דאָזיקע ווערטער נעמט אים גדליה באַס אַזוי שטאַרק, אַז יאָסעלע פּועלט בײַ זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל: מע באַדאַרף פאַרן אַהיים! גענוג זיך אָפּגעוואַלגערט אין דער פרעמד — דרײַ יאָר, שוין צײַט, כ'לעבן.

בײַ זײַן געזעגענען זיך מיט מיצין און מיט אַלע משוררים איז געווען אויך גדליה באַס און האָט געשטראָפט יאָסעלען, פאַרוואָס ער וואַרפט אַוועק אַזאַ טײַער אָרט, און האָט אים געגעבן אַן עצה, ווי אַז איינגענער טאַטע, אַז ער זאָל פון דער היים ווידער קומען אַהער, וואָרעם דאָס איז זײַן תכלית, דאָ האָט ער ביז צו ווערן אַ מענטש... מיצ'ין האָט יאָסעלע באמת באַנג געטאָן, ווי אַן אייגן קינד זײַנס. ער האָט אים אַרומגענומען און געקושט אים, בענטשנדיק, ער זאָל קומען געזונטער־הייט אַהיים און גריסן דעם טאַטן זײַנעם אומבאַקאַנט.

— גאָר פרײַנטלעך! — האָט יאָסעלע געזאָגט, אַרײַנשפּרינגענדיק אין וואָגן אַרײַן צווישן נאָך אַ סך פאַרשוינען און אײַנמעסטנדיק זיך דאָרט אויף צוויי־דרײַ טעג פאַרעכטס. — זײַט געזונט! זײַט געזונט! — האָט ער זיך נאָך עטלעכע מאָל אָפּגעזעגנט, אַרויסשטעקנדיק דעם קאָפּ פון דער בויד, און דער צוג האָט גערירט פונעם אָרט, קלאַפּנדיק און טראַסקענדיק איבער די געברוקירטע גאַסן און קלינגענדיק מיט די גלעקלעך: „דזין־דזין־דזין!" יאָסעלע שפּרינגט אַזש אונטער אויפן אָרט פאַר גרויס שמחה, וואָס ער פאָרט אַהיים. דאָס קלאַפּן, דאָס טראַסקען מיטן קלינגען פאַרשלעפערן אים, און זײַנע מחשבות טראָגן אים אַוועק אַהין, סיין מאַזעפּעווקע, אַהיים, אַהיים!...

# XI.

## יאָסעלע קומט צו פאָרן, און מאַזעפּעווקע חידושט זיך: „וואָס אַ גרויסע שטאָט קאָן מאַכן!"

עס איז פאַראַן איין זאך נאָר, וואָס די מאַזעפּעווקער ייִדן קאָנען עס נישט פאַרשטיין: עס וואונדערט זיי תמיד, פאַרוואָס איז דאָס, וואָס יעדער, ווער עס כאַפּט זיך נאָר אַרויס פון דאָרט און לאָזט זיך אַוועק אויף דער וועלט, קערט זיך אום צוריק גאָר אַן אַנדער מענטש? איטלעכער באַזונדער קוקט אויף אים און קוועלט און ווערט נתפּעל: „דאַכט זיך, וואָס? דער אייגענער — און פאָרט נישט דאָס, וואָס פריִער! איר געדענקט אים כאָטש, ווי ער איז אַרומגעגאַנגען אַ באָרוועסער? גאָטס וואונדער! וואָס אַ גרויסע שטאָט קאָן מאַכן!"

באַטראַכטנדיק שמואליק דעם חזנס בחורל, יאָסעלען, בשעת ער איז אָנגעקומען צוריק פון טעטרעוועץ נאָך זײַן אָפּזיצן דאָרט דרײַ יאָר נאָכאַנאַנד, האָט מען זיך אין מאַזעפּעווקע שטאַרק געחידושט, גאָרנישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָזוי אַרבעט זיך עס אויס אַ ייִנגל אין אַזאַ קליינער צײַט! יאָסעלע דאָס ייִנגל האָט זיך איבערגעביטן און איז געוואָרן יאָסעלע דאָס בחורל. ער איז געוואָרן אַ גאַנצער מענטש, אַ בר־דעת, כאָטש ער איז מער נישט אַלט געווען דעמאָלט, ווי אַ יאָר זעכצן. עס איז געווען אַ פאַרגעניגן אויף אים אַ קוק צו טאָן. — „וואָס אַ גרויסע שטאָט קאָן מאַכן!" — אַלע האָבן געוווּסט, אַז שמואליק האָט אַוועקגעשיקט זײַן זונדל צו מיציון פּאַר אַ משורר; נאָר קיינער האָט זיך נישט געריכט, אַז פון יאָסעלען, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג אַרומגעטראָגן שלח־מנות, זאָל ווערן אַזאַ מענטש, ער זאָל זיך אַזוי איבערבײַטן. און אַז ווילד־פרעמדע האָבן אַזוי אָנגעקוועלט פון אים, הײַנט ווי האָט באַדאַרפט אָנקוועלן שמואליק אַליין? שמואליק איז בשעת מעשה, ערב שבת, געווען אין מרחץ, ווען מע האָט אים אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז זײַן זונדל איז געקומען צו פאָרן פון טעטרעוועץ. ער האָט אַ וואָרף געגעבן דאָס בעזעמל מיטן שעפל, זיך געשווינט אָנגעטאָן, און קומענדיק אַהיים אַן אָפּגעשמיסענער און אַן אויסגעצוואָגענער, האָט ער פריִער

געוואַשן די הענט און ערשט נאָכדעם צוגעטראָגן יאָסעלען דעם שלום־עליכם, אַרומגענומען, צעקושט זיך מיט אים און גענומען באַטראַכטן זײַן זון פֿונעם קאָפּ ביז די פֿיס. יאָסעלע האָט זיך אין די דרײַ יאָר „אַ כאַפּ געטאָן אַף די פֿיס״, ווי מע זאָגט. ער איז פֿון תּמיד אָן געווען נישט קיין מיאוס קינד, געהאַט שיינע קאַרע אויגן און געווען אַ קלוג ציקאַווע ייִנגעלע; נאָר מחמת גרויס אָרעמקייט און דחקות איז ער געווען תּמיד אַ גרינער, אַ פֿאַרוואַגלטער, אַ דערהרגעטער, ווי אַ סך ייִנגלעך אין מאַזעפּעווקע פֿון זײַן גראַד. אַצינד אָבער האָט זיך יאָסעלע, ווי עס ווײַזט אויס, דאָרט בײַ מיצין אין טעטערעווקע גוט אויסגעפּאַשעט; ער האָט באַקומען רויטע בעקעלעך און זייער אַ פֿריילעך אויסזען. דערצו איז ער געווען מלובש ווי נאָך קיינמאָל נישט בײַ זײַן טאַטן. שמואליקס האַרץ האָט זיך געפֿרייט קוקנדיק אַף יאָסעלען, און ער האָט זיך געוווּנדערט גלײַך מיט אַנדערע: „וואָס אַ גרויסע שטאָט קאָן מאַכן!״...

— וואָס־זשע מאַכסטו גוטס? — האָט אים שמואליק אַ פֿרעג געטאָן, צוזעצנדיק זיך מיט אים בײַ איין טיש און באַטראַכטנדיק יאָסעלען מיט זײַן שיין קאַפּאָטקעלע, מיט די רויטע בעקעלעך און מיט די אויסגעקעמטע פּאָהלעך.

— וואָס־זשע מאַכסטו עפּעס, טאַטע? — האָט אים יאָסעלע געענטפֿערט צוריק מיט אַ שאלה, ווי דער שטייגער איז. יאָסעלע האָט זיך נאָך קיינמאָל נישט אַזוי ציקאַווע אויסגעשמועסט מיטן טאַטן, ווי אַצינד, און שמואליק האָט אַ קוק געטאָן אַף זײַן זון, ווי פֿאַרוווּנדערט: יאָסעלעס ציקאַוועקייט האָט אים לכתּחילה אויסגעוויזן אַ ביסל פֿריקרע; ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט פֿון אים אַזעלכע ווערטער.

— וואָס איז שײַך, עט, ווי געוויינלעך. — האָט אים שמואליק געענטפֿערט, אַרויפֿכאַפּנדיק אַף זיך די זײַדענע שבתדיקע קאַפּאָטע און קלײַבנדיק זיך אין קלויז אַרײַן. — וואָס מאַכט דאָרטן עפּעס מיצי?

— וואָס מיצי מאַכט? — האָט יאָסעלע אויסגעצויגן אַף אַ קול, ווי אַ גרויסער. — הלוואי אַף דיר געזאָגט געוואָרן כאָטש האַלב!

באַטראַכטנדיק דעם טאַטן, ווי ער איז אין די דרײַ יאָר אַזוי פֿאַרעלטערט געוואָרן, גרוי און אײַנגעבויגן, דאָס פּנים געקנײַטשט און די גרויסע קאַרע אויגן אויסגעלאָשן, — האָט בײַ יאָסעלען דאָס האַרץ געוויינט אינעווייניק און ער איז אין דער מינוט גרייט געווען אַוועקצו־

געבן פארן טאטן דאס לעבן מיט דער נשמה. שמואליק פון זײַן זײַט איז געווען אזוי צעטראָגן פאר שמחה, אז ער האט זיך מיט דער שבתדיקער קאפאטע אװעקגעאמפערט א היבשע װײַלע, ביז ער האט קוים געפונען די ארבל. אויך שמואליקס װײַב, דערזעענדיק יאסעלען, איז געבליבן שטיין אינמיטן שטוב פארגאפט, װי איינער רעדט: „װאס זאגסטו אף דײַן טאטן? א גאנצער מענטש געװארן!"...

שמואליק איז פון יאסעלעס קומען אזוי צעטראָגן געװארן, אז ער איז, ריידנדיק מיט אים, פארקראכן גאר אין זײַטיקע שמועסן מכח טעטערעװוצער בעלי־בתים און מכח טעטערעװוצער גאסן און הײַזער, װאס זײַנען אים געלעגן אין דער לינקער פאה. יאסעלע האט געמיינט, אז דער טאטע אינטערעסירט זיך באמת אזוי מיט דער שטאט טעטערעװקע, האט ער אים מיט גרוים התפעלות אויסגעמאלט די גרויסע גאסן די ברוקירטע, מיט די גרויסע מויערן, װאס דער קאפ דרייט זיך אזש קוקנדיק אף זיי, און די אלע איבעריקע חידושים דארטן. און שמואליק, באטראכטנדיק יא־סעלען, װי ער מאכט מיט די הענט, און אײַנהערנדיק זיך אין יעדן װארט, װערט אקארשט נישט צעגאנגען פאר גרוים תענוג. פלוצים האט זיך שמואליק א כאפ געטאן: „אי־װיי, שוין נאך ליכטבענטשן! ס'איז שוין צײַט גיין אין שול אריַין!

די שטאט איז, געװיינלעך, באלד געװאר געװארן פונעם נײַס, אז שמואליק דעם חזנס זונדל איז געקומען פון טעטערעװעץ. תיכף, װיבאלד מע האט אפגעדאװנט מעריב, האט מען זיך אנגעהויבן שטופן צו שמואליקן אים זאגן: „גאט ליב אײַך מיט אײַער גאסט!" און יאסע־לען אפשטעקן שלום־עליכם, באטראכטנדיק אים בשעת מעשה, װאס פאר א פנים ער האט. די פארנעמסטע בעלי־בתים פון שטאט, די נגידים, האבן זיך אויך אפגעשטעלט ריידן מיט שמואליקן, אויספרעגן אים אף זײַן זונדל, װוּ ער איז געװען, װאס האט ער געטאן, און צי איז ער אהער אף לאנג געקומען, און װאס קלערט ער צו טאן װײַטער? דערבײַ האט זיך איינער פון די נגידים, רב אלטער פעסים, א זאג געטאן:

— א יושר װאלט געװען, רב שמואליק, אז אײַער זונדל זאל זיך דורכגיין צו מיר, אם־ירצה־שם, מארגן נאך הבדלה, בלי נדר שבת, א ביסל א זינג טאן, װעלן מיר הארכן. עפעס זאגט מען אז ער זינגט גאר קיין מעשה נישט.

— וואָס איז שייַך, אַ זינג טאָן? מהיכא תיתי! — האָט שמואליק אַ זאָג געטאָן, באַטראַכטנדיק יאָסעלען, ווי ער שייַנט פון די שלום־עליכמס, וואָס ער באַקומט פון אַלע זייַטן.

— און איך וואָלט געזאָגט, אַז אייַער זונדל זאָל אונדז מאַרגן שענקען אַ מוספֿל, — האָט זיך אָנגערופֿן אַ יונגערמאַן, — בענטשן ראש־חודש. מע זאָגט, אַז ער דאַוונט שוין אויסגעצייכנט פֿאַרן עמוד. אײַזיק־בערל־פייגעס איז געפֿאָרן מיט אים אין איין בויד, דערציילט ער זיך אַז פֿון זייַן זינגען און זאָגט, אַז ער באַדאַרף הייַנט קאָנען דאַוונען, וואָס איז גאָר אַ חידוש!

— טאַקע, אדרבה, כ'לעבן! — האָבן אונטערגעכאַפּט עטלעכע בעלי־בתים. — טאַקע אַ יושר, ער זאָל אונדז דאַוונען! הייסט אים, רב שמואליק! וואָס קאָן עס אייַך אַרן? עס קאָסט אייַך געלט?

—טאָ! — האָט שמואליק אַ זאָג געטאָן, קוקנדיק אויף זייַן יאָסעלען, און דער עולם איז זיך צעגאַנגען פֿון שול.

* * *

זלאַטע מיט אסתרן האָבן זיך יענעם פֿרייַטיק פֿאַרשפּעטיקט אין קלייט, און קומענדיק אַהיים, האָבן זיי פֿון די קינדער, פֿון אפֿרימען מיט מנשהן, דערהערט די גוטע בשורה, אַז יאָסעלע איז געקומען פֿון טעטרעוועץ. „זאָלסט זען, מאַמע, ווי יאָסעלע איז אויסגעוואַקסן! — האָבן אפֿרים מיט מנשהן דערציילט בײדע אינאיינעם. — „געוואָרן אַזאַ גרויסער, סכנות!” בײַ זלאַטען איז די בשורה געווען זייער אָנגעלייגט, און בײַ אסתרן — נאָך מער; זי האָט זיך אויף דער גיך רייַן אָפּגעוואַשן, זיך אָנגעטאָן שבתדיק, דאָס הייסט, מיט אַ פּשוט, נאָר אַ רייַן ציכטיק מלבוש, וואָס האָט פֿון ריינקייט און ווייַסקייט אויף איר געפֿינקלט, געשעמערירט און געזונגען. אסתר האָט נישט געהאַט די טבע פֿון אַלע מאַזעפּעווקער מיידלעך, וואָס האָבן ליב זיך אויסטראַצלען, באַהענגען זיך מיט שמאַטעס, אָרומשמעקן זיך מיט שמאַכטעס אַלערליי, אַרויפּציִען אויף זיך דעם רוח, ווי די מאָדע איז דאָרטן. צווישן די מאַזעפּעווקער אויסגעטראַצלטע באַהאָנגענע מיידלעך און אויסגעשלייערטע, אויסגעפּוצטע ווייַבלעך, איז אסתר געווען די איינציקע, וואָס די מאָדע האָט זי נאָך נישט באַרירט.

דערזעענדיק דורך די פענצטער, אַז דער עולם גייט שוין פון די שולן, זײַנען זלאַטע מיט אסתרן אַרויסגעגאַנגען מקבל־פּנים זײַן יאָסעלען און זאָגן שמואליקן: „גאָט ליב אײַך מיט אײַער גאַסט". עס איז געווען אַ ליכטיקער פרײַטיק־צו־נאַכטס, זומערלעבן. אַ פּאָר וואָכן נאָך שבועות, אין דער צײַט, ווען אַפילו די געוויסע מאַזעפּעווקער בלאָטע, וואָס שמט אַף דער וועלט, ווערט אויך אויסגעטריקנט, ווען אַפילו אין מאַזעפּעווקע פאַרטראָגט דאָס ווינטל אַ געשמאַקן ריח פון גרין גראָז און פון פרישע בלעטלעך מיט אַ ווײַטן געזאַנג פונעם סאָלאָוויי, וואָס האַלט זיך אויף אינעם מאַנאַסטירסקי גאָרטן... אסתר האָט נאָך פון דערווײַטנס דער־קענט יאָסעלען, און דאָס האַרץ האָט איר אָנגעהויבן צו קלאַפּן, צוען זיך צו אים. שמואליק האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָפּגעגעבן זלאַטען מיט אסתרן דעם „גוט שבת", און זיי האָבן אים געזאָגט: „גאָט ליב אײַך מיט אײַער גאַסט!" שמואליק האָט דערציילט זלאַטען דעם כבוד, וואָס יאָ־סעלע האָט הײַנט געהאַט פון די בעלי־בתים, וואָס ווילן, ער זאָל זיי מאָרגן, אם־ירצה־שם, דאַווענען מוסף. און יאָסעלע האָט זיך בשעת מעשה צוגערוקט אַ ביסל נענטער צו אסתרן, באַטראַכטנדיק זי בײַ דער האַלב־קײַלעכיקער לבנה מיט די דימענטענע שטערן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשײַנט אין אירע ליכטיקע אויגן. עס האָט אים צוגעצויגן צו אסתרן מיט אַזאַ כח, אַז ער איז גרייט געווען אָנצונעמען זי בײַ דער האַנט, ווען עס זאָל נישט געווען שטיין דערבײַ זײַן טאַטע מיט איר מאַמע. נישט זעענדיק אסתרן דרײַ יאָר, האָט יאָסעלע חשק געהאַט צו בלײַבן שטיין אָט דאָ אין דרויסן אין יענער שיינער זומער־נאַכט אַ ביסל שמועסן מיט אסתרן. עס האָט אים אָצינד זייער פאַרדראָסן, וואָס ער מוז גיין אַהיים קידוש מאַכן, עסן וועטשערע און זיך נאָכדעם לייגן רוען גלײַך מיט אַלע. עס איז אין דרויסן אַזוי שיין, אַזוי ליכטיק, אַזוי וואַרעם! די גאַנצע נאַטור איז שבתדיק: די לבנה לײַכט, ווי אַ זילבערנע מנורה, די שטערן שע־מערירן, ווי די בענטשליכט, און זי, די שיינע כלה, וואָס הייסט „שבת מלכתא", רוט און פרייט זיך גלײַך מיט אַלע ייִדן. די גאַסן פון מאַזע־פּעווקע רוען. מע פילט, אַז ס'איז שבת. אין אַלע פענצטער לײַכט זיך פון די בענטשליכט און עס פינקלט אין די אויגן. אַלע בעלי־בתים זײַנען שוין אינדערהיים: זיי זײַנען מקבל־פּנים די מלאכי־השרת און זײַנען זיי מלוה טאַקע באַלד צוריק אין זייער רו אַרײַן. עס הערט זיך אַ גע־

שמאַקער ריח פֿון דער פֿרישער חלה און זייער אַ שיינער אַראָמאַט פֿון
נעפֿילטע פֿיש. ייִדן עסן און קלויבן תענוג פֿון די ייִדישע מאכלים, וואָס
האָבן אַ ייִדישן טעם. שמואליק דער חזן מיט זײַן זונדל שטייען דאָ אין
דרויסן נעבן זלאַטען מיט אסתרן און מע שמועסט וועגן יאָסעלעס אַהיימ־
קומען. שמואליקס אַלטע, אויסגעלאָשענע אויגן צינדן זיך אָן מיטן אַמאָ־
ליקן פֿײַערל אויף אַ מינוט און זײַן פּנים לײַכט אים און שײַנט אים אַקעגן
דער לבֿנה. מיט אַ זיפֿץ באַווײַזט ער אַרוים אַלע מינוט, ווי צופֿרידן און
גליקלעך ער איז. זלאַטע פֿאַרשטייט זײַן האַרץ: זי קוקט אויף יאָסעלען
און ווערט ברייטער ווי לענגער פֿון גרויס נחת, גלײַך ווי ער וואָלט געווען
איר אַן אייגן קינד. און יאָסעלע רוקט זיך צו צו אסתרן אַלע מאָל נענ־
טער: ער קוקט איר אין פּנים אַרײַן און זעט, ווי זי לאָזט אַראָפּ די
געדיכטע ברעמען, און פֿאַרשטייט גאַרנישט, פֿאַרוואָס זי שעמט זיך עפּעס
הײַנט? עס גלוסט זיך אים גאַרנישט אָפּטרעטן פֿון דאַנען, אוי גלוסט
זיך נישט! נאָר דער טאַטע זאָגט: „קום, יאָסעלע, קידוש מאַכן!"
און ער מוז נעבעך גיין... פֿאַרן אַוועקגיין דרייט יאָסעלע אויס נאָך
אַ מאָל דעם קאָפּ צו אסתרן און נאָך איין מאָל באַגעגנט ער זיך מיט
אירע שיינע אויגן, און דער דאָזיקער קוק פֿאַרבלײַבט בײַ זיי ביידע אויף
אַ לאַנגער צײַט אין זייער זכרון. די גאַנצע נאַכט נאָך דעם איז יאָסעלעס
קוק נישט אָפּגעטראָטן פֿון אסתרן אויף קיין מינוט, אויפֿוועקנדיק אין איר
האַרץ פֿאַרשיידענע געפֿילן, פֿאַרשטעלנדיק איר אין קאָפּ אַלערליי טײַערע
ליכטיקע מחשבֿות און וועבנדיק אַזעלכע שיינע פֿאַנטאַזיעס, פֿון וועלכע
אסתר האָט נאָך נאָר ביז איצט קיין השגה נישט געהאַט.

---

## XII.

### ער דאַוונט מוסף אין דער קאַלטער שול, און ייִדן ווערן נתפּעל

די קאַלטע שול, וווּ שמואליק איז חזן שוין העכער פֿינף און צוואַנ־
ציק יאָר, איז נישט געבויט געוואָרן פֿאַר אַ גאַנצער שטאָט מיט ייִדן,
קיין עין־הרע. וועדליק זי איז אַלט און אײַנגעהויקערט, איז גענוג פֿאַר

איר, אַז זי קאָן געבן ערטער נאָר פאַר אירע שטענדיקע בעלי־בתים, וואָס זײַנען אויך נישט אַלע צופרידן, מחמת יעדער מענטש האָט אַ נשמה און איטלעכן ווילט זיך האָבן אַ שטאָט אין מזרח־וואַנט, אָדער, לכל הפחות, אין „שפיגל־באַנק". די אייגענע בעלי־בתים צווישן זיך האָבן אויך צו זינגען און צו זאָגן און קאָנען זיך קיינמאָל נישט אײַנטיילן; נישט מיט די ערטער, נישט מיט די עליות, נישט מיט די הקפות וכדומה אַזעלכע זאַכן, וואָס זײַנען נוגע אינעם נפש. הײַנט וואָס איז דאָ פאַראַן צו פאַריבל האָבן אַף די דאָרטיקע בעלי־בתים, וואָס זיי האָבן נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן די גאַנצע שטאָט מיט יידן אין שול אַרײַן יענעם שבת, ווען יאָסעלע האָט באַדאַרפט דאַווענען מוסף? זיי האָבן זיך מיישב געווען איין מאָל פאַר אַלע מאָל: תיכף נאָך שחרית פאַרשליסן די טיר און נישט אַרײַנלאָזן קיינעם, ער מעג זײַן דעם גבאים אפילו אַן אייגענער טאַטע. איז דאָס אָבער, צוריק שמועסנדיק, דען אַ יושר? וואָס זײַנען שולדיק די יידן פון יענע איבעריקע שולן? וואָס איז דאָס פאַר אַ הפקרות נעמען און פאַרשליסן אַ מקום קדוש פאַר אַ גאַנצער עדה מיט יידן? עס איז אַרום דער קאַלטער שול געוואָרן וואָס ווײַטער אַלץ געדיכטער; מע האָט זיך צעלאָזט אַהין פון אַלע בתי־מדרשים, צום מײַנסטן יונגעלײַט, בחורים און ייִנגלעך, געקלאַפּט אין דער טיר, געאַרבעט אַזוי לאַנג, ביז די טיר האָט זיך געעפנט און עס האָט זיך באַוויזן אַ רויטע באָרד: דאָס האָט דער שמש אַרויסגעשטעקט אַ קאָפּ, בכדי זיך גוט אָנצובייזערן אַף זיי, עס זאָל ווערן אַ ביסל שטילער: „וואָ, שקצים, ווייסע־חברהניקעס, הולטײַעס! — האָט דער שמש געפּילדערט, טופּענדיק מיט די פיס און מאַכנדיק מיט די קולאַקעס, ווי אַ רוצח. — וואָ, עכברושים איינע!" נאָר מע האָט שוין מער נישט באַדאַרפט: עס האָבן זיך אַלע מיט אַ מאָל אַ שפּאַר געטאָן, די טיר האָט מען געפּטרט באַלד, דעם שמש האָט מען פאַרשטופּט אין אַ ווינקעלע און רעכט דורכגעפּאַטשט, ווי אים שטייט אָן, און אין שול איז געוואָרן אַזאַ ענגשאַפט, אַז מען איז געשטאַנען איינער באַם אַנדערן אַף די קעפּ. אויך פון דרויסן איז די שול געווען באַלאַגערט מיט מענטשן. עס האָט זיך געוויגט די שטאָט, די וועלט האָט זיך געקערט — יאָסעלע בענטשט ראש־חודש, דאַווענט מוסף!...

און יאָסעלע האָט אָנגעטאָן אַ טלית און איז אַרויף אַף דער בימה,

ווארפנדיק א קוק אף דעם גאנצן עולם און צוגרייטנדיק זיך צום דאַ־ווענען. דאָס פּנים האָט אים געפלאַמט און עס האָט ארויסגעשײַנט פונעם טלית ארויס. עס איז געוואָרן א שושקערײַ צווישן עולם, און אויך די ווײַבער האָבן זיך א שפּאַר געטאָן צו די פענצטערלעך אויבן. דער עולם איז געווען אויסער זיך, באַצײַטנס נאָך קוועטשנדיק זיך איינער דעם אנדערן און שטופּנדיק זיך אַלע אהין, צו דער בימה, באַטראַכטן דאָס יונגע חזנדל. בעלי־בתים האָבן גענומען קלאַפּן אין די שטענדערס — עס זאָל זײַן שטילער! צווישן עולם איז געוואָרן א געשריי: „שאַ עולם! שששששאַ!" יאָסעלע האָט זיך אויסגעגלײַכט, זיך אנידערגעשטעלט, ווי א גרויסער חזן, אויסגעהוסט זיך, און אַז עס איז געוואָרן אין שול טאַקע אף אַן אמת שטילער, האָט ער א קלונג געטאָן מיט א שיין הילכיק קול: „יקום פורקן מן שמיא!" און אין שול איז דורכגעלאָפן גע־שווינט, ווי א בליץ, א מין פרעסטל, וואָס האָט אנגערירט יעדן באַם לײַב, און אַלע זײַנען געוואָרן ווי פאַרשטיינט אף עטלעכע מינוט, נישט רירנ־דיק מיט קיין אבר. ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט אויסגעלאָזט דעם „ונאמר אמן", האָבן אַלע מיט א מאָל אויסגעלאָזט אַן „אך" איבער־קוקנדיק זיך איינער מיטן אנדערן און קנייטשנדיק מיט די פּלייצעס, נאָר פאַרגעסן בשעת מעשה, אַז מע בענטש ראש־חודש און מע דאַרף אין זינען האָבן, ווען דער מולד איז. ווער מולד? וואָס מולד? עס איז פול די גאַנצע שול מיט טרערן, גלײַך ווי א סאָלאָוויי וואָלט זיך דאָס צעגאָסן אף זײַן העלדזל. עס צעגייט זיך אין יעדן אבר, עס שמירט דאָס האַרץ מיט בוימל, עס ציט בא דער נשמה, עס ציפּעט באַם האַרצן, עס איז „כלות הנפש" — וואָס מיר מולד? ווער מיר מולד? יאָסעלע דאַוונט, און עס דאַכט זיך, אַז עס זינגען צען משוררים, נישט איינער. יאָסעלע זינגט, און עס דאַכט זיך, ווי א גאַנצע קאַפּעליע כלי־זמר שפּילן. אַט טוט ער א קלאַפּ מיט א מאָל, ווי פון צען מײַלער גייען קולות, איינס העכער און שטאַרקער פון דעם אנדערן, אַזוי, אַז אַלע פענצטער קלינגען; און אַט פאַרגייט ער זיך, ווערט פאַרשטאַרבן, אַלע מאָל שטילער און שטי־לער, און מיט אַזאַ מתיקות, מיט אַזאַ לויטערקייט, מיט אַזאַ דינקייט און גלאַטקייט, אַז עס גלעט דאָס לײַב, עס רירט דאָס האַרץ, עס וויגט די נשמה און צעגלידערט, צעשרויפט אַלע אברים; און אַט טוט ער ווידער א זעץ מיט א מאָל, ווי עטלעכע פידלען, טראָמייטן און פלייטן

אינאײנעם; ער עפנט דאָס מויל, און עס גיסט זיך, עס לויפט פון אַלע זײַטן און פילט אָן די שול מיט אַזעלכע מיני פאַרשיידענע געזאַנגען, וואָס קיינער האָט דאָס נאָך ביז אַהער נישט געהערט. קײנער האָט נאָך אַזאַ מין „מי־שברך" נישט געהערט, קיינער! אפילו די גרויסע מבינים האָבן נאָך נישט געזען פאַר זיך אַזאַ מין חזן און נישט געהערט אַזאַ מין דאַווענען מיט אַזוי פיל האַרץ, מיט אַזאַ וואַרעמקייט, אַזאַהיים־קייט. אַז עס איז געקומען צו די ווערטער: „ה ו א י ב ר ך א ת כ ל ה ק ה ל ה ק ד ו ש ה ז ה" — ער זאָל בענטשן דעם דאָזיקן גאַנצן עולם, האָט יאָסעלע צענומען מיט די הענט, גלײַך ווי ער וואָלט אָנווײַזן אויף גאַנץ קהל, אויף אַלע ייִדן, וואָס געפינען זיך דאָ, און בעטן גאָט פאַר זיי און פאַר זייערע ווײַבער מיט די זין און מיט די טעכטער זייערע מיט אַ בקשה, מיט אַ רחמנות־פּנים, אַרויסרײידנדיק יעדער וואָרט שאַרף און ריין פונעם טיפן, טיפן האַרצן. אויך בײַ די ווערטער „וכל מי שנותנים... ופת לאורחים" — דער וואָס גיט אַ שטיקל ברויט דעם אורח, „וצדקה לעניים" — און דעם אָרעמען אַ נדבה, — האָט ער געמאַכט אַזאַ מינע, גלײַך ווי ער וואָלט דערמאָנען דעם עולם, אַז ס'איז דאָ ייִדן, וואָס באַדאַרפן אַ שטיקל ברויט, אַז ס'איז דאָ אָרעמע־לײַט, וואָס באַדאַרפן אַ נדבה נעבעך, — און האָט זיך דאָ פאַרגאַנגען אויף זײַן שטייגער, איבער־הזרנדיק דאָס עטלעכע מאָל מיט אַ געבעט און מיט רחמנות, און איז באַלד איבערגעגאַנגען שוין גאָר ווידער אויף אַן אַנדער נוסח, אַרויסבאַ־ווײַזנדיק בשעת מעשה אַזוי פיל בריהשאַפט מיטן האַלדז, אַז דער עולם איז געבליבן אַפּהענטיק, פאַרכשופט, גאַרנישט אויף דער וועלט, און האָט לאַנג נישט געקאָנט קומען צו זיך. ערשט נאָך ראש־חודש־בענטשן און צו דער שטילער שמונה־עשרה האָט זיך איינער מיטן אַנדערן שטיל אי־בערגערעדט אָפּן ווונק, מאַכנדיק מיט די פּלייצעס: „נ נ ו ? !" — און אָפּגעכאַפּט די שמונה־עשרה גיך אויף איין פוס, בכדי צו הערן, וואָס וועט זײַן ווײַטער. צו דער קדושה האָבן זיך אַלע באַצײַטנס צוגעגרייט, דאָס הייסט, מע האָט זיך רעכט אויסגעהוסט, געבראַכט אין אָרדענונג די נעזער און אָנגעשטעלט מויל און אויערן צו האָרכן עפּעס אַ נײַס, און יאָסעלע האָט געשענקט די מאָזעפּעווקער ייִדן אַ „כ ת ר", אַזאַ מין „כ ת ר", וואָס זייערע זיידעס אפילו האָבן דאָס נישט געהערט. די דאָ־זיקע קדושה —— דאָס איז געווען אַ מין פאַנטאַזיע פון אַ משורר, וואָס

נאר איין מאל ווערט זי געבוירן אין זיין מחשבה און מער קיינמאל נישט. דאס איז געווען א מחשבה, וואס ווערט נישט ארויסגעגעבן מיט ווערטער אדער דורך נאטן, נאר עס רעדט, עס לאזט זיך הערן; א מין שפראך, וואס אלע פארשטייען זי, א מין נעדאנק, וואס איטלעכער האט זיך אף אים זיין פשט. יאסעלע האט צעלאזט דאס האלדז פריי אף אלע זייטן, מאכנדיק דערביי משונה־ווילדע ווריאציעס, דרייענדיק און בייטנדיק, פלאנטנדיק און פלעכטנדיק ארויף און אראפ, אין דער לענג און אין דער ברייט, דערלאנגענדיק די העכסטע און די דינסטע אקטאווע מיט געגוג קונצן דערביי די וואס האבן דעם „כתר" געהערט, האבן גע־שווארן, אז בא די ווערטער „מלאכים המוני מעלה" — האט זיך זיי געדאכט, ווי עס שוועבן און עס דרייען זיך ארום מלאכים פון אויבן מיט א גוזמא יידן פון אונטן, און אלע אינאיינעם דרייען און פלעכטן און פלאנטן א קדושה צו גאט, רופנדיק איינער צום אנדערן מיט א זים קול: „קדוש! קדוש! קדוש!"... יאסעלע האט אויסגע־לאזט די קדושה מיט די ווערטער „הן גאלתי אתכם" — איך האב דאד אייך אויסגעלייזט, הויך און שטאלץ; דאס איז געווען ווערטער נישט פון סיין חזן, נאר פון א נביא, וואס רעדט אין נאמען פון גאט; ער איז מבטיח, ער שטארקט זיי, די יידעלעך, זיי זאלן נישט זיין אזוי געפאלן בא זיך, ווארעם „אני ה' אלהיכם" — זיי האבן א גרויסן גאט, א שטארקן גאט!... יאסעלע האט געקאנט אריינלייגן אין יעדן ווארט פיל כונה און געפיל, זיין האלדז איז געווען מסוגל ארויס־צוגעבן זעלטענע קולות, זיסע, ווי צוקער, גלאטע, ווי בוימל, הויכע, ווי דער הימל, טיפע, ווי דער ים, און ריינע, ווי גינגאלד. ווי פון א זיסן שלאף, ווי פון א גן־עדן־חלום, האט זיך דער עולם אויפגעכאפט, בשעת יאסעלע האט אויסגעלאזט די קדושה און איז געגאנגען ווייטער, שוין ווידער איבערבייטנדיק די שטימע גאר אף אן אנדער שטייגער. בא די ווערטער „יהי רצון מלפניך" — עס זאל זיין דער ווילן פאר דיר, גאט, — האט יאסעלע פארגלאנצט די אויגן צו גאט ארויף און האט אוועקגעלייגט א בקשה פאר אים: „שתעלנו" — זאלסט אונדז ברענגען מיט א שמחה צוריק אין אונדזער לאנד אריין, „ותטענו" — און זאלסט אונדז איינפלאנצן, באזעצן אינעם גרענעץ פון אונדזער אייגן לאנד — מיט א געבעט, כמעט מיט א געוויין און אזעלכע טרוי־

עריקע רירנדיקע קולות, אַז עס האָט אַנגענומען באַם הארצן און עס האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. יעדן האָבן זיך דאָס צעוויינט אַ ביסל, צעפּעסטעט פאַר גאָט, ווי געליבטע, הארציקע קינדערלעך, פון תמיד אַן געבאַלעוועטע, ציטעריקע בני־יחידימלעך...

— ננו, יאָסעלע! ננו, אַ מוסף! — האָבן זיי געזאָגט אַלע אין איין קול, צוריק פון שול גייענדיק און שפּאַרנדיק זיך צו שמואליקן, זאָגן אים אַ גוט שבת. — ננו, יאָסעלע! אי, יאָסעלע!!! ווײַל מיר וועלן לעבן, וועלן מיר דאָס דאָזיקע מוספל נישט פאַרגעסן! דער טעם דערפון וועט אונז ליגן אייביק — אייביק!

— ס'איז גאָרנישט קיין מענטשלעכע שטימע מיט קיין מענטש־לעכן האַלדז! — האָט געזאָגט מיט גרויס התפעלות איטלעכער באַזונ־דער, זיצנדיק שוין באַם טיש. — נישט אַנדערש, אַז עס ליגט באַ אים ערגעץ אַ פײַפעלע אין מויל! ס'איז עפּעס אַ מין שפּיל־פייגעלע, אַ סאָלאָווייטשיק, אַן אמתער סאָלאָוויי — און גענוג!

---

## XIII

## באַלעבאַטים שיקן דעם חזן „מיט די געסט", און דער סאָלאָוויי צעגיסט זיך אין זײַן שטייגער

שיקן „מיט די געסט" איז נאָך עד היום אַ מנהג אין מאַזעפּעווקע. אַז עס קומט צו איינעם אַן אָנגעלייגטער גאַסט, שיקן אים אַלע זײַנע גוטע פרײַנט שבת צום טיש אַ בוטל ווײַן אָדער אַ פלאַש מעד, און דאָס ווערט אָנגערופן „געשיקט מיט די געסט". יענעם שבת האָט זיך שמואליק דעם חזנס טיר נישט צוגעמאַכט: דער אַרײַן, דער אַרויס; דאָס איז פון אַבאַ־מאיר דעם נגיד, דאָס איז פון מענדל דעם גרויסן, דאָס איז פון רב מנשה דעם רויטן, און דאָס — פון יענקל דעם שוואַרצן... שמואליק האָט איטלעכן באַזונדער געהייסן איבערגעבן: „הערסטו, מיי־דעלע? זאָלסט זאָגן דעם טאַטן דאָרטן, ער זאָל דערלעבן באַ זײַן על־מערער טאָכטער צו דער חתונה, וועלן מיר דעמאָלט אָפּשיקן מיט גוטן

ווײַן!״ אדער: „הערסטו, יִנגעלע? זאָלסט זאָגן דעם טאַטן דײַנעם, אם־ירצה־השם, צו דײַן בר־מצוה!״... שמואליקס פּנים האָט זיך אַ״ש פאַרפלאַמט פאַר גרויס שמחה, און די אויסגעלאָשענע אויגן זײַנע האָבן זיך ווידער אָנגעצונדן מיטן פײַערל פון אַמאָל; ער איז דעם דאָזיקן שבת געווען אַפן זיבעטן הימל. אפילו די פּלוניתטע זײַנע, פון וועלכער ער האָט נישט געהערט קיין גוט וואָרט כמעט פון זינט ער קען זיך מיט איר, האָט זיך אויך צעפלאַקערט און האָט באַוויזן, אַז זי איז צופרידן מיטן גאַסט דורך די צוויי קוגלען, וואָס זי האָט געמאַכט, איינעם אַ לאָקשענעם לכבוד שבת און איינעם אַ בלעטערנעם, אַ געקנעטענעם מיט ראָזשינקעס, לכבוד דעם גאַסט. „אנו? — האָט זי געזאָגט מיט אַ זיס שמייכעלע. — לאָמיר זען אַקאָרשט, צי איז דער גאַסט אַ געראָטענער, צי ניין? אַט וועלן מיר באַלד האָבן אַ סימן פונעם קוגל״...

— איר האַלט נאָך גאָר פון פּאַרנט, אַפּנים? — האָט זלאַטע געזאָגט, אַרײַנקומענדיק מיט אסתרן צו שמואליקן אין שטוב אַרײַן. צוליב דעם גאַסט האָט זיך זלאַטע איבערגעבעטן מיט שמואליקס ווײַב נאָך אין שול בשעת אויסנעמעניש. די חזנטע האָט צום ערשטן אָנגעהויבן צו ריידן; זי האָט זיך צוגערוקט צו זלאַטען און האָט איר אַ זאָג געטאָן:

— המ... מיר האָבן עס הײַנט אַ גאַסט! מײַן מאַן, כ׳לעבן, איז שטאַרק צופרידן.

זלאַטע האָט אַף איר אַ קוק געטאָן בייז, ווי איינער רעדט: „אהא! המנם מפלה?״ נאָר פון מענטשלעכקייט וועגן האָט זי איר געענטפערט גאַנץ פרײַנטלעך: „גאָט ליב אײַך מיט אײַער גאַסט!״ און עס איז אַוועק צווישן זיי אַ לאַנגער און זייער אַן אינטערעסאַנטער שמועס, אין וועלכן עס איז געווען אויסגעמישט כל מאמינים שהוא: אי חלה, אי פיש, אי די קו, אי די שכנה, אי דער שכנהס באָרשטש, אי דער שכנהס שנור די מופקרת, וואָס טראָגט די אייגענע האָר, ווי אַ געשלייערטע האָנזי, און אַזוי ווײַטער — אַן אַ סוף.

— געדענקט־זשע, זלאַטע, — האָט די חזנטע עטלעכע מאָל געבעטן — לאָזט זיך לאַנג נישט בעטן. אם־ירצה־השם, תיכף נאָכן טיש, מיט אסתרן, למען השם!

זלאַטע האָט פאַרגעסן די אַמאָליקע שנאה צו דער חזנטע און איז

געקומען מיט אסתרן אפּגעבן שמואליקן כבוד. די חזנטע האט זיי אויפ־געגומען אפן שענסטן אופן, זיי מכבד געווען מיט קוגל און געזאגט אַלע געניסט איר עפּעס נישט, זלאטעניו, כ׳לעבן איר האט נאך גאר ווייניק מאל אף דײַטש, ווי מע רעדט בא זיי אין באַרדיטשעוו: „פּאַרוואַס געגאַסן!"

שפּעטער אַ ביסל איז אַרײַנגעקומען אויך זלאַטעס יינגערע שוועסטער, אַ גוטער פרײַנט און אַ נאָנטע שכנה, די מומע יענטל מיט איר מאַן ביינישן; אויך רב קלמן שדכן איז אַרײַן מיט אַ שבתדיק פּנים און מיט אַ ברייטן גוט שבת, און טרינקענדיק „לחיים", האט ער צוגעווינטשעוועט שמואליקן, ער זאָל דערלעבן גרויס נחת אין זײַן זונדל, טאָקע אַף אַ קנס־מאַל, אם־ירצה־השם, אינגיכן.

— כ׳האָב געגוג האָב איך! — האָט רב קלמן געזאָגט, פאַרקאַ־טשענדיק די אַרבל פון דער אַטלעסענער קאַפּאָטע ביז די עלנבויגנס און אָננעמענדיק זיך בא דער גרויער באָרד. — זעט איר די באָרד מײַנע? זי האָט נישט אַזוי פיל האָר האָט זי נישט, וויפל שידוכים איך טראָג בא זיך אָט אָ־דאָ־אָ (רב קלמן האָט באוויזן מיט דער האַנט אפן שטערן). האָרכסטו, שמואליק?...

— וואָס איז שײַך? — האָט אים שמואליק איבערגעשלאָגן סאַמע אינמיטן. — ווייס איך וואָס אײַך קומט אַרויף אפן קאָפּ! מע האָט דאָס נאָך אפילו נישט אין זינען!

בא די ווערטער האָט זיך יאָסעלע איבערגעקוקט מיט אסתרן, און עס איז זיי דורכגעלאָפן אין דער מינוט אַ מחשבה אין קאָפּ, איין מחשבה בא ביידן גלײַך; אַ נײַער געדאַנק, פון וועלכן זיי האָבן ביידע ביז אַהער גאַרנישט געוווּסט, אַ געדאַנק, פון וועלכן אַ מאַזעפּעווקער מיידל און אַ מאַזעפּעווקער ייִנגל ווערן רויט ווי פײַער און זייער האַרץ ווערט גע־פּלעפט, געפּאַנגען גאָר אומגעריכט. דער נאָמען פונעם געדאַנק איז: „חתן־כּלה"... דאָס וואָרט „חתן־כּלה" איז באַם מאַזעפּעווקער מיידל אָדער באַם מאַזעפּעווקער ייִנגל אַ גאַנצער ראָמאַן, אַ פּשוטער, נאָר אַ שיינער, אַ ווונדערלעכער ראָמאַן, נישט קיין געמאַכטער, נישט קיין גע־מלאכהטער, נישט קיין אויסגעטראַכטער, נאָר אַן אמתער ראָמאַן, אַן חכמות, אַן קונצן, אַזוי אמת און אַזוי פּשוט, ווי די נאַטור אַליין.

— אַצינד לאָמיר זיך נעמען אַקאָרשט צום איבעריקן ביסל משקה!

— האַט שמואליק אויסגערופֿן, נאָכדעם ווען ער האָט שוין צום מזומן בענטשן פֿאַרזוכט אַ קאַפּעלע און איז אַ ביסל פֿריילעך געוואָרן. — אַנו, ביניש, נעם זיך נאָר, טו אַ פּרוּוו!

ביניש, ווי אַ יונגערמאַן שוין פֿון היינטיקער וועלט אַ ביסל, האָט גענומען עפֿענען די פֿלעשלעך, און דער עולם האָט גענומען פֿאַרזוכן פֿון יעדנס משקה צו קאַפּעלע, טרינקענדיק לחיים און צווינטשנדיק זיך איינס דעם אַנדערן אַלדאָס גוטס מיט פּרנסה און מיט ישועות ונחמות אויפֿן כּלל ישׂראל, אַזוי לאַנג, ביז מען איז געוואָרן מבוסם, טאַקע רעכט פֿאַרקלאַפּט. מע האָט גענומען ריידן אַלע אין איין קול, שמייכלען און ביסלעכווייז אונטערדרימלען, פּיקן מיט דער נאָז אין גלעזל אַריין, שוין כמעט נישט טרעפֿנדיק צום מויל.

— זעט נאָר, זעט, ווי זיי האָבן זיך דאָס אַ ביסל אונטערגעפּילנע־וועט! — האָבן די ווייבער צווישן זיך געשמועסט, פֿאַרקלייבנדיק זיך באַזונדער אין אַ ווינקל און אַנוויזנדיק מיט אַ גלעלעכטער אויף די מאַנצ־בילן. — עס וואָלט נישט געווען קיין עולה, איר זאָלט זיך צולייגן אָפּרוען אַ ביסל, כ׳לעבן!

די מאַנצבילן האָבן דאָס אָבער געהערט, ווי דעם פֿאַראַיאָריקן שניי: זיי האָבן זיך געטאָן זייערס און צוגעווינטשעוועט זיך אַלדאָס גוטס מיטן כּלל ישׂראל און די ווייבער האָבן זיך שטאַרק פֿאַררעדט וועגן עניני בעל־הבתישקייט, איבעררייידנדיק איינס דאָס אַנדערע, און קיינער האָט נאָר קיין צייט נישט געהאַט צו באַמערקן, ווי יאָסעלע האָט זיך דערווייל צוגערוקט צו אסתרן און האָט איר אויסדערציילט אַלצדינג, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט אין די דריי יאָר. יאָסעלען איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי אויפֿגעלייגט אויפֿן הארצן, ווי יענעם שבת; עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז אַ גרויסער, אַ גאַנצער מענטש, אַ מענטש, וואָס האָט שוין פֿאַרזוכט גענוג צרות אין זיין לעבן. די אייגלעך האָבן אים געגלאַנצט, די בעקלעך האָבן געפֿלאַמט. און מאַכנדיק מיט די הענט, ווי אַ גרויסער, האָט ער אין זיין לאַנגן קאַפּאָטקעלע מיט די פּאָהלעך אויסגעזען פֿונדערווייטנס, ווי אַ קליין יידעלע, אַ קליינס און אַ קורצס, נאָר מיט אַלע פּאָסטעמקעס, מיט אַלע פּישטשעקלעך פֿון אַ יידן. יאָסעלע האָט איר דערציילט, ווי ביטער עס זיינען אים געווען די דריי יאָר, וויפֿל צרות ער איז אויסגעשטאַנען דאָרטן, באַ מיציין, ביז ער האָט זיך

אַרויפגעשלאָגן אַף אַ שטיקל דרד. לכתחילה האָט אים מיצי אויפגענומען גאַנץ פריינטלעך, זיך באַרימט מיט זיין נייַ משורדל פאַר איטלעכן באַזונדער. מ י צ י כ ע אָבער, דאָס הייסט, מיצים ווייַב, איז מיט יאָסעלען נישט אַזוי צופרידן געווען, ווי מיצי; זי האָט אַף אים געקוקט, ווי אַף אַן איבעריקן עסער אין שטוב; זי האָט געהאַט גענוג עסערס אָן אים אויך. זי איז אַליין נישט געווען קיין עקרה און פלעגט צושטעלן מיצין אַ נייַ משוררל אַלע יאָר, אַלע יאָר אַ נייַעם, אַן אייגנס. מע האָט נישט אַרויסגעזען, אַז דאָס סך קינדלעך אירס זאָל זיין באַ איר מאָן אָדער באַ איר שטאַרק אָנגעלייגט; גאַרנישט, מהיכא־תיתי, ס'זאָל זיין ווינציקער מיט אַ קינד, וואָלט אודאי גלייַכער געווען, נאָר ס'איז שוין דאָ, לאָז עס זיך שוין וואַלגערן. און עס האָבן זיך דאָרט „געוואַלגערט" קינדער, ווי מיסט, און ביז זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט אַף די פיסלעך, האָבן זיי נעבעך געליטן הונגער, געגאַנגען נאַקעט און באָרוועס, גוט אָפּגעקומען, גוט אויסגעריסן געוואָרן. מע קאָן זיך שוין גרינג פאָרשטעלן, אַז יאָסעלע, אַרייַנקומענדיק צווישן אַזוי פיל אָרעמע באַשעפענישלעך, האָט, געוויינלעך, קיין האָניק נישט געלעקט; ער איז פאַרשוואַרצט געוואָרן גלייַך מיט זיי, טראָגנדיק די צרות באַ זיך פאַרבאָרגן. הכלל, יאָסעלען איז באַשערט געווען אין טעטערוועץ אויך האָבן אַ שטיפמאַמע; זי האָט אים באַנוצט אַף שטוב־מלאכות, אַרומגעשיקט אַף אַלע גענג, נאָכטראָגן איר דעם קאָשיק פונעם מאַרק, גיין מיט די עופות צום שוחט, וויגן דאָס קינד און נאָך אַזעלכע אַרבעט טאָן, כאַפּנדיק דערבייַ גאַנץ אָפּט אַ רעכטן פּאַטש, אַ קניפּ און אַ סטוסאַק, ווי אַן אייגן קינד, און לייגנדיק זיך גאַנץ אָפּט שלאָפן אַ הונגעריקער און אַ דאָרשטיקער. היינט די יסורים, וואָס ער האָט געטראָגן דאָרטן פון זייַנע חברים די משוררים, וכדומה נאָך אַזעלכע זייַטיקע צרות! יאָסעלע האָט געהאַט אין טעטערעוועץ דרייַ זייער ביטערע יאָר! ער האָט דאָס אָבער איבערגעטראָגן שטילערהייט, נישט דערציילנדיק מיצין קיין מעשה, בכדי ער זאָל נישט אָנווערן די שטעלע, חס ושלום. די שטעלע איז באַ אים געווען זייער טייַער. ער האָט געלערנט מיט חשק הלכות משורר, דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן חדר, געשטודירט אַף חזן, אויסאַרבעטנדיק זיך די שטימע, און ער קאָן אַצינד זאָגן בפירוש, אַז ער באַדאַרף שוין מער נישט מיצים תורה. ער איז קלאָר אין נאָטן, ברוך השם, אַזוי גוט, ווי אַלע משוררים, און איז

שוין מער נישט מחויב צו טראגן מיציכעז דעם קאשיק פונעם מארק און וויגן איר דאס קינד. ער קאן שוין אצינד פארטראכטן די פיינסטע שטעלע באם גרעסטן וועלט־חזן, און ווען ער פארט ארויס א ביסל אף דער וועלט, וועט ער געווים נישט שלעכט מאכן.

— אצינד בין איך געקומען אהיים אף א פאר וואכן זיך אפרוען. — אזוי האט יאסעלע אויסגעלאזט זיין דערציילונג. — נאכדעם וועל איך שוין וויסן וואס צו טאן. איך ווארט נאר אף א בריוול פון איינעם, וואס האט מיר צוגעזאגט מיך נעמען אף זיינע הוצאות — און דערצו מיר צאלן נאך שיין שכירות, אחוץ זייטיקע הכנסות. הכלל, ער וועט מיך גאר גליקלעך מאכן, אבי איך זאל ארויספארן מיט אים אף דער וועלט. יענער ייִד איז אמאל געווען טאקע בא מיצין משורר. „גדליה באס” רופט מען אים. ער האט מיך געהערט זאגן הלל אין טעטרעוועץ, איז ער צו מיר צוגעזאטן געווארן: „וואס טויג דיר, זאגט ער, דאס משוררות? דו ווער בעסער אליין חזן, אזוי ווי יענץ בעל־הביתל, זאגט ער, וואס די וועלט האט מיט אים געקלונגען”... איך האב דאס אלץ צו פארדאנקען דיר, אסתר, וואס דו מיט דיין מאמען האבן מיך דעמאלט אפגעשיקט קיין טעטרעוועץ. ווען נישט איר, וואלט איך נאך באדארפט זיך וואלגערן אט דא, אין דעם וויסטן מאזעפעווקע...

ארויסזאגנדיק די לעצטע ווערטער, ווילט זיך יאסעלען זייער אננע־מען אסתרן בא דער האנט און דערציילן איר דאס אויך, וויאזוי ער האט געבענקט נאך איר אלע דריי יאר כסדר, וויאזוי ער פלעגט בעטן גאט פארן טאטן און פאר איר אויך, וויאזוי זי פלעגט אים אפט קומען צו חלום און ארומנעמען אים, אזוי ווי זי פלעגט אים ארומנעמען דע־מאלט, בשעת זיי זיינען נאך געווען קליינע קינדער. יאסעלע פילט, אז אצינד איז עפעס אנדערש, נישט דאס, וואס אמאל איז געווען... עס ווייזט זיך אים אויס, אז אסתר איז נישט אסתר, וואס פריער. אסתר האט זיך באמת אין די דריי יאר משונה איבערגעביטן, געווארן העכער און שענער, און איר פנים האט אויסגעזען שוין נישט אזוי קינדעריש, ווי פריער. עס האט זיך אים אויסגעוויזן, אז כאטש די אויגן זיינען די זעלבע ליכטיקע, גלאנצנדיקע אויגן, וואס פריער, נאר דער קוק איז נישט דער, וואס פריער, און דאס גאנצע אויסזען אירס איז ווי פון א דער־וואקסענעם, באיארטן מענטשן. אויך דאס ריידן אירס און אלע אירע

פּאסטעמקעס איז ווי בא גרויסע, ווי בא א כלה. עס האט זיך אים אויס־געוויזן, אז אף איר ברייטן, ווייסן שטערן ליגט א קנייטשל, ווי בא אַז עלטערן מענטשן, און דאס לאכן אירס איז שוין גארנישט דאס, וואס אמאל. אמאל, אז אסתר האט געלאכט, האט דאס קול אירס געקלונגען — עס האט זיך געלאזט הערן; אצינד האלט זי זיך איין בשעת זי באדארף לאכן, גלייך ווי זי וואלט שוין געווען א באיארטע, א ידענע... יאסעלע זיצט און באטראכט זי פון קאפּ ביז די פיס. ער וויל געפינען אין איר די אייגענע אסתר, מיט וועלכער ער האט פארבראכט כמעט אלע זיינע קינדערשע יארן, און עס דאכט זיך אים אויס, אז זי איז שטארק פארענדערט געווארן. און וואס מער יאסעלע באטראכט זי, מער שעמט זיך אסתר; וואס מער ער איז זיך צו איר מקרב, מער דערווייטערט זיך פון אים אסתר. צווישן די דאזיקע קינדער, וואס זיינען אמאל אינאיינעם אף איין מיסט דערצויגן געווארן, איז פלוצים אויסגעוואקסן א וואנט, א מחיצה, א מחשבה פון דרך־ארץ־האבן, פון שעמען זיך, האט זיך ארייננעכאפּט צו זיי ביידע.

— מיר איז נישט באשערט געווען צו הערן דיך דאווענען. — האט אים אסתר א זאג געטאן מיט א פריינטלעך שמייכעלע. — ביז איך האב פארטיק געמאכט דעם שבתדיקן טיש, צוגעגרייט אלע שאלעמייזען, איז אין שול געווארן אזא ענגשאפט, אז איך האב מיך נישט געקאנט דערשלאגן.

— אוי, טאקע? ביסט געגאנגען אין שול אריין? — האט יאסעלע אויסגעשריגן און די אויגן האבן אים פארוואונדערט געבלישטשעט. ער האט פלוצים דערפילט, אז עס ווילט זיך אים זינגען; עס קיצלט און דראפּעט אים אין האלדז; עס טראגט אים אין דער לופטן — ער מוז, ער מוז זיך אויסזינגען!

זינגען האט יאסעלע ליב געהאט נאר דעמאלט, ווען עס האט זיך אים געוואלט זינגען, און ווען זינגען פלעגט יאסעלע פון תמיד אן נאר דעמאלט, ווען ס'איז אים געווען אדער זייער גוט, אדער גאר שלעכט אפן הארצן, — דעמאלט, אז עס פלעגט אים צוטרעטן צום הארצן, פלעגט ער זיך צעגיסן אפן האלדז, ווי א סאלאוויי. אויך אצינד, נעבן אסתרן, האט זיך יאסעלע געפילט, ווי דאס הארץ ווערט אים ברייטער און פולער, עס ווילט זיך אים זינגען. יאסעלע איז אויפגעשטאנען פונעם

טיש און האָט זיך אוועקגעשטעלט אין מיטן שטוב גאָר, און האָט אָנ־געהויבן צו זינגען. דער עולם, וואָס האָט שוין געהאַלטן גוט אונטערן גלעזל, האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פונעם שלאָף און אויפגעשטעלט די אויערן. אויך די ווייַבער האָבן אוועקגעוואָרפן סאַמע אינמיטן אַ שמועס, בכדי צו הערן יאָסעלעס נגינה.

געזונגען האָט יאָסעלע אַן ווערטער, דאָס וואָס הייסט בלשון החזנים „נעמען אַ שטעל". אַזאַ שטעל פלעגט אַמאָל דער ווילנער בעל־הביתל זאָגן שבת־צונאַכטס צו די ערשטע סליחות. ייִדן — דערציילט מען — פלעגן שווימען אין טרערן פון גרויס מתיקות"... אָט אַזאַ מין שטעל האָט אַצינד יאָסעלע גענומען. עס האָבן זיך גלאָט אַזוי געגאָסן זעלטענע קולות, זיסע געזאַנגען פון זיַין האַלדז, אַרויספליִענדיק פון דאָרטן און אָנפילנדיק די גאַנצע שטוב. אָט האָט ער זיך צעגאָסן מיט אַ טרויעריק האַרצרייַסנדיק געזאַנג, מיט אַ רחמנות און מיט אַ געבעט, מאַכנדיק מיטן האַלדז פאַרשיידענע קונצן, גלייַך ווי די קולות וואָלטן זיך טוקן און געגאַנגען פונעם וואַסער אַרויס; און אָט האָט ער זיך צעבייזערט אַזוי, אַז די פענצטער האָבן געקלונגען פון זיַין שטאַרק הילכיק קול; אָט איז ער זיך פאַרגאַנגען אויף זיַין שטילער ווייכער שטימע, אַלע מאָל נידעריקער און נידעריקער, שטילער און שטילער, גלייַך ווי ער וואָלט פאַרפאָרן ער־גער וויַיט־וויַיט, אַראָפּגעלאָזט זיך ערגעץ גאַנץ נידעריק, זייער־זייער טיף, און פון דאָרטן געשיקט אַהער ווייכע, גלאַטע געזאַנגען, צעשיטנדיק זיך בשעת מעשה אין אַזעלכע דריבנע טרעלן, גלייַך ווי קליינע אַרבעסלעך וואָלטן זיך געקאַטשעט, פאַלנדיק אַראָפּ־אַראָפּ איינס נאָכ'ן אַנדערע מיט אַ שרעקלעך מהירות... און אָט האָט ער זיך ווידער ווי אויפגע־כאַפּט מיט אַ גוואַלד, מיט אַן אויסגעשריי, מיט אַ בייזער און מיט אַ געבעט, אויפן ייִדישן גאַנג. דער עולם האָט אַראָפּגעלאָזט די נעזער, די קאַרטוזלעך פאַררוקט אַרויף, זיך פאַרטיפט, פאַרזאָרגט, געוועזן אי יום־טובדיק, אי באַטריבט, פאַרוואַגלט, ווי דער שטייגער איז בײַ ייִדן, אַז מע דערהערט שפּילן אָדער זינגען. אויך די ווייַבער האָבן צונויפגעלייגט די הענט אויפן האַרצן, אָנגעצויגן אַ פרום פּנים, ווי אין שול צום דאַווע־נען, בשעת מע דאַרף ענטפערן „ברוך הוא וברוך שמוי, אָמן"... פון שמואליקן שמועסט מען שוין גאָרנישט: ער איז געוועזן גאָרנישט אויף דעם עולם; פון די עטלעכע כוסות, וואָס ער האָט געמאַכט, האָט זיך

אים דאָס פּנים צעפלאַקערט, די אויגן צעברענט, און שמייכלענדיק האָט ער אויסגעזען, ווי אַ מענטש, וואָס האַלט באַם וויינען. דאָס ביסל משקה האָט אים אַנגעמאַכט אין קאָפּ אַ שטיקל מישמאַש: עס האָט זיך אים פֿאַרגעשטעלט זעלדע זײַן ווײַב, ווי זי שטייט אָט דאָ נישט ווײַט, קוקט מיט טרערן און קוועלט פֿון יאָסעלען איר בן־יחידל. „נו, זעלדע, — מאַכט צו איר שמואליק — האָסט זיך, אַשטייגער, גערעכט, וואָס איז שייַך, אַף דײַן יאָסעלען, האַ?"... עס שטעלט זיך אים פֿאַר אין דער מחשבה אַלערליי פּלאַנען; עס דאַכט זיך אים, אַז מע שלאָגט אים אָפּ די טירן — מע וויל יאָסעלען פֿאַר חזן. די קצבים הלשן, ווילן אים געבן צוואַנציק קערבלעך אַ וואָך, אַחוץ הכנסה; די טעטרעווצער לײַט זײַנען אָבער אויך נישט קיין נאַראָנים: זיי ווילן אים נישט אָפּלאָזן בשום אופֿן... און פֿון יאַמפּעלע, פֿון קאַשפּערעוו פֿון מאַקאַרעווקע און פֿון אַלע שטעט אַרום און אַרום באָוואַרפֿט מען אים מיט בריוולעך. „גיט אים נאָר אַהער, רב שמואליק, אַ רענדל אַראָפּ — אַ רענדל אַרויף, אַבי גיט אים אַהער, אײַער יאָסעלען!"... אָט אַזעלכע ליכטיקע און פֿריילעכע מחשבות און געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט בא שמואליקן אין קאָפּ, פֿאַרוויגנדיק און פֿאַרשלעפֿערנדיק אים אין אַ זיסן גן־עדן־שלאָף. און יאָסעלע האָט נישט אויפֿגעהערט צו זינגען, מאַכן קונצן מיטן האַלדז, צעגיסנדיק זיך אַף טויזנטערליי אופֿנים, ווי דאָס שפּיל־פֿייגעלע, בשעת עס דערפֿילט און דערזעט פֿאַר זיך די שיינע, ליכטיקע, וואַרעמע זון. יאָסעלע האָט דערזען פֿאַר זיך אסתּרן און איז, אַפּנים, פֿון איר נתפּעל געוואָרן, אַרויסזאָגנדיק זײַן התפּעלות נישט מיט ווערטער, נאָר מיט וווּנדערלעכע, געטלעכע געזאַנגען פֿון זײַן וווּנדערלעכן האַלדז. דער סאָלאָוויי, דערפֿילנדיק די פֿרישע, נאָר־וואָס אויפֿגעלעבטע ווענסנע־צײַט, האָט זיך צעזונגען, צעלאָזט דאָס העלדזל און צעגאָסן זיך אַף זײַן שטייגער.

---

## XIV.

## גדליה באַס פירט־אַרויס יאָסעלען אַף דער גרויסער פריַער וועלט

גדליה באַס, אַף וועלכן יאָסעלע האָט אַרויסגעקוקט, איז געקומען גיך, אַ סך גיכער, ווי יאָסעלע האָט גערעכנט. פאַרפאַרן איז ער גליַיך צו שמואליק דעם חזן, אָפּגעלייגט באַ אים דאָס פעקל און צעשפּרייט זיך, ווי אַ מענטש, וואָס איז געקומען גליקלעך מאַכן די וועלט. באַ שמואליקן איז זיַין קומען צו פאָרן געווען שטאַרק אָנגעלייגט, און ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ גרויסן כבוד, וואָס מענטשן פאָרן־אַראָפּ לכתחילה צו אים. דערצו איז אים דער אורח זייער געפעלן געווען פאַר אַ ליַיטישן מענטשן.

גדליה באַס איז געווען אַזאַ מין פאַרשוין, וואָס איז זייער שווער געווען צו טרעפן וואָס ער איז. אַ ביסל איז ער געווען פון „היַינטיקער וועלט": די קאַפּאָטע אַ ביסל פאַרקירצט, די שוואַרצע גראָבע פאות פאַר־קאַטשעט הינטער די אויערן און די שוואַרצע געדיכטע באָרד קיַילעכיק, קונציק אַרומגעבויגן, נישט חלילה אַרומגעשוירן. דערפאַר האָט ער זיך צו מעריב אָװעקגעשטעלט שמונה־עשרה אַף אַנאַדערהאַלבן שעה, זיך שטאַרק געשאָקלט און געוואָרפן מיטן קאָפּ אַף ביידע זיַיטן — רעכטס און לינקס, אַרויסלאָזנדיק אַלע מאָל אַ טיפן זיפץ פונעם האַרצן. „עס וויַיזט אויס, אַ פרומער ייִד", — האָט זיך שמואליק געטראַכט, בעטנדיק דעם אורח זיך וואַשן און עסן וועטשערע. די גאַנצע ציַיט פון דער ווע־טשערע האָט גדליה געשוויגן, באַטראַכט שמואליקן מיט זיַין הויזגעזינד און געענטפערט יאָסעלען נאָך אַ צוויי־דריַי ווערטער: וואָס מאַכט דער משורר, וואָס מאַכט יענער משורר. ערשט נאָכן בענטשן, באַ וועלכן דער אורח האָט פאַרגלאַנצט די אויגן אַרויף, ציילנדיק די ווערטער, האָט זיך שמואליק אָװעקגעזעצט מיט אים באַזונדער אין צווייען אין אַ ווינ־קעלע שמועסן אַ ביסל מכח דעם ענין, וואָס יענער איז צוליב דעם געקומען.

— ווילט איר, הייסט דאָס, אַפּנים, אַז יאָסעלע זאָל טאַקע פאָרן מיט אייַך? — האָט אים שמואליק אַ פרעג געטאָן, פאַרקוקנדיק אים אין די אויגן אַריַין.

— וואָס הייסט, איך וויל? — האָט אים גדליה באַם געענטפערט, גלעטנדיק זיך די באָרד. — ער איז בײַ מיר אײנער, וואָס? איך פאָר, ברוך־השם, מיט זיבעצן פאַרשוין; מע באַדאַרף אויסשטיין אַזאַ חברה, קיין עין־הרע, איז אויך נישט קיין קלייניקייט, ווי מיינט איר, רב שמואליק? איר זענט דאָך יאָ, ווי זאָגט ער...

— אוודאי, וואָס שמועסט מען דאָ? — האָט אים שמואליק גע־ענטפערט, ווי אַ מענטש, וואָס איז געניט אין אַזעלכע זאַכן. — איך מיין אָבער דאָס, וועגן מײַן יאַסעלען שמועס איך; למשל, וואָס קאָן ער האָבן דערפון, אַשטייגער?

— וואָס הייסט האָבן? — האָט אים גדליה געענטפערט, ווידער פאַרפאַרנדיק אין אַ זײַט. — האָבן צו האָבן איז דען גלײַך? אַמאָל מאַכט זיך, מע קומט אין אַ שטעטל און מע פאָרט אַוועק צוריק מיט וואָס מען איז געקומען, ווי זאָגט ער, בגפו יבוא בגפו יצא, און אַמאָל מאַכט זיך פאַרקערט, מע כאַפּט דעם טאַטער. הכלל, רב שמואליק, הוצאות שלאָגט מען זיך אויס יאָקאָם; אַט־אַזוי־אַ דרייט מען זיך; איר פאַרשטייט אַן עסק? אײַך באַדאַרף מען דאָך נישט דערציילן.

— יאָ, וואָס איז שײַך. עס רעדט זיך אַזוי. — מאַכט שמואליק.

— איך שמועס אָבער אַקעגן דעם, יעדער מענטש וויל דאָס וויסן, ווי ער האַלט, צי עס טראָגט אים, צי ניין. איר פאַרשטייט?

— וואָס הייסט טראָגן? קאָן מען זאָגן אױף אַ חזן: עס לוינט, צי עס לוינט אים נישט? איך פרעג אײַך, רב שמואליק, איר זענט דאָך אַליין עפּעס, ווי זאָגט ער, נישט פון יענע חזנים. אַ חזן איז תמיד ווי אַ מילנער; כל זמן... איר פאַרשטייט? גאָרנישט, עס דרייט זיך.

— יאָ, טאַקע, איר זײַט, כ'לעבן, גערעכט; איך באַאַרף דאָך מיר אָבער וויסן מײַנס, איר פאַרשטייט? עלעהיי איר זײַט דער קונה און איך בין דער סוחר; וואָס איז שײַך, איר באַט־אַן אַ פּרײַז, און איך וועל מיך שוין איבערלייגן און באַטראַכטן אַקוראַט. איר פאַרשטייט?

— שײַך זאָגן דערבײַ אַ פּרײַז? — מאַכט גדליה, צענעמענדיק די הענט און שמייכלענדיק דערבײַ זייער אַנגענעם. — עס ווענדט זיך שוין אַ ביסל אין גליק און אַ ביסל אין דעם, אויב מע נעמט־אויס באַם עולם. אונדזערע ייִדן, ווייסט איר דען נישט, רב שמואליק? דעם געפעלט און יענעם נישט. אַט נאָט אײַך פּ י צ י: שוין, דאַכט זיך, פּ י צ י אַליין,

פונדעסטוועגן, לאָמיר האָבן די ברכות, וואָס עס מאַכט זיך אים... עט!

— ס'איז אויך אמת! איך מיין גאָרנישט אַזוי ווײַט; איך וואָלט צופרידן געווען מיט האַלב, מיט אַ דריט־חלק פון פּיציז. לעולם איז דאָך מײַן יאָסעלע נישט מער, ווי אַ קינד, וואָס איז שײַך?

— אָ, איר זאָגט אַ קינד, רב שמואליק? באַ אײַך קומט־אויס, אַז אַ קינד באַדאַרף נישט קיין זאַך; די זײַטיקע זאַכן זײַנען דאָ, פאַרשטייט איר מיך, צען מאָל אַזוי פיל, ווי איר קאָנט זיך פאָרשטעלן.

— ניין, איך שמועס נישט פון דעם! — זאָגט שמואליק, פילנדיק, אַז ער איז פאַרקראָכן קיין בויבעריק. — איך האָב געוואָלט זאָגן גאָר אַן אַנדער זאַך.

— וואָס־זשע? איר מיינט אודאי די הנהגה זײַנע? מעגט איר מיר גלייבן, רב שמואליק, אַז...

— חלילה! — שרײַט שמואליק. — נישט דאָס מיין איך! איך רייד גאָר פון עפּעס אַנדערש!

— ע! לאָזט־זשע זיך דינען, מײַן ליבערע ייִד. איך וויל אײַך אויספירן אַקעגן דעם טאָקע, וואָס איר אַליין זאָגט דאָס... איך מיין אַקעגן קינדער...

אָט אַזוי האָט מען זיך געפּלוידערט ביידע ביז גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט, און שמואליק האָט זיך געלייגט שלאָפן מיט גאָרנישט. אויף אויף מאָרגן האָט גדליה באַס אַנגעהויבן אונטערטרײַבן יאָסעלען אין וועג אַרײַן; ער האָט אים אונטערגעגעבן היץ און איז אים נאָכגעגאַנגען פּיס־טריט. יאָסעלע פון זײַן זײַט, כאָטש עס איז געווען זייער אַנגענעם צו פאַרברענגען מיט זײַנע ליבע און נוטע פרײַנט, נאָר עס האָט אים גע־צויגן אַהין, אין דער גרויסער, פרײַער וועלט אַרײַן. ער האָט געזען, אַז ס'איז פאַר אים קיין תכלית נישט צו בלײַבן אין מאַזעפּעווקע, צו זײַן געבונדן און געצווונגען. זײַן ציל האָט ער נאָך נישט דערגרייכט; יענע שיינע מעשיות מיט יענע זיסע חלומות וועגן דעם „ייִנגעלע", בעל־הביתל", „קאַנאַריק" וכדומה אַזעלכע האָבן זיך אים ווידער פאַרגע־שטעלט מיט זייער גאַנצן גלאַנץ און מיט אַלע זייערע אַנטיקלעך, און עס האָט אים אַלץ געצויגן אַהין... ער האָט זיך נאָר אָפּגעבעטן באַ גדליה באַס אויף צוויי טעג, נישט מער, צו פאַרברענגען מיט זײַניקע,

אָפּצוגעזעגענען זיך מיט זײַ פּאָר זײַן אוועקפאָרן אין אזא ווײַטער נסיעה אַרײַן.

— ווען זשע, קלערט איר, זאָל ער קומען צוריק אַהײם? — האָט שמואליק אײנעם טאָג פון יאסעלעס אוועקפאָרן א פרעג געטאָן בא גדליה באָס, און עס האָט זיך געלאָזט הערן אין זײַן קול א מין ציטערניש, ווי א מענטש, וואָס וויל װײנען.

— וואָס הײסט אַהײם? — האָט אים דערויף גדליה באָס געענטפערט, ווי זײַן שטײגער איז, אָפּקערעווענדיק אין א זײַט. — אפּנים, מיר פאָרן דען ערגעץ אין אײן אָרט אַרײַן? מיר זײַנען דאָך וועלט־מענטשן: הײַנט זײַנען מיר דאָ, און מאָרגן דאָרטן, פונקט ווי די יריד־לײַט; מע ווײס, צי מע וועט מאכן גוט, צי נײן? גאָרנישט, מע פאָרט — פאָרט מען זיך.

שמואליק האָט מיט א מאָל אָנגעוווירן דעם קוראַזש; ער איז יענעם מאָג געווען צערודערט, שטאַרק לאַ־עליכמדיק. דער געדאַנק: „ווער איז אָט דער גדליה באָס, און וואָס איז מיט אים דער מער?" — איז שמואליקן געקומען אָפּן קאָפּ שוין צו שפּעטלעך. דערצו האָט אים זלאָטע געפּיקט אין קאָפּ אַרײַן, באַווײַזן אים, אַז ער איז, משטײנס געזאָגט, א צאַפּ, נישט קײן טאַטע: א טאַטע זאָל זיך נישט צעפּרעגן פרײַער, ווי בא לײַטן...

און יאסעלע האָט זיך געקליבן אין וועג אַרײַן. עס איז געוואָרן בא שמואליק דעם חזן אײן שטוב א סומאַטאָכע — יאסעלע פאָרט אוועק! מע האָט אים צוגעגרײט עסנוואַרג אין וועג אַרײַן, אָנגעבאַקן קיכלעך, קאַרזשעס און צוקערלעקעך. זינט יאסעלע איז געקומען פון טעטרעוועץ איז צו אים די שטיפמאַמע גאָר איבערגעביטן געוואָרן; זי האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף אים מיט דרך־ארץ, און אַז זי איז געוואָרן גוט, איז שוין צו איר גוטסקײט נישט געווען קײן ברעג. דעם גאַנצן פרימאָרגן איז זי נישט אָפּגעטראָטן פונעם אויוון, אַלץ געקאָכט און געבאַקט, געבראָטן און געפּרעגלט, אַלץ יאסעלען אין וועג אַרײַן. דאָס פּנים האָט איר געפלאַמט, דאָס טיכל האָט זי פאַרבונדן מיט די עקן אַרונטער און האָט אַלײן מיט אירע הענט אײַנגעפּאַקעוועט יאסעלען דאָס פּעקל אין וועג אַרײַן. צוזעענדיק פון איר אַזוי פיל געטרײַשאַפט, האָט איר יאסעלע מוחל געווען במחילה גמורה אַלע יסורים, מיט די צרות, מיט די פּעטש,

וואָס ער האָט פֿון איר אַמאָל געליטן. ער איז אין דער צײַט גרייט געווען צוּ דערמאָנען זי, ווי אַז אייגענע מאַמע. יאָסעלעס האַרץ איז פֿאַר זײַן אוועקפֿאָרן, געווען ווייך, אָפֿן און געטרײַ צו אַלעמען, עס האָט אים אויסגעוויזן יעדע זאַך יום־טובדיק. אַלע מענטשן מיט די גאַסן מיט די הײַזער האָבן אויסגעוויזן בײַ אים פֿײַן, ליכטיק און פֿריילעך. מאַזעפּעווקע מיט אירע בלאָטיקע, פֿינצטערע געסלעך, מיט אירע פֿינצטערע, אײַנגע־הויקערטע הײַזלעך און מיט אירע פֿאַרחושכטע, פֿאַרזאָרגטע לײַט, האָט אויסגעזען בײַ אים אין די אויגן טאַקע נאָר ווי אַ גן־עדן, וווּ אַלצדינג בליט און שײַנט, וווּ אַלצדינג לעבט און פֿרייט זיך, און ער איז גרייט אַרומנעמען און אויסקושן יעדן באַזונדער. זײַנע געדאַנקען האָבן אים אַזוי געטראָגן, עס איז אים געווען אַזוי גרינג אויף דער נשמה, אַז עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, ער האָט פֿליגל; ער איז נישט געגאַנגען, נאָר ער האָט געטאַנצט; ער האָט נישט געקוקט, נאָר געשײַנט און געלײַכט; ער האָט נישט גערעדט, נאָר געזונגען. הכלל, יאָסעלע איז די גאַנצע צײַט אין מאַזעפּעווקע געווען אויפֿן הימל — ער פֿאַרט! יאָסעלע האָט גענומען דאָס תּפֿילין־זעקעלע מיטן שטעקעלע און איז אוועקגעגאַנגען אין בית־המדרש אַרײַן דאַווענען. נאָר פֿאַרבײַגייענדיק האָט ער זיך אַרײַנגעכאַפּט צו זלאַטען אין שטוב אַרײַן, בכדי צו געזעגענען זיך מיט אסתרן.

---

## XV.

## ווי יאָסעלע געזעגנט זיך מיט אסתרן עטלעכע מאָל

איין טאָג אַ ליכטיקן האָט אסתר געהאַט אין איר לעבן, אַ גוטן, אַ גליקלעכן טאָג; דאָס איז געווען יענער טאָג, ווען יאָסעלע האָט זיך געקליבן אין וועג אַרײַן. עס איז נאָך געווען גאָר פֿרי, בשעת יאָסעלע איז מיטן תּפֿילין־זעקל אונטערן אָרעם אַרײַנגעקומען צו זלאַטען אין שטוב אַרײַן זיך געזעגענען. זלאַטע איז געווען אין קלייט, די קינדער מנשה און אפֿרים זײַנען נאָך געשלאָפֿן; אין שטוב איז געווען נאָר איין אסתר. זי איז געשטאַנען באַם פּריפּעטשיק, צעלייגט אַ פֿײַער און

געקאכט ציקאריע אף אנבייסן. דערזעענדיק יאסעלען, האט זי אראפגעלאזט די ארבל, וואס זיינען איר געווען פארקאטשעט ביז די עלנבויגנס, ארויסבאווייזנדיק אירע שיינע, ווייסע הענט, און דאס פנים איז איר געווען פארפלאמט פונעם פייער. די האר זיינען איר געווען צעפלאכטן, צעווארפן אף די אקסלען און ווי עס איז צונויפגענומען פון אונטן און אונטערגעשטעקט מיט א הארנאדל, און דאס האט איר צוגעגעבן נאך מער חן. דאס ווייסע פארטעכל האט אף איר געשעמערירט, צוגעבנדיק נאך מער ליכטיקייט צו איר ליכטיק שיינענדיק פנים. די הענט האט זי צונויפגעלייגט אפן הארצן, און קוקנדיק אזוי פארטראכט אפן פייער, האט זי אויסגעהערט יאסעלעס רייד, וואס ער האט גערעדט איבער איר גאר אן אויפהער. אנגעהויבן האט ער פון דעם, וואס ער פארט אוועק אין אזא וויטן וועג אריין, ער וועט זיך דאס אנזען א וועלט — טאטעניו! ער וועט זיין אומעטום: אין מאקארעווקע, אין קאפשערעוו, אין גנילאפיאטעווקע, אין גלופסק, אין דנעפרעוועץ און אין טונעיאדעווקע — און ווו נישט? גדליה באס זאגט אים צו, אז ער וועט מיט אים זיין אין כמעלניצק און אין גאנטאיארסק אויך, אים ווייזן דאס טעאטער דארטן, ווו פיצים טענאר איז היינט משורר, דאס הייסט, ער זינגט אלע נאכט אין טעאטער, און מע זאגט, ער איז דארטן גליקלעך, ווי די גאנצע וועלט: ער שיקט איבער זיין טאטן געלט אן א שיעור. זיין טאטע איז חזן אין דער מאקארעווקער קצבישער קלויז, אן עני ואביון געווען, און היינט, זינט זיין זון איז אזוי גרויס און געהויבן געווארן, איז אים גוט ווי די וועלט... יאסעלע האט געזאגט, ווען גאט העלפט אים כאטש נאר האלב ווי פיצים טענאר, כאטש א צענט־חלק, וואלט ער נישקשה, באווארנט זיין טאטן אף די עלטערע יארן און נישט געלאזט אים, ער זאל זיך איינרייסן דאס געזונט באם עמוד איינער אליין: נענוג געהארעוועט; ער מעג זיך שוין אפרוען, כ׳לעבן".

בא די ווערטער האט זיך יאסעלע שטארק צעהיצט; די אויגן האבן אים געברענט, דאס פנים האט אים געשיינט. יאסעלע איז געווען נאך גאר א קינד, קאן מען זאגן, א יינגל פון א יאר זיבעצן, נישט מער, נאר א גרויס יינגל, איינער פון די יידישע יינגלעך, וואס וואקסן אויס און ווערן צייטיק פאר דער צייט, פארטיקע יידעלעך. א דאנק די צרות, וואס ער האט געטראגן פון קליינוויז־אויף, האט זיך יאסעלע אויסגעארבעט,

געוואָרן אַ קליין פּאַרטיק ייִדל, געגאַנגען ווי אַן אַלטער, גערעדט ווי אַ בר־דעת, געפירט זיך ווי אַ ייִד. צוהערנדיק זיַינע רייד, האָט זיך אסתר געחידושט אויף אים: עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ער איז עלטער געוואָרן נישט מיט דריַי יאָר, נאָר מיט צען יאָר, און קוקנדיק אויף אים, אויף זיַין „אַסאַבע", האָט זי זיך נישט געקאָנט איַינהאַלטן, זי זאָל זיך נישט צעלאַכן. אסתר איז עלטער געווען פון אים מיט אַ יאָר אַנדערהאַלבן און האָט תמיד געקוקט אויף אים, און אויך איצט, ווי אויף אַ קינד, אַ ייִנגל. דערהערנדיק פון אים אַזעלכע ווערטער האָט זי אים גענומען באַטראַכטן און האָט אים געלאָזט רײדן, נישט איבערשלאָגנדיק אים, ביז ער וועט נישט אויסלאָזן ביזן סוף. און יאָסעלע האָט גערעדט גאָר אָן אַן אויפהער, וואָס וויַיטער אַלץ מיט מער היץ, פאַרגעלייגט גאָלדענע פּלענער און געקערט די וועלט. אַז יאָסעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מינוט, האָט אים אסתר אַ זאָג געטאָן מיט זייער אַ פריַינטלעך שמייכעלע:

— זע־נאָר, זאָלסט נאָכדעם נישט פאַרגעסן, וואָס דו זאָגסט אַצינד, אַזוי ווי זלמן־הערש, מיַין מומע בריַינעס עלטערער זון, געדענקסט אים? פריִער, בשעת ער האָט באַדאַרפט אוועקפאָרן קיין בראָד, האָט ער איר צוגעזאָגט גאָלדענע בערג, און וויבאַלד ער איז געקומען אָפּן אָרט, האָט ער געשיקט עפּעס צוויי בריוולעך, און נאָכדעם האָט ער אויפגעהערט צו שריַיבן ביז היַינטיקן טאָג. איך זאָג עס אָקעגן דעם, וואָס צוזאָגן איז קיין מלאכה נישט...

פון די דאָזיקע ווערטער האָט מען געקאָנט אַרויסזען, אַז אסתר איז אויך נישט שטאַרק צופרידן געווען פון יאָסעלעס אוועקפאָרן; עפּעס איז איר דאָס האַרץ נישט גרינג געווען. אים האָבן די עטלעכע ווערטער, אָפּנים, גוט דערלאַנגט; ער האָט זיך נאָך מער צעהיצט און געזאָגט:

— דו גליַיכסט מיך, אסתר, צו יענעם שאַרלאַטאַן, צו זלמן־הערשן? זלמן־הערש איז פון תמיד אָן געווען אַ שייגעץ, אַן עזות־פּנים. עס איז נישט געווען דער טאָג, מע זאָל אים נישט קאַטעווען פאַר זיַינע מיאוסע תנועות... וואָס גליַיכסטו מיך צו אים? — האָב קיין מורא נישט, איך וועל מיַין טאַטן נישט פאַרגעסן קיינמאָל. איך וועל זיַין דאָרט, און מיַין נשמה וועט זיַין דאָ, באַ מיַינע ליבע און געטריַיע. איך וועל

שיקן אַפּטע בריוולעך. איך וועל דיר שרײַבן, אסתר, אַלע וואָך. וועסט מיר ענטפֿערן?

אסתר האָט געפֿילט, אַז עס ברענט איר דאָס פּנים, און האָט אַראָפּ־געלאָזט די אויגן. שפּעטער, אַז זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, האָבן זיי זיך ביידע גאַנץ גוט פֿאַרשטאַנען, שוין פֿאַרשפּאַרט איבעריקע רייד. זיי האָבן נישט באַדאַרפֿט פֿרעגן איינס באַם אַנדערן קיין הסכּמה. קיין ראָמאַנען האָבן זיי ביידע נישט געלייענט. זיי האָבן נישט געוווּסט, ווי אַזוי מען איז זיך נוהג אין אַזעלכע ענינים, און האָבן דאָס נישט באַדאַרפֿט וויסן: די נאַטור ווייס נישט פֿון קיין ראָמאַנען. יאָסעלע מיט אסתרן זײַנען פֿון קינדווײַז אָן געווען אינאײנעם, און עס וואָלט זיי ביידן אַ גרויס חידוש געווען, ווען זיי זאָלן זיך באַדאַרפֿן צעשיידן אויף תּמיד, אויף אייביק. ביז אַהער האָבן זיי דעם דאָזיקן געדאַנק געטראָגן בײַ זיך אין האַרצן פֿאַרבאָרגן; אַצינד, אַז עס האָט זיך געמאַכט, אַז זיי האָבן זיך אויסגערעדט, נישט מיטן מויל, נאָר מיט די אויגן, מיטן קוק, איז דאָס שוין פֿאַר זיי ביידע קיין סוד נישט געווען, נאָר ריידן וועגן דעם איז פֿאַר זיי פֿונדעסטוועגן געווען אַן איבעריקע זאַך, און טאַקע נישט אַזוי גרינג אויך. נישקשה, עס איז געווען צווישן זיי ווי אָפּגערעדט: חתן־כּלה, וואָס איז דאָ פֿאַראַן וואָס צו שמועסן? זיי זײַנען נאָך ביידע יונגע קינדער. יאָסעלע וועט פֿרײַער אַרויספֿאָרן אויף דער וועלט; נאָכדעם וועט ער קומען, וועט ער... וועט זי... עס וועט שוין זײַן רעכט!

— נו, דערווײַל לאָמיר זיך, אסתר, געזעגענען. — האָט יאָסעלע אַ זאָג געטאָן, אויסצײַענדיק אסתרן זײַן האַנט, ווי אַ מענטש, וואָס קומט אָן פֿון אַ גרויסער שטאָט און ווייס די דאָרטיקע מנהגים. — זײַ געזונט, אסתר!

— פֿאָר געזונטערהייט! — האָט אים אסתר געענטפֿערט, אויס־צײַענדיק אים איר האַנט דאָס ערשטע מאָל אויף איר לעבן. אסתר האָט געפֿילט, ווי יאָסעלע קוועטשט איר די האַנט שטאַרק, שטאַרק און האָט איר האַנט בײַ אים נישט אַרויסגענומען. ווער ווייס נישט דעם טעם פֿון אַזאַ מין האַנט־קוועטשן? ווער ווייס נישט דעם פּשט פֿון אַזאַ מין שלום־עליכם אָפּנעמען?... יאָסעלע מיט אסתרן זײַנען געווען אָפּן זיי־בעטן הימל. זיי האָבן זיך ביידע אויף אַ מינוט פֿאַרגעסן און זײַנען געווען איבערגעגעבן איינס דעם אַנדערן מיטן גאַנצן לעבן. זייערע אויגן האָבן

זיך נאָך אַ מאָל באַגעגנט און געַרעדט צווישן זיך אַף זייער שפּראַך, אַף שטום־לשון, אַף יענעם לשון, וואָס איז באַקאַנט אַלע יונגע מענטשן אין דער מינוט, ווען עס הייבט זיך אָן באַ זיי אין האַרצן זייער וועסנע־צײַט, די גליקלעכסטע צײַט פֿון דער ערשטער וואַרעמער, אמתער געט־לעכער ליבע...

שטייענדיק אַף דער שוועל, האָט זיך יאָסעלע נאָך אַ מאָל אומגע־קערט מיטן פּנים צו אסתרן און האָט איר געזאָגט נאָך אַ מאָל „זײַ גע־זונט". אסתר האָט אים געענטפֿערט „פּאָר געזונט", און יאָסעלע זאָגט ווידער אַ מאָל „זײַ געזונט", און וויל שוין אַנהייבן אַרויסצוגיין; פּלוצים קומט אָן זלאַטע פֿון הינטער זײַנע פּלייצעס און מאַכט אַזוי:

— שאַ־שאַ, קוק אים אָן! וואָס פּאַר אַ „זײַ געזונט" אַזוי פֿרי? האָר אויס אַ קאַפּעלע, ביז לייזער בעל־עגלה וועט זיך אַמאָל אויסקראַצן קומען מיט זײַנע דרײַ פֿגירות, וועסטו זיך נאָך קאָנען אָפּגעזעגענען זעקס מאָל. גיי נאַר, יאָסעלע, דאַוון־אָפּ און קום צו אונדז אַף אָנבײַסן. דעם לעצטן וואַרעמעס באַדאַרפֿסטו עסן באַ אונדז; דאָס וועט דיר זאָגן יעדער מענטש מיט יושר, אַז עס באַדאַרף אַזוי צו זײַן! הערסטו, אסתר? האָט מיר פֿרומע־בלומע געבראַכט אין קלייט אַרײַן פֿיש, וואָס זאָל איך דיר זאָגן?! גיי דערוויַיל אַרויס אין קלייט אַרײַן, איך האָב דאָרט גע־לאָזט דאָס משרתל אַליין. די פּדיונות זײַנען, ברוך־השם, אַזוי גרויס, כאָטש נעם פֿאַרשלים די קראָם. שונאי ציון, צו אַלדי גוטע יאָר! זיץ־אויס אַזאַ טאָג און פֿרעגל זיך אַף דער זון, טאָמער ווייסטו וואָס? געדענק זשע, יאָסעלע, אַף וואַרמעס, למען־השם, אַף וואַרמעס! דעם טאַטן מיט דער מומע וועל איך רופֿן אַליין: ס׳איז ראש־חודש, אַ האַל־בער יום־טוב. זיי מעגן קומען.

יענער טאָג, קאָן מען זאָגן, איז געווען דער בעסטער, דער ליכ־טיקסטער, דער גליקלעכסטער טאָג אין אסתרס לעבן. אַף אַלץ איז אַ צײַט; עס קומט אַ צײַט אויך אַף דעם איינציקן בלימעלע, וואָס וואַקסט אין וואַלד ערגעץ אין אַ ווינקעלע, פֿאַרוואָרפֿן, פֿאַרשטעלט, עלנט און וויסט. עס קומט אָפּן עלנטן בלימעלע די גוטע צײַט. עס קוקט־אַראָפּ אַף דעם איין שטראַל פֿון דער ליכטיקער זון. דאָס אויפֿגעלעבטע, דער־פֿרישטע בלימעלע הייבט־אויף דאָס קעפּל אַף אַ מינוט, צעלאָזט די בלע־

מעלעד, שײַנט און בליט, קוקט אין לויטערן הימל אַרײַן און גיט אַפּ אַ ליבלעכן גרוס דער מילדער נאַטור, וואָס האָט נישט פאַרגעסן אין איר אויך, עלנטע, אָרעמע בלום...

---

## XVI.

## ער פאָרט אַוועק און פאַרגעסט דעם „זײַ געזונט"

ווי אַ ליכטיקער שטערן, וואָס פליט דורך אויף דעם טונקעלן הימל, טוט אַ בלישטשע אין די אויגן, לאָזט איבער נאָך זיך אַ לאַנגן ליכטיקן פּאַס און ווערט פאַרשווּנדן, אַזוי איז אויך יאַסעלע סאָלאָוויי אין דער ייִדישער מוזיקאַלישער, דאָס הייסט, חזנישער וועלט. אָט איז ער געקומען אין אַ שטאָט אַרײַן, געמאַכט אַ רעש צווישן די ייִדן, זיך באַוויזן און פאַרחידושט, פאַרכישופט דעם עולם מיט זײַן וווּנדערלעך משונה־זיס קול, מיט זײַן געטלעך דאַווענען און זינגען, — און אָט איז ער פאַר־שווּנדן געוואָרן, איבערלאָזנדיק די שטאָט פאַרגאַפט און פאַרוווּנדערט, זיי זאָלן ריידן פון אים, דערציילן חידושים, אײַנלייגן נאָך אים די וועלט און געדענקען אים מיט זײַן דאַווענען ווײַל זיי וועלן לעבן. נאָך איידער ער איז געקומען צו פאָרן ערגעץ אין אַ שטאָט אַרײַן, פלעגט שוין ווערן, מיט אַ וואָך פריִער, אַ רעש: „ער פאָרט! י אַ ס ע ל ע ס אָ ל אָ וו י י פאָרט צו אונדז אויף שבת!" און אַז יאַסעלע סאָלאָוויי איז געקומען, איז געוואָרן אין שטאָט ערד־טרעטעניש — אַלע האָבן געוואָלט הערן דעם מ אַ ז ע פּ ע וו ק ע ר ס אָ ל אָ וו י י. צום מיינסטן פלעגט יאַסעלע סאָלאָ־וויי דאַווענען אויף בילעטן, וועלכע דער עולם האָט צעכאַפּט, נאָך פריִער איידער מע האָט זיך אומגעקוקט. מער ווי איין שבת האָט יאַסעלע סאָ־לאָוויי נישט פאַרבראַכט אין קיין שטאָט, מע זאָל אים אפילו אָפּגילטן, מחמת שטעט איז דאָ אַ סך, און מע דאַרף זײַן אומעטום. ערשט נאָך זײַן אַוועקפאָרן פלעגט אָנהייבן צו קאָכן מיט אים די שטאָט, איינער האָט איבערגעגעבן דעם אַנדערן זײַנע געפילן מיט גרויס התפּלות: „וואָס זאָגט איר עפּעס אָפּן סאָלאָוויי?!... וואָס זאָגט איר אויף זײַן שטי־

מע?... האָט איר אים כאַטש אָנגעקוקט רעכט אין פּנים אַריַין?... וואָס זאָגט איר אַף זייַנע משוררים?... נו, מאַזעפּעווקע! ננו, סאַלאַ־וויטשיקל!"... עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע ליבהאָבער, וואָס זייַנען אים נאָכגעפאָרן אין דער אַנדערער שטאָט אַריַין, בכדי זיי זאָלן אים קאָנען הערכן נאָך אַ מאָל. אַף דער גאַס, אַז יאָסעלע האָט זיך באַוויזן, זייַנען אים נאָכגעלאָפן אַ גאַנצע כאַפּטע יִינגלעך, ווייַסע־חברה־ניקעס, מיט אַ געשריי: „דער סאַלאָוויי! דער סאַלאָוויי!" און נישט נאָר קליינע קינדער, נאָר אויך ייִדן מיט בערד האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַ קוק טאָן אָפן מאַזעפּעווקער סאַלאָוויי. דאַכט זיך, וואָס איז געווען צו זען דאָרטן. אַ בחורל פון אַ יאָר זעכצן־זיבעצן, מיט רויטע בעקלעך און מיט צוגעגלעטע פּאָהלעך, מיט אַ לאַנג קאַפּאָטקעלע, ביז דער ערד, און מיט אַ האָזן־קאַפּעלישל — אָט דאָס איז אינגאַנצן געווען יאָסעלע סאַלאָוויי; נאָר זייַן נאָמען איז געווען אַזוי גרויס, זייַן קול איז געווען אַזוי וווּנדער־לעך, זייַן דאַווענען איז געווען אַזוי געטלעך־זיס, אַז זייַן פּנים האָט אויסגעוויזן מיט אַ באַזונדער חן, און אַ זכיה איז געווען ווער עס האָט אים אָנגעקוקט.

ווי פון יעדן גרויסן מענטשן, האָט מען זיך אָנדערציילט פון יאָ־סעלע סאַלאָוויי מעשיות גענוג, און עס זייַנען געגאַנגען צווישן ייִדן לעגענדעס וועגן אים אָן אַ שיעור. למשל, מע האָט דערציילט, אַז ער טראָגט בייַ זיך אין האַלדז אַזאַ מין אינסטרומענט, אַ האַרמאָנקעלע אָדער אַ פּייַפעלע, מיט וועלכן ער מאַכט אַזעלכע קונצן; און עס קאָן נאָר אַנדערש נישט זייַן, דען אַזוי צו זינגען איז גאָרנישט קיין מענטש־לעכער כּח. אַנדערע האָבן דערציילט, אַז ס'איז נישט קיין האַרמאָנקעלע, נישט קיין פּייַפעלע, נאָר אַזאַ האַלדז פון געבוירן־אָן, וואָרעם בשעת ער איז נאָך געווען אַ קינד בייַ דער מאַמע אַף די הענט, האָט ער זיך איינמאָל אַזוי צעזונגען, אַז מע האָט פאַר אים מורא געהאַט און אָפּגעפירט אים צום רבין; דער רבי האָט אים אַ קוק געטאָן אין האַלדז אַריַין און האָט אים געבענטשט, ער זאָל אַזוי נושא חן זייַן בייַ דער וועלט, ווי ער האָט נושא חן געווען בייַ אים אין די אויגן. אויך האָט מען דערציילט, אַז יאָסעלע עסט נישט קיין שום זאַך: קיין ברויט, קיין פלייש און קיין פּירות, אַחוץ הייסע מילך מיט גאָגלמאָגלס — און פון דעם לעבט ער; ער טרינקט אויס אַ שאָק אייער יעדן טאָג און דערפאַר איז אים דאָס קול

אַזוי ריין און געלײַטערט. „פּרום איז ער, — אַזוי האָט מען געזאָגט אַף אים — ווי די וועלט, און לערנט אויסגעצייכנט”. כאָטש קיינער האָט אים נישט פאַרהערט, נאָר מע האָט געקאָנט אַרויסזען נאָך זײַן פּנים, אַז ער באַדאַרף זײַן אַן איידל קינד; „שיין איז ער — אַזוי האָט די וועלט געשמועסט — אַזוי, אַז ס'איז אים נישט אין פּנים אַרײַנצוקוקן. פּריצים, שׂררות, גראַפן און קניאַזן פּלעגן זיך שפּיגלען אין זײַן ליכטיקער צורה”.

די אַלע מעשׂיות האָבן, געוויינלעך, געגרייכט ביז מאַזעפּעווקע און זײַנען געווען פאַר שמואליקן, פאַר זלאַטען און פאַר אסתרן אַ גוטער באַלזאַם, אַ רפואה צו זייערע יסורים, וואָס זיי האָבן געהאַט פון אים: עס איז געווען אָפּגערעדט, אַז אַף סוכות זאָל ער קומען אַהיים זיך אָפּ־רוען אַ ביסל און פאָרן ווײַטער; צום סוף איז אַוועקגעגאַנגען אי סוכות, אי פּסח, אי שבֿועות — און יאָסעלע איז נישטאָ; עס איז אַוועקגע־גאַנגען נאָך אַ סוכות — און יאָסעלע איז נישטאָ; עס איז אַוועקגעגאַנ־גען נאָך אַ סוכות — און יאָסעלע איז אַלץ נישטאָ! ער שרײַבט: „אָט קום איך, אָט קום איך” — און קומט נישט. מע זאָל וויסן ווּ אים צו געפינען, וואָלט מען אים געשריבן, זיך דורכגעפאָרן צו אים; אָבער אַז ער פליט אַרום איבער דער וועלט, הײַנט דאָ, מאָרגן דאָרט — גיי זוך אים. אַ שטיקל גליק, וואָס ער שרײַבט כאָטש בריוולעך. שפּעטער האָט זיך אָבער דאָס גליק אויך אויסגעלאָזט; דאָס ערשטע האַלבע יאָר האָבן זיי געהאַט פון אים גוטע פרייִלעכע בריוולעך; תּחילת גאַנץ אָפטלעך, און נאָכדעם וואָס ווײַטער שוין נישט אַזוי אָפט, ווי פריִער. נאָר דאָך האָבן זיי געהאַט פון אים גוטע ידיעות, אַז ער פאָרט אַרום איבער דער וועלט, ער מאַכט אַ רעש, געפעלט דעם עולם, מאַכט געלט און פאָרט ווײַטער. שמואליק האָט עטלעכע מאָל מקבל געווען פון יאָסעלען אַ פּאַ־קעט מיט גראָבע עטלעכע קערבלעך, און מאַזעפּעווקע איז געגאַנגען מיט דעם כאַראַראַם. „וואָס זאָגט איר אַף אונדזער שמואליק דעם חזן? זײַן יאָסעלע שיקט אים איבער אַהערצו געלט גוזמאות! ער וועט ווערן אַ נגיד אַף דער עלטער!”... שפּעטער, אָפּן אַנדערן יאָר, האָט יאָסעלע אויפגעהערט נישט נאָר געלט צו שיקן, נאָר אפילו אַזוי אַ בריוול פּלעגט ער צושיקן איין מאָל אין דרײַ חדשים. אי דאָס — עטלעכע שורות: „ראשית קום איך דיר מעלדן, אַז איך בין, ברוך השם, אין בעסטן גע־

זונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון אײַך צו הערן אָמן סלה!"... און ווײַטער כמעט גאַרנישט. נאָר שפּעטער האָבן זיך די דאָזיקע בריוולעך אויך אויסגעלאָזט, און יאָסעלע איז פאַרפאַלן געוואָרן, פאַרפאַלן, ווי אין וואַסער אַרײַן. נישטאָ יאָסעלע! שמואליק דער חזן נעבעך איז אַראָפּ־געפאַלן מיט אַ מאָל פונעם הימל אויף דער ערד. ער האָט געקלאָגט אויף זײַן טײַערן זון, זײַן אויג אין קאָפּ, זײַן שטיצע אויף די עלטערע יאָרן — פאַרוויסט און פאַרפינצטערט איז ער געוואָרן! ער איז אַרומגעגאַנגען אַז אַ קאָפּ, גאַרנישט ווײסנדיק וואָס מע טוט אַצינד „און וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?" געגנוג וואָס דער אומגליק איז אַזוי גרויס, איז דער בזיון נאָך גרעסער. שמואליק האָט זיך נישט איין מאָל אויסגערעדט זײַן ביטער האַרץ פאַר זײַן גוטן פרײַנט, זלאַטע די צעלניקערן, זיך געהאַלטן מיט איר אַן עצה, „וואָס טוט מען און וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?" נאָר וואָס פאַר אַן עצה האָט איס געקאָנט געבן זלאַטע. אַ ייִדענע און אַן אַלמנה דערצו? זי האָט, ווי געווײנלעך, אינגאַנצן אַרויפגעוואָרפן די שולד אויף אים, געזשיפּעט אים, ווי אַלע מאָל, זאָגנדיק, אַז ווען זי זאָל זײַן אַ טאַטע, וואָלט זי זיך אַנדערש נוהג געווען מיט איר קינד, און ווען זעלדע, עליה־השלום, זאָל אַצינד לעבן, וואָלט אַלצדינג געווען גאָר אַנ־דערש!... די אַלע שמועסן צווישן שמואליקן מיט זלאַטען זײַנען פאַר־געקומען פאַר אסתרן, און עס האָט זי נעבעך גוט געקרענקט, נישט קאָ־נענדיק אַרויסזאָגן פאַר קײנעם אירע פאַרבאָרגענע יסורים מיט איר האַרצ־ווייטיק.

שוואַרצע וואָלקנס האָבן זיך אָנגערוקט אויף אסתרס לויטערן הימל, און די וועלט, וואָס איז איר אויף אַ מינוט געווען ליכטיק און ליב, איז איר ווידער געוואָרן פאַרחושכט און פאַרוויסט, נאָך ערגער ווי פריִער. פריִער איז זיך אסתר געווען אין איר ספערע, צווישן איריקע, ווי דאָס קלײנע באַשעפעניש אין דעם אייעלע, גאַרנישט ווײסנדיק וואָס אויף יענער זײַט טוט זיך. אסתר וואָלט זיך געווים געקריגן איר גלײַכן, איר אמתן זיווג, זי וואָלט חתונה געהאָט אין אַ מזלדיקער שעה; צי זי וואָלט גע־לעבט גליקלעך, צי אפשר נישט אַזוי גליקלעך, נאָר קיין טענות וואָלט זי נישט געהאַט צו קײנעם, אַזוי ווי אַלע אַנדערע מאַזעפּעווקער מײדלעך. אַצינד אָבער, אַז איר האַרץ האָט פאַרזוכט יענעם הייליקן געפיל, אַצינד, אַז זי האָט זיך אויף אַ מינוט געזעכנט אַזוי גליקלעך מיט איר יאָסעלען,

מיט איר חתן, וואָס קיינער האָט בא איר נישט געוווּסט און אַף וועלכן זי האָט אַרויסגעקוקט אַזאַ צײַט, — אַצינד באַדאַרף זי זיך אָפּגעזעגענען מיט דעם געדאַנק און נאָך באַגראָבן זיך, באַהאַלטן זיך, טראָגן די צרות אינעווייניק! אסתר האָט בא זיך לאַנג נישט געקאָנט פֿועלן, אַז יאָסעלע זאָל אַזעלכעס טאָן — אַוועקוואַרפֿן, פֿאַרגעסן דעם זײַ־געזונט, פֿאַרגעסן אַף אייביק! ס'טײַטש, ס'טײַטש! ער זאָל אַזעלכעס טאָן? וווּ זײַנען זײַנע רייד? וווּ איז זײַן געטרײַשאַפֿט צום טאַטן? וווּ זײַנען אַלע זײַנע שבועות און צוזאָגעכצן? „אַז יאָסעלע קאָן אַזעלכעס טאָן, — אַזוי האָט אסתר געזאָגט צו זיך אַליין — איז שוין עק וועלט!” נאָר דאָס, וואָס אסתר האָט געליטן אַצינד, איז נאָך געווען גאָלד אַקעגן דעם, וואָס ס'איז איר פֿאַרגעשטאַנען ווײַטער אין איר לעבן...

---

## XVII.

## יאָסעלע סאָלאָוויי איז מרעיש עולם און ווערט אַ חברה־מאַן

צווייערליי מינים נע־ונד איז פֿאַראַן אַף דער וועלט: איינעם טראָגן די צרות זײַנע, רײַסן אים אָפּ פֿון דער היים, פֿון זײַנע ליבע, פֿאַרוואָגלען אים, און איינעם איז דאָס נע־ונד זײַנס אַנגענעם, און מחמת גרויס פֿאַרגעניגן פֿאַרדרייט עס און פֿאַרשיכורט אים דעם קאָפּ, און ער ווערט געפּלעפֿט. אַט אַזאַ מין נע־ונד איז געווען אונדזער יאָסעלע. אַרומפֿאָרנ־דיק פֿון איין שטאָט אין דער אַנדערער, האָט ער אַליין נישט געוווּסט, וווּ ער איז אין דער וועלט. יאָסעלע האָט נישט באַדאַרפֿט טראָגן אָפּן קאָפּ קיין שום דאגות, וווּהין צו פֿאָרן און וויאַזוי צו פֿאָרן. דאָס איז שוין געווען נישט זײַן זאַך; דערויף איז געווען אַ גדליה באַס, וואָס האָט אים שוין אַליין פֿאַרזאָרגט מיט אַלצדינג, ווי אַן אייגענער טאַטע. גדליה באַס האָט נאָר געטראָגן דעם נאָמען „באַס” פֿון אַמאָל; נאָר זינט ער האָט אָנגעהויבן אַרויספֿאָרן אַף דער וועלט מיט יאָסעלע סאָ־לאָוויי, האָט ער דעם ב אַ ס פֿאַרבויגן אין אַ זײַט און האָט זיך גענומען צו אַנדערע מלאכות: פֿאָרן פֿון איין שטאָט אין דער אַנדערער — „באַ־

שטעלן שבתים". בשעת יאסעלע סאלאוויי האט אין א שטאט ערגעץ געדאווונט שבת, איז שוין גדליה באם געווען אין דער אנדערער שטאט, זיך געדונגען דארטן מיט די גבאים ביזן ביין אריין, באשטעלט פאר יאסעלען א שבת, אפגענומען די עטלעכע קערבלעך פריער, און אז יאסעלע איז אנגעקומען, איז גדליה אוועקגעפארן אין דער דריטער שטאט באשטעלן א שבת, און אזוי ווייטער און ווייטער. גדליה איז געווען א געניטער אין דעם עניז. יאסעלע האט זיך, נישקשה, געמעגט פארלאזן אף אים מיט אלצדינג; ער האט שוין אליין געפירט דאס גאנצע רעדל, געדונגען משוררים, געפירט די הוצאה, אליין זיך גערעכנט אומעטום — אלץ אליין. יאסעלעס עסק איז געווען נאר קומען, אפדאווענען א שבת און פארן ווייטער. בא גדליהן איז יאסעלע געווען פאררעכנט, ווי אז אייגן קינד. ער האט אים אפגעהיט, ווי דאס שווארצאפל פונעם אויג. עס איז יאסעלען געווען בא אים, אז עיז־הרע, גאנץ גוט, — אזוי האט יאסעלע די ערשטע צייט אליין געשריבן צו זיינע ליבע און געטרייע. די גוטסקייט זיינע האט אבער יאסעלע דעמאלט אליין נישט פארשטאנען. די חברה משוררים, באדארף מען וויסן, זיינען א גוטע חברה. צום מיינסטן איז דאס לעבעדיקע, פרייליכע יונגען, נאר־וואס באפרייטע פונעם ענגן פינצטערן חדר און פונעם ביטערן רבינס קאנטשיק אדער פונעם בעל־הביתס רשות. ארויספארנדיק אף דער גרויסער פרייער וועלט, זיינען די דאזיקע חברה־לייט, ווי די ווילדע לאשעקלעך; זיי וויסן נישט, וואס זיי זאלן טאן פריער. דאס זיינען צום מיינסטן אזעלכע יינגלעך, וואס זיינען ביז אהער זשעדנע געווען א שטיקל ברויט, געווען תלמוד־תורהניקעס, שניידער־יינגלעך אדער משרתימלעך. ווער זיי זאלן נישט זיין, גייט מען זיך באלד צונויף אלע אינאיינעם, און עס ווערט בא זיי יד־אחת, איין דעה, איין שיסל, און א לעבן ווי אין גן־עדן. פון יידישקייט, געוויינלעך, ווערט מען פטור, מע טוט וואס דאס הארץ גלוסט. קומענדיק אין א שטאט, נעמט מען זיך באלד צום עסן; דאס עסן איז בא זיי טייערער פון אלץ אף דער וועלט: ווי הונגעריקע וועלף, ווי היישעריקן, באפאלט מען דעם בעל־הבית פון דער אכסניה און מע גיט אים צו לייזן געלט. אין א פרייער צייט גייט מען ארום איבער דער שטאט, מע רויכערט ציגארעטן, מע שטיפט און מע ארבעט — הכלל, עס איז חי־געלעבט!

בשעת יאסעלע איז געווען בא מיצין אין טעטרעוועץ, האט ער

נאָך פאַרט געהאַט אַף זיך אַן עול און איז געווען פאַרנומען מיטן זינגען; דערצו האָבן אים אונטערגעהאַלטן די בריוולעך פונעם טאַטן, וואָס פלעגט אים אָפּטלעך דערמאַנען, אַז מע באַדאַרף זיַין אַ ייִד, נישט פאַר־געסן חס־ושלום לייגן תפילין אַלע טאָג, אָפּהיטן אַלע דינים, נישט אין זינען האָבן קיין נאַרישקייטן און געדענקען, אַז ער איז נישט גליַיך צו אַלע אַנדערע משוררים, אַז ער איז אַ טאַטנס אַ קינד... די דאָזיקע בריוולעך, וואָס יאָסעלע פלעגט מקבל זיַין פון זיַין טאַטן, זיַינען פאַר אים געווען דער בעסטער מוסר, און ער האָט געפאָלגט דעם טאַטן, אָפּ־געהיט ייִדישקייט, און מיט דער חברה זינגערס געהאַט ווינציק־וואָס מגע־ומשא, דען ער האָט דערויף קיין צײַט נישט געהאַט: דעמאָלט, ווען ער איז געווען פריַי פון זינגען, האָט ער אַף זיך געהאַט אַנדערע אַרבעט — וויגן מיציכען דאָס קינד, טראָגן איר דעם קאָשיק פונעם מאַרק, שיַיערן דאָס מעש, וכדומה; יאָסעלע האָט דאָס אָבער אַלצדינג אָנגע־נומען פאַר ליב, אַבי זינגען בא מיצין. שפּעטער אָבער, אַז יאָסעלע דאָס זינגערל איז געוואָרן „יאָסעלע סאָלאָוויי", אַ מענטש פאַר זיך, און איז אַריַין צווישן אַן אַנדער חברה, אַ קאָמפּאַניע פון לעבעדיקע פריילעכע יונגען, דורכגעטריבענע, פאַרשלעפּטע קרענק, יונגען, וואָס זיַינען אויסגעווען אַ וועלט און וויסן וואָס באַדיַיט לעבן, האָט זיך יאָ־סעלעס טבע איבערגעביטן. לכתחילה, אַז ער האָט געזען זייערע תנועות, האָט ער דאָס נישט געקאָנט סובל זיַין, און האָט זיך די ערשטע צײַט געקלאָגט פאַר גדליה באַס. גדליה האָט אים אויסגעהערט און געענטפערט מיט אַ שמייכעלע: „ביסט נאָך גאָר אַ קינד, יאָסעלע. מע באַדאַרף קענען די חברה! זיי זיַינען פונעם לעבעדיקן לאַנד"... שפּעטער האָט יאָסעלע באַמערקט, אַז גדליה אַליין היפּערט אַמאָל אויך באַם דאַווענען, פאַרפעלט אַ מנחה, און דערסגליַיכן. „אַ מנחה איז נישט קיין ציג, זי גייט נישט אין שאָדן" — פלעגט גדליה זאָגן מיט אַ ווערטל, באַמערקנ־דיק, אַז יאָסעלע חידושט זיך דערויף. אויך דאָס האָט יאָסעלען שטאַרק געוווּנדערט און אַ ביסל פאַרדראָסן אויך, וואָס אַזאַ פיַינער מענטש, אַזאַ ליַיטישער ייִד, אַ ייִד מיט אַ טלית־קטן, ווי גדליה באַס איז, זאָל זיך פאַרגינען אַוועקזעצן שפּילן מיט דער חברה משוררים אין „אָקע" אַף אַ גאַנצער נאַכט, אויסהערן זייערע ווערטלעך און צוזען אַלע זייערע מיאוסע גענג. וואָס וויַיטער האָט זיך אָבער יאָסעלע איַינגעוווינט מיט

דער חברה, געוואָרן מיט זיי חבר און נאָכגעטאָן זיי אַלע זייערע חפציות. ער האָט אָנגעהויבן, ווי זיי, גאַנץ אָפטלעך פאַרבייגן דאָס דאַווענען און כאַפּן גלייך מיט זיי אַ קערטל, שפּילן אין אָקע, נאַשן קאָנפעקטן און אַמאָל מאַכן בקאָמפּאַניע אַ כוסה אויך. דאָס קאַפּאָטקעלע האָט ער אונ־טערגעשניטן, די פּאות פאַרקירצט און פאַרשאַרט אַרונטער די אויערן, די האָר געשמירט מיט פּאָמאַדע, זיך שטענדיק געפּוצט און איז געוואָרן צולעצט אַ גאַנצער שטשאָגאָל. אַף געלט איז יאָסעלע סאָלאָוויי נישט געווען אַזאַ געטרייער בעל־הבית; אַרום אים האָבן זיך פּאַזשיווועט אַלע משוררים, נאָר מער פון אַלע האָט אָפּגעלעקט אַ ביינדל גדליה באַס. גע־פירט האָט זיך יאָסעלע, ווי אַ גרויסער, כאָטש ער איז מער נישט אַלט געווען ווי זיבעצן יאָר. יאָסעלען איז זייער געפעלן געווען, וואָס קומענדיק אין אַ שטאָט אַרײַן, איז מען אים נאָכגעלאָפן, געטײַט אַף אים מיט די פינגער, זיך געחידושט אַף זײַן שיינקייט, אַרויסזאָגנדיק דאָס אים אין די אויגן. און צום מיינסטן מיידלעך און ווײַבלעך. יאָסעלע סאָלאָוויי האָט געהאַט אַ שם צווישן זיי פאַר אַ „פּאַרשוין”, און ער האָט זיך געמעגט באַרימען נאָכדעם, אַז מע פלעגט אים נאָכלויפן, קושן די טריט זײַנע און וואַרפן זיך אים אַפן האַלדז. אַ שיין פּנימל איז אַמאָל אַ וויל־דער חסרון. עס קאָן זייער זײַן, אַז ווען נישט דאָס, עס הייסט, ווען יאָסעלע סאָלאָוויי זאָל נישט געווען זײַן קיין שיין יִנגל, וואָלט ער אפשר נישט אַזוי גיך קאַליע געוואָרן. זײַן שיין פּנימל, קאָן מען זאָגן, האָט אים אָוועקגעקוילעט. אַ סך גלײַכער און געזינטער וואָלט געווען פאַר אים, פאַר זײַן טאַטן און פאַר אַלעמען, ער זאָל נישט געווען זײַן אַזאַ פּאַרשוין און מע זאָל נישט געווען טײַטן אַף אים מיט די פינגער און מע זאָל אים נישט געווען פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט נאַרישע יִנגלשע זאַכן... צוליב דעם האָט יאָסעלע פאַרלאָרן זײַן תמימות, זײַן ערלעכ־קייט, זײַן געטרײַשאַפט צו דער היים מיט אַלע זײַנע פרוּערדיקע גוטע פּאַסטעמקעס, און ער האָט מיט דער צײַט אָנגעוואָרן דעם גאַנצן גלאַנץ, דעם ברען, דעם כבוד, דעם חן בײַ גאָט און בײַ לײַט.

אַ חזן איז נישט קיין אַקטיאָר. דער ייִד האָט אודאי ליב, מע זאָל אים זינגען, באַווײַזן בריהשאַפט, מאַכן קונצן באַם עמוד וכדומה; דער חזן טאָר אָבער נישט פאַרגעסן דאָס אויך, אַז ער הייסט „שליח־ציבור”, דאָס הייסט, אַ געשיקטער פון קהל, אַ מליץ־יושר, אַ דעפּוטאַט, און

דעריבער פֿאַדערט פֿון אים דער עולם, ער זאָל זײַן אַ מענטש פֿון גוטע מדות, אַ ליטישער ייִד, נישט קיין הפקר־יונג, וואָרעם אַ בית־המדרש איז נישט גלײַך צו טעאַטער. דעמאָלט, אַז יאָסעלע סאָלאָוויי האָט זיך געפֿירט ייִדישלעך, ערלעך און פֿרום, ווי עס געהער צו זײַן, האָט זײַן דאַווענען באַם עמוד געהאַט גאָר אַן אַנדער מתיקות, און ער אַליין האָט געהאַט באַ יעדן דעם זיבעטן חן. שפּעטער אָבער, אַז ער האָט זיך אָנגעהויבן פֿירן אַנדערש, האָט ער אָנגעהויבן ביסלעכווײַז נמאס צו ווערן דעם עולם, פּסול און מיאוס: „אַ שיינער בעל־תּפֿלה, — האָט מען אױף אים געזאָגט — אַז ער שפּילט גאָר אין קאָרטן, עסט קאַלבאַסן און שפּאַצירט אַרום מיט מיידלעך; אַ ליטישער בעל־תּפֿלה!"... אַזוי ווי באַ אַלע מענטשן אױף דער וועלט, פֿירט זיך אויך באַ ייִדן: כּל זמן מע האַלט פֿון איינעם, איז מען נישט קאַרג אױף קיין שבֿחים, מע פֿאַרגעטערט אים און מע שרײַט וועגן אים אױף אַלע גאַסן; ווײַבאַלד אָבער ער ווערט נמאס דעם עולם, אַזוי הייבט מען אָן צו זוכן אױף אים חסרונות, מע לייגט אַרויף אױף אים די באָד און מע ווערט פּלוצים געוואָר וועגן אים אַזעלכע זאַכן, וואָס די האָר שטעלן זיך קאַפּויר. דאָס אייגענע איז געווען מיט יאָסעלע סאָלאָוויי: אַז ער איז געווען גוט, איז ער געווען גוט אָן אַ שיעור און אָן אַן ערך; קוים אָבער האָט מען אים אַרײַנגענומען אין מויל אַרײַן, האָט מען באַלד אָנגעהויבן דערציילן וועגן אים זייער מיאוסע מעשׂיות. דער האָט דערציילט, אַז ער האָט אַליין געזען מיט זײַנע אויגן, ווי יאָסעלע סאָלאָוויי איז אַרומגעגאַנגען אױף דער סטאַנציע אָן אַ היטל, געזונגען סאָלדאַטסקע לידלעך, געפֿירט אַ „פּאַרליבעניש" ערגעץ דאָרטן... און דער אַנדערער האָט דערציילט, אַז מע זאָגט, אַז יאָסעלע האָט אום יום־כּיפּור געגעסן אַ חזירל, פֿריש געפּרעגלט אין פּוטער. אַ דריטער האָט דערציילט, אַז ער האָט געהערט, אַז מע האָט יאָסעלען אַראָפּגעפֿירט ערגעץ אין אַ שטאָט פֿונעם עמוד עפּעס פֿאַר זייער אַ מיאוסע מעשׂה... הכּלל, יאָסעלע סאָלאָוויי האָט זיך צולעצט פֿאַרדינט אַזאַ נאָמען, אַז ער וואָלט טאַקע געמוזט אָפּטרעטן פֿונעם עמוד און פֿאַרלאָזן דאָס חזנות, נישט קוקנדיק אױף גדליה באַס, וואָס האָט אים געוואָלט אײַנריידן, ער זאָל זיך נישט צוהערן צו די רייד, וואָס מע רעדט אױף אים. „לאָזן אונדזערע ייִדעלעך ריידן צעזעצטערהייט, אַבי געלט!" — האָט גדליה באַס געזאָגט.

דאָס נאָכגעבן, וואָס גדליה באָס האָט אַזוי נאָכגעגעבן יאָסעלען, איז געווען נישט אומזיסט. יאָסעלע סאָלאָוויי איז פאַר אים געווען אַ ווטע אַרענדע, פון וואַנען ער האָט זיך געצויגן זײַן „חיונה", געהאַט דורך אים פּרנסה בכבוד. חוץ דעם האָט גדליה געהאַט אַ קוק זייער אַ ווײַטן; דער קוק איז געווען — אַ שידוך. גדליה האָט געהאַט אַ טאָכטער, אפילו נישט אַזאַ פאַרשוין, נאָר זייער אַ קלוג מיידל, אַן אונטערדערוואַקסענע, שוין רעכט אין די יאָרן, אַריבער צוואַנציק, דאָס הייסט, כמעט דרײַסיק יאָר אַלט. „נישטאָ קיין גליק!" — האָט זיך גדליה אָפּטלעך געקלאָגט פאַר די משוררים און יאָסעלען אויך בתוכם. — „נישטאָ קיין מזל און געַנוג! אַזאַ געראָטן מיידל, ווי באַ מיר איז, און ס'איז שווער צו געפינען דאָס גלײַכן אירם; וואָרעם אַבי ווען וויל זי נישט, און דאָס וואָס זי וויל, איז נישט צו געפינען, ווי געוויינלעך, הײַנטיקע מיידלעך"... אָט אַזוי פלעגט גדליה באָס אָפּט אונטערשמועסן פאַרשטעלט, ווי זײַן שטייגער איז געווען, תמיד רײדן האַלבע ווערטער, אַפּן ווונק, יענער זאָל זיך אַנשטויסן. מע האָט באַדאַרפט זײַן שוין גאָר אַ גראָבער נאַר, מע זאָל זיך נישט אַנשטויסן, וואָס גדליה האָט געמיינט, רײדנדיק פאַר יאָסעלען מכח זײַן טאָכטער. ער האָט דאָס גאַנץ גוט פאַרשטאַנען און האָט זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק. יאָסעלע איז שוין געוווּנט געוואָרן צו אַזעלכע זאַכן. אין איטלעכער שטאָט, וווּהין ער איז אָנגעקומען און האָט אָפּגעדאַוונט אַ שבת, האָבן נאָכדעם די שדכנים אים אָפּגעשלאָגן די טירן; מע האָט אים גערעדט שידוכים איינעם גרעסער פונעם אַנדערן, מיט צען טויזנט, פופצן טויזנט, צוואַנציק טויזנט... עס האָבן זיך געפונען צווישן נגידים אַ סך בעלנים, וואָס האָבן געוואָלט שיין באַצאָלן, אַבי צו באַקומען יאָסעלע סאָלאָוויי פאַר אַן איידעם, ובפרט נאָך אין יענער צײַט, ווען יאָסעלע האָט נאָך נישט אָנגעוואָרן דעם גלאַנץ און האָט זיך געפירט ייִדישלעך. געוויינלעך, האָט מען זיך געווענדט נישט צו אים גלײַך, נאָר צו גדליה באָס, ווי צו אַן עלטערן מענטשן. גדליה פון זײַן זײַט, רײדנדיק האַלבע ווערטער, אַפּן ווונק, האָט געזען מיט אַלע מעגלעכקייטן אָפּצושלאָגן, צערײַבן, אַוועקמאַכן מיט דער האַנט, דען עס האָט אים זייער נישט געפאַסט אַקעגן יענעם קוק, וואָס ער אַליין האָט געהאַט אַף יאָסעלען. עס איז אָבער געקומען די צײַט, ווען גדליה האָט אַרויסגעזען, אַז זײַן קוק איז קיין קוק נישט,

פוסטע חלומות, וואָס מע דאַרף זיי אַרויסשלאָגן פון קאָפּ און פאַרגעסן, נישט לעבן מיט קיין נאַרישע מחשבות. יאָסעלע האָט אים בפירוש געזאָגט, אַז ער האָט אפילו נישט אין זינען אַ חתן צו ווערן. ער וויל שוין פאָרן אַהיים, זײַן באַשערטע וועט ער זיך געפינען דאָרטן, צווישן זײַניקע. גדליה האָט אַרויסגעזען, אַז די שפּיל איז פאַרן טײַוול... דערצו האָט זיך אונטערגעוואָרפן אַ זײַטיקער ענין, וואָס האָט גדליהן פריטשמעליעט דעם קאָפּ, געפּלעפט דעם מוח און פאַרבלענדט די אויגן מיט היפּשע עטלעכע קערבלעך, אַף וועלכע גדליה איז תמיד געווען אַ גרויסער בעלן. ומעשה שהיה כך היה:

---

## XVIII.

## פערעלע די דאַמע האַלט באַ אַוועקפאָרן פון דער שטאָט סטרישטש, נאָר צוליב יאָסעלען בלײַבט זי איבער

צווישן יאַמפּעלע און צווישן מאַאַקרעוועקע, פונקט אַף דעם מיטוועג, געפינט זיך דאָס געוויסע שטעטל סטרישטש, וואָס איז באַקאַנט אין דער וועלט מיט אירע מיוחסים, אייניקלעך, מקובלים און גלאַט אַזוי שיינע ייִדן, אָרעמע לײַט, וואָס פאָרן אַרום אַף דער וועלט, איטלעכער מיט אַ יחוס־בריוול, אַז כּפי ער איז דעם זיידנס אַן אייניקל, קומט אים דעריבער אַ שיינע נדבה... פון וואָס די ייִדן לעבן דאָרטן — איז שווער צו זאָגן; אַז מע טוט אַ כאַפּ אַ סטרישטשער בעל־הבית און מע פרעגט אים, וו:אַזוי און פון וואַנען דער ייִד שלאָגט זיך דאָרטן דורך, ענטפערט ער: „אָט אַזוי, ווי איר זעט"... און מיינט, אַז דערמיט איז ער שוין יוצא לכל הדעות. זייער הויפּט־מסחר איז דאָרטן מעקלערײַ; דער פרעמדער, אַז ער קומט אַהין צו פאָרן, ווערט ער נבהל ונשתומם, זעענדיק פאַר זיך אַזאַ מאַכנע פון מעקלערס: מעקלערס פון תבואה, מעקלערס פון געלט פאַרלײַען, מעקלערס פון הײַזער, מעקלערס פון דינסטן, מעקלערס פון חזנים, — כמעט אַלע סטרישטשער בעלי־בתים זײַנען מעקלערס. עס געפינען זיך דאָרטן אַ גוזמא בטלנים און חברות אַלערליי:

א „חברה משניות״, א „חברה תהילים״, א „חברה שומרים־לבוקר״, און נאָך און נאָך חברות אַז אַ שיעור. אויך געפינען זיך דאָרט עטלעכע בתי־מדרשים, אַ חוץ קלייזלעך און מנינים, אַ באָד אַז אייגענע, און צוויי בית־עלמינס, איינער אַז אַלטער און איינער אַ נייער, און ס׳איז אַ סברה, אַז מע שמועסט שוין מכח פאַרנעמען אָרט אַף אַ דריטן בית־עולם... נגידים איז פאַראַן דאָרט געציילטע; מע רופט זיי „ד י ס ט ר י ש ט ש ע ר אַ ק צ י ז נ י ק ע ס״. אַפּנים, עס איז זיי פאַרבליבן דער דאָזיקער נאָמען נאָך פונעם אַטקופּ, פונעם אַקציז. די דאָזיקע ברידער, די אַקציזניקעס, לאָזן זיך הערן אַף דער וועלט נישט אַזוי מיט זייער צדקה, ווי מיט זייער גרויס עשירות: „זיי זיינען רייך ממון־קורח, — אַזוי זאָגט מען אין סטרישטש — מע לעבט ווי די שררות, נאָר יענעם גיט מען נישט אַ גראָשן אפילו. גאָט־ברוך־הוא טיילט איין איינעם גאָר און דעם אַנדערן גאָרנישט״... פונדעסטוועגן, אַז איינער פון די ברידער איז געשטאָרבן, זיינען יענעם טאָג געווען צוגעמאַכט די קלייטן, און די גאַנצע שטאָט האָט באַוויינט רב משה־וואָלף עם אַקציזניק, ווי עס געהער צו זיין, אַז עס שטאַרבט דער נגיד פון שטאָט. געשטאָרבן איז רב משה־וואָלף אָן קינדער און האָט זיין גאַנץ פאַרמעגן איבערגעלאָזט זיינע יינגערע צוויי ברידער, מאיר־הערש און פסח־לייב. ואָז אויך אַ היפּשע סומע געלט האָט ער אָפּגעשריבן זיין דריט ווייב, אַ יונגע אַלמנה, וואָס ער האָט נאָר וואָס געבראַכט פון באַרדיטשעוו, אַ פּאָר יאָר פאַרן טויט. אחוץ דעם האָט זיך אָט די יונגע אַלמנה נאָך פאַרן מאַנס לעבן אַראָפּגעשאַרט היפּשע עטלעכע גראָשנס — אַזוי זאָגט מען — און האָט געזאָלט אַרויספירן פון סטרישטש, ווי מע האָט געשמועסט, אַ צוויי הונדערט טויזנט קערבלעך, אוועקפאָרן צוריק קיין באַרדיטשעוו און ערשט דאָרט קריגן איר זיווג, דאָס הייסט, אַ מאַן אַ יונגן, נישט קיין זקן, ווי משה־וואָלף איז געווען. האָט זיך אָבער פונקט אין יענער צייט אונטערגעכאַפּט יאָסעלע סאַלאָוויי, און משה־וואָלפס ווייבל, די יונגע אַלמנה, פ ע ר ע ל ע  ד י  ד אַ מ ע, איז געבליבן לעת־עתה אַ דאָרטיקע.

„פערעלע די דאַמע״ האָט מען זי אין סטרישטש גערופן דערפאַר, ווייל זי איז געווען דאָרטן כמעט די איינציקע, וואָס איז געגאַנגען אָנגעטאָן ווי אַ פּריצה, אַרויסגעפאָרן אין אַ קאַרעטע, געהאַט באַ זיך אין שטוב אַ הונט און געשפּילט „אַפן פאָרטאַפּיאַן״. נאָך בשעת משה־וואָלף

איז געזעסן שבעה, האָט מען שוין אין סטרישטש געשמועסט, אַז אַצינד וועט ער חתונה האָבן פאַר אַ יונגער, וואָס זאָל זײַן פון הײַנטיקער וועלט, וואָרעם פאַרוואָס נישט? געלט האָט ער — מעג ער זיך פאַרגינען אַלצ־דינג... און דאָס שטעטל האָט טאַקע געטראָפן: משה־וואָלף, איבער־וואַרטנדיק שלשים, איז זיך אַוועקגעפאָרן ערגעץ, פאַרשטייט זיך, קיין באַרדיטשעוו, און האָט אין גיכן געבראַכט צו פירן מיט זיך אַ „דאַמע"... וואָרעם זינט סטרישטש איז אַ שטאָט, געדענקט מען נאָך נישט, אַז אַ ייִדענע זאָל האָדעווען אַ הונט און זאָל שפּילן אַפן פּאַרטאָפּיאַן. געוויינ־לעך, האָט מען, דאָס ערשטע מאָל דערהערנדיק זי שפּילן, באַלאַגערט די גאַס, ווי משה־וואָלף איז געזעסן: „אַ ייִדענע אַ כלי־זמרטע גאָר!" און עס האָבן אָנגעהויבן צו פליִען ווערטלעך אויף אַלע זײַטן וועגן דעם הונט מיטן פּאַרטאָפּיאַן.. „די דאַמע", אָדער „פּערעלע די דאַמע" — אַזוי איז פאַרבליבן איר נאָמען שוין אויף תמיד. אַ סך מענטשן האָבן זיך געשאַרפט די ציין, געניייט זיך אַ בײַטעלע: ס'טײַטש, אַזאַ דאַמע! עס וועט איר דען אָנשטיין צו דינגען זיך? אַ נדבה —שמועסט מען נישט; די לײַט האַלטן פון דעם!"... מע האָט אָבער גיך דערזען, אַז מע האָט זיך אָפּגענאַרט פון אויבן ביז אַראָפּ: פּערעלע די דאַמע, וואָס איז אויסגע־וואַקסן אין אַזאַ מסחר־שטאָט, ווי באַרדיטשעוו, האָט זיך געקאָנט דינגען שענער פון אַלע סטרישטשער ווײַבער די מאַכליאַרקעס, און אַ נדבה געבן האָט זי נאָך ערגער פײַנט געהאַט, ווי איר מאַן. „אוודאי באַדאַרף מען קאָנען צימבלען אַפן טופּטשאַן, — האָבן איר די סטרישטשער ווײַ־בער געזאָגט מיט אַ שטאָך — אוודאי באַדאַרף מען נאָך זײַן אַ צעדראַמטע, אַז מע זאָל אַזוי קאָנען יענעם אויסקאָכן דאָס וואַסער"... אָדער: „פּע־רעלע, זאָלט איר געזונט זײַן! שענקט אונדז אַ ברויט; לאָז זיך אײַך דאַכטן, עלעהיי איר גיט דאָס אַוועק אײַער הונט"...

נאָך בשעת יאָסעלע איז געווען אין מאַקאַרעווקע, האָט מען אים אײַנגעלאַדן קיין סטרישטש אויף אַ שבת. יאָסעלע האָט זיך אפילו גע־קנייטשט, זייער נישט געוואָלט פאָרן אין אַזאַ העק, אַ שטעטל פון סאַמע קבצנים. אויסערדעם האָט ער גערעכנט פון מאַקאַרעווקע זיך אַריבערכאַפּן קיין קאַשפּערעוו און פון דאָרטן אַראָפּכאַפּן זיך אהיים קיין מאַזעפּעווקע. עס איז אים שוין, קאָן מען זאָגן, נמאס געוואָרן דאָס אַרומפאָרן, גע־ונד זײַן, אָפּגעריסן פון דער היים; ער האָט זיך שוין אפילו געגרייט אָנ־

שרײַבן אהיים עטלעכע ווערטער (שוין אזא צײַט קיין בריזול נישט גע־שיקט!) — איז אַרײַנגעקומען גדליה, ימח־שמו, מיט זײַנע גוטע רייד און האָט אים איבערגערעדט, אַז ס'איז פיל גלײַכער צו מאַכן דעם מאַרשרוט פריִער קיין סטרישטש אַף „שבת־חזון", פון דאָרטן קיין פּליאָסקעדריגעווקע, און ערשט פון דאָרטן גלײַך קיין מאַזעפּעווקע, אַזוי אַז מע קאָן אויסמײַדן קאַשפּערעוו, פאַרבייגן דאָס אין אַ זײַט. — „וואָ־רעם ווערליק אַקשפּערעוו איז זייער אַ לײַטיש אָרט אַף חזנים, מעג דאָס פריִער דרײַ מאָל פאַרשרפעט ווערן, צו־נ־אַלדי שוואַרצע יאָר!" — אַזוי האָט גדליה גענעצהט און אַזוי איז דאָס געבליבן, אָן טענות.

אָנקומענדיק קיין סטרישטש אַף שבת, האָט יאָסעלע סאָלאָוויי מיט דער קאָמפּאַניע זײַנער אַנידערגעלייגט אַ דאַווענען, אַזוי אַז דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען כּאַדראַבאַן, און מע האָט באַלאַגערט די אַכסניה, ווּ יאָסעלע איז געשטאַנען, אַנצוקוקן כּאַטש פונדערווײַטנס דעם מאַזע־פּעווקער סאָלאָוויי. צווישן די אַלע נײַגעריקע צו זען יאָסעלען איז געווען אויך רב משה־וואָלפס יונגע אַלמנה, פערעלע די דאַמע, וואָס האָט אים געהערט דאַווענען און איז געקומען פון שול אַהיים אַ צעקאָכטע, אַ צעשרויפטע, גאָר אַ געפּלעפּטע. „איך וואָלט אים אַ בעלנטע געווען אָנ־קוקן אין פּנים", — האָט פערעלע די דאַמע געזאָגט צו אירע נאָנטע לײַט. זי האָט זיך שבת באַטאָג אָנגעטאָן אין אירע זײַדענע מלבושים און באַהאָנגען זיך מיט איר טײַערער צירונג, מיט די פּערל, דימענטן און בריליאַנטן, און איז אַרויסגעגאַנגען מיט איר פּאַקאָיאָווע שפּאַצירן איבער דער שטאָט, און פונקט פאַרבײַ דער אַכסניה, ווּ עס זײַנען גע־שטאַנען יאָסעלע מיט זײַנע לײַט. זומער־לעב, די פענצטער פון דער אַכסניה זײַנען אָפן; אָנגעשפּאַרט אַף בײדע הענט, שטייט יאָסעלע סאָ־לאָוויי באַם אָפענעם פענצטער און באַטראַכט די שטאָט סטרישטש מיט אירע לײַט. אָפן קאָפּ טראָגט ער אַ יאַרמעלקעלע, מיט גאָלד געשטעפּט און מיט אַ זילבערנעם קאָטעס; די לאַנגע רוסיאָווע האָר פאַרשאַרט אַרונטער און צעוואָרפן איבער די אַקסלען; דאָס פּנים איז אים לויטער־ווײַס; די קאַרע אויגן, גרויסע, גלאַנצנדיקע, קוקן אַרויס שמייכלענדיק פון די געדיכטע ברעמען. אַרום אים שטייען די חברה משוררים און מע שפּעט און מע לאַכט אויס די שטאָט סטרישטש מיט אירע לײַט.

— וואָס זאָגסטו אַף דעם דאָזיקן „טרישטש"? — שמועסן די

חברה־לײַט צווישן זיך. — דאָס שטעטל איז פֿאַרבליבן פֿונעם אַלטן עפּוש.

— ווער איז אָט אַ יענץ ווײַבל, באַהאַנגען מיט בריליאַנטן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס? — פֿרעגט יאָסעלע, באַטראַכטנדיק פּערעלע די דאַמע און באַגעגענענדיק זיך מיט אירע שיינע אויגן. פּערעלע איז נישט קיין מיאוס ווײַבל, אַ דיקע, נאָר גאָר אַ יונגע, ווײַס, ווי אַ געראָטענע בולקע, מיט אַ ווײַסן פעטן גיידער, באַהאַנגען מיט גרויסע פּערל, מיט אַ סך בריליאַנטענע פינגערלעך, מיט בראַסלעטן, קייטעלעך, פּליטערלעך אָן אַ שיעור, אָנגעטאָן זייער רײַך, אײַנגעטונקען אין זײַד און אין סאַמעט נאָך דער לעצטער באַרדיטשעווער מאָדע, און טרעט אַרוים ווי אַ פּאַווע. דורכגייענדיק עטלעכע מאָל פֿאַרבײַ דער אַכסניה, כאַפּט זי אַ קוק אויף יאָסעלען, און קומענדיק אַהיים, דערפֿילט פּערעלע, ווי עס ציט איר דאָס האַרץ און עס גייט איר אוים דאָס חיות. נאָך בשעת משה־וואָלף האָט געלעבט, האָט זי נישט איין מאָל געקלערט באַ זיך אין האַרצן, אַז זי וועט בלײַבן אַן אַלמנה, וועט זי נעמען אַ בחור אָדער אַזוי אַ יונגן מאַן, וואָס זאָל זײַן אַ שיינער, אַ בלאָנדין... און אַן אַלמנה וועט זי דאָך מוזן אַמאָל בלײַבן, דען משה־וואָלף איז געווען אַלט און קראַנק. גענומען האָט ער זי, געוויינלעך, נאָר פֿאַר איר שיינקייט אַליין. ער האָט זי גאָר גליקלעך געמאַכט; אַ כתובה האָט ער איר געשריבן אויף מאה אַלף קערבלעך, און צוגעזאָגט איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר זי באַפֿרײַדיקן, נישט פֿאַרגעסן זי בשעת דער צוואה... פּערעלע איז געווען נאָך זייער אַ יונג מיידל דעמאָלט. נאָר זי האָט ליב געהאַט זיך שיין אָנטאָן, ווי אַלע באַרדיטשעווער מיידלעך, געהאַלטן פֿון דער מאָדע, תמיד אַרויס־געקוקט אויף אַ רײַכן חתן. געוויינלעך, איז איר משה־וואָלף נישט געווען צום האַרצן, נאָר די „מאה־אַלף" מיט זײַן קאַרעטע, מיט זײַן שיין מעבל, מיט אַלעם מיט אַנאַנדער האָבן איר אַזוי פֿאַרדרייט דעם קאָפּ, אַז ס'איז באַ איר גיך געוואָרן רעכט אַלצדינג. נאָר איין זאַך האָט זי נישט געקאָנט איבערטראָגן — דאָס, וואָס די שטאָט הייסט „סטרישטש":
„נאַ דיר גאָר ס ט ר י ש ט ש! אַ שיינער נאָמען! פֿע, חלשות!"...

אַזוי האָט זיך פּערעלע געקלערט, און עס האָט זי גוט געקרענקט. משה־וואָלף האָט איר אָבער אַ טובה געטאָן — ער האָט תיכף נאָך דער חתונה אָנגעהויבן צו קרענקען, און האָט אַזוי אָוועקגעקרענקט אַ פּאָר יאָר, ביז

ער איז געשטאָרבן, און פּערעלע די דאַמע איז אויפגעבונדן געוואָרן. פונדעסטוועגן האָט זי זיך באַגאַנגען, ווי אַן ערלעכע ווײַבל, אַ ייִדישע טאָכטער, דהיינו: זי איז אָפּגעזעסן שבעה, איבערגעוואַרט שלשים, ווי עס געהער צו זײַן, און ערשט נאָכדעם זיך גענומען מיט איר שטובמיידל, לאהצי די פּאַקאַיאַווע, זיך צונויפלייגן די מלבושים, זיך קלײַבן אין וועג אַרײַן. געוויינלעך, האָבן זיך צו איר געלאָזט שדכנים פון דער וועלט, אָנשלאָגנדיק איר גרויסע שידוכים; פּערעלע די דאַמע האָט אָבער נישט געוואָלט הערן און זען — זי וויל נישט קענען דאָס וויסטע סטרישטש, זי וואָלט שוין גערן גיכער פון דאַנען פּטור ווערן. זי האָט שוין אַפילו אָוועקגעשריבן אַהיים צו איר טאַטע-מאַמע, אַז נאָך שבת, אם-ירצה-השם, פאָרט זי אַהיים קיין באַרדיטשעוו. צום סוף האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז זי איז פאָרט געבליבן אין סטרישטש. און איבער וועמען? איבער יאָסעלע סאָלאָוויי!

— וואָס זאָגסטו אױף דעם יאָסעלען? — מאַכט פּערעלע די דאַמע צו לאהצי דער פּאַקאַיאַווע, שפּאַצירנדיק פאַרבײַ דער אַכסניה מיט איר און וואַרפנדיק אַהינצו אַ קוק.

— וואָס זאָל איך זאָגן? — ענטפערט לאהצי די פּאַקאַיאַווע. — ער איז אַוודאי שיין, אַזוי ווי דער מאָרגנשטערן איז שיין, פּונקט אַזוי ווי יענער ס א ל א מ א ן, וואָס שטייט באַשריבן אינעם ראָמאַנס: הויך געוואַקסן, שיין געבויט און מיט בלאָנדע האָר...

לאהצי די פּאַקאַיאַווע האָט ליב געהאַט צו לייענען ביכלעך, פון יענע מעשה-ביכלעך, וואָס אָפּן ערשטן בלעטל שטייט אָנגעצייכנט: „אַ העכסט-אינטערעסאַנטער ראָמאַן, נאָכדרוק פאַרבאָטן". די דאָזיקע מעשיות פלעגט לאהצי די פּאַקאַיאַווע לייענען הויך אױף אַ קול פאַר פּערעלע דער דאַמע, בשעת משה-וואָלף איז געלעגן אָפּן קראַנקן-בעט. פּערעלע פלעגט זי בלומשרט אויסלאָכן מיט אירע מעשהלעך און טאַקע בשעת מעשה האָבן פון זיי הנאה... געבראַכט האָט פּערעלע די דאָזיקע פּאַקאַיאַווע מיט זיך פון באַרדיטשעוו; איר אַרבעט איז געווען נאָר אָנטאָן די מאַדאַם, גיין מיט איר שפּאַצירן, זײַן שטענדיק נעבן דער מאַדאַם; זי איז געווען בײַ איר דער גאַנצער בעל-סוד און האָט גלײַך מיט דער מאַדאַם אַרויסגעקוקט בײַ זיך אין האַרצן, אַז דער בעל-הבית זאָל זיך שוין גיכער אָפּטראָגן, כאָטש אַרויסריידן דאָס עפנטלעך האָבן זיי זיך ביידע געשעמט.

מע האָט זיך גוט פאַרשטאַנען איינס דאָס אַנדערע אָן ווערטער און מע האָט גוט געוואָלט דערלעבן שוין פאָרן אַהיים... לאַהצי, כאָטש זי איז געווען אַ מיאוסע מויד און אַ געשטופּלטע, פונדעסטוועגן האָט זי זיך געהאַט איר חתן אין באַרדיטשעוו. געהייסן האָט ער לוי־מאָטל און איז געווען „באַ אַ טיטין־געשעפט", דאָס הייסט, ער איז געווען אַ פּאַפּיראָס־ניק. באַ אַנדערע האָט לוי־מאָטל געמעגט הייסן וואָס ער וויל זיך, ער האָט געמעגט זײַן אַן אַלטער פּרישטשעוואַטער בחור מיט געלע האָר, — נאָר באַ איר אין די אויגן האָט ער אויסגעזען, ווי „אַן ענגעל, הויך גע־וואַקסן, שיין געבויט", און דערפאַר האָט זי זיך מיט אים „געליבט", פּונקט אַזוי ווי עס שטייט באַשריבן אין יענע „ראָמאַנסן", וואָס זי לייענט. לאַהצי האָט ליב געהאַט איר חתן, זי איז אים געווען אמת געטרײַ, לעצט איבערגעגעבן. ווו זי האָט נאָר ערגעץ אַ קערבל, האָט זי דאָס איבערגעשיקט צו לוי־מאָטלען; דאָס גאַנצע דאַברע־מזל איז באַ איר אַרײַן צו אים; זי האָט זיך נישט פאַרגונען מאַכן קיין איבעריק קלייד, קיין בורנוסל, קיין שטיוועלע: „מע באַדאַרף דאָס אָוועקשיקן לוי־מאָט־לען, ער קער אודאי באַדאַרפן האָבן געלט!" דערפאַר האָט איר לוי־מאָטל געשיקט גוטע בריוולעך אַלע וואָך, און איין בריוול מיטן אַנדערן זײַנען געווען ווי אַ צווילינג, גלײַך ווי איין מאַמע האָט זיי געהאַט.

„און איך גריס דיר" — פלעגט איר לוי־מאָטל שרײַבן אַלע וואָך — „און איך דאַנק דיר מײַן ליבע כלה פאַר דער מתנה און איך האָב זיך געמאַכט נײַע שטיוול מיט גאַליאַשן און איך ביט דיך שרײַב מיר וואָס מאַכסטו איר דײַן געזונט און צי דײַן בעל־הבית לעבט נאָך און איך בין דאַנקען גאָט געזונט און קיין אַרבעט מאַכט זיך נישט גילזים קאָסט הײַנט וואָלוול און קיין געלט פאַרדינט זיך נישט און שיק מיר מײַן ליבע כלה אַף אַ נײַעם גאַרניטער און יענער גאַרניטער איז שוין אַלט געוואָרן און שרײַב מיר וואָס מאַכסטו אין דײַן געזונט און צי דײַן בעל־הבית לעבט נאָך..." די דאָזיקע בריוולעך זײַנען געווען באַ לאַהצין טײַערער ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג. זי האָט געלעבט מיט דעם חיות, אַז לוי־מאָטל טוט זיך אָן וווילטאָג פאַר איר געלט און גייט אין איר „גאַר־ניטער" מיט אירע „שטיוול מיט גאַליאַשן".

— נאַר, נאַר! — פלעגט איר פערעלע די דאַמע זאָגן. — נאַרישע

מויד! ער וועט דיר מסתמא שטעלן א גאלדענע מצבה, דער חתן דײַנער! ווי מיינסטו?

לאהצי די פּאקאיאווע האט דערויף נישט־געהאט וואס צו ענטפערן; זי האט זיך געוווּסט אירם: זי האט געציילט די מינוט, די רגע, זי זאל שוין דערלעבן קומען אהיים קיין באַרדיטשעוו און שטעלן חופּה מיט לוי־מאַטלען. „וויים איך וואס זי זאגט דאַרטן, די מאדאם, וואס איר קומט אוים! איך זאל איר קאנען אַרויסנעמען מײַן האַרץ און באַווײַזן, וואלט זי געוווּסט, וויאַזוי צו חוזק מאכן פון אַזעלכע זאכן"...

עס איז אָבער געקומען די צײַט, ווען פּערעלע די דאַמע האט אַנדערש גערעדט; עס איז געקומען די צײַט, ווען זי איז געוואַר געוואָרן, אַז „ליבע איז נישט קיין מעלקשעפל", ווי לאהצי זאגט, אַז מע מאַכט דאס אוועק מיט דער האַנט, ווי זי האט געמיינט פריִער. קומענדיק אהיים פונעם שפּאַצירן־גיין, האט זיך פּערעלע א וואַרף געטאן אין א פּאַטעל אַרײַן, האט צוגערופן לאהצי די פּאַקאיאווע און האט איר געהייסן צולייגן איר האַנט צום קאָפּ.

— דער קאָפּ טוט אײַך, אפשר, ווײ, מאַדאם? א מכה איז מיר א גרויסע! — האט לאהצי א זאָג געטאן.

— דער קאָפּ, זאָגסטו? דאס האַרץ, נאַרעלע, דאס האַרץ טוט מיר ווײ. איך בין אוים מענטש, עס ברענט מיך, עס ציט מיך, איך גיי אוים, זאָגט זי גאַר דאס!

— וואס־זשע איז אײַך, מאַדאם? דערציילט מיר אויך, לאָמיך אויך וויסן.

— אוי ווײ, לאהצי, וואס קאָן איך דיר זאָגן? ס'איז מיר שלעכט, ס'איז אַן עק פון מײַן לעבן! אָט־דאָ ברענט מיר א פײַער, אָט־דאַ־אַ, אין האַרצן באַ מיר! פון דער ערשטער שעה אָן, וואס איך האָב אים דערהערט זינגען, און זינט איך האָב אים דערזען, איז אַן עק פון מײַן לעבן!

פּערעלע די דאַמע האט זיך אַזש צעוויינט פּאַר גרוים האַרצווייטיק. לאהצי איז געבליבן שטיין פּאַרטיפט אין אירע מחשבות, צוקלערנדיק א פּלאַן, וואס טוט מען דאַ? לאַנג טראַכטן האט זי נישט באַדאַרפט, און קיין הכמות האט זי נישט געוווּסט, האט זי זיך מיישב געווען און האט אַזוי געזאָגט:

— ווייסט איר וואָס, מאַדאַם? ווען עמען הערט איר? איר זייט היינט, דאַנקען גאָט, איין אויפגעבונדענע, און דערצו אַ גבירטע, אַן עין־הרע, הוץ אייער שאַדן אַף מיר געזאָגט געוואָרן. אַט פאָלגט מיך, נעמט האָט פאַר אים חתונה.

פערעלע די דאַמע איז אַזש אונטערגעשפּרונגען פונעם פאָטעל פאַר גרויס התפּעלות און האָט זיך צעלאַכט מיט טרערן אַף די אויגן.

— נאַרישע מויד! וואָס הייסט „נעמט אים"? מע דאַרף דאָך אים אויך פרעגן, צי ניין?!

— נו, וואָס־זשע האָט איר מורא? ער וועט נישט וועלן אפשר? וואָס איז? איר זענט אפשר אַ מיאוס ווייבל? צי איר זענט חלילה געמיין? אי וואָס, איר זענט אַן אַלמנה? אַ שיינע כּפּרה! אַ סך ווייב־לעך וואָלטן זיך געוווּנטשן זיין אַף אייער אָרט, כ'לעבן! אָדער ס'איז אפשר אַן עוולה, וואָס יאָר נעמט אַ בחור? דאָס וועט, דאַכט זיך, אַ משוגענער אויך נישט זאָגן! וואָס איז? די שיינע וועלט, וואָס איר האָט געהאַט פאַר אייער מאַן? אָפּגעוואַלגערט זיך דריטהאַלבן יאָר אין דעם וויסטן סטרישטש, טאָמער ווייסט איר וואָס? די גרויסע גליקן, וואָס מע האָט געהאַט? דאַכט זיך, אָפּזיין מיט אַ קראַנקן מאַן אין איין שטוב איז אויך עפּעס ווערט... קיינער ווייס נישט ווען דער שוד קוועטשט, און גיי דערצייל איטלעכן אַ מעשה!...

— אך, לאַהצי! נשמה מיינע! האַרץ מיינס! — האָט פערעלע די דאַמע געזאָגט און האָט זיך אַריינגעוואָרפן צו לאַהצין אין די הענט אַריין.

אין אַ גרויס וואַסער געפינען זיך אַלערליי פיש; אין אַזאַ גרויסער שטאָט ווי באַרדיטשעוו זיינען פאַראַן אַלערליי מענטשן. דאָס אָרט, פון וואַנען פערעלע די דאַמע האָט געשטאַמט, איז געווען נישט אַזאַ געהויבן אָרט: איר פאָטער, מאיר זייטשיק, איז געווען אַס, וואָס מע רופט בא אונדז אַ „קונה־הכּל". אַף אַלץ אין דער וועלט איז ער אייך געווען אַ קונה, און קיין באַזונדער געשעפט האָט ער נישט געהאַט קיינמאָל. האָט זיך געמאַכט, ערגעץ פאַרקויפט זיך אַן אַלטער זאַוואָד, אַ פאַבריק, אַ שטוב „אַף־סנאָס", אַ פאַסעסיע, אַ שלאָק, אַ צרה — איז אַהין מאיר זייטשיק אַ קונה; אַן אַלטע קאַרעטע האָט עמעצער אַרויסגעפירט, אַלט מעבל וכדומה — איז מאיר זייטשיק געווען דער ערשטער בעלן דערויף,

אבי א קערבל צו פארדינען. בא מאיר זײַטשיק האָט איר געקאָנט געפינען אַלצדינג, וואָס אײַער האַרץ גלוסט; ווילט איר אײַזן — איז אײַזן; מעש — איז מעש; פעדערן — איז פעדערן. אַז מע שמועסט אַלץ — איז אַלץ! קיין קאַפּיטאַלן אייגענע האָט ער נישט געהאַט קיינמאָל, זיך געדרייט שטענדיק מיט פרעמדס; אַמאָל געווען פון אויבן און אַמאָל דערונטער, ווי געוויינלעך, אַ סוחר. נאָר געפירט האָט ער זיך מעשה־מענטש, אַפן בעל־הבתישן אופן: געבאָרגט, געכאַפּט, געגעבן, גענומען און — געלעבט. די קינדער האָט ער געפירט אַפן ייִדישן אופן און האָט אפילו נישט אין זינען געהאַט זיי צו בילדן, לערנען שפּילן פּיאַנע און נאָך אַזעלכע לערנעכצן, ווי דער שטייגער איז הײַנט בײַ ייִדן. „צו מײַנע טעכטער — האָט מאיר געזאָגט — באַדאַרף איך נאָר האָבן נדן, צו וואָס טויגן די חכמות?" עס האָט זיך אָבער געמאַכט „על־פּי סלוטשאַי", עס איז אַרויסגעפאַרן אַ פּריץ, און מאיר זײַטשיק האָט אָפּגעהאַנדלט בײַ אים אַן אַלטן פּאַרטאַפּיאַן, וואָלוול, אַ מציאה גדולה. עס האָט זיך אָבער אַף אים אַזוי גיך קיין קונה נישט געפונען, און דער פּאַרטאַפּיאַן איז אַף אַ היפּשע צײַט פאַרבליבן שטיין, איבערגעדעקט מיט אַ לײַלעך, ביז מאירן איז איינמאָל אײַנגעפאַלן אין קאָפּ אַזאַ מין געדאַנק: „אַ פּאַרטאַ־פּיאַן שטייט; פּערעלע וואַקסט אונטער; שיין איז זי אַזוי ווי גאָלד; — פאַרוואָס זאָל זי זיך נישט צולערנען ברומקען? אַ קשיא הײַנטיקע צײַטן — אפשר דורך דעם קאָן זי קומען צו אַ פײַנערן שידוך? ווי זאָגסטו, מלכה? האַ?" מאירס ווײַב מלכה האָט אויך מסכים געווען דערצו, און ס'איז געבליבן נאָר איין זאַך: ווו קריגט מען דערצו אַ לערער, וואָס זאָל קאָסטן אין גלײַכן געלט?

ביסלעכווײַז, ביסלעכווײַז האָט פּערעלע אָנגעהויבן צו לערנען זיך שפּילן און האָט דווקא אַרויסבאַוויזן גרויס בריהשאַפט צום פּאַרטאַפּיאַן, כאָטש צו אַנדערע זאַכן האָט זי געהאַט אפילו זייער אַ פלאַטשיק קעפּל. איר שפּילן פּיאַנע האָט אָנגעמאַכט בא מאירן אין שטוב אַ גאַנץ איבער־קערעניש: „דאָרט שפּילט מען פּיאַנע!" — האָבן שכנים געזאָגט. צוליב דעם האָט שוין פּערעלע פאַרנומען אין שטוב גאָר אַן אַנדער אָרט. אין דער צײַט, ווען אירע קלענערע שוועסטער זײַנען געווען פאַרנומען מיט שטוב־אַרבעט, פלעגט פּערעלע זיצן צונויפגעלייגט די הענט, אָדער אָנטאָן זיך שבתדיק און אַרויסגיין שפּאַצירן „אינמיטן מיטוואָך שבת־צו־

גאכטס״. אלע האבן איר באדארפט אונטערטראגן דאס גרייטע, האבן פאר איר דרך־ארץ: „זי שפילט פיאנע — א קלייניקייט?״ אפילו מאיר מיט מלכהן האבן אף איר געלייגט כבוד, און פערעלע האט אף זיי גע־קוקט מיט גרויס גדלות, גערעכנט זיך העכער פון זיי אלעמען. פאר פרעמדע האבן זיך די „זייטשיקעס״ (אזוי האט מען גערופן מאירן מיט מלכהן אין שטאט) שטענדיק בארימט נאר מיט זייער פערלעס שפילן.

— שפיל אונדז א ביסל, פערעלע, אפן פארטאפיאן! — פלעגן זיי זי בעטן, בשעת עס איז געזעסן א פרעמדער מענטש, און בעת מעשה אנקוועלן, ווערן ברייטער ווי לענגער: „פערעלע שפילט פיאנע!״

שפעטער אבער, אז פערעלע איז געווארן א ביסל עלטער, איז זיי איר שפילן פיאנע אויסגעפאלן באקאם: זי איז דאך נישט גלייך צו קיין אבי וואסער א מיידל; זי מוז דאך שוין ארויסגיין פיין אנגעטאן, זי מוז האבן א שיין היטעלע, א זאנטיקל, הענטשקעלעך און די אלע איבעריקע שאלעמויזן, וואס א „מאמזעל״ באדארף האבן. נו, אין טעא־טער אריין מוז זי דאך גיין; ווי געשיקט זיך דאס, אז א מיידל, וואס שפילט פיאנע, זאל נישט גיין אין טעאטער אריין? נאר דאס איז נאך געווען גארנישט אקעגן דעם, וואס אירע עלטערן האבן זיך אנגעליטן, בשעת עס איז געקומען די צייט איר א שידוך ריידן. דעמאלט ערשט זיינען זיי געווארן געווארן, ווי טייער לעבערלעך, דעם חתן, וואס זיי האבן איר געקאנט געבן, — האט אף אים פערעלע געשפיגן קלעק, און דעם חתן, וואס איר האט זיך געוואלט, — האבן זיי אים, אוי־ווי, נישט געקאנט גרייכן; ווארעם די חתנים, וואס פערעלע האט געוואלט, האבן געשמועסט מכח געלט... אט דעמאלט ערשט האבן מאיר מיט מלכהן געוווסט, וואס פאר א גאט מיר האבן! די טאכטער האט זיך מיט זיי גערעכנט זייער מיאוס, עפעס נישט ווי א מאמזעל, וואס שפילט פיאנע, נאר ווי א פשוט בארדיטשעווער מיידל, וואס קאן עפענען א מויל אקעגן דעם טאטן מיט דער מאמע. גאט וויים, וואס זיי וואלטן געטאן מיט איר, ווען עס זאל זיך נישט געווען אונטערכאפן דער שידוך פון סטרישטש, אזא גליקלעכער, גאלדענער שידוך! מאיר האט אויפגעהויבן ביידע הענט צו גאט און האט געזאגט „ברוך שפטרני״, פארזאגנדיק שוין אף קינדס־קינדער מער קיין פארטאפיאן אין שטוב נישט האלטן.

ארויסבאגלייטנדיק די טאכטער קיין סטרישטש אין אזא גוטן אופן,

האבן זיך אירע עלטערן פון איר נישט פּאַזשיוועט אפילו אַף אַ גראַשן; און אויך פון דאָרטן, שרײַבנדיק זיי גוטע פּריילעכע בריוולעך, האָט זיי פּערעלע נישט אונטערגעהאַלטן אפילו מיט אַזוי פיל, וויפל אַ טרונק וואַסער איז ווערט. זי האָט זיך אַקעגן אירע אייגענע זייער נישט פײַן אויסגעשטעלט.

אַט אַזאַ מין סאָרט „מאַדאַם" איז געווען פּערעלע די דאַמע.

---

## XIX.

## אַ נײַער פּאַרשוין באַווײַזט זיך — בערל־אײַזיק הייסט ער — און יאָסעלע פאָרט אין אַ קאַרעטע

דער נגיד האָט גליק צו אַלצדינג; לאַ־די וואָס ער איז רײַך און קאָן זיך אָנטאָן „כּל הפּאַרגעניגן" אין דער וועלט, איז ער תּמיד צווישן אַ מחנה משרתים, וואָס זײַנען גרייט אים צו באַדינען אומזיסט, מיינענ־דיק, טאָמער וועט זיי עפּעס אַרויסקומען אַ טובה דורך דעם. די נגידים, זעענדיק פאַר זיך אַזוי פיל משרתים, מיינען, אַז עס קומט זיי, מע זאָל זיי באַדינען איטלעכער באַזונדער, מסתּמא זײַנען זיי דאָס ווערט, און דערפאַר קוקן זיי אַף דעם גאַנצן עולם אַ ביסל פון דער הייך, אַזוי ווי עס באַדאַרף צו קוקן אַ פּריץ אַף זײַנע קנעכט. אַט אַזעלכע מיני פּריצים זײַנען בײַ זיך געווען די סטרישטשער נגידים, די אַקציזניקעס, ווי מע האָט זיי דאָרט אָנגערופן. יעדערער פון די דרײַ ברידער האָט געהאַט אַרום זיך זײַן מנין ייִדן, זײַנע חסידים, דאָס הייסט, זײַנע אומזיסטיקע משרתים. איטלעכער משרת האָט זיך געפּלייסט זײַן וואָס נענטער צו זײַן נגיד. און אַז דער נגיד האָט עמעצן באַוויזן אַ ביסל מער התקרבות, פלעגט זיך יענער שמעלצן, אײַנבייגן זיך אין דרײַען און קריכן אין דער ערד אַרײַן. איינער פון די געטרײַסטע און נאָענטסטע אומזיסטיקע משרתים בײַ משה־וואָלף, זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן, איז געווען בערל־אײַזיק. — ווער איז געווען דער דאָזיקער בערל־אײַזיק און וואָס איז ער געווען — איז שווערלעך צו זאָגן אַקוראַט, מחמת קיין טועכטס עפּעס האָט ער

נישט געהאַט גאָרנישט; ער האָט זיך גערדרייט אַרום משה־וואָלפֿן, זיך געריבן דאָרט און געהאַט זיך ווי עס איז זײַן אויסקומעניש. ער האָט זיך גערעכנט אַפֿילו מיט משה־וואָלפֿן שטיקלעך קרובים דאָרטן, געשוועס־טערקינדער; נאָר ער האָט אַרויסגעזען, אַז משה־וואָלף וויל דאָס נישט לײַדן, האָט ער די קרובֿהשאַפֿט פֿאַרבויגן אין אַ זײַט — אַ דאגה אַ ביסל, איז נישט קיין קרובֿ, אַבי אַ נגיד... אַ טבֿע האָט בערל־אײַזיק געהאַט גיין פּאַוואָלי, קוקן אין אַ זײַט, רײדן שטיל, בנעימותדיק, געציילטע ווער־טער, נישט דעקוטשען יענעם, ווי אַנדערע האָבן ליב, און תּמיד אויס־וואַקסן נאָר דעמאָלט, ווען מע האָט אים באַדאַרפֿט. דערפֿאַר האָט ער זיך טאַקע בײַ משה־וואָלפֿן אײַנגעקויפֿט מער פֿון אַלע אין שטוב אַרײַן. אַז עס פֿלעגט זיך מאַכן, ווען מע האָט אים געגעבן אַ פּסק, אויסגעזידלט, פֿלעגט דער בערל־אײַזיק צונעמען, אַרײַנלייגן אין קעשענע אַרײַן — און שאַ. „אַלע נגידים זײַנען אַזוי״, — פֿלעגט נאָכדעם בערל־אײַזיק זאָגן. — „עס קומט די צײַט, ווען זיי באַדאַרפֿן שרײַען, מוז מען זיי לאָזן זיך אויסשרײַען״...

אין דער גאַנצער צײַט, ווען משה־וואָלף איז געלעגן קראַנק, איז בערל־אײַזיק נישט אַרויסגעקראָכן פֿונעם הויף; ווי אַ געטרײַער הונט, האָט ער געהיט די שטוב, אכטונג געגעבן, נאָכגעשמעקט און נאָכגעקוקט איטלעכס ברעקעלע שטילערהייט, גייענדיק פּאַמעלעך און אויסקוקנדיק איטלעכס ווינקעלע. ער האָט געהאַט אַ שטיקל אָנזאָג פֿון משה־וואָלפֿס צוויי ברידער, אַז באַם, חלילה, משה־וואָלף וועט האַלטן שלעכט, זאָל ער תּיכף ומיד זיי געבן אַ ידיעה, מחמת אַלט און קראַנק איז ער דאָך, און קיין קינדער האָט ער נישט, און פֿאַרלאָזן זיך אויף איר, אויף דער בחורטע, איז נישט קיין פּלאַן... בערל־אײַזיק פֿאַרשטייט אַן עסק, קיין פֿינגער אין מויל באַדאַרף מען אים נישט לייגן. ער האָט זיך זײַנס, ווי ער האָט געקאָנט, אָפּגעטאָן, אַזוי אַז בשעת משה־וואָלף האָט נאָך גע־האַלטן בײַ דער גסיסה, זײַנען שוין ביידע ברידער געווען אין שטוב. נו, געוויינלעך, האָט בערל־אײַזיק דערצו נישט דערלייגט גאָרנישט. פֿונדעסט־וועגן, אַז משה־וואָלף איז געשטאָרבן, איז זיך בערל־אײַזיק געבליבן בײַ זײַנעם: אַז דער נגיד איז נישטאָ, איז די נגידית אַ נגיד — וואָס פֿאַר־שטייט מען דאָ נישט? די גאַנצע צײַט פֿון שבֿעה און פֿון שלשים האָט זיך בערל־אײַזיק שטענדיק געפֿונען אין הויף, נישט אַרויסגעטראָטן פֿון

דאַרטן אויף קיין מינוט, טאָמער וועט מען אים באַדאַרפֿן. פֿערעלע די דאַמע האָט אים אָבער באַדאַרפֿט אויף כּפּרות: יעדער סטרישטשער ייִד איז בײַ איר געווען טריף, נמאס ומאוס. אויך לאַהצי די פּאָקאָיאָווע האָט איר פֿײַנט געהאַט שׂנאת־מות. „אַט דער יונגערמאַן — פֿלעגט זי זאָגן — מיט זײַנע שטילער ריידעלעך און מיט זײַן קוקן אין אַ זײַט זיצט מיר אין האַרצן, איך קאָן אים נישט אָנקוקן!" בערל־אײַזיק האָט דאָס גאַנץ גוט געוווּסט און ער האָט זיך געפֿלייסט, ווי ווײַט מעגלעך, איר צו געפֿעלן, טרעפֿן איר משוגעת: „נישט הײַנט איז מאָרגן, — האָט ער זיך געטרייסט — עס וועט קומען אַ צײַט, — פֿריידע קאָזאַ דאַ וואָזאַ, — ווי זאָגט זיך דאָס"... און עס איז געקומען די צײַט.

יענעם שבת פֿאַרנאַכט, ווען פֿערעלע די דאַמע האָט אַנטפּלעקט איר האַרץ פֿאַר איר פּאָקאָיאָווע, האָט זיך לאַהצי גראָד באַדאַרפֿט באַגעגענען מיט בערל־אײַזיקן, ווי ער גייט זיך אַזוי אַרום איבערן הויף שבתדיק, מיט דער פּאַטשיילע אָפֿן האַלדז, אונטערזינגענדיק שטיל אַ לידעלע, ווי דער שטייגער איז, אַז עס קומט שבת פֿאַרנאַכט.

— ווען רעכנט איר, הייסט דאָס, פּאָרן? — מאַכט בערל־אײַזיק צו לאַהצין, פֿאַרגנבֿענדיק זיך צו איר מיט אַ זײַטיקן קוק.

— פּאָרן? — ענטפֿערט לאַהצי, אָנגעברוגזט ווי תּמיד. — איר זײַט שוין פֿאַרטיק מיטן פּאָרן!

וואָס זשע? נאָך נישט אײַנגאַנצן צונויפֿגעלייגט? — פֿרעגט ער מיט אַ זיס שמייכעלע און דאָס גאַנצע פּנים ווערט אים איין קנייטש.

— וואָסער צונויפֿגעלייגט? — מאַכט לאַהצי מיט כּעס. — עס גייט אים דערינען! ס'איז דאָ נייטיקערס דערפֿון!... הערט נאָר אויס, בערל־אײַזיק! איר זענט דאָך אַ גוטער באַרימער, איך קען אײַך דען נישט? איך וועל אײַך עפּעס פֿרעגן אַ זאַך, איך וועל אײַך עפּעס דער־ציילן, נאָר איר זאָלט מיר פֿריִער שווערן בײַ אײַער ווײַב און קינדער, אַז צווישן אונדז וועט דאָס בלײַבן.

בערל־אײַזיקס פּנים, וואָס האָט ביז אַהער געשמייכלט, איז מיט אַ מאָל געוואָרן ערנסט. לאַהצי האָט ביסלעכווײַז, שטיקלעכווײַז אים אויס־דערציילט די גאַנצע מעשׂה און אים נאָך אַ מאָל באַשוואָרן, אַז קיין פֿויגל זאָל דערפֿון נישט וויסן. בערל־אײַזיק האָט אויסגעהערט, אַ ביסעלע אַ טראַכט געטאָן, וואָרפֿנדיק מיט די קאָסע אייגעלעך זײַנע אויף אַלע

זײַטן, און האָט אַ זאָג געטאָן צו לאהצין: „ס'איז רעכט; הײַנט, נאָך הבדלה, איז ער דאָ".

— געדענקט זשע, בערל־אײַזיק, איר האָט מיר געשוואָרן בײַ ווײַב און קינדער, אַז ס'איז אַ סוד.

— אַ סוד, אַ סוד! — האָט איר בערל־אײַזיק אַ זאָג געטאָן און איז פּאַוואָליִנקע אַוועקגעגאַנגען אויף דער אכסניה, וווּ יאַסעלע סאָלאָוויי האָט געהאַלטן סטאַנציע מיט דער גאַנצער חברה משוררים.

דער שמועס, וואָס איז דאָרטן פאָרגעקומען צווישן בערל־אײַזיקן און גדליה באַס, איז געווען טיף דיפּלאָמאַטיש. מע האָט זיך ביידע גוט געהיט איינס פאַר דאָס אַנדערע, געבויגן זיך אויף אַלע זײַטן, ווי צוויי געלערנטע, געניטע גבורים, אַזוי לאַנג, ביז מע האָט זיך צונויפגעשמור־עסט, אויסגעגלײַכט און ביידע אינאיינעם צונעקלערט אַ רעכטן פּלאַן, וויאַזוי דעם ענין דורכצופירן, ווי געהעריק איז.

לכתחילה האָט גדליה געזען, אַז יאַסעלע זאָל זיך באַקענען מיט פריִער דער דאַמע און זאָל גאָרנישט אָנהייבן צו וויסן צוליב וואָס: „גלאַט, מהיכא־תיתי, — אַזוי האָט אים גדליה געזאָגט שבת־צו־נאַכטס נאָך הבדלה, — ס'איז דאָ אַ נגידית, פריִער די דאַמע רופט מען זי, זי איז אַ בעלנטע זיך באַקענען מיט דיר. זי קען זיך מיט אַלע גרויסע חזנים פון דער וועלט און האַלט זייער פון זינגען, שפּילט אַליין אויך פּיאַנע. וואָס קאָן עס דיך אַרן, אַז דו וועסט זיך דורכגיין אַהינצו?"...
יאַסעלע האָט אים געפאָלגט. זיי זײַנען ביידע, ער און גדליה באַס, אַרויפ־געגאַנגען צו פריִערלען אַהיים און דערזען פאַר זיך אַ גרויס, ליכטיק הויז, גאַנץ רײַך געמעבלירט, שיין אויסגעפּוצט, מיט סאַמעטענע דיוואַנעס, ווייכע פאַטעלן, קרישטאָלענע און בראָנדזענע הענגלײַכטער, הויכע מוראַ־דיקע שפּיגלען, וואַזאַנעס פאַרשיידענע מיט בילדער אַלערליי אין גאָל־דענע ראַמען. באַטראַכטנדיק דאָס אַלצדינג כמעט דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן, האָט זיך יאַסעלען דער קאָפּ פאַרדרייט. „ווען דו זאָלסט זײַן אַ מענטש, — האָט אים גדליה אײַנגערוימט אַ סוד אין אויער, — קאָן דאָס אַלצדינג זײַן דײַנס"... יאַסעלע האָט אַ קוק געטאָן פאַרוווּנדערט אויף גדליהן, און האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז עס האַנדלט זיך דאָ מכח אַ שידוך — און יאַסעלע איז אין דער ערשטער מינוט גרייט געווען פאַר־קערעווען דעם דישעל צוריק און אַנטלויפן פון דאַנען; ער האָט גע־

מיינט, אַז ער וועט אין דער ערד אַריַין פֿאַר פּחד און פֿאַר בושה...
„אַנטלויף, יאָסעלע, פֿון דאַנען, — האָט ער זיך געטראַכט, — אַנטלויף
כּל זמן די פֿיס טראָגן דיך, אַנטלויף אַהיים, אַנטלויף ווו דער שוואַרצער
פֿעפֿער וואַקסט, אַבי גיכער!" נאָר עס איז שוין געווען צו שפּעט:
עס איז אים געקומען אַקעגן פּערעלע די דאַמע, אַ שיין ווייַבל, איַינגע־
טונקען אין גאָלד און באַהאָנגען מיט אַ סך צירונג. באַטראַכטנדיק די
דאַזיקע „דאַמע", איז אים געקומען אויף די געדאַנקען אסתר, די טיַיערע
געטריַיע אסתר, מיט וועלכער ער וועט זיך זען, אם־ירצה־השם, גאָר אין
גיכן, און פֿאַרגליַיכנדיק זי מיט אסתרן, האָט ער אינעווייניק בײַ זיך
געלאַכט: „וויים איך? איך וועל אַזעלכעס טאָן? איך וועל נעמען און
וועל פֿאַרביַיטן אסתרן אויף דער דאַזיקער? ס'אַ משל! אַ פֿאַרגליַיכעניש
אַ ביסל!"... פּערעלע די דאַמע האָט אים געגעבן די האַנט, אַ קליין
וויַיס הענטל און אַ קאַלטס און ער האָט דערפֿילט, אַז דאָס קאַלטע
הענטל בריט אים, און פֿאַר זיַינע אויגן איז אים עפּעס ווי אַ טומאַן
איבערגעצויגן געוואָרן, אין די אויערן האָט אים געקלונגען, דער קאָפּ
האָט זיך אים ווי געשפּאָלטן, און ער האָט זיך גיך פֿאַרלאָרן.

כּמעט דאָס ערשטע מאָל אויף זיַין לעבן איז יאָסעלען אויסגעקומען
צו הערן שפּילן פּיאַנע. הערן פֿון דער וויַיטן האָט ער געהערט נישט
איין מאָל; נאָר זיצן בשעת שפּילן אַזוי נאָענט נעבן אַ שיין ווייַבל און
קוקן, ווי מיט די קליינע וויַיסע פֿינגערלעך ציט זי אַרויס פֿון דאָרטן
אַזעלכע ווייכע קולות, אַזעלכע שיינע מעלאָדיעס — דאָס האָט ער זיך
קיינמאָל נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן. עס איז געוואָרן פֿאַר אים פֿול די
גאַנצע זאַל מיט די דאַזיקע קולות, און פּערעלע האָט באַקומען אין זיַינע
אויגן נאָך מער חן, ווי פֿריִער. עס באַקומט בײַ אים גיך, ווי אַלע מאָל,
אינגאַנצן גאָר אַן אַנדער פּנים: די שטוב זעט בײַ אים אויס ווי אַ
פּאַלאַץ, און פּערעלע — אַ פּרינצעסן; ער קומט אַריַין אַהער עפּעס מיט
חידושים, מיט נסים ונפֿלאות, און הערט די געטלעכע קולות, וואָס שמירן
אים דאָס האַרץ, ווי מיט בוימל, וואָס גלעטן אים די נשמה, געבן אים
אַריַין אַ ניַיעם מיט חיות, און עס ווילט זיך אים מיטהעלפֿן, עס ווילט
זיך אים זינגען גליַיך מיט די קולות אינאיינעם. יאָסעלע סאָלאָוויי הייבט
אָן צו זינגען. אונטערהאַלטן נאָכן טאַקט, צעגיסנדיק זיך אויף זיַין האָלדז,
אויף זיַין זעלטענעם קונציקן האָלדז, אין אַזעלכע זיסע, צאַרטע געזאַנגען,

אז פערעלע די דאמע הערט אויף צו שפּילן און הערט זיך איַין אין זיַין זינגען. נאָר יאסעלע בעט זי, אז זי זאָל אים שפּילן נאָך און נאָך. זי שפּילט און ער זינגט, פאַנטאַזירט, צעגיסט זיך, פאַרגייט זיך, צעשיט זיך און קנאַקט ווי אַ סאָלאָוויי...

גדליה באַס, וואָס איז געזעסן צעלייגט אין אַ ווייכן פאָטעל אין דער זיַיט, האָט שוין לאַנג נישט געהערט פון יאסעלען אַזאַ מין זינגען, ווי יענעם שבת־צו־נאַכטס בײַ פערעלע די דאַמע. גדליהס פאַרדאַרבענע נשמה, וואָס האָט געוווּסט נאָר געלט, האָט זיך אויך אין דער ציַיט, ווען יאסעלע האָט זיך צעזונגען, געפרייט, ממש מחיה געווען. פונדעסטוועגן האָט ער זיך באַטראַכט, אַז ס'איז אַ סך געזונטער פאַר אים אין אַלע אופנים, ער זאָל זיך בעסער אַוועקגיין אַף דער אכסניה, און יאסעלע זאָל בליַיבן דאָ דערווײַל אַליין, אָן אים. לאַהצי די פּאָקאָיאָווע האָט אים אפילו מיט גרוים גדלות צוגעטראָגן אַף אַ זילבערנער טאַץ אַ פיַינע גלאָז טיי, נאָר גדליה האָט זיך פון דער טיי אָפּגעזאָגט, האָט אַ מרוקע געטאָן, אַז ער באַדאַרף ערגעץ גיין, און האָט זיך פאַוואָלינקע פון דאָרטן אַרויסגערוקט.

ערשט אַרום האַלבע נאַכט, שוין קלויבנדיק זיך גיין אַהיים, האָט זיך יאסעלע אַרומגעקוקט, אַז גדליה איז נישטאָ. פערעלע, יאסעלע און לאַהצי האָבן זיך אַלע דריַי צעלאַכט, און ס'איז געבליבן, מע זאָל אויפוועקן דעם קוטשער, איַינשפּאַנען די קאַרעטע און אָפּפירן אים אַהיים. מע האָט אָבער דעם קוטשער פאַרשפּאַרט שוין וועקן; ער איז געשטאַנען גרייט מיט דער קאַרעטע בײַ דער טיר; אַף דער שוועל איז געזעסן און האָט געדרימלט בערל־איַיזיק. לאַהצי האָט אַ קוק געטאָן אַף זיַין פאַרשלאָפן־וואַכנדיק פנים און האָט צו אים פריַינטלעך אַ זאָג געטאָן: „דאָס האָט איר, רב בערל־איַיזיק, צוגעגרייט די קאַרעטע? ע, איר זיַיט דאָך עפּעס גאָר...!"

— נו, ווי מיינסטו, לאַהצי, ער איז מיַינער? — האָט פערעלע די דאַמע אַ פרעג געטאָן בײַ איר פּאָקאָיאָווע, שטייענדיק שוין כמעט אַ נאַקעטע און אַ וואָרף טוענדיק זיך אין בעט אַריַין.

— נאָך אַ מין איַיערער! — האָט איר לאַהצי דערויף געענטפערט, איבערדעקנדיק די „מאַדאַם" מיט אַ ווייכער אַטלעסענער קאָלדרע. —

נאָך אַ מין אײַערער! איר האָט דען נישט אַרויסגעזען נאָך זײַנע גלאַנ־צנדיקע אויגן, אַז ער איז שוין אָפּגעקאַכט?

— לאַהצי, האַרץ מײַנס, נשמה מײַנע! — האָט איר פֿערעלע געע־נטפֿערט, אַרומכאַפּנדיק די פּאַקאַיאַווע און צוקוועטשנדיק זי צום האַרצן שטאַרק־שטאַרק!

און יאָסעלע סאָלאָוויי, פֿאַרנדיק פֿון פֿערעלען צו זיך אױף דער אַכסניה און זיצנדיק צעלייגט אין דער ווייכער קאַרעטע, פֿילט עפּעס אַ נײַ מין לעבן אין זיך, און פֿערעלעס געשטאַלט שוועבט אים פֿאַר די אויגן: ער פֿאַרגעסט זיך, ווּ ער איז אין דער וועלט; ער קלערט נאָר וועגן איין זאַך: מאָרגן ווידער קומען, ווידער זען פֿערעלען און ווידער הערן זי שפּילן... אויך אַז אַנדער מחשבה פֿליט אים דורך אין קאָפּ: עס שטעלט זיך אים פֿאַר די „ר י ״ ש א ל פ י ם״, וואָס גדליה האָט אים פֿאַרבײַגייענדיק אַ זאָג געטאָן... עס פּיקט זיך אים אין קאָפּ עפּעס אַ פֿלאָן. עס שטעלט זיך אים פֿאַר, אַז ער פֿאָרט דאָס אַרײַן קיין מאָזע־פּעווקע מיט אַ קאַרעטע און מיט פֿיר ברענענדיקע פֿערדלעך. די שטאָט שטייט, קוקט און חידושט זיך. דער טאַטע לויפֿט אַרויס אַקעגן: „ברוך הבא, יאָסעלע!״ ער כאַפּט אַרויס אַ פּאַק אַסיגנאַציעס און מאַכט צום טאַטן: „נאַ דיר, טאַטע, צען טויזנט... צוואַנציק טויזנט... וואַרף אַוועק דאָס חזנות, שוין צײַט, כ׳לעבן!״...

און אסתר? אין דער מינוט פֿאַרגעסט גאָר יאָסעלע, אַז ס׳איז דאָ אַן אסתר אױף דער וועלט, וואָס קוקט אַרויס אױף אים אַזוי לאַנג! און ווען אסתר קומט אים שוין אַרויף אױפֿן זינען, וויל זיך גאָר יאָסעלע נישט קיין פֿרעג טאָן: „וואָס איז דאָ קשה?״...

---

## XX.

## ער פֿאַלט אַרײַן אין דער נעץ און קוקט זיך אַרום שוין אַ ביסל צו שפּעטלעך

אַ סך שווערער איז פֿאַר יאָסעלען געווען אַרײַנצוקומען דאָס ערשטע מאָל צו פֿערעלען אין שטוב אַרײַן, ווי איידער צו שרײַבן תנאים און גיין מיט איר צו דער חופּה... גדליה באַס האָט שוין אַליין גענומען

אַף זיך אַלצדינג, אָפּגעשמועסט מיט די רבנים, חזנים, שמשים. ער איז אַליין געלאָפן אומעטום, אַליין באַקומען וואָס מע באַדאַרף און אַלצדינג פּאַרטיק געמאַכט צו דער חתונה. אַ ביסל האָט אים צוגעהאָלפן, געוויינ־לעד, בערל־אײַזיק זײַן שותּף. אַ גוט שטיקל ארבעט האָט אַף זיך גענהאַט גדליה; ער האָט באַדאַרפט אויסשטיין אַ מלחמה מיט פּערעלעס צוויי שוואָגערס די אַקציזניקעס. זיי האָבן זיך געשטעלט אַקעגן שטאָל־און־אײַזן און האָבן געזאָגט: איין מאָל פאַר אַלע מאָל, בלוט זאָל זיך גיסן אין די גאַסן, זיי וועלן נישט דערלאָזן בּאַ זיך אין סטרישטש אַזעלכע בזיונות. „לאָז זי פאַרן געזונטערהייט קיין באַרדיטשעוו — האָבן זיי געזאָגט — און דאָרטן אויפהענגען זיך אַף וועמען איר איז ליב. מיר וועלן נאָך נישט דערלאָזן אַזאַ בזיון פאַר אונדזער געשטאָרבענעם ברו־דער, וואָס דער אָרט זײַנער איז נאָך נישט אָפּגעקילט געוואָרן. וואָס הייסט דאָס? וואָס איז דאָס פאַר אַ הפקרות געוואָרן?!"

גדליה פון זײַן זײַט האָט אָבער אויך נישט געשוויגן. ער האָט גע־האַט אַ כּח, מיט האַלבע ווערטער, ווי זײַן שטייגער איז, איבעררייזן אַ האַלבע וועלט מיט מענטשן. ער האָט זיי באַוויזן, אַז, ערשטנס, איז דאָס פאַר זייער ברודער, עליו־השלום, גאָר אַ כבוד, נישט קיין בזיון חלילה, מחמת ווער ווייס, צי וועמען די אַלמנה קאָן אַרײַנפאַלן מיט אַזאַ גוטס הײַנטיקע יאָרן? יאָסעלע איז פאָרט אַ טאַטנס אַ קינד; ער קומט אַרויס פון רבנים און האָט הײַנט אויך צוויי רבנים מיט דרײַ דיינים אין דער משפּחה. והשנית, מיינט ער דאָ חלילה נישט דאָס געלט אירס, מחמת ער איז אַליין אויך געגוג ריַיך, אַז עיִן־הרע, ער האַלט געלט אַף פּריצענט. אַ קלייניקייט, אַזאַ גאָלדשפּינער? און אַ קערבל איז בּאַ אים טײַער, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג!... גדליה, נישקשה, האָט געוווּסט מיט וואָס מע קאָן נעמען אַ סטרישטשער גביר. דערצו איז ער געוואָר געוואָרן, אַז די אַקציזניקעס האָבן אַ טענה צו דער אַלמנה עפּעס מכּח אַ בשותּפותדיקן קאָנטראַקט אַף אַ פּריץ, — האָט זיך גדליה אַרײַנגעלייגט און געפּועלט בּאַ איר, זי זאָל זיי דעם קאָנטראַקט אַוועקגעבן, כאַפּט זיי דער וואַטנמאַכער! — פּערעלע האָט זיך אפילו גוט געקנייטשט דערבײַ, נאָר זי איז געווען אַזוי פאַרקאַכט אינעם שידוך, אַז זי האָט מיט אַ שווער הארץ דעם קאָנטראַקט אַוועקגעגעבן, און אָפּן דריטן טאָג נאָך די תּנאים האָט מען געשטעלט אַ חופּה, און דער עולם איז זיך צעפאָרן איטלעכער

אין זײַן רו אַרײַן. גדליה האָט זיך צערעכנט מיט זײַן חברה משוררים און איז אַוועקגעפֿאָרן אַהיים מיט אַ היבשער „אַפּותיקי", וואָס וועט אים קלעקן אי אויף חתונה מאַכן די טאָכטער, אי איבערלאָזן זיך אויך עטלעכע קערבלעך. אים איז דאָס אָפּגעראָטן אין אַלע אופֿנים אַרום און אַרום. די לעצטע צײַט האָט גדליה באַס געהאַט יסורים פֿון דעם, וואָס יאַסעלעס שטימע הייבט אָן צו פֿאַלשעווען אַ ביסל, און אָט־אָט וועט ער זי אָנווערן אינגאַנצן, ווײַל ס'איז געקומען די צײַט, וואָס „דאָס קול בײַט זיך", און ביז ער וועט באַקומען די רעכטע שטימע, קאָן אַוועקגיין אַ יאָר און צוויי. „אַצינד — האָט זיך גדליה געקלערט — מעג ער שוין באַקומען אַ קול פֿון אַ בת־היענה און זינגען ווי אַ שלײַען, וועל איך מיר אויך נישט זעצן וויינען"... נאָר געזעגנט האָט ער זיך מיט יאַסעלען ווי מיט אַן אייגן קינד, צוגעווונטשן אים, ער זאָל זיך „מיט איר" עלטערן אין עושר און אין כבוד, און שוין מער נישט באַדאַרפֿן אָנקומען צום עמוד ווײַל ער וועט לעבן.

און פֿערעלע די דאַמע האָט זיך אויפֿגעהאַנגען יאַסעלען אויפֿן האַלדז, נישט אָפּגעטרעטן פֿון אים אויף קיין מינוט. לאַהצי די פּאַקאָיאַווע האָט זינגענדיק אײַנגעלייגט די קלומקעס אין וועג אַרײַן. דאָס האַרץ האָט איר געפּלאַצט פֿאַר שמחה, דערמאָנענדיק זיך, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט זי זיך קאָנען זען מיט לוי־מאַטלען. בערל־אײַזיק האָט איר צוגעהאָלפֿן פּאַקעווען, געלאָפֿן, געטאָן, געהאַרעוועט, גלײַך ווי ער געהער זיך עפּעס הײַנט אָן מיט פֿערעלען. „אויף די נגידים — אַזוי האָט זיך בערל־אײַזיק געקלערט — ווערט קיין זאַך נישט פֿאַרפֿאַלן; איך זאָג מיר מײַנס: פֿריידע קאַזאַ דאַ וואָזאַ — צוליינן לייגט מען צו זײ נישט צו"... בערל־אײַזיק האָט אָבער, אוי־ווײ, אַ גראָבן טעות געהאַט. צום געזעגענען זיך דאַט אים פֿערעלע די דאַמע „אפֿילו אויף דער האַנט נישט אָנגעשפּיגן!"... ווי אַ קעצעלע, ווי אַ נעבעכל, איז זיך בערל־אײַזיק געשטאַנען, דעם קאָפּ אויף אַ זײַט, אַ ביסעלע צוגעשמייכלט און אַלץ געהאָלפֿן, אַלץ באַדינט איטלעכן באַזונדער און צוגעווינטשעוועט שטיל מיט אַ רחמנות־פּנים: „פֿאָרט געזונטערהייט! פֿאָרט געזונט!" און אין האַרצן האָט אים גע־ברענט אַ פֿײַער: „אַזאַ כלבטע, אַזאַ געשלײערטע האַנדזי — האַלדזן און נאַקן זאָל זי זיך ברעכן אויפֿן גלײַכן וועג, רבונו־של־עולם!"... „פֿאָרט געזונטערהייט! פֿאָרט געזונט!" — האָט בערל־אײַזיק געזאָגט צום לעצטן

מאָל, אונטערהייבנדיק דאָס היטל און איינבייגנדיק זיך אין דרייען, און די מחשבות האָבן אים אָוועקגעטראָגן צום פּעקל אַסיגנאַציעס, וואָס גדליה האָט אים געגעבן חלק פונעם שדכנות־געלט און וועלכער האָט אים געוואַרעמט דעם בוזעם און געגלעט, ווי עפּעס אַ טייערע־טייערע זאַך... און אַזוי זיינען אונדזערע דריי פּאַרשוינען, פּערעלע, יאָסעלע און לאַהצי די פּאַקאַיאָווע, געזעסן אין אַ גרויסן, ווייכן טאַראַנטאַס, מיט פיר פערד געשפּאַנט, און מען איז געפאָרן פון סטרישטש קיין באַרדיטשעוו מיט פרייליכע הערצער. לאַהצי האָט דעם גאַנצן וועג כלומשרט געדרימלט, זי זאָל נישט זען, ווי די „מאַדאַם" הענגט באַ יאָסעלען אָפּן האַלדז און מע לאַכט און מע קושט זיך און מע האַליובעט זיך, ווי די טייבעלעך... „קוים דערלעבט! — האָט זיך לאַהצי געקלערט אין האַרצן. — קיין בינטל גראָז אָפּן קבר נאָך נישט אויסגעוואַקסן, די נשמה נאָך נישט אויסגעלייטערט אָף יענער וועלט, און זי הענגט זיך שוין! און אָפּגעזוכט — טאַטעניו! נישט געקאָנט צוואַרטן אַ ביסל, נישט אויפהענגען זיך אָף אַ חזן גאָר, כי־כי־כי! מיין לוי־מאָטל זאָל דאָ זיין, וואָלט ער עס געקאָנט לאַכן אַ ביסל! די נגידים ווייסן שוין דען וואָס אויסצוטראַכטן! פאַר גרוים ראַסקאַש?... מאָל דיר, מיין מאַדאַם איז אויך אַ גוטע שטוקע, נישקשה, מיט די גוטע ריידעלעך: נשמהניו, האַרצעניו, ליובעניו — ביז דער קעשענע. איך לייג־צונויף דאָס גרעט אירס, ליבער גאָט, באַטש האַלב אָף מיר געזאָגט געוואָרן; האָב באַטש אַ ברעקל סאָוועסט, נעם אַרויס אַ פּאָר זאַכן, פון יוצא וועגן, צי אַ העמד, צי אַ קליידל אַז אַלמס, צי וועלכע גוטע יאָר, און זאָג: נאַ, לאַהצי, האָב פון מיר אַ געדעכעניש... ווער, וואָס? אַז אַנדערע אָף מיין אָרט וואָלט מסתמא געוואָרט אָף כבוד, יאָ־נו? זי וואָלט איר צעטראַסקעט די ביינער, קיין פאַדעם נישט איבערגעלאָזט. וואָס דען? אַזוי ווי איך בין אַ דורנאָ איז גוט? פון מיינעטוועגן לאָז זי זיך אָנצינדן מיט איר גאַנץ פאַרמעגן, מיט אַלע אירע שמאַטעס, און איך — לאָז מיר גאָט העלפן קומען אַהיים בשלום און קלערן מכח אַ חופש שטעלן"...

אַזעלכע רעיונות שוועבן אַרום באַ לאַהצין אין קאָפּ, בשעת פּערעלע און יאָסעלע קושן זיך, האַלדזן זיך, האַליובען זיך, און די פערד טראָגן דעם טאַראַנטאַס מיט די דריי פּאַרשוינען, דורכלאָזנדיק פאַרביי פעלדער און וועלדער, דערפער און שטעטלעך. קיינער פון זיי באַמערקט נישט,

וווּהין די צײַט גייט אַוועק. איטלעכער איז זיך פאַרנומען מיט זײַנע מחשבות, יעדער האָט זיך זײַנע השגות, זײַן פאַרגעניגן. פּערעלע איז נאָך קיינמאָל אין איר לעבן נישט געווען אַזוי גליקלעך, ווי אַצינד, פאַרנדיק מיט איר שיינעם „העלד", איר „ענגעל". ער איז אירער, אירער! פון דעם איינציקן געדאַנק, אַז אָזאַ „העלד", וואָס נאָר אין אַ ראָמאַן טרעפט זיך אַזעלכן צו באַגעגענען, אַז אַזאַ „ענגעל" איז אירער, — ווערט איר דער קאָפּ פאַרדרייט, זי ווערט ווי פאַרשיכורט און זיס פאַרשלאָפן...

און יאַסעלע סאָלאָוויי?

* * *

יאַסעלע סאָלאָוויי, אַז ער האָט זיך נאָכדעם אַרומגעקוקט, ווּו ער איז אין דער וועלט, וואָלט ער געמעגט שווערן, אַז ער געדענקט לחלוטין נישט, וואָס מיט אים האָט זיך געטאָן אין יענער צײַט. ווען, ווּו, ווי־אַזוי האָט ער חתונה געהאַט פאַר פּערעלע דער דאַמע, — געדענקט ער נישט. ער געדענקט נאָר, ווי אַ געדיכטער טומאַן האָט אים אַרומגענומען אַרום און אַרום, ווי עס האָבן אים געשעמערירט פאַר די אויגן גאָלד און דימענטן און בריליאַנטן, ווי־אַזוי עס האָבן זיך אַוועקגעצויגן פאַר אים עטלעכע ליכטיקע, פרייליכע, יום־טובדיקע טעג, ווי־אַזוי מענטשן האָבן אים באַדינט, גלײַך ווי ער וואָלט זײַן אַ פּרינץ, אַ בן־מלך, און זי, די בת־מלכה, פּערעלע, בײַ דער זײַט, זי טרעט נישט אָפּ פון אים אויף קיין מינוט, הענגט איבער אים, האַלדזט אים, קושט אים, האָליובעט אים: „יאַסעלע, יאַסעלע מײַן זיס לעבן, נשמה מײַנע, מײַן העלד, מײַן ענגעל!" און נאָך אַזעלכע זיסע ווערטער... און עס דרייט זיך אים דער קאָפּ. ער פילט, ווי ער איז אין אַ טשאַד, ווי פאַרטומלט, פריטשמעליעט. און ער געפינט זיך אין אַ מין גן־עדן התחתון, דאָרטן ווּו בשמים מיט אַלערליי געווירצן שמעקן, ווּו עס רינט ווײַן און בוימל און מאַנדלען וואַקסן, ווּו פייגעלעך זינגען און מענטשן גייען אַרום פראַנק און פרײַ. און עס זינגט זיך אים אַזוי געשמאַק און אַזוי זיס, גאָר אָן אָן אויפהער. פּערעלע שפּילט פּיאַנאָ און ער זינגט, און די גאַנצע וועלט איז אים פול מיט קולות, מיט געזאַנגען. ער וואָלט אייביק־אייביק אַזוי אַרומגײן פראַנק און

פריִ אינעם דאָזיקן גן־עדן און וואָלט נאָר געזונגען און געזונגען... אויך דאָס פֿאָרן זײַנס פֿון סטרישטש קיין באַרדיטשעוו, אינעם ווייכן טאַראַנטאַס, אַף דער וואַרעמער, שמעקנדיקער לופֿט, מיט פֿערעלען בײַ דער זײַט, האָט אויסגעוויזן יאָסעלען ווי אַ זיסער חלום. ער האָט זיך גאָר נישט געוואָלט אָפּגעבן קיין דין־וחשבון. וווּהין ער פֿאָרט און צו וואָס ער פֿאָרט; ער האָט נאָר געוואָלט, אַז דער חלום זאָל געדויערן לאַנג־לאַנג, אָן אַן אויפֿהער, אָן אַ סוף. אַ חלום אָבער דאָ אַף דער וועלט, ווי דאָס לעבן איז נאָר אַ מינוט, אַ רגע, קאָן אייביק נישט געדויערן; אַ חלום מוז האָבן אַמאָל אַ סוף; עס קומט די צײַט, מוז מען זיך אויפֿכאַפּן, עס העלפֿט נישט קיין וועלן דערצו... און אַז ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט ער זיך געכומען אַרומקוקן, ווי ער איז אין דער וועלט, ווי אַ שיכור, אַז ער כאַפּט זיך אויף דעם אַנדערן טאָג אַן אויסגעניכטערטער, און האָט אָנגעהויבן זיך אַרומצוקוקן אַף אַלע זײַטן. „רבונו־של־עולם! — טראַכט ער זיך. — ווּ בין איך דאָס!“

ער דערזעט פֿאַר זיך אַ גרויסע שטאָט, נאָר אַ פֿינצטערע, אַ וויסטע, אַ בלאָטיקע. ייִדן און ווײַבער שיטן זיך אויף־און־אָפּ. ער הערט אַ געשריי פֿון בעלי־עגלות, אַ געריידערײַ פֿון קרעמערנס, אַ געשעלטערײַ פֿון סעדיעבעס. די בלאָטע מיט אירע ריחות לאָזט זיך הערן אַזוי שטאַרק, אַז מע מוז פֿאַרשטעלן די נאָז. ווּ איז ער דאָס? — אין באַרדיטשעוו. דער טאַראַנטאַס שטעלט זיך אָפּ בײַ אַ גרויסן בלאָטיקן פֿיר־גאָרנדיקן מויער, און דורך אַ פֿינצטערן קאָרידאָר מיט בלאָטיקע טרעפּ קומט מען אַרײַן אין אַ שטוב אַרײַן. יאָסעלע דערזעט פֿאַר זיך אַ לאַנגן טרוקענעם ייִדן מיט אַ קאַפּעליוש און אַ נידעריקע גראָבע ייִדענע מיט אַ „מושקע“ און מיט אַ שטערנטיכל; דער לאַנגער ייִד גיט אים אָפּ שלום, צעקושט זיך מיט אים, און די גראָבע ייִדענע זאָגט אים „דו“, גיט אים אָפּ „מזל־טוב“, און מע קוקט אַף אים אַ ביסל פֿון דער זײַט... דאָס זײַנען זײַנע שווער־און־שוויגער, וועמען פֿערעלע האָט שוין דורך אַ בריוול מודיע געווען, אַז זי פֿאָרט אַהיים מיט אַ פֿײַנער ירושה און מיט נאָך אַ מער פֿײַנעם מאַן... אַ שמחה, אַ פֿרייד: די טאָכטער איז געקומען, דאַנקען גאָט, דאַנקען גאָט! חוץ איר שאָדן אַף אַלע ייִדישע טעכטער געזאָגט געוואָרן!... עס קומען זיך צונויף צו פֿערעלעס עלטערן אַלע זייערע פֿרײַנט; מע גיט זיך אָפּ מזל־טוב און מע קוקט אַף יאָסעלען, קיין אויג

נישט אראָפּצולאָזן פון אים. ער קוקט זיך אַרום אויף אַלע זײַטן, ווי אַ קליין קינד בשעת מע ברענגט דאָס דעם ערשטן מאָל אין חדר אַרײַן. עס צי־טערט אויף אים דאָס הײַטל, עס זעט אים אויס אַלצדינג עפּעס זייער נײַ און זייער פּריקרע. ער טוט אַ קוק אויף זײַן בת־מלכה, אויף פּערעלען — גאָרנישט די פּערעלע, וואָס איז סטרישטש; גאָר אַן אַנדער ווײַבל! דאָרט האָט זי אויסגעוויזן בײַ אים מיט אַזוי פיל חן, אירע אויגן האָבן דאָרטן געהאַט גאָר אַן אַנדער מין גלאַנץ, און גערעדט האָט זי מיט אים דאָרט גאָר מיט אַן אַנדער מין שפּראַך; און דאָ איז די פריִערדיקע פּערעלע ווי פאַרשווונדן געוואָרן, און גאָר אַן אַנדערע האָט זיך באַוויזן פאַר זײַנע אויגן. הײַנט דאָס לעבן אין באַרדיטשעוו! ער איז גאָרנישט גע־ווינט צו אַזאַ מין לעבן, צו אַזעלכע שמועסן מיט אַזעלכע ענינים, — אַלץ, אַלץ איז אים געווען פרעמד, און ער אַליין בײַ זיך האָט עפּעס אויך אויסגעוויזן ווי אַ ווילד־פרעמדער. וואָס טוט ער דאָ און וועלכע גוטע יאָר האָבן אים אַהער אַראָפּגעבראַכט? וואָס פאַר אַ מחותן איז ער מיט מאיר זײַטשיק און וואָס געהער זיך אַן מיט אים זײַן מסחר? וואָס פאַר אַ שײַכות האָבן צו אים פּערעלעס הלוואות מיט די וועקסלען מיטן פראָ־צענט און מיט אַלע זייערע געשעפטן דאָרטן (פּערעלע, קומענדיק אַהיים, האָט זיך באַלד גענומען פאַרטאָן איר קאַפּיטאַל אין „רעכטע הענט"...), אַז אים ווילט זיך גאָר אַ היִ ז. אויף דער פרײַער וועלט? אַד, רבונו־של־עולם? צי דען אַזוי האָט ער געקלערט בשעת חתונה האָבן פאַר פּערעלען, אַז ער וועט באַדאַרפן נאָכדעם ליגן ערגעץ אין אַ לאַד, צווישן ווילד־פרעמדע, נישט אָנצוקוקן די ליכטיקע שײַן, נישט צו וויסן פון אַ וועלט צו זאָגן? ווער רעדט גאָר פון זינגען, צי פון שפּילן? אויפגעשטאַנען אינדערפרי — געטרונקען קאַווע. אַ קוק געטאָן אינדרויסן דורכן פענצטער — חושך, וויסט, אַ בלאָטע — זאָל גאָט שומר ומציל זײַן. נאָכדעם אויסגעהערט אַ לאַנגן שמועס פון מסחר — ווידער מסחר, ווידער פראָ־צענט, ווידער געלט. אָפּגעגעסן מיטאָג — פּערעלע גייט אַוועק מיט דער מאַמע איבער די קלייטן אָפּנאַרן די קרעמער, האַנדלען מציאות. יאָסעלע קוקט זיך צו און ווערט נבהל ונשתומם, צוהערנדיק, ווי פּערעלע שמועסט זיך אויס מיט די ווײַבער אויף זייער לשון, שווערט זיך און זידלט זיך, ווי אַ געניטע סעדעכע. טאָג ווי נאַכט קולות, שבועות, קללות: פּערעלע קריגט זיך מיט די שוועסטער, קוילעט זיך מיט זיי, נעמט־צו און טראָגט־

אַפּ ספּלעטנים. טאַטע און מאַמע געבן איר תמיד געדעכט — פאַרט די נגידית אין דער משפחה! וואָס ווײַטער ווערט יאַסעלע אַלץ מער אויס־געניכטערט און דערקענט זײַן ווײַבל, וואָס זי איז. קוקנדיק אַף איר, ווי זי ציטערט איבער אַ גראַשן, באַמערקנדיק אַלע אירע מיאוסע תנועות, קלערט ער בײַ זיך: „שוין זשע איז דאָס יענע פּערעלע, וואָס האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט דאָרט פאַר אַזאַ ווױלע און אַ גוטע, אַזאַ אײדעלע, אַזאַ טײַערע — צום סוף!”... ער פּרוּווט זיך נאָך אַ מאָל אַ רייד טאָן מיט איר מכח זײַנע פריִערדיקע פּלאַנען: פאָרן קיין אויסלאַנד... שטו־דירן... זינגען... שפּילן... ווער, וואָס? „אַ חזן ווילסטו זײַן? — זאָגט זי צו אים און הענגט זיך אויף בײַ אים אַפּן האַלדז. — וואָס טויג עס דיר, נאַרעלע? הער אויס אַ ביסל, איך וועל „פּאַרטאָן” מײַן געלט אין „רעכטע הענט”, וועלן מיר זיך בײדע דורכפאָרן בעסער אין די „בעדער” אַף טרויבן, „אַף דער קור”, פאַרשטייסטו מיך, אַהין פאָרן אַלע גבירים, נאַרעלע, — אַז דו זאָגסט גאָר חזנות, שטודירן! פּע, נשמה מײַנע, פאַרגעס, מײַן זיס לעבן, פאַרגעס און געב, לאָמיך דיך בעסער אַ גוש טאָן אין דײַנע בריליאַנטענע אויגן מיט דײַנע שיינע בלאָנדע האָר, מײַן ענגעל, טײַערער העלד מײַנער!”...

וואָס ווײַטער זעט יאַסעלע אַלץ מער אַרויס, וואָס ער האָט דאָ געטאָן, וויאַזוי ער האָט זיך געגומען אַליין און האָט זיך געבונדן, גע־פענטעט אַף תמיד, אַף אייביק. ער פּרוּווט זיך אַ וואָרף טאָן אַהער — אַהין, ווי דאָס פייגעלע, וואָס זיצט פאַרשפּאַרט אין שטײַגל, און זעט, אַז די שפּיל איז פאָרן טײַוול... יענע אַלע זיסע חלומות, וואָס ער האָט געזען פריִער, ווערן ביסלעכווײַז, ווי אַ טומאַן, פאַרשווינדן, יענע גאָלדענע רײַכע מחשבות ווערן, ווי רויך, צעטריבן, און אַף זייער אָרט קומען־אָן אַנדערע מחשבות, אַנדערע געדאַנקען. בישטאָ יענע זיסע קולות וואָס פריִער! ניטאָ יענע שיינע בילדער, וואָס ער האָט זיך פאַרגעשטעלט פריִער! די קאָרעטע, דאָס אַרײַנפאָרן קיין מאָזעפּעווקע, דאָס פאַרוווּנ־דערן זיך פון זײַנע באַקאַנטע און גוטע פרײַנט, דאָס גליקלעך מאַכן דעם טאַטן — אַוועק, אַוועק! אַנדערע בילדער זעט ער, אַז אַנדער לעבן לעבט ער. און אַפּן אָרט פונעם פריִערדיקן שמעקנדיקן גן־עדן שטייט פאַר אים די באַרדיטשעווער מוראַדיקע בלאָטע. אַפּן אָרט פון פּאַלאַצן — אַ בלאָטיקע שטוב מיט בלאָטיקע מענטשן. אַפּן אָרט פון זינגען הערט ער

טאָג ווי נאַכט: „וועקסל, פּראָצענט, פּרנסה, געלט, הוצאה"... אַפֿן אָרט פֿון אַ שיין, ווייַס ווייַבל — אַ גראָבע ייִדענע, וואָס הענגט אים שטענדיק אַפֿן האַלדז, האַלדזט אים און קושט אים און לאָזט אים נישט אָפּ פֿון זיך. און אַלץ איז אַזוי וואַכעדיק! אַזוי געמיין! עס ווערט אים נמאס, נמאס ומאוס די וועלט און דאָס לעבן. און הינטער די פּלייצעס הערט ער ריידן וועגן זיך: „אָט דאָס איז ער, יאָסעלע, וואָס האָט גע־נומען די רייַכע אַלמנה"... און עס טוט אים אַ שטאָך אין האַרצן. און אַזוי, קוקנדיק אַף פּערעלען, דערמאָנט זיך יאָסעלע אין אסתרן, און ער הייבט זיך אָן צו באַרעכענען און גוט באַקלערן, אַז ער האָט דאָ אָפּגעטאָן זייער אַ מיאוסע מעשה, זיך אַליין אָפּגעשפּילט אַ חתונה און אויסגע־האַנדלט זיך אַזוי נישט לייַטיש, אי פֿאַר אסתרן. אי פֿאַר זייַן טאַטן, אי פֿאַר זיך אַליין. ער גייט אַרום פֿאַרזאָרגט, באַטריבט, פֿינצטער, ווי די ערד.

— יאָסעלע, נשמה מייַנע, האַר מייַנס, מייַן טייַער סאָלאָווייטשיקל! — זאָגט צו אים פּערעלע זייַן ווייַב, ווען זי בלייַבט מיט אים אַליין, שפּילנדיק זיך מיט זייַנע שיינע, לאַנגע האָר. — וואָס איז דיר? וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן? גייסט אַרום פֿאַרטראַכט און פֿאַרזאָרגט? זאָג מיר, וואָס פֿעלט דיר? שווין־זשע האָב איך באַ דיר נישט פֿאַרדינט, דו זאָלסט מיר זאָגן דעם אמת, וואָס דיר איז? איך בין דיר שווער, איבע־ריק, נמאס? נמאס?...

„נמאס? — קלערט זיך יאָסעלע. — נמאס ומאוס!" נאָר ער האַלט זיך אייַן, ער שטאַרקט זיך און זאָגט איר אַ גראָבן ליגן:

— נמאס זאָגסטו? חס ושלום! וואָס הייסט נמאס? — און זייַנע מחשבות, זייַן קאָפּ און זייַן האַרץ און אַלע זייַנע געפֿילן זייַנען ווייַט פֿון דאַנען; זיי זייַנען אים דאָרטן — אין מאַזעפּעווקע.

# XXI.

## מאַזעפּעווקע רעדט — און אסתּר נעבעך האָט צרות

קלוגע מענטשן האָבן זיך שוין וויפל מאָל געבראָכן דעם מוח צו טרעפן, וויאַזוי ווערט דאָס מאַזעפּעווקע געוואָר פון אַלע נייַסן, וואָס אַף דער וועלט טוט זיך? כאָטש פון גאַזעטן — דאָס ווייסן אַלע — האַלט מען דאָרט ווייניק וואָס, נאָר לאָז ווערן אַ שמועס דאָרט ערגעץ, אין די הויכע פענצטער, וועגן מלחמה, — אַזוי ווייסט מען דאָס באַלד אין מאַזעפּעווקע. אַ נייַער זאַקאָן, נאָך איידער ער ווערט געבוירן, קומט ער אַראָפּ אַהין, און ייִדן לערנען דעם פּשט, קנייטשן אים אַהער און אַהין, איטלעכער מיט זייַן גאַנג. זיי האָבן אַ זעלטענעם חוש הריח, די מאַזעפּעווקער, און אַ סך זאַכן קומט בײַ זיי אויס על־פּי דרך הטבע, אַז עס באַדאַרף אַזוי צו זייַן, וואָרום דער שכל איז מחייב.

מע ווייס נישט, פון וואַנען עס האָט זיך גענומען דער קלאַנג, אַז יאָסעלע סאָלאָוויי האָט ערגעץ חתונה געהאַט, גענומען מאה־אלף נדן און איז געוואָרן אויס חזן. דער האָט געזאָגט, אַז אַ גרויסער גביר האָט אים געהאַרכט דאַווענען, האָט ער אים פאַררופן צו זיך און האָט אים געגעבן די טאָכטער פאַר אַ ווייַב. און דער האָט געזאָגט, אַז יאָסעלע האָט חתונה געהאַט פאַר אַ רייַכע אַלמנה פון פופציק יאָר. אַנדערע האָבן געדרונגען פאַרקערט, אַז נישט קיין אלמנה, אַ גרושה האָט ער גענומען, און דערבייַ דערציילט זייער אַ שיינע מעשה, וויאַזוי יאָסעלע איז געווען אייַנגעלאַדן צו אַ גביר אַף אַ מלוה־מלכה; האָט דער גביר געהאַט דאָס אַנדערע ווייַב פון הייַנטיקער וועלט, אַ גאַנצע מלומדת, אַ „צעדאַמטע״; בקיצור, אַז זי האָט אים דערהערט זינגען, האָט זי זיך אין אים פאַרקאָכט און האָט געוואָלט מיט אים אַנטלויפן אין עק וועלט; האָט זיך מיישב געווען דער גביר און זאָגט צום ווייַב: „וואָס טויג דיר נאָך אַנטלויפן און מיר אָנטאָן בזיונות? נאַ דיר גט און נעמט דיר אים״... וואָס טוט זי? זי איז דאָך אָבער אויך נישט קיין נאַר, מאַכט זי צו אים אַזוי: „וועסטו מיר געבן די מאה־אלף, איז רעכט, אלא נישט — וועסטו האָבן צו געדענקען!״ הכלל, אַהער, אַהין, עס האָבן זיך אַרייַנגעלייגט מענטשן און מען איז מושוה געוואָרן פאַר אַכציק טויזנט. בקיצור, וויאַזוי די מעשה

איז שוין דאָרט, אונדזער יאָסעלע איז אַ לײַט. נאָר פּאַרוואָס ער שיקט נישט דעם טאַטן קײן געלט — אײן אָן עולה!...

אַז דער קלאַנג איז אַרויס אױף דער שטאָט, האָבן אַלע געזאָגט, אַז על־פּי דרך הטבע באַדאַרף עס אַזױ זײַן, װאָרום דער שׂכל איז מחייב, אַז יאָסעלע האָט באַדאַרפט גרייכן אַ גרויסן שידוך; דאָס האָט איטלע־כער אַרויסגעזען נאָך פֿריִער, און װי האָט דאָס דען געקאָנט אַנדערש זײַן?

— עס קומט אײַך אַ מזל־טוב? — האָט מען זיך געװענדעט צו שמואליק דעם חזן אין שול. — מע זאָגט, אַז אײַער יאָסעלע האָט חתונה געהאַט? װאָס, איר װייסט גאָרנישט? געשיקט זיך עס? אודאי, דערציילט מען, אַז ער איז גאָר גליקלעך, מאה־אלף, זאָגט מען, ריש־אלפים! װי קומט עס? אַ סברה, אַז ער שרײַבט אײַך גאָר קײן בריװל נישט, רב שמואליק? הײַנטיקע קינדער! גײ, װער פֿאַרשװאַרצט צוליב אַ קינד, זײַ זיך מפקיר! מע דאַנקט נאָכדעם אַפּ מיט שטײנער. אַ שײנע װעלט הײַנט געװאָרן, נישטאָ װאָס צו רײדן, אַ לײַטיש װעלטל!

שמואליק, אַז ער האָט דאָס דערהערט, איז ער באַ זיך שטאַרק אַראָפּ־געפֿאַלן. „ס'טײַטש, יאָסעלע זאָל מיר אַזעלכעס אָפּטאָן, אַן אײגענעם טאַטן?!" עס איז אים אָן דעם געװען אַ חרפּה, אַ בושה, פֿאַר לײַטן, װאָס ער האָט כמעט אַ יאָר נישט געהאַט קײן אײַנגעטונקטע פּען פֿון יאָסעלען, נישט װיסנדיק, װאָס איבערצוטראַכטן, און דאָ — נאָ דיר גאָר אַזאַ נײַס! „אַ מעשה, אַ מעשה! חתונה האָבן, װערן אַ נגיד און פֿאַרגעסן אַ טאַטן! עס קאָר גאָרנישט זײַן!" דאָס איז געװען שמואליקס אײנציקע טרייסט: „עס קאָן גאָרנישט זײַן!" װען נישט דער בטחון, אַז נישט הײַנט איז מאָרגן, װעט יאָסעלע קומען צו פֿאָרן, װאָלט דאָס שמואליק נישט אויסגעהאַלטן. ער האָט אַזױ אויך געהאַט גענוג צרות; עס איז אים די לעצטע צײַט, פֿון אַ פֿאַרקילונג אפֿנים, די שטימע, מ'שטײנס געזאָגט, קאַליע געװאָרן. שמואליקס האַלדז, װאָס האָט אַמאָל געשמט אױף דער װעלט, איז געװאָרן געכאַפּט, און זײַן „שאָגת־אַריה־קול" איז אים געװאָרן משונה פֿאַרדומפּן מיט אַ הײזעריקײט, װי אַ קול פֿון אַן אָנגעשפּאָלטענער כּלי. דאָרט, װוּ שמואליק פֿלעגט זיך אַמאָל פֿאַר־קאַטשען אױף זײַן פּיסטל, זינגען טרױלעריש און אַראָפּלאָזן זיך אױף זײַן ביי־קול ביז דער לעצטער „שפּינדע", — האָט זיך הײַנט מיאוס געלאָזט

הערן אַ כאָרכלען פון אַ געקוילעטן אָקס, אָדער אַ קריי פון אַ יונגן, נאָך נישט אויסגעזונגענעם האָן. שמואליקס דאַווענען האָט אָנגעהויבן צו זײַן געמוטשעט, מחילה, זייער געמלאכהט; וויפל ער האָט זיך נישט געבריהט, רײַסנדיק זיך אױף די גלײַכע ווענט — נישטאָ די כחות פון אַמאָל! אוים האלדז, אוים דבור, אוים, אוים שמואליק — ערגער ווי געשטאָרבן! געהאַלטן האָט אים באַם עמוד נאָר דאָס שטיקל חזקה. לאָזן אַ געפאַלענעם פאַלן, צונעמען בײַ יענעם דאָס לעצטע שטיקל ברויט אײַנגאַנצן, אָפּקוילען אָן אָרעמאַן פון פּרנסה — דאָס טוען נישט אַזוי גרינג די מאָזעפּעווקער ייִדן, וואָס זײַנען בטבע ווייכע, באַרעמהאַרציקע לײַט, און איבערהויפּט פרומע, ערלעכע ייִדן. נאָר זאָגן אױף זיי, אַז זיי זײַנען גאָר צדיקים, מענטשן מיט יושר — דאָס קאָן מען אָבער אויך נישט, דען זיי זײַנען זיך מיט שמואליק דעם חזן באַגאַנגען נישט אַזוי מענטשלעך, נישט גאָר על־פּי יושר; מע האָט אים דעקוטשעט מיט שטעכווערטלעך, געגעבן אים אָנצוהערעניש, געפרעגט אים, וואָס מאַכט עפּעס יאָסעלע, געהאַט צו אים טענות פאַר זײַן דאַווענען, פאַר זײַן זינגען. אמת, מע קאָן זיי, די בעלי־בתים פון דער קאַלטער שול, אויך אײַנגאַנצן נישט שולדיק מאַכן: זיי זײַנען אין דעם ענין געבאַלעוועט זייער: זיי זײַנען פון תמיד אָן געוווינט געוואָרן צו רעכטע חזנים, צו שיינע בעל־תפילות; וואָס־זשע זאָלן זיי טאָן? שמואליקס דאַווענען איז פאַר זיי געווען על אפם ועל המתם, און פאַר שמואליקן אַליין איז זײַן חזניש לעבן געווען אַ מיאוס געמוטשעט לעבן. נאָר צו די צרות מיטן האַרצווייטיק, וואָס ער האָט געהאַט בײַ זיך אין דער היים, איז דאָס נאָך נישט געווען קיין משל אפילו, וואָרעם זינט עס איז אַרוים דער שם אין שטאָט, אַז יאָסעלע האָט חתונה געהאַט, האָט שמואליק דעם חזנס ווײַב ווידער אַ מאָל איבערגעביטן איר מיינונג וועגן יאָסעלען און האָט גענומען עסן און טאַטשען שמואליקן נעבעך, שיטן אים זאַלץ אױף די ווונדן מיט אַ פּה קדוש, ווי זי קאָן.

— פײַן אויסגעשטעלט זיך אָקעגן אַ טאַטן, גאַנץ לײַטיש! נישט אומזיסט זאָגט די וועלט אַ ווערטל: „פון אַ חזירשן וויידל קאָן מען קיין שטרײַמל נישט מאַכן!" דײַן יאָסעלע איז געווען אַ שאַרלאַטאַן און איז געבליבן אַ שאַרלאַטאַן. הײַנט פאַרשטיי איך שוין, פאַרוואָס איך האָב אים פון קינדווײַז אָן אַזוי פײַנט געהאַט. נישקשה, איך האָב אַ גוטן

חוש־הריח, איך שמעק־אַן באַלד אַ מענטשן, וואָס ער איז; מסתמא איז ער פונעם שורש אַ דער־רוח־ווייסט־וואָס! און איך פאַרשטיי גאָרנישט, וואָס זלאַטע לייגט אַיַן די וועלט נאָך זיַין מאַמען און זאָגט, אַז אַזאַ צדיקות, ווי דיַין זעלדע איז געווען, איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. לאָז זי מיר דאַרטן מוחל זיַין, ווו זי איז...

שמואליק האָט אויסגעהערט די אַלע רייד און אָראָפּגעשלונגען זיי, ווי אַ ביטערן טראָפּן. אַ סך ערגער איז אים געווען זיך באַגעגענען מיט זיַינע גוטע פריַינט, מיט זלאַטען און מיט אסתרן: וואָס קאָן ער זיי זאָגן, טאָמער מאַכן זיי מיט אים אַ שמועס מכח זיַין זון? ער האָט אָבער אין דעם אַ גרויסן טעות געהאַט: זלאַטע האָט זיך ווידער צע־קריגט מיט דער חזנטע און איז געווען פאַרנומען מיט אירע עסקים, געהאַט גענוג אייגענע צרות, גענוג אייגענע זאָרג: מע באַדאַרף חתונה מאַכן אַ קינד, אסתר איז שוין, קיין עין־הרע, אַ מיידל צו ליַיטן, און ס'איז נישטאָ מיט וואָס: אַז קיין נדן וויל מען היַינטיקע יאָרן קיין מיידל נישט נעמען; אַ ליאַדע בחורל, אַן אונטערשלאַג, הייסט זיך אָנידערלייגן עטלעכע הונדערט קערבלעך, אחוץ מתנות — און דאָ דער־וויַיל וואַקסט אסתר, עס גייט איר שוין דאָס צוואַנציקסטע יאָר, ווי געשריגן! עס דרייט זיך אפילו אַ שידוך, נישט אַזאַ גליַיכער, נאָר אַ גליק, אַ פאַרטיקע זאַך, אַ שמאַלץ־גרוב. גיי, בינד־צונויף, מאַך עפּעס איינע אַליין, אַ וויסטע אַלמנה מיט פיצלעך קינדער יתומים!...

און אסתר, אַז זי איז געוואָר געוואָרן, אַז יאָסעלע האָט חתונה גע־האַט, — וואָס האָט זי געקאָנט קלערן בשעת מעשה? ווער קאָן זיך פאַרשטעלן איר באַליידיקט, באַטריבט, פאַרוואָגלט, צעבראָכן האַרץ נע־בעך? עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי קען יאָסעלען אויסגעבונדן, און האָט אים פון תמיד געגלייבט, און אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען באַ איר הייליק; צום סוף זאָל ער זי אַזוי מיאוס אָפּנאַרן, אָפּליגנערן פון קאָפּ ביז פיס? אסתרן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַזוי ליב האָבן און אַזוי געטריַי זיַין, ווי יאָסעלע האָט ליב און איז געטריַי דעם טאַטן זיַינעם, איז גאָר דער צווייטער צו אים נישטאָ. נאָך שטייט ער איר פאַר די אויגן, ווי ער האָט זיך איר דעמאָלט געשוואָרן, בשעת אָוועקפאָרן פון דער היים, אַז ער וועט דעם טאַטן נישט פאַרגעסן אויף קיין מינוט אפילו, און וועט אים גאָר גליקלעך מאַכן; נאָך קלינגען איר אין די

אויערן יענע גוטע ווערטער זײַנע, יענע זיסע געזאַנגען, אין וועלכע ער
האָט פֿאַר איר זײַן האַרץ אויסגעגאָסן, און וואָס האָבן זיך איר געדאַכט,
ווי ער זאָגט איר צו אייביק בלײַבן דער יאָכעלע, דער אייגענער יאָסעלע,
נישט פֿאַרגעסן קיינעם נישט פֿון זײַנע ליבע און געטרײַע. צום סוף גייט
אַוועק שוין באַלד אַ יאָר צײַט, און מע הערט נישט און מע זעט נישט
פֿון אים, און פּלוצים — נאַ דיר אַזאַ מין ידיעה! יאָסעלע האָט גאָר
חתונה געהאַט! און נאָך אַזוי חתונה געהאַט! גענומען אַן אַלמנה,
אַ גרושה — צוליב געלט! און אָפּגעטאָן דאָס בסוד, זיך באַגראָבן!...
„גוואַלד, גוואַלד, יאָסעלע זאָל אַזעלכעס קאָנען טאָן?!” אסתר האָט
דאָס נישט אַרויסגעזאָגט קיינעם; זי איז געווען רויִק, ווי תמיד, פֿאַר־
נומען מיט דער קראָם, אין זינען געהאַט די שטוב, שטיל, פֿײַן. וואָס
האָט זיך אָבער געטאָן בײַ איר אין האַרצן אינעווייניק? — דאָס האָט
נישט געקאָנט וויסן קיינער, אַזוי ווי ס'האָט בײַ איר קיינער נישט גע־
ווּסט פֿון יענע זיסע גאָלדענע חלומות, אין וועלכע זי האָט פֿאַרבראַכט
גאַנצע צוויי יאָר, זינט יאָסעלע איז אָפּגעפֿאָרן פֿון דער היים. מע קאָן
זאָגן, אַז יענע צוויי יאָר זײַנען געווען פֿאַר אסתרן אַ לאַנגער זיסער
חלום; יאָסעלעס געשטאַלט איז פֿון איר נישט אָפּגעטראָטן אויף קיין
מינוט, און וואָס זי האָט נישט פֿאַרקלערט, און וווּ זי האָט זיך נישט
געווענדט, איז געווען נאָר יאָסעלע. נישט איין מאָל פֿלעגט
זיך מאַכן, אַז זלאַטע האָט איר באַמערקט, אַז זי איז עפּעס נישט אויף
ד ע ר וועלט: „וואָס איז דאָס מיט דיר געוואָרן, — פֿלעגט זי מיט
איר טענהן, — וואָס ביסטו געוואָרן אַזוי צעטראָגן? דו מעסט אָפּ
דרײַצן אַרשין און רעכנסט נאָכדעם צוועלף, און גדליה מאיר דער צעל־
ניקער הייסט בײַ דיר גאָר מאיר־גדליה, פֿאַרקערט דאָס שלים־מזל?” אַז
אַנדער מאָל פֿלעגט אסתר, זיצנדיק איבער אַן אַרבעט נעבן דער קראָם אויף
אַ בענקעלע, פֿאַרטראַכטן זיך און צעזינגען זיך תחילת גאַנץ שטיל, און
וואָס ווײַטער — אַלץ העכער און שטאַרקער, נאָכמאַכנדיק ווי יאָסעלע
זינגט, און גאָרנישט באַמערקנדיק, אַז דאָ נישט ווײַט זיצן מאַנצבילן...
די מחשבות פֿלעגן זי פֿאַרטראָגן אַמאָל גאַנץ ווײַט אַהין, ווו יאָסעלע
געפֿינט זיך, און דאָרט אינאיינעם מיט אים האָט זי זיך אויך געפֿונען,
געקוקט אויף אים און געהערט זײַן זיס קול, זײַן געטלעך זינגען, פּונקט
ווי יענעם שבת באַטאָג בײַ שמואליק דעם חזן אין שטוב. און אַמאָל

פלעגט זיך איר אויסווײַזן, אַז אָט קומט מען איר אָנזאָגן אַ בשורה: „אסתר, דו ווייסט, ווער ס'איז געקומען? יאָסעלע שמואליקס, יאָסעלע סאָלאָוויי איז געקומען!" און אַז אַנדערש מאָל פלעגט איר דורכפליִען אין קאָפּ אויך אַ שלעכטע מחשבה; עס גייט דורך אַ כמאַרע פאַרבײַ דער זון און פאַרשטעלט אויף אַ מינוט איר ליכטיקע שײַן — אסתרס געדאַנקען באַקומען אַן אַנדער מין מראה, און זי הייבט אָן צו זאָרגן, איבערטראַכטן, ארויסלאָזנדיק אַ זיפץ פונעם טיפן האַרצן; נאָר די כמאַרע גייט אַוועק און די זון שײַנט ווידער מיט איר חן. אַ שלעכטע מחשבה טרײַבט אסתר אַרויס פונעם קאָפּ, און יענע ליכטיקע געדאַנקען קומען ווידער אָן, און דאָס האַרץ רירט זיך ווידער פון פרייד און פון נחת, און יענע זיסע חלומות קומען ווידער אָן, און עס וועבן זיך איר גאָלדענע פאַנטאַזיעס, און זי זינגט שוין ווידער אויף יאָסעלעס שטייגער. „וואָס איז דאָס מיט דיר געוואָרן, טאָכטער? — פלעגט איר זלאָטע איבערשלאָגן די בעסטע מחשבות אינמיטן. — וואָס פאַר אַ פּנים האָט דאָס, איך פרעג דיך, אַוועקזעצן זיך דאָ אין מיטן דרויסן זינגען? און פאַר פרעמדע מענטשן נאָך!"... אסתר פלעגט זיך אויפכאַפּן ווי פונעם שלאָף און פרעגן פאַרוווּנדערט: „זינגען? ווער זינגט דען?"...

דאָס לעצטע יאָר, וואָס יאָסעלע האָט אויפגעהערט צו שרײַבן בריוו, האָט אסתר, געוויינלעך, געהאַט יסורים דערפון; נאָר זי איז געווען אין אים אַזוי פאַרגלייבט, אַז זי האָט גאָרנישט צוגעלאָזט קיין שלעכטע מחשבה. זי האָט אים אַליין בײַ זיך פאַרענטפערט: „אַ מענטש פאָרט אַרום כסדר, איז נע־ונד — וואָס איז דאָס חידוש?"... און זי האָט געהאָפט און געהאָפט. פּלוצים — נאַ דיר גאָר אַזאַ שלאַק! דערויף האָט זיך אסתר גאָרנישט אָנגעהויבן צו ריכטן. ווי אַ דונער האָט איר די דאָזיקע ידיעה דערלאַנגט אין קאָפּ אַרײַן. זי האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון אַ לאַנגן שלאָף און דערזען, אַז אַלע אירע פרייד מיטן גאַנצן גליק אירם איז אַ חלום, אין וועלכן זי האָט פאַרבראַכט צוויי יאָר כסדר, די בעסטע צוויי יאָר אין איר לעבן. זי איז מיט אַ מאָל געוואָר געוואָרן פון אַזויפיל פאַלשקייט און שלעכטיקייט אויף דער וועלט; זי האָט מיט אַ מאָל דערזען פאַר זיך אַזאַ מיאוס, ביטער, פינצטער לעבן! נאָר ווער האָט דאָס בײַ איר געקאָנט וויסן? וועמענס עסק איז דאָס? ווער קוקט זיך אַרום אין מאַזעפּעווקע אויף אַן אָרעם מיידל, וואָס אָט איז זי געווען

גליקלעך ווי די גאנצע וועלט, און איז זי אראפגעפאלן פונעם הימל ביז צו דער ערד? אסתר האט זיך באנאכט בא זיך אפן געלעגער גוט אויפגעוויינט שטילערהייט, נישט איין מאל, נאר עטלעכע מאל, געשמאק אויסגעוויינט. נאר דאס וויינען האט איר אבער נישט פארגרינגערט איר ביטער הארץ אפילו אף קיין האר. דען חוץ דעם, וואס איר מזל איז געווען אזוי וויסט און פינצטער, האט זיך אף איר גענומען א נייער אומגליק, א גאטס שטראף, א מלאך־המות אף אירע יונגע יארן. דער דאזיקער מלאך־המות איז געווען — הנגיד רב אלטער פעסים!

---

## XXII.

## אלטער פעסים זיצט אן אלמן, און רב קלמן שוכן לייגט איין די וועלט

אלטער פעסים איז א פיינער בעל־הבית. ער האט זייער א טייערע, א גרינגע פרנסה אין מאזעפעווקע: ער איז זיך א בעל־הלואה. נאר ער איז נישט גליך צו אנדערע פראצענטניקעס. וואס ווייסן נישט פון קיין לעבן צו זאגן. א מאזעפעווקער פראצענטניק גייט ארום שטענדיק אין איין זארג. ער איז אין פחדים, טאמער וועט דער אדער יענער נישט אפגעבן, און שלאפט נישט קיין נעכט. ער ווערט מיט דער צייט א גרויסער מרה־שחורהניק. עס שטעלט זיך אים אלץ פאר, אז יעדער מיינט בא אים אויסנארן, צונעמען, אוועקראבעווען, ירשהנען אים בא זיין לעבן. עס דאכט זיך אים אלץ, אז איטלעכער שארפט אף אים די ציין, — און וואס וועט זיין דער תכלית, אז עס וועלן אים שווין אלע אנזעצן? עס קומט דאך אים דעמאלט נאר נעמען א טארבע, חלילה, און גיין איבער די הייזער! אזעלכע געדאנקען ברענגען אים, דעם מאזעפעווקער פראצענטניק, דערצו, אז ער מוז ווערן קארג, א נהרג על פחות משוה פרוטה, גיין קריעה־בליאה, נישט פארגינען זיך דאס שטיקל ברויט, וואס ער עסט. ניין, אלטער איז נישט פון דעם מין. ער קען זיינע יידעלעך און ווייס גאנץ גוט, אז ער קאן פון זיי ציען זיין באדערפעניש כסדר. כאטש

ער ליגט בא יעדן איז מויל און הינטער די אויגן מאכט מען פון אים א תל, מע רופט אים „עשו", „פיאווקע", „המן" און נאך אזעלכע צונע־מענישן, — אבער אין די אויגן, נישקשה, גיט מען אים אפ כבוד: „רב אלטער" רופט מען אים! א ברירה האט מען? ער האט פארט די קלינגערס, און אלע דארפן צו אים אנקומען. דערום לעבט זיך אלטער א גוטן טאג, קוקט אריין אין טעפל אריין, דאס עוף זאל זיין זיס און דאס יאיכל פעט, און היט זיך אפ דאס בייכל זייער גוט, ניט צולאזנדיק זיך קיין יסורים פון קיין שום זאך אף דער וועלט. ווי דאס ווערעמל, אז עס פארקלייבט זיך אינעם בעסטן עפל אריין, ליגט דאס זיך דארטן רויק, גארנישט אנזיכטיק, זויגט און נאגט די זאפט פאוואלינקע, מיט ישוב־הדעת, און וויל גארנישט וויסן, וואס ווייטער, אף יענער זייט עפל, טוט זיך, — פונקט אזוי לעבט זיך אלטער אף זיין געשעפטל אין מאזעפעווקע, און וואס גייט דאס אים אן, וואס יענער זאגט, צי וואס יענער רעדט דארטן, ווייס איך וואס? אפן הימל א יריד! אבי אים איז ווארעם... פארקערט, טאמער וועט איר אים זאגן מוסר: „רב אלטער, אים דארפט מיר אגוואזשען, כ'לעבן, און וואס וועט אייך שוין ארויסקומען, אז איר וועט שוין בא מיר ארויסרייסן נאך א האלב קערבל, מ'שטיינס געזאגט? איר וועט שוין דא גליקלעך ווערן? איר האט קארג, דאס ווייב מיט די קינדער האבן אייך באזעצט?" — וועט ער אייך אויסהערן גאנץ קאלט־בלוטיק, און אויך קאלטבלוטיק, מיט א שמייכעלע, ענטפערן: „כ'קאן נישט, בנאמנות!" און נאכדעם מעגט איר שוין ריידן, וויפל איר ווילט. אדער פרוווט ווען נעמען בא אים א נדבה מער מיט דריי גראשן ווי ער גיט, וועט ער אייך נאר ענטפערן אזוי בנעימות, אזוי אנגענעם: „איך געב נישט מיין, בנאמנות!" — איז דאס הייליק, איר מעגט שוין זיין זיכער. — אט אזא מין יידל איז זיך אלטער.

אלטער פעסים איז א פיין, אויסגעפוצט יידל, א געפאקטס, שוין אין די יארן, נאר מחמת ער איז זייער געזונט און געלייטערט אפן פנים, און א בערדל האט ער א קליינס, ווייזט ער אויס נאך גאר א יונגערמאנטשיק. ער האט א היפש בייכל, פון יידיש בלוט — זאגט מען; דאס מיילכל איז בא אים צונויפגעצויגן, איינגעשנירעוועט, די ליפן רויט און פעט און מסוגל צום זייגן, ווי בא א פיאווקעלע; די בעקעלעך זיינען בא אים תמיד רויטפארביק און אנגעבלאזן, ווי די פאמפעשקעס. בכלל איז אלטער

אַ גאַנץ פֿײַן ייִדל, נאָר אויגן האָט אַלטער נישט קיין שיינע: איין אויג האָט ער אַ גרויס און דאָס אַנדערע אַ ביסל קלענער, און אַט מיט דעם קליינעם אייגל, אַז ער טוט אַ קוק אויף עמעצן, ווערט יענעם פּאַרקילט אינעווייניק. גיין גייט ער פּאַוואָלי, רעדט שטילערהייט, אַ ביסל מיט אַ קוויטש, שטענדיק מיט אַ שמייכעלע. אַרום זיך האָט אַלטער ליב צו גיין ריין, זויבער; דאָס זײַדענע קאַשקעטל, דאָס ליוסטרינענע קאַפּאָטקעלע און די גאַנצע הלבשה אויף אים זינגט, ס'איז תמיד שפּאָגל־נײַ, די שטיוול גלאַנצן, קיין שפּריינקעלע לאָזט ער אויף זיך נישט פֿאַלן. תמיד איז ער פֿרײַ, שטענדיק צופֿרידן מיט זיך, האָט קיינמאָל קיין עגמת־נפֿש נישט. נאָכן וואַרמעס שלאָפֿט ער זיך אויס און גייט אַרויס אַ ביסל אין מאַרק אַרײַן, גלאַט אַזוי זיך, זען זיך מיט דעם און מיט יענעם. אַ ביסל ריידן, נעמען אַ ציגאַר־טיטון בײַ יענעם. נעמען בײַ יענעם איז בײַ אים דאָס חיות, און כאַפּט ער וויים גאַנץ גוט. אַז הינטער די אויגן רופֿט מען אים דערפֿאַר „דבר־אחר", נאָר ער האָט דערפֿון אויך קאַרג עגמת־נפֿש: „ס'אַ דאגה אַ ביסל!" — מאַכט ער מיט אַ שמייכעלע, אַז מע קומט צו אים אין שטוב אַרײַן, נעמט ער צו אױפֿנעמען באַזונדער בסבר פּנים יפֿות, מיטן שענסטן כבוד, ווייס גאַרנישט ווי יענעם אַנידערצוזעצן און קאַרגט נישט קיין גוטע, זיסע ריידעלעך קיינמאָל און קיינעם נישט. נאָר פֿונדעסטוועגן האָט מען אים אין מאַ־זעפּעווקע נישט ליב, מע קאָן אים נישט סובל זײַן מיט אַלע זײַנע זיסע געניג. האָבן האָט מען צו אים, דאַכט זיך, גאָרנישט. ער טשעפּעט נישט קיין פֿליג אויף דער וואַנט, פֿונדעסטוועגן האָט מען אים פֿײַנט אין שטאָט ערגער, ווי דעם טויט, אַפּנים, ער מוז זיי ליגן דאָרטן טיף אין דער לעבער! נאָר אפֿשר מיינט איר, אַז ער ווייס דאָס נישט, צי עס אַרט אים? עס זאָל דאָס אים אפֿילו אָנהייבן צו אַרן! — אַט אַזאַ מין ייִדל איז זיך אַלטער.

„אַלטער פּעסיס" רופֿט מען אים נאָך זײַן מאַמע פּעסי, עליה השלום: פּעסי איז געווען אַ בריה אַ ייִדענע, אַ גאַנץ פֿײַנע, און אין די יונגע יאָרן, זאָגט מען, איז זי געווען גאָר אַ פּאַרשוין, און דורך איר שיינקייט און בריהשאַפֿט האָט מען גאַרנישט אַרויסגעזען דעם מאַן אירן, רב חיים־ישעיהו, וואָס איז כל ימיו געזעסן אין קלויז און געלערנט און געדינט גאָט. די שטוב האָט שוין געפֿירט פּעסי אַליין; איר פּרנסה איז געווען

א שענקל. „עט, אזוי זיך, נישקשה, דאָס שטיקל ברויט שלעפּט זיך", — האָט זי געזאָגט. און פון דעם „עט" האָט פּעסי אָנגעקליבן א היבשע קאָפּיקע, אָבער טאַקע גאָר א היבשע, אַזוי אַז מיט דער צײַט האָט זי זיך פּאַוואָלינקע אויסגעבויט א שטוב, צוגעקויפט א פּאָר קלייטלעך, זיך דאַביוועט א ביסל צירונג, פּאַרליען עטלעכע קערבלעך אויך אַמאָל, אַז מע האָט בײַ איר שטאַרק געבעטן, און צום מיינסטן — גלחים; מיט גלחים האָט פּעסי ליב געהאַט צו האַנדלען: „א„ כפרה — פּלעגט זי זאָגן — דרײַ ייִדן פאַר איין גלח, להבדיל!"... מע האָט אפילו גע־שמועסט אין שטאָט, אַז... נאָר וואָס מע קאָן אין מאַזעפּעווקע אויס־טראַכטן! „א בריה נפלאה אָט די פּעסי!" — האָט מען אַף איר געזאָגט, קוקנדיק אַף רב חיים־ישעיהן, וועלכן ס'האָבן מקנא געווען א סך ייִדן. — „א גוטע בחורטע, איַערע!" — האָבן חברה צו אים געזאָגט אין קלויז. — „א גוטע בחורטע, זי באַשטייט אַקעגן דרײַ מאַנסבילן, איַער פּלוניתטע"... רב חיים־ישעיה פּלעגט דערויף נישט ענטפערן גאָרנישט, נאָר א קוקט טאָן פון אויבן, אַריבער די ברילן, אויפהייבנדיק די געדיכטע ברעמען, אַרויסלאָזן א זיפץ, זיך פאַרטראַכטן, קראַצנדיק זיך מיט דער האַנט אונטערן טלית־קטן, און זיך ווידער נעמען צו דער גמרא. און אַט אַזוי, זיצנדיק אין קלויז, איז זיך רב חיים־ישעיה אַמאָל אַנשלאָפן. גע־וואָרן אַף אייביק שטיל. קיינער האָט נישט געוווּסט די סיבה פון זײַן אוועקשטאַרבן פּלוצים אין מיטן דרינען: „דאַכט זיך, געווען א געזונ־טער ייִד, א גבר, — פּלוצים נאָ דיר!" — „נו, מסתמא האָבן זיך אים אויסגעלאָזט די יאָרן, לאָז ער האָבן א ליכטיקן גן־עדן דאָרט — א ווױלער ייִד געווען, אַן ערלעכער!" — אַזוי האָט מען געשמועסט אין שטאָט. און רב חיים־ישעיה האָט געהאַט אַזאַ לויה, אַז פיל מענטשן האָבן זיך געווונטשן איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר האָבן נישט קיין קלענערן כבוד. „אוי־וואַ, א ווױלער ייִד געווען, א שטילער זייער און א גרויסער למדן!" — „ס'איז א סברא, אַז ער איז געווען א פּרוש"... — „יאָ א פּרוש, צי נישט קיין פּרוש, אַן ערלעכער ייִד, א כשרער ייִד איז ער געווען געוויס, כאָטש נישט קיין איבערגעשפּיצטער, לאָז ער מיר מוחל זײַן"... אָט אַזעלכע שבחים האָט מען נאָכגעזאָגט רב חיים־ישעיהן אין שטאָט א קליינע צײַט און מע האָט אין אים גיך פאַרגעסן.

פּעסי איז זיך געבליבן בײַ איר פּרנסה, ווי פריִער, מיט אירע

גלחים גאָר נישקשהדיק, נישט צו פאַרזינדיקן, און קיינער האָט נישט אַרויסגעזען אַף איר, אַז זי איז אַן אַלמנה, דאָס הייסט, זי האָט זיך קיינמאָל נישט געקלאָגט, למשל, ווי אַן אַלמנה קלאָגט זיך אַף איר ווייסט מזל, געוויינלעך. פעסי איז זיך אָפּגעזעסן נאָך איר מאַן זייַן שבעה, פייַנע שלשים האָט זי אים אויך אָפּגעגעבן, ווי ער האָט באַ איר פאַרדינט, זי האָט דאָס גאַנצע יאָר געטראָגן אַ שוואַרצן פאַרטוך, „קלאָג", ווי עס באַדאַרף צו זייַן, און איז זיך געבליבן די אייגענע פעסי, וואָס פריִער, האָבדיק אין זינען נאָר דאָס געשעפט אירס, די גלחים און, להבדיל, דאָס קינד, — אַלטער זאָל לעבן. פעסי איז געווען זייער אַ געטרייַע מוטער; אַלטער איז באַ איר געווען תמיד טייַער, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג. פון קינדווייַז אָן ביז כמעט דער חתונה זייַנער האָט ער זיך געהאַלטן באַ דער מאַמעס פאַרטוך, און פעסי האָט אויסגעהאַדעוועט אַלטערן אַזוי, אַז אַלע ווייַבער האָבן איר מקנה געווען: „זי האָט דאָס אויסגעפּאַשעט דעם בן אירן, קיין בייז זאָל אים נישט שאַטן!" אין אים האָט פעסי אַרייַנגעלייגט אינגאַנצן איר ליבשאַפט. „איין אויג אין קאָפּ — האָט פעסי געזאָגט — און אָנגעקומען איז ער מיר גענוג שווער; כמעט פון העכער זיבן יאָר נאָך דער חתונה האָב איך קיין קינדער נישט געהאַט. איך האָב שוין געמיינט, אַז איך בין אַן עקרה. ווו בין איך נישט אויסגעווען, ביז איך האָב זיך דערלעבט דאָס דאָזיקע? און מיט דעם איז שוין די ערד פאַרשלאָסן געוואָרן". פעסי האָט אים נישט אָפּגעלאָזט פון זיך אַף קיין מינוט; צען מאָל אַ טאָג פלעגט זי קומען אין חדר אַרייַן, זען וואָס דאָס קינד מאַכט, ברענגען אים אַלע מאָל אַן אַנדער מין זאַך: אַן עסנוואַרג, אַ נאַשערייַ, אַ לאַקעטקע. אַלע ייִנגלעך פון חדר האָבן אים מקנא געווען, געשלונגען די סלינע, זיך געוווּנטשן זייַן אַף אַלטערס אָרט... שלאָגן אָדער שמייסן אַ ל ט ע ר ו נ י ו ן האָט דער רבי נישט געטאָרט בשום אופן; אַ פינגער אַן עמעצער האָט געפּרוווט אויפהייבן אַף אים, האָט פעסי אויסגעריסן די אויגן יענעם. ווינטער אין די גרויסע פרעסט און זומער אין די גרויסע היצן האָט אים פעסי פון דער שמוב נישט אַרויסגעלאָזט: „די תורה, נישקשה, וועט נישט אַנטלויפן" — האָט זי געזאָגט. צום לערנען האָט אַלטער געהאַט אַן אַלעמען זייער אַ פּלאַטשיק קעפּל, און קיין גרויסער מתמיד איז ער אויך נישט געווען. פעסי האָט געוווּסט, אַז קיין רב וועט ער געווים נישט זייַן, און

האט אבער דערפון וויניציק־וואס יסורים געהאט: „נו, מילא, וועט ער נישט זיין, ווי דער טאטע זיינער"... — אזוי האט זי געזאגט און האט אים צו זעכצן יאר אפגענומען פונעם חדר, אויסגעהאלטן לעבן זיך א פאר יאר און דערנאך חתונה געמאכט צו מזל.

א ווייבל האט אים פעסי געגעבן זייער אן איידל קינד, א „רוחנית"; און ווי פעסי איז געווען א גוטע מוטער, אזוי איז זי נאך מער געווען א גוטע שוויגער. פייגל — אזוי האט געהייסן אלטערס ווייב — איז בא איר געווען פאררעכנט פאר אן אייגן קינד, און פעסי איז אויסגעגאנגען נאך אירע טריט, נישט אפגעלאזט זי פונעם אויג אף קיין מינוט: „פייגעלע, אפשר ווילסטו אט־א־דאס? טאמער ווילסטו יענץ?" גוט ווי דער וועלט איז דארטן געווען פייגעלען, זי איז געווען גאר גליקלעך; אבער נישט לאנג האט געדויערט איר גליק. ארום־און־ארום גוט גארנישט זיין: גאט האט פייגעלען געשטראפט און האט איר נישט געגעבן קיין קינדער. אלטער האט אזוי געגארט א קינד, פעסי האט אזוי געוואלט אן אייניקל, א נחת פון אלטערן, אז מע האט פייגעלען פאראומערט דאס לעבן. פריער האט זיך דאס אנגעהויבן פון א ווערטל אף צו כלומרשט, פארבייגייענדיק, א זאג געלאט אזוי: „דו ביסט דאך א בעזדיטניצע, פייגל, וואס האט מען מיט דיר צו שמועסן?" און נאכדעם האט אלטער אנגעהויבן ביסלעכווייז זיך בלאזן אף פייגעלען, און פעסי פון איר זייט האט זי אנגעהויבן אונטערטרייבן, זי זאל פרווון דאס און פרווון יענץ, פארן אהער און פארן אהין, טאמער וועט פארט עפעס העלפן... „איך האב אליין, טאכטער מיינע, א צייט קיין קינדער נישט געהאט, — האט מיט איר פעסי געטענהט, — און אז איך האב דערזען, אז ס'איז שלעכט, האב איך אוודאי געטאן כל המיטלען; איך בין געווען ווו דו ווילסט: אי באם טאטער, אי באם רבין, להבדיל, אי בא יענער גויע, וואס איך זאג דיר, און האב אין די עטלעכע יאר אויסגעטרונקען קרייטער — טאטעניו! וואס דען? אזוי איז גוט? וואס איז א יידענע, מ'שטיינס געזאגט, אז זי האט נישט קיין קינדער? אז מע האט קינדער, האט דער מאן אויך ליב, און אז נישט, חלילה, פארדרייט ער מיט דער נאז, אדער ער טוט גאר א שפיי"... ווייטער־ווייטער האט פעסי געארבעט אלץ מער, זי האט איינגעלייגט די וועלט, אף יעדן טריט פארצאפט פייגעלען דאס בלוט. „וואס טויג זי דיר, די סאטע ציג? — האט פעסי געטענהט

מיט אלטערן. — גט זי אפ און פטר אן עסק!" פייגל האט דאס אלץ געהערט, און עס האט זי גוט געקרענקט. נאר זי האט געטראגן די צרות אינעווייניק, טיף אין הארצן באהאלטן. זי האט אנגעהויבן צו קרענקען, קורירן זיך, טרינקען קרײַטער און פלעשלעך מיט פראשקעס, אזוי לאנג, ביז זי איז געשטארבן.

פעסין איז נישט באשערט געווען צו דערלעבן א נחת פון איר קינד. מע האט אפילו אלטערן גערעדט שידוכים א סך, עס האט זיך אלץ געבונדן און געבונדן. עס האט זיך אבער גארנישט אויסגעבונדן. עפעס האט אלטער קיין גליק נישט געהאט צו שידוכים, און איז אזוי אפגעזעסן אן אלמן א היבשע צײַט. פעסי האט זיך שוין איבערגעפעקלט אף יענער וועלט, און אלטער זיצט אלץ אן אלמן. נאר עס זאל אים טאקע שטארק ארן, וואס ער זיצט אליין — ניין! עס זאל זיך מאכן א רעכטער שידוך — מהיכי־תיתי, פארוואס נישט? נאר יאגן זיך, לויפן נאך דעם — עט, נישט כדאי!... רב קלבן שדכן שווײַגט אין דעם אפילו נישט און טוט זיך זײַן זאך גאנץ פעסט: ער שרײַבט בריוולעך, רײַסט אײַן די וועלט און פאלט אפט אַרײַן צו אלטערן מיט א גוואלד:

— ביז וואנעט איז דער שיעור ביז וואנעט, רב אלטער, צו מור־טשען? עס מוז דאך האבן אן עק מוז דאך עס!

— האסט טאקע, אפנים, קיין צײַט נישט, חוזק איינער? — מאכט צו אים אלטער מיט א שמייכעלע, ווי זײַן שטייגער איז.

— גיט זשע מיר כאטש עטלעכע גראשן גיט מיר דערווײַלע, רב אלטער!

— גראשנס? פע!

— אף הוצאות, רב אלטער, אף הוצאות!

— ווייס איך נו! — ענטפערט אים רב אלטער און מער ענטפערט ער אים שוין הײַנטיקס מאל קיין ווארט נישט.

אט אזא מין יידל איז זיך אלטער פעסים.

## XXIII.

## אַלטער איז גראָד קיין נאַר ניט, און די מומע יענטל לייגט זיך אַריין אין געשעפט

אַלצדינג איז ביז אַ צײַט. עס האָט זיך איינמאָל געטראָפן אַזאַ מעשה: אַלטער האָט זיך פאַרשפּאַרט מיט רב קלמן שדכן באַ זיך, דאָרט אין יענעם חדרל, וווּ דער קאַסטן שטייט, — דער אָרט, וואָס אַלטער פלעגט תמיד באַנוצן אויף צו ריידן מיט עמעצן אַ סוד־זאַך, און האָט דאָרט מיט אים עפּעס לאַנג געשמועסט, מחמת אַז רב קלמן איז פון דאָרטן אַרויסגעגאַנגען, איז ער געווען אַפּן פּנים רויטלעך און האָט אַלץ געסמאַרעט מיט דער נאָז, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ און ריידנדיק צו זיך אַליין: „פֿײַן, פֿײַן"... און דאָס איבעריקע, וואָס ער האָט דאָרטן אונטערגעברומקעט, ווייס מען נישט. רב קלמן האָט צעלאָזט די פּאָלעס און איז באַלד אַוועק צו זלאַטעס שוועסטער, צו יענטלען. מיט איר האָט זיך רב קלמן געסודעט אַ היבשע צײַט, סמאַרענדיק מיט דער נאָז און הוסטנדיק, ווי אַ מענטש, וואָס וויל עפּעס זאָגן. יענטל איז געשטאַנען די גאַנצע צײַט אינמיטן שטוב, האַלטנדיק דעם קאָפּ אויף דער האַנט, און האָט אַלץ צוגעהערט, ווי רב קלמן לעפּעטשעט מיט דער צונג, ריידנדיק האַלבע ווערטער. און אַז ער האָט זיך שוין אויסגעקוועטשט אינגאַנצן, האָט זיך פּלוצים יענטל אַ פּאַטש געטאָן מיט בײדע הענט איבער די ליטקעס, אויסשרײַענדיק אויף אַ קול מיט אַזאַ כעס, אַז רב קלמן האָט אין גרויס ציטערניש געמאַכט אַ היבשן „בואי־בשלום" צוריק.

— צי איר זענט משוגע, צי חסר־דעה, צי גלאַט אַזוי פונעם זינען?

— האָט יענטל געשאָטן אויף אים מיט פֿײַער. — וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומט יענע נאַכט און הײַנטיקע נאַכט און פאַראַיאָרן ווינטער, זאָל פאַלן אויף מײַנע שונאימס קעפּ! גוט צונויפגעפּאַרט! איך האָב אַלץ געמיינט, איר שמועסט מכח זלאַטען. צום סוף זענט איר גאָר פאַרקראַכן, אהאַ! ווי זאָגט ער: „קורץ געטראַכט און גוט געמאַכט!" ער איז גאָר קיין נאַר נישט, אײַער אַלטער, אַפּנים? ווייס איך וואָס! משוגע מײַנע שונאים? אַזאַ יונגס, אַ פּיסקליאַ, בלוט און מילך! גוט צונויפ־

געפּאַרט — דעם זומער מיטןווינטער! אַזאַ פאַרשווין צו אַזאַ אַלטן כלב, אַ רעטעך, זײַט מיר מוחל, אַ רעטעך!

— אַ רעטעך, זאָגסטו, יענטל, אַ רעטעך? אָבער אַ זאַפטיקער רעטאַך, אַ פעטער, אַ געפּאַקטער, זאָג איך דיר, אָנגעשטאָפּט מיט געלט! לאָמיך האָבן אַזאַ יאָר לאָמיך, וואָס פאַר אַ גליק דאָס איז פאַר דײַן זלאַטקען איז דאָס. לאַ־די וואָס איך וויל איר געבן אַ זאַך, ווי זאָגט מען, אַ שמאַלץ־גרוב, גליקלעך מאַכן, איז זי נאָך ברוגז זי! דו ווילסט נישט, ווי דו ווילסט זיך! איך האָב מיר מײַנס אָפּגעזאָגט איך, און די ברירה איז בײַ דיר די ברירה.

— אַ שמאַלץ־גרוב? — זאָגט יענטל אַ ביסל ווייכער. — דאָס שמאַלץ רינט אויס, די גרוב בלײַבט איבער. איך האָב מיך אויך געראַ־דעוועט אַף אַ שמאַלץ־גרוב, ווי איר ווייסט דאָך, ווי זאָגט ער: כאַטש פּאַקרישקע... נאָר גאָרנישט, איר ווילט, איך זאָל ריידן מיט מײַן שוועסטער, וועל איך ריידן, אַ וואָרט איז נישט קיין פּאַטש. נאָר איך זאָג אײַך פרײַער, רב קלמן, עס וועט נישט גיין. אסתר איז אַן אַנדער מין קינד, נישט גלײַך צו אַנדערע היגע מיידלעך.

— ניין איז ניין. וואָס איז? מען נויט דען דאָ עמעצן חלילה פון קהלה נויט מען דאָ? אַ מיידל איז אַ האַנטעך: יעדער ווישט זיך יע־דערער. און וואָס איז אסתר וואָס? אַ נקבה. נאַ דיר אַ גראַשן נאַ דיר. געוויינלעך, אַז דו וועסט זיך אַרײַנלייגן, וועט מסתּמא זײַן רעכט מסתּמא.

— יאָ, — זאָגט יענטל, באַקלערנדיק דאָס געשעפט פון אַלע זײַטן,

— ווי מיינט איר אָבער, פון זײַן זײַט וועט נישט זײַן קיין שום מניעה?

— פון אַלטערס שמועסטו? — זאָגט רב קלמן, צוטרעטנדיק נענ־טער צו יענטלען. — אַ שיינע מעשה, כ׳לעבן! יענער גייט אויס, חלשט, זאָגט זי גאָר אַ מניעה, זאָגט זי!

— נישט דאָס מיין איך דאָך. — זאָגט יענטל. — איך שמועס פון נדן שמועס איך. זלאַטע, ווייסט איר דאָך, איז, צווישן אונדז ריידנדיק, נישט אימשטאַנד אַרויסצונעמען אפילו קיין הונדערט קערבלעך נדן. געוויס, אַז זי באַדאַרף הײַנטיקע צײַטן חתונה מאַכן אַ טאָכטער און האָט נישט מיט וואָס נעבעך. ווי זאָגט מען: „עס איז גרינגער אויפצוהייבן אַ שיכור איידער אַ קבצן".

— ווייס איך וואָס דו רעדסט, יענטל, וואָס. אַלטער שטייט טאַקע

אין דיין זלאטעס געלט שטייט ער? נישטא ווער ס׳זאל לאכן, כ׳לעבן, נישטא!

— אויב אזוי — זאגט יענטל, אריינלייגנדיק א פינגער אין מויל, און פארטראכט זיך — אויב אזוי, וועלן מיר זען. מע באדארף זיך פרואוון: אז מע קאן נישט אריבער, מוז מען ארונטער.

— ממה־נפשך, יא — יא, ניין — ניין! — זאגט רב קלמן, צענג־מענדיק מיט יעדע הענט און איינבייגנדיק דעם קאפ. — נאר אודאי ווען דו ווילסט נאר דו, וועט דאס געוויס גיין, גאר נישטא וואס צו ריידן. די צונג פיקן דארף מען דיר נישט, ברוך־השם. מע באדארף זיך נאר אנטאן א ביסל א כח, און דער עיקר — נישט לאזן אפקילן דאס, ווי זאגט ער... א גוטן!

— א גוטן! —ענטפערט יענטל. — איך וועל מיך נאך איבער־לייגן מיט מיין ביינישן, וועלן מיר הערן, וואס וועט עפעס ביניש זאגן דערויף: אין צווייען איז שטארקער.

— אויך רעכט! — ענטפערט רב קלמן. — אויב דו ווילסט זיך איבערלייגן מיט אים, איז ווי דו פארשטייסט ווי. פארט א מאן, ווי זאגט ער... א גוטן!

— א גוטן! זעט זשע, רב קלמן, כאפט זיך נאר נישט ארויס מיט קיין ווארט פאר דער צייט, נישט פאר זלאטען, נישט פאר מיין ביינישן. עס זאל נישט אויסקומען א סך זמירות — ווינציק לאקשן, איר פאר־שטייט?

— פיין, פיין! — זאגט רב קלמן און גייט אוועק פון יענטלען זייער צופרידן, ריידנדיק צו זיך אליין דעם גאנצן וועג.

דאס איז אבער געווען פון יענטלס זייט נאר א תנועהלע פון א דיפלאמאט. עס האט איר אזוי געפאסט צו זאגן, אז זי באדארף איבער־ריידן מיט איר ביינישן. אין אמת ריידנדיק, האט זי דאס גארנישט גע־טארט מגלה זיין פאר אים. ביניש האט איר נאר געקאנט קאלי מאכן, נישט פאריכטן. ביניש איז געווען אזא מין סארט יונגערמאן, וואס האט זיך אמאל גערעכנט פאר א שטיקל משכיל אין מאזעפעווקע. אליין איז ער געווען א קאשפערעווער, פון דער גרויכער שטאט קאשפערעווו, און אים האט דאס בתיה געקריגן, ווי אן אנטיקל, פאר איר קלענערער טאכ־טער יענטל. חתנווייז האט ביניש געשמט פאר א צאצקע, א יונגל פון

לערנען; נאָר נאָך דער חתונה האָט ער זיך אַרױסבאַװיזן נישט אַזױ פֿײַן: ער האָט דאָס לערנען פֿאַרבױגן און האָט זיך אָפּגעגעבן צו אַנדערע מינים לערנעכצן: צו ביכלעך גאָר. נאָך מען איז פֿון דעם באַצײַטנס געװאָר געװאָרן און מע האָט אים פֿון די ביכלעך אָפּגעריסן. בתיה האָט גענוג געאַרבעט; זי האָט אים געװאָלט נאָר גוטן און גענוג: זי דאַרף נישט אַזאַ סחורה. זי האָט זיך פֿאַרנאַרט אינעם „פֿרעדמעט״ — האָט זי אַלץ געטענהט, אַרױסרופֿנדיק פֿון קאַשפּערעװו בײַנישעס עלטערן און צוזאַמען מיט זײ האָט מען אַזױ לאַנג געאַרבעט, ביז מע האָט בײַנישן פֿאַרט געשטעלט אױף די פֿיס און געמאַכט אים פֿאַר אַ מענטשן, גלײַך מיט אַלע אַנדערע מאַזעפּעװוקער יונגעלײַט. פֿון דער צײַט אָן איז בײַניש געװאָרן אַ סוחר און האָט שױן מער קײן ביכל נישט אָנגעקוקט אין די אױגן. דערױף איז יענטל אױך געװען אַ גוטער קאָזאַק און האָט מיט אים געלערנט בלק, — ער זאָל װיסן, װאָס אַ װײַב באַדײַט, און געדענקען, אַז אַ װײַב באַדאַרף מען פֿאָלגן. אין האַרצן אָבער איז בײַניש פֿאַרבליבן אַ משכיל; ער האָט ליב געהאַט משכילים, װי דאָס לעבן, און האָט נישט געקאָנט אָנקוקן די אַלע מאַזעפּעװוקער לײַט, ובפֿרט אָט איענע שײנע ײדן, די פּראַצענטניקעס, װאָס גײען אַרום מיט די שטעקעלעך איבערן מאַרק, עסן און טאַטשען דעם אַרעמאַן, װי די װערעם, זײגן אַרױס באָם בעל־מלאכה דאָס דם־התמצית.

— אױ, האָב איך זײ פֿײַנט! — פֿלעגט בײַניש זאָגן אױף זײ. — אײן גאָט װײס װױל דעם אמת! איך װאָלט זײ אױפֿגעהאָנגען אַלע אױף אײן שטריקל, און פֿריִער פֿון אַלעמען — אָט איענעם פּעמפּיק, רב אַל־טערן, אײַנגעזונקען זאָל ער װערן!

— װאָס האָט ער אַזעלכס געטאָן? קוק אים אָן אַביסל, װי ער האָט זיך צעפֿלאַקערט! — פֿלעגט אים יענטל לעשן דאָס פֿײַער. — זײַ נאָר באַ זיך נישט אַזױ גײַציק, בײַניש! עס װעט קומען אַ צײַט, װעסטו אַלײן באַדאַרפֿן אָנקומען צו אַלטערס לאַסקע, װעלן מיר הערן, װאָס דו װעסט דעמאָלט זאָגן! װי זאָגט ער: „פֿלי נישט צו הױך, בכדי דו זאָלסט נישט באַדאַרפֿן דערנאָך אַראָפּפֿאַלן״...

יענטל, אױ, האָט געטראָפֿן! אַז בײַניש איז שפּעטער מיט דער צײַט געװאָרן אַ סוחר, האָט ער געמוזט אָנקומען צו אַלטערן נאָך אַ הלואה, און פֿון דעמאָלט אָן האָט ער אים נאָך מער פֿײַנט געקריגן. אַז

מע האָט גערעדט פון אַלטערן, האָט ביניש געציטערט פּאַר כּעס. יענטלען איז די מעשה זייער געפעלן, און זי פּלעגט דווקא אָפּטלען, בפרט נאָך רב קלמנס וויזיט, ריידן פון אַלטערן און וועגן זײַן ריַיכקייט, וואָרפנדיק שטעכווערטלעך בייַנישן איז בוזעם אַריַין.

— און דווקא אַז ספרים און אַז ביכלעך! — פּלעגט יענטל זאָגן, געבענדיק אים דערמיט אָנצוהערן, אַז זי פאַרשטייט אויך אַן עסק.

— אָבער איך בעט דיך, — פּלעגט ביניש זאָגן, — רייד נישט מיט מיר פון אָט דעם המן, דעם צורר־היהודים! איך קאָן זײַן נאָמען נישט הערן!

— טאָמער ווייסטו, וואָס האָט ער דיר געטאָן אַזעלכעס! — פּלעגט אים יענטל ענטפערן פאַרדרייענדיק דאָס פּיסקל אַף אַ זײַט. — באַשר ער איז רײַך, וועמעס עסק איז דאָס? אַ סך וואָלטן געקאָנט רײַך זײַן, ווי אַלטער, ווען זיי זאָלן שׂכל האָבן, אַזוי ווי ער... פּריצענט, נאַרעלע, וואַקסט אַז רעגן...

— אָבער אַז איך בעט דיך, יענטל, דערמאָן מיר ניט זײַן טריפהנעם נאָמען! טו מיר צוליב און דערמאָן מיר אים נישט.

— קוק אים אָן אַ ביסל, ווי דער כּהן האָט זיך אין אים צערעדט! ער האָט זיך דאָס אַ ביסל צעשריגן, גלײַך ווי מע ווערט פון אים גליקלעך. וואָס האָסטו מיך דאָ חושד צו זײַן? עס שמועסט זיך וועגן אַלטערן, זאָג איך, אַז ער איז גאָרנישט אַזוי, ווי מע מאַכט. איטלעכער מענטש האָט שונאים, ווי זאָגט מען אַ ווערטל...

— וואָס טויג מיר דײַנע ווערטלעך? זאָג מיר בעסער, יענטל, וואָס האָסטו זיך עפּעס פּלוצים אַזוי צערעדט פון אַלטערן? עפּעס מוז דאָ זײַן, ס'איז עפּעס נישט גלאַטיק.

— אַ משל! דאָס איז יאָ ווי מע זאָגט, אַז ציבעלע איז ציבולי איז קנאַבל קנאַבולי. אַ שטומער וואָלט דאָס נישט אויסגערעדט אין קיין יאָר, וואָס דו אין אַ מינוט.

— נײַן, יענטל, איך קען דיך שוין אַ ביסל; מסתמא איז דאָס נישט אומזיסט.

— ווייסטו וואָס, ביניש? אָט ווער בעסער גאָר אָנשוויגן. ווי זאָגט ער: ווינציקער גערעדט און מער געמיינט. אַז אַקס, פאַרשטייסטו מיר, האָט אַ לאַנגע צונג און קאָן, זאָגט מען, קיין שופר נישט בלאָזן...

אַט דאָס איז מיט דיר אויך. טאָמער וואָלט מען יאָ געקאָנט אַמאָל מיט דיר אויספירן אַ זאַך, קומסטו מיט דײַנע אייבערקעפּלעך באַלד. ס'האָט זיך אָפּגעזוכט אַ חכם — בייניש! אָדם אַ מענטש — קאַטשקע רוק זיך... גיי שוין, גיי, לאָמיך דיך כאָטש נישט אָנקוקן פאַר די אויגן!

אַ מיז הצלחה! בייניש האָט ליב זײַן ווײַב, און דווקא דעמאָלט, ווען זי זידלט אים גוט אויס און שעלט אים דורך, ווערט ער ווייך ווי טייג און לאָזט זיך קנעטן. און יענטל קנעט אים, מאַכט מיט אים, וואָס זי וויל:

— הערסטו, בייניש, מע בעט פון דיר נאָר איין זאַך: זאָלסט הערן און זען און שווײַגן, וואָרום קאָלי מאַכן קאָן אַ קאַץ אויך...

---

# XXIV.

## זי אַרבעט ווי עס געהער צו זײַן, און אַלטער ווערט גוט חוץ לדרך הטבע

אַרײַנמישן זיך אין יענעמס געשעפטן, זאָגן אַ דעה דאָרט, וווּ מע פרעגט אים נישט, געבן אַן עצה, ווען מע בעט אים נישט, קוקן, נאָכשפּירן, זען, וואָס בײַ יענעם אין טעפּל קאָכט זיך, וכדומה, — דאָס האָט ליב יעדער ייִד; אַרײַנמישן זיך אָבער אין אַזעלכע ענינים, וואָס זײַנען נוגע אינעם נפש, טראָגן אַפּן קאָפּ דעמס ייִנגל און יענעמס מיידל, געפינען פאַר איטלעכן זײַן גלײַכן, מזווג זיווגים זײַן, ריידן אַ שידוך — דערויף זעט איר, זײַנען די מאַזעפּעווקער גרויסע בריהס, איינע אין דער וועלט. איטלעכער ייִד איז דאָרטן אַ שדכן — נישט צוליב דאָס שדכנות־געלט חלילה; שדכנות־געלט אַז עס מאַכט זיך — מהיכי־תיתי, ווער וואַרפט דאָס אַרויס אַ זײַטיק קערבל? עס זײַנען אָבער דאָ אַ סך אַזעלכע, וואָס קלערן אפילו נישט פון רח"ש, זיי טוען דאָס בפירוש לשם־שמים: מע דערזעט אַ בחור מיט אַ בתולה, אַן אַלמן מיט אַן אַלמנה, אַ גרוש מיט אַ גרושה, — פאַלט תיכף אַרײַן אין קאָפּ אַ געדאַנק: „אײַ וואָלט דאָס געווען גלײַך! כ'לעבן, אַ גלײַכער שידוך"...

און מע הייבט אָן באַלד צו אַרבעטן איז געשעפט, טאַקע פון יענעמס טובה וועגן: דער אַלמן פּאַסט צו יענעם מיידל, יענער בחור, נישקשה, מעג נעמען די גרושה, און דער גרוש איז פּשוט אָנגע־מאָסטן פאַר יענער אַלמנה. מע פּוילט זיך נישט באַ אַזעלכע עסקים, מע פאַרבייגט אַלע געשעפטן און מע גיט זיך אָפּ, מע לייגט זיך אַרײַן און מע טוט אַלע מעגלעכקייטן, אַז דער שידוך זאָל זײַן אַ שידוך, גלײַך ווי עס איז זיי נוגע אין לעבן אָדער אין פּרנסה. זיי קאָנען נישט לײַדן, עס שלאָגט זיי צו דער גאַל, אַז זיי זעען אַן אַלטן בחור, אָדער אַ דער־וואַקסן מיידל: „ביז וואַנען — זאָגן זיי — איז דער שיעור צו זיצן, טאַקע ביז דעם גרויען צאָפּ?" ערגער פון אַלצדינג איז באַ זיי, אַז אַ מיידל פּאַרזיצט; מע שעמט זיך מיט איר צווישן לײַטן; מאַנצבילן האַלטן זיך מיט איר פרײַ, ווי מיט אַ זכר, ווײַבער קוקן אָף איר, ווי אָף איבערגעוואַקסענעם כרייַן, עס קומט עפּעס אויס זייער פּריקרע — מע פּאַרדרייט די נאָז. אַלע האָבן אָף איר רחמנות, און ס'איז אַ גרויסע מצווה פאַר גאָט זי צו פאַרשלײַערן.

— מעגסט דיר זײַן ברוגז, זלאַטע, נאָר דעם אמת אין אַ זײַט קאָן מען נישט אָוועקלייגן. ווי זאָגט ער: „זאַ פּראַוודו ביוט". איך בין אַן עלטערע שוועסטער, מעג איך דיר זאָגן אַלץ, וואָס אָפּן האַרצן באַ מיר. דײַן אסתר איז אודאי אַ ווּילע, אַ טײַערע און אַן ערלעכע, אָף מיר אַזאַ יאָר; לאָמיר האָבן אַזאַ דאגה מיט פּרנסה, ווי דו האָסט אַ דאגה מיט אַ שידוך; פונדעסטוועגן דאַרפסטו נישט פאַרגעסן, אַז זי הייסט שוין נישט קיין יונג מיידל, דו אין אירע יאָרן האָסט שוין געהאַט צוויי צי דרײַ קינדערלעך... לאָמיר האָבן אַזאַ לעבן, וואָס פאַר אַ שיינעם נאָמען זי האָט אין שטאָט; נאָר אודאי, אַז איך הער, מע זאָגט אָף דײַן טאָכטער: „אָן גייט זי, די אַלטע מויד", — שטעכט דאָס מיך געוויס אין דער זיבעטער ריפּ, וואָס האָט מען דאָ צו קלערן? ווי זאָגט ער: „ארז אַרט דאָס מיך נישט, נאָר סע בראָט מיך, און סע ברענט מיך"...

אַזוי האָט אײַנגעטענהט מיט זלאַטען איר עלטערע שוועסטער, ברײַנע, די קאַראַלניצע, אַ גראָבע פונדאַמענטאַלע ייִדענע, מיט אַ קול פון אַ מאַנצביל, מיט אַ קאַראַווע פּנים און מיט שוואַרצע וואָנסעס אָף דער אייבערשטער ליפּ; אין שטאָט האָט זי געשמט פאַר אַ גרויסן בר־דעת, אַן ערלעכע, אַ פרומע ייִדענע און זייער אַ צונעלאָזטע צו אָרעמע

לײַט, פאַר וועלכע זי פלעגט אַפט זײַן אַ שתדלן, דאָס הייסט, נעמען אַ פּאַטשיילע און אַרומגיין מיט נאָך אַ ייִדענע צונויפנעמען נדבות, פאַר אָרעמע קימפּעטאָרנס, אױף הכנסת־כּלה, אױף לחם־אביונים וכדומה. מע קאָן נישט זאָגן, אַז אין שטאָט האָט מען זי שטאַרק ליב געהאַט, מחמת זי פלעגט זייער דערקוטשען מיט אירע אָפטע נדבות קלײַבן. „אַז גייט זי שוין, די גבאיטע מיט דער פּאַטשיילע", — פלעגט מען זאָגן, באַמערקנדיק זי פון דער ווײַטנס. איר מאַן, משה־אַברהם זאַליאַזניק, האָט זיך געהאַט זײַן געשעפט — אײַזן, און ברײַנע, וואָס איז אויסגעוואַקסן בײַ בתיה דער האַרטאַוויצע, האָט נישט געקאָנט זיצן לײדיק אָן אַ שום באַשעפטיקונג, דעריבער האָט זי זיך אונטערגעהאַנדלט אױף איר געלט מיט קאַרעלן. איר מאַן האָט אַפילו פון אירע געשעפטן ווינציק וואָס הנאה געהאַט, מחמת דאָס גאַנצע דאַבערע־מזל פלעגט בײַ איר אַרײַנקומען אין די אָרעמע לײַט אַרײַן, די אָרעמע קימפּעטאָרנס מיט די אָרעמע כּלות, וואָס זי פלעגט חתונה מאַכן. נאָר וואָס האָט ער געקאָנט דערצו העלפן? בתיהס טעכטער האָבן פײַנט געהאַט, אַז דער מאַן זאָל זײ זאָגן דעות. בײַ זלאַטען האָבן ברײַנעס רייד געהאַט אַ גרויסן ווערט.

— וואָס זשע זאָל איך טאָן, אַז אַלמנה מיט ברעקלעך קינדער יתומים? — האָט זי זלאַטע געפרעגט. — וואָס קאָן איך טאָן דערצו, אַז עס מאַכט זיך פּאַרט נישט איר גלײַכן? מיט גוואַלד קאָן איך דאָך נישט נעמען, אַז עס קומט נישט אַליין. עס איז מיר, מאָל דיר, גענוג ביטער און פינצטער, אַז איר טו אַ קוק אױף אסתרן, קיין עין־הרע... — פאַר גרויס עגמת־נפש האָט זיך זלאַטע צעוויינט, און ברײַנע האָט איר אויסגערעדט דאָס האַרץ, ווי ווײַט זי האָט געקאָנט, געדרונגען איר פאַרקערט, אַז אסתר איז גאַרנישט אַזאַ „פּרעסטאַרעץ", וואָס מע באַדאַרף זיך דאָ אַזוי שלאָגן. אַז עס וועט קומען די צײַט, וועט איר זיווג קומען, טרעפן אַליין דעם אָרט, וואָרעם קיין סך אסתרס איז נישטאָ דאָ אין שטאָט, וואָס זאָל מען זיך דאָ נאַרן? גאָט קאָן העלפן, אַז ער וויל נאָר. „ווען נאָך, אם־ירצה־השם, האָבן אין איר גרויס נחת"...

נישט אַזוי אָבער האָט זיך באַגאַנגען זלאַטעס יונגערע שוועסטער, יענטל; זי האָט זיך גענומען צום עסק גאַנץ געטרײַ, נאָר אױף אַנדערע כּלים. זי האָט געקאָנט זיך אַרײַנלייגן אין אַזאַ ענין, ווי עס געהער צו זײַן, און צײַט האָט זי געהאַט דערױף גענוג. יענטל איז געווען אַ הײמיש

ווייבל, דאס הייסט, נישט קיין מארק־יידענע, ווי ברײַנע אדער זלאטע. זי איז געווען די ייִנגסטע פון אלע דרײַ טעכטער בא בתיה דער הארטאוווניצע, די מיזינקע, און איז אויפגעצויגן געווארן בא בתיהן שוין אף די עלטערע יארן, ווען יענע האט שוין נישט געקאנט אזוי זיך אפגעבן, מיט איר טאכטער און זי מאכן פאר א מענטשן, ווי די עלטערע טעכטער. דערצו איז יענטל פון תמיד אן געווען א פוילע; זי האט ליב געהאט פרעמדע בענק מיט פרעמדע געשעפטן, און איבערהויפט — אזעלכע ענינים, וואס געהערן זיך אן צו חתן־כלה, מאן און ווייב, שוועסטער און ברודער. דארט האט יענטל שטארק ליב געהאט ארײַנצושטעקן א נאז, ארײַנוווארפן א ווארט, פארקאכן א חתונה, און נאכדעם, אז יענע האבן זיך שוין גוט געריסן פאר די שלייערס, פלעגט זיך יענטל שטיין פונדערווײַטנס, שטיל, פײַן, גאט די נשמה שולדיק. עס פארשטייט זיך, אז דארט, ווו מע האט זי געקענט — און געקענט האט מען זי אומעטום, ווי א בייזן שילינגער! — האט מען זיך שוין געהיט פאר איר. אז צוויי ווײַבער האבן גערעדט אין מארק און יענטל איז אנגעקומען, איז מען באלד אנשוויגן געווארן: „שא, אז גייט דער נישטגוטער, כאטע פאקרישקע"... אפילו צווישן אירע אייגענע שוועסטער האט יענטל פארקאכט אזעלכעס, אז ברײַנע מיט זלאטען פלעגן זײַן צווישן זיך ברוגז יארנווײַז. יענטל האט געהאט אין זיך אזא כח, אז זי האט דערציילט עפעס א זאך, האט מען איר געמוזט גלייבן. איר טאלאנט איז געלעגן באהאלטן אין איר מויל, אין איר מינע, אין אירע אויגן. צײַט האט זי געהאט גענוג, קיין קינדער האבן זיך בא איר נישט געהאלטן, מיטן געשעפט איז געווען פארנומען ביינעש (ער איז געווען א מוכר־תבואהניק), און די טירן פון יעדער שטוב זײַנען געווען אפן: פארט בתיה דער הארטאוווניצעס א טאכטער! קיין נאר איז יענטל נישט געווען. רב קלמן האט געוווּסט, ווען ער האט אויסגעקליבן פאר זײַן געשעפט מכח אלטערן. יענטל האט אנגעהויבן צו ארבעטן אינעם עסק אזוי בריהש, אזוי קונציק, אז זלאטע, וואס איז געווען אויך נישט פון יענע, ווי מע זאגט, וואס גייען צען א גראשן, האט דא נישט ארויסגעזען קיין שום סימן פון א מאשינע, פון אן אונטערפיסל. אדרבה, ריידנדיק מיט זלאטען וועגן אלטערן, האט אים יענטל רק אויסגעלאכט, געמאכט חוזק פון אים און פון זײַן פירן זיך.

— אויך מיר א לעבן! — האט יענטל געזאגט, גלאט אזוי בדרך־הליכה. — איינער אליין מיט די פיר ווענט! עסט און טרינקט און ציילט געלט. רײַך צו־נ־אלדי שווארצע יאר, ממון־קורח, וואס גייט אים אפּ? קאפּוויטיק, איך בעט דיך? ער זאל זײַן כאטש א ביסעלע יונגער, וואלט מען אים געגעבן א כלה, כאטש אפילו אן געלט.

— געטראפן דעם ארט! — ענטפערט איר זלאטע. — יענער וואלט זיך אליין פארקויפט פאר געלט, זאגט זי גאר דאס!

— האסט א גרויסן טעות, זלאטע. מיר האט קלמן געשווירן אזוי, אז מע מעג גלייבן אפילו א הונט, אז ער זוכט א שידוך פון זײַנעטוועגן, און דוקא פון געמיינעם גראד, ס'הייסט פון בעל־הבתישן שטאנד, עס מעג זײַן אן געלט, אבי דאס קרן איז א קרן, וועט ער נאך צוצאלן אין בײַטל ארײַן. איך זאג דיר דעם אמת, זלאטע, ווען איך האב קינדער, נישט ווי גאט האט מיך געשטראפט, און כאטש א טאכטער א היפּשע, וואלט איך קיין צוויי ווערטער נישט גערעדט. כאפּט אים דער וואטנ־מאכער, וואס ער איז א דבר־אחר, אבי פארזארגט א קינד. עי, הערסטו, זלאטע, רוף מיך נאר און געב מיר לעקעך...

אין אזעלכע שמועסן האט יענטל פארבראכט מיט איר שוועסטער גאנץ אפטלעך, נאר תמיד אזוי קונציק ארויסגעקומען אף אלטערן, אז יענע האט זיך בשום אופן נישט אנגעשטויסן אף יענטלס פּלאן. איינמאל האט זיך זלאטע נאכדעם פאר איר ארויסגעכאפּט מיט א ווארט און האט זיך א זאגט געטאן:

— ווי מיינסטו, יענטל, אשטייגער, מײַן אסתר זאל אים ווען?

— ווייס איך וואס? משוגע מײַנע שונאים! — האט איר יענטל געענטפערט. — וואס איז? דײַן אסתר איז דא די מיאוסע מויד, וואס מע באדארף זי פּטרן? ווייס איך וואס, אבי גערעדט!

— אי, זאג עס נישט, יענטל! איין גאט איז יודע דעם אמת, וואס איך טראג. ס'איז מיר גוט צו הערן, מאל דיר, די רייד, וואס מע רעדט!

— וואס זשע רעדט מען אזעלכעס, וואלט איך געוואלט וויסן?

— מאכט יענטל מיט א תמעוואטער מינע.

— וואס האסטו געוואלט זאל מען ריידן? ס'איז גענוג, אז מע רעדט פון אסתרן, אז זי איז שוין א דערוואקסענע, קיין עין־הרע, מע זאגט...

— מע זאָגט? מע רעדט? וואָס טויג מיר, זלאַטע, דער „מע"? מע — איז אַ ציג! לאָזן זיי דיר ריידן פון פײַער און פון וואַסער, אָט די אַלע, וואָס ריידן! לאָזן זיי בעסער אַ קוק טאָן אויף זיך אַליין, און לאָז זיי נישט דאַרן דער קאָפּ פאַר יענעם! ניין, איך מיין טאַקע באמת, איך קאָן אַזוי נישט לײַדן, אַז מע מישט זיך אַרײַן אין יענעמס געשעפטן, אַז איך וואָלט זיי נאָר צעריסן, אָט די אַלע וואָס ריידן! וואָס גייט זיי אָן, וואָס אסתר איז נאָך קיין כּלה נישט? וואָס אַרט דאָס זיי? פאַרוואָס אַרט דאָס מיך נישט, אַז לאה־ציפּורהס טעכטערל איז אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן, ווי אַ זאַק מיט פּאַלאָווע? פאַרוואָס זאָרג איך מיך נישט, וואָס מינצים מויד שמעקט שוין מיט קברות־בלעטלעך? פאַרוואָס רייד איך נישט פון בנצי דעם רויטנס דרײַ טעכטער, וואָס זײַנען שוין לאַנג אַריבער דעם פּריוויוו, און קיין משוגענער חתן וויל אפילו נישט אַרײַנשמעקן אַהין? פאַרוואָס גיי איך נישט אַרום און שרײַ נישט אויף מלכּה־העניס שנור, וואָס האָט פּלוצים אַראָפּגעוואָרפן דעם פאַריק פונעם קאָפּ? וואָס איז? באשר איר מאַן האָט פאַרדינט געלט? האָסט מורא, ער וועט אודאי נישט אָנזעצן? און גאָלדע דער קאַראַלניצערס טאָכטער האָט זיך נישט געקושט יענע וואָך מיטן משרת אָפן יריד, אונטער דער סטאַיקע? איך קאָן עס נישט סובל זײַן, עס ברענט מיך, עס טראָגט מיך אונטער, אַז איך הער, ווי מע באַרעדט יענעם און מע קוקט נאָר אויף יענעם, נאָר אויף יענעם!...

יענטל צעפּלאַקערט זיך אַזוי, אַז זי גייט אַוועק אַ צעקאָכטע, פאַר־געסנדיק כּלומרשט ווו זי האַלט. שפּעטער, איז אַ פּאָר טעג אַרום, קומט זי ווידער צו זלאַטען אין קלייט אַרײַן, זעצט זיך נעבן איר אין דרויסן אויף דער באַנק מיט אַז אַרבעט אין דער האַנט און מאַכט צו איר אַזוי:

— הערסטו, זלאַטע, איך האָב מיך באַטראַכט אינדערהיים און גוט איבערגעלייגט זיך מיט מײַן בײַנישן וועגן יענעם, וואָס דו האָסט מיר אָנומלט אַ זאָג געטאָן; איך האָב זיך באַקלערט, אַז ס'איז גאָרנישט אַזוי קרום, ווי איך האָב געמיינט פון דער לכתחילה. ווי זאָגט ער: „קרום ווי אַ קאָטשערע, גלײַך ווי געטראָפן"... מע זאָגט דאָך פאַרט אויף אים, אַז ער איז רײַך, אָנגעשטאָפּט מיט געלט, און קיין קינדער האָט ער אויך נישט...

— וואָס זשע, ער האָט גאָרנישט געהאַט קיין קינדער? — פרעגט זלאַטע פאַרטראַכט, קראַצנדיק מיטן דרעטל אונטערן שלייער.

— וועלכער רוח! — זאָגט יענטל, אוועקלייגנדיק די אַרבעט אַף אַ זײַט. — דאָס הייסט, ער האָט יאָ עפּעס געהאַט אַמאָל. זײַן ווײַב איז געווען אַ חלירע, דו געדענקסט נישט פייגלען? זי איז פון תמיד אָן געווען אַ גרינע, לאָז זי מיר מוחל זײַן, אַ דער־רוח־ווייס־וואָס, שטענדיק זיך געדאַקטערט און נאָר געדאַקטערט! זי האָט מפּיל געווען עפּעס אַ פּאָר מאָל און האָט אויפגעהערט צו קינדלען שוין ביזן טויט אַרײַן.

— איך האָב אַ רייד געטאָן מיט אסתרן, — זאָגט זלאַטע מיט אַ זיפץ, — האָט זי אַפילו צוגעשוויגן. איך ווייס, וואָס זי מיינט מיט איר שווײַגן? הײַנטיקע קינדער, גיי טרעף, וואָס סע טוט זיך בײַ זיי! נאָר אסתר איז אַ קינד, קיין עין־הרע, וואָס פאַרשטייט איר תכלית, און אַקעגן איז זי מיר קיינמאָל נישט געגאַנגען.

— נו, און יענער וויל טאַקע, אַפּנים? — טוט יענטל זיך אַ פרעג גלאַט אַזוי.

— צי ער וויל, פרעגסטו? אַ שיינע מעשה, כ׳לעבן! יענער גייט אויס, ער האָט שוין עטלעכע מאָל אונטערגעשיקט קלמנען, און איז שוין אַליין אויך עטלעכע מאָל געווען בײַ מיר אין קלייט, בשעת אסתר איז גראָד געשטאַנען נעבן מיר, — און דו פרעגסט, צי ער וויל! יענער וויל זי אַפּגילטן, און זי זאָגט גאָר דאָס!

— אַזוי גאָר? — זאָגט יענטל, גלײַך ווי זי ווייס גאָרנישט פון די אַלע נײַסן, און לאָזט איבער דעם שמועס אַף אַן אַנדערס מאָל, פאַרשלאָגנדיק הײַנטיקס מאָל מיט האַקע־באַקע: גענדז, אײַנגעמאַכטס, געראָטענע חלה אַף שבת און דעסגלײַכן.

* * *

זלאַטע האָט זיך נישט אַוועקגעזעצט ריידן מיט אסתרן מכח אַ שידוך, מכח חתונה האָבן, נאָר עס פלעגט בײַ זיי ביידע אַרויפקומען דערויף ממילא גאַנץ אַפטלעך. דער גרעסטער פאַרגעניגן זלאַטעס איז געווען, אַז זי האָט געקאָנט אַפּרײַסן אַן איבעריקן גראָשן פון דער הוצאה, בבדי אײַנצוברענגען דער טאָכטער אַף פּאַוועלע צו דער חתונה. בײַ

זלאטען איז קאסטן זײַנען שוין געלעגן פון כמה וכמה יאָרן אַנגעגרייט א האלב טוץ העמדער מיט זייער שיינע אויסגענייטע געסטקעס און מיט פּראַשוועס נאָך דער לעצטער מאָדע, ציכלעך געשטיקטע, א פּאָר פּיקענע קאָלדרעס און באָוועלער אַף זאָקן וכדומה. הכלל, דער קאסטן איז געווען בא זלאטען א מין קאַזנאַטשייסטווע, א באַנק, וואוהין זי האָט איינציקווײַז, ביסלעכווײַז אָפּגעלייגט איר פאַרמעגן פון אסתרס וועגן.

— וואָס פּראַטעסטו? — האָט צו איר יענטל איינמאָל א זאָג געטאָן, דערזעענדיק זלאטען זיך פאָרען באַם קאסטן.

— וואָס איך „פּראַטע"? — האָט איר זלאטע אָפּגעענטפערט מיט פאַרדראָס. — —מסתמא פונעם אנדערן מאַנס וועגן, וואָס פאַרשטייסטי דאָ נישט?

— נישט לאַנג געטראַכט און גוט געמאַכט! — האָט איר יענטל געענטפערט מיט א גלײַכווערטל, ווי איר שטייגער איז. — לאָז עס מיר אָנקומען, וואָס איך ווינטש דיר, האָסטו געהערט? איך זע, דו קלײַבסט, פרעג איך פון וועמענס וועגן. פאַר א וואָרט קומט קיין פּאַטש. ווייס איך? לאָז זײַן הײַנטיקס מאָל אַזוי.

— דו ווייסט גאַנץ גוט, צו וואָס זאָלן מיר זיך נאַרן, אַז דאָס איז מײַן אסתרס פּאָוועלע צו דער חתונה, גיב גאָט נאָר איינגיכן, רבונו־של־עולם, שוין צײַט!

אסתר, וואָס איז דערבײַ געזעסן, האָט געמוזט אויסדרייען דעם קאָפּ צום פענצטער צו, בכדי מע זאָל נישט זען איר פּנים, אַף וועלכן עס האָט זיך צעגאָסן א רויטע פאַרב.

איינמאָל, עס איז געווען א ווינטער־נאַכט, איז זלאטע געזעסן אַף דער לעזשאַנקע איבער א זיפּ מיט פעדערן, און בא דער זײַט אַף דער באַנק איז געזעסן אסתר און האָט גענייט ציצענע אַרבע־כנפותלעך פון די קינדערס וועגן, אפרים מיט מנשהן. צווישן זלאטען מיט אסתרן זײַנען שוין לאַנג אויסגעגאַנגען רייד, און זיי זײַנען שטיל געווען פאַרטיפט אין דער אַרבעט. קיין שאָרך האָט זיך נישט געהערט, נישט אין שטוב, נישט פון דרויסן. נאָר דער אַלטער גרויער קאָטער האָט צײַטנווײַז אַרויס־געלאָזט א כאָרכלען, דרימלענדיק דאָרט ערגעץ אַפן אויוון. פּלוצים לאָזט זלאטע אַרויס א שטאַרקן טיפן זיפץ, כמעט ווי א שלוקערץ, מיט א קוויטש און מיט אַן אויסלאָז: „ווײַ־ווײַ־ווײַ־ווײַ!"

— וואס איז, מאמע? — פרעגט אסתר ווי דערשראקן.

— וואס „וואס איז"? — פרעגט זלאטע איבער.

— וואס זיפצסטו אזוי שטארק? — פרעגט אסתר, אוועקלייגנדיק די ארבעט.

— וואס איך זיפץ? — זאגט זלאטע. — עס זיפצט זיך — זיפץ איך. אודאי ס'זאל זײַן גוט אפן הארצן, וואלט זיך נישט געזיפצט. נישט פאר וווילטאג, וואס זאלסטו דא קלערן? אז מע הייבט זיך אן באַרעכענען אקוראט ארום־און־ארום, גייען איבער אלערליי מחשבות איבערן קאפ. גארנישט, מע זארגט, מע וויל פארזארגן די וועלט.

— וואס זשע העלפט דאס זארגן? — מאכט אסתר מיט א פריינטלעכער מינע צו דער מאמע. — זעסט דאך, אז גאט פירט אונדז אויס, ווי אלע ייִדן. אט גייען קראסנע טארגעס* — צו גאט א האפענונג, מע וועט לייזן געלט.

— געלט־שמעלט! — מאכט זלאטע. — ס'איז פאראן גרעסערע זארג: מע דערמאנט זיך קינדער. זיי וואקסן, עפעס א תכלית דארף מען דאך, און איך האלט נאך גאר פון פארנט. איך מיין טאקע מיט דיר אליין, וואס — איך בעט דיך? וואס קומט מיר ארויס, איך מיין באמת, פון קלמנס קריכן, וואס ער קריכט? אז קיין נדן, מ'שטיינס געזאגט, איז נישטא, און אז נדן וויל יענער נישט, און הייסן הייסט מען נאך לשון בעלי־בתים, מיינט יענער, אז סע קישעט גאר, קריכט ער: גיי גיב יענעם ארויס, וואס אפן הארצן טוט זיך! און דערווײַל די צײַט שטייט נישט, און וואס מער א טאג, איז מער א יאר חלילה, איך זאל גארנישט דערלעבן, מע זאל אף מײַן קינד זאגן „ביז דעם גרויען צאפ"...

אין דער מינוט עפנט זיך די טיר און עס פליִען ארײַן אפרים מיט מנשהן פון חדר,ביידע פארפלאמט פונעם פראסט, מיט קאצענע טולופלעך און מיט קײַלעכיקע גארעסענע היטעלעך און מיט א פאפירענעם לאמטערנדל אין די הענט.

— א גוטן אוונט! — זאגן זיי ביידע אין איין קול, טאנצנדיק און

*) מארק־טעג, ווען די קרעמער לייזן געלט פון די דארפסלײַט.

אראָפּוואַרפנדיק פון זיך די טולופּלעך. — עסן! עסן! — שרייט אויס מנשה, שלעפּנדיק אסתרן פאַרן קליידל.

— שאַ, שאַ, איך גיב, איך גיב! — זאָגט אסתר, אויפהייבנדיק זיך פונעם אָרט, און דערלאַנגט די קינדער וועטשערע — טייגלעך מיט פּאַסאָליעס.

אפרים איז עלטער פון מנשהן נאָר מיט איין יאָר, נאָר ער איז אַ סך סטאַטעטשנער, מענישער פון מנשהן. אַ ווײַסער מיט אַ דאַר אויסגעווייקט פּנימל, מיט צוויי לאַנגע דינע פּאהלעך, זעט ער אויס טאַקע ווי אַ בן־תורה. „ע״ר, עליו השלום, אינגאַנצן ע״ר, נעפּריטשקום, נאָר מיט לענגערע יאָר״... — אַזוי פלעגט אַף אים זאָגן זלאַטע, מיינענדיק איר לויזן. און מנשה איז אַ נידעריק, געפּאַקט יינגל, אַ גרויסער ווײַסער־חברהניק, אַ ברען, אַ בעלן צו פאָרן רײַטנדיק אַף אַ ציג, אַ גרויסער נאַשער, אַ פּלאַפּלער, האָט ליב אַרײַנצושטעקן די נאָז אומעטום, איז גרייט איבערקערן אַ וועלט, נאָר לערנען — נישט אַ לעק.

— מאַמע, מאַמע, דו ווייסט? — זאָגט מנשה, שלינגענדיק די ווערטער אינאיינעם מיט די טייגלעך און מיט די פּאַסאָליעס. — דו ווייסט, מאַמע? אפרים זאָגט שוין אַליין אַ „לייענען״! דער רבי האָט אים פאַרגעבן אַף דאָנערשטיק אַ לייענען. און פּיני־מאיר־פּינים איז דאָך אַ היפּשער בחור, איאָ? ווייס עס נישט מה דקאמרי רביצין. נו־נו, האָט מען אים געשמיסן, וויפל ס׳איז אין אים אַרײַן! זײַן גליק, וואָס צום רבין איז געקומען צו גיין רב קלמן מכח אַ שידוך. דער רבי פירט אַ שידוך, און רב קלמן גייט אַלע טאָג, אַלע טאָג, און זיצט אַוועק דרײַ זייגער־שעה, און מיר ווערן צעזעצט פאַר געלעכטער, און פּיני־מאיר־פּינים האָט זיך דערווײַל אַרויסגעדרייט פון זײַנע הענט און ווייס די גמרא, ווי אַ וואָלף...

— נו, און דו ווייסט די גמרא? — טוט אים אסתר אַ פרעג, האַלטנדיק די הענט צונויפגעלייגט אַפן האַרצן און קוקנדיק מיט פאַרגעניגן אַף די יונגע קינדער, ווי זיי עסן אַזוי געשמאַק זייער „פּאַרציע״ נאָך אַזאַ פאַרברענגען אַ טאָג מיט אַן אָפּדערנאַכט אינעם ענגן חדר באַ אַ דרײַגראָשנדיק ליכטל. און זלאַטע ווערט ברייטער ווי לענגער פאַר שמחה, באַטראַכטנדיק אירע קינדער די בריליאַנטן; איר האַרץ איז פול מיט דאַנק צו דעם, וואָס לעבט אייביק, פאַר זײַנע גרויסע חסדים,

וואָס ע ר טוט מיט איר, אַ וויסטע פינצטערע אַלמנה... פּלוצים ווערט אָבער זלאַטעס פרייד פאַרשטערט: אפרים, וואָס איז געזעסן ביז אַהער שטיל, טוט פּלוצים אַ זאָג צו איר:

— מאַמע, דער רבי האָט געבעטן געלט.

— האַ, יאָ, מאַמע! — כאַפּט אונטער מנשה. — דער רבי און די רביצין האָבן שטאַרק געבעטן געלט. זיי באַדאַרפן אַף דירה־געלט און אַף האָלץ און אין מאַרק אַריַין. בערל־משה־אברהמלס האָט נעכטן געבראַכט צוויי קערבלעך, האָט אים דער רבי גוט מכבד געווען, און פיני־מאיר־פּינים האָט ער אפשר צען מאָל פאַרזאָגט, אַז אָז געלט זאָל ער זיך גאָר אפילו נישט באַווייַזן אַף זייַן שוועל. דער רבי און די רביצין האָבן זייער געבעטן, זאָלסט שיקן שכר־לימוד.

„ווידער שכר־לימוד! — טוט זלאַטע אַ קלער, און עס טוט איר אַ שטאָך אין האַרצן. — עס קומט אים שוין אודאי אַ קערבלעד פּופּצן, וויַאַזוי שיקט מען אים נישט כאָטש קיין צענערל? און דאָ גייען ק ר אַ נ ע ט אָ ר ג ע ס: ווו עס פאַלט אַרייַן אַ קערבל, גייט עס אַוועק אַף סחורה אייַנקויפן, די קראָם אונטערפרישן, — מע קאָן דאָך נישט בלייַבן מיט די פינף פינגער! און צאָלן שכר־לימוד — דאָס מוז מען דאָך!"... און זלאַטעס פּנים ווערט צאָרנדיק. זי לייגט זיך שלאָפן אַ דערהרגטע, גלייַך ווי מע וואָלט איר אַראָפּגענומען דעם קאָפּ. אַ גאַנצע נאַכט הערט אסתר, ווי די מאַמע קרעכצט און קאַטשעט זיך אַפן געלעגער, און איר קאָפּ טראַכט איבער טויזנטער פּלאַנען, וויַאַזוי אַרויסצוציען דער מאַמען פון דער נויט. עס פאַרשטייט זיך, אַז קודם כל קומט איר אַף דער מחשבה יאָסעלע; זי מיט א י ם צוזאַמען וועלן שוין צוקלערן עפּעס אַן עצה, און גלאַט אָן אַלעמען, וויבאַלד זי האָט חתונה, ווערט דאָך שוין ממילא זלאַטען גרינגער אין אַלע אופנים. זיי וועלן ביידע האָרעווען און וועלן זען, אַז זלאַטע פון איין זייַט און שמואליק פון דער אַנדערער זייַט זאָלן זייַן צופרידן פון זיי... די דאָזיקע ליכטיקע געדאַנקען געדויערן אָבער נישט לאַנג. ווי אַ שוואַרצער שאָטן פליט דורך פאַרבייַ איר אויך אַ פינצטערע מחשבה: „און ווען חלילה נישט — אַזוי קלערט זיך אסתר — און ווען חלילה מיר איז נישט באַשערט קיין גוטס אַף דער וועלט, וועל איך זיך גאָר שטעלן דינען צוליב דער מאַמען; איך וועל אַוועקפאָרן פון דאַנען ווייס איך וווּהין און וועל זיך שטעלן

אף אז ארט. אלע זאגן, אז איך וואלט געקאנט פארטרעטן די גרעסטע שטעלע אין א קלייט, אדער אזוי בא א געשעפט"... נאכדעם קומט איר אויס דער דאזיקער גערדאנק משונה־ווילד: „וואס הייסט, א מיידל פון איר גראד וועט זיך אוועקלאזן דינען — גלאט, אבי געדרעדט? !"...

— „נו, וואס זשע דען איז דער תכלית? — טוט זי ווידער צוריק א קלער. — חתונה האבן?"... און עס ווערט איר אי קאלט, אי היים פון אזא מין מחשבה: „וואס הייסט? חתונה האבן נישט פאר יא־סעלען? ? ! !"

אף מארגן, קלייבנדיק זיך אין מארק אריין און קלינגענדיק מיט די שליסלען פון דער קלייט, האט זלאטע אויסגעלאזט איר ביטער הארץ צו די קינדער נעבעך, צו אפרים מיט מנשהן, וואס האבן איר נישט אפגע־טראטן אף קיין מינוט: „מאמע, געלט, מאמע!" זלאטע האט זיי אנגעשאלטן וויפל עס איז אין זיי אריין, און מנשה האט נאך געכאפט א צוויי פעטש אויך, ער זאל נישט זיין קיין שארלאטאן מיט קיין עזות־פנים קעגן א מאמען. „גאנצים! נאיאמשטשיקעס!" — האט זלאטע געשריגן אף אירע קינדער, די נעבטיקע „בריליאנטן", און האט זיי מיט א צערודערט הארץ אפגעגעבן דאס שכר־למוד מיטן אנבייסן און ארויס־געמשלחט זיי אין חדר אריין. אסתר האט דאס נישט געקאנט פארלייַדן און האט זיך א זאג געטאן אין גוטן מוט:

— איך פארשטיי נישט; ממה־נפשך, האסטו געגעבן געלט, צו וואס האסטו נאך באדארפט אויסרייסן די קינדער אומזיסט און אומ־נישט?

דא האט זיך שוין זלאטע נישט געקאנט איינהאלטן און האט אויס־געזעצט מיט א מאל; פילנדיק אליין גאנץ גוט, אז די קינדער זיינען דא גאט די נשמה שולדיק, און אפן הארצן איז איר געוועזן אזוי אויך געגנוג אנגעזאליעט פון דעם, וואס יענטל מיט קלמנען האבן איר דער־קוטשעט טאג־טעגלעך, האט זיך זלאטע צעלאזט אף איר טאכטער איין מאל פאר אלע מאל, וואס ס'וועט זיין וועט זיין, דער בלאטער מוז אויסזעצן, עס העלפט נישט:

— הער נאר אויס, דו בעל־רחמניצע, טאכטער מיינע טייערע! דו שטעלסט זיך ארויס פאר די קינדער? האסט אף זיי רחמנות? פארוואס האסטו קיין רחמנות נישט אף דער מאמע דיינער, א וויסטע, א פינצטערע

אַלמנה, אַ מאַמע פֿון דרײַ קינדער און פֿון אַזאַ טאָכטער ווי דו, אַ דער־וואַקסענע, ברוך־השם, וואָס איז שוין לאַנג צײַט צו דער חופּה פֿירן, און עפּעס אויך אַמאָל דערלעבן אַ שטיקל נחת אױף דער וועלט, האַ? רחמנות האָסטו? פֿאַרוואָס האָסטו קיין רחמנות נישט אױף מיר, טאָמער טריקנט מיר דער מוח און דער מאַרך פֿון די ביינער, ווי אַזוי דיך צו באַוואָרענען, ברענגען צו אַ שטיקל תּכלית, נישט לאָזן זיצן ביז משיח וועט קומען און אַלע זאָלן אױף מיר טײַטן מיט די פֿינגער? וואָס, באַשר דער טאַטע דײַנער האָט געהייסן לוי ר׳ אבֿרהמל סלאַוויטערס, — איך זאָג דיר, איך ווייס נאָך נישט די גאָלדענע שטול, וואָס איך וועל צוליב דעם האָבן אין גן־עדן! איך ווייס, אַז איך ווער דערווײַל אויס־געריסן, פֿאַרשוואַרצט, שונאי־ציון, און אַז עס קומט צו עפּעס, שטעלט זיך אַנידער דער יחוס פֿאַפּעריק! וואָס איז? אַט גייט נאָך אַ ייִד אַן אַלמן, אַ גאַנץ פֿײַנער מענטש, דאַכט זיך, וואָס פֿעלט אים? כ׳לעבן, מיט וואָס איז ער אַ מיאוסער איידעם פֿאַר מיר? אַ ייִד אַ נגיד, חוץ זײַן שאַדן אױף אַלע ייִדישע קינדער, אַן ערלעכער מענטש, קיין קינד, קיין רינד. יענער וויל אַ שידוך טאַן, ער חלשט, חלשט, און זי שטעלט זיך גאָר אַנידער דאָ מיט איר רחמנות! אַ רחמנות, די פּערל זײַנען שיטער! האָסטו געהערט אַ השגה? ! . . .

זלאַטע האָט נאָך לאַנג־לאַנג געפּײַערט, געזידלט, געפּילדערט און געשריגן אױף אסתרן. יענע, געוויינלעך, האָט נישט געענטפֿערט דאָס אַנ־דערע וואָרט; איר בעסטער ענטפֿער זײַנען געווען צוויי שנירלעך טרערן, וואָס האָבן זיך געצויגן אױף אירע שיינע באַקן און האָבן פּאַוואָלינקע אַראָפּגערונען אַראָפּ־אַראָפּ... זלאַטע וואָלט נאָכדעם אָפּגעגעבן מי־יודע וואָס פֿאַר יענעם „וויסטן־פֿינצטערן" פּרימאָרגן, וואָס זי האָט אָפּגעשפּילט אסתרן, וואָס איז נעבעך גאָט די נשמה שולדיק. זי האָט עטלעכע וואָכן כּסדר געהנפֿט דער טאָכטער, געקוקט איר אין די אויגן אַרײַן, זיך גע־סטאַרעט מיט אַלע מעגלעכקייטן צו פֿאַרגלעטן יענעם „וויסטן־פֿינצטערן" פּרימאָרגן. נישט איין מאָל האָט זיך נאָכדעם זלאַטע אויפֿגעכאַפּט באַ־נאַכט פֿונעם בעט, צוגעגאַנגען צו אסתרן בשעת יענע איז געשלאָפֿן געשמאַק, און איז, ווי איבער אַ קליין ברעקעלע קינד, געשטאַנען איבער איר און געזאָגט צו זיך אַליין שטילערהייט: „מיר זאָל זײַן פֿאַר דיר, נשמה מײַנע, מײַן ליכטיקער שטערן, מײַן אויג אין קאָפּ!"...

און אסתר האָט שוין לאַנג פאַרגעסן דעם פּסק, וואָס זי האָט געכאַפּט פון איר מאַמען אין יענעם „וויסטן־פינצטערן" פרימאָרגן; זי איז שוין צו אַזעלכע פרימאָרגנס געוווינט געוואָרן. חוץ לזה איז אסתרס קאָפּ געווען פאַרנומען מיט אַנדערע מחשבות, און איר האַרץ האָט געטראָגן אין זיך פאַרבאָרגן אַנדערע דאגות, ווי אויבן איז געשטאַנען. ווער דער אַלמן איז, דער ערלעכער פיַינער מענטש, אַף וועלכן די מאַמע האָט איר געגעבן אָנצוהערעניש, איז זי געוואָר געוואָרן פון דער מומע יענטלען; נאָר בפירוש האָט זלאַטע מיט דער טאָכטער וועגן אַלטערן נישט גערעדט. זי האָט דאָס געהאַלטן אין זיך ביז אַ צייַט. ביז עס האָט זיך געטראָפן ווידער „אַ וויסטער־פינצטערער" פרימאָרגן, ווען זלאַטע איז געווען שטאַרק צעבייזערט, האָט זי אויסגעשאָסן, ווי פון אַ האַרמאַט, און האָט אויסגעלאַמרט אסתרן אַלץ, וואָס בא איר איז געווען אַף דער לונג, שוין נישט דיפּלאָמאַטיש פאַרשטעלט, נאָר גאַנץ אָפּנטלעך. אסתר איז פון דעם שוין אַ סך מער צופרידן געווען, ווי פון די אָנצוהערענישן, און אַזוי ביסלעכווייַז האָט זי אָנגעהויבן צו געוווינט ווערן מיטן געדאַנק חתונה האָבן פאַר אַלטערן...

בא זלאַטען אַליין אינעווייניק האָבן זיך אַ שטיק צייַט געשלאָגן צוויי געפילן. ערשטנס: „וואָס הייסט, א י ך וועל זי פרעגן? א י ך בין דאָך די מאַמע, און אַז איך זאָג, דאַרף זיַין געזאָגט! וואָס הייסט, זי וועט מיר זאָגן אַ דעה? וואָס איז זי עפּעס — דעם אַפּטייקערס טאָכטער, וואָס שפּאַצירט אַרום מיט בחורים אַפן גאַס, וואָס זי זאָל זאָגן: דעם וויל איך און יענעם נישט? זי איז נישט גלייַך צו קיין אַנדערע, ברוך־השם, זי איז רב אַברהמל סלאָוויטערס אַן אייניקל!"... און צווייטנס: „פאַרוואָס זאָל איך זי טאַקע נישט אַ פרעג טאָן? טאָמער איז איר טאַקע אַלטער פאָרט נישט ליב? ער איז דאָך פאָרט אַן אַלמן; און אין די יאָרן שוין? אַ מלאכה פאַרשלייערן? למאי זאָל מען נעמען באַגראָבן אַ קינד, אַ יונגט, אומזיסט און אומנישט? און אַזאַ טייַער געטריַי קינד, ווי מיַין אסתר איז, לעבן זאָל זי!"... שפּעטער לויפט דורך בא זלאַטען אין קאָפּ אַזאַ מין מחשבה, גאָר אַן אַנדערע: „וואָס

האָט מען מיט איר צו ריידן, מיט אַ קינד, אַז ס'איז פּאַרט פאַר איר אַ תּכלית? פּאַרט אַ גליק, אַזוי רײַך און אַן קינדער, וואָס וועט איר אָפּגיין באַ אים? וואָס וועט זי זיך אויסזיצן באַ מיר? דאָס גרויס נדן, וואָס איך וועל איר געבן? דאָס פּאָוועלע, וואָס איך וועל איר מאַכן? ווער וועט זי נעמען, אַן אָרעמע יתומה, היינטיקע יאָרן? און דערצו נאָך אַ דערוואַקסן מיידל שוין?"... און דאָ איז נאָך אַלטער פּעסים געוואָרן אַזוי ווייך און שטאַרק צוגעלאָזט...

אַלטער איז נאָך קיינמאָל צו קיין מענטשן אַזוי גוט און אַזוי צוגע־לאָזט נישט געווען, ווי ער איז פּלוצים גוט און צוגעלאָזט געוואָרן צו זלאַטען דער צעלניקערן. ער האָט זיך כמעט אַליין אָנגעשלאָגן צו איר מיט אַ גמילות־חסד, מיט אַ הלוואהלע. „אַ רחמנות נעבעך, אַן אַלמנה", — האָט אַלטער אַ זאָג געטאָן אַמאָל צווישן מענטשן. מענטשן האָבן דאָס אָפּגעטראָגן זלאַטען, און זי איז שטאַרק נתפּעל געוואָרן פון אַלטערס גוטסקייט. געוויינלעך, וועט זלאַטע נישט גיין צו אַלטערן אַהיים בעטן באַ אים אַ גמילות־חסד, און שיקן צו אים אסתרן — אודאי נישט; אַן אַלמן, עס פּאַסט נישט. נאָר באַגעגענענדיק זיך מיט אים איינמאָל אין גאַס, האָט זיך זלאַטע אָפּגעשטעלט מיט אים אַ ביסל אויסריידן דאָס האַרץ.

— אַזוי? — האָט איר אַלטער געענטפערט מיט אַ גוט, ערלעך פּנים. — איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז ס'איז דיר אַזוי געענגט אין געלט, קיין שלעכטס! פאַרוואָס זאָלסטו זיך אַמאָל נישט ווענדן צו מיר? מיט דײַן לויזן, עליו־השלום, זײַנען מיר געווען גאָר ווי אַנדערע צוויי. אַ שיינע זאַך — ס'טײַטש! ס'טײַטש! נו, און וואָס מאַכן עפּעס די קינדערלעך דײַנע? האָסט, דאַכט זיך, דרײַ?

— דרײַ, זאָלן געזונט זײַן. — ענטפערט זלאַטע. — נאָר נחת זייער ווינציק, לעת־עתה.

— נחת? — מאַכט אַלטער מיט אַ פרײַנטלעך שמייכעלע. — וואָס האָסטו אַזוי קיין צײַט נישט? צי אפשר האָסטו יסורים מיט אַ שידוך פאַר דײַן טאָכטער? וועסט קריגן די מציאה! מע זאָגט, דו האָסט אַ גאַנץ פײַנע בתולה?

— געלויבט איז גאָט. מע באַדאַרף אָבער האָבן, רב אַלטער, צו דער בתולה: איך שמועס מכח אַכצן און דרײַצן, ווי נעמט מען דאָס?

— עט! — מאַכט אַלטער. — אַט דאָס איז אַ דאגה?... נו, על־כל־פּנים, זלאַטע, איך מיין דאָס אַף להבא, טאָמער מאַכט זיך, די באַדאַרפסט שטאַרק נייטיק אַ גמילות־חסד, שיק אַריין צו מיר; מהיכא־תּיתי... פאַרט, ווי זאָגט מען, גוטע פריינט פון אַמאָל... אַ גוטן!

פון יענער צייט אָן האָט זלאַטע אַנגעהויבן האָבן פון אַלטערן פיל טובות: הן אַ גמילות־חסד צו דער צייט, הן אַזוי אַ הלואה נישט מיט קיין גרויסער עסקא, על־פּי יושר, ווי געוויינלעך, צווישן היימישע מענטשן. די דאָזיקע טובות זיינען איר אָבער גיך אויסגעפאַלן באַקאָס, און זי איז געוואָר געוואָרן, וואָס הייסט אַ טובה פון אַ מאַזעפּעווקער פּראַצענטניק.

---

## XXV.

## אסתּר איז באַ זיך אַפן קנס־מאָל אַ גאַסט

אַפטמאָל מאַכט זיך, אַז אין אַ ייִדישער שטוב זאָל זיך אַריינכאַפּן, פאַרנאַדיען אַליין אַ נישט־גוטער, נישט דאָ געדאַכט, אָדער אַזוי אַ זייַטיקער פּאַרשוין, דער שוואַרצער יאָר ווייס אים פון וואַנען ער האָט זיך גענומען, — און עס ווערט דעמאָלט אַפּגעטאָן דאָס שלום־בית; מענטשן ווערן בייז, אַנגעבלאָזן, אַנגעברוגזט איינער אַפן אַנדערן, אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס און פאַרווען. אַט אַזאַ מין נישט־גוטער האָט זיך פאַרנאַדיעט צו זלאַטע דער צעלניקערן אין שטוב אַריין, — אַלטער פּעסים, אַף קיין גוט אָרט זאָל ער נישט שטיין. קאַרג זיינען געווען פאַר אסתּרן יענע נאָך נישט פאַרהיילטע צרות פון יאָסעלען, האָט זיך אָנגעהויבן פאַר איר אַ נייַער גיהנם — אַלטער! אַף יעדן אָרט, אַף איטלעכן טריט האָט זי געהערט נאָר אַלטער און אַלטער! עס איז אָבער דאָך פאַר איר געווען אַ סך גרינגער צו הערן פון דער מאַמע גאַנץ אַפּנטלעך, אַז זי וויל און באַגערט דעם שידוך מיט אַלטערן, איידער צו הערן די שטעכווערטלעך מיט די אַנצוהערענישן פון יעדן באַזונדער, ווי ביז אַהער, אויסצוהערן פון דער מאַמען לאַנגע שמועסן וועגן חתונה האָבן און פאַרזאָרגן אַף שפּעטער, ווערן אַליין אַ בעל־הביתטע באַ זיך, אין

אַז אייגענער שטוב, נעמען אַ מאַן מיט געלט אַ סך און האָבן פאַר אים אַ גוטע וועלט, דאָס הייסט: עסן און טרינקען, שיין אָנטאָן זיך, אים האָבן קינדער און וויסן פון אַ לעבן צו זאָגן, נישט אַזוי ווי זי, זלאַטע, רב אַברהמל סלאָוויטערס שנור, וואָס באַדאַרף היינט האָרעווען ווי אַ אייזל, זיין אַ גאַנצע וואָך איינגעשפּאַנט אין דער יאַרמע, און די קינדער זאָלן נישט האָבן אַלץ, וואָס קינדער באַדאַרפן...

— עי, טאָכטער, — פלעגט זלאַטע אויסלאָזן מיט אַ זיפץ — לאָז מיר גאָט העלפן, דו זאָלסט זיין גליקלעכער פון מיר, זיך נישט ראַדעווען אַף קיין יחוס, ווי מיין מאַמע האָט זיך געראַדעוועט, געוואָלט, איך זאָל איינשטיין באַ רב אַברהמלען פאַר אַ שנור, נישט אַנדערש.

— גלייכער אַ לויט געלד, איידער אַ פּוד יחוס, — האָט אונטער־געהאַלטן די מומע יענטל, וואָס פלעגט תמיד אָנקומען גראָדע אַף די שמועסן.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן איז אסתר געזעסן אינדערהיים איינע אַליין. זי איז געווען פאַרנומען מיט אַן אַרבעט. זלאַטע איז געווען אין מאַרק און די קינדער אין חדר. פּלוצים קומט אַריין יענטל.

— גוט מאָרגן דיר. אסתר־לעבן!

— גוט יאָר! אַזוי פרי, מומעניו? זיצט.

— אַ דאַנק, איך בין שוין גענוג געזעסן היינטיקן טאָג און זיך גענוג אָנגעלאָפן אויך; איך בין אַזש הייזעריק געוואָרן ריידנדיק, און אַלץ מיט איר, אַלץ מיט איר.

— מיט וועמען איז, מומעניו?

— מיט וועמען, פרעגסטו? מיט דער מאַמען מיט דיינער, דו קענסט זי נישט? און אַלץ איבער דיר.

— איבער מיר גאָר?

— איבער וועמען־זשע האָב איך מיך מיט איר צו קריגן, אַז נישט איבער דיר? תמיד קריג איך מיך מיט מיין שוועסטער? ניין, איך מיין טאַקע באמת, אסתר, די גאַל קאָן צעזעצט ווערן, צוזעענדיק אַזעל־כעס! דו האָסט איין טאָכטער און, דאַכט מיר, גאָרנישט אַזאַ שלים־מזלניצע אויך, וואָס־זשע איז דאָס כאַפּעניש און דאָס לויפעניש אין איין קול: חתונה מאַכן! און טאַקע באַלד חתונה מאַכן! מהיכא־תיתי, חתונה מאַכן, נאָר פאַר דיין גלייכן, אָבער נישט זוכן קיין גליקן, איינ־

שפּאַרן זיך מיט גוואַלד: איך וויל, מײַן טאָכטער זאָל זײַן אַ נגידית, און גיי טו מיר עפּעס! באַשר, זאָגט זי, איך בין נישט אימשטאַנד; די צײַט, זאָגט זי, איז אַזוי שלעכט, אַז נישט נאָר קיין נדן — קיין העמד אפילו איז נישטאָ צו מאַכן! דאָס קינד וואַקסט, זאָגט זי, און די צײַט גייט אַוועק, איך בין שוין, זאָגט זי, אויס מענטש. וואָס איז? אַליין ריידן מיט דיר קאָן זי נישט און ווילן וויל זי זייער, פאַרוואָס זאָל זי נישט ווילן? לאָמיר זיך נישט נאַרן: ערשטנס, איז דאָס טאַקע אַ גליק פאַר דיר אַליין, און דאָס אַנדערע איז טאַקע, ווי זאָגט מען, אַרום אַ פּעטן טאָפּ זאָל מען זיך שמירן... זי פרעגט מיך, זלאַטע מײַן איך, וויאַזוי איז מײַן השגה דערבײַ? איך וויים, וואָס איך זאָל איר זאָגן? איך זאָג איר, אַז מיט דיר האָט זי זיך נישט וואָס צו קאָפּן: עס וועט זיך אָפּזוכן, זאָג איך, דער בעלן. „ווי־זשע, שרײַט זי, ווו־זשע איז דער בעלן? גיב מיר אים אַהער!" „האָב צײַט, זאָג איך, זלאַטע, ער וועט קומען אַליין!" „אַן גנעלט, זאָגט זי, אַן מלבושים, אַן לײַב און לעבן, אַ נאַקעטע, אַ באָרוועסע, אַן אָרעמע און אַ דערוואַקסענע דערצו! וואָס איז? רב אַבֿרהמלם אייניקל, אוי־וואַ, סע טוט זיך אַ ביסל!" „נו, זאָג איך, אַז ער וויל יאָ אַזוי, אַלטער מײַן איך, מעג ער דאָך צוּוואַרטן אַ קאָפּ; וואָס איז, ער שטייט אונטערן רעגן?" „ניין, זאָגט זי, ער האָט שוין געגוג געוואַרט, אַבי ווערען וועט ער נישט נעמען, און מחמת דו ביסט דו, וויל ער דיך, יאַקבי, אָפּגילטן, דיך, און די מאַמע, און יעדן באַזונדער, מיט קינדס קינדער". „נאַ דיר אַ גראַשן פאַר די אַלע גליקן, זאָג איך, עס מאַכט זיך קאַרג מאָל, אַז דער טאָכטער איז טאַקע גוט ווי דער וועלט, זאָג איך, און טאַטע־מאַמע הונגערן, ווי זיי שטייט אָן? אוי־אוי־אוי, זאָג איך, איך זאָל האָבן די ברכות!" נו, ברענגט זי מיר אַ ראיה פון בלומעס קינדער, באַשר בלומעס קינדער האַלטן אויס די מאַמע, אַ וויסטע אַלמנה. „ווו־זשע קריגט מען נאָך, זאָג איך, אַזעלכע קינדער?" „אסתר, זאָגט זי מיר, איז אַזאַ קינד, וואָס וועט זיך לאָזן מפקיר זײַן פאַר אירע אייגענע; דו וועסט, זאָגט זי, פון דער מאַמעס וועגן גיין אין וואַסער אַרײַן. דער גאַנצער אומגליק איז, זאָגט זי, וואָס זי קאָן מיט דיר פון אַזעלכע ענינים נישט שמועסן"... „דאָס איז אויך, זאָג איך, אַ נאַרישקייט, וואָס האָט מען זיך דאָ צו שעמען? וואָס קאָן זײַן נאָך נענטער פון אַן אייגן קינד? ממה־נפשך..."

אין די ווערטער איז אַנגעקומען זלאַטע, און שפּעטער אַ ביסל רב קלמן. און די דריַי, יענטל, זלאַטע און רב קלמן, האָבן צווישן זיך יענעם טאָג לאַנג גערעדט, איַינטענהנדיק איינער דעם אַנדערן און אַריַינבראַקנ־דיק אַ גוזמא רייד, מיט אַנצוהערענישן, מיט משלים און מיט מעשיות אָן אַ שיעור. צולעצט האָט זיך זלאַטע גאָר צעוויינט.

— איידער אַזאַ לעבן, איז גלייַכער גיין אַהינצו, וווּ מיַין לוי איז אַוועקגעגאַנגען פאַר דער צייַט! איך זאָג איַיך דעם אמת, איך בין אים אודאי מקנא, אַז ער פאַרשפּאָרט צוזען די צרות, וואָס איך דאַרף צוזען דורך, אַרום־און־אַרום...

— זינדיק נישט, שוועסטער־לעבן. — האָט זיך יענטל אַריַינגע־מישט. — דאַנקען גאָט, דו האָסט כאָטש אַזעלכע קינדער, וואָס ווייסן כאָטש און פאַרשטייען זייער טובה און דיַין און גייען דיר נישט אָף קינדער־ווידער, ווי עס גיט זיך אויס אַמאָל קינדער צווישן היַינטיקע מיידלעך...

וואָס האָט אסתר געקאָנט זאָגן דערויף? דערציילן דער מאַמע, אַז זי האָט אַרויסגעקוקט אָף יאסעלען און ער האָט זי אָפּגענאַרט? וואָס פאַר אַ פּנים האָט דאָס? עס פּאַסט טאַקע פאַר אַ יידיש מיידל אַזעלכעס נאָך צו דערציילן? צי זי זאָל זאָגן אַ חסרון אָף אַלטערן? ווער איז זי, וואָס זאָל זיך שטעלן אויסטענהן מיט אַ מאַמען וועגן אַ שידוך? וויאַזוי עפנט זיך גאָר דאָס מויל פון אַזעלכע זאַכן צו ריידן? און אַז נישט אַלטער, וועט זיַין אַן אַנדער שלים־מזל. איר ביטערע לאַנגע באַ־דאַרף איר קיינער נישט דערציילן; זי פאַרשטייט אַליין, וואָס הייסט בא יידן אַן אָרעמע כלה, און „קיין יידישער מאַנאַפּטיר איז נישטאָ"... נאָר מער פון אַלץ האָבן זי גענומען דער מאַמעס טרערן, וואָס זי האָט נישט געקאָנט צוזען קיינמאָל, — און זי האָט זיך אונטערגעגעבן אין די הענט פון די, וואָס האָבן געוואָלט, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, פאַרזאָרגן איר תכלית, זי גליקלעך מאַכן אָף שטענדיק, זי זאָל זייַ האָבן צו געדענקען... שטיל, ווי אַ שעפעלע, האָט זיך אסתר געלאָזט בינדן און טאָן מיט זיך אַלץ, וואָס מע האָט פון איר פאַרלאַנגט, נישט איבערקערנדיק קיין צונג, שאַ, שטיל, פיַין און לייַטיש.

אַלטער האָט זיך פון זיַין זיַיט שיין אויסגעשטעלט קעגן זיַינע מחותנים און האָט גענומען דאָס קנס־מאָל מיט אַלע הוצאות אָף זיך. ער

איז עפּעס געוואָרן מיט אַ מאָל אַזוי ווייך, מילד און גוט. „באַטש לייג אים צו אַ מכה", — האָט אַף אים יענטל געזאָגט, אַרומטאַנצנדיק היין און צוריק און פלאַמענדיק ווי אַ העליש פייער, גלייך ווי זי וואָלט דאָס אָפּגעטאָן מי־יודע וואָס פאַר אַ גליקלעך געשעפט. זלאַטע האָט געקוקט אַף די כלה־מתנות, וואָס אַלטער האָט צוגעגרייט נאָך פאַר דעם קנס־מאָל, זיי עטלעכע מאָל איבערגעהאַלטן אין האַנט, געשאַצט אײנאײנעם מיט ברײנען, מיט יענטלען און מיט נאָך אַנדערע מבינטעס אַף פּערל און אַף גאָלדוואַרג. קיינמאָל איז נאָך אַלטער נישט געווען אַזוי באַריידעוודיק, ווי אַצינד, און מילד איז ער געוואָרן גאָר חוץ לדרך הטבע: די חתונה נעמט ער אַף זיך, מלבושים דער כלה אַף זיך, אַלע הוצאות אַף זיך. „זלאַטע האָט דאָס געטראָפן, קיין עין־הרע נישט!" — אַזוי האָט מען געשמועסט אין שטאָט און מע האָט בפירוש אַרויסגעזאָגט, אַז מען איז איר מקנא. איטלעכער מאַזעפּעווקער ייִד וואָלט זיך געוווּנטשן אַזאַ גליק, אַזוי טרעפן, ווי זלאַטע האָט געטראָפן מיט איר טאָכטער.

— וואָס שמועסט איר, אויב ס'איז אַ גליק? — האָט מען געזאָגט.

— נישט אַלע פּורים טרעפט זיך אַזאַ נס! נעמען אַ מיידל, ווי זי שטייט און גייט, באַהענגען זי און באַקלענגען, מאַכן פאַר אַ פּאַרטיקע בעל־הביתטע! אָט אַ גליק! אַזוי טרעפן!

— ס'טייטש אַ גליק! ס'טייטש געטראָפן!

אָפּן קנס־מאָל זיינען זיך צונויפגעקומען צו זלאַטען די גאַנצע משפּחה און אַזוי גוטע פרײנט, ייִדן און ווײַבער. די תנאים שרײַבן האָט גענומען אַף זיך שמואליק דער חזן. אַ קוק טוענדיק אַף שמואליקן, ווי ער איז מיט אַ מאָל אַזוי געעלטערט געוואָרן פאַר צרות, האָט זיך באַ זלאַטען אָפּגעריסן איין הארצן. זי האָט שוין גאַרנישט געקאָנט אַפילו צוגיין צו אים און אַ פרעג טאָן, וואָס הערט זיך מכח יאָסעלען. דערצו איז זי געווען פאַרנומען מיט די געסט. עס איז געוואָרן צווישן די ווײַבער אַ גערײדערײַ, טאַקע נאָר ווי צווישן ווײַבער קאָן זײַן, אַז זיי קלײַבן זיך צונויף, און נאָך אַף אַ שמחה; זיי האָבן אַלע געהאַלטן אין איין ריידן, איטלעכע האָט דערציילט אַז אַנדער מעשה, און פונדעסטוועגן האָבן זיי אַלע געוווּסט, וווּ מע האַלט. די מאַנצבילן, געוויינלעך, האָבן גענוג חוזק געמאַכט פון די ווײַבער: „זעט נאָר, אַקוראַט ווי צווישן די גענדז!" און אַליין האָט מען אויך גענוג גערעדט, געררייכערט און געטרונקען

לחיים, צוויִנטשעוועדיק זלאַטען און אַלטערן אַלדאָס גוטס און ישועות ונחמות אויף כלל ישראל, מיט אַ זיפץ און מיט פאַרגלאַנצטע אויגן צו דער סטעליע. שמואליק דער חזן, טרינקענדיק צו זלאַטען „לחיים", האָט עפּעס געוואָלט אָנהייבן ווינטשעווען איר אַ מין ווינטשעוואַניע: „לאָז גאָט געבן... אוי!" און איז איבערגעהאַקט געוואָרן, אַרויסלאָזנדיק דעם „אוי" פונעם טיפן האַרצן. זלאַטע האָט דעם „אוי" פאַרשטאַנען און האָט אים געענטפערט „אָמן", גיך אָנועקגייענדיק צו דעם איבעריקן עולם, וואָס זײַנען געזעסן מיט אָנגעגאָסענע גלעזלעך און געוואַרט אויף איר, זי זאָל צוגיין צו זיי, ענטפערן יעדן באַזונדער אויף זײַן „לחיים", ווי דער מנהג איז. נאָר איין רב קלמן איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב פראַנק און פרײַ, פאַרלייגט די הענט אַרונטער און געשמועסט מיט זיך אַליין, ווי זײַן שטייגער איז תמיד, קנייטשנדיק דערבײַ מיטן שטערן און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, ווי אַ מענטש, וואָס איז פאַרטיפט אין שאַרפע ענינים. רב קלמן האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט פון „אַ ביסל מהכתיתי"; אדרבה, ער האָט דעם ביטערן טראָפּן גאַרנישט פײַנט געהאַט. נאָר אַ מענטש אַ בר־דעת באַדאַרף וויסן, ווען צו טרינקען און ווען נישט. אויף אַלץ איז אַ צײַט: אויף אַ חתונה — זייער פײַן, דעמאָלט פאַרגינט זיך רב קלמן אָנטרינקען זיך, ווי עס געהער צו זײַן, און מאַכן אַלערליי אָנשטעלן, קאָמעדיאַנסקע תנועות; אָבער אַצינד, באָם קנס־מאָל, דעמאָלט ווען מע באַדאַרף שמועסן מיט ביידע צדדים וועגן אַזאַ עניז, ווי רח"ש, דעמאָלט, ווען אַ שדכן באַדאַרף זיך גוט אונטערגאַרט־לען, דינגען זיך פאַרן שדכנות־געלט, — דעמאָלט באַדאַרף מען זײַן בײַ אַלע געדאַנקען. דער עולם, פאַרוואָס נישט, מעג טרינקען וויפל עס וועט אַרײַן, אָבער רב קלמן — ער באַדאַרף האָלטן קאָפּ, האָבן אַ לויטערן מוח און וויסן, וואָס ער האָט צו טאָן אויף דער וועלט...

מחמת גרויס טאַרעראַם האָט מען אויפן קנס־מאָל די כלה גאָרנישט אַרויסגעזען. אסתר איז זיך געזעסן אין אַ ווינקעלע מיט בריַנעם טעב־טער, פינף שוין דערוואַקסענע מיידלעך, נישט קיין איבעריק שיינע, נאָר אַלע צײַטיקע צו דער חופה פּירן. זיי האָבן אַלע געוועדט, געפּיסקלט זיך, געמאַכט הנדלעך און געלאַכט, בכדי פריילעך צו מאַכן די כלה. די כלה אָבער, אוי־וויי, איז שווער געווען פריילעך צו מאַכן! אסתר איז געווען עפּעס משונה פאַרטראַכט, און די אויגן אירע האָבן געקוקט ערגעץ ווײַט.

נאָך איר קוקן נאָך האָט מען געקאָנט אַרויסזען, אַז כמעט זי הערט נישט וואָס מע רעדט צו איר און זי זעט נישט וואָס אַרום איר טוט זיך; עפּעס זיצט זי דאָ נישט ווי אַ כּלה באַדאַרף זיצן, נאָר ווי אַ גאַסט, ווי אַ ווילד־פרעמדע... זלאַטע האָט איר צוגעטראָגן די פּערל, וואָס דער חתן האָט איר געקויפט, און אויך די איבעריקע צירונג: אַ גאָרגלקייט אַ טײַערע אַפּן האַלדז, אַ טײַערן בראָש, אַ גאָלדן קייטל מיט אַ זייגערל אַ טײַערס, אַ פּאָר בריליאַנטענע אוירינגלעך טײַערע, גאָר אַ חריפות, בראַסלעטן צוויי טײַערע און פינגערלעך טײַערע, שוין אַפילו געטראָגענע, אַפּנים, פאַרמשכּונטע, נאָר טײַערע פינגערלעך. אסתר האָט געקוקט גלײַך מיט אַלע אַף די דאָזיקע כּלה־מתנות, וואָס אַלטער האָט איר געשענקט; זי האָט זיי באַטראַכט, ווי גאָר אַ זײַטיקער מענטש, גלײַך ווי עס געהער זיך גאָר מיט איר נישט אָן, גלײַך ווי נישט זי מיינט מען. באַטראַכטנדיק די דאָזיקע כּלה־מתנות, איז איר גאָר דער קאָפּ נישט דערבײַ; זי פאַרשטייט נאָך נישט, וואָס פאַר אַ ווערט זיי האָבן פאַר איר אין איר מיידלשן לעבן, אַז זי שטייט שוין העבער האַלב אַף יענער זײַט, אַז אָט־אָט גייט זי אַרויס פון דער מאַמעס רשות אין דעם מאַנס רשות, אַז אָט באַלד איז אַן עק צו אירע חלומות, יענע גוטע, גאָלדענע, גליקלעכע חלומות, אין וועלכע זי פאַרברענגט נאָך אַצינד.

מע מוז דעם אמת זאָגן, אַז כאָטש די גאַנצע שטאָט האָט גערעדט פון יאַסעלען, אַז ער האָט חתונה געהאַט ערגעץ אַף דער וועלט, נאָר אסתר האָט פאַרט נישט געגלויבט, דאָס הייסט, זי האָט זיך געוואָלט אַליין אײַנריידן, אַז ס'איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה, אַ פּליאַטקע פון די מאַזעפּעווקער פּליאַטקעס. עס האָט זיך איר נאָך אַלץ געחלומט, אַז אָט עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן יאַסעלע אַליין, דער אייגענער וואָס איז געווען פריִער — און דעמאָלט וועט זי זיך שוין נישט שעמען פאַר קיינעם; זי וועט די ערשטע דערציילן דער מאַמען, אַז זיי זײַנען שוין לאַנג חתן־כּלה, אַז ס'איז צווישן זיי שוין לאַנג אַן אָפּגערעדטע זאַך... און קלערנדיק דאָס דאָזיקע, שטייט זי גלײַך מיט אַלעמען און באַטראַכט די כּלה־מתנות, וואָס אַלטער האָט איר צוגעגרייט, און זלאַטע שטייט באַ דער זײַט, קוקט אַף איר און קוועלט: „דאַנקען גאָט דערפאַר. עס ווײַזט אויס, דאָס קינד איז צופרידן; גיב גאָט נאָר אַ גוט לעבן מיט פיל נחת מיט תענוג אַ סך"... די גאַנצע צײַט געפינט זיך אסתר

באַ זיך אַפן קנס־מאָל אַ ווילד־פרעמדע, גלײַך ווי נישט זי מיינט מען. נאָר באַם ערשטן קלאַפּ פון די צעבראָכענע טעפּלעך און טעלער דערפילט אסתר, גלײַך ווי עס וואָלט זיך איר עפּעס אָפּגעריסן אין האַרצן. די כלה־מתנות פאַלן אַרויס פון אירע הענט, און זי פאַרשטייט דעם פּשט פונעם קלאַפּ, און זי פילט, אַז פון דער מינוט אָן איז אַ סוף, אַ סוף צו איר פרײַ לעבן, אַ סוף צו אירע יענע גליקלעכע, טײַערע, זיסע חלומות. און אַ נײַע וועלט, אַ נײַ לעבן שטייט איר פאַר אַצינד.

---

## XXVI.

## עס ווערט דאָ געבראַכט די מעשה וועגן דער טאָכטער פון יפתח הגלעדי

געדענקט איר די מעשה, וואָס ווערט דערציילט וועגן י פ ת ח ה ג ל ע ד י ס טאָכטער?

„ו י ד ר י פ ת ח נ ד ר — האָט יפתח געטאָן אַ נדר צו גאָט, אַזוי שטייט דאָרט אין פּסוק געשריבן, ו י א מ ר — און ער האָט אַזוי געזאָגט: ווע‎סטו מיר געבן, ליבער גאָט, דעם פײַנט, די בני־עמון, אין מײַנע הענט, זאָג איך דיר צו, ווען איך וועל קומען בשלום אַהיים, אַז דער ערשטער, וואָס וועט אַרויסגיין פון שטוב אַקעגן מיר, איז ער דײַנער, איך וועל דיר אים שענקען פאַר אַ קרבן עולה. און עס איז טאַקע אַזוי געווען: און יפתח האָט די בני־עמון געשלאָגן און האָט זיי אײַנגענומען אין דער מלחמה; און אַרײַנפאָרנדיק אין שטאָט אַרײַן, איז אים זײַן אייניאונאייניציקע טאָכטער אַרויסגעגאַנגען אַקעגן מיט אַ שמחה און מיט אַ געזאַנג: „דער טאַטע איז געקומען! דער טאַטע!" און יפתח האָט זי דערזען, איז אים געוואָרן ווייסט און ביטער אַפן האַרצן; און ער האָט צעריסן אַף זיך די קליידער און האָט געזאָגט: „ווײ איז צו מיר, טאָכטער מײַנע, פאַרפינצטערט בין איך געוואָרן! האָסט דאָך מיך אומגליקלעך געמאַכט! ס'טײַטש, איך האָב דאָך אַ נדר געטאָן פאַר גאָט, אַז דער ערשטער, וואָס וועט מיר אַקעגן קומען, איז ער זײַנער אַ קרבן,

— גוואלד, טאַכטער, וואָס טוט מען ?!" — „האָסטו אַזוי געזאָגט, טאַטע הארציקער, — אַזוי האָט אים די טאָכטער געענטפערט — באַדאַרפסטו מקיים זײַן דײַנע רייד, נאָכדעם, אַז גאָט האָט זיך אַזוי נוקם געווען אין דײַנע פײַנט; איין זאַך בעט איך פון דיר, ליבער פאָטער, גיב מיר צײַט נאָר צוויי חדשים, בכדי איך זאָל מיר קאָנען גיין אויף די בערג און דאָרטן וויינען אויף מײַנע יונגע יאָרן, איך מיט מײַנע חברטעס". און דער פאָטער האָט זי אָפּגעלאָזט, זי זאָל גיין אויף די בערג וויינען אויף אירע יונגע יאָר, זי מיט אירע חברטעס. און אַז עס זײַנען איבערגעגאַנגען די צוויי חדשים, האָט זי זיך אומגעקערט צוריק צו איר פאָטער, און יפתח האָט געטאָן מיט איר, אַזוי ווי זײַן נדר איז געווען. און פון דעמאָלט אָן איז געווען אַ חוק בײַ ייִדן, אַז אַלע יאָר פלעגן אַרויסגיין ייִדישע טעכטער אויף די בערג צו באַוויינען און באַדויערן די אומגליקלעכע טאָכטער פון יפתח הגלעדי"...

יענער מנהג איז שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן, און ייִדישע טעכטער האָבן הײַנט אַנדערע מנהגים. עס שמועסט זיך דאָ וועגן דעם „פאַרשפּיל" מיטן „חתן־מאָל", וואָס מע מאַכט אין מאַזעפּעווקע פאַר איטלעכער ייִדישער חתונה בײַ דער כלה נאָר לכבוד דער כלה און לכבוד אירע חברטעס, די מיידלעך, בכדי זי זאָל זיך קאָנען מיט זיי זיך אָפּגעזעגענען און אָפּטאַנצן דעם לעצטן טאַנץ. דאָס „פאַרשפּיל" ווערט געמאַכט דעם שבת, וואָס פאַר דער חופּה, בײַ דער כלה אין שטוב. די מיידלעך אַליין זינגען־צו און מע טאַנצט אַ שער, אַ קאַדריל, אַ ליאַנסיי אָדער אַ פּאָלקע, מע זינגט, מע טאַנצט, מע קנאַקט ניסלעך און מען איז משמח די כלה דאָס לעצטע מאָל. זי געזעגנט זיך אָפּ מיט אירע מיידלשע יאָרן און מיט אירע חברטעס די מיידלעך, אַזוי ווי זי ווערט דאָך באַלד אַ ווײַבל און קומט אַרײַן צווישן די ווײַבער. דאָס אייגענע קומט פאַר דעם טאָג פון דער חופּה, אויך בײַ דער כלה אין שטוב: מיידלעך האַלטן דאָס פאַר אַ מצוה צו קומען אָפּטאַנצן מיט דער כלה דעם לעצטן טאַנץ, און ווײַבער שטייען בײַ דער זײַט און פּליעסקען־צו מיט די הענט. אָט דעם מנהג היט מען אָפּ אין מאַזעפּעווקע פון תמיד אָן, און אויך בײַ אסתרן אויף דער חתונה האָט מען, געוויינלעך, אָפּגעהיט אַלע מנהגים. ניִשט דורכגעלאָזט קיין קלייניקייט אפילו.

אסתר האָט אָפּגעטאַנצט דעם לעצטן טאַנץ, און אַלע מאַזע־

פּעווּקער מיידלעך האָבן זיך גאָר זאָט נישט געקאָנט אָנקוקן אין איר שיין פּנים, כאָטש זי איז געווען שרעקלעך בלאַס, טויט ווי אַלע טויטע, נאָר עס מאַכט נישט אויס, אַ כּלה באַדאַרף זײַן בלייכלעך: ערשטנס, פּאַסט אַ כּלה, און, צווייטנס, האָט טאַקע אַ כּלה וואָס צו זאָרגן — ווער ווייס דאָס נישט? צום לעצטן מאָל האָט איר די מומע ברײַנע געמאַכט קוטשערעס, גרײַזעלעך פֿון אירע שוואַרצע שיינע האָר, דערבײַ גערעדט מיט איר פֿון ענין החתונה, צוגעגרייט זי ביסלעכווײַז צום ווײַבערשן שטייגער. די דאָזיקע גרײַזעלעך גיבן־צו איר שיין פּנים אַזאַ מין חן, אַז ברײַנע קאָן זיך גאַרנישט אײַנהאַלטן און גיט איר אַ קוש אין שטערן, זאָגנדיק בשעת מעשה:

— אַן עבירה, כ'לעבן, אַאַז ליכטיק פּנים מיט אַזאַ גאָלדענעם קאָפּ איבערדעקן. נאָר נישקשה, אסתר, דו האָסט נאָך מזל, דו פּאַלסט אַרײַן אין זייער אַ גוט אָרט אַרײַן, וואָרעם, צווישן אונדז ריידנדיק, דײַן מאַמעס שטאַנד אַציִנד באַדאַרף איך דיר נישט דערציילן — דו ווייסט דאָס בעסער פֿון מיר. אַ מאַמע וויל אודאי, דאָס קינד זאָל זײַן גליקלעך, אַ מאַמע שטייט אויס בענקעניש ווייטיקן, די אויגן קריכן איר גוט אַרויס, ביז זי דערלעבט צו זען איר קינד אונטער דער חופּה; ווערסט זײַן אם־ירצה־השם, אַליין אַ מאַמע, וועסטו פֿילן דעם טעם... און דײַן מאַמע, נישקשה, האָט פֿאַרדינט באַ דיר, אַז זי זאָל דורך דיר געהאָלפֿן ווערן און צעפֿירן זיך די הענט אַ ביסל. נעבן אַ שווערן וואָגן זאָל מען זיך תּמיד רײַבן, און פֿון נגידים, אסתר, קומען אַרויס נגידימלעך...

נאָך אַ סך גוטע ווערטער האָט ברײַנע געזאָגט צו אסתרן, בשעת זי האָט איר צורעכט געמאַכט די האָר צום „חתן־מאָל". נאָכן חתן־מאָל, אַז אסתר האָט אָפּגעטאַנצט איר לעצטן טאַנץ, האָט איר די מומע ברײַנע אונטערגעטראָגן איר קרבן־מנחה, אָנווײַזנדיק איר, וואָס זי באַדאַרף דאַווענען און וואָס נישט.

— צו על־חטא, טאָכטער מײַנע, — האָט איר די מומע ברײַנע געזאָגט — צו על־חטא זאָלסטו וויינען. אַ כּלה, אַז זי וויינט צו על־חטא, בעט זי אויס באַ גאָט אַ גוט לעבן באַם מאַן און גוטע קינדער. עס איז באַ דיר הײַנט, טאָכטער מײַנע, אַ יום־הדין, ווי, להבדיל, יום־כּפּור; מע דאַרף וויינען פֿאַר גאָט, ער זאָל זיך דערבאַרעמען, אָנצייכענען אַ גוטע דאָליע, פֿאַרגעבן די זינד...

אסתר האָט זיך אָוועקגעשטעלט מנחה דאַווענען מיט האַרץ, ווי עס

באַדאַרף צו זײַן, און האָט דערבײַ געשמאַק געוויינט; נאָר נישט אױף אירע זינד, ווי די מומע ברײַנע האָט איר געהייסן, דען אסתר האָט אין זיך נישט געפילט קיין שום זינד, נישט אַקעגן גאָט און נישט אַקעגן לײַטן. נאָר דערפאַר האָט אסתר געוויינט, ווײַל דער קוואַל פון טרערן האָט זיך באַ איר געעפנט; עס האָט זיך געוויינט גאָר אַליין, און אַזוי געשמאַק, אַזוי גרינג! אסתר האָט געהאַט וואָס צו וויינען: ווי זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן, איז איר געווען וויסט, ביטער און פינצטער, און קלאָגן זיך אױף וועמען, עמעצן שולדיק מאַכן האָט זי נישט געקאָנט. וואָס איז שולדיק די מאַמע, וואָס זי האָט אַזוי געוואָלט אַלטערן פאַר אַן איידעם? זי איז אַ מאַמע און איר גאַנצער ווונטש איז, איר טאָכטער זאָל זײַן אַ רײַכע בעל־הביתטע. אפֿנים, זי האָט זיך דען געפּרוּווט זאָגן דער מאַמען, אַז זי וויל נישט דעם שידוך? און וואָס הייסט, זי וועט דאָס זאָגן דער מאַמען?... אױף דערויף וויינט אסתר, וואָס איר מזל איז אַזוי גיך אונטערגעגאַנגען, וואָס איר גליק האָט זיך אַזוי גיך אויס־געלאָזט, וואָס יאָסעלע האָט זי מיאוס אָפּגענאַרט. ווער וואָלט זיך עס אונטערגענומען זאָגן אסתרן פריִער מיט אַ פּאָר יאָר, אַז עס וועט זיך אַזוי אויסלאָזן?...

אסתר שלאָגט זיך על־חטא אין האַרצן, באַגיסט דעם קרבן־מנחה מיט הייסע טרערן, קלערנדיק בשעת מעשה נישט וועגן אירע זינד, נאָר וועגן יאָסעלען. ס'טײַטש, יאָסעלע, וואָס זי האָט אין אים אַזויפיל גע־גלויבט, אַזויפיל געשטעלט אױף אים, און וואָס זײַן וואָרט איז באַ איר געווען אַזוי טײַער, אַזוי הייליק, האָט זיך אַזוי מיאוס באַהאַנדלט אַקעגן איר: אַוועקגעפאָרן און פאַרגעסן דעם זײַ־געזונט; ער זאָל דאָס כאָטש אַ וואָרט צושיקן, כאָטש פאַרענטפערן זיך פאַר איר, אָדער וואָס ס'ניט איז... אַזוי מיאוס באַהאַנדלען, ווי ער האָט זי באַהאַנדלט! זי האָט זיך ערשט הײַנט אַרומגעקוקט, ווי טײַער, ווי ליב, ווי אײַנגעבאַקן יאָסעלע איז געווען באַ איר אין האַרצן. זי האָט זיך געשלאָגן על־חטא דערויף, זי האָט זיך מודה געווען פאַר זיך אַליין, אַז זי האָט אים באמת ליב געהאַט, זי האָט אים ליב געהאַט די גאַנצע צײַט, וואָס זי האָט אים געקענט, נאָך פון קינדווײַז אָן — און איצט באַדאַרף זי זיך אָפּגעזעגענען מיט אים אױף אייביק, אַרויסטרײַבן און אַרויסרײַסן אים באַ זיך פונעם האַרצן, און פאַרגעסן, פאַרגעסן!... פון יאָסעלען ווערן אירע געדאַנקען אַריבערגעטראָגן צו

אַלטערן, און עס ווערט איר פאַרקילט דאָס בלוט: אַט דער אַלטער, וואָס עס איז נישטאָ איין מענטש אין דער גאַנצער שטאָט, וואָס זאָל אים נישט פײַנט האָבן, פאַר גאַרנישט, נאָר דערפאַר וואָס ער איז אַ ל ט ע ר, — אַט דער אַלטער באַדאַרף זײַן איר מאַן! מיט אים באַדאַרף דאָס אסתּר׳ פאַרברענגען אירע יאָר און טעג, מיט אים באַדאַרף זי דאָס אָפּלעבן אַ וועלט, דאָס גאַנצע לעבן, פאַרבינדן זיך אויף תּמיד, אויף אייביק! אַלטער וועט זי ברענגען אין שטוב אַרײַן, ער וועט איר באַלד איבערגעבן אַלע שליסעלעך, און אסתּר וועט ווערן אַליין אַ בעל־הביתטע פאַר זיך. ער וועט איר אַרויסגעבן געלט אין מאַרק אַרײַן, זי וועט אײַנקויפן עופות, פאַרוואַרפן זיי אין שטײַג אַרײַן, האָדעווען. זיי זאָלן ווערן „פעט קאַפּי־טאַל", און קאָכן אַ יויך פון זײַנעטוועגן. אַ גאַנצע וואָך וועט זי זען פאַר זיך די פיר ווענט, הערן, ווי ייִדן קומען אָן צו אים לײַען געלט אויף אַ משכּון, אָכטונג געבן, ער זאָל האָבן אַלצדינג צו דער צײַט, אויפשטיין גאַנץ פרי, לויפן אין מאַרק אַרײַן, קריגן גוטע פיש מיט פעט פלייש מיט אַ גוטן צולאָג מיט אַ „פּיסנאָגע" אויף שבת, — דערפאַר אָבער שבת וועט זי זיך אָנטאָן אין דעם זײַדענעם קלייד, זיך אויסשלייערן, נעמען אויף זיך דאָס סאַמעטענע „מאַנטל אויף שליאַמעס" און וועט קומען אין שול אַרײַן, זיך זעצן אויבנאָן אויף דעם אָרט, ווו פייגל איז אַמאָל געזעסן... פּלוצים דערמאָנט זיך אסתּר, וואָס זי האָט אַמאָל, נאָך קינדווײַז, געהערט, וואָס מע האָט געשמועסט אין שטאָט, אַז דאָס ערשטע ווײַב אַלטערס, פייגל, איז דורך אים פון דער וועלט געגאַנגען. אסתּר דערמאָנט זיך די מעשׂיות, וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט וועגן אַלטערס ווײַב, וועגן פייגלען נעבעך, שטעלן זיך איר די האָר קאַפּויר. מע האָט דערציילט דעמאָלט, אַז אַלטער האָט זי אַלץ געטריבן אין דער וועלט אַרײַן, זי זאָל האָבן קינדער, און די מאַמע זײַנע, וואָס האָט נאָך דעמאָלט געלעבט, האָט איר געטאָן, וואָס מע טוט קיין ייִדן נישט: זי האָט זי געהאַלטן גאַנצע טעג אין הייסע ביטלעך, געטריבן פון איר דעם שוויים, געפּויעט זי מיט האָפּן, געפּײַניקט ביזן טויט אַרײַן... פאַר דער חתונה האָט אסתּר אַ פרעג געטאָן בײַ דער מומע יענטלען, צי ס׳איז אמת, וואָס מע פלעגט דערציילן פון פייגלען, האָט זיך איר יענטל אָפּגעשוואָרן מיט דער גאַנצער תּוכחה, אַז ס׳איז שקר וכזב, קיין וואָר וואָרט נישטאָ אפילו „דו ווייסט נישט, וואָס מע קאָן אין מאַזעפּעווקע אויסטראַכטן? — האָט צו איר יענטל

געזאָגט. — למאי זיי האָבן זיך פאַרגונען אויסטראַכטן אויף מיר, אַז איך טרייב מיין ביינישן אין דער ערד אַריין?... דאַכט זיך, איך ווייס? דאַכט זיך, אַזאַ לעבן, ווי צווישן מיר און צווישן מיין ביינישן איז, אויף אַלע מיינע ליבע, רבונו־של־עולם! וואָס מע קאָן אין מאַזעפּעווקע אויס־טראַכטן, זאָג איך דיר, אַז ס'איז מיר אַ גרויס חידוש, וואָס מע האָט נאָך נישט אויסגעטראַכט אויף דיין חתן, אַז ער האָט זיך געוואָלט שמדן, אַ קשיא אויף די הולטאַיעס? בראש איז דאָס אַ שטאָט, איינגעזונקען זאָל זי ווערן! טאָג און נאַכט האָט מען צו טאָן נאָר מיט יענעם, נאָר באַריידן יענעם, זוכן חסרונות אויף דער גאַנצער וועלט, כאָטש אַליין איז מען כל־בו, נישטאָ איינער אַ ליטישער, און עס דאַרט דער קאָפּ נאָך פאַר יענעם. איך זאָג דיר, די שטאָט איז מיר עפּעס אַזוי נמאס, זי ליגט מיר אין די גרגרת, — פּע, אַ פּאַסקודסטווע אַ שטאָט! מאָל דיר, אַז מע קאָן אויסטראַכטן אַזעלכע מעשיות, וועו יענע ליגט שוין לאַנג אין דער ערד... און וואָס איז דאָס גלאַט הפקר אַ וועלט? דו האָסט, דאַנקען גאָט, אַ מאַמע ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, וואָס קאָן השגחה געבן: אויף דיר אַזוי, אַז עס זאָל דיר נישט געמינערט ווערן אפילו אַ האָר! אונדזער משפּחה, דאַנקען גאָט, לעבט. הייַנט וואָס איז פאַראַן וואָס צו ריידן? ביסט נאָך גאָר אַ קינד, אסתר, כ'לעבן, ביסט אַ ציגל, לאָמיך אַזוי זיין געזונט!"...

און דערמאָנט זיך אסתר אין די אַלע רייד, ווערט איר פאַרקילט דאָס בלוט; און דערמאָנט זיך אסתר אין פייגלען, ווערט איר נישט גוט אויף צו חלשן; זי זעט פאַר זיך מענטשן דרייען זיך, כלי־זמר שפּילן, ווייַבער טאַנצן; עס דרייט זיך איר דער קאָפּ, זי פאַלט אָקאָרשט נישט מיטן פּנים צו דער ערד.

— וואָס איז די כלה אַזוי טויט? — פרעגט אַ מחותנתטע. — זי האָט, אַפּנים, אַ שווערן תענית?

— נישקשה, — רופט זיך אָפּ די אַנדערע מחותנתטע — לאָז זי פאַסטן און אויסבעטן באַם רבונו־של־עולם אַ גוט לעבן מיט איר מאַן...

## XXVII.

## די כלה האָט נעבעך זײער אַ שווערן תענית

נאָך אַ מנהג איז פאַראַן אין מאַזעפּעווקע, וואָס איז שײַך צו דער כלה; דעם מנהג היט מען דאָרט אָפּ כמעט ווי אַ דין. דאָס איז דאָס ליכטבענטשן פאַר דער חופּה. נישקשה, לאָז זיך אַ כלה געוווינען ביס־לעכווײַז צו מצוות, לאָז זי וויסן, אַז אָט באַלד, אין אַ פאָר שעה אַרום, ווערט זי שוין צו מזל אַ יידענע און איז מקבל אָף זיך על־פּי דין די דרײַ מצוות, וואָס זײַנען שײַך צו דער ייִדענע, און די מצוה פון ליכטבענטשן לאָז זי שוין טאַקע באַלד פאַרזוכן, לאָז זי וויסן, וואָס פאַר אַ טעם עס האָט.

די מומע יענטל טראָגט איר אונטער צוויי ליכט, אין זילבערנע לײַכטער אַרײַנגעשטעלט, און די מומע בריינע רוקט איר אונטער פון איר זײַט אַ תחינה, וואָס האָט געמאַכט „האשה הרבנית מרת בת טובים, וואָס האָט פאַרבאָרגן איר נאָמען", זאָגנדיק דערבײַ צו דער כלה מיט גרויס ליבשאַפט:

— זאָג, טאָכטער מײַנע, פריִער אָט די תחינה, און ערשט נאָכדעם וועסטו זאָגן די ברכה, מאַכן „שהחינו". עס שאַדט נישט, טאָכטער, אַז מע וויינט זיך אויס אַ ביסל צו ליכטבענטשן דאָס ערשטע מאָל.

און אסתר הייבט אָן צו זאָגן די תחינה שטילערהייט, נישט פאַר־שטייענדיק קיין איינציק וואָרט: „דו האַר פון דער גאַנצער וועלט און פון אַלע וועלטן מיט די גלגלים פון אויבן און מיט די טיפע אָפּגרונטן פון אונטן זאָלסט טאָן אַראָפּנייגן פון דײַן הארבעריג און לוגן אָף דעם קאָפּ פון דײַן דינסט די דאָ שטייט פאַר דיר מיט דײַנע אַלע ליבע קינ־דער ישראל דאָס מיר זײַנען שולדיק ערלעך צו האַלטן מיט אַלע זאַכן אַזוי ווי אַ מלך דערהאַלט זײַן מלכה ערלעך אָדער ווי אַ חתן זײַן כלה דען איך דײַן דינסט האָב שוין ליכט געצונדן דאָס ערשטע מאָל צוויי ליכט די דײַנע חכמים האָבן געהייסן און באַהיט אונדז פון אַלע באַ־גענעניש און אויך פון אַלע געשעעניש און מײַנע ליכט די דאָ איך צינד אַז זאָלן העל און ליכטיק ברענען צו פאַרטרײַבן די בייזע רוחות און שדים ומזיקים בת מחלת אַלע די דאָ קומען פון לילית דאָס זיי

זאָלן אָוועקפֿליִען און דײַן דינסט די דאָ שטייט פֿאַר דיר זאָל זוכה זײַן אינעם זכות פֿון אונדזער מוטער רחל וואָס אַז מען האָט די קינדער ישראל געפֿירט אין גלות אַרײַן האָט מען זיי געטאָן פֿירן נישט ווײַט פֿון דער מוטער רחלס קבר און ווען די קינדער ישראל זײַנען געקומען אַפֿן קבר די דאָרט רחל ליגט און האָבן געטאָן שרײַען מוטער מוטער ווי קאָנסטו דאָס צוזען אַז מען זאָל אונדז טאָן פֿירן אין גלות אַרײַן איז די מוטער רחל אויפֿגעשטאַנען צו השם יתברך מיט אַ ביטער געשריי און האָט געטאָן אַזוי צו שפּרעכן רבונו של עולם דו ביסט דאָך אַן אל רחום וחנון דאָס טײַטש עטץ ביסט מיט גרויסערע רחמנות פֿונעם מענטשן פֿונדעסטוועגן האָב איך דאָך רחמנות געהאַט אַף מײַן שוועסטער לאה וואָס זי האָט געטאָן וויינען טעג און נעכט זי זאָל נישט אַרײַנפֿאַלן אין עשוס גורל אַרײַן ביז אירע אויגן זײַנען איר טונקל געוואָרן פֿאַר גרויס געוויין היינט מכל־שכן דו גאָט..."

אסתר דערמאָנט זיך אין יענער טרויעריקער געשיכטע פֿון לאהן, וואָס די מאַמע פֿלעגט איר שבת באַטאָג לייענען פֿונעם טײַטש־חומש, און וויינט נישט אַף לאהס גורל, וואָס האָט מורא געהאַט, זי זאָל נישט אַרײַנפֿאַלן צו עשון, נאָר אַף איר אייגן פֿינצטער מזל, וואָס זי פֿאַלט אַרײַן צו אַלטערן אין די הענט אַרײַן, — אַ מין עשו האָט זיך גענומען אַף אירע יונגע יאָר!... און זי וויינט, באַוואַשט זיך מיט טרערן... און וועמען גייט דאָס אָן, וואָס זי וויינט? דערויף איז זי אַ כלה, זי זאָל זיך אויסוויינען אַ ביסל פֿאַר דעם „באַדעקנס". — כלי־זמר שפּילן, מיידלעך טאַנצן, ייִדן און ווײַבער דרייען זיך אַרום, מחותנים לויפֿן איינס פֿאַרן אַנדערן. ברײַנע מיט יענטלען — די אונטערפֿירערנס — נעמען אסתרן אונטער די הענט, באַזעצן זי אין מיטן שטוב אַף אַ בענקעלע און מע הייבט אָן, ווי דער מנהג איז, צו צעפּלעכטן איר די האָר. די כלה זיצט צווישן אַלע ווײַבער, ווי אַ פּרינצעסן, מיט אַ ווײַס זײַדן קלייד, די צעפּ צעפּלאָכטן. ווײַבער קלײַבן זיך צונויף אַרום־און־אַרום. מע נעמט די האָר, אסתּרס גאָלדענע האָר, מע האַלט זיי אין די הענט, די כלי־זמר הייבן אָן צו שפּילן אַ וויינענדיקס צום „באַזעצן" די כלה, און עס ווערט אַ יאָמערלעך געוויין צווישן די ווײַבער. מע קוקט אַף דער כלהס צעפּלאָכטענע האָר און מע שנײַצט די נעזער אין די פֿאַר־טוכער, מע קוועטשט די אויגן און מע וויינט. זלאַטע ווערט שיער נישט

צעגאָסן פֿאַר געוויין; דאָס האַרץ רייַסט איר, אַף איר קינד נעבעך: גאָט ווייס, אין וואָסערע הענט זי פֿאַלט אַרייַן, אַזאַ קינד, אַזאַ טייַער קינד, וויי־וויי געשריגן! און יענטל וויינט אויך: וויאַזוי זאָל זי נישט וויינען, אַז קיין קינדער האַלטן זיך בײַ איר נישט, נישט דאָ געדאַכט, שוין געווען וויפֿל מאָל בײַם רבין — עס העלפֿט נישט! און ברײַנע וויינט, וואָס אַלע האָבן חתונה, נאָר אירע טעכטער זיצן און קוקן אַרויס אַף חתנים, פֿינף דערוואַקסענע טעכטער, ווי איז מיר!... יונגע ווײַבלעך קוקן אַף דער כלה, באַוויינען זי און זיך זעלבסט: זיי ווייסן גאַנץ גוט, וואָס הייסט „מע באַדעקט אַ כלה“, מע פֿאַרבינדט אַ יידישע טאָכטער, מע מאַכט זי חתונה — זי גייט אַרויס פֿון איין רשות צום אַנדערן, פֿונעם טאַטנס רשות אינעם מאַנס רשות... די, וואָס קענען גוט דעם חתן און געדענקען זײַן ערשט ווײַב, פֿייגל נעבעך, באַוויינען אסתרן אַצינד: זיי ווייסן, אַז אסתר וועט בײַ אים קיין האָניק נישט לעקן... און אַנדערע וויינען דערפֿאַר, ווײַל זיי דערמאָנען זיך, אַז דער טאַטע אָדער די מאַמע איז געשטאָרבן, אָדער אַ קינד ליגט אינדערהיים טויט־קראַנק און ס'איז נישטאָ מיט וואָס צו ראַטעווען. און אַנדערע וויינען גלאַט אַזוי, ווײַל די כלי־זמר שפּילן אַ וויינענדיקס — וויינט זיך. הכלל, אַלע וויינען, און בפֿרט אסתר — זינט זי לעבט האָט זי נאָך אַזויפֿיל נישט געוויינט, ווי אַצינד. זי באַהאַלט איר ליכטיק שיין פּנים אין ווײַסן טיכעלע אַרײַן, בכדי מע זאָל נישט זען אירע טרערן. פֿונעם תענית, פֿונעם טרויעריק שפּילן, פֿונעם געוויין, וואָס אַרום־און־אַרום, און פֿון פֿאַרשיידענע פֿינצטערע מחשבות ווערט בײַ איר אין קאָפּ אויסגעמישט. זי פֿילט, אַז עס לאָזן זיך איר אויס די כחות, עס גייט איר אויס דאָס חיות. פּלוצים ווערט איר פֿינצטער אין די אויגן; גרויסע און קליינע, שוואַרצע, געלע, רויטע און גרינע רעדעלעך דרייען זיך פֿאַרבײַ איר, און נאָכדעם, וואָס ווײַטער־ווײַטער, ווערט אַלץ ליכטיקער און לויטערער, צום סוף ווערט איר שטאַרק ליכטיק, גרינג און גוט, זייער גוט! עס שטעלט זיך איר פֿאָר דער מוטער רחלס קבר, ווי ער עפֿנט זיך און עס גייט אַרויס פֿון דאָרטן אַ מת אין ווײַסע תכריכים און מאַכט צו איר מיט דער האַנט און רופֿט זי צו זיך, צו זיך... אסתר וויל אַ געשריי טאָן „שמע ישראל“ — און קאָן נישט: עס ווײַזט זיך איר אויס, אַז זי איז געשטאָרבן; זי ליגט אַף דער ערד, מיט אַ שוואַרצער דעק איבערגעצויגן. די מאַמע שטייט איבער

איר, און ברעכנדיק זיך די הענט און שלאָגנדיק זיך קאָפּ אין וואַנט, באַוויינט זי איר בת־יחידה נעבעך. נאָכדעם פילט זי, ווי מע הייבט זי אויף און מע טראָגט זי איבער דער שטאָט פאַרבײַ קלייטן, שרײַענדיק אויף אַ קול און קלינגענדיק מיט דער פּושקע, מיט דער געוויסער פּושקע: „צדקה תציל ממות!" און אַזוי ברענגט מען זי אָפּן הייליקן אָרט. דאָרט שטעלט מען איבער איר מטה אַ שוואַרצע חופּה, ווי דער מנהג איז בײַ ייִדן, אַז עס שטאַרבט אַ כּלה, און מע לייגט זי אַרײַן אין דער ערד, אין קבֿר, און עס לאָזט זיך הערן עפּעס זייער אַ באַקאַנט קול. זי הערט זיך אײַן אינעם קול, און עס דאַכט זיך איר אויס, אַז יאָסעלע סאָלאָוויי זינגט: דאָס זאָגט יאָסעלע נאָך איר קדיש, און דער גאַנצער עולם ענטפערט אָמן. אסתּר הערט זיך אײַן אין יעדן וואָרט, ווי יאָסעלע זאָגט איבער איר קדיש און דער עולם ענטפערט אָמן... פּלוצים הערט זי, ווי עמעצער טוט אַ פאַל אויף איר קבֿר און עטלעכע מענטשן הייבן אָן שרײַען: „נעמט אים צו, נעמט צו דעם טאַטן, דעם טאַטן נעמט צו פון דאַנען!"... אסתּר כאַפּט זיך אויף און דערזעט, ווי זי זיצט אויף יענעם בענקל, וווּ מע האָט זי באַזעצט צום באַדעקנס, און אַרום איר שטייען ווײַבער און אויך מאַנצבילן, מע שרײַט, מע ליאַרעמט, מע שפּריצט איר וואַסער אין פּנים אַרײַן און מע רײַבט זי בײַ דער נאָז און בײַ די אויערן; מע צעשפּיליעט זי, מע צעגאַרסעוועט זי, און זלאַטע שרײַט: „אסתּר! טאָכטער מײַנע! גאָט איז מיט דיר! די כּלה חלשט! לאָז מען אָנהייבן פירן צו דער חופּה! לאָז מען פּטרן דאָס באַדעקנס, אין גאָטעס ווילן!"

— שאַט, מחותּנתטע, שרײַט נישט! — רופט זיך אָפּ אַ ייִדענע.

— שרײַט נישט, אַז גייען די מחותּנים, אַז גייט דער חתן, שרײַט נישט, שאַ!

אַלטער פּעסים גייט צו אַן אויסגעפּוצטער, אַן אויסגעצוואָגענער, אַ יום־טובֿדיקער, אַ געזונטער, מיט אַ געגאָלטן קאַרק און מיט אַ היבש בײַכל, דאָס בלוט שפּריצט אים אַקאָרשט נישט פון די באַקן אַרויס, און דאָס פּיסקעלע האַלט ער צונויפגענומען. פון ביידע זײַטן ביידע מחותּנים, בײניש און משה־אבֿרהם זאַליזניאַק, אונטערפירערס מיט זײַדענע קנאַקנדיקע נאַקידקעס אויף די פּלייצעס, מיט געפלאָכטענע הבֿדלות אין די הענט. דער חתן האַלט אין די הענט אַ פּרוכת, ער גייט־צו צו אסתּרן און טוט איר אַ וואָרף דעם פּרוכת אויפן קאָפּ, און אַלע ווײַבער באַשיטן אים מיט

האַפּן, מיט האָבער, שרײַענדיק: „מזל־טוב! מזל־טוב!" נאָך דער חופּה כאַפּן די כּלי־זמר אָפּ אַ פריילעכס, אַלע ווײַבער הייבן אָן צו פּליעסקען, און זלאַטע כאַפּט אַ טענצל. זי איז גאָר גליקלעך: גאָט האָט אָף איר רחמנות געהאַט, זי האָט דערלעבט אַסתרן חתונה מאַכן. זלאַטע טאַנצט אַ פריילעכס, העפּעט און דרייט זיך, די הענט פּאַדבאָקאָם און דאָס פּנים שײַנט איר, ווי, געוויינלעך, אַ מחותנתטע, בשעת זי מאַכט חתונה דאָס ערשטע קינד. אָף איר קוקנדיק, כאַפּן זיך יענטל מיט ברײַנען פאַר די הענט (ביז אַהער האָבן די צוויי שוועסטער נישט גערעדט צווישן זיך אַ יאָר דרײַ, זיך געווען שונאים, איינס מיט דאָס אַנדערע אָף מעסער־שטעכן) און זײַנעןביידע אַוועק אַ האַצקעלע אַקעגן זלאַטען; דערבײַ האָט יענטל צוגעזונגען:

האָפּטשיק, ברײַנע,
איך האָב צו דיר אַ טענה:
דו ביסט נישט מײַנע,
איך בין נישט דײַנע!

די כּלי־זמר שפּילן. זלאַטע, יענטל און ברײַנע טאַנצן, נעמען זיך אַרום אַלע מינוט, קושן זיך און שמאַצקען זיך. אַלע ווײַבער פּליעסקען, העצקען זיך אונטער אָף איין אָרט און שרײַען: „שטאַרקער! שטאַר־קער!" פּלוצים וואַקסט אויס רב קלמן שדכן מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל ביז די עלנבויגנס; ער צעלאָזט די פּאָלעס און שטעלט פּיס, מאַכט פּול־קעס און שפּרינגט ביז דער סטעליע. אָף אים קוקנדיק, כאַפּט בייניש זײַן שוואָגער משה־אַברהם דעם זאַליאַזניק, און ביידע צעלאָזן זיי זיך אָפּן ייִדישן שטייגער, לייגן אַרויף איינער דעם אַנדערן די הענט אָף די אַקס־לען, וואַרפן מיטן קאָפּ, מיט צוגעמאַכטע אויגן, אַרויף און אַראָפּ, און טופּען מיט די פּיס, דרייענדיק זיך אָף איין אָרט. מנשה מיט אפרימען, זלאַטעס צוויי ייִנגלעך, ווײַסע־חברהניקעס, קאָנען זיך אויך נישט אײַנ־האַלטן; זיי שפּרינגען אַרײַן אין קאָן אַרײַן און וואַרפן מיט פּיסלעך, בריקעווען ווי די קעלבלעך — העץ־העץ־העץ! וואָס ווײַטער ווערן מער טענצער, ביז מע נעמט זיך אַלע פאַר די הענט און מע גייט גאָר אַ קאָ־ראַהאָד, שרײַענדיק צו די כּלי־זמר: „לעבעדיקער! שטאַרקער!" אַלע העפּען, טאַנצן, פּליעסקען און העצקען זיך. עס ווערט אַ מישמאַש, אַ דרייעניש, אַ טומל, אַ געפּילדער, ווי געוויינלעך אַ ייִדישע חתונה.

## XXVIII.

## אַ יאַמפּעלער בעל־עגלה גיט איבער לייזערן אַ משונה־מאָדנע פאַרשווינדל

זינט לייזער דער בעל־עגלה פירט פאַרשווינען פון מאַזעפּעווקע קיין קאַשפּערעוו און פון קאַשפּערעוו קיין מאַזעפּעווקע, האָט זיך אים נאָך נישט געטראָפן אַזאַ גאָלדן פאַרשווינדל, ווי גאָט האָט אים צוגעשיקט איינמאָל אַרום חצי־אלול דורך אַ יאַמפּעלער בעל־עגלה, ספּאַסיבע אים. שמירנדיק דעם וואָגן, האָט אים לייזער צוגעזאָגט ברענגען קיין מאַזע־פּעווקע פאַרפרי, נאָך איידער די זון וועט זיך זעצן; ער מעג זיך פאַר־לאָזן אַף זײַנע פערדלעך, פאַנקעוועז זיי וועט ער אויך נישט, וואָרעם ווײַבאַלד מע באַדאַרף פאָרן גיך, איז דאָך קיין תירוץ נישט.

— דאַליבוג, פּאַניטשו, טאַ פּראַוודאַ יעסט! — האָט אים פּאַטאַ־קעוועט דער יאַמפּעלער בעל־עגלה, אויסשמועסנדיק זיך מיטן פאַרשווינדל אַף פּויליש, און האָט טאַקע באַלד אַ מאַך געטאָן צו לייזערן שוין אַף יידיש:

— וואָס טויג מיר מעשיות, רב לייזער, איך האָב אײַך גאָר דער־הרגעט מיט אַ קניש — אַ גוט העכטל! איר וועט פון אים, נישקשה, הנאה האָבן. באַ די לײַט איז דאָס קערבל אַ ממזר. ווּ דערטאַפּ איך אַזאַ סטים אויך צוריקוועגס, רב לייזער?

— יהודי בלאַ! צו וואָס טויג דאָס דברן! — האָט אים לייזער אָפּגעענטפערט אַף לשון־קודש.

— וואָס איז דען, רב לייזער?

— וואָס איז דען? דו זעסט דאָך, ווי דער אדון שמייכלט, ווי אַ פּגר אומגעוואַשן; טאָמער איז ער מבין כל דבור?

— ווי לאַנג שמײַסט מען אים! ער פאַרשטייט מער פון אַ טויטן. אַז איר וועט איבערלאָזן די שוואַרצע מיל, רב לייזער, מעגט איר אײַך הייסן געבן אַ הוספה, נישקשה, ער איז נישט קראַנק. שוין אלול־צײַט, דער וועג איז, מחילה, געדריפּעט. איך האָב מורא, אַז איר וועט האָבן

אן איבערשלאג, רב ליזער, ווארעם איך זע, איַיערער, יענער וואס אפן דראנזשיק, מאכט מיר עפעס לעמל. נו, פארט־זשע געזונטערהייט, רב ליזער, און פארפירט מיר נישט מיַין מאהאריטש, ווארעם גאט איז גאט און בראנפן איז בראנפן, פארשטייט איר מיך... בוואיטע זדראווע, אפניטשו! — האט דער יאמפעלער בעל־עגלה א מאך געטאן צום פאר־שווינדל, ארונטערהייבנדיק דאס היטל.

ארויספארנדיק פון קאשפערעוו און נעמענדיק זיך אפן מאזעפעוו־קער שליאך, האט ליזער בעל־עגלה א פרעג געטאן בא זיַין פארשווינדל, צי ער איז נישט פון דער סעמענאריע? מחמת פאראיארן אין דער ציַיט האט ער אויך געפירט צוויי פארשווינדלעך, פאניטשלעך פון דער סעמע־נאריע, זייער ווילע מענטשן. פלוצים הערט ליזער פון דער קעלניע, ווי עמעצער מאכט צו אים אף יִדיש:

— איר האט מיך גארנישט דערקענט, רב ליזער?

ליזער בעל־עגלה איז שיער פון דער קעלניע ארא פגעפאלן פאר שרעק: ער האט זיך גענומען ארומקוקן אף אלע זיַיטן, געכאפט א קוק אונטערן וואגן, פארריסן דעם קאפ ארויף, און האט גארנישט געקאנט פארשטיין, פון וואנען גייט עס דאס קול?

— רב ליזער! כא־כא־כא! איר האט מיך גארנישט דערקענט? קוקט זיך נאר גוט איַין! — מאכט צו אים נאך א מאל דאס פארשווינדל און צעלאכט זיך אף א קול. ליזער בעל־עגלה איז געווארן אויסער זיך; ער האט אפגעשטעלט די פערדלעך און האט זיך גענומען באטראכטן דאס פארשווינדל זיַינס, אויסשטעלנדיק אף אים א פאר אויגן.

— כאטש נעמט שינדט מיר די פעל, הרגעט מיך דא אפן ארט, — זאגט ליזער — געדענק איך נישט! עפעס זיַיט איר מיר יא קענטלעך און נישט קענטלעך. זיַיט איר טשאַסאַם מנשה דעם זייגערמאכערס שוואַ־געריק?

— וואסער זייגערמאכער? וואסער שוואגעריק? איך בין שמואליק דעם חזנס זונדל, יאסעלע בין איך, יאסעלע סאלאווי.

— א־א־א?... וואס־זשע מאכסטו גוטס? נא דיר אפ שלום! און איך, בהמה, שטיי, ווי א טעלעצע, און קוק און קוק — אט א קאַש! וואס־זשע מאכסטו עפעס? וויא, וויא, אדלערס מיַינע! הייבט פיסלעך, פגירות מיַינע! א גאסט, א גאסט! ס'טיַיטש, א גאסט! ביסטו דאס שמואליקס

זונדל? מע זאָל מיר אַראָפּנעמען די פעל, וואָלט איך נישט געזאָגט, אַז דו ביסט אַ ייִדיש קינד. טראָגסט לאַנגע האָר, האָב איך געמיינט אַז דו ביסט פון דער סעמענאַריע. ביסטו דאָס יאָסעלע סאָלאָוויי, הייסט דאָס? נו־נו! מער מע לעבט, מער עסט מען! איך געדענק נאָך דאָס דאַווענען דײַנס אין דער קאַלטער שול. אײַ, יאָסעלע! און איך, בהמה בצורת פערד, שטיי און קוק, כאַטש מאָל מיך אוים! איך וויים זייער? ער זאָגט אַ פּאַניטשל, לאָז זײַן אַ פּאַניטשל. גיי ריבט זיך אָן אַ שלאַק! אײַ, יאָסעלע! וויאַ, מײַנע ציטעריקע! וויאַ־וויאַ, פּגירות איינע!

לייזער בעל־עגלה און יאָסעלע סאָלאָוויי האָבן זיך ביידע דערפרייט, מחיה געווען איינס מיטן אַנדערן. יאָסעלע איז אַרויף צו לייזערן אויף דער קעלניע און האָט באַ אים אויסגעפרעגט אַלצדינג, וואָס אינדערהיים טוט זיך, נישט דורכגעלאָזט קיינעם. לייזער האָט אויף אַלצדינג געענטפערט אַלץ וואָס ער וויים, נישט פאַרלייקנט קיין זאַך; אפילו פון די פּריִעריקע פערד־לעך זײַנע, וואָס ער האָט אויסגעביטן אין קאַשפּערעוו אויפן יריד און האָט זיך דוקא אָפּגענאַרט, מחמת די פערדמעקלערס דאָרט זײַנען גרויסע מאַ־שעניקעס...

— אַזעלכע ממזרים, זאָג איך דיר, וואָס מע קריגט זיי גאָרנישט, מע זאָל אויספאָרן די גאַנצע וועלט: זיי קאָנען דיר פאַרדרייען דעם גרעסטן סוחר, זיי פאַרשאַלאַמאַנען דעם קאָפּ אַזוי, אַז דו וועסט בלײַבן פּריטשמעליעט, פאַרצאַמט — נישט רעכטס, נישט לינקס! ערגער פון די ציגײַנער, איך זאָל אַזוי גליקלעך זײַן, אַז זיי זײַנען ערגער טויזנט מאָל פון די ציגײַנער!... וויאַ, אַ פּגירה זאָל אויף אײַך קומען, חלירעס מײַנע! האָבער ווילט זיך אײַך? מײַנע צרות וועל איך אײַך געבן מיטן דלות אַ צוגאָב, ברענען זאָל די פעל אײַערע!

— וואָס־זשע מאַכט דאָרטן אונדזער שכנה, זלאַטע די צעלניקערן? — פרעגט יאָסעלע, און דאָס האַרץ קלאַפּט אים.

— וואָס זאָל זי מאַכן? — ענטפערט לייזער. — זי מאַכט חתונה.

— וואָס הייסט זי מאַכט חתונה? וועמען מאַכט זי חתונה?

— די טאָכטער מאַכט זי חתונה.

— די טאָכטער? — פרעגט יאָסעלע און טוט זיך אַ וואָרף צו לייזערן. — ווו? וואָס? ווען?

— זי מאַכט חתונה די טאָכטער אירע, — ענטפערט לייזער —

וויאזוי הייסט זי דארטן? איך האב שוין פארגעסן, וויאזוי זי הייסט: דער קאשפערעווער יריד מיט די מעקלערס האבן מיר אזוי דעם קאפ דער־שלאגן, אז פון דאנען אהין פארגעס איך... שרפהנען זאלן די ביינער אייערע, פגירות מיינע, וויא!

— אסתר הייסט זי. נו? האט זי חתונה? ווו? ווען? פאר ווענען?

— פאר... וויאזוי רופט מען אים, אט דעם המן דעם פראצענט־ניק, ווייסט דער רוח די נשמה זיינע?

— יאנקל מאיר־פינים? בערל משה־ליפעס? איצל אברהמס? שמחה־דן? געצל־מנשה?

— ניין! — זאגט לייזער, קראצנדיק זיך מיט דער בייטש בא דער פאטילעצע. — אַך, וויאזוי הייסט ער, צו־נ־אלדי רוחות? בראש ליגט ער מיר אף דער צונג! ער איז רייך, צו־נ־אלדי שווארצע יאר, אנגע־שטאפט מיט געלט. א גראבער איז ער, א בעזדיטניק, זיין שטוב איז די דריטע פונעם נייעם בית־המדרש, אויב דו ווייסט.

— אפשר אלטער פעסים?

— אלטער, אלטער, א מיתה מהומה זאל אף אייך קומען! אלטער, אלטער!

— נו, האט זי חתונה פאר דעם אלטערן, רב לייזער? ווו? ווען? ווי ארום?

— איך ווייס ווי ארום? צי דא ארומער, צי דארט ארום? איך האב געהערט, אז ער נעמט זי. למאי איך האב געהערט, אז דו האסט חתונה געהאט און ביסט גאר גליקלעך? איז דאס אמת, יאסעלע־סערדצע? וויא, פגירות, האב אייך אכציק שווארצע יאר! ווי מיינסטו, מיר וועלן היינט האבן א ליכטיקע נאכט? ס'איז אפילו חצי אלול, הא? גאט זאל געבן, מיר זאלן כאטש קאנען איינפארן ביז טאג צו דער גע־מויערטער קרעטשמע.

— וואס הייסט ביז טאג, רב לייזער? איר האט דאך מיר צוגע־זאגט ברענגען מיך אף באנאכט קיין מאזעפעווקע, — וואס הייסט דאס, רב לייזער?

— איך האב צוגעזאגט? דאכט זיך, דו זעסט אליין, מע שטייט נישט; מע פארט, דאכט זיך, כסדר?

— טרײַבט־זשע טאַקע אונטער, רב לייזער, די פערדלעד, לאָזן זיי גײן אַ ביסל גיכער, איך בעט אײַך.

— אַ ביסל גיכער? איר קומט, אַפּנים, פונעם גיכן לאַנד, יונ־גערמאַן? עס איז גרינג צו זאָגן יענעם, ער זאָל לויפן אַ ביסל גיכער! איך וואָלט אַ בעלן געווען, דו זאָלסט זײַן אַ פערדל, און זען, וויאַזוי וואָלסטו געפֿלויגן אַרויף אַ באַרג.

— וואָסער אַרויף אַ באַרג? מע זעט נאָך גאָר קײן באַרג נישט! איר האָט באַ מיר, רב לייזער, נאָך אַ דרײַערל, אַ פינפערל האָט איר, אַבי פאָרט גיכער: איך דאַרף, פאַרשטייט איר מיך, וואָס גיכער.

— מהסתם ווילסטו ספּיעשען וואָס גיכער? האָסט דאָס באַ מיר אויך געפּועלט... וויאָ, מײַנע אַדלערס! נאָך אַ פינפערל, אײַנגעזויג־קען זאָלט איר ווערן! פאַשאָל! פאַשאָל! ס׳וועט זײַן ר־ע־ע־כט!

לייזער שמײַסט די פערדלעד, קאַראַדאַשעט זיי די פעל, טיילט זיי אײַן שטעקנס געגנוג און קאַראַנזעט בשעת־מעשה דעם קאַשפּערעווער יריד מיט די דאָרטיקע פערדמעקלערס, און יאָסעלע ליגט אין בײַדל מיט ביידע הענט אונטערן קאָפּ, שטאַרק פאַרטיפט אין זײַנע מחשבות, און הערט גאָרנישט לייזערס קללות, מיט לייזערס פײַפן, מיט לייזערס טרײַבן די פערדלעך געשמאַק, מיט לייזערס צוזינגען אַף זײַן בויך־שטימע עפּעס אַ טרויעריק לידל, אָן אָן אָנהייב און אָן אַ סוף.

מחשבות, געדאַנקען, חלומות, — דאָס האָט יאָסעלע סאָלאָוויי גע־האַט, ווי מיר ווייסן שוין, נאָך פון קינדווײַז אָן. ער האָט תמיד ליב געהאַט צו פליִען אין הימל אַרײַן, פאַנטאַזירן, פאַרשטעלן זיך גאָלדענע בערג. אַרויסרײַסנדיק זיך קוים מיט צרות פון באַרדיטשעוו אַף עטלעכע טעג און פאָרנדיק אַהיים, האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, וויאַזוי ער וועט אַרײַנפאָרן אין שטאָט און קיינער וועט אים נישט דערקענען. ער וועט זיך הייסן צופירן צו שמואליק דעם חזנס שטיבל. שמואליק וועט אים אָנקוקן פאַרוואונדערט: „וועמען דאַרפט איר האָבן?" — וועט ער אים פרעגן. — „האָסט מיך נישט דערקענט, טאַטע? דאָס בין איך!" — וועט ער אים ענטפערן, פאַלנדיק דעם טאַטן אַפן האַלדז. נאָכדעם וועט ווערן אַ ליאַרעם: „יאָסעלע איז געקומען!" זײַן שטיפמאַמע, די חזנטע, וועט געוויס וועלן פאַרדינען אַ מצוה, וועט זי לויפן אָנזאָגן זלאַטען מיט אסתרן אַ בשורה: „איר ווייסט, וואָס פאַר אַ גאַסט מיר האָבן? אונדזער

יאָסעלע איז געקומען!״ נאָר יאָסעלע וועט זי נישט לאָזן לויפן. ער וויל בעסער אַליין זיך דורכגיין אַהין און מאַכן מיט זיי אַן אויסרייד, ווי אַ ווילד־פרעמדער. ער וועט זיך שוין געפינען אַן אויסרייד דאָרטן. ער וועט מאַכן מיט זיי אַ שמועס וועגן יאָסעלע סאָלאָוויי און דערווײַל קוקן אסתרן אין פּנים אַרײַן, וואָס וועט זי זאָגן. נאָכדעם וועט ער זיך מיט אַ מאָל אַנטפּלעקן פאַר זיי, ווי יוסף פאַר זײַנע ברידער אין מצרים, און וועט זאָגן: „דאָס בין איך, יוסף!״ אסתר וועט ווערן אָנגעצונדן, און עס וועלן זיך שטעלן טרערן בײַ איר אין די אויגן. נאָכדעם, אַז ער וועט בלײַבן מיט איר אַליין, וועט ער איר אויג אויף אויג אויסדערציילן אַלצדינג, וואָס בײַ אים אויפן האַרצן טוט זיך, אַלץ וואָס מיט אים האָט זיך אָפּגעטאָן ביז אַהער. ער וועט פון איר נישט לייקענען גאָרנישט. ער וועט איר אַ ל ץ אויפדעקן, און אסתר וועט אים מוחל זײַן. ער וועט איר דערציילן, ווי אַזוי ער האָט זיך די גאַנצע צײַט געריסן אַהיים, נאָר גדליה באַס, ימח שמו, האָט אים נישט דערלאָזט, געשלעפּט אים פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, אַלץ אָפּלייגנדיק אויף שפּעטער, אויף שפּעטער! נאָכדעם, ווי אַזוי ער איז שוין גרייט געווען צו פאָרן אַהיים, האָט זיך אונטערגעכאַפּט דאָס אומגליק, פּערעלע די דאַמע, און ער איז אַרײַנגעפאַלן אין דער נעץ, אין דער שאול תחתיה אַרײַן, אַרומקוקנדיק זיך שוין אַ ביסל צו שפּעט... ער ווייס, ווי נאַריש ער האָט געטאָן, ווי מיאוס ער האָט זיך באַגאַנגען אַקעגן אַלעמען, נישט אָנפרעגנדיק זיך בײַ קיין עלטערע. אָפּטאָן אַזאַ מעשה אָן אַ טאַטן, אָן אַ שום טאָלק! ער ווייס דאָס גאַנץ גוט — נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז דער שׂכל קומט תמיד נאָך די יאָרן? ער וועט נישט לייקענען פאַר אסתרן, אַז אַ ביסל פּערעלע מיט איר שפּילן און אַ ביסל מיט איר געלט האָבן אים גאָר דעם קאָפּ פאַרדרייט, און ער פאַרשטייט דאָס גאָרנישט, ווי אַזוי האָט ער גאָר געקאָנט פאַרגעסן אין זײַנע ליבע און טײַערע? ווי אַזוי האָט ער גאָר געקאָנט פאַרבײַטן אסתרן אויף פּערעלען? און צוליב וואָס? שוין־זשע צוליב געלט? צו וואָס טויג אים דאָס געלט אירס? יאָסעלע וועט איר דערציילן, ווי אַזוי ער האָט געליטן, וואָס ער האָט איבערגעטראָגן אין דעם חודש; ווי אַזוי עס איז אים אָנגעקומען שווער זיך אַרויסצורײַסן אַהיים; ווי אַזוי פּערעלע האָט נאָר געוואָלט פאָרן מיט אים אינאיינעם, נישט אַנדערש; ווי אַזוי ער האָט זיך קוים אײַנגעבעטן, געוויינט פאַר איר,

זי זאָל אים לאָזן אַליין; וויאַזוי עס איז אים נמאס דאָס לעבן, ענג, דושנע, פוסט און פינצטער די גאַנצע וועלט; וויאַזוי דאָס האַרץ ציט אים אַהיים, צו איר, צו אסתרן, און צוליב איר איז ער גרייט אַף אַלצ־דינג, אַפילו שטאַרבן! און לאָז זי וויסן אַלץ און לאָז זי זאָגן, וואָס צו טאָן. ער וועט זי פאָלגן אַלץ, וואָס זי וועט אים הייסן. צוליב איר איז ער גרייט אין פײַער און אין וואַסער, אַנטלויפן מיט איר אין עק וועלט אַרײַן אַפילו!...

און יאָסעלע הייבט־אָן צו פאַנטאַזירן, וויאַזוי ער אַנטלויפט מיט אסתרן אין עק וועלט אַרײַן... ער ווערט אַנשלאָפן בײַם יאַמפּעלער בעל־עגלה אַפן וואָגן און כאַפּט זיך אויף ערשט דעמאָלט, ווען מע פאָרט אַרײַן קיין קאַשפּערעוו, און ביידע בעלי־עגלות באַגעגענען זיך. פון לייזערן דערהערט יאָסעלע אַ פינצטערע, ביטערע בשורה, און זײַן פאַנטאַזיע הייבט־אָן צו אַרבעטן שוין גאָר אין אַן אַנדער זײַט אַרײַן.

---

## XXIX

## לייזער טרײַבט די פערדלעך און ברענגט יאָסעלען אַהיים שוין שפּעט אין דער נאַכט

אַנדערע מחשבות, אַנדערע געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטעט בײַ יאָסעלען אין קאָפּ, נאָכדעם ווי ער האָט דערהערט פון לייזערן די גוטע בשורה, אַז אסתר האָט חתונה פאַר אַן אַנדערן, פאַר אַלטערן גאָר! אַלע זײַנע פריִעריקע חלומות זײַנען מיט אַ מאָל אַוועק, פאַרשוווּנדן געוואָרן. ער איז געוואָרן אַנגעצונדן אַף אַלטערן, אַף זלאַטען און אויך אַף אסתרן; אַלע זײַנען אויסגעקומען בײַ אים משונה־ווילד, שולדיק אַרום־און־אַרום, חוץ ער אַליין. עס איז אים גאָר אַף די געדאַנקען נישט געקומען, ער זאָל זיך אַ פרעג טאָן: אפשר איז ער דאָ דער גאַנצער חייב? ער האָט שוין אַרויסגעקוקט די מינוט, די רגע, ער זאָל שוין דערלעבן קומען אַהיים. יעדע רגע איז אים געווען אַ יאָר.

— ס'איז נאָך ווײַט? — האָט ער אַ פרעג געטאָן בײַ לייזערן,

אַרויסשטעקנדיק אַף אַ מינוט דעם קאָפּ פון בויך און אָנרירנדיק אים באַ דער האַנט.

לייזער האָט עפּעס אַ מורקע געטאָן אונטער דער נאָז און האָט אויסגעשפּיגן. עס האָט אויסגעוויזן, אַז לייזער איז געווען נישט אַזוי צופרידן, וואָס מע האָט אים איבערגעשלאָגן סאַמע אין בעסטן שלאָף. אויך די פערדלעך האָבן געהאַלטן אין מיטן דרימלען, געליאַמעוועט מיט די פיסלעך, זיך געמאַכט גלייַך ווי זיי לויפן. אינדרויסן שמעקט שוין מיט אלול־צייַט. די זון האַלט באַ זעצן זיך. איין עק הימל האָט זיך באַפאַרבט מיט אַ ברייטן רויטן פּאַס, ווי מיט בלוט צעגאָסן זיך איבערן גאַנצן מערב־זייַט. אַ קיל ווינטעלע פאַרגנבעט זיך צו יאָסע־לען אין בויך אַרייַן, רירט אים אָן באַ זייַנע לאַנגע, געקרייַזלטע האָר, טוט אים אַ גלעט, אַ שמיר איבערן פּנים. ער שפּאַרט זיך אָן אין בייַדל און הייבט־אָן צו דרימלען. דאָס ווינטעלע בלאָזט, די בויך טרייסלט זיך, די גלעקעלעך קלינגען, די פערדלעך שמייַסן מיט די וויידלען, און לייזער גענעצט, ציט אַלץ דאָס איינגענע טרויעריקע לידל, וואָס האָט נישט קיין אָנהייב און נישט קיין סוף, — און דאָס אַלץ וואַרפט־אָן אַף יאָסעלען נאָך אַ גרעסערע מרה־שחורה, און ער ווערט אַנשלאָפן.

יאָסעלע ווערט אַנשלאָפן, און עס ווייַזט זיך אים אויס, אַז ער איז נאָך אַ קינד. ער געפינט זיך אין מאַזעפּעווקע באַ יענעם הויכן באַרג, וואָס פלעגט אים קינדווייַז אויסווייַזן מוראדיק הויך, כמעט ביז דער כמאַרע. דאָרטן אָפן שפּיץ באַרג — אַזוי פלעגט מען דערציילן אין חדר — וואַקסן טייַערע שמעקנדיקע בשמים מיט אַלערליי געווירצן, און עס ליגט דאָרט באַהאַלטן, פאַרגראָבן אין אַ ווינקעלע, יענער אוצר, וואָס מ א ז ע פּ אַ האָט אים דאָרטן באַגראָבן, נישט אויסזאָגנדיק קיינעם דעם אָרט פון אים. אויך איז דאָרט פאַראַן אַ קריסטאַלענער פּאַלאַץ, — אַזוי האָט ער געהערט אין חדר — און דאָרט אין פּאַלאַץ זיצט אַ פאַרזינדיקטע בת־מלכה איינע אַליין; אַלע נאַכט, ווען די לבנה גייט אויף, הערט מען, ווי זי וויינט און רופט צו זיך מיט אַ טרויעריק קול פון אַ פוהאַטש. און דעמאָלט איז אַ סכנה צו גיין איינער אַליין אָן אַ שומר... עס ווייַזט זיך אים אויס, אַז ער קריכט אָפן באַרג, ער קלעטערט, ער דראַפּעט זיך העכער און העכער, און צום שפּיץ באַרג איז נאָך ווייַט. ער הייבט־אָן צו קריכן אַף אַלע פיר גיך־גיך, טאַקע נאָר ווי אַ שרעטעלע, ער פליט

אלץ העכער און העכער, און צום שפּיץ באַרג איז נאָך אַלץ וויַט. ער כאַפּט אַ קוק אַראָפּ און ווערט פאַרציטערט פאַר שרעק, דערזעענדיק, וואָס פאַר אַ מהלך רב ער איז שוין אָפּגעגאַנגען — און צום שפּיץ באַרג איז נאָך אַלץ וויַט. עס באַשלאָגט אים אַ קאַלטער שוויס, ער זעט, ווי וויַט ער איז פאַרקראָכן. ער זעט פאַר זיך קיין לעבעדיקן מענטשן, קיין היַיזער, קיין ערד אפילו, נאָר באַרג און הימל, הימל און באַרג. ער פילט, ווי עס גייען אים אויס די כוחות, עס ווערט אים נישט גוט טאַקע נאָר אָפּ חלשן...

ער כאַפּט זיך אויף און ווערט תיכּף ווידער אַנשלאָפן, און עס דאַכט זיך אים, ער איז אין אַ געדיכטן שאָטנדיקן וואַלד. ער ליגט אויס־געצויגן אױפן גרינעם גראָז, אין איין האַנט האַלט ער אַ טעלערל מיט שלח־מנות, מיט דער אַנדערער גלעט ער אסתרן איבערן קאָפּ, און אסתר זינגט אים שטיל אַ לידל פון דער „יונגער נשמה", איינס פון „גאָלדענפאַדעמס" לידלעך, וואָס זיי פלעגן ביידע קינדוויַיז אָפּט זינגען:

„געשלאָפן איז אַלעס, האַלבע נאַכט איז געווען,
עס האָט זיך קיין בריאה גערירט.
די זילבערנע לבנה האָט זיך אַליין
צווישן די שטערן שפּאַצירט"...

פּלוצים דערזעט ער פונדערוויַיטנס, ווי אַ גרויסע וויַיסע קאַץ גנבעט זיך צו אים. מיט אירע גלאָטע פיס שטעלט זי שטילע טריט און רוקט זיך צו צו אים וואָס וויַיטער אַלץ נענטער און נענטער. זי גייט־צו צו אים גאַנץ נאָענט און שטעקט אים אַריַין אירע נעגל אין האַלדז אַריַין און הייבט אים אָן צו דושען און צו וואַרגן. ער פילט, ווי עס כאַרכלט אים אינעווייניק אין גאַרגל, ער וויל שריַיען און קאָן נישט. ער קוקט דער קאַץ אין די אויגן אַריַין, און עס דאַכט זיך אים, אַז זי שמייכלט. ער קוקט זיך איַין נאָך בעסער, און דערקענט אין איר פּערעלען... ער וויל שריַיען, און קאָן נישט... אַ מוראַדיקער, אַ שוואַרצער קודלאַטער הונט שטייט איבער אים און סיפּעט אים און בייַסט אים. ער קוקט זיך גוט איַין און דערקענט אין אים גדליהן... ער טוט זיך אַ ריס מיט אַלע כוחות און טוט אַ געשריי נישט מיט זיַין קול: „אוי, טאַטע!"

— אוי, טאַטע! — שריַיט אויס יאָסעלע אַף אַ קול און כאַפּט זיך

אויף פונעם שלאָף ווי אַ צעדולטער. — טפו־טפו־טפו ! ווו זײַנען מיר, רב לייזער ?

— ווו מיר זײַנען, פרעגסטו ? — ענטפערט אים לייזער מיט אַ ברוגזדיק קול, גייענדיק שוין צופוס גלײַך מיט די פערדלעך, שעלטנדיק זיי מיט טויטע קללות. — אַה, מיר זײַנען שוין גאַנץ ווײַט, אַ פגירה זאָל אַף אײַך קומען, כלירעס ! שוין לאַנג אריבערגעפאָרן כמעט העכער אַ האַלבן באַרג, אַ מיתה־פּאַהיבל אַף אײַך, ווי איך האָב מיך דאָ אַ ביסל אַנגעמאָרדעוועט ! אפשר וואָלט געווען אַ סברה, זאָלסט זיך מטריח זײַן אַ קאַפּעלע אראָפּקריכן און מוחל זײַן אונטערגיין אַט דאָ באַ דער זײַט, טאָמער וועט זײַן פאַרט אַ ביסל גרינגער פאַר די פערדלעך, שרפהנען זאָל די פעל. אײַערע !

— אָבער ס'איז באַלד די שטאָט, רב לייזער ? — פרעגט יאָסעלע מיט אַ וויינענדיק קול.

— באַלד, באַלד, פאַרשטייט זיך, באַלד. אַט דאָ נאָכן באַרג בלײַבט איבער אַ שטיקל זאַמדיק אָרט, נאָכדעם אַ וועלדל, נאָכדעם ווידער זאַמד, און נאָכדעם גייט שוין אַ גלײַכער וועג מיטן פּאָטשטאָווע טראַקט גלײַך אין שטאָט אַרײַן.

וואָס קאָן מען טאָן ? יאָסעלע נעמט זיך אָן מיט האַרץ און גייט־נאָך נאָך דער בויד. דער קאָפּ איז אים שווער, די פיס ברעכן אים און אין האַלדז פילט ער אַן ענגשאַפט. די פערדלעך נעבעך שלעפּן דעם וואָגן אַרויף אַ באַרג גאָר אָן חשק. זיי וואָלטן זיך בפירוש אָפּגעשטעלט אַט־אָט־דאָ, גאָרנישט קוקנדיק אַף לייזערס קללות, וואָס ער שיט אַף זיי ; ער גיט זיי אָבער אָנצוהערעניש מיט דער בײַטש, אַז מע דאַרף גיין ווײַטער. די לבנה, וואָס האָט זיך אויסגעשניטן פונעם עק הימל, שוועבט אַלץ העכער און העכער. דאָס ווינטעלע ווערט נאָך קילער, און יאָסעלע גייט באַם וואָגן גאַנץ געשמאַק, ווי אַ מענטש, וואָס האָט אַף זיך מקבל געווען דעם גלות...

— אַצינד קריך אַרײַן, זײַ מוחל, צוריק אין וואָגן אַרײַן. — זאָגט צו אים לייזער, אָפּשטעלנדיק זיך אַף אַ מינוט. — עס וועט נישט גע־דויערן אפילו וואָס אַ טרונק וואַסער באַטרעפט, וועלן מיר שוין זײַן אינדערהיים.

אַ נײַע נשמה האָט לייזער אַרײַנגעזעצט אין יאָסעלען מיט די דאָזיקע

עטלעכע ווערטער. ער זאָל זיך נישט שעמען פאַר זיך אַליין, וואָלט ער אים אַרומגעכאַפּט קושן, און כאַטש עס האָט געדויערט אַ סך מער „וואָס אַ טרונק וואַסער באַטרעפט", פונדעסטוועגן איז מען פאָרט אַמאָל גע־קומען קיין מאַזעפּעווקע.

קיינמאָל האָט נאָך יאָסעלע אַזוי נישט אַנגעקוועלט פון דער שטאָט מאַזעפּעווקע מיט איר שמעקעדיקער בלאָטע און מיט אירע קליינע, פינצ־טערע, פאַרשלאָפענע שטיבלעך, ווי אַצינד. ער האָט זיך געפילט, ווי אַ שׂררה, וואָס פאָרט אַריין צו זיך אין זײַן גוטס, קלײַבנדיק נחת פון איטלעכס ברעקעלע. ער האָט שוין נישט געקאָנט אײַנזיצן אויפן אָרט און האָט אַרויסגעשטעקט די נאָז פון בויד אַרויס, נאָר ער האָט זי געמוזט פאַרשטעלן מיט דער האַנט... ווי אַ קליין קינד, איז ער אונטערגעשפּרונ־גען פאַר פרייד, ריידנדיק צו זיך אַליין: „אָט איז זלמן־אלי־דעם־שוחטס שטוב! אָט איז צמח־דעם־נגידס שטוב! אָט איז אַרקע־דעם־שוסטערס שטוב, און אָט זײַנען די קלייטן... שאַ! אָן איז די אַלטע קלויז און אָן איז זלאַטעס שטוב, ווו דער טאַטע זיצט... וואָס לײַכט זיך עס דאָרטן, אוי? רב לייזער, טוט נאָר אַ קוק, זײַט מוחל, ווי עס איז ליכטיק דאָרט בײַ אונדז! אוי, וויי איז מיר, מיר דאַכט, עס נעצט?!

— ווער נעצט? וואָס נעצט? — האָט אים לייזער געענטפערט, טרײַבנדיק די פערדלעך, ווי אַ רוצח. — עס הייבט אפילו נישט אָן צו נעצן! וואָס נאָך וועסטו אויסטראַכטן?

— וואָס־זשע דען איז דאָרט אַזוי ליכטיק? שאַ, מיר דאַכט, אַז כלי־זמר שפּילן? עס לאָזט זיך הערן דער פּויק מיט די טאַצן! וואָס איז דאָס? אַ חתונה, צי וואָס? רב לייזער, איר הערט אַ חתונה?

נאָר לייזער ענטפערט שוין מער נישט קיין וואָרט. ער שנײַדט און בראַקט די בידנע פערדלעך, וועלכע זײַנען שוין אַליין אויך צופרידן, וואָס זיי האָבן זוכה געווען צו קומען אַהיים זיך שוין אָפּרוען אַ קאַפּ: גענוג אָנגעלאָפן זיך! זיי פאַררײַסן די ווידלען און צעלאָזן זיך מיט די לעצטע כוחות, צושאַקלענדיק בײַ יעדן שמיץ מיט די קעפּ, ווי איינער רעדט: „אַלטער נאַר! וואָס שמײַסטו אונדז? מיר פאַרשטייען אַליין ווען מע באַדאַרף לויפן און ווען נישט"... מיט אַ חוזק און מיט אַ טראַסק שטעלט זיך אָפּ לייזערס בויד נעבן שמואליק דעם חזנס פענצטער, שיער נישט אַרײַנפאָרנדיק אַהין מיטן דישעל. יאָסעלע שפּרינגט אַראָפּ

און לויפט־צו צו דער שטוב. אין דער האַלב, וואָס שמואליק זיצט, איז שטאַק פינצטער, און אויף דער טיר הענגט אַ שלאָס — אַ סימן, אַז מען איז נישטאָ אינדערהיים. דערפאַר איז אין דער אַנדערער האַלב, דאָרט ווו זלאַטע די צעלניקערן וווינט, שטאַרק ליכטיק און פריילעך. כלי־זמר שפּילן, און עס הערט זיך, ווי מע טאַנצט, מע טופּעט און מען שרייט: „שטאַרקער! שטאַרקער!" באַ דער טיר איז אַן ענגשאַפט פון דעם צונויפגעלאָפענעם פּשוטן עולם, וואָס שטייען, קנאַקן סעמיטשקעס און לאַכן. ער גייט צו און טוט אַ פרעג באַ דער צונויפגעלאָפענער חברה: וואָס איז דאָ אַזעלכעס:

— צע זשידיוווסקי וויסיליע! — ענטפערן זיי אים מיט אַ געלעכטער און ווייַזן אים אַז מיט די פינגער אַהין, אין שטוב אַרייַן. יאָסעלע שפּאַרט זיך דורך מיט ביידע עלנבויגנס, קומט־אַרייַן אין שטוב אַרייַן און דערזעט פאַר זיך אַ בילד, פון וועלכן עס ווערט אים פינצטער אין די אויגן.

---

## XXX.

### בעל־כרחם זייַנען זיך ייִדן משמח, און יאָסעלע קומט אָן אין דער רעכטער שמחה

„על־כרחך, זאָגן אונדזערע חכמים, אתה חי — מיט געוואַלד לעבסטו!" מיט געוואַלד קומט אויס דער ייִד דאָס שטיקל וועלט, מיט געוואַלד מאַכט ער חתונה קינדער, מיט געוואַלד פרייט ער זיך. אַ ייִד, אַז ער וויל זיך פרייען, דאָס הייסט, אַרויסבאַווייַזן זייַן שמחה, באַדאַרף ער זיך נעמען מיט געוואַלד אָנטאָן אַ כח. „ייִדן, — שרייַט ער דעמאָלט — ייִדן, לאָמיר פריילעך זייַן!" און מע נעמט זיך אַלע צונויף און מע מאַכט אַ כוסה, מיט געוואַלד, וואָרעם נישט אין דער טבע פונעם ייִדן איז אַ כוסה צו מאַכן. און ווער עס קאָן נישט טרינקען, גיסט מען אים אַרייַן מיט געוואַלד אין האַלדז אַרייַן, דאָס הייסט אויף לשון־השכורים: „מע האַקט אַרייַן אַ גאָלקע", און ער מוז פריילעך ווערן, כאָטש עס ווילט זיך

אים נישט. ער מוז טאַנצן, כאָטש עס טאַנצט זיך אים נישט: אַ מחיה אַנצוקוקן, ווי ייִדן קלײַבן זיך צונויף אַף אַ שמחה און תיכף נאָך די ערשטע צוויי „גאָלקעס" הייבט מען אָן צו פּליעסקען און צו זינגען:

לאָמיר טרינקען, חברה, ווײַן,
שנײַדן גאָלקעס אין האַלדז אַרײַן;
דער רבי האָט געהייסן פֿריילעך זײַן
ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן!

און טאַקע באַלד ווערט די קאַפּאָטע אַזוי שווער, אַז מע מוז זי אַראָפּוואַרפֿן און בלײַבן אין די הוילע תחתונים, מחילה, מיטן טלית־קטן, להבדיל פֿון אויבן; עפּעס טאַנצט זיך גאָר דעמאָלט אַנדערש, און אַלע אינאיינעם גייען זיי אַ קאַראַהאָד, צוהאַלטנדיק איינער דעם אַנדערן מיט דער האַנט. די כלי־זמר שפּילן שוין דעמאָלט אַ נאָטן, מע רײַבט גלאָט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן. ייִדן טופּען און שפּרינגען, פֿאַרוואַרפֿנדיק דעם קאָפּ אַרונטער, מיט פֿאַרגלאָנצטע אויגן צו דער סטעלי, פּונקט ווי מע וואָלט גאָר געהאַלטן אין דאַווענען, נישט אין טאַנצן. און ווער עס שפּאַרט זיך איין און וויל נישט גיין טאַנצן, שלעפּט מען אים מיט גוואַלד אין קאָן אַרײַן און ער מוז טאַנצן, דאָס הייסט, דרייען זיך און מאַכן מיט מיט די פֿיס. אָט אַזאַ מין טאַנץ איז געגאַנגען שמואליק דער חזן באַ אסתרן אַף דער חתונה. ווער עס האָט אים נישט געזען דעמאָלט, דער האָט גאָר קיין טרויעריקע סצענע אַף זײַן לעבן נישט געזען. אוי, איז דאָס געווען אַ ביטערער טאַנץ! שמואליקן האָט זיך נאָר געגלוסט וויינען פֿונעם ביסל בראָנפֿן, וואָס מען האָט אין אים אַרײַנגעגאָסן. ער איז געוואָרן נאָך ערגער מרה־שחורהדיק ווי פֿריִער. זלאַטען האָט דאָס פֿונדעסטוועגן זייער הנאה געטאָן, וואָס שמואליק טאַנצט אויך און קאָן גלײַך מיט איטלעכן. דערזעענדיק, ווי ער מאַכט אויך מיט די פֿיס, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט דאָ, צווישן אַלע מאַנצבילן, וואָס זײַנען געווען, מחילה, אין הוילע תחתונים; נאָר נישקשה, אַף אַ שמחה מאַכט נישט אויס, אַז אַן אומגליק. זלאַטע האָט זיך אָפּגעשטעלט צופּליעסקען און צוזינגען שוין מיט אַ הייזעריק קול, ווי געוויינלעך אַ מחותנתטע:

קוגל הייסטו,
אין אויוון שטייסטו,
און אין מויל צעגייסטו.

קוגל הייסטו,
אין אויוון שטייסטו,
און אין מויל צעגייסטו...

עס איז שווער צו וויסן, צי פונעם טרינקען, צי פון די עטלעכע „גאָלקעס", וואָס מע האָט אים אַרײַנגעגאָסן מיט גוואַלד, צי גלאַט אַזוי פון זיך אַליין, — נאָר עס איז שמואליק דעם חזן מיט אַ מאָל אָנגעקומען אַזאַ קוראַזש אַף צו פריילעך זײַן, אַז ער האָט זיך אָוועקגעזעצט מיט די מחותנים, מיט רב קלמן שדכן אינמיטן, טרינקען משקה, אָבער גאָר אַף הפקר, פאַרבײַסנדיק בשעת מעשה מיט זויערע אוגערקעס — זייער אַ טײַערע סגולה פון שכרות. מע האָט אַזוי לאַנג געטרונקען משקה און פאַרביסן מיט זויערע אוגערקעס, ביז שמואליק האָט אַ קוק געטאָן אַף רב קלמנען און האָט דערזען צוויי רב קלמנס מיט אַ מאָל; רב קלמן פון זײַן זײַט האָט אויך געזען צוויי שמואליקס, און פון יעדער איינציקער זאַך איז בא זיי געוואָרן צוויי זאַכן. דאָס האָט צוגעגעבן שמואליקן נאָך מער קוראַזש, און עס האָט זיך אים געגלוסט נאָר לאַכן און געגנוג. עס איז אים אַלצדינג מיט אַ מאָל געוואָרן זייער לעכערלעך. ער האָט אַ קוק געטאָן אַף זלאַטען, ווי זי זינגט „קוגל הייסטו, אין אויוון שטייסטו", און האָט זיך אַזוי צעלאַכט, אַז זלאַטע האָט אויפגעהערט צו טאַנצן און צו זינגען. זי האָט עפּעס אַ מורקע געטאָן זיך אונטער דער נאָז, און איז אָפּגעטראָטן אַף אַ זײַט, און שמואליק האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט באַם בויך און האָט זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער. אַף אים קוקנדיק, האָבן רב קלמן מיט די מחותנים אויך געלאַכט, און עס איז באמת געוואָרן איטלעכן אַזוי פריילעך אַפּן הארצן, אַז מע האָט זיך געביטן מיט די היטלען און מיט די יאַרמעלקעס. זלמן־בער דער שוחט האָט ערגעץ געקראָגן אַ קאַפּעליוש, דערצו האָט ער אונטערגעבונדן די קאַפּאָטע מיט אַ פּאַסיקל ביזן גאַרטל, און די באָרד (זלמן־בער האָט די גרעסטע באָרד אין מאַזעפּעווקע) האָט ער פאַרבונדן מיט אַ פאַטשיילע, און איז געגאַנגען „אַ דײַטש", צווזינגענדיק דערבײַ:

זײַנען מיר דײַטשן,
טרינקען מיר שנאַפּסן!

און שמואליק מיט רב קלמנען מיט די מחותנים ווערן צעגאַנגען פאַר געלעכטער. ביז עס נעמט אַז אָלחנן דעם שמש אויך אַ חשק צו

באוויַיזן זיַינע שטיק, פּאַרקאַטשעט ער די פּאות אונטער די אויערן, בלאָזט אָן די באַקן און, גלאַנצנדיק מיט די אויגן, גייט ער „אַ פּאַני", צווינגענ־דיק אַ רוסיש לידל מיטן נוסח פון „היום תאמצנו". און אויך שמשון־יענקל דער טאַבאַטשניק קערט איבער די ווײַעס פון די אויגן אַרויף, זינגט ער אַ בעטלער:

„אַי, ביוו סאַבי סוויאַטעיי לאַזאַר"...

און רב קלמן שדכן קאָן זיך אויך נישט איַינהאַלטן און באוויַיזט זיַינע קאָמעדיאַנטסקע שטיק: ער טוט אָן אַ קליידל און פאַרשטעלט זיך פאַר אַ קימפּעטאָרן און באוויַיזט זיַינע אָנשטעלן... הכלל, מען איז זיך משמח בא זלאַטעס טאָכטער אַף דער חתונה, און שמואליק הערט גאַרנישט אויף צו לאַכן, גיסנדיק איין גאַלקע נאָך דער אַנדערער. פּלוצים ווערט זלמן־בער דער שוחט פון אַ דיַיטש גאָר אַ חזן, און שמואליק מיטן איבעריקן עולם ווערן בא אים משוררים; זלמן־בער טוט אָן אַ וויַיסע שאַל פאַר אַ טלית און שטעלט זיך אַוועק בא דער וואַנט זינגען מיטן טרויעריקן ניגון פון נעילה אַף אַ קול:

דו אַלטער,
דו קאַלטער,
אַז דו ווייסט נישט,
און דו קאָנסט נישט,
און טויגסט נישט, —
היַינט וואָס־זשע נעמסטו זיך אונטער?

און שמואליק, שמשון־יאַנקל, רב קלמן און אלחנן דער שמש האַלטן אים אונטער, ווי די משוררים, מאַכנדיק מיט בײדע הענט, און שריַיען מיט מוראדיקע קולות און מיטן נוסח פון נעילה:

אוי, אוי, אוי, אוי, אוי!
אַי — אַי!

און דער גאַנצער עולם קוועלט, ווערט צעשמאָלצן פאַר געלעכטער.

יאָסעלע סאָלאָוויי שטייט און באַטראַכט די דאָזיקע סצענע, זוכנדיק עמעצן מיט די אויגן. די, וואָס יאָסעלע האָט געוואָלט זען, זיַינען שוין נישט געווען... דער עולם איז געווען אַזוי פאַרקלאַפּט, אַז קיינער האָט נישט באַמערקט יאָסעלען, ווי ער שטייט זיך אַזוי אין אַ ווינקעלע, אָנ־געשפּאַרט בא דער וואַנט, באַטראַכטנדיק יעדן באַזונדער. יאָסעלע האָט

דערפילט, ווי עס קלאַפּן אים די שלייפן אין קאָפּ, עס ברענט אים דאָס פּנים; די גאַנצע, שטוב דרייט זיך אים, ווי אַ ראָד; אין די אויגן שעמערירט און פינקלט אים, ווי אַ רעגן פון קליינע גאָלדענע טראָפּן, און ער פילט, ווי שאַרפע קאַצענע נעגל שטעכן זיך אים אַרײַן טיף אין גאָרגל און דושען אים, און וואָרגן אים. יאָסעלע כאַפּט זיך אָן באָם האַלדז און לויפט אַרויס אינדרויסן.

. . . . . . . . . . . . . .

די נאַכט האָט אָנגעהויבן וואָס ווײַטער פינצטערער צו ווערן. קליינע שוואַרצע וואָלקנס האָבן אָנגעהויבן זיך אָנצורוקן אַפן הימל, אַרײַנ־שלינגענדיק אין זיך די לבנה און ווידער אַרויסשפּײַענדיק זי. אַ קיל אלול־ווינטל האָט אונטערגעבלאָזן. אַ טרויעריק הודזיען, אַ וויינענדיק פּײַפן האָט זיך געלאָזט הערן, ווי אין רעכטן אָסיען, און עס איז שוין געווען גאַנץ קיל. נאָר יאָסעלען איז געווען וואַרעם, אַזוי וואַרעם, אַז ער האָט זיך געווישט מיט די פּאָלעס דעם שוויס פונעם פּנים און ער האָט געפילט, אַז עס ברענט אַף אים דאָס לײַב. אין איין אָטעם איז ער גע־לאָפן פון דער חתונה, ער זאָל נישט הערן דאָס שפּילן פון די כלי־זמר, דאָס טאַנצן מיטן זינגען, וואָס האָט אַרײַנגעגאָסן גיפט אין זײַן האַרצן אַרײַן, און געברענט און געבראָטן, ווי מיט אַ העליש פײַער. יאָסעלע איז געלאָפן, און אים האָט נאָכגעיאָגט דער וויינענדיקער ניגון פון נעילה, מיט די פריילעכע ווערטער, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן פון דאָרטן. יאָסעלע האָט זיך פאַרשטעלט די אויערן, ער זאָל נישט הערן דאָס זינגען, און איז געלאָפן פון דאָרטן, ווי אַ משוגענער, גאָר אַליין נישט וויסנדיק וווּהין ער לויפט.

# XXXI.

## שמואליק זאָגט שבע־ברכות מיט זייער אַ ווײנענדיקער שטימע

אויסגעשלייערט, ווי געוויינלעך אַ מחותנתטע, איז זלאַטע געווען אַף מאָרגן צום שלייער־וואָרמעס. אַרום איר האָבן זיך אַרומגעדרייט אירע שוועסטער, ברײַנע און יענטל, און נאָך ווײַבער מחותנתטעס, אויך אויסגעשלייערט און אָנגעטאָן יום־טובדיק. פון די מאַנצבילן איז נאָך נישט געווען קיינער: די מחותנים זײַנען אַוועקגעגאַנגען אין שול אַרײַן דאַוונען מיטן אַנדערן מנין, און די פּרעמדע, די גערופענע, הייסט דאָס, האָבן זיך נישט געכאַפּט צו קומען אַפן שלייער־וואָרמעס, אַרויסגייענדיק דערווײַל אין מאַרק אַרײַן, טאָמער וועט מען עפּעס כאַפּן, טאָמער וועט גאָט צושיקן עפּעס אַ פּאַרדינסטל. דער שמש מיט דער שמשטע, נישקשה, מעגן קומען נאָך אַ מאָל רופן. נאָר די היימישע ווײַבער זײַנען געקומען העלפן גרייטן צום טיש, אָנשנײַדן לעקעך און גלאַט אַזוי משמח זײַן די כלה. און מחמת עס איז דאָך דאָ דער היימישער עולם אַליין, באַדאַרף מען נעמען צו שטיקלעך לעקעך און טרינקען צו דער מחותנתטע לחיים. די סאַרווערנס נעמען לעקעך און ווינטשן זלאַטען מיטן גאַנצן האַרצן:

— לאָז גאָט געבן, זלאַטעניו, איר זאָלט האָבן גרויס נחת אין אײַער טאָכטער, קיינמאָל פון קיין צער נישט וויסן, זי זאָל זיך מיט אים עלטערן אין עושר און אין כבוד, און אָם־ירצה־השם, איבעראָיאָר, אַפן ברית, זאָלט איר אונדז נישט פאַרגעסן, זלאַטעניו, מיר זײַנען, נישקשה, גוט אַפן פּאַטשאַטאַק: דאָרט, וווּ מיר זײַנען אַף אַ חתונה, איז תמיד אַף איבעראָיאָר אַ ברית; ס'איז אַזאַ האַנט בײַ אונדז, אַ געבענטשטע האַנט...

— אמן, הלוואי! — האָט זיי זלאַטע געענטפערט מיט אַ פרומער מינע

ברײַנע האָט אַ קוק געטאָן אַף יענטלען, יענטל אַף ברײַנען, און זלאַטע אַף זיי ביידע. די דרײַ שוועסטער האָבן צווישן זיך גערעדט מיטן קוק מער ווי אַנדערע מיטן מויל. מע האָט זיך, נישקשה, גוט פאַרשטאַנען איינס דאָס אַנדערע...

שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפקלײַבן די בעלי־בתים און

זעצן זיך אַרום טיש, נעמען צו ביסלעך בראַנפֿן און טרינקען לחיים מיטן חתן, מיט זלאַטען און מיט די איבעריקע מחותנים און מחותנתטעס. אַלטערס פּנים האָט געלויכטן און אַרויסגעשײַנט פֿון אונטער דעם נײַעם סאַמעטענעם קאַרטוזל. ער האָט אויסגעזען ווי יונגער מיט עטלעכע יאָר, גאָר בחורדיק... נישט אַזוי איז אָבער געווען די כּלה. אויסגעשלייערט און אָנגעטאָן, ווי אַ שיינע פּאַננע, האָט אסתּר אויסגעזען עפּעס נישט אַזוי פֿריילעך. איר פּנים איז געווען שוין צו ווײַס, אַ ביסל געלבלעך. און קיין איינציקן טראָפּן בלוט האָט מען אין איר נישט אַרויסגעזען. אירע שוואַרצע אויגן אונטער די לאַנגע ברעמען זײַנען אַצינד געווען אַז אַ שום פֿײַער, אַז אַ שום גלאַנץ, און זיי זײַנען בײַ איר גרעסער געוואָרן. די באַקן זײַנען איר אַ ביסל אײַנגעפֿאַלן. דער נײַער שלייער אויפֿן קאָפּ איז בײַ איר געווען פֿאַרפּוצט מיט פּערל און דימענטן און האָט אויסגע־זען אויף איר ווי אַ קרוין, און אין איר טײַער זײַדן קלייד, מיט סאַמעט און מיט שמוק אַרומגעפּוצט און באַהאַנגען מיט צירונג פֿון אויבן ביז אַראָפּ.

— האָט אסתּר אויסגעזען אין דער מינוט ווי אַ פּרינצעסין, אַ בת־מלכּה. די לעבעדיקע, די פֿריילעכע אסתּר איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַזוי סטאַ־טעטשנע, אַזוי געלאַסן, אַזוי שטיל און ערנסט. „טאַקע גאָר ווי אַ כּלה"

— האָבן זיך געטראַכט די ווײַבער, שפּיגלענדיק זיך אין איר שיין, ליכ־טיק פּנים.

— וואָס פֿאַר אַ שיינע פּאַננע דאָס איז, קיין בייז אויג זאָל איר נישט שאַטן! — האָבן די ווײַבער צווישן זיך געשמועסט, אַנווײַזנדיק אויף דער כּלה. — זי איז קלאָר, ווי געפּאָלענער שניי. אַ צירונג אַזעלכעס אין שטוב צו האָבן. זאָגט שוין איר אַליין, פֿרומע־שׂרהניו, זאָלט איר מיר געזונט זײַן!

פֿרומע־שׂרהניו איז בפֿירוש מסכּים, אַז ס'איז טאַקע גאָר אַ צירונג אַזעלכעס אין שטוב צו האָבן, וואָס שמועסט מען דאָ? און דער עולם דערווײַל הייבט זיך אַן צו וואַשן, איבערגעבנדיק איינס דעם אַנדערן די גרויסע קופּערנע קוואָרט מיט אויערן און איבערנעמענדיק איינס בײַ דעם אַנדערן דעם נאַסן שוואַרצן האַנטוך. פּלוצים קומט אַרײַן שמואליק דער חזן אין שטוב אַרײַן.

— ברוך־הבא, רב שמואליק! — זאָגט זלאַטע גאַנץ פֿרײַנטלעך.

— וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? גייט וואַשט זיך, זײַט מוחל, און זעצט

זיך צום טיש. איר האָט זיך גאָר פאַרגעסן, אַפּנים, אַז מע באַדאַרף אײַך האָבן צו שבע ברכות? ווּ איז די חזנטע אײַערע, רב שמואליק? עפּעס זײַט איר מיר הײַנט זייער צעפּלאָכטן. וואָס איז די מעשה?

— איך האָב אַ גאַסט, — מאַכט שמואליק מיט אַ זויערער מינע,

— אַ גאַסט האָב איך, מײַן זון איז געקומען צו פאָרן.

— יאָסעלע? — האָבן אַלע מיט אַ מאָל אויסגעשריגן. — יאָסעלע איז דאָ? גאָט ליב אײַך מיט אײַער גאַסט! ווּ־זשע איז ער?

— וואָס איז שייך ווּ? אינדערהיים איז ער. — ענטפערט שמואליק, שטייענדיק אַף איין אָרט. — ער האָט עפּעס קיין כח נישט. געקומען צו פאָרן איז ער נאָך נעכטן באַנאַכט, נאָר אַהיים איז ער גע־קומען ערשט פאַרטאָג, דאָס הייסט, מיטן טאָג גלײַך שוין. ער האָט, אַפּנים, געכאַפּט אַ פאַרקילונג, מחמת ער קלאָגט זיך אַלץ, אַז דער קאָפּ טוט אים וויי. אַצינד ליגט ער אין איין העליש פײַער, פּאָכט מיט דער נשמה. מיר האָבן אים שוין געלייגט קאַלט וואַסער, געריבן די שלייפן — עס העלפט נישט.

— שוויצן! — האָבן זיך אָפּגערופן עטלעכע מיט אַ מאָל. — די בעסטע רפואה איז אָפּשוויצן. זיצט, רב שמואליק, וואָס זענט איר אַזוי צעטראָגן? עס מאַכט זיך, אַ מענטש כאַפּט אַ ווינטל. ער וועט, אם־ירצה־השם, זײַן געזונט.

שמואליק שטעלט זיך אַוועק מיט זלאַטען און דערציילט איר עפּעס. זלאַטע קוקט אַף אסתרן און שאָקלט מיטן קאָפּ. און אסתר האָט זיך באַדאַרפט אָננעמען מיט אַלע כוחות, זי זאָל נישט אַרונטערפאַלן אונטער׳ן טיש, דערהערנדיק, אַז יאָסעלע איז דאָ. זי איז געוועזן שטאַרקער פון אײַזן, אַז זי האָט זיך געקאָנט אײַנהאַלטן און נישט אַרויסלויפן פונעם טיש מיט אַ גוואַלד: „ס׳טײַטש, יאָסעלע?!" זי האָט נאָר אַ פרעג געטאָן בײַ שמואליקן, און בשעת מעשה האָבן זיך אירע אויגן אָנגעצונדן מיט זייער שטענדיק פײַערל:

— אַליין איז ער געקומען?

— אַליין, — האָט שמואליק געענטפערט, אַלץ שטייענדיק, ווי אַ דערהרגעטער, נעבן זלאַטען, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן.

ווי אַז אָפּגעבריטע פון אַ דונער, האָט זיך אסתר אויפגעכאַפּט פונעם אָרט און האָט זיך אָבער באַלד צוריק אַוועקגעזעצט. עס האָט זי אַ טראַג

געטאָן אין דער לופטן און באַלד צוריק אַפּגעלאָזט, און זי איז געבליבן זיצן אַף איר אָרט אויבנאָן טויט ווי די לעם, גלײַך ווי עס וואָלטן איר אין דער צײַט אַפּגעשטאָרבן אַלע חושים. אסתר האָט אין דער איינער מינוט איבערגעלעבט אַ סך מער, ווי מע לעבט איבער אַ מאָל אין אַ גאַנץ יאָר. אַ שלעכטע מחשבה איז איר דורכגעלאָפן אין קאָפּ אַף אַ רגע; זי איז גרייט געווען זיך אויפכאַפּן, איבערלאָזן דאָ דעם עולם, מיט דער חתונה, מיט אַלצדינג אַרום־און־אַרום, און אַרײַנלויפן צום חזן אין שטוב אַרײַן אַ קוק טאָן אַף יאָסעלען. עס האָט זי געצויגן אַהין, ווי מיט צוואַנגען, געשלעפּט, געריסן, אַהין, אַהין!... די דאָזיקע מחשבה האָט אָבער געדויערט נאָר אַ רגע, נישט מער. זי האָט זיך באַלד צוריק באַטראַכט: זי איז דאָך אַ כלה, אַ ווײַבל, אַן אשת־איש!... די מלחמה, וואָס אסתר איז אויסגעשטאַנען אין דער מינוט, איז געווען איבער אַלע מאָסן; עס האָבן זיך אין איר געשלאָגן צוויי דעות, צוויי כחות: פון איין זײַט דער שטן־מקטרג שטייט און רעדט איר אײַן: „נאַרישע אסתר! וואָס הערסטו זיי? יאָסעלע איז געקומען צו פאָרן, ליגט קראַנק. ער קוקט אוודאי אַרויס אַף דיר, און דו זיצסט דאָ, — צוליב וועמען? אַט פאָלג מיך, אסתר; ביסט יונג, ביסט שיין, דאַרפסט לעבן, לעבן דאַרפסטו, לעבן!!"... און פון דער אַנדערער זײַט הערט זי אַנדערע ווערטער: „אַ ייִדישע טאָכטער? רב אברהמל סלאָוויטערס אַן איינִיקל? ליבע? אַ כלה? הרי את מקודשת, פאַרבונדן, פאַרקניפּט, אַן אשת־איש!!"... און יענער, דער שטן־מקטרג, טוט זיך זײַנס: „ווער איז שולדיק? מע האָט דיך פאַרבונדן, געבונדן, געפּענטעט. נאַרישקייטן! ביסט אַ מענטש, דאַרפסט לעבן! פאָלג מיך, אסתר!"...

און אסתר זיצט בײַם טיש סטאַטעטשנע, ווי געוויינלעך אַ כלה צום שלייער־וואָרמעס; נאָר בלײַך איז זי מוראַדיק, טויט ווי די וואַנט, אַן אַ טראָפּן בלוט, און שײַנט אַרויס פונעם שלייער, און די צירונג אַף איר לײַכט און פינקלט און גיט איר צו פיל חן. און די ווײַבער שפּיגלען זיך אין איר, קוועלן אַז, קלײַבן תענוג פון דער שיינער, ליכטיקער, חנעוודיקער כלה.

טרויעריק, וויינענדיק איז געווען דאָס קול פון שמואליק דעם חזנס „שבע־ברכות", און עס האָט זיך אסתרן געדאַכט, אַז דאָס קול זײַנס גייט פון אונטער דער ערד, פון יענער וועלט. דאָס זײַנען געווען ביטערע שבע־

ברכות. האַלטנדיק דעם כּוס אין איין האַנט, מיט דער אַנדערער האַנט האַלטנדיק זיך באַם גאָרגל, ווי דער שטייגער איז באַ די אַלטמאָדישע חזנים, און פאַרוואָרפנדיק דעם קאָפּ אַרויף, מיט צוגעמאַכטע אויגן, האָט זיך שמואליק געציקלט, פאַרגאַנגען אַף זײַן אַלטער אָנגעשפּאַלטענער שטימע, מיט אַ וויינענדיק קול, אויסלאָזנדיק דעם „משמח חתן עם הכּלה" אַזוי טרויעריק, אַז עס האָט צענומען דעם עולם. איטלעכער איז געבליבן זיצן פון דער שמחה פאַרזאָרגט, פאַרוואָגלט און באַטריבט, אַליין נישט וויסנדיק די סיבה פאַרוואָס... אַזוי ווערן ייִדן פאַרזאָרגט אַפן אָרט פון פריילעך זײַן, משמח זײַן דעם חתן מיט דער כּלה, — רבונו־של־עולם! וואָס ליגט דאָס אַזעלכעס אינעם ייִדישן זינגען מיטן ייִדישן שפּילן, וואָס תמיד רופט דאָס אַרויס נאָר טרויעריקע מחשבות!?...

און די ווײַבער, שטייענדיק באַ דער זײַט און ענטפערנדיק „ברוך הוא וברוך שמו, אָמן", האָבן געלאָזט אַ טרער, קוקנדיק אַף זלאַטען, ווי זי וויינט און קלאָגט. עס איז קיינעם קיין חדוש נישט, וואָס זלאַטע וויינט: אַלע ווייסן, נישקשה, דעם טעם פון חתונה מאַכן אַ קינד...

— פונדעסטוועגן, — זאָגן די ווײַבער און ריידן זיך אַליין אויס דאָס האַרץ — לאָז גאָט געבן, מע זאָל חתונה מאַכן קינדער און דערלעבן גיין איינס צום אַנדערן אַף שמחות!

— אָמן, הלואי! אָמן, הלואי!

די ווײַבער שטייען אויף, געזעגענען זיך אָפּ מיט דער מחותנתטע, קושן זיך מיט דער כּלה, צוּווינטשעוועדיק איר, זי זאָל דערלעבן באַ אירע קינדער אַף שמחות, און אסתר קוקט אַף זיי ווי פאַרוווּנדערט; איר קאָפּ און איר האַרץ זײַנען ווײַט פונדאַנען; זי וואָלט גערן דערלעבן, אַלע זאָלן זיך צעגיין, זי זאָל בלײַבן אַליין און קאָנען זיך רעכט אויס־וויינען כאָטש, און דאָ די ווײַבער קריכן קושן זיך און ווינטשעווען איר צו אַלדאָס גוטס.

---

גאָט האָט געהאָלפן, דער פאַרעמדער עולם איז זיך שוין אַ ביסל צע־גאַנגען, און אסתר האָט געקאָנט אַרײַנגיין צו זיך אין אַלקער אַרײַן און זיך אָפּרוען פונעם טומל, וואָס זי האָט איבערגעלעבט אין דעם דאָזיקן טאָג. באַ זלאַטען אין שטוב זײַנען געבליבן נאָר די היימישע לײַט, די מחותנים און אויך רב קלמן שדכן. ווי געוויינלעך, נאָך אַ חתונה, איז

אין שטוב געווען א שטיקל מישמאש מיט א גערודער: אפן לאנגן טיש זיינען געשטאנען ליידיקע פלעשלעך, איבערגעקערטע גלעזלעך, שטיקלעך קוילעטש, אפגעלעקטע ביינדלעך, און עטלעכע בענק זיינען געלעגן מיט די פיסלעך ארויף. א צוויי־דריי ארעמע לייט, וואס האבן פארשפעטיקט צום שלייער־ווארמעס, האבן געהאלטן באם אויסלעקן די טעלער, רוקנדיק אין בוזעם אריין די איבערגעבליבענע שטיקלעך קוילעטש, און די שמשים, וואס האבן שוין צום סוף געכאפט אן איבעריקע כוסה, זיינען געשטאנען און האבן זיך געטיילט מיט זייער רח"ש. וואס איז זיי געפאלן אין זייערע בידנע טעלערלעך פון די חתונה־לייט, נישט קוקנדיק דערויף, וואס זלאטע, ברײנע און יענטל האבן זיי אונטערגעטריבן, זיי זאלן שוין גיין געזונטערהייט, שוין צייט אויפראמען, מאכן א שטיקל לאד. מער פון אלע איז געווען פארטארעראמט זלאטע, ווי געוויינלעך א מחותנתטע; דאס זיידענע טיכל איז איר געווען פארבונדן מיט בײדע עקן ארונטער, דאס פנים האט איר געפלאמט און דאס קול איז איר געווארן אזוי הייזעריק, אז מע האט קוים געהערט פון איר א ווארט. פונדעסטוועגן האט זי נישט גערוט, אלץ ארומגעפאדקעוועט ארום איטלעכן באזונדער, געפאראדקעוועט, געזעגנט זיך מיט איטלעכן מיט די אויגן, נישט מיטן מויל, מחמת קיין ווערטער האט מען פון איר נישט געקאנט הערן. באטראכטנדיק דעמאלט זלאטען, האט מען געקאנט מיינען, אז זי האט איבערגעקערט בערג און אפגעטאן מי יודע וואס פאר א גליקלעכן עסק. גאט ווייס, אויב זלאטע האט זיך אליין אפגעגעבן דין־וחשבון, וואס זי האט דא אויפגעטאן מיט איר טאכטער, מיט איר איינציקער, טייערער און געטרייער טאכטער, פאר וועמען זי האט זי אוועקגעגעבן, פארבונדן, פארקויפט אף אייביק! ווו האט דען זלאטע צייט געהאט צו באקלערן אקוראט, אז אט האט מען געשמועסט מכח א שידוך, אט איז געווען קנס־מאל און אט די חתונה — א קלייניקייט עפעס א חתונה פראווען?! זלאטע בתיה דער הארטאווניצעס וועט נישט מאכן קיין חתונה ווי עפעס אבי ווער; מע קומט נישט ארויס, ברוך־השם, נישט פון קיין שניידערס און נישט פון קיין שוסטערס. און אז גאט האט זי געשטראפט און זי איז געבליבן אן אלמנה, און אן ארעמע דערצו, איז זי דאך פארט עפעס רב אברהמל סלאוויטערס א שנור, היינט ווי געשיקט זיך עס, אז איר בת־יחידה זאל גיין צו דער חופה נישט מיט קיין זיידן קלייד, און בא אסתרן אף דער־

חתונה זאָל נישט זײַן קיין עולם מענטשן אַרום טיש, אַזוי אַז די גאַנצע שטאָט זאָל טאַקע נאָכדעם ריידן פון דער חתונה? — „רבונו־של־עולם! — קלערט זיך זלאַטע. — איך זאָל דערלעבן באַ מײַנע קלענערע קינדער נישט קיין ערגערע חתונה״...

און דאָרט, צווישן די מחותנים, איז אַ שטאַרקער שמועס, עפּעס אַ לאָדעניש, אַ פּאַרלאַזעניש: רב קלמן שדכן האָט טענות צום חתן, צו אַלטערן; רב קלמן רעדט מיט אַלע כלים, צוהאַלטנדיק מיט איין האַנט משה־אַברהם דעם זאַליאַזניק באַ דער באָרד און מיט דער אַנדערער פאַר־שטעלנדיק אַלטערן דאָס מויל, ער זאָל נישט ריידן. אַלטער שוויצט, וויל עפּעס זאָגן, און רב קלמן לאָזט אים נישט. „לאָזט זיך דינען, לאָזט זיך!״ — שרײַט ער. — „אָט קאָנטשע איך אָט, און נאָכדעם וועט איר אײַך ריידן וועט איר!״ משה־אַברהם און בייניש (בײדע שוואָגערס) און אויך אַ פּאָר מחותנים פון חתנס צד לייגן זיך אַרײַן, ווילן געפינען אַ מיטל אַף אויסצוגלײַכן ביידע צדדים, נאָר ס׳איז אַרויסגעוואָרפן: אַלטער איז האַרט ווי שטאָל, לאָזט זיך נישט בייגן אַף קיין פאַל, כאַטש שנײַד אים, כאַטש בראָק אים! „נו, זאָגט שוין איר אַליין, רב שמואליק, איז דאָס יושר איז דאָס, אַז מע זאָל אַזוי אָביזשאַיען אַ שדכן זאָל מען, האָ?״ שמואליק דעם חזן, וואָס זיצט באַ דער זײַט באַטריבט, טרויעריק, ווײַל אודאי מיט אַלע מעגלעכקייטן צוהעלפן רב קלמנען, מהיכא־תיתי, אַ טובה מן אַ ייִדן; נאָר רב קלמן אַליין פּאַלט אים אַרײַן אין די רייד און לאָזט אים מער נישט אַרויסריידן ווי דאָס געוויינלעכע וואָרט זײַנס „וואָס איז שײַך?״ און שלאָגט אים איבער אינמיטן: „אָט דאָס איז דאָך טאַקע אינגאַנצן דער פּאַרדראָס אָט דאָס, — טענהט נעבעך רב קלמן, — איך פאַרשטייט אַז עסק פאַרשטייט איר? מע שמועסט אַף בפירוש שמועכט מען לכתחילה, ווי זאָגט ער, ס׳זאָל זײַן ווי געוווּנטשן, צום סוף נאַ דיר אַ האָרצווייטיק נאַ דיר, מע זאָל גאָר דאַרפן ריידן מכח רח״ש זאָל מען, ובפרט — ע, רב אַלטער, לאָזט־זשע זיך דינען, רב אַלטער!״...

— שוין צײַט מנחה דאַווענען! — זאָגט משה־אַברהם, אַ קוק טוענדיק אין דרויסן אַרויס, וווּ די זון האַלט באַ זעצן זיך, און געבנדיק אַ שמיר מיטן האַנט איבערן פענצטער. דער גאַנצער עולם שטייט אויף, מע גאַרטלט זיך אַרום די קאַפּאָטעס מיט פּאַטשיילעס און מע ציילט, צי ס׳איז דאָ אַ מנין אַף צו מאַכן אַ קדושה. דער חתן, שמואליק דער חזן,

ביידע שוואָגערס משה־אַברהם און ביינִיש, די דרײַ מחותּנים פון חתנס צד, אַלטערע קרובים, רב קלמן שדכן און ביידע שמשים — אַקוראַט אַ מנין! מע וואַשט די הענט, מע זאָגט אָפּ קטורת, אַשרי, און שמואליק שטעלט זיך אַוועק מיטן פּנים צו דער וואַנט און הייבט אָן אָף זײַן פּאַר־דומפּענער צעבראָכענער שטימע די שמונה־עשרה, און די ווײַבער, זלאַטע, ברײַנע און יענטל, הערן דערווײַל אַ קדושה, גלײַך ווי געפּונען... אויך אסתר, דערהערנדיק פון איר חדר שמואליקס טרויעריק קול, גייט־צו צו דער טיר, שטעקט אַרויס דעם קאָפּ און דערזעט, ווי די ייִדן און די ווײַבער שפּרינגען „קדוש, קדוש, קדוש" — בלײַבט זי שטיין, נישט ווייסנדיק וואָס צו טאָן: עפּעס איז זי שווין, דאַכט זיך, אויך אַ ייִדענע גלײַך מיט אַלע. אָף איר איז דאָך שוין אויך חל... ברײַנע ווינקט צו איר פון דערווײַטנס, באַווײַזנדיק איר מיט די פינגער אָפן שטערן. אסתר פאַר־שטייט נישט, וואָס יענע וויל, און ווערט רויט. נאָך דער קדושה גייט צו איר צו די מומע ברײַנע און ווײַזט איר אָן אָף די האָר — עס זעט זיך אַרויס בײַ איר אַ האָר פון אונטערן טיכל... אסתר האָט אַראָפּ־געוואָרפן דעם שלייער מיט דער גאַנצער צירונג, אָנגעטאָן אַ זײַדן טיכל אָפן קאָפּ און אָן אַנדער קליידל אָף זיך — און אסתר דאָס מיידל איז געוואָרן אסתר דאָס ווײַבל... זי איז נאָר עפּעס ווי קלענער געוואָרן און זיך איבערגעביטן גאָר אינגאַנצן. אָף איר שיין ליכטיק פּנים האָט זיך מיט אַ מאָל אָנגערוקט אַ כמאַרע, און זי האָט אויסגעזען פון אונטערן טיכל עלטער מיט עטלעכע יאָר; נאָר אירע גלאַנצנדיקע אויגן האָבן אַרויסגעלויכטן פון דער פינצטער, ווי צוויי ליכטיקע שטערן אָפן הימל, און זי האָט אין דער מינוט אויסגעזען נאָך חנוודיקער ווי פריִער.

— אויב דו ווילסט, — האָט צו איר זלאַטע אַ זאָג געטאָן אָף איר הייזעריקער שטימע, — אויב דו האָסט צײַט, קום אַרײַן צו דער חזנטע מבקר־חולה זײַן יאַסעלען.

פון אַ האַרמאַט ווען מע זאָל אויסשיסן, וואָלט זיך אסתר נישט באַדאַרפט אַזוי איבערשרעקן, ווי זי האָט זיך דערשראָקן פון די דאָזיקע עטלעכע ווערטער. ערשט מיט איין מינוט פריִער האָט זי וועגן דעם געווּנג געטראַכט, וואָזוי געפינט מען זיך אָן אויסרייד אָף אַרײַנצוקומען צו דער חזנטע, אַ קוק טאָן אָף יאַסעלען? און דאָ קומט פּלוצים די מאַמע מיט אַזאַ גדולה! נאָר אסתרס פּנים האָט נישט אַרויסבאַוויזן, ווי דאָס

הארץ קלאַפּט און צאַפּלט בײַ איר אין דער ברוסט, טאָקע נאָר אױף אַרױסצושפּרינגען. זי האָט געענטפערט דער מאַמען גאַנץ רױק און שטיל: „נו, קום, אױב דו װילסט"... און אין הארצן האָט זי געװאָלט אַרױספאַלן דער מאַמען אױפן האַלדז און אױסקושן איר אַלע גלידער. „מאַמעניו, האַרצעניו, טײַערע, טײערע מאַמע!" — אַזױ האָט זיך געטראַכט אסתר און איז פּאַװאָלינקע דורכגעגאַנגען מיט אַלע װײַבער איבער דער „זאַל", װוּ די מאַנצבילן זײַנען געשטאַנען מיטן פּנים צו דער װאַנט שמונה־עשׂרה און געשאָקלט זיך אױף אַלערלײ אופנים. „מאַמעניו, ליובעניו!" — האָט זיך אסתר געטראַכט אין האַרצן און איז געגאַנגען פּאַמעלעך, פּילנדיק, װי עס טראָגט זי אין דער לופטן.

בײַ שמואליק דעם חזן אין שטוב איז געװען שױן שטאָק־פינצטער, צװישן טאָג און נאַכט. קײן ליכט האָט מען נאָך נישט אָנגעצונדן. אין אַ װינקל, אױף אַ בעטל, אונטערגעבעט און איבערגעדעקט מיט אַ סך קישנס, איז געלעגן יאָסעלע סאָלאָװײ, און נעבן אים אױף אַ בענקל איז געזעסן די חזנטע.

— שששאַ, ער שלאָפט! — האָט די חזנטע געזאָגט, בשעת די װײַבער זײַנען מיט גערײדערײַ אַרײַנגעקומען צו איר אין שטוב אַרײַן.

— נײן, איך שלאָף נישט! — האָט געזאָגט יאָסעלע און האָט זיך אױפגעזעצט אױפן בעטל, גלײַך װי דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז דאָ נישט װײַט שטײט אסתר.

— װאָס מאַכסטו גוטס? — האָבן צו אים אַלע דרײַ װײַבער מיט אַ מאָל געזאָגט מיט אַ ניגון, באַטראַכטנדיק אים פֿון דער װײַטנס.

— מיר איז נישט באַשערט, אַפּנים, — האָט זיך אָנגערופן די חזנטע צו זלאַטען, — זײַן בײַ אײַער אסתרן אױפן שלײער־װאַרמעס. גײ רעכט זיך אױף אַזאַ שלאַק, נאַ דיר גאָר אַזעלכעס, טאַמער איז קאַרג! סומט אַזאַ גאַסט, װערט ער דיר גאָר פֿאַרשלאַפּט אינמיטן דרינען! זיצט, זלאַטעניו! ברײַנע־סערדצע, יענטל־קרױן, זיצט, זעצט זיך, זיצט! זיץ, אסתרל, װאָס שטײסטו?

די װײַבער האָבן פריִער אַ ביסל באַטראַכט יאָסעלען פֿון דערװײַטנס, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, געגעבן איטלעכע באַזונדער אַן אַנדער מין רפֿואה, װאָס איז באמת אַ טײַערע סגולה צו קאָפּװײטיק, צו ברעכעניש, צו שטעכעניש און צו אַלדאָס בײז, און נאָכדעם האָט מען זיך אװעקגעזעצט

באַם פענצטער אַף דער באַנק, און ס'איז גיך פאַרבונדן געוואָרן צווישן די ווײַבער א וואַרעמער שמועס, געוויינלעך, וועגן דער חתונה, וועגן דער חופה־וועטשערע, וועגן דעם שלייער־וואַרמעס, וועגן דעם דרשה־געשאַנק, וואָס איז געפאַלן פון חתנס צד און פון כלהס צד. און כאַטש זלאַטע איז געווען הייזעריק, ווי די וואַנט, נאָר גערעדט האָט זי מיט פײַער, דאָס איבעריקע דערמאַכט מיט די הענט, געבראָכן זיך די פינגער אַף דעם, וואָס פרומע־שרה — מאַלט אײַך פרומע־שרה! איר קענט פרומע־שרהן? — איז פרומע־שרה א בעלנטע געווען צו זאָגן, אַז בא איר קלענערער טאָכטער אַף דער חתונה איז געווען צוויי מאָל אַזויפיל עולם, און דרשה־געשאַנק, זאָגט זי, איז געפאַלן גאָר תרפ"ט אלפים! נו, פרעג איך אײַך, וויאַזוי האַלט מען דאָס אויס?

— וואָס טויג אײַך, זלאַטעניו, פרומע־שרהס רייד? איך וועל אײַך בעסער דערציילן, וואָס ציפּה־רייזל דערציילט פון איר מיזינקע הײַנט; רבונו־של־עולם, ווי איך האָב ערגעץ א שונא, טאַטעניו!...

וואָס ווײַטער ווערט דער שמועס צווישן די פיר ווײַבער אַלץ מער אינטערעסאַנט און אַלץ הייסער, אַזוי לאַנג, ביז מע פאַרגעסט אַנעם חולה, אַן יאָסעלען. יאָסעלע זיצט אַפן בעטל, מיט א האַנטוך דעם קאָפּ פאַרבונדן, אַן א היטל; פון אונטערן האַנטוך הענגען אַראָפּ זײַנע לאַנגע געקרײַזלטע האָר; דאָס פּנים איז בא אים טויט, א ביסל געלבלעך, נאָר די אויגן ברענען מיט זייער שטענדיקן גלאַנץ. דערזעענדיק אסתרן אַרײַנגיין, איז ער גרייט געווען אַראָפּצושפּרינגען פונעם בעט, נאָר ער איז עפּעס ווי צוגעקאָוועט געוואָרן צום אָרט, פאַרגליווערט געוואָרן, נישט צו קאָנען אַרויסלאָזן א וואָרט פונעם מויל, אסתר פון איר זײַט איז געבליבן שטיין, באַטראַכט אים א היבשע ווײַלע פון דערווײַטנס, און ערשט נאָכדעם, אַז די ווײַבער האָבן זיך שטאַרק פאַררעדט אין זייערע ענינים, איז אסתר צוגעגאַנגען נאָנט צום בעט און האָט צום ערשטן אים א פרעג געטאָן:

— וואָס מאַכסטו עפּעס?

די דאָזיקע עטלעכע ווערטער זײַנען געזאָגט געוואָרן אַזוי ווייך, אַזוי אמת געטרײַ, מיט אַזויפיל ליבשאַפט, ווי טאָקע נאָר א שוועסטער קאָן זאָגן צו אַן אייגענעם ברודער. יאָסעלע האָט איר דערויף נישט געענטפערט גאָרנישט, נאָר זײַן קוק, זײַן ביטער שמייכעלע, האָבן איר

געזאגט גענוג. זי איז צוגעגאנגען צו אים נאָך נענטער און גלייך ווי עס וואָלט צווישן זיי שוין געווען אָפּגערעדט פון פריִער, האָט זי זיך אַני־דערגעזעצט נעבן אים אַפן בענקל, ווו פריִער איז געזעסן די חזנטע.

אסתרן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז יאָסעלעס אויגן זיינען גרעסער געוואָרן און קוקן אַף איר עפּעס ווילד, נישט אַזוי פריינטלעך, ווי אַמאָל.

— וואָס־זשע מאַכסטו? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן נאָך אַ מאָל.

— אוי, אסתר! — האָט ער איר געענטפערט, אָננעמענדיק זיך מיט דער האַנט באַם קאָפּ.

אין די צוויי ווערטער האָט זיך געלאָזט הערן אַ קלאָג פון אַ מענטשן, וועלכן עס האָט געטראָפן אַ גרויס אומגליק, אַזאַ אומגליק, וואָס נישט מיט קיין ווערטער קאָן מען עס אַרויסגעבן. אסתר האָט געפילט, אַז עס איז אים שלעכט, נאָר אין וואָס די שלעכטיקייט באַשטייט — האָט זי נישט געוווּסט. ווען און וויאַזוי דאָס האָט זיך געטראָפן — געדענקט אסתר נישט, נאָר איר האַנט האָט זיך געפונען אין זיין האַנט. עס האָט זי געבריט, ווי מיט פייער, און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע לייב ברענט אַף איר. עס האָט זי ווי צוגעצויגן צו אים, צוגעשלעפּט ווי אַ מאַגנעט, און ווידער אַ שלעכטע מחשבה איז איר דורכגעפלויגן אין קאָפּ; עס האָבן זיך ווידער געראַנגלט אין איר יענע צוויי כחות: פון איין זייט דער שטן־מקטרג האָט איר איינגערוימט אַ סוד אין אויער, אַז איצט איז נאָך דאָ ציַיט, זי קאָן נאָך גליקלעך זיין, זי איז יונג און גע־זונט און פריש, זי טאָר זיך נישט באַגראָבן, זי דאַרף לעבן, לעבן, לעבן! און פון דער אַנדערער זייט הערט זי אַן אַנדער קול: „אַ ווייבל, אַ כלה, ערשט פון דער חופּה, זלאַטעס טאָכטער, אשת־איש, אַנטלויף!" — און איר האַנט איז אַלץ אין זיין האַנט, און עס בריט זי, עס בריט זי, ווי מיט פייער... באַ יאָסעלען האָט זיך מיט אַ מאָל אויפגעבונדן די צונג, און ער האָט זיך צערעדט; ער האָט גערעדט, ווי מע זאָגט, פאַר פייער און פאַר וואַסער; און אַלץ עפּעס אַזוי אויסגעמישט, פאַרכאַפּט איינס פאַר דאָס אַנדערע, עס האָט זיך כמעט נישט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, און אַלע מינוט האָט ער זיך געכאַפּט מיט דער האַנט באַם קאָפּ. פּלוצים האָט זיך אים דאָס פּנים ווי אָנגעצונדן, די אויגן צעברענט, דעם האַנטוך פונעם קאָפּ האָט ער אַראָפּגעוואָרפן, זיך צוגערוקט צו אסתרן נאָך נענטער

און האָט צו איר געזאָגט מיט היץ, נאָר גאַנץ שטיל, אַזוי אַז מע זאָל נישט דערהערן:

— ס'איז בלאָטע, אסתר, דו ביסט געבונדן, צי איך בין געבונדן! נאַרישקייטן, אסתר, כ'לעבן, נאַרישקייטן! זיי זאָגן, זיי זאָגן, איך בין קראַנק; ווער קראַנק? זאָג מיר נאָר איין וואָרט, אַז דו ביסט מרוצה, אַזוי שטיי איך אויף און ווער געזונט און פאָר אַוועק מיט דיר פון דאַנען, פון דעם וויסטן מאַזעפּעווקע! דו פאָלג מיך, לאָמיר פאָרן, כל זמן ס'איז נאָך דאָ צייט. מע וועט אונדז נאָכפאָרן? ווער הערט זיי? אוי, לאָמיר נאָר אַרויספאָרן פון דאַנען, זײַנען מיר פרײַ, און נאָכדעם וועט שוין זײַן רעכט! איך וועל דיך אַוועקפירן ווײַט־ווײַט פון דאַנען, און דו וועסט זײַן מײַנע, מײַנע, אויף אייביק מײַנע, מײַנע! אסתר! אוי, אסתר, אסתר!

אסתר האָט קיין צײַט נישט געהאַט אפילו אויף צו באַקלערן די דאָזיקע ווערטער אַקוראַט. עס האָט זי עפּעס ווי צוגעצויגן צו אים אַ שרעקלעכער כח, און זי איז גרייט געווען אין דער מינוט זיך אַ וואָרף טאָן צו אים אין די הענט אַרײַן און אַנטלויפן מיט אים אין עק וועלט אַרײַן. יענער פײַנער יונג, דער שטן, האָט זיך ווידער פאַרשטעלט פאַר איר אין אַ געשטאַלט פון אַ גוטן מלאך, אַ מליץ־יושר, און האָט איר ווידער גענומען אײַנרוימען אַ סוד אין אויער: „נאַרישע, נאַרישע אסתר! אָט האָסטו דיר דײַן גליק פאַר דײַנע אויגן, דײַן מזל איז בײַ דיר אַצינד אין די הענט! נעם קלײַב דיר אויס איינס פון די ביידע: אָדער אַ לעבן ווי אין גן־עדן, אַ זיס לעבן, אַ גוט לעבן, אין דער גרויסער פרײַער וועלט, מיט אַ ליבן, אַ גוטן פרײַנט, מיט איר, מיט יאָסעלען, אויף תמיד, אויף אייביק... אָדער אַ וויסט פינצטער לעבן אָט דאָ, אין דער בלאָטע, מיט אָט דעם גראָבן, אָט דעם פּאַסקודניאַק, מיט אַלטערן, — נאַרישע, נאַרישע אסתר!"... דער גוטער נפש, דער שטן, מיט זײַנע זיסע ריידעלעך, פון איין זײַט, און יאָסעלע מיט זײַנע פײַעריקע אויגן, מיט זײַנע ברענענדיקע ווערטער, פון דער אַנדערער זײַט, האָבן כמעט איבערגערעדט אסתרן, כמעט געפּועלט. נאָך קיינמאָל האָט זיך איר אַזוי נישט געוואָלט לעבן און גליקלעך זײַן, ווי אין די דאָזיקע עטלעכע מינוט. נאָך קיינמאָל האָט די וועלט בײַ איר נישט געהאַט אַזאַ חן, ווי אַצינד. אסתר האָט געציטערט מיט אַלע אברים. זי איז גרייט געווען צו לויפן אין דער וועלט אַרײַן, צו פליִען אין הימל אַרײַן, צו

פאַלן אין דער שאול תחתיה אַריַין, פאַרלאָזן, פאַרגעסן אַלעמען און אַלץ אַף דער וועלט — אַבי מיט אים, מיט יאָסעלען!... און יאָסעלע האָט נישט אויפגעהערט צו ריידן איבער איר וואָס וויַיטער מיט מער היץ. זיַינע אויגן האָבן זי געברענט, דורכגעשטאָכן דורך און דורך. „אוי, אסתּר, אסתּר!" — האָט ער אויסגעשריגן, אָבער אַזוי שטיל, כמעט געשעפּטשעט. — „אוי, אסתּר! אסתּר!" און האָט זיך אָנגע־בויגן צו איר, אויסגעצויגן ביידע הענט און זי געוואָלט אַרומנעמען. אסתּר האָט אים דערפילט אַזוי נאָנט נעבן זיך, אַז זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צוריק, אויפגעכאַפּט זיך פונעם בענקל און נישט ווילנדיק זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט דער האַנט באַם קאָפּ, באַם צוגעדעקטן קאָפּ... ווי אַ חלום, ווי אַ בליץ, איז אַנטלאָפן פון איר יענע שלעכטע מחשבה, און אסתּר דאָס וויַיבל, אסתּר די ייִדישע טאָכטער איז איר ווידער אויסגע־וואַקסן פאַר די אויגן, און זי האָט דערזען נעבן זיך די מאַמע...

— גייען מיר? — האָט צו איר געזאָגט זלאַטע. — מיר האָבן זיך אַ ביסל פאַררעדט אָט דאָ! נישט אומזיסט זאָגט מען אַף אונדז, אַז מיר האָבן אין זיך ניַין מאָס רייד.

פאַרן אַוועקגאַנג האָט זלאַטע געגעבן דער חזנטע נאָך עטלעכע רפואות פונעם חולהס וועגן, און בריַינע פון איר זיַיט האָט געזאָגט, אַז מע זאָל קאָנען אויספּירן, אַז שכנא דער שוחט זאָל נאָך היַינט קאָנען אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע, וואָלט געוועזן גאָר אַן אַנטיק אין דער וועלט.

שטייענדיק שוין באַ דער טיר, האָט אסתּר אויסגעדרייט נאָך אַ מאָל דעם קאָפּ אַהין, וווּ יאָסעלע איז געזעסן אָפּן בעט, און עס האָט זיך איר אויסגעוויזן פון דערוויַיטנס, אַז זי זעט דאָס פּיַיערל פון זיַינע אויגן, וואָס קוקן אַף איר ווי מיט גרויס רחמנות. עס האָט זיך אין איר אַ ריר געטאָן דאָס האַרץ, עס האָט זיך אין איר האַרץ דערוועקט אַ ניַיער מין געפיל, אַ געפיל פון אַ מענטשן, וואָס האָט געזען אַ געפאַ־לענעם און האָט אים נישט געוואָלט אויסציִען די האַנט אויפצוהייבן אים. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ער זיצט אַלץ אין דער אייגענער פּאָזע וואָס פריִער, מיט אויסגעשטרעקטע הענט צו איר, און זיַינע טרויעריקע רייד קלינגען נאָך אין אירע אויערן: „אוי, אסתּר, אסתּר!"... זי בליַיבט שטיין אַף אַ רגע באַ דער טיר. יענע שלעכטע מחשבה פליט שוין ווידער דורך באַ איר אין קאָפּ; יענער גוטער פאַרשוין וואַקסט

שוין ווידער אויס פֿאַר אירע אויגן מיט זײַנע זיסע ריידעלעך: „צוריק, אסתּר, צוריק, אַט אַף דער מינוט שטייט די וועלט! איין וואָרט, קינד איינס, איין וואָרט, גיי צו און זאָג אים דאָס איינע וואָרט, — זענט איר ביידע גליקלעך!"... — — — — „מיטן קאָפּ אין דר'ערד, דו אַשמדאי!" — ענטפערט אין איר אַן אינעווייניקסטער קול. — גיי, ווײַטער, האָסט נישט געטראָפֿן דעם אָרט! אַ ייִדישע טאָכטער טוט דאָס נישט! אַ ייִדישע טאָכטער וועט גיכער אַ כּפּרה זײַן, אַ קרבן פֿאַר פֿרעמדע זינד, איידער אָפּטאָן אַזאַ מעשׂה, מיט אַ... און נאָך אַן אשת־איש דערצו! אַנטלויף, אסתּר, אַנטלויף!"... אסתּר טוט זיך אָן אַ כּח, מיט גוואַלד רײַסט זי זיך אויס פֿונעם „ניטגוטנס" הענט און גייט נאָך דער מאַמען צו זיך אַהיים.

דורכגייענדיק דורך דער „זאַל", האָט זי געטראָפֿן דעם גאַנצן פּריִעריקן עולם זיצן באַם טיש און טענהן איבער אַלטערן.

— טו אַ קוק, — האָט זיך אָנגערופֿן איינער פֿון חתנס צד, אָנ־ווײַזנדיק אַף אסתּרן מיט די אויגן. — טו אַ קוק. אַלטער, איבער וואָסער אַ סחורה דו דינגסט זיך נאָך אַף אַזעלכע פּופּציק ווערעמיקע שמאַרדאַ־ווענצעס!

ווי אַף הייסע קוילן איז אסתּר איבערגעלאָפֿן דורך דער „זאַל", האָט זיך ארײַנגעכאַפּט צו זיך אין אַלקערל אַרײַן, און דאָרט, אַף איר בעט, גאַנץ טיף מיטן פּנים אין קישן, אַף אַ קלאָר ווײַס ציכל, האָט זיך דורך הייסע־הייסע טרערן אויסגעגאָסן אַ רייַן, לויטער האַרץ פֿון אַ ריינער, אַן ערלעכער, נאָר אַן אומגליקלעכער, זייער אַן אומגליקלעכער, ייִדישער טאָכטער.

. . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . .

## XXXII.

### יאָסעלע סאָלאָוויי געפינט זיך אין אַ שיינעם אופן, און לייזער בעל־עגלה שמועסט זיך אויס ווי אַ פילאָזאָף

דריי וואָכן, שווערע, מוראדיקע, האָט יאָסעלע סאָלאָוויי איבערגע־לעבט, ליגנדיק אַפן קראַנקן בעט. מע האָט זיך שוין גאַרנישט געריכט, אַז ער זאָל בלייבן לעבן. שמואליק האָט דאָס גאַרנישט געקאָנט פאַר־שטיין, ווי נעמט זיך עס באַ אַ מענטשן אַזאַ כח אַזויפיל ווייטיקן אי־בערצוטראָגן און אַזויפיל אויסשרייען, וויפל יאָסעלע האָט אויסגעשריגן. „נעמט זי צו פון מיר, די קאַץ! — האָט ער געוואַלדעוועט. — איר זעט זי דען נישט? זי קריכט צו מיר און וויל מיך אָננעמען באַם גאָרגל און דערשטיקן, דערוואָרגן מיך!" אַז אַנדערש מאָל הייבט ער גאָר אָן צו שרייען: „גיט מיר אָפּ מיין אסתרן, זי איז מיינע!" שמואליק פלעגט אים ענטפערן דערויף: „וואָס שרייסטו, נאַרעלע? אָט איז זי דאָ, אסתר. זי שטייט אָט דאָ מיט אונדז, נאַרעלע!" און ער אָף אַ קול: „אסתרן! גיט מיר אָפּ מיין אסתרן! וואָס לאָזט איר זי אָפּ אַליין אין וואַלד? דאָרט איז דאָ אַ הונט!"... און אַן אַנדער מאָל פלעגט ער זיך צעזינגען אָף אַ קול, מאַכן חזנישע שטיק, פאַרריסן דעם קאָפּ צו דער סטעליע און זאָגן: „איר הערט, איר הערט, ווי מע שפּילט אין קאָסטיאָל? אין קאָסטיאָל שפּילט מען גוט, מחיה נפשות, אַי־אַי־אַי!" און דערביי זיך וואָרפן און צאַפּלען, גאַרנישט צום אויסצושטיין. טאַקע נאָר אַ טאַטע איז אימשטאַנד איבערצוטראָגן די צרות, וואָס שמואליק האָט אי־בערגעטראָגן פון זיין זון אין די דאָזיקע דריי וואָכן. ער איז נישט גע־שלאָפן קיין נעכט, כסדר געזעסן נעבן אים, געלייגט אים אייז צום קאָפּ. דער רופא, יודל דאָקטער, אַ גרויסער מומחה אין מאַזעפּעווקע, האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַ מין פייער באַ אים אין קאָפּ, „וואָספּאַליעניע מאָזגאַ" רופט זיך דאָס אין בלשון הדאָקטאָריע, און ס'איז, זאָגט ער, אַ מסוכן חולאַת. וואָס האָט שמואליק נישט געטאָן? געפאַסט, געגאַנגען אָפן הייליקן אָרט צו זעלדען אָפן קבר, עטלעכע מאָל באַשטעלט אין שול אַ מנין, מע זאָל זאָגן תהילים, ביז גאָט האָט אים געהאָלפן. די שלאָפקייט האָט זיך איבערגענומען, און יודל דאָקטער האָט געזאָגט, אַז וויבאַלד ער איז דאָס איבערגעקומען, איז ער שוין אַ מענטש, העכער האַלב אָף דער

וועלט. פֿאַר שמחה האָט זיך שמואליק צעוויינט, ווי אַ קליין קינד, און אַף אים קוקנדיק — אַלע אין שטוב; עס איז געוואָרן אַ יללה, ווי בײַ אַן אומגליק חלילה. אסתר, וואָס פֿלעגט קומען עטלעכע מאָל אין טאָג געוואָר ווערן צו דעם חולה, דערזעענדיק יאָסעלען זיצן אין בעט, האָט ז׳ זיך אויך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן, און עס האָבן זיך איר אַ גאַס געטאָן די טרערן מיט אַ מאָל, כאָטש דאָס פּנים האָט בײַ איר געלאַכט... אסתר פֿלעגט זיך אַרויסכאַפּן אַלע מאָל צו דער מאַמע, געוואָר ווערן צו די קינדער, אירע ברידערלעך כלומרשט, און זיך אַרײַנגנבענען צו שמואליק דעם חזן אין שטוב אַרײַן, זיצן עטלעכע מינוט, ביז אַלטער פֿלעגט שיקן נאָך איר זי רופֿן אַהיים. מיט וואָס פֿאַר אַ האַרץ אסתר איז געגאַנגען אַהיים — ווייס נאָר איין גאָט דעם אמת. „אסתרל, פֿאַרוואָס טרינקסטו נישט? — האָט זיך אַלטער צו איר צוגעשמייכלט. — למאי עסטו נישט, אסתרל?״ טאָג אַז זי פֿלעגט דערלעבן, איז זי געווען גליקלעך, שוין גיכער לויפֿן אַהין, קומען און ווידער אַ מאָל לויפֿן אַהין. „ביסט מיר עפּעס זייער אַן אָפּטער גאַסט בײַ דער מאַמע, האַרצעלע!״ — פֿלעגט איר אַלטער זאָגן מיט אַ ליבלעך שמייכעלע, וואָס האָט זי געשניטן, ווי מיט אַ מעסער. — „אַן אָפּטער גאַסט, נשמהלע, ווערט נמאס, כע־כע! אַ בעל־הביתטעלע באַדאַרף זיצן אינדערהיים, אַכטונג געבן, אַכטונג געבן!״ נאָר אסתרן האָבן די ווערטער אפֿילו נישט אָנגעהויבן צו רירן. איר קאָפּ איז די גאַנצע צײַט געווען פֿאַרנומען נאָר מיט איין מחשבה — יאָסעלע; נאָר איין זאַך האָט אסתר געוואָלט פֿון גאָט — יאָסעלע זאָל זײַן געזונט! זיצנדיק שבת אין שול איבער דעם קרבן־מנחה, האָט אסתר בפֿירוש אין זינען געהאַט אויסבעטן בײַ גאָט, מע זאָל אים שענקען יאָרן. בײַנאַכט, ליגנדיק בײַ זיך אויפֿן בעט, האָט אסתר נישט איין מאָל געוויינט, געבעטן גאָט פֿאַר יאָסעלען: „גיב אים, גאָטעניו, כח! יאָרן שענק אים, רבונו־של־עולם, יאָרן!״... און גאָט האָט צוגעהערט דאָס געבעט פֿון אסתרן, און יאָסעלע איז איבערגעקומען, די שלאַפֿקייט האָט זיך איבערגענומען, און צו גאָט אַ האָפֿענונג, ער וועט, אם־ירצה־השם, זײַן געזונט. אסתר האָט נישט געהאַט קיין ווערטער, וויאַזוי אָפּצודאַנקען דעם רבונו־של־עולם פֿאַר זײַן גרויס גענאָד, וואָס ער האָט דאָ געטאָן. קומענדיק אַהיים, האָט זי אַלטער דערזען, ווי זי שײַנט און דאָס פּנים לײַכט איר, — האָט ער זיך ממש מחיה געווען.

— אַט אַזוי האָב איך ליב, — האָט איר אַלטער געזאָגט, פאַרקוקנ־דיק איר אין פּנים אַריַין מיט אַ ליבלעך שמייכעלע, — אַט אַזוי באַ־דאַרף זיַין אַ וויַיבעלע דריַי וואָכן נאָך דער חתונה. פּיַינטשיק, אַט אַזוי, אַט אַזוי!

אסתר האָט אָפּגעכאַפּט דעם וואָרמעס, געזעסן די גאַנצע ציַיט ווי אױף שפּילקעס, זיך וואַרגנדיק מיט יעדן ביסן, און האָט קוים דערלעבט די מינוט, די רגע, וואָס זי האָט זיך געקאָנט אַרויסכאַפּן פון דער היים. זינט יאָסעלע האָט אויפגעלעבט, זיך אויפגעזעצט אָפּן בעטל, איז מען שוין פון אים נישט אָפּגעטראָטן אױף קיין מינוט. גוטע פריַינט האָבן זיך צונויפגעקליבן אַרום זיַין בעט און מע האָט אים אויסגעפרעגט וויִאַזוי פילט ער זיך אַצינד אין זיַינע קרעפטן? וואָס האָט ער אַזוי גערעדט, געפּלאַפּלט די גאַנצע ציַיט? וואָס האָט זיך אים אויסגעוויזן אַזעלכעס, וואָס ער האָט אַלץ געשמועסט פון פייגעלעך, פון קאַסטיאַלן, פון קאַ־רעטעס, פון הינט און פון קעץ וכדומה? וואָס איז די מעשה?... יאָ־סעלע האָט אָבער נישט געענטפערט קיינעם אַ וואָרט; עפּעס איז ער געווען שטאַרק מורה־שחורהדיק, און די אויגן זיַינע האָבן עפּעס געקוקט מיט אַ משונה טומפּיקן קוק...

— לאָזט אים צורו! — האָט זיך יודל דאָקטער צעבייזערט און צעטריבן דעם עולם. לאָזט אים צורו! ער באַדאַרף האָבן „ספּאָקאָי־סטוויע”, און איר דולט אים דעם ספּאָדעק.

— וואָס־זשע טוט מען אים דאָ אַזעלכעס? מע פרעגט אים אַ צוויי ווערטער, איז אַן אומגליק אַ גרויסער?

— עס איז דיר אָבער אַן אַנטיק מיט אַ ייִדן! — זאָגט יודל דאָקטער שוין אין כעס. — האָסטו געהערט אַן אַקציע? מע זאָגט איַיך, אַז ער באַדאַרף איצטער האָבן ספּאָקאָיסטוויע, ווי אַ קימפּעטאָרן נע־פּריטשקאָם. ריידן וועט איר מיט אים שפּעטער. איר גיט אים בעסער עפּעס אין מויל אַריַין, אַ גלעזל טיי, אַ ביסל יויך, אַ קאַפּ מילך, צי וואָס.

„דער חולה בעט עסן!” — דאָס איז געווען פּאַר איטלעכן אַזאַ בשורה, אַז אַלע מיט אַ מאָל האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן: „וואָס גיט מען אים אין מויל אַריַין?” די חזנטע איז אַוועקגעגאַנגען צו די שכנים, טאָמער וועט זי קאָנען ליַיען ערגעץ אַ פערטל עוף. שמואליק פון

זײַן זײַט האָט גענומען אַרומלויפֿן איבער דער שטוב, זוכן עפּעס אַזעל־כעס, וואָס מע זאָל קאָנען געבן דעם חולה אין מויל אַרײַן. און אסתּר איז אַרײַנגעלאָפֿן צו זלאַטען און האָט אַליין מיט אירע הענט צעלייגט אַ פֿײַערל און צוגעשטעלט קאָכן אַ יאַיכל. שטייענדיק אַזוי באַם פּריפּעטשיק מיט צונויפֿגעלייגטע הענט אַפֿן האַרצן און קוקנדיק אַפֿן פֿײַער, ווי עס ברענט, און צוהאָרכנדיק זיך צום טעפּל, ווי עס זידט, האָט זיך אסתּר פֿאַרטראַכט און זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ערשט פֿריִער מיט אַ יאָר צוויי־דריטהאַלבן איז זי זיך אויך געשטאַנען דאָ באַ דעם פּריפּעטשיק, און דאָ באַ דער זײַט איז געשטאַנען יאָסעלע — וואָס פֿאַר אַ חילוק עס איז פֿון דעמאָלט ביז הײַנט! וויפֿל נײַס האָט זיך איבערגעטאָן, וויפֿל וואַסערן זײַנען איבערגעלאָפֿן, וויפֿל יסורים, וויפֿל צרות, וויפֿל ווייטיקן איז זי אויסגעשטאַנען אין די דריטהאַלבן יאָר? זי וואָלט זיך גערעכט, אַשטייגער, דעמאָלט, ווען יאָסעלע האָט איבער איר גערעדט, — אַז זי וועט אַצינד זײַן אַן אשת־איש, אַלטערס אַ ווײַב? זי דערמאָנט זיך, ווי־אַזוי יאָסעלע האָט זי דעמאָלט אָנגענומען באַ דער האַנט, זי לאַנג־לאַנג געהאַלטן און געקוועטשט, און די אויגן האָבן אים געגלאַנצט, געבליש־טשעט דורך טרערן, און ער האָט איר געשוואָרן, ער וועט אייביק־אייביק זײַן דער אייגענער יאָסעלע וואָס תּמיד! ... „דער אייגענער וואָס תּמיד? — קלערט זיך אַצינד אסתּר. — גאָט וויים, גאָט וויים!" אין דער גאַנצער צײַט, זינט יאָסעלע איז געקומען צו פֿאָרן און איז געלעגן שלאַף, האָט זיך אסתּר אָט דאָ דאָס ערשטע מאָל גענומען באַטראַכטן יאָסעלעס חפֿציות מיט זײַנע אַלע געננג ביז אַהער. זי האָט גאָר קיין צײַט נישט געהאַט אַ קלער צו טאָן וועגן עפּעס אַנדערש, אַ חוץ דעם, וואָס יאָסעלע איז קראַנק. איר קאָפּ איז געווען פֿאַרנומען דערמיט נאָר: וואָס טוט יאָסעלע? ווי־אַזוי גייט די שלאָפֿקייט? וואָס זאָגט עפּעס יודל דאָקטער? וויפֿל גראַד היץ האָט ער? וויפֿל טעג באַדאַרף נאָך געדויערן, ביז ער וועט אָנהייבן צו שוויצן? וכדומה אַזעלכע ענינים. מע קאָן זאָגן, אַז אסתּר איז אין יענער צײַט איבערגעגעבן געווען אינגאַנצן צו איין מחשבה: „יאָסעלע איז שלאַף" — און דאָס איז שוין געווען גענוג, עס זאָל אַרויסשטויסן פֿון איר קאָפּ אַלע אַנדערע געדאַנקען, ובפֿרט אַז די מאַמע, די מומע ברײַנע, די מומע יענטל און פֿיל אַנדערע גענײטע האָבן געשמועסט, אַז ער איז זייער מסוכן, אַז באַם חלילה עס וועט נישט איי־

בערבערכן צו דער צײַט און ער וועט, חס ושלום, נישט אָפּשוויצן, איז ער אַ פאַרפאַלענער... דערהערט אַזעלכע דבורים, האָט אסתר געפילט, ווי עס ווערט איר קאַלט אין אַלע אברים, אין האַרצן ווערט איר משונה ענג און שווער און פינצטער אין די אויגן... און ווי גליקלעך איז זי געווען, אַז זי האָט דערהערט, אַז דער חולה שוויצט שוין, דאַנקען גאָט! „נאָך אַ מין שוויצן! — זאָגט יודל דאָקטער. — אַ מין שוויצן! וואַרט צו, איר וועט ערשט זען, וואָס שוויצן הייסט! בײַ מיר אַ חולה, אַז ער גייט נישט אָפּ מיט דרײַ עמער שווייס, הייסט דאָס נישט געשוויצט, פאַר־שטייט איר מיך!" גאָט ווייס, אויב יודל דאָקטער האָט אַמאָל געהאַט אַזאַ אמתן גוטן פּרײַנט, ווי אסתר איז אים געווען אין יענער מינוט פאַר זײַנע טײַערע, זיסע ווערטער! און ווער שמועסט אַצינד, אַז יאָסעלע האָט זיך אויפגעזעצט און בעט שוין עסן! — „אַ דאַנק דיר, אַ דאַנק דיר, גאָטעניו! — אַ דאַנק דיר, ליבער, האַרציקער, געטרײַער פאָטער!"... פלוצים עפנט זיך די טיר צו זלאַטען אין שטוב אַרײַן און עס שטעקט זיך אַרײַן אַ קאָפּ פון אַ נקבה, פאַרפּוצט מיט אַ מאָדנע היטעלע און מיט אַ וואַל איבערגעצויגן, און מאַכט אַזוי:

— דאָ זיצט שמואליק דער חזן?

— דאָ, אין דער אַנדערער האַלב. קומט, איך גיי אויך אַהין. — ענטפערט אסתר, און נעמט דאָס טעפל יויך איןביידע הענט און גייט מיט איר צו שמואליקן.

— וואָס מאַכט ער, שמואליק דער חזן? — פרעגט יענע, גייענדיק מיט אסתרן.

— וואָס זאָל ער מאַכן? — ענטפערט אסתרן. — געזונט, דאַנקען גאָט, מע לעבט, נאָר קיין צרות איז מע נישט זשעדנע.

— געזונט? — מאַכט יענע, חידושט זיך, באַטראַכט דערבײַ אסתרן און קלערט בשעת מעשה: „וואָס פאַר אַ שיין ווײַבל דאָס איז!" — יאָסעלע האָט דאָך מיר פאַרן אוועקפאָרן געזאָגט, אַז שמואליק איז שטאַרק שלאַף, גאָר מסוכן.

— האָ? — זאָגט אסתר, אָנקוקנדיק יענע פאַרוואונדערט, און עס פליט דורך בײַ אים אין קאָפּ אַ מחשבה: „ווער קאָן דאָס זײַן אָט דאָס ווײַבל?" — ניין, איר האָט אַ טעות: דאָס איז יאָסעלע געווען מסוכן, נישט שמואליק.

— יאסעלע! ? — טוט יענע מוראדיק א געשריי. אסתר בעט זי, זי זאל זײַן שטיל, מחמת אט איז די טיר און אט איז ער, דער חולה אליין.

— אסתר גייט אַרײַן מיטן טעפּל אין די הענט, און יענע נקבה לויפט פאר איר, אויסגעשטרעקט ביידע הענט אף צופרי̇ער; נאר זיי בלײַבן ביידע שטיין אין מיטן שטוב, ווי די העלצער, נישט וויסנדיק וואס מיט זיי טוט זיך. אויסגעדרייט מיטן פנים צו דער וואנט, זיצט יאסעלע סאלאוויי אפן בעט און זינגט, מאכט חזנישע העויות, אונטער־האלטנדיק זיך מיטן גראבן פינגער אונטערן גארגל, אפן אלטן חזנישן שטייגער, און דער גאנצער עולם ארום־און־ארום שטייט פארגאפט, פאר־ציטערט, פארשטוינט און צעמישט, נישט וויסנדיק וואס דאס באדײַט... דאס זינגען יאסעלעס איז משונה ווילד, מוראדיק זיס און שרעקלעך טרויעריק; עס לאזט זיך הערן ווי מיט א זיפץ פונעם הארצן, עס צע־גייט זיך אין אלע גלידער און רירט אן ביז דעם מארך פון די ביינער; עס האט נישט קיין געשטאלט, קיין סדר פון קיין זינגען, נאר עס גיסן זיך גלאט זעלטענע קולות, נישט קיין געוויינלעכע, גארנישט קיין מענטש־לעכע, נאר צוקערזיסע, גלאטע און ווייכע, נאר ווילדע, משוגענע קולות. פלוצים לאזט ער אוים מיט א מין שרעקלעכן קריי: „קו־קא־רי־קו!!!" און צעלאכט זיך מיט אזא ווילדן, הילכיקן „כא־כא־כא!", אז עס שטעלן זיך בא איטלעכן די האר קאפויר, און מע שטייט, ווי געלעמטע, קוקנדיק איינס אפס אנדערע.

— א? זי איז דא, די קאץ! די קאץ! — שרײַט אוים יאסעלע, אנווייזנדיק מיט דער האנט אף יענער נקבה (עס פארשטייט זיך, אז דאס איז געווען פערעלע זײַן ווײַב). — איר זעט? זי איז שוין ווידער דא! זי איז שוין ווידער דא! כאפט זי! טרײַבט זי! יאגט זי! זי וויל מיך דערווארגן, דערשטיקן! וואס שווײַגט איר? האוו־האוו־האוו!!!

און יאסעלע שפרינגט אראפ א האלבנאקעטער פון בעט און וויל זיך לאזן לויפן צו פערעלען, וואס שטייט הינטער אסתרן אזו האלט זיך אן מיט ביידע הענט אין יענערס פלייצעס, און זיי ציטערן ביידע, ווי די לעמעלעך. יודל דאקטער לויפט־צו צו אים, נעמט אים אן פאר ביידע הענט און וויל אים צוריק אנידערזעצן אפן בעט. נאר יאסעלע לאזט זיך נישט. ער ראנגלט זיך מיט אים און רײַסט זיך אוים פון זײַנע הענט.

ער לויפט־צו צו אסתרן, כאַפּט אויס בײַ איר פֿון די הענט דאָס טעפּל זודיקע יויך און גיסט אויס אױף יודל דאָקטאָר.

— ער איז געררירט! — שרײַט אויס יודל דאָקטער. — וואָס שטייט איר, ווי ליימענע גולמס? נעמט בינדט אים, קרעמפּעוועט אים! איר זעט דאָך, אַז ער איז פֿונעם זינען!!!

. . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . .

אין עטלעכע טעג אַרום האָט שמואליק דער חזן נעבעך אַליין גע־מוזט בינדן זײַן זון, אים „קרעמפּעווען", ווי יודל דאָקטער האָט געהייסן, און אָפּפֿירן אים קיין מאַקאַרעווקע צום רבין. ווער עס האָט נישט אָנ־געקוקט דעמאָלט שמואליקן אינעם ציצן כאַלאַטל מיט דער גרינער שאַל אָפּן האַלדז, צוהאַלטנדיק יאָסעלען מיט ביידע הענט, ער זאָל זיך פֿון בויד נישט אַרויסוואַרפֿן, — ווער עס האָט דאָס אַליץ נישט געזען, דער באַדאַרף לעבן מער מיט צען יאָר. „אַ מענטש באַדאַרף זיך טאָקע אײַ־בערנעמען!" — האָבן געשמועסט די, וואָס האָבן באַגלייט די דאָזיקע אומגליקלעכע פֿאַרשווינדלעך.

לייזער בעל־עגלה האָט זיך נישט געריכט, אַז אין דער אייגענער בויד, וואָס ער האָט מיט אַ חודש פֿריער געבראַכט יאָסעלען אַ פֿרישן, אַ געזונטן, וועט ער אים דאַרפֿן פֿירן צוריק אין אַזאַ אופֿן. ער האָט זײַן גאַנץ ביטער האַרץ אויסגעלאָזט צו די פֿערדלעך נעבעך, און גייענדיק מיט שמואליקן צופֿוס אַרויף אַ באַרג בײַ דער זײַט פֿון וואָגן, האָט לייזער געהאַלטן אַ גאַנץ לאַנגע דרשה, אויסלאָזנדיק מיט די דאָזיקע ווערטער:

— הערט איר, רב שמואליק? ס'איז דאָך נאַריש; אונדזער בעל־עגלהשע פּרנסה ווייסט איר דאָך מסתּמא; ווי זאָגט ער, מע זעט זיך איבער אַ וועלט מיט מענטשן אַלערליי; מע פֿאָרט, מע לויפֿט, דער אַהער, דער אַהין, ס'איז אַ יריד! איך שווער אײַך, מעגט איר מיר גלייבן, איך בין שוין אַ ייִד פֿון אייניקלעך, זאָלן געזונט זײַן, ווי זאָגט ער, אַ ז יידע; אַז מע וויל זיך נאָר רעכט באַטראַכטן, ווי עס געהער צו זײַן, זעט מען ערשט אַרויס, אַז ס'איז אַ פּאַסקודנע וועלט; פּע, כ'לעבן!

## עפּילאָג

— איך ווייס גאָרנישט, וואָס מײַן אסתר איז אַזוי נישט מיט אַלע־מען! — זאָגט זלאַטע, זיצנדיק אין מאַרק מיט אַ גאַנץ רעדל ווײַבער קרעמערקעס, און איר שוועסטער יענטל אויך אין מיטן. — פֿון נאָך איר חתונה זע איך פֿון איר נישט קיין פֿריילעכע מינע. זי גייט אַלץ צוריק און צוריק. איך ווייס? אַזאַ לעבן, ווי זי האָט בײַ איר מאַן — קיין עין־הרע נישט! ווייס איך, וואָס דאָס איז?

— אַ נײַעס אַ ביסל! — רופֿט זיך אָפּ איינע פֿונעם רעמל. — אַלע ווײַבלעך זײַנען אַזוי: כּל־זמן אַ מיידל, איז דאָס אַ גאַנצער קאָזאַק; קוים האָט עס חתונה, ווערט עס אָן דעם גלאַנץ מיטן קאָליר, עס ווערט אַ שמאַטע, נאָט אײַך אַ גראָשן פֿאַר אײַנגאַנצן!

— און איך זאָג אײַך, — מאַכט די אַנדערע — אַז ס'איז נאָר פּאַסטעווקעס און געננג! מײַן ייִנגערע שנור, איר געדענקט אירע באַקן? זי איז נאָר פֿאַרגאַנגען אין טראָגן, איז זי געוואָרן, ווי איך האָב ערגעץ אַ שונא! ס'איז פּאַסטעווקעס, זאָג איך אײַך.

— נעפּריטשקאָם! — רופֿט זיך אָפּ די מומע יענטל. — פֿון אײַער מויל אין גאָטס אויערן; שיינע פּאַסטעווקעס! אַז איך וועל זען, וועל איך אים זאָגן!

— וואָס־זשע גליבסטו זיך דאָ נישט אַזוי? — שלאָגט איר איבער אַן עלטערע ייִדענע. — מיר האָבן שוין אַזעלכע זאַכן געזען. אַ ווײַבל זיצט אָפּ יאָרן אָן קינדער און, אַז גאָט העלפֿט, הייבט זי אָן קינדלען, שיט און שיט, ווי אַ קוואָטשקע. גאָט נאָר קאָן העלפֿן, זלאַטע, איבער אַ יאָר אַף אַ ברית.

— אָמן! — —ענטפֿערט יענטל. — אַ קאַץ וואַשט זיך, אַ גוטער פֿרײַנט בענטשט...

קיינער ווייס נישט, וואָס אסתרן איז אַזעלכעס. מע זעט נאָר, אַז וואָס אַ טאָג דאַרט זי, טריקנט און צאַנקט ווי אַ ליכט. אַלטער קאָרגט נישט קיין האַלב־קערבל: ער שיקט רופֿן דעם רופֿא. יודל דאָקטער באַ־

טראַכט זי און זאָגט: „זי איז פּראָסט נישט געזונט; עס טוט איר ווײ „די בלאַט" פונעם האַרצן און סע שפּאַרט איר אונטערן לעפעלע". ער גיט איר טרינקען טראָן, „שאַלווי", ליפּאָווע צוויִט" און אַנדערע קרײַטער, און הייסט איר נישט קילן דעם הוסט. „אַ הוסט, זאָגט יודל, אַז מע קילט אים צו, איז זייער נישט גוט!" ער הייסט איר טרינקען אַ סך מילך, עסן פּוטער אַ סך און האָבן שטענדיק בײַ דער האַנט גוטע „נאַס־טאַיקע", הכלל — זיך אָנטאָן וואַרעם. אסתר אָבער טריקנט אָפּ, צאַנקט ווי אַ ליכט, און קיינער ווייס נישט, וואָס איר איז...

שמואליק דער חזן ליגט שוין לאַנג אויפֿן נײַעם בית־עולם. עס איז צוגעקומען אין מאַזעפּעווקע נאָך עטלעכע הונגעריקע נפשות, אַ וויסטע אַלמנה מיט עטלעכע פּיצלעך קינדער. געוויינלעך, לאָזט מען זיי נישט פֿאַלן: זלאַטעס עלטערע שוועסטער ברײַנע האָט גענומען אַ פּאַטשיילע און איז נאָך מיט אַ ייִדענע אַ גבאיטע אַרויסגעגאַנגען אויף דער שטאָט מאַכן אַ נדבה פֿאַר דער אָרעמער חזנטע מיט אירע קינדערלעך.

פּערעלע די דאַמע איז געבליבן אַן אַלמנה חיה. נאָר מע זאָגט, אַז זי לעבט דווקא גאָרנישט שלעכט; געלט האָט זי און פֿאָרט אַלע יאָר קיין פֿראַנצעסבאַד... איר פֿאָטער, מאיר זײַטשיק, איידער ער רײַסט אַרויס בײַ איר אַ הונדערטער, קומט אים אָן שווערלעך: „ווי בײַ אַ הונט פֿון די ציין" — זאָגט מלכה זײַן ווײַב.

לאהצי די פּאַקאַיאָווע האָט אויך נישט גוט אָפּגעשניטן פֿון איר ליבע. איר חתן לוי־מאָטל מיט די לאַנגע הויזן, מיט די שטיוול און „גאַ־ליאָשן", האָט מיאוס אויסגענאַרט בײַ איר די עטלעכע גראָשנס און זיך געקריגן אַן אַנדער כלה, נישט קיין געשטופּלטע ווי זי, און לאהצי נעבעך האָט אָפּגעדינט נאָך אַ יאָר דרײַ און האָט חתונה געהאַט פֿאַר אַ שוסטער. יענע העכסט־אינטערעסאַנטע „ראָמאַנסן" האָט זי שוין לאַנג פֿאַרגעסן. זי לעבט אַצינד גאַנץ נישקשהדיק, איז זיך אַליין אַ בעל־הביתטע. עס פֿעלט איר נאָר אַ קו. זי האָט אַפילו געפּרוּווט אָנשרײַבן צו דער „מאַדאַם" אַ גאַנץ גרויסן בריוו און בעטן, זי זאָל איר באַהילפֿיק זײַן, נאָר זי האָט נישט קיין תשובה פֿון דאָרטן עד היום נאָך.

—פּרוּוו, גיי זיך דורך נאָך אַ מאָל צו הענזל דעם שרײַבער, — זאָגט צו איר הענעך, דער מאַן אירער, — לאָז ער דיר אָנשרײַבן אַן אַנדער בריוול. אפשר איז דאָרט ווינציק געווען אָנגעשריבן?

רב קלמן שדכן לעבט נאך. ער איז שוין זייער אַלט און טויב ווי די וואנט. נאָר עס פּלאָנטן זיך אים נאָך אין קאָפּ שידוכים פאַרשיידענע. עס חלומען זיך אים נאָך בחורים פאַרזעסענע מיט מיידלעך דערוואַקסטענע, מיט אַלמנות און גרושות אַז אַ שיעור.

גדליה באָם פּאַרט דאָרט ערגעץ אַרום מיט די שעדלעצער חזנים. ער קוקט אויס, טאָמער וועט אים גאָט צושיקן עפּעס אַ מין אַנטיקל, ווי יאָסעלע סאַלאָוויי. עס האָבן זיך שוין אָבער אויסגעלאָזט די גליקן, און אַזעלכע אַנטיקן, ווי יאָסעלע, איז היינטיקע יאָרן שוין נישט צו באַקומען.

די שטאָט סטרישטש שטייט אַף איר אָרט. און בערל־אײַזיק איז דאָרט היינט אַ ייִד אַ בעל־הבית פון אַן אייגענער שטוב מיט אַ גאַנץ פיין קלייטל. ווינטער טראָגט ער אַ שיינעם פעלץ מיט פיקסן, און אין קלויז האָט ער אַ שטאָט אין מזרח. ער איז דאָרט גאָר אַ גאַנצער יש: „ס׳טײַטש, בערל־אײַזיק!”...

* * *

אין דער ייִדישער שטאָט מאַקאַרעווקע האָט מען אַ צײַט מיט יאָרן געקאָנט באַגעגענען אין שול און אין גאַס אַ הויכן, אַ דאַרן יונגנמאַן, מיט לאַנגע שיטערע האָר, מיט אַ גרויסן געלן טלית־קטן אַפן צעבראָכטענעם האַרצן און מיט אַ מאָדנעם קאַפּעליוש אַפן קאָפּ; דער האַלדז תמיד פאַרבונדן מיט אַ וואַרעמער פאַטשיילע, אַף די אויגן אַ פּאָר בלויע ברילן און אַף די פיס איין שוך און איין שטיוול. זײַן עובדא איז געווען אַרײַנקומען אין אַ שטוב אַרײַן, נישט ריידן קיין וואָרט, זיך שטילערהייט וואַשן, זאָגן „שאו ידיכם”, זיך זעצן צום טיש און וואַרטן, ביז מע וועט אים דערלאַנגען עפּעס עסן. נאָכדעם אָפּבענטשן, אויפשטיין און אַוועקגיין אָן ווערטער. זעלטן האָט זיך געמאַכט, ער זאָל אויסריידן מיט עמעצן אַ וואָרט. נאָך מער זעלטן פלעגט זיך טרעפן, אַז ער פלעגט זיך אַוועקשטעלן מיטן פּנים צו דער וואַנט און פלוצים זיך צעזינגען, אָבער אַזוי זיס, אַזוי געשמאַק, מיט אַזוי פיל האַרץ און אַזוי בריהש, אַז נישט איין מאָל פלעגן מענטשן, פאַרבײַגייענדיק, אַוועקוואַרפן אַלע געשעפטן, זיך אָפּשטעלן און האָרכן, ווי דער משוגענער פראַוועט חזנות, שטעלט אויס אַ „ועל־המדינות־בו־יאמר”, אַז ס׳איז אַ מחיה נפשות, זאָגט „יעלות”, אַז עס צעגייט זיך

פשוט אין אלע אברים. נאר עס האט זיך זייער זעלטן געטראפן, אז ער זאל אפזיינגען ביזן סוף, ווי א מענטש; סאמע אינמיטן זינגען, פארקא־טשענדיק זיך אפן האלדז און צעשיטנדיק זיך אין דריבנע טרעלן, — פלעגט ער זיך פלוצים צעלאכן, אנהייבן מיאוקען ווי א קאץ, האווקען ווי א הונט, אדער א פאטש טאן מיט ביידע הענט, ווי א האן מיט די פליגל, און אויסשרייען אף א משונה־נאריש קול: „קוקא־ריקו!!!" אזוי, אז אלע פלעגן בלייבן טויט פאר שרעק. ווייבער האבן געקוקט אף אים, געשאקלט מיטן קאפ, אויסגעווישט זיך די פארוויינטע אויגן און געקרעכצט אף א תחינה־קול: „מ'שטיינס געזאגט געווארן, אויך מיר א גאטס באַ־שעפעניש, א זינדיקער מענטש, דערבארעמיקער פאטער! נעמט אייך אראפ א מוסר, יידישע קינדער! אזא כלי — און עס ליגט אין איר א דבוק, נישט דא געדאכט, נישט פאר קיין יידן געדאכט! אך און וויי איז דער מאמע אדער דעם טאטן דארטן! זאלסט מיך שטראפן ליבערסט מיטן טויט, איידער מיט אזא שטראף, ליבער גאט!"... יידן האבן אף אים שטארק רחמנות געהאט, פלעגן אים תמיד געבן עסן און טרינקען, אמאל אן אלט העמד, אן אפגעניצעוועט מלבוש, אמאל א גראשן. נאר פון יינגלעך, קונדסים, פלעגט דער משוגענער ליידן נעבעך, האבן צרות אפן פוד. ווייסע־חברהניקעס פלעגן אים נאכלויפן טיטשקעסווייז, אים דע־קוטשען, שטורכען און קנייפן, צופן און שנעלן אין נאז אריין און שרייען אף א קול: „סאלאוויי! וואס ביסטו — א סאלאוויי, צי א האן, צי גאר א טשערנאהאז? זינג אונדז עפעס, טשערנאהאז!" ער האט דאס אבער אלצדינג איבערגעטראגן קאלטבלוטיק, אפילו זיך קיין קנייטש נישט געטאן, קיינעם נישט געענטפערט דאס צווייטע ווארט, און אלץ געגאנגען דעם קאפ פאררייסן ארויף, קוקנדיק אף אלעמען דורך די בלויע ברילן מיט גרויס גדלות, גלייך ווי די גאנצע וועלט איז זיינע...

עס פארשטייט זיך, אז דאס איז געווען יאסעלע סאלאוויי.

---

# אין שטורעם

## אַ ראָמאַן אין צוויי טיילן

געשריבן אין יאָר 1907.

# אינהאַלט

## ערשטער טייל


פּסח, פּסח און פּסח — — — — — — — — — — — 227
קינדער און עלטערן, עלטערן און קינדער — — — 243
מאַשאַ באַשעוויטש — — — — — — — — — — — 256
יאַשקאַ וואַראַנאַ — — — — — — — — — — — 261
די קליינע קאַמונע — — — — — — — — — — 263
געשאָסן דעם פויגל און ניט געטראָפן — — — — 265
מאַשאַ זוכט אַ טעריטאָריע — — — — — — — — 273
מאַשאַ באַשעוויטש בא טאַמאַראַ שאַסטעפּאַל — — 281
ער האָט זיי געפּאַקט! — — — — — — — — — — 288
דער זונטיק — — — — — — — — — — — — 292
טאַמאַראַ באַפרײַט — — — — — — — — — — 295
פון צער און צאָרן — — — — — — — — — — 298


## צווייטער טייל


טאַטעס און קינדער — — — — — — — — — — 311
פּסח צום סדר — — — — — — — — — — — — 323
דעם שוסטערס אורח — — — — — — — — — — 331
איציקל שאַסטעפּאַל גייט אַרום אַן אַ קאָפּ — — — 349
אַ שטילע טראַגעדיע מיט אַ רעשדיקן סוף — — — 359
אַ ביטער שטיקל צײַט — — — — — — — — — 367
אַלצדינג רוט — — — — — — — — — — — — 380
מזל־טוב! גוט יום־טוב — — — — — — — — — 384
פאַרשטערט דעם יום־טוב — — — — — — — — 389
וואָס טאַמאַראַ האָט געזען און געהערט — — — — 398
דער שטורעם פאַרשפּרייט זיך — — — — — — — 400
אייביקע וואַנדערער — — — — — — — — — — 407

# ערשטער טייל

## קאפיטל א.

## פסח, פסח און פסח

דריַי פאַרשיידענע פסחן האָט מען צוגעגרייט אינעם הויז נומער 13, וואָס אַף וואַסילטשיקאָווער גאַס.

דאָס הייסט, דער פסח איז איינער, די מצות, דער מרור, די הגדה — אַלץ, אַלץ די זעלבע, נאָר די אָרט צוגרייטן, דאָס פאַרברייטן, דאָס ריכטן זיך איז נישט אומעטום גליַיך. וויַיל די מענטשן, וואָס אינעם הויז נומער 13 אַף וואַסילטשיקאָווער גאַס, זיַינען פאַרשיידענע מענטשן מיט פאַרשיידענע כאַראַקטערן, מיט פאַרשיידענע מיינונגען.

דריַי זיַינען זיי דאָ אינעם הויז נומער 13, וואָס אַף וואַסילטשיקאָווער גאַס, און יעדער פון די דריַי מיינט, אַז נאָר ז י י ן גאָט איז אמת, אַז נאָר ז י י ן מיינונג איז ריכטיק און אַז נאָר צוליב אים איז באַשאַפן געוואָרן אָט דאָס וועלטל.

אפשר מיינט איר, אַז די דריַי זיַינען מענטשן פון פאַרשיידענע גלויבנס, פון פאַרשיידענע עלטערן און פון פאַרשיידענע לענדער?

חלילה! אַלע דריַי גלייבן אין איין גאָט, אַלע דריַי קומען אַרויס פון איין יחוס און אַלע דריַי געהערן צו איין לאַנד.

דאָס זיַינען דריַי רוסישע ייִדן, וועלכע דער פּאַרפאַסער פון דעם ראָמאַן האָט די ערע פאַרצושטעלן פאַר זיַינע לעזער: א י צ י ק ל ש א ס ט ע פ א ל, ס א ל א מ א ן ס א פ ר א נ א ו י ט ש און נ ח מ י ה ד ע ר ש ו ס ט ע ר.

איציקל! — דער נאָמען אַליין זאָגט איַיך שוין, אַז דאָס דאַרף זיַין אַ ייִד פון דער אַלטער וועלט, אַ ייִד, וואָס האַנדלט מיט וואַלד, מיט גוראַלניס, מיט ברויט, מיט פּאָדראַדן; אָדער ער האָט אַ שאַרפע קראָם, אַ מאַנופאַקטור־געשעפט, אָדער אַ פאַבריק פון גלאָזוואַרג; אָדער ער שטעלט צו פּראָוויאַנט אין די טורמעס מיט די קאַזאַרמעס, טיילט זיך מיטן סמאָטריטעל און מיט די אינטענדאַנטן אַף דער האַלב און האָדע־

וועט די אַרעסטאַנטן און די סאָלדאַטן מיט קדחת און מיט קרענק; אָדער אויב נישט, איז איציקל אַ ייִד אַ בעל־הלוואה, חלילה נישט קיין פּראָ־צענטניק, קיין וואָכערניק, נאָר מעשה באָנקיר מיט אָנווייזונגען און טראַטן, יאָגט זיך נישט נאָך גרויסע פּראָצענטן, זוכט בטוחים, פּאָרלייט געלט אַף הייזער, סאָלידע וועקסלען וכדומה.

יעדנפאַלס, איז איציקל פאַררעכנט אין שטאָט פאַר איינעם פון די פיינסטע, פּאַרנעמסטע און אָנגעזעענסטע מענטשן. אומעטום באַגעגנסטו אים אויבן אָן, אומעטום הערסטו: איציקל שאַסטעפּאַל! איציקל שאַס־טעפּאַל! איז ערגעץ אַ שמחה, אַ פאַרזאַמלונג, אַן אונטערהאַנדלונג וועגן שטאָט־זאַכן — איז איציקל שאַסטעפּאַל. איז, חלילה, אַ צרה, אַ לויה, אַן אומגליק, אַ שׂרפה, אַ מגפה, אַ פּאָגראָם — איז איציקל שאַס־טעפּאַל. קלייַבט מען געלט — איז איציקל שאַסטעפּאַל. דאַרף מען שרייַען — איז איציקל שאַסטעפּאַל. און פון אמת קאָן מען נישט אַוועקגיין: שרייַען קאָן איציקל שאַסטעפּאַל זייער גוט. געבן גיט ער נישט אַזויפיל, ווי ער שרייַט און פילדערט און טאַראַראַמט...

אַז איר וועט קומען אַמאָל צו פאָרן אין מייַן שטאָט אַרייַן, אָדער אַז איר וועט פאָרן אַמאָל אין באַן און וועט באַגעגענען אַ צעטראָגענעם נפש מיט רויטע גלאַטע בעקלעך, מיט שטאַרק גלאַנצנדיקע שוואַרצע (איצט שוין גרוילעכע) האָר, מיט אַ געקרייזלט בערדל, וואָס ער לאָזט דאָס נישט צו רו און פלעכט דאָס און דרייט דאָס און צופּט דאָס, מיט גרויסע שיינע שוואַרצע ייִדישע אויגן, וואָס ווען אַ פרוי פאַרמאָגט אַזעלכע אויגן, זייַט איר נאָך איר די כפרה, מיט אַביסל אַן אויסגעבויגענער עכט־ייִדישע נאָז, מיט אַ קאַפּעליושל, וואָס איז תמיד פאַררוקט אַרונטער אַף יענער זייַט קאָפּ, מיט האַלב־פּאַרקאַטשעטע אַרבל און מיט אַ שירעם אונטערן אָרעם סייַ זומער סייַ ווינטער, — אַז איר וועט באַגעגענען אַזאַ נפש, מעגט איר צוגיין צו אים גלייַך, אַף מייַנע אחריות, איר זאָלט גאָר קיין מורא נישט האָבן, און זאָגן צו אים: — שלום עליכם, רב איציקל!

וועט ער אויפשטעלן אַף אייַך זייַנע שיינע שוואַרצע ייִדישע אויגן, געבן אַ האַלבן שמייכל, אויסציִען אַ ווייַסע, אַ שיינע, אַ ווייכע האַנט און אייַך ענטפערן: עליכם שלום אייַך, וואָס מאַכט איר?

ער וועט באַ אייַך נישט פרעגן, ווער איר זייַט, און וויאַזוי איר הייסט: וואָרעם אַז איר זייַט אים מכבד מיט אַ שלום־עליכם, קענט איר

אים מן־הסתם. און ווער קען אים נישט? פונעם קלענסטן אָרעמאַן ביזן גרעסטן גביר און אַריסטאָקראַט, און צוריק — פונעם לעצטן קאַלבאַסניק ביזן שטרענגסטן פּרומאַק קענען זיך אַלע מיט איציקל שאַסטעפּאַל, און איציקל שאַסטעפּאַל קען זיך מיט אַלעמען, שטימט מיט אַלעמען, זאָגאָר באַפריַינדעט מיט אַלעמען, און אויסגעבונדן מיט דער גאַנצער וועלט.

און די „גאַנצע וועלט" האָט ליב אַזעלכע מענטשן. די „גאַנצע וועלט" האָט ליב אַ מענטשן, וואָס בייגט יענעם און בייגט זיך אַליין; די „גאַנצע וועלט" האָט ליב אַ מענטשן, וואָס שמייכלט און לאָזט זיך שמייכלען, וואָס נאַרט אָפּ און לאָזט זיך נאַרן, וואָס טרעט און לאָזט זיך טרעטן. די „גאַנצע וועלט" גייט מיט דעם גאַנג, אַז פּרינציפּן, אידעאַל: וּבדומה אַזעלכע זאַכן זיַינען גוט אַף פּאַפּיר; אינעם לעבן זיַינען זיי נאַרישקייטן, קינדעריַיען, יִינגלשע זאַבאַבאַנעס... פאָלג מיך, לעזער, גיב אַהער די האַנט, לאָמיר גיין וויַיטער, מיר האָבן אַ סך — אַ סך צו גיין!

דער צווייטער פּאַרשוין, וואָס וווינט אינעם הויז נומער 13, וואָס אַף וואַסילטשיקאָווער גאַס, איז סאָלאָמאָן סאַפּראַנאָוויטש דער אַפּטייקער, אַ טיפּ פון יענעם מין אַפּטייקערס, וואָס עסן אַ קאַלבאַס איַינגעטונקען אין סמעטענע אַז אַ היטל אומגעוואַשן פאַרן דאַווענען יום־כּפּור איַינ־דערפרי און האָבן פיַינט אַ ייִדן בתכלית השנאה, און נאָר דערפאַר, וואָס קיין אומה ולשון פאַרמאָגט נישט אַזויפיל סוביעקטן מיט געלע האָר, ווי דאָס ייִדישע פאָלק. און כמעט קאָן מען זאָגן, אַז ער האָט רעכט. איר האָט געזען עפּעס אַ סך רויטע גויים מיט געלע האָר? אַליין איז ער אַ געלער, אַ טאַטן האָט ער געהאַט אַ געלן, אַ שוועסטער האָט ער — איז זי אַזש אַ רויטע; ער האָט אַ זון, סאַשאַ הייסט ער (מיר וועלן זיך באַלד מיט אים באַקענען), איז ער אַ געלער.

מאָלט איַיך, סאָלאָמאָן אַליין פאַרבט זיך, גאָלט זיך, לאָזט נישט, מע זאָל אַרויסזען די געלע האָר פונעם קאָפּ מיטן באָרד. וואָס־זשע טוט מען אָבער מיט די ברעמען? וויפל וואָלט סאָלאָמאָן סאַפּראַנאָוויטש אַוועקגעגעבן, ער זאָל געווען געבאָרן ווערן אַ שוואַרצער!

דאָס איז אָבער אַלץ געווען אַמאָל; איצט איז אונדזער סאַפּראַנאָ־וויטש שוין נישט מער קיין געלער: ער איז שוין אַ וויַיסער — ער איז גרוי.

און גרוי איז ער געוואָרן פאַר דער צײַט פון צער־גידול־בנים, איבער צרות פון קינדער!

איין קינד, איין־און־איינציק שטיקל סאַשאַ — און אַזויפיל צרות! און פון וואָס, מיינט איר, צרות? אַ שלעכט קינד? וויל נישט לערנען? אַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ? — חלילה, אומגעקערט. אַ ייִנגל איז סאַשאַ געווען אַ ווילם; אַ קעפּל אַ גוטס; לערנען האָט ער געוואָלט זייער; צו צען יאָר איז ער געווען גרייט אַרײַנצוטרעטן נישט נאָר אין ערשטן — אין דריטן קלאַס גימנאַזיע. איז אָבער דער חסרון, וואָס מע האָט אים נישט געוואָלט צונעמען איבער די פּראָצענטן! איך מיין, אַז איך דאַרף מײַנע לעזער נישט געבן צו פאַרשטיין, פון וואָסערע פּראָצענטן עס רעדט זיך דאָ. אַלע ווייסן, ברוך השם, אַז בײַ אונדז אינעם געבענטשן רוסישן לאַנד האַנדלט מען מיט אַ ייִדן אויף פּראָצענטן: אין די גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטן נעמט מען צו וואָס ווייניקער ייִדישע קינדער, דערפאַר אָבער אַז עס קומט צום פּריזיוו, צום מיליטער, נעמט מען בײַ ייִדן אַן פּראָצענט. זיי זאָלן חלילה קיין פאַריבל נישט האָבן...

אַד, האָט זיך נעבעך סאָלאָמאָן סאַפּראַנאָוויטש געפּלאָגט, געערגערט זיך, אויסגעריסן געוואָרן! ס׳טײַטש, זײַן זון, זײַן סאַשאַ וויל מען נישט צונעמען אין גימנאַזיע! ערשטנס, איז ער נישט גלײַך מיט אַלע ייִדן, איז באַקענט מיטן דירעקטאָר פון גימנאַזיע, קען זיך גוט מיט די לערער, שפּילט מיט זיי אין פּרעפערענס און אין ווינט.. מיט איינעם אַ לערער, ראָמאַנענקאָ הייסט ער, האָט ער געהאַט אַ שמועס וועגן זײַן זונדל סאַשאַ, און האָט געכאַפּט פון אים אַ מיאוסן אַפּשניט. ער, דער לערער ראָמאַ־נענקאָ, האָט אים אַנגעשניטן אַפּן גוייִשן שטייגער: — וואָס ווילט איר? ווּהין קריכט איר? וואָס פאַר אַ שייכות האָט איר, יהודים, מיט אונ־דזערע שולן, גימנאַזיעס, אוניווערזיטעטן? דאָרטן, אין אײַער לאַנד, אין ארץ־ישראל, וועט איר געבן אײַערע קינדער שטודירן! דאָ וועט איר זיי לערנען האַנדלען, וואַנדלען, שאַכער־מאַכער!...

אַ צעקאָכטער איז אַוועק פון אים אונדזער אַפּטייקער, נישט געוווּסט, ווּ זאָל ער אַהינטאָן די גרויע אויגן מיט די געלע ברעמען אונטער די בלויע ברילן. ערגער פון אַלץ האָבן אים געשטאָכן די ווערטער: „אײַער לאַנד"... „ארץ־ישראל"... ער, סאָלאָמאָן סאַפּראַנאָוויטש, איז אַזאַ מחותן מיט ארץ־ישראל, אַזוי ווי ראָמאַנענקאָ איז אַ מחותן מיט יושר...

אדרבה, אין שטאָט ווייסן אַלע, אַז סאַפּראָנאָוויטש דער אַפּטייקער איז אַ געפּערלעכער אַנטיציוניסט „פּאַ פּרינציפּו", האָט פּיַינט די נייַגעבאָרענע יִדישע סעקטאַנטן, וואָס רופן זיך נאַציאָנאַליסטן, אַ סך ערגער, ווי איציקל שאַסטעפּאַל האָט פּיַינט די וויַיסע־חברהניקעס, וואָס ווילן זיך צעטיילן מיט זייַן ביסל אַרעמקייט — די סאָציאַליסטן.

און מערקווירדיק, ווי גאָט פירט די וועלט! באַדאַרף זיך טרעפן אַזוי, אַז דוקא בייַ דעם אַפּטייקער, דעם געוועזענעם קאַלבאַסניק און איצטיקן אַנטיציוניסט, שפּרינגט אַרויס אַ זון סאַשאַ, אַ הייסער פּיַיער־קער נאַציאָנאַליסט! און בייַ דעם בורזשואַזנעם איציקל שאַסטעפּאַל, וואָס האָט מורא פאַר אַ סאָציאַליסט ערגער ווי פאַר אַ רוסישן זשאַנדאַרם, וואַקס אויס אַ טעכטערל טעמע אָדער טאַמאַראַ, אַ פאַרברענטע, אַ פאַר־קאַכטע סאָציאַליסטקע!

דער דריטער פּאַרשוין, וואָס וווינט אינעם הויז נומער 13, איז נחמיה דער שוסטער.

נחמיה דער שוסטער איז אַ שלים־מזל. אַזוי רופט אים זייַן וויַיב זיסל — אַ קליין שוואַרץ וויַיבעלע מיט קליינע שוואַרצע ברענענדיקע אייגעלעך, פון פאַרנט נישט איין צאָן. אַז מע טוט אַ קוק אויף דעם קליין־דאַר־טרוקן וויַיבעלע, און אויף אירע צוויי בנים חיים און בעני, צוויי הויכע, געזונטע, געפּאַקטע כלאַפּאַקעס, ווילט זיך בשום אופן נישט גלייבן, אַז דאָס איז די מוטער און דאָס זייַנען אירע קינדער. אויך דער פאָטער, נחמיה, האָט ווייניק ענלעכעס מיט זייַנע זין. נחמיה איז אַ קאָרענאָסט ייִדל, אַ באַוואַקסנס מיט אַ ברייטער ברוסט, מיט ברייטע ביינעריקע פּלייצעס, מיט אַ ברייט ביינעריק פּנים, מיט אַ צוגעפּלעצטע נאָז, און האָט ליב צוויי זאַכן: אַ ביסל בראָנפן און אַ סך רײדן. אַ גאַנצן טאָג מאַכט זיך אים נישט צו דאָס מויל. און זאָל ער נעמען אַ ביסל בראָנפן, אַזוי ווערט ער אָנשווינגן, אומעטיק און דערשלאָגן.

פּונקט דער היפּוך פון זייַן פרייַנט י ו ד ל ק ט נ ת י.

יודל קטנתים פּראָפעסיע איז שנייַדעריַי, נאָר פאַרנעמען פאַרנעמט ער זיך מער מיט פּאָליטיק, מיט זייַטיקע ענינים, מיט שטאָט־זאַכן; אויף אונדזער היימיש לשון ווערט דאָס אָנגערופן: אַ מענטש וואָס קהלט זיך. און קהלן קהלט ער זיך דערפאַר, וואָס ער זיצט, מיינסטנטייל, אַז אַ שטאָך אַרבעט, און מהאי טעמא איז ער אַ קבצן, און מהאי טעמא האָט

ער איז זיך נײַן מאָס רייד. און קטנתי רופט מען אים איבער זײַן לשון־קודש ריידן; כמעט נאָך יעדע צוויי־דרײַ ווערטער יידיש מוז ער אַרײַנוואַרפן איין וואָרט אַ לשון־קודשדיקס, וואָסער־נישט־איז, צי עס פּאַסט זיך, צי נייז, אַבי לשון־קודש. פאַראַן אַ סך מענטשן אַזעלכע, וואָס האָבן ליב באַפּוצן און אויסמישן זייער שפּראַך מיט פרעמדע ווערטער. איך קען איינעם אַ קליינשטעטלדיקן משכיל, אַ „אינטעליגענט", וואָס שפּריצט מיט פרעמדע ווערטער אַף אַלע זײַטן, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן „ישראליק ציוויליזאַציע" — און דאָס קליינע שטעטל, אַז עס גיט אַ נאָמען, איז דאָס אַנגעמאָסטן, ווי יודל קטנתי זאָגט: אָ ג י ל ו א ש מ ה —צוגעשניטן און אויפגענייט...

אַ משונה־מאָדנע רירנדע גוטפרײַנטשאַפט הערשט צווישן די צוויי ווילד־פרעמדע נפשות, ציווישן יודל קטנתי און נחמיה דעם שוסטער. ס'איז נישטאָ דער טאָג, וואָס יודל זאָל נישט קומען צו נחמיה דעם שוסטער „אַ ביסל זיצן", און אַ ביסל זיצן הייסט אַ ביסל שמועסן, און אַ ביסל שמועסן הייסט אַ ביסל באַריידן די שכנים, די שטאָט, די גאַנצע וועלט... נאָך אַז יודל איז אַף יענער זײַט שוועל, קאָנט איר שוין הערן אַ הוסט מיט אַ „רוח אין זייער טאַטן אַרײַן, עמד, אונדזער פאָלק, ס'זאָל אַף זיי קומען אַ פּאַהיבל, אַ חלירע, אַ שרפה, אַ מגפה מיט כל ישראל אחיהם"... ענטפערט אים נחמיה מיט אַ ניגון:

— ונאמר אמן! וואָס איז די מעשה, יודל, וואָס דו ביסט אַזוי, אַזוי...

— אַזוי וואָס? ברפידימדיק? — כאַפּט אים אונטער יודל קטנתי.
— ס'זאָל אַ רוח אין זייער טאַטנס טאַטן אַרײַן ביז אדם הראשון געפלויגן געוואָרן פאַר זייער יפיש חייכון ויסני יומיכון, ווי זיי פאַראומערן אונדז די יאָרן און טעג מיט זייערע פּאַראַדקעס און מיט זייערע מנהגים און מיט זייערע בעלי־טובות און מיט זייער רחמנות האָבן אויף אָרעמע לײַט נעבעך, וואָס האָבן נישט מיט וואָס דעם פּסח אַרײַנצופירן...

— שוין! — מישט זיך אַרײַן דעם שוסטערס ווײַב זיסל. — צוויי שלים־מזלען האָבן זיך צונויפגעסקאַמפּאַניעט און מע זאָרגט זיך וואָס אָרעמע לײַט האָבן נישט אַף פּסח. נו, און איר זײַט שוין באַוואָרנט מיטן גאַנצן פּסח? גייט איך געזונטערהייט. אם ירצה השם, יום־טוב

וועט איר קומען צו גיין, אדער חול המועד, דעמאָלט איז נישטאָ וואָס צו טאָן, וועט איר זיך אַנריידן, ווי די פּויקן...

און זיסל דעם שוסטערס ווײַב איז משלח דעם שנײַדער קטנתי מיט כבוד און נעמט זיך צו דער אַרבעט, רוימען, קערן, שמירן, וואַשן, קראַצן; צי ס'איז דאָ אַף פּסח, צי ס'איז נישטאָ אַף פּסח — פּסחדיק אין שטוב, כשר, ריין, זויבער — דאָס מוז זײַן, סײַ באַם גביר, סײַ באַם אָרעמאַן, און אפילו באַם לעצטן עני־שבעניים מוז זײַן פּסח גלײַך כשר, ריין און זויבער. באַ אַלעמען, באַ אַלע ייִדן גלײַך, באַ אַלע ייִדן אין איין צײַט, באַ אַלע ייִדן איין מצה, באַ אַלע ייִדן אַרבע כוסות —פיר, נישט מער און נישט ווינציקער... אין דער גלײַכהייט ליגט אַ שטיק סאָטיס־פאַקציע, אַ באַלוינונג פאַר דעם געמיינעם מאַן נעבעד, ער זאָל זיך נישט מתקנא זײַן אין דעם נגיד.

— האָט דען איציקל שאַסטעפּאַל אַנדערע מצות, ווי מיר? — אַזוי טישעט זיך נחמיה דער שוסטער און באַקומט פון זיין סקעפּטישער זיסל אַ יברכך:

— ס'אַ משל! האָט דאָך שוין איציקל שאַסטעפּאַל די מצות אין שאַפע, און מיר האָבן אַ קדחת!

— וועלן מיר האָבן מצות אויך. זיסל, דאגה נישט, אַלע ייִדן וועלן האָבן מצות אַף פּסח, קיין חמץ וועט קיינער חלילה נישט עסן!

—שלים־מזל! נו, און אייער? און שמאַלץ? און עופות? האָסטו פאַרגעסן?

— עט־נו, למאי אַ גאַנץ יאָר האָט ער דען נישט די זעלבע אייער און שמאַלץ און עופות? — אַזוי פּרוּווט דער שוסטער באַקעמפן דעם סקעפּטיציזם פון זײַן ווײַב און ברענגט איר אַ נײַעם אַרגומענט:

— צי אַ שטייגער, אַט וועלן מיר זיך אַלע זעצן אין איין צײַט צום סדר. אַלע וועלן מיר זאָגן פון איין הגדה, אַלע וועלן מיר דערציילן די זעלביקע נסים פון דעם זעלביקן מצרים, אַלע וועלן מיר טרינקען צו פיר כוסות. צי אפשר רעכנסטו, זיסל, אַז מיר וועלן טרינקען נאָר דרײַ כוסות, און איציקל שאַסטעפּאַל וועט טרינקען פינף כוסות?

— וואָס איך רעכן, ווילסטו וויסן? איך רעכן, אַז ער האָט שוין די אַרבע כוסות לאַנג אַנגעגרייט אין קעלער, און דו האָסט זיי דערווײַל נאָר אינזינען...

— וואָס אַרט מיך, אַז אינזינעז, נאַרעלע? וואָס איז מיר שלעכט, אַז איך טראַכט מיר איצט פון אַביסל משקה, פון אַ גוט ביסל ווייַן, אַז אמת אַ בעסאַראַבער גלעזל ווייַן, אַ געשמאַקס, אַ שטאַרקס, אַ שטשי־פּעדיקס?...

— וואָס זאָגט איר אויף דעם שלים־מזל?

די ווערטער זייַנען געזאָגט געוואָרן שוין צו די קינדער, צו חיימען און צו בעניז, וואָס זיצן באַם ווערקשטאַט מיט די האַמערס אין די הענט און קלאַפּן פּלעקלעך אין די פּאַדעשוועס אַרייַן.

— וואָס זאָלן מיר זאָגן? — ענטפערט איר דער עלטערער חיים פאַר זיי ביידן. — מיר קאָנען נאָר זאָגן, אַז דער וואָס האָט נישט וואָס צו עסן האָט פול רעכט צו דענקען וועגן עסן, און נישט נאָר צו דענקען פון דעם אַליין, נאָר צו טראַכטן וועגן דעם, וויאַזוי מאַכט מען, אַז אַלע זאָלן עסן גלייַך...

— וועגן דעם האָט אונדז שוין באַוואָרנט משה רבינו, — זאָגט נחמיה דער שוסטער, וואָס האָט זיך אָנגענומען מיט תורה פון יודל דעם שנייַדער.

— משה רבינו איז געווען אַ גאַנץ גוטער מענטש, — מישט זיך אַרייַן דער קלענערער זון בעני — ער האָט אונדז געשענקט אַלעמען גלייַך איין ברויט אויף פּסח מיט איין הגדה מיט איינע פיר כוסות; פאַרוואָס־זשע האָט ער שוין אין איינוועגס נישט געמאַכט, אַז אַלע זאָלן טאַקע האָבן די אַלע דרייַ זאַכן? דערווייַלע ווייסן מיר, אַז מצות און אַרבע כוסות האָט איציקל שאַסטעפּאַל, און מיר האָבן נישט מער ווי די הגדה...

— זיי האָבן אונדז אייַנגעטיילט די הגדה, — מאַכט חיים, — בכדי מיר זאָלן האָבן וואָס צו זאָגן, און זיי וועלן דערווייַל עסן די פּאַ־לירטשיקעס מיט די כרעמזלעך...

— אויסקרענקען זאָלן זיי, רבונו של עולם! — שטעלט אַרייַן דער־ווייַל אַ קללה זיסל.

— פאַרוואָס קומט זיי שילטן? — פרעגט נחמיה. — וואָס זייַנען זיי, חכמה מייַנע, שולדיק אין דעם, וואָס מיר האָבן נישט אויף פּסח?

— אָט מיט דעם, וואָס זיי האָבן און מיר נישט, זייַנען זיי שול־דיק!... — אַזוי גיט אים צו פאַרשטיין זייַן ווייַב זיסל, ווי אַ רבי גיט צו פאַרשטיין דעם תלמיד. — זאָלסט נישט זייַן קיין שלים־מזל, וואָלסטו

אליין פארשטאנען, אז זיי זאלן האבן ווינציקער, וואלטן מיר געהאט מער, דעמאלט וואלטן מיר זיך אלע אויסגעגלייכט.

— די מאמע איז א מארקסיסטקע! — באמערקט חיים צו בעניו, און בעני ענטפערט אים:

— מע וואלט זי באדארפט נעמען אמאל אף א דיסקוסיע... מאמע, וועסט גיין מיט אונדז אף א דיסקוסיע?

— אין דער ערד וועל איך אייך גיין! איר פארגעסט, אז ס'איז ערב־פסח, און איך האלט נאך גאר פון פארנט!... דער שלים־מזל זאל זיך עס דערמאנען, אז א חוץ קארטאפל האבן מיר נאך גארנישט נישט, נישט קיין ביסל שמאלץ, נישט קיין אייער, נישט קיין עוף... א קיש־קיש, קיש־קיש!...

דער דאזיקער „קיש" געהערט צום האן, וואס איז די גאנצע צייט געזעסן שטיל פארבארגן אונטערן אויוון און געפיקט די ברעקלעך, און דערהערט פון דער שוסטערן אזעלכע ווערטער, האט דאס אים א פנים פארדראסן:

— קא־קא־קא־קא־קא — מיט וואס בין איך נישט קיין עוף?

— אין דער ערד אריין, קיש־קיש־קיש־קיש־קיש! שוין צעבראכן א טעפל, א חלירע!

— א! זעסטו? — מאכט נחמיה דער שוסטער צום ווייב. — נאר וואס האסטו געזאגט, אז ס'איז נישטא בא דיר קיין עוף אף פסח, און וואס איז דאס?

— א גדולה אף דער באבע! — ענטפערט אים זיסל. — שיינע זאכן וועסטו האבן פון דעם דאזיקן עוף! דריי פונט ביינער און א האלב פונט פאדעשווע, פלייש ווי א גומעלאסטיק פון אן אלטן קאלאש. אפילו קיין פלאסטערל נישט אף אונטערצושמירן די סקאווראדע, טאמער וועט זיך פארגלוסטן די קינדער א לאטקע, א שטיקל צוגעפרישטע מצה... זאלסט אנקוקן בא איציקל שאסטעפאל גייען ארום צוויי אינדיקעס, אז אינדיק מיט אן אינדיטשקע, ס'זאל אים נאר פארשטערט ווערן, רבונו של עולם, גאט זאל טאן א נס, זיי זאלן אים טרפה ווערן ביידע מיטאמאל, וואלט איך מיך מחיה געווען! א שטיק געזונט וואלט מיר צוגעקומען!...

— וואָס וואָלט אָבער דיר אַרויסגעקומען דערפֿון? — פֿרעגט דער מאַן.

— אַ מצוה! פֿאַרוואָס קומט אים, אַז זײַן טאָכטער, וואָס איז געוואַקסן מיט מײַן טאָכטער אין איין הויף, אונטער איין דאַך, זאָל זי שטודירן אין די קלאַסן, שפּילן אױף פֿאָרטעפּיאַנעס, און אונדזער טאָכטער זאָל זיצן אײַנגעבויגן אין דרײַען איבער דער מאַשין, טאָמער וועט זי קוים פֿאַרדינען אױף אַ קליידל?

— צו ווײַמען האָסטו טענות? — שלאָגט איר איבער נחמיה און קוקט אױף איר דורך אַ מאָדנע בריל, וואָס באַשטייט פֿון איין גלעזל און פֿון איין לעכל.

— נישט צו דיר, שלים־מזל, צו גאָט האָב איך טענות...

— נישט צו גאָט, צו מענטשן דאַרפֿסטו טענהן. — מישט זיך אַרײַן דער עלטערער זון חיים. — גאָט אַליין האָט באַשאַפֿן די וועלט פֿאַר אַלעמען גלײַך, נאָר די מענטשן האָבן זיך מיט איר שלעכט אײַנגע־טיילט...

— איינעם גאָר, דעם אַנדערן גאָרנישט, — לייגט צו דער יונגערער בעני.

זיסל פֿאַרטראַכט זיך, לייגט אַוועק אױף אַ מינוט די אַרבעט, ווישט אוים די הענט אין פֿאַרטעך און טוט אַ פֿרעג בײַ די קינדער גאַנץ ערנסט:

— וואָס־זשע טוט מען דערצו?

— וואָס מע טוט דערצו? — ציט אוים חיים. — עקספּראָפּריאַציע!

— עקס וואָס? — פֿרעגט זיסל.

— עקספּראָפּריאַציע, — זאָגט איר בעני.

זיסל וויל נאָכזאָגן דאָס וואָרט און קאָן נישט, טוט זי אַ שפּײַ, נעמט זיך צוריק צום בענעם, און ביידע זין שיסן אוים אַ געלעכטער.

* * *

אביסל איז דעם שוסטערס ווײַב געדעכט, וואָס זי פֿײַערט אַזוי: נישט נאָר אײַנדיקעס אַ פּאָר דרייען זיך אַרום בײַ איציקל שאָסטעפּאַל אין הויף און פֿאַרהאַקן דעם קאָפּ מיט זייער געפֿילדער „האָלדער! האָל־דער!" און פֿאַרפּאַסקודיקן דעם הויף מיט איבערלאָזן סימנים אױף יעדן

טריט און שריט, — מע באַדאַרף זיך פאַרגינען אַ קוט טאָן, וואָס פאַר אַ שטייגער מיט עופות דאָרטן זיצן און פּיקן און גרייטן צו שמאַלץ פאַר זייער בעל־הביתטע, איציקל שאַסטעפאַלס ווייַב, שיווקע די נגידיתטע, און אויב איר פּוילט זיך נישט אַרייַנקוקן צו איר אין דער „שפּיזאַרני", וועט איר זען די טעפּ שמאַלץ פּסחיקע, מיט די סלאָיעס אייַנגעמאַכטס פּסחיקן, און אין קעלער די דייזשקעלעך געזייַערטע אוגערקעס, געמאַרענירטע עפּל, מן המובחר! און בראָנפן פּסחיקער, און קאָניאַק, עכטער „כּרמל קאָניאַק" פון ארץ־ישראל נאָך פון פאַראַיאָרן צוגעגרייט. ווי גוט עס מוז זייַן אַפן האַרצן, ווי ריין עס דאַרף זייַן דער קאָפּ, ווי לויטער עס דאַרף זייַן דער מוח, אַז מ'זאָל אינזינען האָבן איבערצולאָזן קאָניאַק פון איין יאָר אַפן אַנדערן! און רעדט מיט איציקל שאַסטעפּאַל, וועט ער אייַך נישט אויפהערן צו זיפצן און צו קרעכצן אַף צרות ישראל, און זאָגן, אַז מע לעבט גאַרנישט אַף דער וועלט!

אויך שיווקע זייַן ווייַב האַלט אין איין קלאָגן און וויינען אַפן ייִדישן גלות. „פון די אָרעמע לייַט, זאָגט זי, איז נישט אויסצושטיין! וויאַזוי האַט מען כּח, זאָגט זי, צו צוזען דעם דלות וואָס איז שטאָט? מע דאַרף האָבן, זאָגט זי, אַ האַרץ פון אַ טאַטער, אַז מע זאָל קאָנען דורכ־גיין די ייִדישע גאַס פאַר פּסח, ווו אָרעמע לייַט נעבעך שלעפּן פאַר די פּאָלעס! נאָר אַ גזלן, זאָגט, זי, קאָן גיין אין שול־גאַס און אויסהערן אַלע געשרייען מיט די געוויינען פון די אָרעמע לייַט, וואָס בעטן מצות אַף פּסח! איך גיי, זאָגט זי, דעריבער פון שטוב נישט אַרויס, איך זאָל נישט צוזען די צרות מיט די יסורים מיט די ווייטיקן פונעם ייִדישן פאָלק. וויפל איך האָב געקאָנט, זאָגט זי, האָב איך געגעבן... אין פאָדראָד האָב איך געשיקט צעטילן אַנדערהאַלבן רובל, אַ פּאָר אַלטע שיך האָב איך אָוועקגעשענקט צו דער חברה „מלביש־ערומים", דעם שנייַדער האָב איך אויסגעבאָרגט אַ פּאָר רובל אַף אַפּצונייען, נדבות טיילט מען אַלע טאָג, הייַנט ווו איז „מעות־חטים"? מייַן מאַן אַרבעט טאָג ווי נאַכט אַרום די „מעות־חטים", גאָט זאָל מיר העלפן, מייַן טאָכ־טער זאָל מיר קומען בשלום אהיים, וועל איך האָבן, אם ירצה השם, אַ כּשרן און פריילעכן פּסח"...

אַזוי טראַכט זיך איציקל שאַסטעפּאַלס פרוי, שיווקע, קוקט אין פענצטער אַרייַן, אין דער וואַסילטשיקאָווער גאַס, ווו עס ווערט ערב־פּסח־

ציִט אַ טוואַן ביזן האַלדז, אָרעמע לײַט שפּאַנען אַרום איבער דער בלאָטע שטאַרק פֿאַרפּאַרעט און פֿאַרשוויצט, מע זוכט עפּעס יעדער אַ פֿאַרדינסטל אויף פּסח; מיט זיי אינאיינעם ווערן פֿאַרשוואַרצט די פֿערד־לעך נעבעך, אויסגעדאַרטע, הונגעריקע, פֿאַרשוויצטע, מיט אײַנגעפֿאַלענע זײַטן און מיט צעלאָזטע נעזלעכער — גאָט ווייס, אויף וועמען עס איז דאָ אַ גרעסערער רחמנות: צי אויף די דאַזיקע אויסגעמוטשעטע פֿיר־פֿיסיקע שטומע באַשעפֿענישן, וואָס דינען אַזוי געטרײַ זייערע אָרעמע בעלי־בתּים, צי אויף זייערע צווייפֿיסיקע נישט מער גליקלעכע טיראַנען, וואָס גייען נאָך פֿון הינטן און הוקען און טיוקען און וויוקען, און שמײַסן און קאַטעווען און שנײַדן זיי די אָפּגעקראָכענע פֿאַרוווּנדעטע פֿעל? — וואָס הוקעט איר? וואָס טיוקעט איר? וואָס וויוקעט איר? וואָס שמײַסט איר? וואָס קאַטעוועט איר? וואָס שנײַדט איר די פֿעל? נאַ־רישע מענטשן! זעט איר דען נישט, אַז מיר ווילן גיין, מיר ווילן שלעפּן, נאָר מיר קאָנען נישט, קוים וואָס מיר פּלאָנטען מיט די פֿיס?!

און שיווקע די נגידותטע קוקט אין פֿענצטער אַרײַן, זעט דאָס אַלץ, הערט דאָס געשריי מיטן טאַרעראַם, וואָס אינדרויסן — נאָר דער קאָפּ אירער איז נישט דאָ; אירע מחשבות זײַנען דאָרטן, מיט איר טאָכטער, וואָס פֿאָרט אַהיים אויף פּסח. שוין דאָ אַ דעפּעש, אַז הײַנט פֿאַרנאַכט קומט זי צו פֿאָרן מיטן קוריער־צוג אַהיים.

„דער אייבערשטער זאָל העלפֿן (אַזוי טראַכט זיך שיווקע שאַסטע־פּאַל), דאָס קינד זאָל קומען געזונטערהייט, אָוועקוואַרפֿן די נאַרישקייטן — שטודירן, בילדן, שוין בלײַבן בעסער אַ היגע. דאָ וועט זי אַ כּלה ווערן, אָדער פֿאַר שמשון בערנשטיינס אַ זונדל, אָדער פֿאַר לוי האַלפּערינס אַ זונדל, — ביידע ווױלע בחורימלעך, שיינע, געזונטע, רײַכע, און ביידע פֿון פֿײַנע עלטערן — זי ווייס אַליין נישט, וועמען פֿון די צוויי זאָל זי וועלן בעסער?"...

— געקומען דער ייִד פֿונעם האַלץ און וויל אײַך זען.

— וואָס וויל פֿון מיר אָט דער שלים־מזל? אָט באַלד גיי איך...

און שיווקע שאַסטעפּאַל גייט אַרויס צו ייִדן פֿונעם האַלץ, ליפּאַ הייסט ער. אַליין איז ער אַ קליינער, נאָר אַ באָרד טראָגט ער, ווי אַ בע־זעם, און עס דאַכט זיך איר אויס, אַז ער איז אַביסל אַ חושימדיקער. עפּעס דולט ער איר אַ קאָפּ. ער האָט אַ טאָכטער, וואָס זיצט, און

אזוי ווי איר טאַכטער טאַמאַראַ איז געווען באַקאַנט מיט זיין טאַכטער, לכן איז ער געקומען אָפּנעמען אַ גרוס. אָט דער חושים ליפּאַ האָט זי געמאַכט נערוועז, און זי פאַלט אָן אויף אים, טאַקע נאָר ווי אַ נגידית קאָן אָנפאַלן אויף אן אָרעמאַן:

— ערשטנס, ווער זייט איר, וואָס אייער טאַכטער זאָל זיין באַקאַנט מיט מיין טאַכטער? און צווייטנס, וואָס פאַר אַ מחותן איז זי מיט איר, אַז איר אַליין שעמט זיך נישט און זאָגט, אַז אייער טאַכטער זיצט?...

— וואָס זאָל איך מיך שעמען? — ענטפערט איר דער ייִד פון האַלץ און גלעט זיך דעם בעזעם־באָרד מיט גדלות. — זי זיצט חלילה נישט פאַר קיין גנבה. זי איז אַ... „פּאָליטישעסקע"...

דאָס וואָרט „פּאָליטישעסקע", איידער ער רעדט אַרויס, קוקט ער זיך אַרום אויף אַלע זייטן, און אַז ער האָט דאָס שוין אַרויסגערעדט, זעט מען, אַז עס טוט אים אַ הנאה, אַי ער האָט חרטה...

— גייט אייך געזונטערהייט און לאָזט אונדז צורו מיט אייערע פּזמונות דאָרטן. מיין טאַכטער איז ווייט פון די זאַכן, און מיר אודאי...

— ווייט, זאָגט איר? המ... איך מיין, איר האָט אַ טעות...

— אַזוי ענטפערט איר ליפּאַ. נאָר שיווקע הערט אים שוין נישט; זי האָט אים געלאָזט דאָ שטיין אַליין מיט זיין בעזעם־באָרד און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן איך קיך אַריין צו די דינסטן, זיי געבן אַ פינצטערן סוף, זיי זאָלן נישט אַריינלאָזן יעדן שלעפּער אין שטוב אַריין מיט די בלאָטיקע שטיוול!... און אַליין זעצט זי זיך אַוועק צוריק צום פענצטער און קוקט אַרויס אויף איר טאַכטער, וואָס דאַרף באַלד קומען צו פאָרן.

* * *

נאָך איין מענטש זיצט אין דער זעלבער צייט באַם פענצטער אינעם זעלבן הויז נומער 13, וואָס אויף דער וואָסילטשיקאָווער גאַס, און קוקט אַרויס אויף אַ גאַסט, אויף אַ זייער אָנגעלייגטן גאַסט — דאָס איז סאָלאָמאָן סאַרפּאַרנאָוויטש דער אַפּטייקער. ער האָט אויך געהאַט אַ דעפּעש פון

זײַן זונדל סאשא, אַז ער פֿאָרט מיטן קוריער־צוג און קומט פֿאַרנאַכט אַהיים.

סאשא לערנט אין אוניווערזיטעט, שטודירט מעדיצין. שוין באַלד אַ יאָר, אַז דער פֿאָטער האָט אים נישט געזען. בריוו האָט ער פֿון אים זייער אָפֿטע און זייער גוטע, און דער אַפּטייקער איז מיט זײַן זון העכסט צופֿרידן. נאָר פֿון אַ צײַט, אַז אינעם זונס בריוולעך האָבן זיך אָנגעהויבן דורכוואַרפֿן מאָדנע ווערטער. סאשא האָט אָנגעהויבן צו דערמאָנען זייער אָפֿט די ווערטער: „ייִד"... „פֿאָלק"... „נאַציאָנאַליזם"... „חוב"... „היסטאָריע"... ווי קומט דאָס צו סאשאַן? און צו וואָס דאַרף ער דאָס? סאָלאָמאָן סאָפּראַנאָוויטש האָט זיך צוליב זײַן קינד, קאָן מען זאָגן, מפֿקיר געווען איידער ער האָט אים דערלעבט זען ענדיקן די גימנאַזיע און אַרײַנגעטרעטן אין אוניווערזיטעט. דער אַפּטייקער האָט געהאַט פֿאַר זיך נאָר איין ציל: אַז זײַן סאשא זאָל זײַן אַ דאָקטער, מער פֿאַרלאַנגט ער נישט! דאָס הייסט, עס רעדט זיך נאָר אַזוי... פֿאַרלאַנגען פֿאַרלאַנגט ער נאָך עפּעס, למשל: אַ שיינעם קאַבינעט, אַ פֿערדל אַז אייגענעם מיט אַ פֿאַעטאָנדל אַ שיינס אַף אַרומצופֿאָרן איבער די קראַנקע... נו, און צו דערצו דאַרף מען געלט, און געלט קאָן מען באַקומען דורך אַ שדוך, און אַ שדוך דאַרף מען טאָן אַ געהויבענעם, אַ רײַכן, מיניִמום פֿינף און צוואַנציק טויזנט!... און עס פֿליט אים דורך אַ מחשבה: איציקל שאַסטעפּאַלס טעכטערל... אַ שיין מיידל... אַ ברונעטקע מיט פֿײַעריקע אויגן... געלט איז אַפֿילו דאָ, און אַ סך, נאָר עס איז אַ פֿראַגע, אויב דער חזירוק, אָט דער איציקל שאַסטעפּאַל, וועט וועלן געבן פֿינף און צוואַנציק טויזנט?... „כאַפּט אים דער וואַטנמאַכער, וועט ער נישט וועלן, דאַרף מען נישט! איך דאַרף אים אַף כּפּרות, דעם חסידינע, דעם צבֿועק, דעם ייִדאַש מיטן שירם!"...

אַזוי זיצט זיך אונדזער אַפּטייקער באַם פֿענצטער, קוקט דורך די בלויע ברילן און טראַכט וועגן זײַן זון סאשא און בויט לופֿט־שלעסער פֿון זײַנעטוועגן. און זײַן זון סאשא? — סאשא זיצט אין וואַגאָן צווייטע קלאַס מיט איציקל שאַסטעפּאַלס טעכטערל טאַמאַראַ און דיסקוטירט מיט איר איבער דער פֿראַגע פֿון נאַציאָנאַליזם און קאָסמאָפּאָליטיזם, און קוקט איר בשעת מעשה אין די קלוגע שוואַרצע ווייכע אויגן, וואָס נעמען

איך דורך און דורך, לאכן פון איך, גלעטן איך צו גלייכער צייט און ציִען איך צו צו זיך מיט אַן אומפאַרמיידלעכער קראַפט.

— וואָס ווילט איר פון מיר? — זאָגט צו אים טאַמאַראַ האַלב לאַכנדיק. — איך זאָל אויפגעבן דעם גרעסטן אידעאַל פון דער וועלט, איך זאָל פאַרשטעלן די אויערן און נישט הערן די געשרייען פון די הונ־דערט מיליאָן מענטשן, וואָס שרייען „ברויט און פרייהייט", צוליב אַ הויפן מענטשן, וואָס לײַדן נישט מער און נישט ווינציקער פון אַלע אַנדערע — וואָס איז? באַשר זיי זײַנען מיט מיר פון איין פאָלק און זיי האָבן מיט מיר איין היסטאָריע און מיר מיט זיי טראָגן אַלץ איינע נעמען!...

— און האָבן אַלץ איינע אויגן און זײַנען געשטעמפּלט מיט אַלץ איינע נעזער, — ענדיקט פאַר איר סאַשאַ סאָפּראַנאָוויטש.

— איצט איז נישט קיין צײַט צו קוקן אַף אַזעלכע זאַכן, — ענטפערט אים טאַמאַראַ.

— און דאַך קוקט מען — זאָגט סאַשאַ — אַף אַזעלכע זאַכן זייער שטאַרק. אַט וועל איך איך דערציילן, וואָס איך שטיי אויס אין אוני־ווערזיטעט פון מײַנע חברים איבער דער פאַרב פון מײַנע האָר...

— אײַ־אײַ־אײַ! — שלאָגט אים איבער טאַמאַראַ. — זיי האָבן איך אודאי געזאָגט, אַז איר זענט אַ רויטער? ערשטנס, איז דאָס אמת (לאַכט), און צווייטנס, וואָס פאַר אַ ווערט האָט דער בזיון מיט די ליידן קעגן די בזיונות מיט די לײַדן, וואָס דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק טראָגט איבער פון דעם רעזשים?!

— אויב דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק טראָגט איבער בזיונות מיט לײַדן, טראָגן מיר, יִדן, די זעלבע בזיונות און צרות טאָפּלט, ערשטנס, אַלס מענטשן, און, צווייטנס, אַלס יִדן.

— וועלכעס איבערוועגט בײַ איך, מאָסיע סאָפּראַנאָוויטש: די אַלגעמיינע מענטשלעכע לײַדן, צי אײַערע אייגענע יִדישע צרות?

— עס לאָזט זיך נישט אָפּשאַצן און איבערוועגן, פרײַליין שאַפּ־טעפּאַל, פּונקט ווי איר וואָלט מיך פרעגן אַלס מעדיקער: וועלכע שמערצן איבערוועגן, צי דער ווייטיק פון אַן אָפּגעשניטענעם פינגער פון דער האַנט? צי דער ווייטיק פון אַן אָפּגעשניטענעם פינגער פון דעם פוס? דערויף וואָלט איך איך געזאָגט: ביטער איז דעם, וואָס מע האָט אים

אָפּגענומען אַ פֿינגער פֿון דער האַנט, צוויי מאָל ביטער איז דעם, וואָס מע האָט אים אָפּגענומען צוויי פֿינגער, פֿון דער האַנט און פֿון דעם פֿוס... און אויב איר ווילט פֿריִיִען שאַסטעפּאַל, וועל איך אײַך אויסזאָגן אַ סוד, אַז מײַנע ייִדישע צרות ערגערן מיך מער אַלס מײַנע אַלגעמיינע מענטשלעכע שמערצן. ווייסט איר פֿאַרוואָס? ווײַל צו די צרות ווערט נאָך צוגעזעצט אויך אַ פּאַרדראָס, אַ האַרצווייטיק: למאַי זאָלן מיר, אַלס ייִדן, זײַן פֿאַרפֿאָלגט בא פֿאַרפֿאָלגטע, פֿאַרשקלאָפּט בא פֿאַרשקלאָפּטע?...

טאַמאַראַ שאַסטעפּאַל כאַפּט זיך אויף, און אירע שיינע שוואַרצע אויגן צינדן זיך אָן, ווי צוויי ליכט.

— נישט אמת! הער סאַרפּראַנאַוויטש, נישט אמת! איר הערט וואָס איך זאָג? איך זאָג, אַז איר און אַלע אײַערע קאָלעגן, די נאַציאָנאַליסטן, האָבן אויסגעטראַכט אַ ליגן, אַז מיר ווערן פֿאַרפֿאָלגט פֿונעם רוסישן פֿאָלק! ס'אַ ליגן — מיר ווערן פֿאַרפֿאָלגט פֿון דער ביוראָקראַטיע, נישט פֿונעם פֿאָלק! איר זײַט אָדער גרויסע ליגנערס, אָדער גרויסע טפּשים!

— ווײַבאַלד אַזוי, האָב איך מיט אײַך נישט וואָס צו ריידן! — זאָגט סאַשאַ סאַפּראַנאַוויטש און קערט זיך אָפּ פֿון איר און קוקט אין פֿענצטער פֿונעם וואַגאָן.

— כאַ־כאַ־כאַ! כאַ־כאַ־כאַ! — צעלאַכט זיך טאַמאַראַ און רוקט זיך צו צו אים און פֿאַרקוקט אים אין די אויגן אַרײַן. — נישט אײַך האָב איך געמיינט, נאָר אײַערע חברים; אײַך האָב איך אויסגעשלאָסן...

— איך דאַנק אײַך זייער! — ענטפֿערט איר סאַשאַ און קוקט איר נישט ווילנדיק אין די אויגן אַרײַן און טראַכט זיך בעת מעשה: וועלכע פֿאַרבאָרגענע קראַפֿט ליגט אין די דאָזיקע צוויי שוואַרצע פֿענצטערלעך, וואָס זיי האָבן אים אַזוי פֿאַרכשופֿט, באַצויבערט און פֿאַרשקלאָפּט, אַז ער איז גרייט איבערצוטראָגן אַלע מינים באַליידיקונגען אויף דער וועלט, אַבי זען פֿאַר זיך אָט די צוויי גרויסע שיינע שוואַרצע טיפֿע קלוגע אויגן?...

## קאפיטל ב.

# קינדער און עלטערן, עלטערן און קינדער

איך זאָל וועלן כאַראַקטעריזירן דעם ראָמאַן פון סאַשאַ סאַפּראַנאַ־וויטש און טאַמאַראַ שאַסטעפּאַל אין דריַי ווערטער, וואָלט איך געזאָגט דאָס, וואָס מיר זאָגן בשעת קדוש לבנה: כשם שאני רוקד כנגדך ואיני יכול לנגוע בך — ווי איך שפּרינג קעגן דיר און קאָן דיך נישט אָנרירן... אַלע זייַנע יונגע יאָרן לויפט סאַשאַ נאָך טאַמאַראַן, שפּרינגט אַקעגן איר — און קאָן זי נישט כאַפּן...

פריַער, אַז סאַשאַ איז נאָך געווען אַ יינגל אין פינפטן קלאַס גימ־נאַזיע און האָט געבחורט זיך, געזוכט וואַנסעלעך אויף דער אייבערשטער ליפּ, האָט ער זיך נישט איין מאָל באַגעגנט מיט איציקל שאַסטעפּאַלס טאָכטער אויף די טרעפּ, זיך פאַרקוקט אויף אירע שוואַרצע גלאַנצנדיקע ווייכע שיינע אויגן, וואָס האָבן אַלעמאָל געלאָזט אויף אים אַן אייַנדרוק, גלייַך ווי זי לאַכט אויס אים און מסתמא אויס זייַנע געלע האָר, וואָס ער האָט געירשנט פון זייַן פאָטער דעם אַפּטייקער. און דאָך האָט ער חשק געהאַט זיך אַפּשטעלן מיט איר רײדן, זיך באַקענען, אַביסל שמועסן, רײדן וועגן אַ ביכל, אָדער גלאַט אַזוי פּלאַפּלען אין דער וועלט אַרייַן, ווי געוויינלעך אַ בחור מיט אַ מיידל. איז דאָס אָבער אים קיינמאָל נישט געראָטן, ווייַל טאַמאַראַ איז געוואַקסן אין אַזאַ הויז, וווּ אַ מיידל שטעלט זיך נישט אָפּ און שמועסט נישט און פּלאַפּלט נישט מיט קיין אומבאַ־קאַנטן בחור, און באַקענען זיך מיט איר פּאַסט דאָס נישט פאַר איר פאָטער.

איציקל שאַסטעפּאַל וווינט אינעם הויז נומער 13, וואָס אויף דער וואָסילטשיקאָווער גאַס, שוין היבשע עטלעכע יאָר, און איז מיט סאָלאָמאָן סאַפּראַנאָוויטש כמעט נאָך נישט באַקאַנט, אַ חוץ וואָס ער שיקט אַמאָל אַרייַן צו אים אין דער אַפּטייק נאָך אַ רפואה, אָדער ער כאַפּט זיך אַרייַן צו אים נאָך אַ נדבה אויף שטאָט־זאַכן.

— באַ איציקל שאַסטעפּאַל האָט סאָלאָמאָן סאַפּראַנאָוויטש קיין אַנדער נאָמען נישט, נאָר „אַפּטייקער".

— גוט מאָרגן אײַך, אַפּטייקער.

— רב אַפּטייקער! גיט עפּעס אַ נדבה אַף אַ נייטיקער זאַך.

און אָפּגענומען באַם אַפּטייקער די נדבה און אַרויסגעגאַנגען פון דער אַפּטייק, קען ער אים שוין מער נישט.

וואָס פאַר אַ מחותן איז ער מיט אים, אַז שבת — אַזוי דערציילט שיווקע — קאָכט מען באַם אַפּטייקער פּונקט ווי אינדערוואָכן, ערב יום כפור קיין כפרות שלאָגט מען נישט בא אים, און אַ פּסח איז בא אים... גאָט זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד!

שיווקע שאָסטעפּאַל וויל נישט ריידן קיין לשון־הרע אַף אַ ייִדן, נאָר פאַרדריסן פאַרדריסט זי, און קאָכן קאָכט זי זיך:

— ס׳טײַטש פּסח! אַזאַ הייליקער יום־טוב פּסח!...

וואָס פּסח? ווער פּסח? — דאָס זאָגט זי נישט, נאָר מע באַדאַרף שוין אַליין פאַרשטיין, וויפל גאַל עס שטעקט אין די ווערטער.

אויך דער אַפּטייקער האָט פײַנט איציקלען, ווי אַ כשרער ייִד האָט פײַנט חזיר, נאָר ער באַווײַזט נישט אַרויס זײַן פײַנטשאַפט און איז מיט אים, אדרבה, פרײַנטלעך, ווי מיט אַלע שכנים; וואָס זאָל מען טאָן? די וויסטע פּרנסה!... הינטער די אויגן הייסט בא אים איציקל שאָס־טעפּאַל „גאָטס גנב", „היפּאָקריט", „ייִדאַש", וכדומה אַזעלכע נעמען. אין די אויגן אָבער הייסט ער בא אים: „גאָספּאָדין שאָסטעפּאַל", און אַמאָל נאָך: „מנאָגאָוואַזשאַיעמי גאָספּאָדין שאָסטעפּאַל"... פאַרוואָס קומט דאָס אים — ווייס ער אַליין נישט. וויפל יאָר זיי זײַנען שכנים האָט נאָך דער אַפּטייקער נישט געהאַט פון איציקל שאָסטעפּאַל קיין טובה אַף אַט אַזויפיל — און פונדעסטוועגן זעט איר דאָך, מנאָגאָוואַזשאַ־יעמי!...

פּאַשאַ דעם אַפּטייקערס זון איז געווען אַ ווילער ייִנגל און איינער פון די בעסטע שילער אין גימנאַזיע. ער האָט זייער גוט געלערנט, אַ סך געלעזן, נישט אינזינען געהאַט דאָס וואָס אַנדערע בחורים, נאָר זינט ער האָט זיך באַקאַנט מיט טאַמאַראַס שיינע שוואַרצע גרויסע אויגן האָט ער אָנגעהויבן אָפּט צו פאַרטראַכטן זיך, באַקומען חשק צו באַגעגענען זיך מיט זיי נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל — ביז זיי זײַנען געקומען צו אים מיט אַ וויזיט איינמאָל באַנאַכט אין חלום.

און געקומען זײַנען זיי צו אים מיט אַ פײַער, מיט אַן אימפּעט,

האבן אים ארומגענומען מיט זייער פראכט און גלאנץ, האבן זיך צעגאסן מיט אזויפיל חן, פריינטלעכקייט, מיט לייד און ליבשאפט, האבן ענדלעך אריינגענידערט צו אים אין הארצן אזוי טיף און באזעצט זיך בא אים אין דער נשמה אזוי פעסט, אז מער פארגעסן זיי האט ער שוין נישט געקאנט, וויפל ער האט זיי פון זיך נישט געטריבן!

סאשא האט אליין נישט געקאנט פארשטיין, וואס פאר א כח עס ציט אים אפצושטיין לאנג־לאנג אוןווארטן אף די טרעפ, טאמער וועט זיך באוויזן איציקל שאסטעפאלס טאכטער און טאמער וועט ער זיך באגעגענען מיט אירע שווארצע שיינע קלוגע אויגן, — און האט ער זיך דערוואַרט אף איר, און האט ער זיך באגעגנט מיט איר פייעריקן קוק, האט ער געטאן נישט מער, ווי אויפגעהויבן די רגלים און געמאכט ויברח, אנטלאפן צו זיך אהיים, צו די אוראקן, צו די ביכער, זיך פאר־טיפט און פארטראכט און ווידער געחלומט פון איציקלס טאכטער, פון איר שיינער פיגור פון אירע שווארצע גרויסע קלוגע אויגן, און ווידער אפגעווארט זי אף די טרעפ, און ווידער באגעגנט זיך און ווידער א ויברח! — און אזוי א לאנגע ציַיט, ביז דאס פייער האט אויסגעבראכן, און דעם אפטייקערס זון האט זיך איינגעשטעלט, פארבונדן א געשפרעך מיט איציקל שאסטעפאלס טאכטער.

איציקל שאסטעפאל האט נישט געוואלט, אז זיין טאכטער זאל גיין מיט אלע מיידלעך אין גימנאזיע; ער האט אבער נישט געשפארט פאר איר קיין געלט צו דינגען איר די בעסטע לערערס מיט די בעסטע גובער־נאנטקעס זי צו אונטעררייכטן, און די בעסטע לערער — אזוי האט גע־רעכנט איציקל — זיינען גויים, נישט יידן. א יידישער לערער איז קודם כל אן אפיקורס און מאכט זיינע שילער און שילערנס אויסגעלאסן, און א גויישער לערער וויס זיך נאר זיין זאך — מע צאלט אים געלט, דארף ער לערנען.

מיט דעם גאנג איז געגענאגען איציקל שאסטעפאל, און האט זיך נישט געפוילט אריבערגיין אין גימנאזיע צום בעסטן לערער, צו ראמא־נענקאן, זיך אן עצה האלטן מיט אים: אזוי ווי ער, שאסטעפאל, האט א טאכטער זייער א געראטענע, זאל ער, ראמאנענקא, אים רעקאמענדירן עפעס א רעכטן רעפעטיטאר.

האט אים ראמאנענקא אויסגעהערט און געזאגט:

— אויב דו ווילסט א רעכטן לערער, א געטרײַען, קאָן איך דיר רעקאָמענדירן מײַן אײגענעם זון, ער איז א געצײכנטער פּעדאַגאָג, א געוועזענער סטודענט, וואָס האָט זיך צעקריגט מיט די פּראָפעסאָרן און איז איצט בּאַ מיר אַן א שום באַשעפטיקונג.

דאָס איז זיכער, אַז ווען ראַמאַנענקאָ זאָל זײַן א ייִדיש קינד, א „געוועזענער" סטודענט, וואָלט אים אַזאַ מין איציקל שאַסטעפּאַל געווים נישט אַרײַנגעלאָזט צו זיך אין שטוב אַרײַן, נאָר פאַר א גוי האָט א ייִד דרך־ארץ, ער מעג זיך זײַן וואָס ער וויל זיך, אַבי א גוי.

אונדזערע שונאים, וואָס ווייסן נישט דאָס ייִדישע לעבן אין גלות און קענען נישט זײַן גלות־פּסיכאָלאָגיע, שטעלן זיך פאָר, אַז א ייִד פאַר־האַסט א גוי און פאַראַכטעט אים. זיי ווייסן נישט פון דעם סוד, אַז אַלץ וואָס פרעמדס איז בּאַ ייִדן טײַערער ווי אייגנס. אַז א ייִד וויל עפּעס דערציילן א זאַך, וואָס מען זאָל אים גלייבן, זאָגט ער „דאָס האָב איך געהערט פון א קריסט, נישט פון קיין ייִדן"... זיי קוקן זיך נישט צו, ווי דאָס גאַנצע שטרעבן פון א פאַרמעגלעכן ייִדן איז צו געווינען די געזעלשאַפט פון די קריסטן, די גוטע מיינונג פון א קריסט; איין גויעשער קאָמפּלימענט איז בּאַ זיי טויזנט מאָל טײַערער פון צען טויזנט ייִדישע קאָמפּלימענטן... בּאַ קיין אומה ולשון האָט איר נישט אַזאַ אויסדרוק, ווי: „אונדזערע ייִדעלעך", „מיט א ייִדן איז גוט קוגל עסן", „ייִדישע גליקן", „ייִדישע מעשיות", „ייִדישע זאַבּאַבּאָנעס" און נאָך כדומה אַזעל־כע שענדלעכע אויסדרוקן, וואָס האָבּן זיך געקאָנט אויסבילדן נאָר בּאַ א פאָלק, וואָס לעבט אַזויפיל הונדערט יאָר אַן א היים אין גלות.

אַז ראַמאַנענקאָס זון, דער געוועזענער סטודענט, איז געקומען צו טאַמאַראַן צו דער ערשטער לעקציע, האָט איציקל שאַסטעפּאַל, פון זײַן כּבוד וועגן, אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל און אָנגעטאָן א קײַלעכיק זײַדן יאַרמעלקעלע — שיִד, א פּריץ! און אַזוי איז שוין געווען א חוק אַלע טאָג: איז אַרײַנגעקומען ראַמאַנענקאָ — איז דאָס היטל אַרונטער; איז אַוועקגעגאַנגען ראַמאַנענקאָ — איז אַרונטער די יאַרמולקע.

און ראַמאַנענקאָ דער לערער, דער געוועזענער סטודענט, האָט גע־טאָן זײַן אַרבעט געטרײַ: ער האָט מיט טאַמאַראַן געלערנט, מיט טאַ־מאַראַן געלעזן, טאַמאַראַן אַנטוויקלט און האָט זיך אין טאַמאַראַן פאַר־ליבּט, און טאַמאַרא האָט זיך פאַרליבּט אין ראַמאַנענקאָן...

נישט ראַמאַנענקאַ, נישט טאַמאַראַ האָבן זיך װעגן עס איז דער־קלערט אין זײערע געפילן, אָדער אַפילו מזכיר געװען װעגן דעם. דאָס איז געװען אַ שטילער צוזאַמענשטוים פון צװײ ברענענדיקע שטערן, װאָס האָבן זיך געטראָגן מיט אַן אומגעהײערן כח אײנס אַקעגן דאָס אַנדערע, און בײדע צוזאַמען האָבן זײ געשװעבט אין דער אומענדלעכ־קײט פון זײערע אידעאַלן, נישט אָפּצוגעבן זיך דין וחשבון, װאָס זײ טוען, װוּהין זײ גײען און װאָס קאָן זײַן דערפון דער סוף...

דער, װאָס װײס די געשיכטע פון די געשעענישן אין דער לעצטער צײַט, װעט פאַרשטײן דעם פּשט פון די װערטער: „געװעזענער סטו־דענט". דאָס איז געװיס אײנער פון די בעסטע קינדער פונעם לאַנד, װאָס האָבן אַ װאַרעם ליבנדיק האַרץ, מיט אַ רײנעם געװיסן, מיט אַ הױכן אידעאַל, מיט אַ גוטן װילן צו טאָן עפּעס גוטס, נוצלעכעס פאַרן אומ־גליקלעכן הונגעריקן פאָלק... קורץ, ראַמאַנענקאַ איז געװען נישט נאָר אַ סאָציאַליסט און אַ רעװאָלוציאָנער, נאָר אױך אַן אָנפירער, אַן אָרגאַ־ניזאַטאָר פון אַ גאַנצער חברה, און אָט דער בחור איז געװען געצװוּנגען אַ געװיסע צײַט צו פאַרברענגען אינדערהײם, און אים האָט דאָס אונ־דזער איציקל שאַסטעפּאַל אױסגעזוכט אַלס דעם אײנציקן רעפּעטיטאָר פאַר זײַן אײנציקער ציטערדיקער טאָכטער טאַמאַראַ, און װי גליקלעך האָט זיך געשעצט אונדזער איציקל, אַז ער האָט געהערט פון ראַמאַנענ־קאָן אַלײן, פון אַ קריסט, אַז זײַן טאָכטער לערנט גוט און קאָן גוט און איז אַלײן גוט — אָרום און אָרום גוט!

נישט אײן מאָל האָט זיך איציקל שאַסטעפּאַל באַרימט צװישן ייִדן, װאָס פאַר אַ טײַערן לערער ער האָט, אַ קריסט, און װאָס דער לערער דער קריסט זאָגט װעגן זײַן טאָכטער! און אַז ער, איציקל, װעט זען, אַז זײַן טאָכטער זאָל זיך לערנען און לערנען, עס אַרט אים נישט, אַז זי זאָל אָפּגעבן עקזאַמען אױף אַלע אַכט קלאַסן גימנאַזיע. אין גימנאַזיע גײן — דאָס טאָקע נישט, אָבער אָפּגעבן עקזאַמען, ברענגען אַן אַטעסטאַט, פאַר־װאָס נישט?

און איציקל האָט אױפגעפירט זײַנס: זײַן טאָכטער איז אין די קלאַסן נישט געגאַנגען, זיך אַלײן געלערנט, רעפּעטירט פון ראַמאַנענקאָן, געהאַלטן עקזאַמען אױף אַלע אַכט קלאַסן גימנאַזיע און געבראַכט צו טראָגן אַהײם אַן אַטעסטאַט! — דאָס איז געװען פאַר אונדזער איציקל

שאַסטעפּאַל אַ גליקלעכער טאָג, אַ טריומף. זײַן טאַמאַראַ האָט אַן אַטעס־טאַט פֿון אַכט קלאַסן, און דווקא נישט געגאַנגען אין גימנאַזיע!

— האַ, וואָס זאָגסטו, שיווקע?

— וואָס זאָל איך זאָגן? — ענטפֿערט אים שיווקע. — ס'איז צײַט איצט צו טראַכטן וועגן אַ שדוך.

— האַ? וואָס? אַ שדוך זאָגסטו? אַזוי פֿרי? — מאַכט צו איר איציקל און דרייט און פּלעכט און קרײַזלט זיך דאָס שוואַרצע געקרײַזלטע בערדל. — וואָס האָסטו אַזוי קיין צײַט נישט? און אפֿשר, האַ? אפֿשר ביסטו גערעכט, שיווקע? טאַקע צײַט שמועסן וועגן אַ שדוך.

און איציקל שאַסטעפּאַל באַטראַכט זײַן טאַכטער, ווי אַזוי זי איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ פּאַרשוין, קיין עין־הרע, אַ יפֿת־תואר; אַלע זאָגן אַ יפֿת־תואר, אַפֿילו קריסטן...

און טאַמאַראַ לייענט ביכער, לערנט ווײַטער, זעט זיך אַלע טאָג מיטן לערער, מיט ראָמאַנעקאָן. און די פֿאָטער און מוטער פֿאַרשטייען נישט, וואָס נאָך האָט זי צו לערנען? ביז וואַנען איז דער שיעור צו לערנען? און וואָס גייט אָהער אַלע טאָג דער לערער? און דער פֿאָטער וואַרט אָפּ אַ טאָג און צוויי און דרײַ און רופֿט צו צו זיך טאַמאַראַן און זאָגט צו איר:

— טאָכטער מײַנע, וואָס טוט דאָ דער לערער?

— גאָרנישט, ענטפֿערט אים די טאָכטער — מיר לייענען אינאיינעם ביכער, מיר שמועסן.

— ביז וואַנען איז דער שיעור? עס מוז דאָך האָבן אַ מאָל אַ סוף, צי ניין?

— וואָס מוז האָבן אַ סוף? — פֿרעגט אים די טאָכטער.

— דאָס לערנען מוז האָבן אַ סוף, — ענטפֿערט איר דער פֿאָטער.

— לערנען האָט קיין סוף נישט, — זאָגט אים טאַמאַראַ.

— די תורה האָט נישט קיין גרונד? — באַמערקט איר מיט אַ שפּאַס דער פֿאָטער.

— געוויס נישט. — מאַכט צו אים טאַמאַראַ אויך מיט אַ שפּאַס.

— איך האַלט ערשט באַ מה טובו.

— נאָך גאָר פֿון פֿאָרנט? — שפּאַסט ווײַטער דער פֿאָטער. — ווען־זשע וועסטו קומען צו גאָט?

— אַז איך וועל ענדיקן אוניווערזיטעט און פּראַקטיצירן פריִער אַ פּאָר יאָר אין קליניק און אין האָספּיטאַל, וועל איך ערשט דעמאָלט אָנהייבן מיַין פּראַקטישע אַרבעט, וועלכע וועט זיַין פאַר מיר אַ נייַע שול אויף צו שטודירן . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . .

איציקל טאַטעפּאַל איז געבליבן אַפּהענטיק, צעשטערט און אָן לשון. ער האָט דער טאַכטער אויף איר פאָרשלאָג נישט געענטפערט גאָר־נישט. ער האָט זיך נאָר אויפגעכאַפּט פונעם בענקל, פאַרלייגט די הענט אַרונטער, דעם קאָפּ אַראָפּ, און גענומען שפּאַנען איבער דער שטוב. נאָכדעם האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אַקעגן זיַין טאָכטער, און זייערע ביידנס גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, געקוקט נישט גלייַך, נאָר פון אונטן אַרויף, און שאַרף, און אָן ווערטער, געפייַערט ווי צוויי ווילדע חיות, וואָס זייַנען גרייט זיך אַ וואַרף טאָן איינס אויף דאָס אַנ־דערע . . . דער פאָטער האָט אויסגערעדט מיט אַ פעסטער שטימע:

— טאַמאַראַ! דו וועסט טאָן אָט דאָס, וואָס א י ך וועל דיר הייסן! . . .

דערויף האָט אים טאַמאַראַ געענטפערט אויך מיט אַ פעסטער קלאָ־רער שטימע:

— טאַטע! דו האָסט אַ טעות! איך וועל טאָן אָט דאָס, וואָס א י ך וויל! . . .

— וואָס? וואָס האָסטו געזאָגט? זאָג נאָכאַמאָל!

— איך וועל דיר זאָגן נאָך צען מאָל, נאָך הונדערט מאָל: איך וועל טאָן דאָס, וואָס א י ך וויל! . . .

— אַנו, לאָמיר זען! . . .

— מירן זען! . . .

* * *

נאַרישקייטן! איציקל שאַסטעפּאַל איז גענוג קלוג אויף צו פאַרשטיין, אַז ס'איז נישט די יאָרן, ניט די צייַטן, וואָס מע האָט געקאָנט אַ קינד צווינגען, עס זאָל טאָן דעם רצון פון די עלטערן. די צייַטן האָבן זיך אויף אַזוי וויַיט געביטן, אומעטום אויף דער גאַנצער וועלט, אונטער די ייִדן ווייניקסטנס, אַז עלטערן זייַנען צופרידן, ווען זיי זייַנען ניט גע־צוווּנגען צו טאָן דאָס, וואָס זייערע קינדער ווילן . . . איציקל שאַסטעפּאַל

האָט בכבודו ובעצמו אָפּגעפירט די טאָכטער זײַנע קיין פּעטערבורג, איר באַשטעלט קוואַרטיר און קעסט באַ זײַנע אַן אייגענע, אַ דרוקערס אַ ווײַב, אַליין געגאַנגען מיט איר אײַנקויפן ביכער, קליידער, פּאַפּיר וכדומה. און אַז ס'איז געקומען צום געזעגענען און צום קושן זיך, האָט זיך דער פאָטער געוואָלט צעוויינען, האָט אים די טאָכטער אָנגענומען באַ די הענט:

— פע, טאַטע, ווי קומט דאָס צו דיר, דאָס פּאַסט פאַר אַ ייִדענע!... דו קאָנסט גאַנץ רויִק פאָרן אַהיים... דו ווייסט, אַז דײַן טאָכטער איז שוין נישט מער קיין קינד, וואָס מע דאַרף איבער דעם ציטערן... פּאַראַן, דאַנקען גאָט, אַ פּאָסט, וואָס טראָגט בריוו הין און צוריק... אויף יום־טוב וועל איך מסתמא זיך דורכפאָרן אַהיים... פאַר געזונט און גריס דער מאַמע גאָר פריינטלעך!

אַ גאַנץ וועג, צוריקפאָרנדיק, זיצט איציקל שאַסטעפּאַל אין וואַגאָן און טראַכט זיך:

— וואָס טוט זיך דאָ? מײַן טאָכטער, מײַן איין־און־איינציק קינד, וואָס איבער הונדערט צוואַנציק יאָר איז מײַן פאַרמעגן אירס, — צו וואָס דאַרף זי שטודירן, לערנען זיך?... אַ פּראָפעסיאָ, זאָגט זי, וויל זי האָבן... סאַמאָסטאָיאַטעלנע, זעלבסטשטענדיק וויל זי זײַן... אַ מענטש פאַר זיך... נננו!!! גאָט איינער אַזעלכעס! און ווער איז שולדיק, אַז ניט איך אַליין? עס האָט זיך מיר געגלוסט זי לערנען, בילדן, מאַכן זי פאַר אַ וווילקענעוודיקע — אַ מצוה אויף דיר!

אַזוי טראַכט זיך איציקל שאַסטעפּאַל און דרייט און פּלעכט און ציפּעט דאָס געקרײַזלטע בערדל זײַנס, און טרייסט זיך כאָטש דערמיט, וואָס זײַן טאָכטער האָט אים נישט אָפּגעטאָן קיין ערגערע זאַך... למשל, וואָס וואָלט זײַן, ווען טאַמאַרע פאַרליבט זיך אין אַ שלים־מזל, אָט, אַ שטייגער, אין דעם אַפּטייקערס זונדל, וואָס דרייט זיך אים אַלעמאָל פאַר די אויגן?...

און עס קומט אים אויפן זינען דער געלער סאַשאַ סאַפּראָנאָוויטש, וואָס איז אויך געבליבן אין פּעטערבורג שטודירן און וואָס דעם גאַנצן וועג האָט ער זיי געפּלאָנטעט זיך פאַר די פיס, נישט געהאַט די העזה צוצוגיין צו זיי צו נאָענט...

— וואָס טוט דאָ דעם אַפּטייקערס בחורל? — האָט איציקל געהאַט

א פרעג געטאָן בא דער טאָכטער און באַקומען ענטפער:

— ער פאַרט שטודירן.

— שטודירן? אַלע שטודירן? אַף וואָס שטודירן?

— אַף דאָקטער.

— מיט דיר אינאיינעם?

— וואָס פאַר א מחותן איז ער מיט מיר?...

די לעצטע ווערטער האָבן דעם פאָטער אביסל באַרויִקט. און דאַך איז ער געקומען צופאַרן אהיים א צעקאָכטער, אויסגעלאָזט זײַן גאַנץ ביטער הארץ אַפן ווײַבס קאָפּ, ווי געוויינלעך א מאַן, אַז ער קומט אהיים צעטראָגן און צערודערט... א קלוג ווײַב, וואָס קען איר מאַן און פאַרשטייט אים, לאָזט זי אים צורו, „ביז דאָס משוגעת וועט איבערגיין”... שיווקע איז אבער נישט פון דער קאַטעגאָריע קלוגע ווײַבער. דאָס, וואָס איר הארץ פילט און דער קאָפּ דענקט — דאָס זאָגט איר מויל...

קוים דערלעבט זען דעם מאַן צוריק, גייט זי אים אַקעגן:

— נו? וואָס הערט זיך?

— וואָס זאָל זיך הערן?

— וואָס מאַכט דאָס קינד?

— וואָס זאָל זי מאַכן?

— אָפּגעפירט קיין פּיטערבאַרג?

— ניין, איך האָב זי איבערגעלאָזט אין וועג.

— באַשטעלט א קוואַרטיר?

— ניין, געלאָזט אינדרויסן.

— וואָס ביסטו אַזוי כהנדיק?

— דול מיר נישט קיין יאַרמעלקע!...

א קלוג ווײַב, וואָס קען איר מאַן און פאַרשטייט אים, אַז זי כאַפּט פון אים א פּעטשאַטעק, ווישט זי אָפּ די ליפּן און מאַכט א שווײַג. שיווקע איז אבער, ווי געזאָגט, נישט פון די איבערגעשפּיצטע ווײַבער, וואַרט זי אָפּ א ווײַלע און פאַרבינדט א נײַעם שמועס:

— געפעלט דיר אונדזער שכן?

— וואָסער שכן?

— דער אַפּטייקער.

— וואָס איז שוין ווידער?

— ער באַגעגנט מיך נעכטן אַף די טרעפּ און מאַכט צו מיר: אוועקגעפאָרן אײַער מאַן קיין פּעטערבורג?... זאָג איך: אוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג... זאָגט ער: אָפּגעפירט די טאָכטער?... זאָג איך: אָפּגעפירט די טאָכטער... און איך האָב, זאָגט ער, מײַן זון אָפּגעשיקט אַליין...

— טוט מיר הנאה! — זאָגט איציקל צום ווײַב און שטעלט אוועק אַף איר אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן. — אַקעגן וואָס דערציילסטו מיר?

— אַקעגן גאָרנישט, — זאָגט שיווקע, — גלאַט אַזוי... נאָכדעם מאַכט ער צו מיר, דער אַפּטייקער הייסט עס: מײַן זון קען זיך מיט אײַער טאָכטער...

— טוט מיר נאָך מער הנאה! צו וואָס דאַרף איך דאָס וויסן?!

— שרײַט שאַסטעפּאַל.

— וואָס האָסטו זיך צעשריגן? גלאַט אַזוי, דו ביסט געקומען פון וועג, דערצייל איך דיר...

— איך פרעג דיך דען?

— זע נאַר, ווי ער האָט צעלאָזט דעם כּהן!

— לאָז מיך צורו! און דול מיר נישט מײַן קאָפּ! און טשעפּע זיך אָפּ פון מײַן לעבן!!!

און איציקל שאַסטעפּאַל כאַפּט דעם שירעם און אַנטלויפט פון שטוב און באַגעגנט זיך אַ נאָז קעגן אַ נאָז מיטן אַפּטייקער. קאָן מען נישט זײַן אַזוי גראָב און נישט אָפּענטפערן אַפן גוט־מאָרגן מיט אַ גוט־יאָר, און אַז יענער פרעגט: וואָס מאַכט איר — מוז מען זיך אָפּשטעלן און זאָגן: אַ דאַנק, וואָס מאַכט איר? און אָט אַזוי פאַרבינדט זיך, נישט ווילנדיק, אַ שמועס צווישן אונדזערע צוויי שכנים.

**אַפּטייקער:** ווען קומט איר פון פּעטערבורג?

**איציקל:** הײַנט.

**אַפּטייקער:** אָפּגעפירט די טאָכטער אַף די קורסן?

**איציקל:** אָפּגעפירט די טאָכטער אַף די קורסן.

**אַפּטייקער:** שטודירט מעדיצין?

**איציקל:** שטודירט מעדיצין.

**אַפּטייקער:** מײַנעם האָב איך אָפּגעשיקט אַליין.

איציקל: אַליין...

אַפּטייקער: אַ זון איז נישט קיין טאָכטער.

איציקל: נישט קיין טאָכטער...

אַפּטייקער: מײַנער קען זיך מיט אײַערער זייער גוט...

איציקל: זייער גוט... האָט קיין פּאַריבל נישט, איך האָב קיין צײַט נישט!

און איציקל שאָסטעפּאַל גייט אַוועק נאָך מער צעקאָכט און טראַכט זיך: וואָס וויל פון מיר אָט דער אַפּטייקער? וואָס דרייט ער מיר אַ מוח מיט זײַן זון, אַז ער קען זיך מיט מײַן טאָכטער? האָט ער נישט עפּעס אַ מיין דערבײַ? באַמבלט זיך נישט בײַ אים אַ שדוך?... אַ שיינער מחותן סאַפּראָנאָוויטש דער אַפּטייקער, כאַ־כאַ־כאַ!...

אַזוי לאָזט אויס איציקל שאָסטעפּאַל זײַנע טרויעריקע מחשבות מיט אַ ביטער געלעכטער און באַגעגנט זיך מיט אַ נײַער פּריטשעפּע, מיט ליפּאַן.

ליפּאַ, אָדער, ווי מע רופט אים, דער ייִד פון האַלץ, איז געוואָר געוואָרן, אַז איציקל שאָסטעפּאַל איז געקומען פון פּעטערבורג, איז ער געקומען צו לויפן אָפּנעמען אַ גרוס, טאָמער האָט ער זיך ערגעץ באַגעגנט דאָרטן מיט זײַן טאָכטער?

— שלום־עליכם אײַך, רב איציקל, איך לויף אײַך שוין נאָך אַ האַלבע שעה! — אַזוי זאָגט צו אים ליפּאַ דער ייִד פון האַלץ און גלעט דעם בעזעם־באָרד.

— וואָס ווילט איר זאָגן גוטס? — פרעגט אים שאָסטעפּאַל.

— איך האָב אײַך געוואָלט פרעגן, אפשר האָט איר באַגעגנט דאָרטן מײַן מאַשע?

— וואָסער מאַשע?

— מײַן טאָכטער מאַשע!

— ווו האָב איך זי באַגעגנט?

— דאָרט, אין פּעטערבורג איז זי דאָך, אינאיינים מיט אײַערער... זי איז אַ גוטע בחורטע!

— ווער?

— די טאָכטער מײַנע, מאַשע הייסט זי... זי קען זיך מיט אײַערער זייער גוט... ווייסט איר, ווער זיי האָט באַקענט?

— ווער ?
— דער לערער.
— וואסער לערער ?
— ראמאנענקא. ער איז א רעכטער חברה־מאן...
— וואס הייסט א חברה־מאן ?
ליפא דער ייִד פון האלץ גלעט זיך דעם בעזעם־בארד און קוקט זיך ארום אף אלע זייטן, רעדט שטיל :
— ער איז א צעצעליסט !...
— א וואס ?
— א צעצעליסט... פון די צעצעליסטן, וואס קאטארי... (ער קוקט זיך ארום, רעדט שטיל). ער האט זיי אלע געמאכט פאר צעצע־ליסטקעס, מיינע און איערע...
— מיינע ? מיין טאמארא ? אבער גאר לא !... האט קיין פאר־איבל נישט, איך האב קיין צייט נישט...
און איציקל שאסטעפאל לויפט ווי א משוגענער, גלייך ווי עמעצער יאגט אים נאך. „וואס פאר אן אנשיקעניש ! — טראכט ער זיך. — אלע בארימען זיך, אז זיי קענען זיך מיט איר !... נו, קענען זיי זיך מיט איר ! געזונטערהייט ! לאזן זיי זיך קענען !"...
דאס איז אבער נישט אמת. א ווארעם האט זיך פארקליבן צום פאטער אינעווייניק אין הארצן און עסט אים און טאטשעט אים, און עס פארדריסט אים זייער גוט, וואס ווו ערגעץ א שלים־מזל קען זיך מיט זיין טאכטער און האלט זי איז מויל ! און מער גיפט פון אלע האט אים אריינגעלאזט אט דער בארד־ייִד ליפא מיט זיין „צעצעליזם"... עפעס האט שאסטעפאל געכאפט נאך פריער ; עפעס האט מען אים אריינגעלייגט א גריל ; עפעס האט ער געהערט די טאכטער פלעטשן : „ארגאניזאציע"... „וסעאבשטשע זאבאסטאווקע"... „קאנסטיטוציע"... וכדומה אזעלכע דבורים האט ער זיך אנגעהערט פון איר, ווען עס פלעגט קומען צו רייד. און ער, דער נארישער פאטער, פלעגט הערן, קוקן איר אין די אויגן אריין און קוועלן, ווערן ברייטער ווי לענגער : „א מאגנס־בילשער קאפ אף איר. — פלעגט ער זיך טראכטן. — וואס וועט פון איר אויסוואקסן ? אן עבירה, וואס זי איז נישט געבארן א יונגל !"
און דער גליקלעכער פאטער האט געבויט לופט־שלעסער ווען זיין גע־

ליבטער טאַמאַראַ, זיך פאַרגעשטעלט, אַז עס קומט צו פאָרן צו אים אַ מיליאָנער, אַ מין פּאָליאַקאָוו פון פּעטערבורג, און שרכנט זיך צו זײַן טאַכטער, און די טאָכטער שיקט אים אָפּ צום טאַטן, און ער, דער טאַטע, נעמט אויף פּאָליאַקאָוון פאַר אַ גאַסט אין דער גרויסער זאַל, זיצט מיט אים באַם קײלעכיקן טישל, אַ קרעסלע קעגן אַ קרעסלע, און מע רעדט פון אײַזנבאַנען, פון בריקן, פון צוקער־פאַבריקן, וואַלד־קלעפּקע, רעלסן, נעכטיקע טעג, ביז מע קומט אַרויף אָף דעם רעכטן ענין: אָף זײַן טאַמאַראַ.

— איך האָב געהערט, הער שאַסטעפּאַל, אַז איר האָט זײער אַ גערײטענע טאַכטער. — זאָגט צו אים פּאָליאַקאָוו און שפּילט זיך מיטן קייטל פונעם זייגער.

— וווּ? אַזש דאָרט אין פּעטערבורג? — מאַכט צו אים איציקל שאַסטעפּאַל, און דאָס האַרץ זײַנס שפּרינגט שיער נישט אַרויס פאַר פרייד און גדלות.

— גוטס — זאָגט צו אים פּאָליאַקאָוו — לאָזט זיך הערן גאַנץ ווײַט... איך האָב זי שוין געזען, גערעדט אויך, זי געפעלט מיר זייער, איך בין, דאַרפט איר וויסן, פּאָליאַקאָווס אַ זון... און פאַרמעגן, דאַנקען גאָט...

— אַ! — שלאָגט אים איבער שאַסטעפּאַל. — פון אײַער פאַרמעגן האָבן מיר געהערט, אָף מיר געזאָגט געוואָרן... דער עיקר איז זי, די טאָכטער מײַן איך, אויב איר זײַט איר געפעלן?...

און איציקל שאַסטעפּאַל קוועלט, דאָס האַרץ וואַקסט אים פאַר פרייד, פאַר גדלות און פאַר גליק! אַ קלייניקייט — האָבן פּאָליאַקאָוון פאַר אַן איידעם! ס'איז פּאָוואָלינקע עטלעכע און דרײַסיק מיליאָן! עס וועט אַ רוח אין אײַערע פאַטער און מוטער אַרײַן, דער גאַנצער שטאָט, דער גאַנצער וועלט!!!

אָט דאָס זײַנען געווען די זיסע חלומות פונעם נאַרישן פאָטער, און די דאָזיקע חלומות זײַנען צעשלאָגן געוואָרן מיטאַמאָל, אין איין טאָג, אין איין אויגנבליק, אין דעם מאָמענט, וואָס טאַמאַראַ האָט אים דער־קלערט, אַז איר אייגנציקער צוועק איז לערנען, שטודירן מעדיצין, ענדיקן דאָקטער, פּראַקטיצירן, זײַן אַ נוצלעכער מענטש פאַרן לאַנד, פאַר דער מענטשהייט, וכדומה אַזעלכע מאָדנע דבורים... ווער שדוך? וואָס

חתונה האבן? פון דעם קיין חצי דבור נישט אפילו, זי דערמאנט גאר־נישט און וויל נישט הערן!...

פון דער אנדערער זייט אבער, פאטערליבע זוכט א זכות אף א קינד, ווײל זיין א מליץ־יושר, געפינט א טרייסט:

— נישטא נאך א צווייטע טאמארא, ווי מיין טאמארא!... נישטא נאך די אנדערע אזא גראטענע, אזא שיינע, אזא קלוגע, אזא טײערע און אזא געטרײַע טאכטער, ווי מיין טאכטער!

און דער דערמאנט זיך, ווי זי האט זיך מיט אים געזעגנט און וואס זי האט אים געזאגט, און עס ווערט אים אביסל גרינגער אפן הארצן, און ער טרייבט אוועק פון זיך אלע טונקעלע מחשבות מיט אלע איבעריקע רייד מיט די אלע זײַטיקע פארשוינען, וואס פלאנטען זיך אים פאר די פיס, און ער לאזט ארײַן צו זיך א האפענונג, אז זי קאן אנדערש ווערן, אז זי קאן אויך דארטן זיך באגעגענען מיט א מין פאליאקאוו, און עס קאן זיך איבערדרייען די גאנצע מאשינעריע מיטן קאפ אראפ, מיט די פיס ארויף, אז דער אייבערשטער זאל נאר וועלן געבן א קוק... „נישט געזארגט זיך! נאר נישט געזארגט זיך! בטחון! גוואלד, בטחון! האפענונג! אמונה אין הקדוש־ברוך־הוא! ער, אז ער וויל, קאן ער!"...

## קאפיטל ג.

## מאשא באשעוויטש

ליפא באשעוויטש, אדער דער ייִד פונעם האלץ, איז א ייִד, וואס שטעלט צו האלץ אין אלע הײַזער — און פון דעם לעבט ער, דערציט קינדער, גיט זיי בילדונג.

„דערציט קינדער, גיט זיי בילדונג"... עס רעדט זיך נאר אזוי, ווארעם ווי איז דאס אימשטאנד אזא, איך בעט איבער אייער כבוד, אן עני ואביון, ווי ליפא באשעוויטש, צו געבן בילדונג זײַנע קינדער און דערציִען זיי, אז דער קאפ איז אים גאר פארטאן אין אנדערע זאכן: ער זוכט ברויט א שטיקל פאר זיך, פאר זיין ווײַב און קינדער, ער זוכט און זוכט און קאן עס נישט געפינען! אף אלע זײַטן ווארפט זיך נעבעך

דער אָרעמער באַשעוויטש, פון שטוב צו שטוב גייט ער אָנשלאָגן האַליץ, אַ גוטע מאָס, אַן אמתער קלאַפּטער, דרײַ מיט אַ פערטל אַף דריי מיט אַ פערטל, צוויי און פופציק ווערשאָק!... און אַף אויסצוצאָלן! איר הערט? אַף אויסצוצאָלן, סך הכל אַ קערבל אַ וואָך!...

און נאָך די אַלע גליקן, אַז מען געפינט שוין און מע האָט זיך שוין אויסגעדונגען פאַרן פּרײַז, און מע האָט אים שוין צוגע־שטעלט דאָס האָליץ, און מע האָט שוין אויסגעמאָסטן דעם קלאַפּטער דרײַ מאָל אין דער ברייט, און ער האָט אָראָפּגעשיקט דעם איידעם, ער זאָל אויך אָנקוקן און אויסמעסטן דאָס האָליץ (דער איידעם איז אַ יונגערמאַן אַ בעל־חשבון, אַ מאַטעמאַטיקער, פאַרשטייט אַלגעברע), און דעם שכן האָט מען אויך אַ בעט געטאָן, ער זאָל כאַפּן אַ קוק אַפן קלאַפּטער האַליץ, און מע האָט שוין, ברוך השם, דאָס האָליץ צעהאַקט אויך, און צונויפּ־געלייגט אויך, און מע הייצט שוין מיטן האָליץ אַ גאַנצע וואָך, — קומט מען צו גיין נאָכן ערשטן קערבל, כאַפּט מען ערשט אַ פּעטשאַטעק פון דער בעל־הביתטע, פון דער מאַדאַם, אַז עס ווערט פינצטער אין די אויגן:

— אַ שיינעם קלאַפּטער האָליץ האָט איר מיר געגעבן! אַזאַ מזל אַף מײַנע שונאים! עס איז דען האָליץ? איידער מע דערלעבט זען אַ שטיקל פײַער, קריכן אַרויס, שונאי ציון, די אויגן פון קאָפּ!...

— וואָס רעדט איר, מאַדאַמעניו, זאָלט איר מיר זײַן געזונט און שטאַרק! — טענהט נעבעך דער אָרעמער האָליץ־ייִד. — ס'איז גאָלד, נישט קיין האָליץ! ס'איז אמתע באַרלינער האָליץ, נישט פּלאָטאָווע האָליץ, טרוקן האָליץ, ווי פעפער, גאָלד, נישט קיין האָליץ!...

— אַ מאָדנער ייִד איר זײַט! — מישט זיך אַרײַן דער מאַן. — מע זאָגט אײַך, אַז דאָס האָליץ איז נאָס האָליץ, דאָס האָליץ וויל נישט ברענען, קומט איר צו גיין און זאָגט, אַז דאָס האָליץ איז טרוקן האָליץ!

— דאָס האָליץ מוז זײַן פון אַזאַ בוים אַ נאָסן, — שטעלט אַרײַן אַ וואָרט אויך דער איידעם, דער בעל־חשבון, דער מאַטעמאַטיקער, וואָס פאַרשטייט אַלגעברע.

די נסים, וואָס אַ ייִד שטייט אויס אין דער ענגער, פינצטערער, חושכדיקער, שמוציקער, אַזוי־גערופענער „טשערטאַ", וווּהין דער גלות האָט ייִדן פאַרוואָרפן און צונויפגעפּאַקט אַלע אינאיינעם, זײַנען אַזוי

גרוים און אַזוי וווּנדערלעך, אַז יעדער איינציקער וואָלט געהאַט צו דער־ציילן יציאת־מצרים, ווי אַזוי גאָט האָט מיט אים געפירט, ער האָט דורכ־געלעבט אַ יאָר, און נאָך אַ יאָר, און נאָך אַ יאָר, און האָט אויפגעצויגן און חתונה געמאַכט אַ קינד, און נאָך אַ קינד, און נאָך אַ קינד, — חדושים ונפלאות!

ליפּאַ באַשעוויטש וואָלט גֶעהאַט צו דערציילן מער פון אַלעמען. אַכט קינדער האָט אים גאָט געגעבן, און אַלע אַכט געראָטענע, געצייכנטע קעפּ. אַלצדינג קאָנען זיי, אַלץ ווייסן זיי, און פרעגט זיי, ווען און ווּ האָבן זיי געלערנט? צי האָבן זיי אָנגעקוקט ווען אַ חדר? (אַ חוץ דעם, וואָס ער אַליין פלעגט מיט זיי באַנאַכט אַ מאָל אונטערקנעלן.) צי האָבן זיי געזען ווען אַ לערער? (אַ חוץ דעם, וואָס איינער האָט געלערנט מיטן אַנדערן.) און פונדעסטוועגן, אַז ס'איז באַשערט, זיינען זיי אַלע אַריין אין גימנאַזיע, אַלע גוט געלערנט און אויסגעצייכנט זיך אַזוי, אַז דער לערער דער אַנטיסעמיט ראַמאַנענקאָ (דער פּאַטער) האָט געפּועלט, מע זאָל זיי באַפרייען פון געצאָלט און מע זאָל זיי נאָך אַרויסגעבן אַף קליי־דונג און אַף שטיפּענדיע, מחמת ליפּאַס קינדער האָבן אַ טבע: ביז פּופּצן יאָר גייען זיי האַלב־נאַקעט און אינגאַנצן באָרוועס...

ליפּאַ באַשעוויטש זאָל זיך פאַרלאָזן אַף דער וועלט, ביז עמעצער וועט זיך אַ מאָל דערמאָנען זאָגן אַ גוט וואָרט איבער זיינע קינדער, וואָלט ער באַדאַרפט לאַנג וואַרטן. און דאָ וואַקסט בא אים אַזאַ מאַשאַ, וואָס „זינט גאָט האַנדלט מיט מאַשעס האָט ער נאָך אַזאַ מאַשע נישט געהאַט"...

— ערשטנס, איר טאָן, איר אַרבעטן, גאָלדענע הענט! היינט איר לערנען!... גאָלע פינפן!... איר האָט געזען איר אַטעסטאַט? ניין נאָך? איך האָב אייך נאָך נישט געוויזן? אַט וועל איך אייך וויַיזן, וועט איר זען אַן אַטעסטאַט! און אַליין, אַליין פון זיך. אַז איך זאָג אייך, ס'איז אַ מאַשע פון גאָט! שוין איין מאָל אַ מאַשע!

אַזוי האָט געקלונגען ליפּאַ באַשעוויטש איבער אַלע שכנים און באַ־קאַנטע, פאַרשלאָגן אַלעמען דעם קאָפּ מיט זיין מאַשאַ. און ווער שמועסט, אַז מאַשאַ האָט געענדיקט גימנאַזיע און האָט געבראַכט אַהיים אַ גאָלדענע מעדאַל, איז דער אָרעמער פּאַטער שיער נישט אַראָפּ פונעם זינען און האָט שיער נישט משוגע געמאַכט אַלע שכנים מיט אַלע באַקאַנטע און

אומבאַקאַנטע. איטלעכן באַזונדער האָט ער אָפּגעשטעלט, געוויזן די מעדאַל און דערציילט, וויאַזוי זײַן מאַשאַ לערנט, וויאַזוי זי האָט אויסגענומען באַם דירעקטאָר און באַ די לערער און וויאַזוי זי טוט און אַרבעט אין שטוב, לערנט מיט די קלענערע קינדער, און וואָס פּאַר אַ פּאַפּיר זי האָט אַוועקגעשיקט צום מיניסטער, וואָס זי, מאַשאַ, אַליין האָט געשריבן... און נישט לאַנג געטראַכט, כאַפּט ער אַרויס אַ פּאַפּיר און לייענט אײַך בקול רם און מיט אַ קוועטש און מיט אַן אָפּזעץ:

„יעוואָ וויסאָקאָפּרעוואָסכאָדיטעלסטווּ גאָספּאָדינו מיניסטרו נאַראָדנאַהאָ פּראָסוועשטשעניאָ..."

פרײַ האָבן אָפּגעאָטעמט די שכנים און באַקאַנטע פון ליפּאַ באַשעוויטש, אַז זײַן טאָכטער מאַשאַ איז אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג. אַצינד, האָבן זיי גערעכנט, וועט זיי ליפּאַ לאָזן צורו מיט זײַן מאַשאַן. זיי האָבן אָבער געהאַט אַ מיאוסן טעות; זיי האָבן געמוזט באַקענען זיך מיט איר קאָרעספּאָנדענץ, מיט די בריוו, וואָס מאַשאַ שרײַבט צו אירע עלטערן פון פּעטערבורג. מערקווירדיקע בריוו! זי אַרבעט שווער און ביטער, נייט גרעט, אום צו פאַרדינען איר אויסקומעניש, און שטודירט אַף דאָקטער. הײַנט שרײַבט זי פון אַ נײַעם לעבן, וואָס וועט גיך אײַנטרעטן אין גאַנצן לאַנד, אַ לעבן פון פרײַהייט, פון גלײַכהייט — קאָנסטיטוציע! אין יעדן בריוו רעדט זי פון קאָנסטיטוציע; עס הייבט זיך אָן באַ איר מיט קאָנסטיטוציע און עס לאָזט זיך אויס מיט קאָנסטיטוציע... עס איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז די שכנים האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „קאָנסטיטוציע", דאָס הייסט, אָנשטאָט ליפּאַ באַשעוויטש האָט מען אים אָנגעהויבן רופן „ליפּאַ קאָנסטיטוציע"...

חכמים האָבן זיך געווערטלט איבער ליפּאַ באַשעוויטשעס טאָכטער מיט איר קאָנסטיטוציע. און ליפּאַ באַשעוויטשעס טאָכטער האָט געאַרבעט מיט דער גאַל גאָרנישט אַף קאָטאָוועס איבער דער קאָנסטיטוציע און געגלויבט, אַז נישט הײַנט איז מאָרגן האָבן מיר זי, די שיינע, די ריינע, די געווינטשטע קאָנסטיטוציע! מע וועט זי אונדז געבן, האָט מאַשאַ באַשעוויטש געטענהט, אַ מבול פון בלוט וועט פאַרגאָסן ווערן! דער מבול וועט פאַרטרינקען די זינדיקע ערד און אָפּשווענקען דעם גאַנצן שמוץ, און עס וועלן זיך אויסלײַטערן די הימלען, און עס וועט אַרויסשײַנען די זון, און עס וועט ווערן ליכטיק אין דעם גאַנצן לאַנד!

אזוי האָט געפּריידיקט מאַשאַ באַשעוויטש אַף יעדן טריט און שריט צווישן יונגוואַרג און צווישן אַרבעטער. און האָט באַקומען אַ נאָמען אין די געוויסע קרײַזן און איז געוואָרן באַליבט פונעם פּראָסטן פֿאָלק. „אונדזער מאַשאַ" — אזוי האָט זי געהייסן אין די געוויסע קרײַזן, און אַ סך זײַנען געווען גרייט צו גיין מיט איר אין פײַער און אין וואַסער און אין עק וועלט...

קיין בריוועטרעגער אין דער גרויסער שטאָט פּעטערבורג האָט נישט אזויפיל אויסגעמאַרשירט אַ טאָג, ווי אונדזער מאַשאַ באַשעוויטש. אויפֿ־געשטאַנען אינדערפרי און אָנגעשריבן אַ פּאָר צענדליק בריוו צו פֿאַר־שיידענע חברים איבער פֿאַרשיידענע אָנגעלעגנהייטן, האָט זי זיך גע־לאָזט גיין פון עק שטאָט היפּשע עטלעכע מײַל אין אינסטיטוט, פון אינסטיטוט ווידער אַ היפּשער מהלך אין דיעשאַוועק, ווו מען קאָן קריגן צו יעדער צײַט דעם ביליקסטן מיטאָג, און פון דאָרטן ווידער אַ מײַל צען צו דער פֿאַבריק אַף דער אַרבעט, און פון דאָרטן צו באַקאַנטע, פון די באַקאַנטע צוריק אַהיים אין עק וועלט אַרײַן, מערסטנטייל צופוס. וואָרעם אַף צו פֿאָרן אומעטום באַדאַרף מען האָבן רויטשילדס פאַרמעגן מיט קורחס עשירות... אזוי האָט געזאָגט מאַשאַ באַשעוויטש און האָט געשפּרײַזט איבער פּעטערבורג, ווי אַ גוט פערד, זיך נישט אָפּצושטעלן אַף קיין מינוט.

אין וואָס איז באַשטאַנען מאַשאַ באַשעוויטשעס אַרבעט — האָט, אַ חוץ איר פּאַרטיע, אי דאָס די גאַנץ נאָענטע, קיינער נישט געוווּסט און נישט געדאַרפט וויסן — קאָנספּיראַציע... נאָר פּאָליציי האָט דווקא געוווּסט, געוווּסט אַלע אירע שטיקלעך אַרבעט, וואָס זי האָט אָפּ־געטאָן, און געזוכט זי מיט ליכט און נישט געקאָנט געפינען. — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר איינער האָט זיך אונטערגענומען זי אויסזוכן. דאָס איז געווען אַ באַרימטער שפּיק מיטן נאָמען י אַ ש ק אַ  וואָ ר אָ נ אָ.

## קאפיטל ד.

## יאשקא וואראנא

אין די פאפירן שטייט ער פארשריבן „יאקאוו וולאדימיראוויטש וואראנין, צוויי און דרייסיק יאר אלט". דער אמתער נאמען זיינער איז: „יאנקל ווארענער", פון א קליין שטעטל אין גראדנער גובערניע. זיין ביאגראפיע איז אינטערעסאנט, און מיר גיבן זי איבער אזוי קורץ, ווי ווייט ס'איז נאר מעגלעך.

...דער פאטער א מלמד... די מוטער א בעקערן... ביז פינף יאר געליטן הונגער... פון פינף יאר געהאלפן ברענגען די קינדער עסן אין חדר אריין, פארדינט א גראשן, געקויפט בא דער מוטער א בייגל אף אנבייסן... פורים געטראגן שלח־מנות... זומער געגאנגען בארוועס ביז דרייצן יאר... נאך דער בר־מצוה נישט געוואלט דאווענען... געשלאגן פונעם פאטער, צעבראכן א האנט... אנטלאפן קיין גראדנא... געשלאפן אינדרויסן... געלערנט פון א משוגענעם רוסיש און מאטע־מאטיק... געגנבעט א גמרא אין שול, פארזעצט פאר א האלבן ברויט... אנטלאפן קיין מיר אין דער ישיבה... זיך פארשטעלט פאר א פרומען, געדאוונט פון פרי ביז נאכט... געגעסן טעג... געגנבעט שטיקלעך בולקע פונעם טיש... שבת געכאפט מיט א פאפיראס אין בית־הכנסת... געשלאגן... אנטלאפן קיין ביאליסטאק... געווארן א לערער... גע־נומען א גילדן א וואך פאר צוויי שעה אין טאג... געהונגערט... גע־ווארן א חתן פאר א מיידל, טויב ווי די וואנט... גענומען פינף און פופציק רובל נדן... געקויפט א פאר שטיוול (דאס ערשטע נייע פאר שטיוול!)... אנטלאפן קיין ווילנא... אפגעגעבן עקזאמען אף זעקס קלאסן... זיך באקאנט מיט בונדיסטן... געשריבן דראמעס אין זשארגאן... געטראגן פארקויפן צו א פארלעגער... פארגעלייגט א פרייז אף דער וואג: צוויי גילדן א פונט... די דראמעס צעריסן, אנ־געשריבן א סאטירע אפן פארלעגער... באוויזן פאר די חברים... אלע געווען אנטציקט... אוועקגעשיקט אין א יידיש בלאט... פארפאלן ווי אין וואסער... זיך פארליבט אין א מיידל... מיאום אנטזאגט...

זיך געוואָלט טרינקען אין ווילייקאַ... באַקומען אַ ידיעה, אַז דער פאָטער איז טויט, די מוטער הונגערט... זיך געגעבן דאָס וואָרט אויס־שטודירן אַדוואָקאַט... אַרײַן אין אַפּטייק... אַפּגעווען צוויי יאָר... געשיקט דער מוטער געלט, אַ רובל אַ וואָך... אויף יום־טוב צוויי רובל... דער אַפּטייקער זיך געטשעפּעט, אַז ער טיילט אָרעמע מיידלעך פּאַרפֿומען אומזיסט... אַ אינטריגע פֿונעם אַפּטייקערס פֿרוי... אַנטלאָפֿן קיין פּעטערבורג... געוואָלט שטודירן מעדיצין... שטאַרק געהונגערט... געוואָלט דערשלאָגן זיך צום באַראָן גינזבורג... אויסגעשטאַנען שעהנ־לאַנג אויפֿן פּראָספּעקט... געצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער פּאָליציי... אַרעסטירט... געוואָלט אַרויסשיקן מיטן עטאַפּ קיין גראָדנאָ... זיך געשמדט... פֿאַרלאָרן די האָפֿענונג אויפֿן באַראָן גינזבורג... דער מוטער קיין געלט נישט געקאָנט מער שיקן... אַליין אויך געהונגערט... זיך געשטעלט אין אַרסענאַל פּאַר אַן אַרבעטער... געהערט לעקציעס אין אוניווערזיטעט... זיך געריבן אויף אַלע פֿאַרזאַמלונגען... זיך געקענט מיט אַלע סטודענטן און אַרבעטער... די שמד פֿאַרבאָרגן... געווען פֿאַרמישט אין אַ סקאַנדאַל מיט דינאַמיט... שיער נישט באַקאָנט זיך מיט סיביר... געגאַנגען אויף קאָמפּראָמיס... אויסגעגעבן אַ פּאָר חברים, גיך באַפֿרײַט געוואָרן... געוואָלט הענגען זיך... באַקומען אַן אײַנלאַדונג, פֿאַרגעלייגט אַ שטעלע אַלס שפּיאָן... מיט פֿרייד דערזען דעם ערשטן הונדערטער... זיך פֿאַרליבט אין אַ גויע אַ וועשערן... חתונה געהאַט... האָט צוויי קינדער... דינט געטרײַ... נאַטשאַל־סטווע העכסט צופֿרידן... געקויפֿט אַ אייגן הײַזל... גייט אַלעמאָל העכער... באַ אייניקע אַרבעטער פֿאַרדאַכטעט... באַקומט אַ גרוס פֿונעם מלאך־המות... היט זיך די ביינער... געהאַט די ערע אַ פּאָר מאָל צו ראַפּאָרטירן פּערזענלעך פֿאַר אַ הויכן נאַטשאַלניק... באַקומען אַ קאָמאַנדיראָווקע קיין וואַרשע... אויסגעפֿילט זײַן מיסיאָן אויפֿן בעסטן אָרט... באַקומען אַ שיינע מתנה מיט אַ שטענדיקן פּאָסטן אין פּע־טערבורג... וואָלט געקאָנט זײַן פֿולשטענדיק צופֿרידן, ווען די אַרבעטער זאָלן נישט שרעקן מיטן טויט...

עד כאן ביאָגראַפֿיע פֿון יאַשקאַ וואָראָנאָ.

* * *

יאשקא וואראנא האט געמוזט מודה זיין, אז אזא שווער שטיקל ארבעט, ווי די דאזיקע פארבארגענע „מאשא" האט אים פארגעבן, האט ער נאך נישט געהאט קיינמאל און אז ער וועט זי האבן צו געדענקען ווייל ער וועט לעבן! א חשד האט ער געהאט אף א מיידל מיט קורצע האר, וואס איז געגאנגען איינמאל פון א פארזאמלונג מיט א גאנצער כאליאסטרע, שוין שפעט אין דער נאכט איז דאס געווען, זיך אפגעשטעלט אלע ווײַלע און דיסקוטירט (ס'איז געווען אין יענע גליקלעכע טעג, ווען דרײַ מענטשן האבן נאך געקאנט אין גאס ריידן פראנק און פרײַ). אפגעזעגנט זיך מיט דער כאליאסטרע, האט דאס דאזיקע מיידל גענומען א דראזשקע און געהייסן זיך פירן אף איינע פון די פינצטעריע געסלעך פון דער גרויסער שטאט פעטערבורג. זעלבסטפארשטענדלעך, אז יאשא האט באלד אויך גענומען א דראזשקע און האט זיך אויך געהייסן פירן אף דער זעלבער גאס, און אז דאס מיידל האט זיך אפגעשטעלט, צעצאלט זיך, ארפגעקראכן, אנגעקלונגען און ארײַנגעגאנגען אין הויף ארײַן, האט אונדזער אגענט אפגעווארט א ווײַלע, אנגעקלונגען צום דווארניק, ארײַנגעגאנגען אין הויף ארײַן, באוויזן דעם דווארניק זײַן אגענט־צייכן און געהייסן זיך ווײַזן די ביכער ווו עס ווערן ארײַנגעשריבן אלע די, וואס וווינען אין הויף. יאשקא האט דורכגעבלעטערט אלע ביכער עטלעכע מאל הין און צוריק און אפגעשטעלט זיך אפן נאמען מ ר י ם ג י ט ל  ב א ש ע ו ו י ט ש... וווינט בא א ארשער מעשטשאנין משה מאלקין...

— א??? מאלקין?... א קענטלעכער נאמען... בא אים וועל איך שוין עפעס אויסגעפינען...

## קאפיטל ה.

## די קליינע קאמונע

מאלקין איז געווען באקאנט דער פאליציי שוין פון לאנד — דורך זײַן כלאפאטשען וועגן פראוואזשיטעלסטווא און דורך זײַנע אפטע פראשעניעס מיט זײַן דולן א קאפ. עס האט נישט געהאלפן קיין זאך, קיין ארעסטירן, קיין ארויסשיקן מיטן עטאפ — מאלקין האט זיך אײַנגע־

שפּאָרט איינמאָל פאַר אַלעמאָל: אָרשע איז פאַר אים צו קליין, ער וויל זײַן אַ פּעטערבורגער — און ער האָט אויסגעפירט. ער האָט געבראַכט צו פירן פון אָרשע אַן „אַטעסטאַט" פון אַ בעל־מלאכה (אַ שוואַקסמאַכער) און האָט זיך באַזעצט אין פּעטערבורג.

צוויי כחות האָבן געאַרבעט פאַר מאַלקינען, ער זאָל ווערן אַ פּעטערבורגער תושב: איין כח האָט אים געטריבן פון אָרשע, ווײַל אין אָרשע איז נישטאָ וואָס צו טאָן. דער אַנדערער כח האָט אים געצויגן קיין פּעטערבורג, ווײַל אין פּעטערבורג, האָט ער געהערט, ווערן ייִדן רײַך, אומגעהייער רײַך. פון דער מלחמה (דאָס איז געווען אין דער מלחמה־צײַט מיט יאַפּאַן). מאַלקין האָט אָבער אַביסל פאַרשפּעטיקט. איבער דעם כלאַפּאָטשען וועגן פּראַוואָזשיטעלסטוואָ און איבערן גיין מיטן עטאַפּ האָט ער דורכגעלאָזט די סאַמע בעסטע, די גאָלדענע צײַט, און איז אָנגעקומען קיין פּעטערבורג דעמאָלט, ווען מע האָט שוין גאָר אָנגעהויבן שמועסן וועגן שלום — און אונדזער שוואַקסמאַכער האָט זיך אומזיסט אויסגעבראַכט, און ער וואָלט געשטאָרבן פון הונגער, ווען זײַן ווײַב זאָל אים נישט קומען צו הילף מיט איר קאָנען גוט קאָכן פיש און באַקן חלה. ער האָט געעפנט אַ וואָלוועלע קיך מיט בעטלעך פאַר נישט קיין רײַכע לײַט און אויסגעהאָנגען אַ צעטל — און עס האָט אים מצליח געווען: אין גאָר אַ קורצע צײַט איז מען געוווּיער געוואָרן איש מפּי איש, אַז בײַ מאַלקינען עסט מען געשמאַקע פיש מיט פרישע חלה אַלע טאָג, און נישט טײַער — און מאַלקינס קוואַרטיר, וואָס איז געווען אונטערן סאַמע הימל, אויפן אייבערשטן עטאַזש, איז גיך געוואָרן באַזעצט דורך שטענדיקע קוואַרטיראַנטן, יונגע מענטשן פון פאַרשיידענע פּראָפעסיעס, אָדער, בעסער געזאָגט, מענטשן אָן פּראָפעסיעס, דאָס, וואָס מע רופט אָן „אינטעליגענטע פּראָלעטאַריערס", אַזעלכע מענטשן, וואָס וואָלטן אַ בעלן געווען עפּעס טאָן, אַרבעטן, האָרעווען, אַבי פאַרדינען זיך דאָס שטיקל ברויט. נישט צוליב געלט חלילה, נאָר אום צו דערהאַלטן די נשמה, בכדי מע זאָל קאָנען פאַרזעצן די גרויסע אַרבעט פון דער הייליקער אידעע, וועלכע האָט זיי אַלע צונויפגעקליבן דאָ, אונטערן כאַמע הימל, בײַ מאַלקין דעם שוואַקסמאַכער...

ואלה שמות — אָט זײַנען די נעמען פון די קוואַרטיראַנטן, וואָס בײַ מאַלקינען אונטערן הימל.

מאיר פרידעל — צוויי און צוואנציק יאָר, אַ בונדיסט. געלערנט אין דריי גימנאַזיעס, נישט געענדיקט איינע אַפילו, איבער מאַטעמאַטיק. ווייל מאַטעמאַטיק איז אַ בורזשואַזנע חכמה. צעקריגט מיט די עלטערן. אַנטלאָפן קיין פעטערבורג, זיך פאַרשריבן פאַר אַ זעצער אין דרוק, אַריין אין אוניווערזיטעט. נידעריקע וווּקס, שוואַרץ, געשטופּלט, אַ נידעריקע ראיה.

חיים ברודא — פיר און דרייסיק יאָר. געווען אַ מלמד. אַליין זיך אויסגעלערנט שפּראַך. פיל געלעזן. אַ געפערלעכער אַנטי־ציוניסט און אַנטי־נאַציאָנאַליסט. לייענט שטילערהייט דעם „השלח״... פאַרשריבן פאַר אַ שניידער. פון וואָס ער לעבט ווייס נאָר גאָט און ער... אַ הויכער, אַ דינער, רעדט הייזעריק, דאַכט זיך, אַ קאַנדידאַט אַף טשאַכאַטקע, און אפשר נישט...

מישא בערעזניאַק (דער אמתער נאָמען זיינער איז משה פידלער) — קרוב צו פערציק. אַן אַנטלאָפענער פון סיביר. געענדיקט צוויי פאַקולטעטן. אַ זעלטענער גבור. אַז ער רעדט, הודעט ער. שטאַרק געזוכט פון פּאָליציי. לעבט פון דעם, וואָס ער זינגט אַלע זונטיק אין „כאָר״. שווער צו דערקענען אין אים אַ ייִדן. גרויס, באַוואַקסן, זעט אויס ווי אַ דיאַק. אַ ווילדער בעל כעסן.

ניסל אוורוטים — אַ ייִנגל פון ניינצן יאָר. נישט געלערנט אין ערגעץ. זעלטענע פעיִקייטן. שרייבט שירים אין די בעסטע רוסישע צייטונגען, חתמעט זיך „קאַליברי״. אַ פייַעריקער אַנאַרכיסט. פאַרשריבן אַ פאַרבער. ווייס ווי אַ מיידל, פּוכקע בעקלעך.

עטקע ווייראַד — פיר און צוואַנציק יאָר. אַ ליטוויטשקע פון באַברויסק. פאַרשריבן פאַריקמאַכערן. געענדיקט גימנאַזיע. שטודירט אַף דענטיסטן. לעבט פון קלעפּן קאָראָבקעס. שוואַרץ, נאָר חנעוודיק. אויגן — פייַער.

חוה וואָל — איין און צוואַנציק יאָר. שטאַמט פון גרויסן יחוס: דער פאָטער באַרימט זיך, אַז ער קומט אַרויס פונעם יידישן־פּוילישן קעניג שאול וואָל. אַוועקגעוואָרפן אַ חתן אַ גביר. זיך אויסגעלערנט מאַסאַזש. פאַרשריבן היטלמאַכערן. אַ מסוכנע רעוואָלוציאָנערקע. נישט קיין שיינע.

מאַשאַ באַשעוויטש — קענען מיר.

אַצינד וואָלט מען נאָך באַדאַרפט פאַרשטעלן איך מאַלקינס דריי

עלטערע בנים. „בנים", נישט „זין" — איז די משמעות, אַז דאָס זײַנען דרײַ הויכע געזונטע קלאָפּערס, מיט הויכע רגלים, מיט געזונטע ידים, וואָס קאָנען גוט אַרבעטן און גוט אַכלען; זיי האָבן אַן אַפּעטיט, וואָס מיליאָנערן מעגן זיי מקנא זײַן. אַף זיי קוקנדיק, עסט זיך גאָר אַנדערש. אַ כפּרה זיבעצן יום־טובדיקע סעודות מיט אַכצן חופּה־וועטשערעס, מיט הונדערט ראָוטן, דינערס און באַנקעטן פֿון פּילפּאַכע מיליאָנערן, פֿאַר איין וועטשערע אינדערוואַכן באַם שוואַקסמאַכער דאָרטן אין דער הייך, אונטערן סאַמע הימל, באַ דעם אינטעליגענט־פּראָלעטאַרישן געזינדל, — נישטאָ קיין צערעמאָניעס! נישטאָ קיין אויבן־אָן! מע זעצט זיך אוועק און מע רעדט און מע עסט אַלע אינאיינעם, מײַנס און דײַנס און שותּפֿות־דיק — אַ מין קאָמונע...

מיט דער צײַט איז דאָ טאַקע געוואָרן אַ שטיקל קאָמונע — אַ דאַנק דער נײַער קוואַרטיראַנטקע מאַשאַ באַשעוויטש. אַז מאַשאַ באַשעוויטש איז געקומען צום ערשטן מאָל באַשטעלן זיך דאָ קוואַרטיר און קעסט, האָט זי זיך פֿון דער ערשטער מינוט אָן געפֿילט, אַז זי איז אינדערהיים. באַקענט זיך מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע און מיט אַלע פֿאַרשווינען באַם נאָמען, האָט מאַשאַ אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דאָס היטעלע מיטן מענטעלע, פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און אָנגעשטעלט זיך העלפֿן דער פֿרוי מאַלקין וואַשן דאָס געפֿעס. מאַלקין אַליין האָט זיך אַפֿילו געפּרוּווט פּראָטעסטירן, האָט אים מאַשאַ אָפּגעשניטן:

— עס איז נישט אײַער עסק! קוים האָב איך צײַט, דאַרף איך אײַך העלפֿן; וועל איך קיין צײַט נישט האָבן, וועט איר מיר העלפֿן... אָט, למשל, האָט זיך באַ מיר צעריסן אַ שוך, איר זעט? זײַט זיך מטריח, הער מאַלקין, נאָט אײַך מײַן שוך און טראָגט אים אַרײַן צום שוסטער, איך האָב געזען דאָ אין הויף באַ אײַך אַ שוסטער; באַדינגט זיך מיט אים, וואָס ער וועט וועלן פֿאַר דער רעפּעראַציע, און זײַט מוחל טאַקע איין איין וועגס באַצאָלט אים דאָרטן, וואָרום איך בין הײַנט נישט באַ געלט...

שפּעטער מיט עטלעכע מינוט האָט מאַשאַ דערהערט קוויטשען אַ קינד פֿון הינטערן אויוון אַרויס, האָט זי זיך אָנגערופֿן צו דער פֿרוי מאַלקין:

— דאָס איז אײַערס? אַנו, ווײַזט נאָר אַהער אײַער ווײנענדיק

באַשעפעניש׳ל, וועלן מיר זען, וואָס גייט דעם אָפּ?... — און מאַשאַ האָט גענומען דאָס קינד צו זיך אויף די הענט, אים אַ נאָמען געגעבן „פּעמפּעק״, געדרייט און געטרייסלט און געטאַנצט מיט דעם, אַזוי לאַנג, ביז דאָס וויינענדיקע באַשעפעניש׳ל אָדער פּעמפּעק האָט אַרויסגעשטעלט אַ רויט צינגל מיט זעקס נאַרוואָס אויסגעשניטענע ציינדלעך און האָט זיך פאַרגאַנגען פון געלעכטער.

— וואָס זיצט איר, ווי די כלות, צונויפגעלייגט די הענט? — האָט מאַשאַ צעשריגן אויף די צוויי קוואַרטיראַנטקעס, די מיידלעך, וואָס שטודירן איינע אויף דענטיסטן, די צווייטע מאַסאַזש.

— וואָס זאָלן מיר טאָן? — פרעגן די מיידלעך מיט אַ געלעכטער.

— וואָס זאָלט איר טאָן? — ענטפערט זיי מאַשאַ. — כאַפּט אָן אויטאָמאָביל און פאָרט זיך דורך אַביסל איבער „ניעווסקי״!... אָט ליגט אַ בעזעם, נעמט מען און מע פאַרקערט די שטוב.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דעם ערשטן אָפּדערנאַכט, צו דער ערשטער וועטשערע, האָבן זיך אַלע געוואָלט אויספּייַנען פאַר מאַשאַ באַשעוויטש. איטלעכער מיט זײַן פריידענקען און מיט זײַנע שיין ריידן, און מע האָט פאַרבונדן אַ דיסקוסיע איבער אַ פּרינציפּיעלע עקאָנאָמישע פראַגע, און עס האָבן זיך אַ גאָס געטאָן ווערטער: „קאַרל מאַרקס... לאַסאַל... פּראָלעטאַריאַט... קויטסקי... קלאַסנקאַמף״...

— שאַט, קינדערלעך! — האָט אויסגעשריִען מאַשאַ באַשעוויטש און האָט זיך פאַרשטעלט די אויערן. — ווילט איר פירן אַ דעבאַטע נישט ווי גענדז, נאָר ווי מענטשן, דאַרפט איר דאָס מאַכן פּאַרלאַמענטאַריש. אויסוויילן אַ פּרעזידענט, זיך מעלדן צום וואָרט. הײַנטיקס מאָל בין איך אײַער פּרעזידענט... הער בערעזניאַק, איר האָט דאָס וואָרט!...

און אָט אַזוי איז דאָס במילא געוואָרן בײַ מאַלקינען אַ קליינע קאָמונע, און איר פירערן איז געווען מאַשאַ באַשעוויטש.

## קאַפּיטל ו.

## געשאָסן דעם פויגל און ניט געטראָפן

עס איז נאָך נישט געווען רעכט נאַכט, עס זײַנען נאָך נישט אַלע גאַסן געווען באַלײַכט, אַז די קליינע קאָמונע, וואָס געפינט זיך הויך אונ־

טערן דאַד, באַ מאַלקינען אין וווינונג, האָט זיך אָנגעהויבן אײנציקווײַז צונויפגײן און איבערגעבן אײנס דעם אַנדערן די פּאַסירונגען פונעם טאָג. איטלעכער פון זיי האָט געהאַט פּעק מיט נײַס צו דערציילן: דער פון אַ געהיימער פאַרזאַמלונג, דער פון אַן איבערפאַל איבער אַרבעטער, דער פון אַ נײַעם שטרײַק, וואָס ווערט געפּלאַנט, און איטלעכער האָט געוואָלט, מע זאָל אים אויסהערן פריִער. האָט זיך אַרײַנגעמישט דער בעל־הבית, מאַלקין אַליין, און האָט זיך אָנגערופן צו דער חברה בזו הלשון:

— ווייסט איר, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, קינדער? אָט הערט מיך אויס, וועל איך אײַך דערציילן אַ שיינס. ערשטנס, בין איך עלטער פון אײַך, — פון דעם, וואָס איך בין דאָ בעל־הבית, רייד איך שוין נישט, באַ אײַך שפּילט דאָס וואָרט „בעל־הבית” אַ קנאַפּע ראָלע, — און צווייטנס, זאָג איך אײַך צו, אַז איר וועט לאַכן.

— אויב לאַכן, זײַט איר פאַרהאַנט, הער מאַלקין, איר האָט דאָס וואָרט!

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די ווערטער געהערן צום שטענדיקן פּרעזידענט פון דער קאָמונע, צו מאַשאַ באַשעוויטש, וואָס איז די גאַנצע צײַט געזעסן פאַרטראַכט, צערודערט, געפּויקט מיט די פינגער איבער׳ן טיש — אַ סימן, אַז זי איז נישט אויפגעלייגט... און דער בעל־הבית מאַלקין הייבט אָן צו דערציילן זײַן מעשה:

— אינדערפרי, אַז איר אַלע זײַט זיך צעגאַנגען ווי זאַלץ אין וואַסער, און איך בין געבליבן אײנער אַליין מיט אָט דעם קליינעם פּעמפּעק (ער ווײַזט אַפן מיזיניקל, וואָס זיצט באַ דער מאַמאַזשיסטקע אַף די הענט און רײַסט זי באַ דער נאָז), עפנט זיך אויף די טיר און עס קומט אַרײַן צו מיר אַ פּאַקנטרעגער מיט ביכלעך און זעצט זיך אַוועק מיט מיר פּלאַפּלען, און דער קליינער פּעמפּעק לאָזט נישט אויסריידן אַ וואָרט, ווי זײַן שטייגער איז. ביקצור, היסטאָריעס, מעשיות, געשיכטעס, עס לאָזט זיך אויס, אַז ער איז אַ חברה־מאַן, און נאָך אַ פאַרברענטער דערצו, פאַרקויפט טרפה ביכלעך און האָקט מיר אַרײַן בשעת מעשה אַ גאַלקע, אַז די מאַשאַ, וואָס האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין די טיפּאָגראַפיעס און האָט אָפּגעדרוקט די פּראָקלאַמאַציעס, איז דאָס זײַן טאָכטער... נו? האָב איך אײַך געזאָגט, אַז איר וועט לאַכן?

— נו? וואָס־זשע האָט איר געזאָגט? — פֿרעגט אים מאַשאַ באַשעוויטש.

— וואָס זאָל איך אים זאָגן? — מאַכט מאַלקין. — איך האָב אים געזאָגט, אַז ער איז מחילה אַ גרויסער שקרן. האָט ער געוואָלט מיך אייבערשפּאַרן און איינריידן, אַז ס׳איז פֿאַרט זײַן טאַכטערס אַרבעט, האָט דאָס מיך שוין אונטערגעטראָגן, האָב איך אים אויסגעטבלט אַלע בייזע חלומות און האָב אים מגלה געווען דעם סוד, אַז די מאַשאַ איז גאָר אַן אַנדער מאַשאַ, און אַז איך קען זי, און אַז זי וווינט דאָ טאַקע בײַ מיר אין שטוב...

גלײַך ווי אַ בייזע פֿליג האָט איר דערלאַנגט אַ ביס, אַזוי האָט זיך מאַשאַ באַשעוויטש אויפֿגעכאַפּט! געגעבן אַ פּליעסק מיט די הענט און אויסגערופֿן צו מאַלקינען:

— וואָס האָט איר געטאָן? איר זײַט דאָך אַ יִנגל, אַן אַלט יִנגל און אַ נאַריש יִנגל! ווער האָט אײַך געבעטן, איר זאָלט פּלאַפּלען מיט דער צונג? אַך, מאַלקין! מאַלקין!...

און מאַשאַ באַשעוויטש האָט גענומען לויפֿן איבערן שטוב, פֿײַערן און וואַרפֿן זיך, און אָבקען און אײַקען און ברעכן די הענט. די גאַנצע קאָמונע און מאַלקין אַליין האָבן זיך פּשוט דערשראָקן פֿאַר איר; זינט זיי קענען זיך מיט מאַשאַ באַשעוויטש האָבן זיי זי נאָך נישט געזען אַזוי אויפֿגערעגט און צעטראָגן, ווי אַצינד. עס האָט נישט געהאָלפֿן קיין באַרויקן, קיין אויסריידן דאָס האַרץ. מאַשאַ באַשעוויטש האָט זיך נישט געלאָזט איבעררײדן. און אַף מאַלקינען האָט זי געפֿײַערט, געשוועבלט.

— וואָס פֿאַר אַ רעכט האָט איר געהאַט אַרויסצוגעבן פֿאַר אַ ווילד־פֿרעמדן מענטשן, וואָס איר קענט אים נישט און ווייסט אים נישט, אַזעלכע זאַכן, וואָס געהערן זיך מיט אײַך נישט אָן? איך בין איבערצײַגט, אַז דאָס איז אַ חברה־מאַן פֿון דעם גוטן אָרט... אונדזער דוואָר־ניק האָט מיר עפּעס געפּלעטשעט הײַנט אינדערפֿרי, אַז נעכטן בײַנאַכט, נאָך מײַן קומען אַהיים, איז דאָ געווען עפּעס אַ נפֿש און האָט זיך נאָכגעפֿרעגט אַף עמעצן, ער ווייס נישט, צי אַף מיר, צי אַף אַן אַנדער באַרישני... ווייסט איר, קינדער, וואָס איך וועל אײַך זאָגן? איך פֿאָר איבער אַף אַן אַנדער קוואַרטיר, און טאַקע באַלד, קינדער! פּרוּווט נישט מיך איבעררײדן, וואַרפֿט אַוועק אַלע אײַערע גרימאַסן מיט די

טרויעריקע ריידלעד. העלפֿט מיר בעסער צונויפֿנעמען מײַן „באַגאַזש“, און זאָל איינער פֿון אײַך זיך מטריח זײַן צום דוואָרניק מיך אויסשרײַבן פֿון די ביכער, אַז איך בין אַרויסגעפֿאָרן פֿון פּעטערבורג אין ווילנא... אויב זיי וועלן מיך וועלן זוכן, זאָלן זיי זיך כאַטש דרייען דעם קאָפּ... זײַט געזונט, קינדער, אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט איר האָבן פֿון מיר אַ ידיעה... זײַ געזונט, קליינער פּעמפּעק, געב אַהער די אויסגעשמירטע מאָרדע דײַנע, איך ווינטש, דו זאָלסט וואַקסן און זײַן כאָטש אַביסעלע קליגער פֿון דײַן טאַטן... אַדיע!

אַז אײַגענע שוועסטער דאַרף מען אַזוי וואָרעם נישט אַרויסבאַגלייטן, ווי וואָרעם די קליינע קאָמונע האָט אַרויסבאַגלייט איר פּרעזידענט מאַשאַ באַשעוויטש. אַלע זײַנען געווען גערירט, דערשלאָגן פֿון אַזאַ אומדערוואַרטן סוף. די מאַדאַם מאַלקין האָט זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָט זיך צעוויינט. און די צוויי מיידלעך, די קוואַרטיראַנטקעס, די דענטיסטן מיט דער מאַסאַזשיסטן, האָבן זיך צוגעגרייט גיין באַגלייטן זי, האָט אָבער מאַשאַ פּראָטעסטירט קעגן דעם, און אַז זי האָט שוין געהאַלטן אױף יענער זײַט טיר, האָט זי זיך אומגעקערט צו דער קאָמונע מיטן פּנים און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

— וואָס נאָך, קינדער, האָב איך אײַך פֿאַרגעסן זאָגן? יאָ, טאַמער דערהערט איר, אַ קשיא אױף אַ מעשה, אַז מע האָט מיך געפּאַקט, זאָלט איר זיך נישט דערוועגן קיינער פֿון אײַך גיין צו מיר צו גאַסט, און פֿאָלגט מיך, אין אויוון הייצט זיך, זײַט מבער חמץ, זוכט אויס, וועט איר האָט ערגעץ אַ בריוול, אַ שטיקל פּאַפּיר, אַ פּראָקלאַמאַציע, אַ ביכל, און פֿאַרברענט דאָס געזונטערהייט, און ווער עס פֿילט, אַז ער דאַרף נישט זײַן דאָ, זאָל ער באַצײַטנס בעסער זיך אָפּטראָגן... זײַט געזונט אַלע! זײַ געזונט, קליינער פּעמפּעק! נאָך דיר וועל איך בענקען...

זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז תּיכּף נאָך מאַשאַס אַוועקגיין האָט איבער דעם זיך פֿאַרבונדן אַ הייסע דעבאַטע צווישן די מיטגלידער פֿון דער קאָמונע. אייניקע האָבן שאַרף קריטיקירט מאַשאַס אַנטלויפֿן און מאַשאַס באַהאַלטן זיך; אייניקע האָבן זי פֿאַרענטפֿערט און האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט: ברענען בריוו און ביכלעך, און מאַלקינס בנים האָבן געהאָלפֿן. דער פֿרוי מאַלקין האָט הנאה געטאָן, וואָס מע האָט פֿאַרשפּאָרט האָלץ, און דער קליינער פּעמפּעק האָט געקוועלט, נישט אָראָפּגעלאָזט

קיין אויג פונעם פײַער, געמיינט, אַז דאָס ברענט מען פון זײַן כבוד וועגן...

* * *

דאָס פײַער אין אויוון האָט שוין לאַנג אויסגעלאָשן, די אַש פון די פאַרברענטע פּאַפּירן האָט די פרוי מאַלקין שוין לאַנג פאַרשאַרט, און די איבערגעבליבענע מיטגלידער פון דער קאָמונע זײַנען זיך צעגאַנגען איטלעכער אין זײַן ווינקל אַפּצורוען פון דער אַרבעט און זאָרג פון דעם גאַנצן טאָג. נאָר איין מאַלקין מיטן ווײַב זײַנען געזעסן אינצווייען נעבן דעם קליינעם פּעמפּעקס וויגעלע און געבראָכן זיך דעם קאָפּ, ווו וועלן זיי נעמען מאָרגן אין מאַרק אַרײַן? דער מאַן האָט געפרעגט באַם ווײַב, דאָס ווײַב האָט געפרעגט באַם מאַן: ווו נעמט מען געלט? „נישט גוט!" — האָט געזאָגט מאַלקין. „נישט גוט!" — האָט צוגעבאָמקעט פרוי מאַלקין... און סאַמע אין דער מינוט הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר, און נאָך אַ קלאַפּ, און נאָך אַ קלאַפּ, וואָס אַ מאָל שטאַרקער און שטאַרקער.

— ווער איז דאָרט? — פרעגט מאַלקין.

— היימישע! — ענטפערט אַ קול פון יענער זײַט טיר.

— וואָס רעכנסטו, זאָל דאָס זײַן, אַן אַבלאַווע? — פרעגט מאַלקין באַ זײַן ווײַב און קאָן זיך נישט דערוואַרטן אַף איר תשובה, ווײַל איידער די פרוי מאַלקין עפנט אויף דאָס מויל צו ענטפערן, טוט אַ טרעשטשע די טיר און עס קומען אַרײַן געסט: אַ פּריסטאַוו מיט נאָך אַ פּריסטאַוו, עטלעכע פּאָליציסטן און זשאַנדאַרמען, צווישן זיי איינער אַן אָפיציר. פאַר גרויס אימפּעט האָט זיך מאַלקין צוגעזעצט צום טיש, און די פרוי מאַלקין איז צוגעגאַנגען צו פּעמפּעקס וויגעלע.

— זדראַווסטוווי, גאָלובטשיק! — אַזוי האָט אויסגערופן צו מאַלקינען דער פּריסטאַוו, וואָס האָט אים נישט איינמאָל געזען באַ זיך אין אוטשאַסטאָק. — וואָס־זשע מאַכסטו עפּעס, מײַן טײַערער? ווי גייטס דיר אין די געשעפטן?

מאַלקין איז געווען אַזוי איבעראַשט, אַז ער האָט נישט געקאָנט עפענען דאָס מויל... און די איבעריקע חברה, די פּאָליציסטן מיט די זשאַנדאַרמען מיטן אָפיציר און מיטן צווייטן פּריסטאַוו, האָבן דערווײַל געטאָן זייער אַרבעט: זיי האָבן אויפגעוועקט די גאַנצע קאָמונע, אַראָפּ־

געשלעפּט זיי מחילה פון די בעטלעך — איך בעט איבער אײַער כבוד — האַלב נאַקעט, צוגעשטעלט צו יעדן אַ סאָלדאַט, און עס האָט זיך אָנ־געהויבן אַן אונטערזוכונג.

— מאַשאַ באַשעוויטש! — האָט אויסגערופן דער זשאַנדאַרמסקי אָפיציר, נאָך גאָר אַ יונגערמאַנטשיק, בלוט און מילך, מיט צוויי שיינע געקרײַזלטע קאַטלעטלעך אויף די באַקן אַ לאַ פּושקין. — וועלכע פון אײַך איז דאָ מאַשאַ באַשעוויטש?

— מאַשאַ באַשעוויטש איז נישטאָ. — האָט זיך אײַנגעשטעלט מאַלקין אַרויסריידן די ערשטע דרײַ ווערטער.

— וואָס הייסט, זי איז נישטאָ?

— אַרויסגעפאָרן.

אַז עמעצער זאָל געוועז ווארפן אַ באָמבע, וואָלט זי נישט באַדאַרפט האָבן קיין שענערן עפעקט און וואָלט נישט געקאָנט זיי מער איבערראַשן, ווי עס האָט זיי איבערראַשט די ידיעה, אַז די, צוליב וועלכער זיי זײַנען געקומען אַהער אויף זיכער, איז נישטאָ.

— אַרויסגעפלויגן אײַער פייגעלע! — האָט זיך מיט אַ ביטער שמייכעלע אָנגערופן דער זשאַנדאַרמסקי אָפיציר מיט די קאַטלעטן אַ לאַ פּושקין צו איינעם אַ פאַרשוין, וואָס איז געשטאַנען באַ דער טיר גאַנץ אומבאַמערקט, אָנגעטאָן אין אַן אויבעררראָק פון אַזאַ קאָליר, וואָס איז שווער צו זאָגן, צי איז דאָס גרוי, צי איז דאָס געל, צי איז דאָס געלבלעך; גיכער קאָן מען זאָגן, אַז עס איז אַלע דרײַ קאָלירן צוזאַמען. די גאַנצע צײַט איז דער אומבאַמערקטער פאַרשוין אינעם דרײַקאָלירנדיקן אויבער־ראָק געשטאַנען, ווי אַ מענטש אַ זײַטיקער, ווי איינער, וואָס מע וואָלט אים אַרײַנגערופן פאַר אַן עדות. דערהערט אָבער, אַז מאַשאַ באַשעוויטש איז נישטאָ, האָט דער פאַרשוין מיטאַמאָל אויפגעלעבט, צוגעגאַנגען צום טיש, אַ וואָרף געטאָן מיט די אַש־קאָלירנדיקע ברילן אויף אַלע זײַטן, דאָס פּנים איז אים געוואָרן טויט, די הענט האָבן געציטערט. ער איז צוגע־גאַנגען צו מאַלקינען גאַנץ נאָענט, אַרײַנגעקוקט אים טיף אין די אויגן אַרײַן און מיט אַ שטילער, נאָר ענערגישער שטימע האָט ער צו אים אַ זאָג געטאָן אויף ייִדיש:

— מאַלקין! ווו איז מאַשאַ באַשעוויטש?... איך ווייס, אַז איר

וויסט... עס וועט זײַן געזונטער פֿאַר אײַך אַלעמען, אַז איר וועט זאָגן דעם אמת...

מאַלקין האָט דערקענט דעם אינדערפֿריאיקן גאַסט, דעם פּאַקנטרעגער.

דאָס איז געווען יאַשקאַ וואַראַנאַ.

## קאַפּיטל ז.

## מאַשאַ זוכט אַ טעריטאָריע

אַז מאַשאַ באַשעוויטש האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט דער „קליינער קאָמונע", וואָס באַ מאַלקינען אונטער הימל, האָט זי גענומען איר „באַגאַזש", אַ טשאַכאַטעטשנעם טשעמאָדאַנטשיקל, איבערגעבונדן מיט אַ שטריקל, געכאַפּט אַ דראָזשקע און געהייסן זיך פֿירן אַף איינע פֿון די ווײַטע גאַסן פֿון דעם גרויסן צעוואָרפֿענעם פּעטערבורג. מחמת דער וועג איז געווען אַביסל ווײַטלעך, האָט זיך מאַשאַ אַרײַנגעלאָזט אין אַ שמועס, ווי איר שטייגער איז, מיטן איזוואָזטשיק, אַ געזונטן אָרלאָווסקן מוזשיק מיט אַ פּנים פֿון אַ בער, און איז געוואָר געוואָרן פֿון אים, אַז ער האָט אין אָרלאָווער גובערניע אַ שטיקל ערד, וואָס עס קלעקט אים נישט אַף טרוקן ברויט, מוז ער קוטשירן, און דאָס ווײַב מוז וואַשן גרעט, און די קינדער... עך, די קינדער! דרײַ זין האָט ער מיט אַ טאָכטער, איז איינער, דער עלטערער, אַ זאַפּאַסנאַי, געהרגעט געוואָרן אין מאַנדזשוריע, דער אַנדערער איז אַוועק הײַנטיקס יאָר פֿאַר אַ סאָלדאַט...

— צו וואָס טויג דיר אַזויפֿיל סאָלדאַטן? — פֿרעגט אים מאַשאַ.

— שטעלסט צו סאָלדאַטן צו דער רוסישער אַרמיע?

— וואָס-זשע זאָל מען טאָן? — ענטפֿערט איר דער איזוואָזטשיק.

— מע הייסט, דאַרף מען געבן.

דער איזוואָזטשיק דרייט אויס צו איר זײַן פּנים, קוקט זיך אײַן, ווער דאָס רעדט מיט אים, טאָמער איז דאָס אַן אונטערגעשיקטע. מאַשאַס פּנים אָבער זאָגט, אַז זי איז נישט פֿון די אונטערגעשיקטע, און אַף דעם איזוואָזטשיקס פּנים באַווײַזט זיך אַ מין גרימאַסע, וואָס מע מוז דאָס אָננעמען פֿאַר אַ שמייכל, און ער צערעדט זיך מיט איר, גיט איר אָנצו־

הערעניש, אַז ער איז נישט אַזאַ פֿינצטערער פּאַרשוין, ווי זי מיינט, אַז ער ווייס אויך וואָס סע טוט זיך איצט אויף דער וועלט; ער אַליין טאַקע לייענט נישט קיין ביכלעך, מחמת ער קאָן נישט, נאָר אַנדערע לייענען אים, סילוועסטער לייענט אים און פּאַרטײַטשט אים איטלעכס וואָרט. ווער איז דער סילוועסטער? סילוועסטער איז אַן אַרבעטער פֿון אַן אײַזנפֿאַבריק, וווינט מיט אים אויף איין פּלאַץ, שלאָפֿן ביידע אויף איין ערד. דערציילט אים סילוועסטער, וואָס אויף די פֿאַבריקן טוט זיך: מע גרייט זיך צו אַ שטרײַק. אַפֿילו ער מיט זײַן פֿערדל וועט מוזן שטרײַקן אַזוי לאַנג, ביז דער פֿאָטער גאַפּאָן וועט הייסן.

— ווער איז דער גאַפּאָן? — פֿרעגט אים מאַשאַ, אום צו איבערצײַגן זיך, אויף וויפֿל איז דער איזוואָזטשיק אינפֿאָרמירט פֿון דעם, וואָס טוט זיך אויף די פֿאַבריקן.

— דער פֿאָטער גאַפּאָן — גיט איר דער איזוואָזטשיק צו פֿאַרשטיין אויף זײַן שפּראַך — דאָס איז דער גלח, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו מלחמה האַלטן מיט דער שוואַרצער קליפּה, מיטן אַנטיכריסט, וואָס האָט זיך בײַ אונדז אין לאַנד אַרײַנגעכאַפּט און וויל פֿון דאָרט נישט אַרויס. וויפֿל מע האָט אים נישט אונטערגערייכערט מיט ווייראַך, וויפֿל תּפֿלות מע האָט נישט אָוועקגעלייגט אויף אים, מיט קללות, מיט תּוכחות, מיט באַשווערונגען — ער רירט זיך נישט פֿון אָרט, אָט דער שוואַרצער כּח, דער אַנטיכריסט, ס'זאָל אויף אים קומען אַ כאָלערע!...

בײַ די ווערטער דערלאַנגט ער דעם פֿערדל דאָס, וואָס ער וואָלט וועלן דערלאַנגען אַנטיכריסטן, און מאַשאַ וויל אַרויסבאַקומען פֿון דעם נפֿש, ער זאָל איר געבן צו פֿאַרשטיין, ווער איז, נאָך זײַן מיינונג, דער אַנטיכריסט?

— ווייסט אים דער רוח! — ענטפֿערט ער איר. — איך מיין, אַז ער דאַרף שטאַמען פֿון ייִדן.

— וואָס עפּעס פֿון ייִדן? — פֿרעגט אים מאַשאַ דערשטוינט.

— פֿונוואַנען דען, אַז נישט פֿון ייִדן? — ענטפֿערט איר דער פּויער, ווי אַ בר־סמכא. — אַלצדינג וואַקסט פֿון ייִדן. און די מלחמה איז דען נישט פֿון ייִדן?

— פֿונוואַנען ווייסטו דאָס?

— איך ווייס נישט, איך מיין אַזוי...

דאָ שטייט פאַר מאַשאַן אַ שווערע אויפגאַבע: אויפקלערן דעם דאָזיקן נפש, ווער איז גאַפּאָן, און ווער איז אַנטיכריסט, און וואָס זײַנען די ייִדן, און ווער האָט אַרויסגערופן די מלחמה? אַ שווער שטיקל אַר־בעט איז דאָס געווען! האָקן האָלץ איז אַ סך גרינגער דערפון! און דאָך איז זי צופרידן מיט איר אַרבעט, וואָרעם אַז זיי זײַנען צוגעפאָרן אַהין, וווּ זי האָט באַדאַרפט, און האָט זיך צעצאָלט מיטן איזוואָזטשיק פאַר די אַנדערהאַלבן שעה, וואָס זיי זײַנען געפאָרן, האָט אַף זײַן בעריש פּנים געשפּילט אַ ברייט לויטער שמייכל, וואָס האָט געקאָנט זאָגן:

— אַצינד איז פאַר מיר אַלץ ווי אַף אַ טעלער!...

* * *

צוגעפאָרן צו אַ הויכן גרוי־געפאַרבטן מויער, האָט מאַשאַ באַשע־וויטש אַנגעקלונגען אין טויער, און עס האָט זיך באַוויזן אַ דוואָרניק מיט אַ ווײַסן פאַרטעך און מיט אַ ווײַס בלעכל אַפן היטל, און מאַשאַ איז געוואָר געוואָרן פון אים אַ טרויעריקע בשׂורה, אַז דער פאַרשוין, אַף וועלכן זי פרעגט זיך נאָך, איז אַרעסטירט, און זי קאָן דאָ נישט בלײַבן, מחמת דער בעל־הבית פונעם הויף האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל קיין סטודענטן מיט יונגע „באַרישנים" קיין צימער נישט פאַרדינגען. „זאָלן זיי בעסער, זאָגט ער, שטיין ליידיק, אָדער זאָלן זיי, זאָגט ער, דרײַ מאָל ברענען אַפן פײַער, איידער די פּאָליציי זאָל מיר זאָגן, אַז מײַן הויף איז אַ נעסט פון סטודענטן, גנבים, זשוליקעס און סאָציאַליסטן!"...

מאַשאַ האָט נעבעך געמוזט נעמען איר „באַגאַזש", דאָס טשאַכאַ־טעטשנע טשעמאָדאַנטשיקל, און גיין זוכן אַ טעריטאָריע ערגעץ אַנדערש, אַף דער דריטער גאַס פונדאַנען. אַף איר קלונג האָט זיך באַוויזן אַ פרוי מיט אַ רויטער פּאַטשיילע מיט גרינע קווייטן, דעם דוואָרניקס ווײַב, און האָט איר געזאָגט מיט אַ ניגון, זי זאָל גיין פונדאַנען וואָס גיכער, וואָרעם ס'איז אַ פולער הויף מיט פּאָליציי. זיי זוכן עמעצן...

אודאי האָט אונדזער העלדן געמוזט פאַרקירעווען דעם דישעל און „נעמען לינקס", און טאַקע שטעלן פּיס, וואָרעם באַקענען זיך מיט דער פּאָליציי וועט זי נישט פאַרשפּעטיקן, זי האָט נאָך זייער־זייער אַ סך צו טאָן!... פּלוצים (אַלע גוטע מחשבות קומען אָן פּלוצים) טוט איר אַ

שײַן אַ מחשבה אין קאָפּ: „טאַמאַראַ!... טאַמאַראַ שאַסטעפּאַל!"...

מאַשאַ באַשעװיטש און טאַמאַראַ שאַסטעפּאַל, כאָטש זײ זײַנען געװען חברטעס פֿון אײן שטאָט, מיט אַטעסטאַטן פֿון אײן גימנאַזיע, דאָך האָבן זײ זיך זעלטן באַגעגנט, נישט װײַל מע האָט עפּעס געהאַט אײנע צו דער אַנדערער, נאָר זײ קאָנען אַלײן נישט זאָגן פֿאַרװאָס. באַ זיך אין האַרצן האָט זיך מאַשאַ מודה געװען, אַז זי האָט נישט ליב טאַמאַראַס בורזשואַזנע עלטערן מיט זײער בורזשואַזנע שטוב. מאַשאַ געדענקט, װאָס פֿאַר אַ שװערן אײַנדרוק זי פֿלעגט אַרויסטראָגן פֿון טאַמאַראַס שטוב אַלעמאָל, װען זי איז אַהין געקומען. טאַמאַראַס מוטער פֿלעגט איר הײסן דערלאַנגען אַ גלאָז טײ מיט אַזאַ נוסח, גלײַך װי אײנער איז זיך מפקיר פֿון עמעצנס װעגן, ברענגט אַ קרבן על־פּי נױט. װאָס זאָל מען טאָן? מע מוז אַ מאָל געבן יענעם אַ גלאָז טײ!... און אַלע מאָל האָט דאָס דינסטמײדל פֿאַרגעסן אַרײַנװאַרפֿן צוקער, און אַלע מאָל האָט זי געשאָלטן דאָס מײדל, למאַי זי פֿאַרגעסט אַרײַנצװאַרפֿן צוקער.

און איר פֿאָטער, איציקל שאַסטעפּאַל? — אים האָט זי גאָר פֿײַנט געהאַט, זי געדענקט אַ סצענע, װיאַזױ זי איז אַמאָל געקומען צו טאַמאַראַן, נישט געטראָפֿן זי אינדערהײם און באַגעגנט זיך מיטן פֿאָטער אױף דער שװעל.

— װער איז דאָס מײדל? — האָט איציקל אַ פֿרעג געטאָן באַם װײַב און האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אונטערן קאָלנער.

— טעמעס אַ חברטע, — האָט דאָס װײַב געענטפֿערט, נישט געװאָלט אָנרופֿן זי באַם נאָמען, װער זי איז. מאַשאַ איז שױן געװען דעמאָלט אין זעקסטן קלאַס גימנאַזיע און האָט זיך שױן געקאָנט אױסטענהען מיט אַ גרעסערן פֿון איציקל שאַסטעפּאַל. האָט זי מיט שטאָלץ געזאָגט צו אים:

— איך בין ליפּאַס טאָכטער.

— װאָסער ליפּאַ? — פֿרעגט איציקל.

— ליפּאַ באַשעװיטש, — ענטפֿערט אים מאַשאַ.

— װאָסער באַשעװיטש? — פֿרעגט װײַטער איציקל, נעמט נישט צו די האַנט פֿונעם קאָלנער.

— דער ייִד פֿונעם האָלץ, — מישט זיך אַרײַן טאַמאַראַס מוטער, און איציקל דרײט זיך אױס צו מאַשאַן מיטן הינטן, און מאַשאַ גײט

אוועק פון דארט א צעקאכטע און גיט דאס ווארט, מער צו טאמאראן אהיים נישט גיין. באגעגנט זי אבער טאמארא און שטייט־צו צו איר און רעדט אזוי לאנג, ביז זי רעדט זי איבער.

איינמאל האבן זיי זיך באגעגנט אין פעטערבורג אף א פארזאמלונג, און טאמארא האט גענומען שטראפן מאשאן פארוואס זי קומט נישט צו איר. האט איר דערויף מאשא געענטפערט:

— פארוואס קומסטו נישט צו מיר? — און האט זיך באלד פארכאפט. — איבעריקנס, קאנסטו צו מיר נישט קומען...

— פארוואס?

— ווייל מאלקינס רעזידענץ, דארט וווּ איך וווין, אונטערן הימל, איז צו קליין פאר דיר!...

דאס האט שוין טאמאראן פארדראסן, און זי איז דווקא געקומען צו איר, זיך באקענט מיט מאלקינען און מיט דעם גאנצן פראלעטארישן געזינדל, געפירט אפילו א דיסקוסיע מיט דער קאמונע און פארליבט אין זיך די גאנצע קאלאניע, פונעם יונגסטן אווורוטים ביזן אלטן סיבירניק בערעזניאק, — אלעמען איז טאמארא געפעלן, אפילו די צוויי מיידלעך פון דער קאמונע, עטקע און חוה.

— אצינד האף איך, אז דו וועסט זיין בא מיר אויך? — זאגט טאמארא צו מאשאן.

— בא דער ערשטער געלעגנהייט, — זאגט מאשא, און אזוי ווי טאמארא איז אוועקגעגאנגען, אזוי האט זי שוין אן איר פארגעסן. דערמאנט האט זי זיך אן טאמאראס איינלאדונג אין דער מינוט, ווען זי איז געגאנגען מיט איר באגאזש אין די הענט איבער דער גרויסער שטאט פעטערבורג זוכן א טעריטאריע.

אפגעגאנגען נאך עטלעכע מייל, האט אונדזער העלדין אפגעשטעלט זיך בא א געלן מויער און האט אנגעקלונגען בא דער פאראדנע טיר. אף איר קלונג האט זיך באוויזן א קליין בארוועס שיקסל מיט גרויסע קארעלן אפן האלדז און מיט א פארטיקן געלעכטערל אפן פנים. מאשא האט איבערגעגעבן דעם באגאזש און האט זי א פרעג געטאן, ווי־אזוי מע רופט זי.

— מיך רופט מען מאשא, — זאגט דאס קליינע שיקסל מיט די גרויסע קארעלן און לאכט.

— אויב אזוי, האָבן מיר שוין צוויי מאַשאַס, — האָט מאַשאַ באַ־שעוויטש זיך אָנגערופן צו דער קליינער מאַשאַ און האָט זיך געהייסן אַריינפירן צו דער „באַרישני" (טאַמאַראַ שאַסטעפּאַל) אין צימער אַריין.

— ווער איז דאָרטן? — האָט זיך געלאָזט הערן פון צווייטן צימער

— ס'איז איך! — האָט אים געענטפערט מאַשאַ באַשעוויטש, אויסגעפּאַקט דאָס טשעמאָדאַנדל און צעלייגט זיך באַ טאַמאַראַן אין צימער, אַזוי ווי באַ זיך אינדערהיים.

— ווער איז געווען דער איך? — האָט זיך געלאָזט הערן נאָכאַמאָל די זעלבע מאַנצבילישע שטימע, און נישט באַקומען מער קיין ענטפער, האָט זיך באַוויזן דער מאַנצביל אַליין, אַ פּאַרשוין פון אַ יאָר פערציק, אַ צעקאָטשמעטער, אַ צעבורשעטער, אָן אַ העמד, מיט אַ פּידזשאַקל פאַר־שפּילעט ביז אַרויף, אָן הויזנטרעגער, און דערפאַר, אַפּנים, האָבן זיך די הויזן שטאַרק געשלעפּט אויף דער ערד, און דערפאַר, אַפּנים, האָט ער זיי אונטערגעהאַלטן באַם בויך מיטביידע הענט, געגעבן אַלעמאָל אַ שלעפּ אַרויף און צו גלייכער צייט געהאַט צו טאָן מיט די פּענסנע, וואָס האָבן בשום אופן נישט געוואָלט האַלטן זיך אויף דער נאָז, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס די נאָז איז באַ אים אַן אויסגעבויגענע ייִדישע נאָז. שולדיק זיינען דאָ, אַפּנים, די ברילן, נישט די נאָז און אפשר דער בעל־הבית פון דער נאָז, וואָס שיינט אַ צעטראָגענע בריאה צו זיין, איינער פון די נפשות, וואָס זיינען שטענדיק פאַרהאָרעוועט, פאַרטאָרעראַמט, הייבן אָן צוואַנציק טויזנט אַרבעטן און לאָזן קיינמאָל נישט אויס, גאָט ווייס ווען זיי ווערן פאַרטיק!...

דערזען באַ טאַמאַראַן אין צימער אַן אומבאַקאַנטן מענטשן, האָט זיך דער צעקאָשמעטער פּאַרשוין מיט די לאַנגע פאַלנדיקע הויזן געגעבן אַ כאַפּ צוריק און אַ בייג איין אויף וויפל עס האָבן אים דערלויבט די ברילן, און אַ זאָג געטאָן די געוויסע באַנאַלע פראַזע:

— מיט וועמען האָב איך די עהע? (אָנשטאָט אַ רי"ש קומט אויס באַ אים אַ חי"ת).

— די ערע איז נישט אַזאַ גרויסע. — האָט אים מאַשאַ אָפּגעענטפערט פּראָסט, ווי איר שטייגער איז, און האָט זיך געטאָן דערוויילע איר אַרבעט: צונויפגעלייגט די האַנטיכלעך, די קעמלעך, די בערשטלעך מיט די טיבעלעך מיט די קעלנערלעך, ווי באַ זיך אינדערהיים. — איך בין

טאמאראס א חברטע פון דער היים; מײַן נאָמען איז מאשא באשעוויטש.

ווי אַז עלעקטרישער שטראָם איז דער נאָמען „מאשא באשעוויטש" דורכגעלאָפן דורכן גאַנצן גוף פון דעם צעקאַשמעטן פאַרשוין. א פרײַנטלעך שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער זײַן גאַנצן פּנים. אַז אַנדער מענטש איז ער געוואָרן! ער האָט זי אַנגענומען בײַ דער האַנט און נישט אַרויס־געלאָזט זי די גאַנצע צײַט, וואָס ער האָט גערעדט. און גערעדט האָט ער לאַנג און אַ סך און אַז אָפּשטעל, געקייטלט איינס אינעם אַנדערן אַזוי קונציק, אַז איבערצוהאַקן אים איז אוממעגלעך, סײַדן אוועקגיין אינמיטן אָדער איבערשרײַען אים מיט אַ טאַן העכער. די, וואָס קענען אים, טוען דאָס טאָקע, — מע האָט קיין אַנדער ברירה נישט...

זײַט איך דאָס די מאשא באשעוויטש? אי־אי־אי? טאַמאַחאַ וועט קומען, וועט זי זיך אויפהענגען פאַר פּחייד! מיך העחן פון אײַך אַלע טאָג, דחײַ מאָל אַ טאָג. צען מאָל אַ טאָג! איך זײַט אַ העלדן! אַ גחויסע העלדן! נישט אַלע קאָנען דאָס, וואָס איך קאָנט! מיך דאַחפן אַלע בײַ אײַך זיך לעחנען! מיך זײַנען קינדעה, חדח־ייִנגלעך קעגן אײַך! מײַן נאָמען איז אַבחאָם מאַחקאָוויטש! אַבחאָם מאַחקאָ־וויטשן קענען אַלע! מײַן פּחאָפעסיע איז דחוקעחײַ, נאָח אַליין בין איך אַ שטיקל מאַלעח, אַ שטיקל קינסטלעח, אַ שטיקל שחײַבעח, אַ שטיקל דיכטעח, אַ וועגעטאַחיאַנעץ און אַ טאָלסטאָוועץ. ווי אַזוי האַלט איך פון טאָלסטאָי? איך האַלט פון אים זייעח שטאַחק! איך זאָגט מסתמא, אַז עח איז מעח דיכטעח אַלס פּילאָזאָף? איך בין מיט אײַך נישט אײַנ־פאַחשטאַנדען!...

אויב מאשא באשעוויטש איז געווען אײַנפאַרשטאַנדען מיט אַבראָם מאַרקאָוויטשעס מיינונג איבער טאָלסטאָיס פילאָזאָפיע אָדער נישט — דאָס איז אַ באַזונדערע פראַגע, נאָר אַז מע דאַרף אַרויסנעמען די האַנט פון זײַן האַנט — דאָס האָט זי געזען און האָט דאָס באַצײַטנס געטאָן, און האָט אים געוואָלט איבעררײַסן אינמיטן, איז אָבער געווען אומ־מעגלעך, מחמת אַבראָם מאַרקאָוויטש האָט געהאַלטן סאַמע אין רעכטן שמועס, און ס'איז פּאַשעט אַ ראַכמאָנעס אים איבערצורײַסן ווי ס'איז אַ רחמנות אויפוועקן אַ מענטשן, למשל, ווען ער האַלט אין רעכטן געשמאַקן שלאָף. אַ גליק, וואָס ס'איז אָנגעקומען טאַמאַראַ שאַסטעפּאַל.

און אַז טאַמאַראַ איז אָנגעקומען, האָט זי אַבראָם מאַרקאָוויטשן

גאַנץ פֿײַן משלח געווען פֿון איר צימער, געהייסן זאָגן ראָזען, אַז זי האָט אַ גאַסט צו דער טיי...

— נישט צו דער טיי, — פֿאַריכט זי מאַשאַ — נאָר אויף אַ גאַנצע וואָך, אָדער אויף צוויי וואָכן, ביז איך וועל מיר קריגן אַ מקום־מנוחה. איך האָף, אַז דו האָסט גאָרנישט קעגן דעם, מע זאָל אַרײַנטראָגן אַהער נאָך אַ בעטל?

טאַמאַראַ איז געוואָרן אַביסל רויטלעך: איציקל שאַסטעפּאַלס טאָכטער איז נישט געווען געגוג דעמאָקראַטיש, זי זאָל קאָנען איבערטראָגן אַזוי לײַכט אַזאַ מין באַנעמונג, ווי עס האָט זיך דערלויבט די עכטע דעמאָקראַטן מאַשאַ באַשעוויטש. טאַמאַראַ האָט איר געזאָגט, אַז מיט פֿאַרגעניגן וועט זי זי האַלטן נישט נאָר צוויי־דרײַ וואָכן, אַפֿילו צוויי־דרײַ חדשים, דעם גאַנצן ווינטער, און איז אַריבער באַלד אויף אַן אַנדער שמועס, וועגן דער קאָמונע: וואָס מאַכט די קאָמונע? וואָס מאַכט מאַלקין? און וועגן אַבראַם מאַרקאָוויטש, וואָס פֿאַר אַ פּלאַפּלער ער איז, אַ גוטער מענטש, אַ דימענט, נאָר אַ פּלאַפּלער, און וועגן זײַן פֿרוי ראָזע, וואָס איז אירע, טאַמאַראַס, אַ קרובה.

— נישט דערפֿאַר, ווײַל זי איז מיר אַ קרובה, — זאָגט טאַמאַראַ — נאָר אַז דו וועסט זיך מיט איר נעענטער באַקענען, וועסטו אַליין זאָגן, אַז דאָס איז נישט קיין פּרויענצימער, נאָר אַ מלאך פֿון גאָט! און אַ קינד האָבן זיי, דאָס הייסט, זיי האָבן אַ סך קינדער, נאָר איין קינד האָבן זיי, זיוזיא הייסט ער, אַ ייִנגל פֿון פֿיר יאָר, ווייס איך נישט, וואָס פֿון אים וועט אויסוואַקסן! קלוג ווי אַ שד, גוט ווי אַ מלאך, און שיין איז ער! האָסט געזען אַמאָל ראַפֿאַעלס בילד, אַראָפּגענומען פֿון אים זעלבסט? אַ! איך האָב גאָר פֿאַרגעסן, אַז דו ביסט אַ... אַ... אַז דו האַלטסט נישט פֿון קונסט!...

— האָסט אַ גרויסן טעות, טאַמאַראַ! אמתע קונסט האָב איך ליב, און קליינע קינדער אויך... — אַזוי זאָגט מאַשאַ, און טאַמאַראַ ענטפֿערט איר דערויף מיט אַ זיפֿץ; זי דערמאָנט זיך, אַז אָט איז זי, טאַמאַראַ שאַסטעפּאַל, אין פּעטערבורג שוין אַ היפּש שטיקל צײַט — און האָט נאָך דערווײַל נישט געטאָן גאָרנישט... און זי איז מקנא איר חברטע מאַשאַ, שטאַרק מקנא, נאָר אַרויסזאָגן דאָס האָט זי קיין מוט... עפֿנט זי אויף די טיר, שטעקט אַרײַן דעם קאָפּ און רופֿט אויס אויף אַ קול:

— זיוזיא! ניאניא! נישטא קיינער! — און באלד נאך דעם זאגט זי ווידער צו מאשאן: — האסטו עפעס בריוו פון דער היים? וואס שרייבט מען דיר?

— זייער אפט! — ענטפערט איר מאשא און צעלאכט זיך. — שוין צו אפט! כמעט א טאג איבער א טאג האב איך פון מיין קאפעליע בריוולעך, פון די שוועסטערלעך, פון די ברידערלעך, פון דער מאמען און פונעם טאטן, און איבערהויפט — פונעם טאטן! ער שרייבט צו מיר אלע צוויי טאג, און איך אים מוז שרייבן אלע צוויי טאג. און נישט גלאט אזוי בריוולעך, נאר בריוו, גאנצע מגילות, באשרייבונגען פון אלצ־דינג, וואס סע קומט פאר, און מער, געווייגלעך, פון דער „רעוואלוציע". ער איז בא מיר א רעוואלוציאנער, א געפערלעכער רעוואלוציאנער!...

אזוי לאזט אויס מאשא און צעלאכט זיך מיט איר גוטן אויפריכ־טיקן געלעכטער און באווייזט אירע געזונטע ווייסע שיינע ציין, וואס קיין דענטיסט אין דער וועלט האט נאך נישט געהאט די זכיה זיך צורירן צו זיי מיט זיינע גלאנצנדיקע שטאלענע אינסטרומענטן. און ווידער א מאל איז איר טאמארא מקנא, סיי אף דעם, וואס זי שרייבט זיך איבער אזוי אפט מיט איר „קאפעליע", סיי אף אירע ווייסע ציין...

— שוין דערלאנגט דעם סאמאוואר! — זאגט דאס קליינע באר־וועסע שיקסל מיט די גרויסע קארעלן, וואס מע רופט זי אויך מאשא.

## קאפיטל ח.

## מאשא באשעוויטש בא טאמארא שאפטעפאל

שוין לאנג האט זיך מאשא נישט געפילט אזוי גוט, ווי באם טיש פון טאמארא שאפטעפאלס בעלי־בתים. א גאנץ געזינדל האט זי דארט געטראפן, א נעסט, אדער א קוואקע, מיט קליינע הינדעלעך ארומגע־רינגלט. אפן טיש איז געשטאנען ברויט אנגעשניטן און קעז און פוטער און איינגעמאכטס. נאענט צום סאמאוואר איז געזעסן אבראם מארקא־וויטשעס ווייב, ראזע, נאך גאר א פרישע און א שיינע פרוי, ארומגע־רינגלט מיט א גאנצער כאליאסטרע קינדער, איינס קלענער פונעם אנדערן. איטלעכס קינד איז זיך א וועלטל פאר זיך. יעדער מיט זיין קאפריז, מיט

זײַן השגה, מיט זײַן מאַנגדל און מיט זײַן יצר־הרעלע. און די מוטער, די גליקלעכע קוואָקע, ראָזע, זיצט באַם סאַמאָוואַר און קוקט וואָס יעדן פעלט, און מערקט וואָס יעדער וויל, און אַלץ ווערט אין איין מינוט באַשאַפן, און עס נעמט זי נישט קיין קאַפּריז; און צעשלאָגן זיך צווישן זיך אַ פּאָר קינדערלעך, צענעמט זי זיי; און צעוויינט זיך ווער פון זיי, ווערן אויסגעווישט די טרערן; און צעלאַכט זיך אַ קינד, לאַכט די מוטער מיט און קוועלט און וואַקסט און לעבט מיט זיי צוזאַמען.

וועמען פון די אַלע האָט די מוטער מער ליב? עס וועט נישט זײַן קיין פּאַראַדאָקס, ווען איך וועל זאָגן, אַז זי האָט יעדער קינד מער ליב פונעם אַנדערן, דען יעדער קינד האָט אין זיך עטוואָס אַזעלכעס, וואָס דאָס צווייטע האָט דאָס נישט. דאָך איז אין דער שטוב פאַראַן אַ צענטרום, אַ מיטלפּונקט, אַרום וועלכן אַלץ דרייט זיך, ווי אַרום אַ זון, און וועלכעס אַלע האָבן ליב אָן אַ ברעג, און אַרום וועלכן און צוליב וועלכן אַלץ לעבט און געפינט אַ באַזונדערן אינטערעס צום לעבן. דאָס איז זיוזיאַ!

טאַמאַראַ שאַסטעפּאַל האָט באַ זיך אַ גאַנצע קאָלעקציע פון פאָטאָ־גראַפישע בילדער פון דעם דאָזיקן קינד. אַבראַם מאַרקאָוויטש האָט אַליין וויפל מאָל געוואָלט אָראָפּנעמען זיוזיאַן אַף פּאַפּיר (אַבראַם מאַרקאָוויטש איז אַ שטיקל קינסטלער), האָט זיך אָבער די גאַנצע פאַמיליע, אַ חוץ ראָזען, אַרײַנגעמישט, שטאַרק געפּראָטעסטירט קעגן דעם, נישט דער־לאָזט, אַז דער פאָטער זאָל אָוועקנעמען באַם קינד דאָס, וואָס די מילדע נאַטור האָט דעם געשענקט. דעם פאָטער האָט דאָס געפרייט און גע־קרענקט; געפרייט, וואָס ער איז דער פאָטער פונעם קינד, און געקרענקט, וואָס מע גלייבט נישט אין זײַן קינסטלערישן טאַלאַנט. האָט ער זיך מיישב געווען און האָט אים באַשריבן אין אַ ליד, אַ גרויס ליד. איז אָבער דאָס ליד אויסגעקומען נאָך ערגער פון דעם געמעל. דאָס ליד איז קיינעם נישט געפעלן, אויסער איין ראָזע. נאָר פון ראָזען איז קיין ראיה נישט; איר איז אַלץ געפעלן; וואָס אַבראַם מאַרקאָוויטש זאָל נישט ריידן, אָדער שרײַבן, איז דאָס גוט, איז דאָס זיס, איז דאָס פּראַכטפול! קיינער גלייבט נישט אַזוי אין אַבראַם מאַרקאָוויטשעס טאַלאַנטן, ווי זײַן ווײַב ראָזע. ער אַליין גלייבט נישט אַזויפיל אין זיך, וויפל ראָזע. באַ איר איז „אַבראַשאַ" אַ זשעניע, וואָס קיינער פאַרשטייט אים נישט און קיינער שעצט אים נישט, ווארעם אַז אַלע זאָלן אים פאַרשטיין און שעצן

אזוי ווי זי, וואָלט ער ניט באַדאַרפט אָפּגעבן אַזויפיל גאָלדענע צייט צו דער דרוקעריי, וואָס גיט זיי קוים־קוים צום לעבן. די וועלט זאָל זיין אַביסל מער מבין, — אַזוי דענקט ראָזע — וואָלט זיך שוין לאַנג געפונען אַ פאַרלעגער, וואָס וואָלט אַרויסגעגעבן אַלע זיינע לידער, וואָס ער האָט ווען געשריבן פון זינט ער איז פאַר איר אַ חתן געוואָרן. די וועלט זאָל זיין אַביסעלע מער מבין, — דענקט וויטער ראָזע — וואָלט זיך שוין לאַנג געפונען אַ בעלן, וואָס וואָלט אָוועקגעקויפט אַט די אַלע בילדער, וואָס ער מאָלט און מאָלט פון זינט זי קען אים. און ראָזע כאַפּט אַ קוק אויף די ווענט, וואָס זיינען פאַרהאַנגען מיט עטיודן און מיט בילדער, מערסטנטייל, נישט־געענדיקטע, און זי דערמאָנט זיך, אַז אויפן בוידעם ליגן נאָך דריי מאָל אַזויפיל, אויך נישט־געענדיקטע... און זי דערמאָנט זיך, וויפל לידער, פּאָעמען און נישט־געענדיקטע ראָמאַנען עס ליגן אין אַלע שאַפעס און אין אַלע טישקעסטלעך, און אַפילו אין די „קאַרזינעס" פון דעם גרעט ליגן גאַנצע פּעק מיט מאַנוסקריפּטן. גאָט זאָל היטן פון אויסרוימען, אַרויסוואַרפן אָדער פאַרברענען! וואָס איז? איר האָט מורא, אַז ראָזע איז נישט באַקאַנט מיט די אַלע אומשטערבלעכע ווערק? צי איר מיינט, אַז ראָזע האָט נישט געלייענט אַט די אַלע פּאָעמען, מיט די באַלאַדן, מיט די סקיצן, מיט די דערציילונגען און ראָמאַנען? דאָס הייסט, זי אַליין האָט זיי נישט געלייענט; ער, דער מאַן, האָט זיי איר געלייענט, און נישט איינמאָל — אַ סך מאָל! ס'איז אַ סברה, אַז ראָזע איז אין איר מאַנס ווערק מער קלאָר, ווי ער, דער פאַרפאַסער אַליין. וויפל מאָל מאַכט זיך, אַז אַבראַם מאַרקאָוויטש פרעגט בא ראָזען, וואָזוי הייסט בא אים דער און דער העלד פון דעם און דעם ראָמאַן? איאָ, זילבער־שטיין? — ניין, נשמה מיינע! — ענטפערט אים ראָזע. — דו האָסט אַ טעות!"...

בא אַבראַם מאַרקאָוויטשן איז ראָזעס אויטאָריטעט און ראָזעס קרי־טיק די בעסטע, די קליגסטע און די אויפריכטיקסטע. פאַר די אַלע אַנ־דערע קריטיקער טאָר מען קיין ווערק נישט ווייזן. די בעסטע זאַך מאַכן זיי אייך צונישט, געוויינלעך מחמת קנאה; זיי פאַרגינען נישט!... ווי קאָן מען פאַרגלייכן אַ פרעמדן צו אַן אייגן ווייב? למשל, וועט זיך אַ פרעמדער אָוועקזעצן טרייסטן אַ מענטשן, אים אויסריידן דאָס האַרץ, ער זאָל זיך נישט זאָרגן, וואָס די וועלט אָנערקענט אים נישט?

— ווארט צו, מיין לעבן, עס וועט נאך קומען א צייט, וואס די וועלט וועט זיך ארומקוקן אף דיר אויך! — אזוי האט אים ראזע אויס־גערעדט דאס הארץ. — אט האבן זיי איצטער צו טאן מיט טאלסטאי, מיט גארקי, עס קערט די וועלט! זאלן נאר ארויס די ערשטע לידער דיינע אף דער וועלט — ווּ האלסטו מיט זיי? ביסט נאך נישט פארטיק? וויפל ביכלעך דרוקסטו? אינגאנצן צוויי טויזנט? לעבערלעך! צוויי הונדערט טויזנט, צום ווינציקסטן!

און ביידע זעצן זיך אוועק, מאכן א חשבון, וויפל קאנען זיי פאר־דינען, ווען זיי זאלן, צום ביישפיל, ארויסלאזן אף דער וועלט די „זעמט־לעכע לידער" פון אבראם מארקאוויטש? דער חשבון איז אויבנויף, ווי אף א טעלער: די באפעלקערונג פונעם לאנד איז הונדערט פערציק מיליאן. וועלן מיר זאגן, אז נאר א צענט־חלק קאן לעזן — אלזא, האבן מיר פערציק מיליאן לעזער. וועלן מיר זאגן, אז נישט אלע קאנען קויפן ביכער, דאס הייסט, איינער וועט קויפן און צען וועלן לייענען, — האבן מיר, אלזא, אריבער א מיליאן קויפערס? וויפל עס דארף קאסטן אפ־דרוקן א ביכל — דאס ווייס שוין אבראם מארקאוויטש: ער האט דאך א דרוקעריי... נאר דאס אליין איז בלאטע. דער עיקר איז דאך דער כבוד, דער נאמען!...

און דאס גליקלעכע פאר טראגט זיך אוועק אף די גרינגע פליגלען פון דער רייכער פאנטאזיע אין עולם הדמיון, אין גן־עדן, וואס זיי אליין האבן אים אויסגעבויט... און דערווייל האט אבראם מארקאוויטש גע־נומען דרוקן בא זיך אין דער אייגענער טיפאגראפיע די „ערשטע לידער" זיינע אין א ביכל מיטן נאמען „די יונגע הארפע", געהאט צו טאן קודם מיטן צענזאר, וואס האט אים געגעבן מאטעריאל צו ריידן און שרייען אף אנדערטהאלבן יאר נאכאנאנד, ביז גאט האט רחמנות געהאט, דער צענזאר האט דאס דורכגעלאזט בשלום, און די „יונגע הארפע" איז ארויס פון דרוק, גאנץ שיין אילוסטרירט מיט א הארפע און מיט א האנט, וואס שפילט אף דער הארפע, — נאר אז ס'איז נישטא קיין מזל, העלפט נישט קיין חכמה! טאלסטאי און גארקי און טשעכאוו און די איבעריקע אלע גייען אין די צענער הונדערטער טויזנטער, און די „יונגע הארפע" פון אבראם מארקאוויטש ליגט אף א בוידעם (פון 2.000 ליגן נישט גערירט 1.941!). נו, קאן נישט צעזעצט ווערן די גאל? זאל אבראם מארקא־

וויטש נישט ברענען, נישט פֿייערן? אַ גליק, וואָס ער האָט אַזאַ ווײַב, ווי ראָזע, און וואָס זיי האָבן אַזאַ קינד אַ צאַצקע, ווי זיוזיאַ.

— וואָס זאָגט איר אויף אונדזער זיוזיאַן? — רופֿט זיך אָן אבראַם מאַרקאָוויטש צו זייער גאַסט, צו מאַשאַן.

דערזען דאָס ערשטע מאָל זיוזיאַן, האָט זי אים שיער נישט אויפֿגעגעסן. נישט נאָר ער האָט זי געגומען מיט זײַן ווײַס מאַרמאָל מלאָכיש פּנימל, לאַנגע זײַדן־קאָלירענע לאָקן, טיפֿע הימל־בלויע אויגן, אויסגעטאָקטע נעזל, קליין מײַלעכל, אַנטיטשנע מאָרדעלע, קלאַסיש געשטאַלט און אויסערגעווײנלעכע גראַציע; ער האָט זי באַצויבערט מיט זײַן באַנעמען זיך, מיט זײַן האַלטן זיך, מיט זײַן ריידן און מיט זײַן שפּראַך. ער האָט איר פֿאַרגעבן אַזעלכע פֿראַגן און האָט איר געענטפֿערט אַזוי קלוג און שאַרף, אַז מאַשאַ איז אַרויס פֿון די כּלים. זי איז צום קינד צוגעזאָדן געוואָרן, און איר ליבשאַפֿט צום קינד איז נאָכדעם געוואַקסן פֿון שעה צו שעה, פֿון טאָג צו טאָג, ביז זי האָט זיך איינמאָל מודה געווען פֿאַר טאַמאַראַן, אַז זי פֿילט זיך צום קינד צוגעבונדן מער ווי צו אירע אייגענע שוועסטערלעך און ברידערלעך, און אַז זי קאָן זיך גאָרנישט פֿאָרשטעלן, אַז זי זאָל זיך ווען קאָנען שיידן מיט דעם זיוזיאַן, וואָס האָט פֿאַרנומען בײַ איר אין האַרצן גאָר אומגעריכט אַזאַ גרויסן פּלאַץ! ווי זי האָט געהאַט ערגעץ אַ פֿרײַע מינוט, האָט זי דאָס אָוועקגעגעבן זיוזיאַן. מיט זיוזיאַן לערנען, מיט זיוזיאַן ריידן, מיט זיוזיאַן פֿאַרברענגען, מיט זיוזיאַן שפּילן זיך — איז בײַ איר געווען איינס פֿון די גרעסטע פֿאַרגעניגנס. אין מאַשאַ געקומען אַהיים, איז דאָס ערשטע געווען זיוזיאַ! איז מאַשאַ אויפֿגעשטאַנען פֿון שלאָף — איז זיוזיאַ! אינעם גרעסטן פּאָליטישן שמועס איז געווען זיוזיאַ! אַ תּענוג איז געווען בײַ מאַשאַן אָוועקזעצן זיך דערציילן זיוזיאַן מעשׂיות. אויף מעשׂיות דערציילן איז מאַשאַ געווען אַ בריה, און מעשׂיות איז געווען בײַ זיוזיאַן דאָס חיות, דאָס לעבן! און מאַשאַ האָט זיך אָוועקגעזעצט דערציילן אים איין מעשׂה נאָך דער אַנדערער, און זיוזיאַ האָט אויפֿגעעפֿנט זײַנע אויסגעטאָקטע ליפּעלעך, זײַנע הימל־בלויע אייגעלעך, און האָט געקוקט אויף מאַשאַן מיט גרויס פֿאַרשטאַנד, ווי אַן אמתער בר־דעת, און ווי אַן אמתער בר־דעת געשטעלט אָפּטמאָל אַ פֿראַגע, און ווי אַן אמתער בר־דעת געלאַכט דאָרט, וווּ מע דאַרף לאַכן, און געוויינט דאָרט, וווּ מע דאַרף וויינען.

קוקנדיק אױף דעם יונגן באַשעפעניש, אױף דעם גערעטן נפֿשל, װאָס איז פֿול מיט לעבן, האָט קײנער נישט געקאָנט זיך ריכטן, אַז דאָס װעט זײַן דער ערשטער קרבן אינעם אױסגוס פֿונעם גרױסן שטורעם...

* * *

אין דער קורצער צײַט, װאָס מאשאַ האָט פֿאַרבראַכט מיט טאַמאַראַ שאַסטעפּאַל אַלס גאַסט, האָט זי טאַמאַראַ ליב געקריגן, װי אַן אײגענע שװעסטער, און איז צוגעבונדן געװאָרן צו איר מיט לײַב און לעבן. מאשאַ האָט נישט געדאַרפֿט װאַרטן ביז איר חבֿרטע װעט „אַנטפּלעקן" פֿאַר איר איר נשמה, אױסגיסן איר האַרץ; זי איז געװען קלאָר אין טאַמאַראַס לעבן, מע קאָן זאָגן, אױף אױסװײניק. טאַמאַראַ איז געװען איבעראַשט, װען זי האָט דערפֿאַרן, אַז מאשאַ װײס פֿון איר ראָמאַן מיטן יונגן ראַ־מאַנענקאָ... דאָס איז געװען אױפֿן אַנדערן טאָג נאָך מאשאַס באַזעצן זיך בײַ טאַמאַראַן. זי האָט דערזען בײַ טאַמאַראַן אױפֿן טיש אַ פּאָרטרעטל אין אַ קלײן זילבערן רעמל.

— אַ! — האָט אַ זאָג געטאָן מאשאַ, נאָר אַ קוק געטאָן אױפֿן פּאָרטרעט. — דאָס איז ער, ראָמאַנענקאָ. ער װעט הײַנט רײדן אין גרױסן מאַניעזש... שאַדע, װאָס איך קאָן דאָרט הײַנט נישט זײַן, איך בין פֿאַרנומען אין אַן אַנדער אָרט... ער װײס, אַז איך װעל נישט זײַן...

— דו האָסט זיך געזען מיט ראָמאַנענקאָן? — האָט טאַמאַראַ אַ זאָג געטאָן, און סע האָט זיך נישט װילנדיק אַרױסגעריסן פֿון אירע װערטער אַ געפֿיל פֿון... אײפֿערזוכט? נײן! צו הײליק איז בײַ איר ראָמאַנענקאָ, צו גרױס איז בײַ איר מאשאַ!... װאָס דען איז דאָס געװען?... מאשאַ האָט זי אָבער גיך אַרױסגעפֿירט פֿון פֿאַרלעגנהײט. זי האָט צו איר אַזױ געזאָגט:

— דאַרפֿסט זיך נישט װוּנדערן. איך קען ראָמאַנענקאָן פֿריִער פֿון דיר און בעסער פֿון דיר... אַז ער האָט דיך ליב — איז אַ פֿאַקט... דו פֿאַרגעטערסט אים, און ער פֿאַרדינט דאָס... אָבער איך מוז דיר זאָגן אױפֿריכטיק — דו װײסט, אַז אַנדערש קאָן איך נישט זאָגן: — גליקלעך װעט איר קײנמאָל נישט זײַן, נישט דו, נישט ער... דו װילסט

וויסן, פאַרוואָס? דו פאַרגעסט, אַז ער געפינט זיך אַף אַ „ווולקאַן", און דו ביסט באַשאַפן געוואָרן צו אַן אַנדער לעבן...

דאָס איז געזאָגט געוואָרן אַזוי ערנסט און מיט אַזאַ ווייכן צערטלעכן טאָן, אַז טאַמאַראַ שאַסטעפּאַל האָט זיך נישט געקאָנט געפינען באַליידיקט. זי האָט רויִק געזאָגט:

— דו ווילסט מיר זאָגן, אַז איך בין נישט קיין העלדן און בין נישט ווערט, אַז...

— האָסט אַ טעות! נישט דאָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן! — שלאָגט איר איבער מאַשאַ די רייד. — איך האָב דיר נישט געוואָלט דערנידעריקן. אַדרבה, איך האָב ליב אַזעלכע ווי דו; דו ביסט דאָס לעבן אַליין, און צום לעבן ביסטו באַשאַפן. איך וואָלט אויך געוואָלט זײַן דאָס, וואָס דו... איך וועל דאָס אָבער נישט זײַן קיינמאָל; שולדיק איז אין דעם די צײַט. אין אַ ביטערע צײַט לעבן מיר... און די אומשטענדן האָבן זיך פאַר מיר צונויפגעלייגט אַזוי, אַז איך וויים נישט הײַנט, וווּ איך וועל מאָרגן זײַן... דאָס זעלבע איז אויך מיט אים, מיט ראָמאַנענקאָ. הלוואי איך זאָל האָבן אַ טעות, נאָר איך זע אים ווײַט־ווײַט פונדאַנען!...

— פאַר מיר איז נישטאָ קיין ווײַט! — זאָגט טאַמאַראַ מיט היץ. — וווּ ער, דאָרט בין איך! נישטאָ די קראַפט אין דער וועלט, וועלכע זאָל מיך אָפּהאַלטן און קאָנען צעשיידן מיט דעם מענטשן, סײַדן דער טויט...

— יעדע אַנדערע אַף דײַן אָרט וואָלט אויך אַזוי געזאָגט. עס מאַכט דיך נאָר הויך אין מײַנע אויגן. — זאָגט איר מאַשאַ. — איך קאָן מיך אָבער נישט אײַנהאַלטן און מוז דיר זאָגן גאַנץ אָפן דאָס, וואָס איך מיין: איך באַדויער דיך, טאַמאַראַ, און נישט אַזוי דיך, ווי דײַנע עלטערן.

— מײַנע עלטערן? (טאַמאַראַס אויגן צינדן זיך אָן מיט פײַער). לעבן מיר דען צוליב די עלטערן? פאַרוואָס באַדויערסטו נישט דײַנע עלטערן?

— פונוואַנען ווייסטו, אַז ניין?...

באַ די ווערטער קומט אָן אַבראַם מאַרקאָוויטש, און זייער שמועס ווערט איבערגעריסן אינמיטן.

## קאפיטל ט.

## ער האט זיי געפּאקט!

בא אבראם מארקאוויטשן איז שטוב האבן אלע, פון אבראם מארקאוויטשן ביזן קליינעם שיקסל מיט די גרויסע קארעלן און ביזן קליינינקן זיוזיא, געהאלטן אין סאמע זיסן שלאף, ווען דער גוטער זיסער מלאך קומט און פלאנטעט זיינע גוטע זיסע חלומות... אך, חלומות! יעדער זעט אין חלום דאס, וואס ער וויל, דאס, וואס ער זוכט. למשל, אבראם מארקאוויטשן האבן זיך געפּלאנטעט ביכער און בילדער אין די אלפים, אין די מיליאנען!... מע שלאגט אים אף די טירן!... אלע ווילן זיינע לידער, די „יונגע הארפּע" — ער האט שוין נישט קיין הענט פּאקנדיק, ער שיקט זיי אף צו ראזען... און ראזע זעט נאך א שענערן חלום: א מאסע מענטשן... א פּראצעסיע... אינמיטן גייט אבראם מארקאוויטש מיט אלע קינדער... זיוזיא אף צופריער מיטן טאטנס „יונגע הארפּע" אין די הענט... דאס פאלק שטורעמט און שרייט: לעבן זאל דער אומשטערבלעכער פּארפאסער פון דער אומשטערבלעכער „הארפּע!"... גאר הינטן גייען נאך מיט אראפּגעלאזטע קעפּ גראף טאלסטאי, מאקסים גארקי, אנטאן טשעכאוו, געטע, שילער, שעקספּיר, מארק טוועז און אנדערע בארימטע שריפטשטעלער, און וויינען... טאמארא שאסטעפּאל זעט אין חלום ראמאנענקאן מיט גרויסע אותיות „קאנסטיטוציע!"... און מאשא באשעוויטש, וואס שלאפט אקעגן טאמאראן אף א קורצפיסיקער סאפע, חלומט פון א פּארלאמענט, און זי זעט זיך אליין אין פּארלאמענט שטיין אף דער פּלאטפארם מיט די הענט ארונטער, און די ווענט זיינען באהאנגען מיט פּראקלאמאציעס: „לעבן זאל די פרייהייט!"... מאשא דעם קליינעם שיקסל מיט די גרויסע קארעלן חלומען זיך רויטע, גרינע, בלויע, ווייסע, געלע קארעלן, אן א שיעור קארעלן!... זיוזיאס ניאניא חלומט, אז זי זיצט אף א לאנגער באנק אין קינדער־גארטן מיט א סך ניאנים און מע רעדט... און זיוזיא אליין זעט פאר זיך וועלאסיפּעדן און זייגערלעך, זייגערלעך און וועלאטיפּעדן קאטשען זיך, רעדלען זיך, דרייען זיך, פליען...

פּלוצים — סטוק־סטוק־סטוק! טראַד־טאַראַראַד! עס קלינגען די פענצטער, עס פּלאַצן די טירן. נאָך איין מינוט — און די שטוב איז פול מיט פּאָליציי. אַלע וואַכן אויף, זיינען טויט ווי די טויטע, עס ציטערן די ציין אין מויל. די אַלטע ניאַניאַ צלמט זיך. רופט גאָט צו הילף. אפילו דער קליינער זיוזיאַ, וואָס האָט נאַרוואָס געזען אַזויפיל וועלאָסיפּעדן מיט אַזויפיל זייגערלעך, האָט זיך אויפגעזעצט אַפן בעטעלע, אויפגעעפנט די גרויסע טיפע הימל־בלויע אויגן און אַ פרעג געטאָן בא דער אַלטער שטיל:

— ניאַנאַ! עס ברענט?...

— ניין קינד, עס ברענט נישט, עס ברענט נישט, גאָט איז מיט אונדז!

— וואָס דען? גזלנים? — פרעגט זיוזיאַ און דעקט זיך אַפּ און וויל אַריבערשפּרינגען מיט אַ פוס אַף יענער זייט בעטעלע.

— ניין, קינד, נישט קיין גזלנים! — ענטפערט אים די ניאַנאַ און דעקט אים איין. — נאַ דיר גאָר גזלנים!

— וואָס דען איז?

— פּאָליציע! — ענטפערט אים די אַלטע ניאַניאַ, צלמט זיך און רופט יעזוסן צו הילף.

— וואָס־זשע גאָר באַנאַכט? — הערט זיוזיאַ נישט אויף צו שטעלן איין פראַגע נאָך דער אַנדערער, און וויל נישט פאַרלגן די אַלטע ניאַניאַ, וויל זיך נישט לייגן. זיוזיאַ וויל זען, וואָס איז דאָס אַזעלכעס פּאָליציע, און וואָס טוט זי דאָ, און וואָס עפּעס באַנאַכט? און זיוזיאַ זיצט און קוקט, און זעט, ווי אָפיצירן מיט גלאַנצנדיקע עפּאָלעטן מיט גאָלדענע קנעפּ עפענען אַלע שאַפעס, מיט אַלע קאַסטנס, מיט אַלע טישן און טישקעסטלעך, און מע בלעטערט ביכער, און מע פּאַקט פּאַפּירן, דעם פּאַפּאַס ביכער מיטן פּאַפּאַס פּאַפּירן... און דער פּאַפּאַ אַליין שטייט און ציטערט, און די מאַמע רייבט אים דעם שטערן... און אָט איז די טיאָטיאַ טאַמאַראַ — שטייט נעבן דער טיאָטיאַ מאַשאַ און קוקט אַף איר אַזוי, גלייך ווי זי וואָלט האַלטן באַם שטאַרבן... און די טיאָטיאַ מאַשאַ שטייט שוין גרייט אַנגעטאָן מיטן היטעלע אַף די אונטערגעשאָרענע האָר, האַלט די הענט אַרונטער און רעדט מיט אַ שיינעם אָפיציר מיט שוואַרצע באַקנבאָרדן, ווי קאַטלעטן, און בא דער זייט שטייט אַ שוואַרצער יונגערמאַנ־

טשיק מיט אַן אַרבעס-קאָלירענעם אויבערראָק און רײַבט זיך אַ האַנט אָן אַ האַנט...

און די טיאָטיע מאַשאַ גייט-צו צו זיוזיאַן און נעמט אים אַרום און דריקט אים צו צום האַרצן שטאַרק-שטאַרק, און קושט אים אין ביידע אויגן, אין שטערן, אין קאָפּ, און עס ווײַזט זיך אים אויס, אַז אירע הענט זײַנען קאַלט און אירע אויגן זײַנען נאַס, און זי זאָגט צו אים מיט אַ שמייכל:

—זיוזיאַ! דו ועסט נישט פאַרגעסן די טיאָטיע מאַשאַ?

און זיוזיאַ כאַפּט אַרום דער טיאָטיע מאַשאַס ווײַסן האַלדז מיט ביידע הענטעלעך און קושט זי איין מאָל און צוויי מאָל און צען מאָל און צוואַנציק מאָל, און נאָך איין מאָל, און נאָך אַ האַלבן מאָל, און דעם לעצטן מאָל, און עס הערט זיך אַ שאַרף-שנײַדנדיקע שטימע פון אַן אַפּיציר:

— פּאַרטיק!...

און אַלע שטייען אויף, און אַלע זײַנען גרייט, און אַלע גייען אָפּ, אַלע אַפּיצירן מיט די גלאַנצנדיקע עפּאָלעטן מיט די גאָלדענע קנעפּ, און ביידע טיאָטיס גייען אָפּ, און די קליינע מאַשאַ מיט די גרויסע קאַרעלן לײַכט זיי צו, און דער פּאָפּאַ איז געבליבן זיצן, ציטערט ווי אַ בלאַט, און די מאַמע האַלט אים צו און וויינט, און אַלע קינדער זײַנען געבליבן שטיין און טרייסלען זיך און גענעצן, ווילן שלאָפן, און נאָר די טיאָטיע טאַמאַראַ מיט דער טיאָטיע מאַשאַ זײַנען נישטאָ, און די אַלטע ניאַניאַ צלמט זיך, רופט יעזוסן צו הילף. און דער קליינער זיוזיאַ פאַלט מיטן שיינעם ווײַסן פּנים אין די קליינע ווײַסע קישעלעך און וויינט און וויינט און וויינט, ווי אַ פּיריעריק פאַרשטענדיק געראָטן קינד קאָן וויינען...

* * *

עס האָט שוין באַלד געשאַריעט אויף טאָג, און אַבראַם מאַרקאָוויטש האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַרויִקן זיך, וויפל ראָזע האָט אים נישט געמאַטערט, געריבן די שלייפן, אויסגעגאָסן אויף אים דעם גאַנצן אָ־דע־קאָלאָן. ער האָט זיך גאָרנישט געוואָלט גלייבן, אַז ער איז פרײַ, און האָט

אַלע מינוט זיך געווענדעט צו זײַן ווײַב מיט דער זעלבער פראַגע:
— ראָזע! איך בין פרײַ?...
— דו ביסט פרײַ, אַבראַשאַ, ביסט געווען פרײַ און פרײַ וועסטו מיר זײַן תמיד, שטענדיק און אייביק!...
ווי אַ ציטעריק קינד, ווי אַ געפּעסטעטער, אַ געבאַלעוועטער בן־יחיד, איז געווען בײַ איר אַבראַשאַ. אַלץ האָט ער בײַ איר אויסגעפירט. קיין זאַך איז פאַר איר נישט געווען צו שווער, אַבי אַבראַשאַ זאָל זײַן צו־פרידן. דאָס בעסטע און דאָס שענסטע און דאָס ערשטע, וואָס עס איז געווען אין שטוב, איז אַוועקגעגעבן געוואָרן אים, אַלץ אים, און אַבראַם מאַרקאָוויטש האָט דאָס אָנגענומען אַלצדינג, ווי אַ מענטש, וואָס ווייס, אַז אים קומט דאָס. און טאַמער איז אַזוי גיך נישט געווען דאָס, וואָס ער וויל, וואָס אים איז געפעלן און וואָס ער דאַרף, האָט ער שטאַרק נישט געוואָלט לײַדן, זיך געשמיצט און געוואָרפן און אויסגעלאָזט דעם גאַנצן כעס — צו וועמען? נו, געווײנלעך, צו ראָזען. און ראָזע האָט דאָס אָנגענומען פאַר ליב, אים אָפּגעגעבן דעם גערעכט. טאַמאַראַ האָט נישט געקאָנט צוזען זײַנע גענג, און אַלס ראָזעס אַן אייגענע, האָט זי געפּרוּווט אַ פּאָר מאָל פאַרהאַלטן אים, האָט זיך ראָזע אײַנגעשטעלט פאַר איר מאַן און האָט אים פאַרענטפערט, ווי דער בעסטער אַדוואָקאַט... אין דער קורצער צײַט, וואָס מאַשאַ האָט געגאַסטירט בײַ טאַמאַראַן, איז זי איר געקומען צו הילף, און ביידע מיידלעך האָבן זיך גענומען אויף אַבראַם מאַרקאָוויטשן, אים אַ נאָמען געגעבן „סאַטראַפּ", „דעספּאָט" און נאָך אַזעלכע נעמען, אים דערגאַנגען די יאָרן, און דווקא מיט גוטע רייד, ביז ער איז זיי געוואָרן אַ דם־שונא, אַרומגעגאַנגען אָנגעבלאָזן, ווי אַן אינדיק, און אויסגעלאָזט זײַן ביטער האַרץ — צו וועמען? נו, געווײנלעך, צו ראָזען! און ראָזע האָט אויך דאָס אָנגענומען פאַר ליב, אויסגעווײנט זיך שטילערהייט, אויסגעווישט די אויגן — און שאַ, ווידער די זעלבע שיינע, פרישע, בלויענדיקע ראָזע, אַרומגערינגלט מיט איר כאַליאַסטרע עגאָיסטלעך, איינס גרעסער פון דאָס אַנדערע...
פונדעסטוועגן, און נאָך דעם אַלעמען, אַז מע האָט צוגענומען טאַ־מאַראַן מיט מאַשאַן, איז אַפילו דער עגאָיסט אַבראַם מאַרקאָוויטש געווען געקרענקט מיט סכנת־נפשות. ער איז נאָכדעם אַרומגעגאַנגען גאַנצע טעג, ווי אַ משוגענער, געפײַערט (פאַר ראָזען) אויף דער פּאָליציע, גערעדט (פאַר

ראָזען) אַף דער רעגירונג כל הפסלנות שבעולם, געזאָגט (ראָזען): אַט לויפט ער צום פּראָקוראָר, צום מיניסטער — פאַר וועמען האָט ער מורא? ער איז אַ ריינער מענטש, אין זײַנע ביכער און אין זײַנע כתבים איז נישטאָ גאָרנישט.

— גאָרנישט, אַבראַשאַ, גאָרנישט! — ענטפערט אים ראָזע, און אים שמעקט דאָס נישט, פאַרכאַפּט ער זיך:

— וואָס הייסט, גאָרנישט? עס איז פאַראַן באַ מיר אין די לידער געוויסע מאַטעריאַל, נאָר פאַרשטעלט. האַ, ראָזע?

— געוויס, פאַרשטעלט! — גיט אים נאָך ראָזע, און עס בלײַבט, אַז נישט שפּעטער ווי מאָרגן לויפט אַוועק אַבראַם מאַרקאָוויטש עפּעס טאָן פאַר די געפאַנגענע... און עס גייט אַוועק דער מאָרגן, און נאָך איין מאָרגן, און נאָך צוויי מאָרגנס, און אַבראַם מאַרקאָוויטש קאָכט זיך, שפּריצט מיט פײַער!

וואָס ער צערעדט! אַ גליק, וואָס אחוץ ראָזען הערט דאָס קיין בן־אָדם נישט!... און טאַמאַראַ שאַסטעפּאַל און מאַשאַ באַשעוויטש דערווײַל זיצן, און אַבראַם מאַרקאָוויטש טוט גאָרנישט פון זייערטוועגן...

## קאַפּיטל י.

## דער זונטיק

נאָך פון שבת באַנאַכט אַז האָבן אָנגעהויבן אַרײַנטרעטן מיליטער. גאַנצע עסקאַדראָנען האָבן זיך פאַרשפּרייט הינטער דער שטאָט און מע האָט געוואַרט...

טויזנטער אַרבעטער האָבן זיך אָנגעטאָן יום־טובדיק, מיטגענומען מיט זיך די ווײַבער מיט די קינדער און באַוואָפנט זיך מיט הייליקע ביל־דער און איקאָנעס... קאָזאַקן זײַנען אַרומגעפלויגן אַף די פערד הין און צוריק אַף די הויפּט־גאַסן פון דער שטאָט. אַלע בריקן וואָס איבער דער „ניעוואַ" זײַנען געווען באַדעקט מיט קאָזאַקן, אולאַנער, דראַגונער און אַנדערע מינים חיל. אַפילו די פעסטונג פון דער שטאָט איז געווען גרייט, ווי עס געהערט צו זײַן.

פונקט נײַן אַזייגער אינדערפרי האָט זיך אָנגעהויבן צו ציִען אַ

שנירל פון מענטשן פון אַלע „זאַסטאַוועס“ און געגאַנגען מיט די הייליקע בילדער, מיטן גלח אינמיטן, אָנגעטאָן אין גלחשע קליידער מיט אַ פּאַפּיר אין דער האַנט. קוקנדיק אַף דער פּראָצעסיע פון פרידלעכע מענער, פרויען און קינדער, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָס איז עפּעס אַ הייליקער, אַ פּאַטריאָטישער יום־טוב.

עס איז דאָ אַ שפּריכוואָרט: „וואָסער אַ גוט יום־טוב — אַזאַ גוט יאָר“. איצטיקס מאָל איז דאָס נישט מקוים געוואָרן. דער „גוט יום־טוב“ איז געווען אַ פרידלעכער און אַ פריינטלעכער; דער „גוט יאָר“ איז געווען אַ בייזער, אַ מוראַדיקער, אַ פייַעריקער און אַ בלוטיקער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די אַלטע אַבראַם מאַרקאָוויטשעס ניאַניאַ האָט לכבוד זונטיק אָנגעטאָן זיווזיאַן אין זייַנע יום־טובדיקע מלבושימלעך אַ־לאַ־פּאַני, וועלכע האָבן אים צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן, און איז געגאַנגען מיטן קינד אַפּן שפּאַציר, ווי אַלע טאָג. דערזען מענטשן גייען אַףביידע זייַטן טראָטואַרן, האָט זיך די אַלטע ניאַניאַ געלאָזט מיטן קינד אַהין, וווּ אַלע גייען. און וואָס ווייַטער זיי זייַנען געגאַנגען, אַלץ גרעסער איז געוואַקסן דער שטראָם פון מענטשן, און עס האָט זיך געבילדעט אַ ים פון קעפּ. דער ים האָט זיך געצויגן און געטראָגן די מענטשן אַזוי ווי כוואַליעס, איינס איבערן אַנדערן, אַלץ ווייַטער און ווייַטער. און אַז די אַלטע ניאַניאַ האָט געוואָלט גיין צוריק, איז שוין געווען כמעט אוממעגלעך, און זי האָט זיך געטראָגן מיטן קינד קעגן איר אייגענעם ווילן אַהין, וווּ אַלע. אַף איר פראַגע: וווּהין גייט מען דאָס? האָט זי באַקומען אַן ענטפער פון אַן אַרבעטער, וואָס איז געגאַנגען יום־טובדיק אויך מיט אַ קינד פון אַ יאָר זעקס בײַ דער האַנט:

— מיר גייען בעטן.

— וואָס־זשע איז אַזויפיל סאָלדאַטן? — פרעגט אים ווייַטער די ניאַניאַ.

— פון אונדזער כבוד וועגן, אַלטיטשקע, פון אונדזער כבוד וועגן!

אזוי ענטפערט איר דער ארבעטער און ווערט פארטראגן מיט דער כוואליע מענטשן דורך אן אנדער כוואליע, און די אנדערע כוואליע ווערט פארשוווּנדן דורך א דריטער כוואליע מענטשן. און די אלטע ניאניא האלט צו מיט דער לינקער האנט זיוזיאן און מיט דער רעכטער האנט צלמט זי זיך און רופט יעזוסן צו הילף. דאס הארץ זאגט איר נעבעך, אז זי איז דא נישט גוט אריַין, זייער נישט גוט... און זי שטעלט זיך אפּ, די אלטע ניאניא, מיטן קינד, בא דער גרויסער בריק, און נעמט דאס קינד אף די הענט, און זי דערזעט הייליקע בילדער טראגט מען, און א גלח גייט נלחיש אנגעטאן, און הייליקע לידער, הערט זי, זינגט מען, — צלמט זי זיך, די אלטע און רופט יעזוסן צו הילף.

— וואס איז דא, ניאניא? — פרעגט בא איר זיוזיא און קוקט זיך איַין מיט זיַינע טיפע בלויע אויגן אין דעם ים פון קעפּ.

— בעטן גייט מען, קינד מיַינס.

נאר זיוזיא דערהערט פּלוצים — מע שיסט; פרעגט ער בא דער ניאניא, וואס זאל דאס באדיַיטן, וואס מע שיסט? ענטפערט אים די אלטע, אז ס'איז א מנהג, אלע יום־טוב שיסט מען... און זיוזיא קוקט זיך איַין מיט זיַינע טיפע בלויע אויגן און זעט, ווי מענטשן ליגן זיך, פרעגט ער בא דער ניאניא, וואס זאל דאס באדיַיטן, וואס מענטשן ליגן זיך? ענטפערט אים די אלטע, אז ס'איז א מנהג, אז מע בעט, דארף מען קניען... און זיוזיא קוקט זיך איַין מיט זיַינע טיפע בלויע אויגן און זעט, ווי מענטשן פאלן, פאלן... פרעגט ער בא דער ניאניא, וואס זאל דאס באדיַיטן, וואס מענטשן פאלן? און איידער די אלטע ענטפערט אים, דערפילט זי א זעץ פון הינטן, א קלאפּ פון פארנט און א דריקעניש, א שטיקעניש פון אלע זיַיטן. און זי דערזעט, ווי מענטשן לויפן, שטופּן זיך, שפּרינגען איינס איבער דאס אנדערע, און זי דערהערט א מאדנעם הילך, א געשריי, א געוויינעריַי מיט א קוויטשעריַי, מיט א הוקען, מיט א טיוקען און מיט א פּייפן, און זי צלמט זיך, די אלטע, און רופט יעזוסן צו הילף. און מיט דעם זעלבן כח, מיט דעם זעלבן שטראם, וואס עס האט זי געבראכט אהער צו טראגן, טראגט דאס זי צוריק, און זי האלט דאס קינד צוגעדריקט צום הארצן, און זיוזיא האלט זיך מיט ביידע הענטלעך בא דער ניאניאס האלדז, קוקט צוריק און הערט נישט אויף צו פרעגן קשיות: למאי מע לויפט, למאי מע שריַיט, למאי מע שטופּט

זיך, למאי מע וויינט? און די אלטע קאן אים נישט ענטפערן דערויף גארנישט... זי פילט, אז נישט די פים אירע, נאר די מענטשן טראגן זי. וואהין — ווייס זי נישט. און אט האבן זיך אריינגעשניטן אין דעם שטראם פון מענטשן גרויסע געזונטע פערד מיט ברייטע הינטנס און טרעטן אף די מענטשן... און סאלדאטן זיצן אף די גרויסע געזונטע פערד מיט מוראדיקע פנימער און מיט בלויזע שווערדן און מע שיסט, און מענטשן פאלן, פאלן... און זי דערהערט, די אלטע ניאניא, א זעץ פון אויבן, און א מאדנער קוויטש רייסט זיך ארויס פון זיוזיאן, און ער לאזט אפ איר האלדז, און בייגט אן דאס קעפל אראפ, אראפ. און א ווארעם פליסיקייט דערפילט זי אף איר האלדז, און בלוט, דערזעט זי, גיסט זיך פון איר האנט אראפ, און זי ווייס נאך נישט וועמעס בלוט דאס איז, און זי זעט נישט, אז זיוזיאס קאפ איז צעהאקט, צעשפאלטן, און עס ווערט איר פינצטער אין די אויגן, און זי פאלט אנידער מיטן טויטן קינד אף דעם ווייסן קאלטן שניי, וואס איז פארפארבט מיט רויטן אומשולדיקן בלוט...

אט אזוי האט זיך אנגעהויבן דער דאזיקער זונטיקדיקער טאג, וואס איז פארבליבן אין דער רוסישער היסטאריע אונטערן נאמען „דער רויטער זונטיק"...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

## קאפיטל יא.

## טאמארא באפרייט

תחילת איז פאר טאמאראן געווען איר ארעסט א שטיקל באפרידיקונג, מען קאן זאגן, א מין הנאה, א גדלות, וואס זי איז ליטנגלייך, זיצט גלייך מיט מאשאן און מיט אלע אנדערע פאליטישע... איר איז מער אנגעגאנגען, וואס וועלן זאגן אנדערע וועגן איר זיצן, איידער דאס, וואס טאמער וועט זי דארפן אפזיצן דא א קורצע צייט. דאס איז געווען א צייט פון מלחמה, די גאנצע לופט איז געווען פול מיט „קאמף", און ס'איז געווען כמעט א בזיון, א מיידל זאל זיצן אין פעטערבורג, אינזינען

דאַבן נאָר לערנען תורה לשמה און טאָן זאָל זי גאָרנישט... וואָס ווײַ־טער האָט איר אָבער דאָס זיצן אָנגעהויבן זיך צועסן, און מער פון אַלצדינג דאָס, וואָס זי ווייס נישט, אייגנטלעך, פאַרוואָס זי זיצט... און זי האָט געגומען טרעפן, איבערלייגן אין זכרון, ווען און אַף וואָס פאַר אַ פאַרזאַמלונג זי איז געווען? און געווען איז זי אַף אַ סך פאַר־זאַמלונגען, יענעם ווינטער איז נישט אַוועקגעגאַנגען אַ טאָג אָן אַ פאַר־זאַמלונג... דאָס איינציקע, פון וואָס זי האָט יסורים געהאַט, איז געווען — טאַמער זיצט זי איבער איר נאָענטער באַקאַנטשאַפט מיט ראַמאַנענקאָן, און ווער ווייס, ווו ער איז און וואָס מיט אים איז?...

נאָר אָט האָט מען זי אַרויסגערופן און אויסגעפרעגט, וואָס ווייס זי וועגן מרים גיטל באַשעוויטש? טאַמאַראַ האָט דערויף געענטפערט, אַז וועגן מאַשאַ באַשעוויטש קאָן זי זאָגן נאָר דאָס, אַז זי איז מיט איר פון איין שטאָט, האָט געענדיקט מיט איר איין גימנאַזיע, געוווינט מיט איר די לעצטע צײַט אינאיינעם אַף איין קוואַרטיר, — און ווײַטער ווייס זי גאָרנישט ניט. דערנאָך האָט מען זי אַרויסגערופן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל — און אַלץ וועגן מרים גיטל באַשעוויטש; און סוף כל סוף האָט מען זי אַרויסגעלאָזט.

ווי איינער, וואָס שטייט אויף פון אַ לאַנגן שלאָף אָדער אַ שלאָפ־קייט, אַזוי האָט זיך געפילט טאַמאַראַ שאַסטעפּאַל, אַז זי איז געשטאַנען אַף דער פרײַער לופט, אונטערן פרײַען הימל, באַפרײַט פון דער גערדיכטער געשטיקטער טורמע־אַטמאָספערע. אַ נײַע וועלט! אַ נײַער הימל! נײַע לופט! אַ נײַע הויט אַף איר! זי איז פרײַ! פרײַ! פרײַ!

טאַמאַראַ שאַסטעפּאַל האָט זיך אַרויפגעזעצט אַף דער ערשטער דראָזשקע, וואָס זי האָט דערזען פאָרן, און האָט זיך געהייסן פירן. די רעזידענץ־שטאָט האָט נאָך אויסגעזען, ווי אַ שלאַכט־פעלד, וואָס דער פײַנט האָט דאָס איבערגעלאָזט און איז אַוועקגעגאַנגען ווײַטער... אַף דער „מאַיקע”, אַף „יעקאַטערינינסקי קאַנאַל” און ערטערווײַז אַף „ניעוו־סקי פּראָספּעקט” האָט מען געקאָנט זען ווו־נישט־ווו שפּאַצירן פּאַטרולן און קאָזאַקן, צופוס און אַף פערד. עס איז שוין געווען נישט פרי, און קיין עלעקטריע האָט מען נאָך נישט געזען אין ערגעץ. די פּרעכטיקע שטאָט פּעטערבורג איז געווען ווי אײַנגעטונקען אין אַ פינצטערניש און באַדעקט מיט אַ טרויער. טאַמאַראַ האָט געוווּסט נאָך איין אויטשאַסטאָק,

אַז אין שטאָט טוט זיך עפּעס; זי האָט נאָר נישט געקאָנט וויסן, וואָס עס טוט זיך... אַלעמאָל האָט זי געזען דורכן קליינעם איינציקן פענצ־טערל, ווי עס ווערן געבראַכט פּאַרטיעסוויַיז אַרבעטער און סטודענטן. זי האָט גערעכנט, אַז ס'איז פּאַרגעקומען אַן אויסערגעוויינלעכע דעמאָנס־טראַציע, און עס האָט איר שטאַרק באַנג געטאָן, וואָס זי האָט נישט געקאָנט זיַין אויף דער שמחה... וואָס וויַיטער האָט זי אָבער אַרויסגעזען אַלץ מער סימנים פון אַ געשלעג, און זי האָט זיך אַריַינגעלאָזט אין אַ שמועס מיטן איזוואָזטשיק, נאָך גאָר אַ יונגער פון אַ יאָר זיבעצן־אַכצן, מיט אַ היטשקעלע און מיט אַ צו גרויס היטל, וואָס פאַלט אים אַלעמאָל אויף די אויגן, אַזוי אַז ער מוז דאָס אַלע מינוט געבן אַ רוק אַרויף.

— וואָס איז דאָ פּאַרגעקומען? — פרעגט זי באַם איזוואָזטשיק.

— גאָרנישט, בּאַרישני, איז פּאַרגעקומען! — ענטפערט ער איר מיט אַ שאַרפער קינדערשער שטימע און טוט אַ רוק אַרויף דאָס גרויסע היטל. — מע האָט נאָר דורכגעבויקערט אַביסל אונדזערע ברידער, דורכ־געבראָכן די ביינער. — ליַיגט ער צו מיט אַ שמייכל.

— פאַרוואָס?

— פונוואַנען זאָל איך וויסן? מע זאָגט, אַז דערפאַר, וואָס מענטשן זיַינען געגאַנגען בעטן.

— נו?

— נו, האָט מען זיי נישט געלאָזט.

— נו?

— נו, האָט מען אָנגעשיקט אויף זיי קאָזאַקן מיט דראַגונער...

— נו?

— האָבן זיי גענומען ליַיגן און ליַיגן, ליַיגן און ליַיגן!... — דער איזוואָזטשיק באַוויַיזט מיט דער האַנט, וויאַזוי מע האָט גענומען ליַיגן.

— אַ סך האָט מען אויסגעליַיגט? — פרעגט אים טאַמאַראַ.

— נישקשהדיק! — ענטפערט ער איר און טוט אַ רוק אַרויף דאָס היטל.

— וויפל? — פרעגט אים טאַמאַראַ. — צען מענטשן? צוואַנציק? פופציק? הונדערט?...

— נעם העכער! — ענטפערט ער מיט זיַין שאַרפער קינדערשער שטימע.

— צוויי הונדערט? פינף הונדערט?
— נעם העכער!
— טויזנט?
— נעם העכער!
— צוויי טויזנט?
— נאָך העכער!

טאַמאַראַ מיינט, אַז זי האָט צו טאָן מיט אַזעלכן, וואָס קאָן נישט ציילן מער פון צען. הערט זי אויף מיט אים צו שמועסן און פאָרט־צו צו איר קוואַרטיר, צעצאָלט זיך מיטן איזוואָזטשיק, קלינגט אָן באַ זיך אויף דער טיר, און עס קומט אַרויס דאָס קליינע שיקסל מיט די גרויסע קאַרעלן, נאָר אין אַ געלעכטער אויפן פּנים, ווי תּמיד, און מיט שטאַרק פאַרוויינטע אויגן.

— וואָס האָט זיך געטראָפן? — פרעגט זי טאַמאַראַ אומרויִק.

— אומגעזער פּאַניטשל!... — ענטפערט איר דאָס קליינע שיקסל און קאָן מער נישט ריידן.

און אַז טאַמאַראַ איז אַריינגעקומען און געטראָפן אַבראַם מאַרקאָ־וויטשן מיט ראָזען מיט אַלע קינדער זיצן אין די זאָקן מיט די טויטע פּנימער אויף דער ערד, האָט זי שוין פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז, און זיי האָבן איר שוין איבערגעגעבן אַלצדינג, אַלצדינג...

* * *

שפּעטער איז זי געוואָר געוואָרן, אַז ראָמאַנענקאָ איז פאַרשוווּנדן געוואָרן — מע ווייס נישט וווּהין... איינעקע האָבן געזאָגט — אַרעס־טירט, איינעקע האָבן געזאָגט — אוועקגעפאָרן...

## קאַפּיטל יב.

## פון צער און צאָרן

עלנט, פאַרזאָרגט, צעשרויפט, צערודערט און פאַרטראַגן איז טאַ־מאַראַ שאָסטעפּאַל געגאַנגען איבער פּעטערבורג, דורכגעוואָרפן אין די געדאַנקען אַלץ, וואָס זי האָט איבערגעלעבט אין דער דאָזיקער גרויסער טומלדיקער שטאָט פון זינט זי איז אַהער געקומען ביז היינטיקן טאָג, —

אלע פּאַסירונגען, אַלע בילדער, אַלע באַגעגענישן, אַלע פּאַרשוינען: זיוזיאַ, ראָמאַנענקאָ, מאַשאַ... נאָר איין בילד, נאָר איין פּאַרשוין איז איר אַרויסגעפלויגן פונעם קאָפּ, גלייך ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געווען. און דער דאָזיקער פּאַרשוין האָט פון טאַמאַראַן געטראַכט, עס קאָן זיין, מער פון אַלע אַנדערע. דאָס איז געווען דער סטודענט סאַשאַ סאַפּראַנאָוויטש, — און ער איז דאָס איר איצט געקומען אָקעגן מיט אַ פריינטלעך שמייכל אויף די ליפּן און מיט אַ רויטלעכן פאַרב אויף די בעקלעך, וואָס האָבן, אַפּנים, געוואָלט קאָנקורירן מיט די רויטע האָר פונעם קאָפּ און מיטן רויטן בערדל, וואָס סאַשאַ האָט זיך די לעצטע צייט פאַרלאָזט.

פון סאַשאַס פּנים איז געווען אַרויסצוזען, ווי ווייט צופרידן און גליקלעך דער מענטש איז, וואָס ער האָט זיך באַגעגנט מיט דער, וואָס ער זוכט, וואָס ער וויל און וואָס ער באַגערט.

— קיינמאָל טרעפט מען אייך נישט אינדערהיים!...

אַזוי זאָגט צו איר סאַשאַ, און טאַמאַראַ איז איצטיקס מאָל צופרידן, וואָס זי האָט זיך באַגעגנט מיט סאַשאַן, און זי דערציילט אים אויס, ווי אַ גוטן פריינט, אַלצדינג, וואָס זי האָט איבערגעלעבט פאַר דער צייט; די געשיכטע מיט מאַשאַ באַשעוויטש, וואָס איז געפאַנגען געוואָרן, און די געשיכטע פון איר אייגענעם אַרעסט דערציילט זי אים מיט אַלע איינצלהייטן און מיט אַלע קליינִיקייטן און מיט אַלע באַגעגענישן און טרעפענישן, און די גרויסע טראַגעדיע פונעם קליינעם זיוזיאַ דערציילט אים טאַמאַראַ. זי קאָן נישט צוזען דעם צער פון דער מוטער. יעדער טאָג זיין דאָרטן איז שטוב קאָסט זי געזונט...

דאָס איז אָבער נישט אמת: נישט דאָס איז די הויפּט־סבה פון איר דערשלאָגנקייט. די הויפּט־סבה באַדאַרף מען זוכן ערגעץ אַנדערש... טיפער... סאַשאַ סאַפּראַנאָוויטש רעדט איר אויס דאָס האַרץ, טרייסט זי, אַז קרבנות מוזן זיין. אַז קרבנות קאָן מען צו קיין אידעאַל נישט גרייכן... און ער ברענגט איר טויזנט ראיות, ווי אַלעמאָל, פון דער יידישער געשיכטע און ער לייענט איר פאָר אַ גאַנצע לעקציע פון דער אַלטער יידישער היסטאָריע און לאָזט אויס מיט די ווערטער: די אידעע פון יושר, פרייהייט, גלייכהייט און גערעכטיקייט — דאָס אַלץ שטייט בּאַ אונדז אַזוי הויך, אַז אַפילו אין די תפלות ווילן די יידן איינריידן

גאָט, אַז ער פּירט זײַן װעלט מיט יושר און מיט גערעכטיקייט; און װאָס פאַר אַ געטלעכע גערעכטיקייט װאָלט דאָס געװען, װען נישט אַלע מענטשן זאָלן זײַן גלײַך?

װי בוימל האָט זיך סאָשאַ סאַפּראַנאָװיטש צעגאָסן אין זײַן ריידן מיט פּריילן שאַסטעפּאַל. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז שוין לאַנג האָט זי נישט אויסגעהערט אים מיט אַזאַ אינטערעס, װי הײַנט. טאַמאַראַ האָט אים דוקאַ איצטיקס מאָל געהערט אַ סך װיניציקער װי אַלעמאָל; אַצינד איז איר קאָפּ געװען װײַט פונדאַנען... מיט איין אויער האָט זי אויסגעהערט דעם דאָזיקן סטודענט, דעם פאַרברענטן ייִדישן נאַציאָנאַליסט — און האָט אים מקנא געװען, אַזוי װי זי האָט מקנא געװען איר חברטע מאָשאַ באַשעװיטש, װאָס יענע איז אַ טוערן, און זי נישט...

אין דער גאַנצער צײַט, װאָס די יונגע לײַט האָבן זיך געפונען אין פּעטערבורג, האָבן זיי זיך זעלטן װען באַגעגנט, און אַז זיי האָבן זיך באַגעגנט, האָט טאַמאַראַ קיין צײַט נישט געהאַט צו פאַרברענגען מיט מאָשאַן מער אַלס אַ האַלבע שעה. און אַלעמאָל האָט זיך סאַפּראַנאָװיטש אומגעקערט צו זײַן טעמע: ייִדנטום, די ייִדישע היסטאָריע, די ייִדישע שפּראַך. דערהויפּט פלעגט ער איר שטענדיק פאַרהאַלטן, לָמאַי זי לערנט נישט קיין ייִדיש. „פאַרװאָס לערנען מיר אַלע פרעמדע שפּראַכן, — פלעגט ער צו איר טענהן — נאָר מיט אונדזער אייגן לשון שעמען מיר זיך?"... טאַמאַראַ פלעגט אים דערויף ענטפערן מער נישט נאָר אַף אַפּטשעפּען זיך: װוּ קאָן זי דאָ, אין פּעטערבורג, לערנען ייִדיש? װער װעט זיך אונטערנעמען?... לאָז זי נאָר זאָגן — ענטפערט איר דערויף סאַפּראַנאָװיטש — לאָז זי נאָר זאָגן, אַז זי װיל לערנען די שפּראַך, װעט זיך שוין געפינען אַזעלכער, װאָס װעט מיט איר לערנען"...

קוים װאָס מע שטויסט זיך, אַז דאָס מיינט ער זיך! איז אָבער טאַמאַראַ שטענדיק פאַרנומען... נישטאָ קיין צײַט... געשעפטן... „פ ר ע מ ד ע  ג ע ש ע פ ט ן" — רופט עס אָן סאַרפּאַרנאָװיטש און ברענגט איר אַ פּסוק פון שיר־השירים:

שמוני נוטרה את הכרמים —

כרמי שלי לא נטרתי...

„מע האָט מיך געמאַכט פאַר אַ היטערן איבער ווײַנגערטנער — מײַן אייגענעם ווײַנגאָרטן האָב איך נישט פאַרהיט"...

דעם דאָזיקן פסוק האָט ער איר איבערגעחזרט עטלעכע מאָל, אַזוי אַז זי האָט דאָס שוין אויסגעלערנט אויסווייניק.

טאַמאַראַ האָט ליב געהאַט אָפּשפּעטן פון דעם רויטן סטודענט, דעם פאַרברענטן נאַציאָנאַליסט. זאָגט זי צו אים אויך איצט מיט אַ געלעכטער:

— וואָזוי זאָגט איר דאָרט? „מע האָט מיך געמאַכט פאַר אַ היטערן אויף פרעמדע גערטנער — מײַן אייגענעם גאָרטן האָב איך פאַרלאָזט"...

— נישט איך זאָג, — ענטפערט איר סאַפּראָנאָוויטש — דאָס האָט געזאָגט אַמאָל שלמה המלך אין זײַן שיר־השירים. אַך, פרײַליין שאַס־מעפּאָל! עס וואָלט שוין צײַט געווען, איר זאָלט אַביסל בעסער וויסן אונדזערע אייגענע ליטעראַרישע ווערטן... ווילט איר, וועל איך אײַך עפּעס ווײַזן אַ זאַך, וואָס וועט אײַך געפעלן. דאָס איז אַ פּאָעמע, אַ בלוטיק געזאַנג, נו, אַ פּאָגראָם־ליד פון... פון איינעם אַ באַרימטן ייִדישן דיכטער... איך וועל עס אײַך לייענען אין אונדזער אַלטער קלײנגענדיקער שפּראַך — און טאַקע באַלד איבערזעצן עס אײַך, איר זאָלט עס פאַרשטיין.

און סאַשאַ סאַפּראָנאָוויטש וואַרט נישט ביז מע וועט אים שטאַרק בעטן, נעמט אַרויס פון בוזעם־קעשענע עטלעכע בלעטלעך, אויסגעריסן פון אַ ביכל, און לייענט הויך, אויף אַ קול, די שטאַרקע מעכטיקע סטראָפן פון שטאַרקן מעכטיקן ליד, וואָס האָבן נישט (אַזוי מיינט סאַפּראָנאָוויטש) קיין גלײַכן אין דער וועלט־פּאָעזיע, אין דער שיינער קלינגענדיקער שפּראַך, וואָס האָט נישט (אַזוי מיינט סאַפּראָנאָוויטש) איר גלײַכן אין דער וועלט־ליטעראַטור! און ער שפּריצט בשעת ער לייענט, און ער זעצט איבער איטלעכס וואָרט צוליב טאַמאַראַן, און ער מאַכט מיט די הענט, אַפּנים, זי זאָל בעסער פאַרשטיין, און נישט איין פאַרבײַגייער שטעלט זיך אָפּ אויפן טראָטואַר באַטראַכטן דאָס פּאָרל.

... פון שטאָל און אײַזן, קאַלט און האַרט און שטום,
שמיד אויס אַ האַרץ פאַר זיך, דו מענטש, און קום:
קום גיי אין שחיטה־שטאָט, זאָלסט זען מיט דײַנע אויגן,

זאלסט אנטאפן מיט דײַנע אײגענע הענט,
אף צוימען, סלופעס, טויערן און ווענט,
אף שטײנער פון דער גאס, אף אלע העלצער,
דאס שווארץ־פארטריקנט בלוט מיט די געהירן
פון דײַנע ברידערס קעפ און העלדזער.
און אומבלאנדזשען זאלסטו צווישן חורבות,
דורך ווענט צעבראכענע מיט אויסגעקרימטע טירן,
פארבײַ צעשטירצטע אויוונס, האלבע קוימענס,
אנטבלויזטע שווארצע שטײנער, האלב־פארברענטע ציגל,
וואו פײַער, האק און אײַזן האבן נעכטן
אף דער בלוט־חתונה א ווילדן טאנץ געשפילט...

טאמארא שאסטעפאל הערט זיך אײַן אין די ווערטער. אירע שײנע גרויסע שווארצע אויגן זײַנען ערנסט. און סאשא מישט איבער א בלעטל פון דער בלוטיקער פאעמע און לײענט ווײַטער מיט דעם זעלבן נוסח און מיט נאך מער היץ:

...אנטלויפסט ? אנטלויף !
באהאלט זיך אין א הויף !
אומזיסט !...
אט איז א בערגל מיסט !
דא האט מען צוויי געטויט : א ייִדן מיט א הונט...
אינמיטן הויף האט נעכטן זיי א האק געקעפט,
און הײַנט האט זיי אהער א שווײַן פארשלעפט,
געשנארכט, געגריבלט זיך אין זײער אויסגעמישטן בלוט...
שא, מארגן וועט א פרישער רעגן קומען
און אפשווענקען דאס בלוט אין רינשטאק, סיזאל נישט שרײַען
צום הימל „גוואלד !" פון מיסט ארויס ; און אפשר
איז שוין דאס אײַנגעזונקען אין דעם תהום דעם שטומען
און זויגט די דערנער אן באַ א פלויט א קרומען,
און מארגן וועט די זון, ווי הײַנט, ווי נעכטן,
ווי אלע טאג, א ליכטיקע ארויסגײן
פון מזרח זײַט, געמינערט ניט א האר נישט,
און שא, און שטיל, און גלײַך ווי גארנישט...

טאַמאַראַס שיינע שוואַרצע גרויסע אויגן ווערן נאָך גרעסער און נאָך שענער, און זי דערמאָנט זיך אינעם „זונטיק", וואָס דאָ אין פּע־טערבורג, וואָס זי אַליין האָט אים נישט בייגעוווינט, נאָר אָנגעהערט זיך פון אַנדערע, און זי רופט זיך אָן צו סאַשאַן:

— וויאַזוי הייסט ער, אייער פּאָעט?

— מיין פּאָעט — ענטפערט איר סאַשאַ מיט אַ ביטער שמייכעלע — הייסט ביאַליק, חיים נחמן ביאַליק.

— אָט דער ביאַליק איז אַ פּאָעט! אַ דיכטער!... אַנו, לייענט נאָך אַביסל.

אודאי דאַרף מען סאַשאַ סאַפּראָנאָוויטש בעטן, ער זאָל לייענען ביאַליקן נאָך אַביסל! סאַשאַ טוט איר די טובה, מישט נאָך אַ בלעטל פון דער דאָזיקער בלוטיקער פּאָעמע און לייענט ווייטער:

און דו פאַררייסט דעם קאָפּ — נישטאָ קיין הימל!
אַ דאַך, אַ שטומער דאַך מיט שוואַרצע שינדלען;
אָט הענגט אַ שפּין — גיי פרעג דעם גרינעם שפּין,
ער האָט אַלצדינג געזען, ער איז אַן עדות,
איין לעבעדיקער עדות אויף דעם בוידעם.
לאָז ער זשע דיר דערציילן אַלע מעשיות:
אַ מעשה פון אַ בויך מיט פעדערן געפּילט,
פון נעזלעכער מיט נעגל, קעפּ מיט האַמערס,
פון מענטשן נאָכן קוילען, קאָפּ אַראָפּ, ווי גענדז,
צום באַלקן פונעם בוידעם אויפגעהאָנגען,
און פון אַ קינד אַן איינגעשלאָפנס מיט זיין מאַמעס
צעשפּאַלטענער און טויטער ברוסט אין מיילכן,
און נאָך אַ קינד אַ לעבעדיקס צעריסן
אינאיינעם מיט זיין לעצטן שריי אויף צווייען —
אַ האַלבער מאַ...!

און טאַמאַראַ דערמאָנט זיך אין זיוזיאַס טויט, וואָס די אַלטע ניאַניאַ האָט איר דערציילט, און עס שטעלן זיך איר טרערן אין די אויגן. און סאַשאַ מישט איבער נאָך אַ בלעטל פון דער בלוטיקער פּאָעמע און לייענט ווייטער:

ארויס־קריך, מענטש, קום ווײַטער, כיוועל דיר ווײַזן
באַהעלטענישן — שטאָלן פון חזירים,
און זע מיט דײַנע אויגן אַלע מיסטן,
וווּ דײַנע ברידער, חשמונאימס יורשים,
די אייניקלעך פון אייביקע קדושים,
אין יעדער לאָך צו דרײַ מנינים האָבן
אין יענעם שחיטה־טאָג זיך אויסבאַהאַלטן...
איצט גיי אַראָפּ אין טאָל, דאָרט גרינט אַ גאָרטן.
אין גאָרטן שטייט אַ שטאָל, די טויטע שטאָל, —
עס ליגן דאָ אין שטאָל צעוואָרפן רעדער,
צעבראָכענע, מיט בלוט און מאַרך פאַרשפּריצט,
מיט שפּיצן אָפענע און אויסגעשטרעקטע,
ווי פינגער מערדערישע צו עמעצנס אַ האַלדז.
וואַרט אויס, פאַרנאַכט, ווען פײַערדיק און בלוטיק
וועט אונטערגיין אין מערב־זײַט די זון —
זאָלסטו זיך שטיל אַרײַנגנבענען אין שטאָל
און ווער פאַרפאַלן דאָרט אין תהום פון שרעק...

— נו, און ווײַטער? קיין איינציקער ליכטיקער שטראַל? קיין איינציקער פריילעכער אַקאָרד? קיין ברעקל האָפענונג אויף מאָרגן?...

אַזוי זאָגט טאַמאַראַ שאַפּסטעפּאַל צו סאַשאַ סאַפּראָנאָוויטש. אָנשטאָט צו ענטפערן איר, מישט ער איבער נאָך אַ פּאָר בלעטלעך פון דער בלוטיקער פּאָעמע און לייענט ווײַטער:

און מאָרגן גיי אַרויס אין גאַס, בן־אָדם,
און זע אַ מאַרק, אַ מאַרק פון לעבעדיקן בראָכוואַרג!
דערשלאָגענע, האַלב־טויטע מענטשן־ווערעם,
צעבראָכענע און אויסגעקרימטע רוקנס,
פאַרוויקלטע אין שמאַטעס הויט און ביינער,
מיט קינדער וויסטע קאַליקעס, מיט ווײַבער,
צום טויט פאַרמאַטערטע און אײַנגעדאַרטע,
אַ הײַשעריק, סוף־זומערדיקע פליגן,
באַפאַלן טיר און טויער, אַלע פענצטער,
באַלאַגערן די שוועלן פון הײַזער

און שטרעקן אויס, געלערנטע־צו־בעטלען, קרומע הענט
מיט אויפגעדעקטע רינענדיקע ווונדן,
און יעדערער שרייט אויס זיין פעקל סחורה,
פארדרייסנדיק די לויזע אויגן צו די פענצטער,
ווי קנעכט, ווי הינט געשלאגענע צום בעל־הבית.
א גראשן פאר א ווונד! א גראשן פאר א ווונד!
א גראשן פאר א טאכטער א געשענדטע!...

— אט דאס איז דער טרייסט? א שיינע פערספעקטיווע! א גלענצנדיקע צוקונפט פאר א פאלק! — זאגט טאמארא, און סאשא לייענט ווייטער:

צום בית הקברות מיט די טארבעס, שלעפער!
אהינצו גייט, גראבט אויס די ווייסע ביינער
פון אייערע קדושימס פרישע קברים.
שטאפט אן די טארבעס, יעדערער זיין טארבע,
און לאזט זיך אין דער וועלט אריין, און שלעפט זיך
פון שטאט צו שטאט, ווו ערגעץ א יריד,
און אונטער אלע פרעמדע הויכע פענצטער
זינגט הייזעריקע בעטלערשע ניגונים — — —

— שווין זשע קיין שום האפענונג אף שפעטער, אף אמאל? שווין זשע קיין שום ווונק אף נקמה?

אזוי זאגט טאמארא שאסטעפאל, און די גרויסע שיינע אויגן אירע ברענען... און סאשא, אנשטאט צו ענטפערן איר, מישט ער איבער נאך א בלעטל פון דער בלוטיקער פאעמע ביאליקס און לייענט ווייטער:

...א וויסטער מדבר איז זיין הארץ געווארן;
קיין איינציק גרעזל האס, קיין קערנדל נקמה!
דו הערסט? זיי קלאפן זיך אין ברוסט „אשמנו״!
זיי בעטן, איך זאל זיי די זינד פארגעבן...
צי זינדיקט דען א שאטן אף די ווענט —
א שארבן א צעבראכענער, א טויטער ווארעם? —
וואס בעטן זיי? וואס שטרעקן זיי די הענט?
א פויסט ווו איז? ווו איז א גרויסער דונער,
וואס זאל זיך אפרעכענען פאר אלע דורות,

און אײַנלײגן די װעלט, צערײַסן די הימלען,
מײַן שטול, מײַן כסא־כבוד איבערקערן!...

— אַ? דאָס איז װערטער! — רופֿט אױס טאַמאַראַ מיט באַגײַס־טערונג. — אײַער ביאַליק איז אַ דיכטער! אַ גרױסער דיכטער!

— מײַן ביאַליק איז אױך אײַער ביאַליק! — זאָגט איר סאַשאַ. און דאָ ציט זיך אַװעק באַ זײ אַ שמועס, װעגן דאָס ייִדישע פֿאָלק און װעגן זײַנע האַפּענונגען, און װעגן זײַנע אױסזיכטן, און װעגן זײַנע נביאים, און װעגן משיחן.

— גלײבט איר אין משיחן אױך? — פֿרעגט אים טאַמאַראַ.

נעװױם! — ענטפֿערט איר סאַשאַ און איז גליקלעך, װאָס ער האָט אַ טעמע צו דיסקוטירן מיט טאַמאַראַן, און ער גיט איר צו פֿאַרשטײן, װאָס ער מײנט משיח, און דערקלערט איר, פֿאַרװאָס משיח קאָן נישט קומען. ער װיל זי איבערצײַגן, אַז אין אַזאַ צײַט, װען אין אַ פֿאָלק קומען פֿאָר אַזױפֿיל שפּאַלטונגען, קאָן נישט קומען משיח. משיח קאָן קומען נאָר דעמאָלט, װען אַלע זאָלן אים װעלן הערן און אַלע זאָלן אים װעלן פֿאַרשטײן... משה רבינו, צום בײַשפּיל, קאָן איצט באַ ייִדן נישט אױסנעמען דערפֿאַר, װײַל עס עקזיסטירט נישט קײן גאַנץ ייִדיש פֿאָלק, װאָס זאָל זײַן פֿאַראײניקט און װאָס זאָל פֿאַרשטײן, אַז נאָר אין דער פֿאַראײניקונג איז זײַן קראַפֿט...

און סאַשאַ איז צופֿרידן מיט זיך אַלײן און מיט זײַן גלענצנדער רעדע, און ער איז זיכער, אַז איצטיקס מאָל האָט אים געגאָלטן מער װי אַלע מאָל, און ער איז איבערצײַגט, אַז טאַמאַראַ האָט אים געהערט און ער האָט אױף איר געװירקט, און ער פֿילט נישט קײן פֿראָסט, און ער שפּירט נישט, אַז עס האָט זיך אױפֿגעהױבן אַ װינט פֿון דער „ניעװאַ“, װאָס ברענט דאָס פּנים, סמאַליעט די נאָז און קריכט אין די בײנער אַרײַן, און ער באַמערקט נישט, אַז זײ בײדע שטײען באַ דער טיר פֿון טאַמאַראַס קװאַרטיר, און ער זעט זיך אַרום ערשט דעמאָלט, װען טאַמאַראַ טוט אַ צי באַם גלעקל.

— קומט אַרײַן, איר זײַט אַן איבערגעפֿרױרענער! — זאָגט צו אים טאַמאַראַ און באַשענקט אים מיט אַ קוק פֿון אירע שײנע שװאַרצע אױגן, און עס װײַזט זיך אים אױס, אַז אַזױ האָט נאָך אױף אים טאַמאַראַ קײנמאָל נישט געקוקט...

* * *

עס איז שוין געווען נישט פרי, אַז סאַשאַ סאַפּראָנאָוויטש האָט זיך געשליטלט אַהיים איבערן סקריפּענדיקן גלאַנצנדיקן שניי, אויף די שיין באַלײַכטע גאַסן פון פּעטערבורג. פון דער „ניעווע" האָט געבלאָזן אַ קאַלט שנײַדנדיק ווינטל, וואָס האָט דעקוטשעט מער ווי דער ברענענ־דיקער פראָסט, צו וועלכן די מענטשן זײַנען דאָרט געוווינט געוואָרן. סאַשאַס רויט פּנים איז געוואָרן בלוי און די אויערן האָבן געסמאָלעט. די נאָז האָט אויך גענוג געליטן פון קעלט, און עס האָט נישט געהאָלפן קיין רײַבן און קיין פאַרשטעלן זיך און קיין הילן זיך אינעם וואַרעמען שמויסן קעלנערל פונעם וואַרעמען ווינטערדיקן פּאַלטאָ. נאָר וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס אַלץ געהאַט בײַ דעם גליקלעכן מענטשן אַקעגן איין וואַרעמען גוטן קוק פון טאַמאַראַס שיינע גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס איז געווען גענוג אויף צו פאַרטרײַבן דעם שאַרפסטן ווינט, אויף אָפּצושוואַכן דעם גרעסטן פראָסט? ... סאַשאַ האָט איבערגעחזרט בײַ זיך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איטלעכס וואָרט, וואָס טאַמאַראַ האָט אים הײַנט געזאָגט, דערמאָנט יעדע באַוועגונג אירע, יעדן קוק, — און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אָדער ער האָט זיך געוואָלט אײַנריידן, אַז קיינמאָל איז נאָך צו אים טאַמאַראַ נישט געווען אַזוי גוט, אַזוי פרײַנטלעך און אַזוי צוגע־לאָזט און נאָענט, ווי אַצינד, און ער האָט אַוועקגעפירט פון דאָרט איצ־טיקס מאָל אַזויפיל האָפענונג, ווי נאָך קיינמאָל נישט ביז אַהער! ...

סוף פונעם ערשטן טייל.

# צווייטער טייל

## קאפיטל א.

## טאַטעס און קינדער

אינעם סאַמע אָנהייב פון אונדזער ראָמאַן, אין קאַפּיטל א, האָבן מיר איבערגעלאָזט איציקל שאַסטעפּאַל און זײַן װײַב שיװקע, און אויך דעם אַפּטייקער סאָלאָמאָן סאַפּראָנאָוויטש, אַרויסקוקן אַף זייערע קינ־דער, אַף טאָמאַראַן און אַף סאַשאַן, וואָס זײַנען געפֿאָרן אַף פּסח אַהיים.

— טאָמער וואָלסטו זיך דורכגעפֿאָרן אַפֿן וואָקזאַל?...

אַזוי זאָגט שיװקע צו איר מאַן איציקל שאַסטעפּאַל און קוקט אַפֿן זייגער.

— ס'אַ משל! נו, וואָס וועט זײַן? וועט די טאָכטער, הייסט דאָס, פֿריִער קומען? ווו איז דער שכל? — אַזוי ענטפֿערט איר אַף דער מאַן מיט אַ היפּשער פּאַרציע ביטערניש, ווי געוויינלעך אַ מאַן, בשעת ס'איז אים נישט גוט אַפֿן האַרצן. און טאַקע באַלד לייגט ער זיך איבער באַ זיך אין קאָפּ, אַז אפשר איז דאָס אַ פּלאַן, ער זאָל זיך טאַקע דורכפֿאָרן צו דער באַן. וואָס וועט ער אָנוועֿרן? און ער נעמט אַף זיך דעם אויבעררשאָק מיטן שירעם און לאָזט זיך גיין.

— וווּהין איז? — פֿרעגט אים שיװקע.

— אין ערגעץ נישט. — ענטפֿערט איר דער מאַן. — איך רעכן זיך דורכפֿאָרן אַף אַ ווײַלע צו דער באַן, זען וואָס איז די מעשה, וואָס אַזוי שפּעט...

— האָב איך דאָך דיר נאָך פֿריִער געזאָגט דאָס אייגענע!

—ס'אַ משל! נו, אם כּן, אַז דו האָסט געזאָגט, איז וואָס? וואָס האָב איך דאָ פֿאַרשפּעטיקט?

און איציקל שאַסטעפּאַל כאַפּט אַ דראָזשקע און לויפֿט צו דער באַן.

דאָס זעלבע האָט געטאָן אויך דער אַפּטייקער סאַפּראָנאָוויטש, נאָר אַז ישוב הדעת מיטן ווײַב, פּשוט מחמת דעם, וואָס ער איז שוין פופצן יאָר אַז אַלמן. אונדזער אַפּטייקער, ווי ער אַליין זאָגט אָף זיך, איז נישט פון די ייִדעלעך, וואָס לויפן חתונה האָבן דאָס צווייטע מאָל: ערשטנס, האָט ער קיין צײַט נישט; צווייטנס, איז דאָ אין שטאָט נישטאָ פאַר אים קיין גלײַכן; און דריטנס, אָף וועמען וועט ער לאָזן די אַפּטייק?

אַז איציקל שאַסטעפּאַל איז געקומען אָפּן וואָקזאַל, האָט ער שוין געטראָפן דעם אַפּטייקער אַרומשפּאַצירן מיטן שטעקעלע אין די הענט און מיט די בלויע ברילן אָף די אויגן. נאָר ער האָט זיך געמאַכט, ווי ער באַמערקט אים נישט, און האָט זיך גענומען אויסגלײַכן זײַן זייגער מיטן גרויסן זייגער וואָס אָפּן וואָקזאַל. דאָס זעלבע האָט געטאָן אויך דער אַפּטייקער; ער האָט אויך אַרויסגענומען זײַן גאָלדענעם זייגער און האָט זיך אָנגעקגעשטעלט אַקעגן דעם וואָקזאַל-זייגער, געקוקט דורך די בלויע ברילן אַרויף און אַראָפּ, באַמערקט, אַז זײַן גאָלדענער זייגער לויפט כמעט אָף אַנדערהאַלבן מינוט. דאָס אייגענע האָט באַמערקט אויך שאַסטעפּאַל אָף זײַן זייגער, אַז ער לויפט אָף כמעט פינף מינוט. די עטלעכע מינוט אונטערשייד האָבן אַרויסגערופן צווישן אונדזערע צוויי שכנים אַ אומגעריכטן געשפּרעך, וועלכן מיר געבן איבער פּינקטלעך, נאָר מיר קאָנען נישט זאָגן געננוי, ווער פון די צוויי האָט אָנגעהויבן צו ריידן דער ערשטער.

— קיינמאָל נישט געגלייבט, אַז מײַן זייגער לויפט.

— איך אודאי נישט!

— אַ חידוש, מײַן זייגער גייט ריכטיק נאָכן שטאָט-זייגער.

— אָפּנים, פאַרשפּעטיקט דער פאָיעזד?

— ווי קומט דאָס, דער שנעל-צוג זאָל פאַרשפּעטיקן?

— עס מאַכט זיך... איר וואַרט אָף עמעצן?

— און איר?...

און ביידע פּאָטערס לייגן אַרײַן די זייגערס אין די טאַשן, צעגייען זיך, איינער אַהער און דער אַנדערער אַהין, געפינען נישט מער קיין שמועס-מאַטעריאַל.

מאַלט אײַך, ער רעדט זיך נאָר אַזוי. זיי זאָלן וועלן, זיי זאָלן נישט זײַן קיין גדלנים און קיין עקשנים, וואָלטן זיי שוין געפונען מאַטעריאַל

אַף צו ריידן. יעדער פון זיי וואָלט שוין געהאַט וואָס צו דערציילן און צו דערציילן. יעדער פון זיי האָט געהאַט אַ האַרץ פול מיט ווייטיקן, וואָס האָבן זיך געבעטן אַרויסגערעדט צו ווערן, אויסגיכן זיך, נאָר יעדן פון זיי איז נישט אָנגעשטאַנען דאָס צו טאָן פריִער פאַרן צווייטן.

„וואָס פאַר אַ מחותן איז מיט מיר אָט דער אָרעמער אַפּטייקער?"

— האָט זיך געטראַכט שאַסטעפּאַל און געמאַכט מיטן שירם.

„איך האָב פּיַינט אָט דעם ייִדאַש מיטן שירם און מיט די שוואַרצע אויגן, וואָס קוקן גלייַך אין דער נשמה אַרייַן!" — האָט זיך געטראַכט סאַפּראָנאָוויטש דער אַפּטייקער, און ביידע האָבן זיי שפּאַצירט איבערן ברייטן וואָקזאַל, דער אַהער און דער אַהין, איטלעכער מיט זייַן „פּעקל", פאַרבאָרגן טיף בא זיך אין האַרצן.

אין וואָס, אַשטייגער, האָט געקאָנט באַשטיין איציקל שאַסטעפּאַלס „פּעקל", אַז די געשעפטן זייַנען, ברוך־השם, גייען גוט? ער האָט הייַנטיקן ווינטער געהאַט אַ ווילע טורמע, דאָס הייסט, ער איז, חס ושלום, נישט געזעסן אין טורמע, ער האָט נאָר צוגעשטעלט אַהין פּראָוויאַנט, און האָט אָנגעטראָפן אַף אַ גוטן סמאָטריטעל, אַ „גוי וואָס נעמט אַ קערבל"... הייַנט האָט ער צוגעשטעלט האָלץ אין די קאַזאַרמעס, דאָס איז אויך געווען קיין מעשה נישט פון אַ „פּאָדריאַד". איז אָבער „קאַזנאַ" — צופיל הענט און אַלע נעמען: דער „אונטער" נעמט, דער „אָבער" נעמט, דער קאַפּיטאַן נעמט, דער קאָמאַנדיר נעמט, דער אַדיוטאַנט נעמט, דער גע־נעראַל נעמט — נעמען זאָל זיי די כאָלערע, וואָרעם לאָ די זיי נעמען צו דאָס געלט, נעמען זיי נאָך אַרויס דאָס געזונט, — „קאַזנאַ"... הייַנט האָט ער געהאַט אַ פּאָר עסקימלעך, לאָדעניישן. איציקל שאַסטעפּאַל, דאַרפט איר וויסן, איז אַ ייִד, וואָס האָט ליב זיך לאָדן מיט דער וועלט. בעת ער מאַכט אַ געשעפט, מאַכט ער דאָס לכתחילה אַזוי, אַז ער זאָל קאָנען נאָכדעם לאָדן זיך. אַז ער שרייַבט אַ קאָנטראַקט, פּאַרדרייט ער אים און פאַרפּלאָנטעט זיך אַליין טאַקע, נאָר אַזוי, אַז קיין צען אַדוואָ־קאַטן קאָנען אים נאָכדעם נישט אַרויספּלאָנטען. איין אַדוואָקאַט האָט אים אַמאָל געפּרעגט: — „פּאַני שאַסטעפּאַל! דאַרפט איר שרייַבן אַליין דעם קאָנטראַקט און קומען נאָכדעם צו מיר, איך זאָל אייַך אויספּלאָנטען, אָמער, קומט מען לכתחילה צו אַן אַדוואָקאַט, וועט ער אייַך שרייַבן דעם קאָנטראַקט אַזוי, אַז איר וועט פאַרשפּאָרן נאָכדעם לאָדן זיך!"

דערויף ענטפערט אים שאַסטעפּאַל גאַנץ ערנסט:

— שרײַבן אַ קאָנטראַקט באַ אַן אַדוואָקאַט קאָסט געלט.

— און לאָדן זיך קאָסט קיין געלט נישט?

— וואָס זאָל איך טאָן? איך מוז דאָך ראַטעווען מײַן געלט!

אַזוי ענטפערט איציקל שאַסטעפּאַל און „ראַטעוועט” זײַן געלט, דאָס הייסט, עס קאָסט אים אָפּ דרײַ מאָל אַזויפיל, ער ווערט אָפּט בדיל הדל, פאַרלירט טויזנטער, לאָדט זיך אָפּ יאָרנלאַנג, קוילעט זיך אַף מעסערס, אום צו געווינען אַ פּראָצעס, און דאָס פאַרשאַפט אים חיות אַף לאַנג! נצחון, אַמביציע — איז אַ גרויסע זאַך! פאַר זײַן אַמביציע וועט אײַך איציקל שאַסטעפּאַל גיין ביזן האַלדז אין בלוט! זײַנס זאָל איבערגיין — דאָס איז נישטאָ. איציקל קאָן זיך באַרימען, אַז אים האָט נאָך קיין מענטש נישט גובר געווען. דער אײנציקער מענטש אַף דער וועלט, וואָס האָט אים גובר געווען, איז טאַמאַראַ!... נאָר וואָס זאָל מען טאָן? אַ טאָכטער און אַ בת יחידה, און נאָך אַ געראָטענע דערצו, און ליב האָט ער זי דאָס חיות מיט דער נשמה, ממש עד כלות הנפש! וויפל מאָל האָט ער זיך שוין אויפגעכאַפּט אינדערפרי פונעם שלאָף מלא גזלן און געהייסן פּאַקעווען דעם טשעמאָדאַן.

— ווּהין איז? — פרעגט אים שיוּקע.

— קיין פּעטערבורג!... וואָס פאַר אַ זיצן דאָרט? וואָס פאַר שטודירן? וואָס פאַר קורסן? וואָס פאַר מעדיצין? וואָס פאַר דאָקטוירים? נאַ דיר שוין מיידלעך דאָקטוירים! טאַמער איז קאַרג!?

אַזוי טענהט איציקל שאַסטעפּאַל צו זײַן ווײַב שיוּקע, גלײַך ווי זי וואָלט דאָ געווען דער גאַנצער חיוב, און ער היצט זיך און ער שמיצט זיך אַזוי לאַנג, ביז ער זעצט זיך אַוועק שרײַבן איר אַ בריוו, אויסלומרן אַזוי, אַז זי זאָל אים האָבן צו געדענקען. און נעמט ער נאָר די פּען אין האַנט, און שטעלט ער נאָר אַוועק די ערשטע צוויי ווערטער: „בתי היקרה — טײַערע טאָכטער”, אַזוי גייט אים אָפּ דער כעס, און ער דערציילט איר, ווי ליב און טײַער זי איז אים, ווי שטאַרק ער בענקט נאָך איר, און זי זאָל אים, למען השם, שרײַבן פון איר געזונט, און וואָס איר פעלט, און טאָמער דאַרף זי געלט... און עס ציט זיך באַ אים אַזוי ווי האָניק, און עס גיסט זיך באַ אים אַזוי ווי בוימל, און די געפילן פונעם האַרצן פליסן, פליסן — אַ מאָדנער פאָטער אָט דער איציקל שאַסטעפּאַל!

יאָ, אַ מאָדנער פאָטער! עס ברענט אין אים אודאי אַ פײַער, וואָס ער, איציקל שאָסטעפּאַל, דאַרף זײַן איצט אָפּן וואַקזאַל גלײַך מיט דעם אַפּטייקער און אַרויסקוקן אַף זײַן קינד, וואָס פאַרט אודאי אינאײנעם מיטן אַפּטייקערס קינד פון איין שטאָט, זיצן אודאי אין איין וואַגאָן און שמועסן!... פון וואָס קאָנען זיי שמועסן? אפשר זײַנען זיי שוין אַזוי שטאַרק באַקאַנט, אַז מע שמועסט שוין גאָר וועגן אַ שדוך?... אַ קשיא אַף הײַנטיקע קינדער!... און עס באַשלאָגט אים אַזש אַ שווייס פון דעם געדאַנק, און ער הייבט אָן שפּאַנען נאָך גיכער און מאַכן מיטן שירם נאָך שטאַרקער, און ער טראַכט זיך:

— ווי קומט צו מיר אַזאַ טאָכטער?...

* * *

די זעלבע קשיא, וואָס איציקל שאָסטעפּאַל האָט געפרעגט אַף זײַן קינד, האָט סאָלאָמאָן סאָפּראָנאָוויטש געפרעגט אַף זײַן קינד:

— ווי קומט צו מיר אַזאַ זון?

דעם אַפּטייקערס געשעפטן גייען אויך נישט שלעכט. די אַפּטייק האָט זיך אים שוין לאַנג אויסגעצאָלט, און ער קאָן שוין אָפּלייגן אַמאָל אַן איבעריק קערבל אין באַנק, און ער קלערט שוין וועגן אַ הײַזל אַן אייגנס, טאַקע נישט ווײַט, אַף דער זעלבער וואָסילטשיקאָווער גאַס. דאָס הײַזל געהערט צו אַן אַלטער מויד אַ קריסטן, וואָס קומט אַרײַן צו אים אין אַפּטייק כמעט אַלע טאָג מיט אַ גרויסן הונט („העקטאָר" רופט מען דעם הונט), קויפט אַ נאַרישקייט פאַר פינף גראָשן און רעדט אָפּ אַ האַלבע שעה און אַמאָל נאָך מער. זי רעדט אים צו, ער זאָל קויפן איר שטוב מיטן גאָרטן, זייער אַ טײַערער גאָרטן, — ווו איז נאָך דאָ אַזאַ גאָרטן מיט אַזעלכע ווײַנשל און מיט אַזעלכע באַרן, מיט אַזאַ קעלער, מיט אַזעלכע שטאַלן, ווי בײַ איר?

סאָלאָמאָן סאָפּראָנאָוויטש האָט ליב סאַשאַן און האַלט זיך מיט אים גרויס, פאַרגעטערט אים און פאַרשטייט אים נישט... ער שרײַבט זיך איבער מיט זײַן זון וועגן אַלצדינג און האָט פון אים זייער אָפטע בריוו, זייער שיינע בריוו, אָבער אַזעלכע מאָדנע בריוו, וואָס ער פאַר־שטייט זיי נישט. סאָפּראָנאָוויטש פאַרשטייט נישט זײַן זון. ער האָט

שוין לאַנג געוואָלט אַרויסבאַקומען פֿון אים, וואָס איז דאָס, וואָס ער האָלט זיך אַזוי פֿעסט אין ייִדישקייט? וואָס איז דאָס? צי איז דאָס בײַ אים אַ רעליגיעזע איבערצײַגונג? צי איז ער פֿרום געוואָרן? אויב אַזוי, איז דאָס נישט מער ווי אַ פּסיכאָז (ער האָט נישט געוואָלט אָנרופֿן דאָס מיטן נאָמען „משוגעת"). האָט אים דערויף סאָשאַ באַרוזיקט, אַז עס האָט נישט צו טאָן מיט רעליגיע, נאָר מיט נאַציאָנאַל־געפֿיל, מיט ליבע צום פֿאָלק, מיט אמתן ריינעם פּאַטריאָטיזם...

אַ פֿאַרקערטע וועלט געוואָרן! סאָלאָמאָן סאָפּראַנאָוויטש, וועלכער האָט זיך אַזויפֿיל געפּלאָגט איבער בילדונג, געלעגן ערגעץ בײַ זײַנע פֿינצטערע פֿאַנאַטישע עלטערן אויף אַ בוידעם און געשטודירט לאַטיין, אַנטלאָפֿן פֿון דער היים אַ באָרוועסער, געהונגערט און אָפּגעגעבן עקזאַמען אויף פֿאַרמאַציע, קוים דערלעבט ווערן אַ פּראָוויזאָר, פֿריִער גוט פֿאַר־שוואַרצט געוואָרן איידער מע האָט אים צוגעלאָזט צום עקזאַמען, און איצט, אַז גאָט האָט אים געהאָלפֿן, ער איז שוין אַן אַפּטייקער, מיט אַ נאָמען, מיט אַ רענאָמע, פֿאַרקערט צווישן קריסטן (פֿון ייִדן אַנטלויפֿט ער), דאַרף ער, סאָפּראַנאָוויטש, האָבן אַ זון, וואָס שרײַבט אים אַזעלכע בריוועלעך:

„ליבער פֿאָטער! שרײַבט סאָשאַ אין איינעם פֿון זײַנע בריוועלעך צום פֿאָטער. — דו מוזט אָננעמען, אַז די צײַטן בײַטן זיך. די ראָלע פֿון זינגען „מה יפית" פֿאַרן פּריץ איז אַריבער! די מאָדע פֿון קריכן אויף די קני פֿאַר אַלץ, וואָס איז נישט ייִדיש, איז אויס מאָדע"...

אין אַן אַנדער בריוו צום טאַטן שרײַבט סאָשאַ כמעט אַזוי:

„ליבער פֿאָטער! עס איז, כ'לעבן, אַ שאַנדע, וואָס איך באַדאַרף רוסישן פֿאָלק, דאַרפֿן מיר זיי נישט ווײַזן, אַז מיר זײַנען בעסער אָדער ערגער פֿון זיי; מיר דאַרפֿן זיי נאָר ווײַזן, אַז מיר זײַנען אַזוי גוט, אַזוי ווי זיי... און דעמאָלט בין איך איבערצײַגט, אַז אויב דער קאַמף, וואָס דאָס פֿאָלק פֿירט, וועט געראָטן, וועלן מיר נישט דאַרפֿן קיין זכות אבות מיט קיין רחמנות מיט קיין טובות"...

אין אַ דריטן בריוו שרײַבט סאָשאַ צום טאַטן גאָר אַזוי:

„ליבער פֿאָטער! עס איז, כ'לעבן, אַ שאַנדע, וואָס איך באַדאַרף זיך איבערשרײַבן מיט דיר נישט אויף ייִדיש. דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך האָב ליב די רוסישע שפּראַך מיט דער רוסישער ליטעראַטור. נאָר

למאי זאָלן מיר נישט באַנוצן זיך מיט אונדזער אייגענער נאַציאָנאַל־שפּראַך, אַז מיר האָבן זי? פאַרוואָס זאָלן צוויי דײַטשן, פראַנצויזן אָדער פּאָליאַקן יאָ קאָנען זיך צונויפריידן מיט זייערע אייגענע, ווען זיי קומען זיך צונויף ערגעץ אין אַמעריקע, אָדער ווייס איך וווּ, אין עק וועלט, — און מיר נישט? מיר, וואָס זײַנען מער עמיגראַנטן פון אַלע עמיגראַנטן אין דער וועלט, מיר, וועלכע עמיגרירן פון אברהם אבינון אָן, דאַרפן אונדזער נאַציאָנאַל־שפּראַך האָבן אַ סך נייטיקער פון אַלע אַנדערע פעלקער! שטעל דיר פאָר, ליבער פאָטער, אַז איך וואָלט גע־וואַקסן פון קינדווײַז אויף ערגעץ אין אַ אַנדער לאַנד און זאָל איצטער קומען צו פאָרן אַהיים, וואָלטן מיר ביידע, אַ זון מיט אַ פאָטער, נישט געקאָנט זיך אויפריידן! איך בין אַ בעלן געווען זיך אָנפרעגן בײַ מײַנע דײַטשע און פּוילישע חברים, אַף וואָס פאַר אַ לשון זיי שרײַבן זיך איבער מיט זייערע עלטערן, האָבן זיי מיך אויסגעלאַכט און האָבן מיר געענטפערט צוריק מיט אַ פראַגע: אָט ביסטו אַ ייִד, וויאַזוי שרײַבסטו צו דײַן פאָטער, נישט אַף ייִדיש?... דו פאַרשטייסט דאָך שוין, ליבער פאָטער, אַז איך בין געוואָרן נאָך רויטער, ווי איך בין"...

דער אַפּטייקער קאָן נישט פאַרשטיין: ווי קומט צו אים אַזאַ זון?... און ער באַשולדיקט זיך אַליין, וואָס ער זיצט פּופּצן יאָר אַן אַלמן, וואָס איבער דעם איז סאַשאַ געוואַקסן אָן אַ מוטער, זיך צונויפ־געקומען ווער ווייס מיט וואָסערע חברים אין גימנאַזיע... און ער דערמאָנט זיך, אַז צו סאַשאַן פלעגן קומען די אָרעמסטע שילער, ייִנגלעך אָפּגעריסענע, וואָס האָבן געלערנט פריִער אין דער תלמוד־תורה", צווישן זיי איינער דעם שוחטס אָדער דעם רבס אַ זונדל, קאָטלער אָדער קעסלער איז זײַן נאָמען — ער האָט שוין פאַרגעסן. ער געדענקט נאָר אַז די גימנאַזיאַלע אוניפאָרם האָט זיך צו דעם קאָטלערן אָדער קעסלערן אַזוי געפּאַסט, ווי צו אַ חזיר אַ גאַזבאַנד, אַז בסך־הכל זײַנען די הערעלעך בײַ אים געווען געקרײַזלט, דער רוקן אײַנגעבויגן, דאָס היטעלע פלעגט ער טראָגן תמיד אַרויף, און ריידן האָט געערדט מיט „דער חית", אונטער־געכאַרכלט: „סאַפּחאַנאָוויטש"... חוסקאַיאַ היסטאָחיאַ"...

„אַ חרפּה און אַ בושה פאַר גויים! — אַזוי פלעגט זיך טראַכטן דער אַפּטייקער און ווערן רויט ביז אַף יענער זײַט אויערן! — אַלעמען,

אלע „ייִדלאַקעס", גלוסט זיך שטודירן!... אַלע קבצנים קריכן אין גימנאַזיע!"...

און אונדזער אַפּטייקער איז בייז סכנות אַף די „ייִדלאַקעס־קבצנים", וואָס קריכן אין גימנאַזיע און ווילן שטודירן... ער האָט גאָר פאַרגעסן, אַז ער איז אַליין אַ „ייִדלאַק", אַליין געווען אַן אָרעמאַנס אַ קינד, אַליין געשטודירט לאַטיין אַף אַ בוידעם...

* * *

באַם אַנקומען פון אונדזערע יונגע העלדן איז דאָס באַגעגעניש געווען נישט אַזוי, ווי עס וואָלט באַדאַרפט צו זײַן. עפּעס האָט דאָ גע־פעלט, אַז אַלע, סײַ די טאַטעס, סײַ די קינדער, זאָלן זיך פילן פולשטענדיק גוט און באמת גליקלעך. טאַמאַראַ שאַסטעפּאַל איז דווקא אַרויפגעפאַלן אַפן פאָטערס האַלדז און האָט מיט אים צעקושט זיך. סאַשאַ סאַפּראַ־נאָוויטש האָט זיך דווקא אויך אַרומגענומען מיטן אַפּטייקער, ווי אַ זון באַדאַרף זיך אַרומנעמען מיט אַ פאָטער, — אָבער ער האָט באַ די ביידע געפעלט די אמתע פרייִנטלעכקייט, די גליקלעכע שמחה, די נישט־געמאַכטע התפעלות, דאָס נאַטירלעכע אויפגערעגט זײַן, אַז אַלע און אַלץ זאָל זיך דרייען פאַר די אויגן, דער קאָפּ זאָל זײַן צעטומלט, דאָס האַרץ זאָל זײַן איבערפולט און עס זאָל זיך אַזש גלוסטן וויינען פאַר פרייד...

ביידע טאַטעס האָבן באַטראַכט זייערע קינדער. איציקל שאַסטעפּאַל האָט באַטראַכט זײַן טאָכטער מיטן קליינעם שוואַרצן איינפאַד־ביליקן היטעלע (אַן פעדערן) אַף די שיינע געדיכטע שוואַרצע געקרײַזלטע האָר, מיטן קליינעם שוואַרצן רײַזנטאַשל, מעשה מאַנצביל, אָנגעטאָן איבער דער הויכער ברוסט, און מיט אירע גרויסע שיינע שוואַרצע אויגן, וועלכע זײַנען איצט געווען איבערגעצויגן מיט אַ מאָדנע מעלאַנכאָלישן טרויעריקן ערנסט, און אויסגעוואַקסן איז זי, אויסגעוואַקסן!... און ער האָט זיך געטראַכט:

— אָט דאָס איז מײַן טאָכטער?...

דאָס זעלבע האָט געטראַכט אויך דער אַפּטייקער, באַקוקט דורך די אַז אויסגעבויגענע נאָז, אַן אמתע ייִדישע נאָז!... דער אַפּטייקער וויל בלויע ברילן זײַן סאַשאַן, ווי ער איז דאָס אַביסל אויסגעוואַקסן, ווי שיין ער איז געוואָרן. מערקווירדיק: געלע האָר, אַ שפּיצעדיק געל בערדל,

נעמען באַם זון דאָס גנלע טשעמאָדאַנטשיקל; סאַשאַ לאָזט נישט, ער קאַן אַליין.

— דו קענסט זיך נישט מיט אונדזער שכנס טאָכטער, פּריילן שאַס־טעפּאַל? — מאַכט סאַשאַ צום פּאָטער און שטעלט אים פאַר טאַמאַראַן, וועלכע שטעלט פאַר סאַשאַ סאַפּראַנאָוויטש פאַר איר פאָטער און זי זאָגט צו אים:

— דאָס איז דעם אַפּטייקערס זון. מיטן פאָטער ביסטו דאָך באַ־קאַנט פון לאַנג?

און אַלע פיר ווייסן נישט וואָס צו טאָן, ווער און וואוהין עמעצער זאָל גיין פריער. און אַלע פיר זאָגן איינס צו דאָס אַנדערע:

— נו? פאָרן מיר?

און אַלע פיר ענטפערן איינס דעם אַנדערן:

— פאָרן מיר.

און קיינער פון די פיר ווייס נאָך נישט, וויאַזוי מע וועט פאָרן, און אַז מע קומט אַרויס פונעם וואָקזאַל, און די טרעגער כאַפּן די פּעקלעך אונטער די הענט, און די עקיפּאַזשן־פירערס מיט די איזוואָזטשיקעס געוואַלדעווען, און די פּאָליציסטן קאָמאַנדעווען, פאָרט צו אַ פּאַעטאָן, און איידער מע קוקט זיך אַרום, ליגן שוין די פּעקלעך פון אויבן אויפן פּאַעטאָן. מע דאַרף מער נישט ווי איין פּאַעטאָן — מע זיצט אין איין הויף, צו וואָס זאָל מען אויסברענגען אומזיסט געלט?

אין פּאַעטאָן גאַנץ אויבן זיצן איציקל שאַסטעפּאַל און סאָלאָמאָן סאַפּראַנאָוויטש, און אַקעגן זיי, אויף אַ בענקעלע — זייערע קינדער: טאַ־מאַראַ און סאַשאַ. און דער פּאַעטאָן קאַטשעט זיך איבער די נאַר־וואָס אָפּגעדעקטע שטיינער, און די רעדער שפּריצן די נאָך נישט צוגעטריקנטע ערב־פּסחדיקע בלאָטע, און דאָס ווינטל, וואָס בלאָזט, איז אַ מילד וואַרעם ווינטל, אַ ערב־פּסחדיקס, און די לופט שמעקט מיט ערב פּסח, מיט דעם באַקאַנטן ליבן ריח פונעם ליבסטן טייערסטן יום־טוב, וואָס איז ליב יעדן ייִדן מיט זיין היסטאָרישער באַדייטונג, מיט זיין באַפרייונגס־גייסט און מיט זיין צוזאַמענקומען זיך מיט דער צייט פון באַנייונג אין דער נאַטור.

— איגדרויסן שמעקט שוין מיט פּסח, — באַמערקט איציקל שאַס־

טעפּאַל, נישט געפינענדיק קיין אַנדער טעמע אַף צו מאַכן אַ רייד מיט זײַן נישט־אַנגענעמען שכן.

— עס וועט שוין באַלד אָנהייבן גרינען, — וואַרפט אַרײַן דער אַפּטייקער אַ וואָרט, אָום נישט צו זיצן, ווי אַ ברוגזער מחותן.

— לעבן זאָל דער ייִדישער פּסח! — רופט אויס סאַשאַ מיט באַגײַסטערונג.

— לעבן זאָל דער פרילינג! — פאַרריכט אים טאַמאַראַ.

— לעבן זאָל דער יום־טוב פון באַפרײַונג! — זאָגט ווײַטער סאַשאַ.

— לעבן זאָל די פרײַהייט אַליין! פאַרריכט אים ווידער טאַמאַראַ.

און עס פאַרקייטלט זיך אַ שמועס צווישן די קינדער. די עלטערן זיצן און הערן זיך אײַן, און באַוואונדערן זיי, יעדער לויט זײַן השגה, און יעדער פון זיי טראַכט בײַ זיך אין האַרצן אַן אַנדער מחשבה.

— אַ קלוגע וועלט געוואָרן! — זאָגט האַלב איראָניש, האַלב מיט גדלות איציקל שאַסטעפּאַל, און קוקט אַפן הענטל פונעם שירם מיט אַן אַפּיקורסיש שמייכעלע.

— אַ פאַרקערטע וועלט! — ענטפערט אים דער אַפּטייקער און קוקט דורך די בלויעברילן אַרויף, אַף די הײַזער.

און דער פּאַטעאַן מיט די פיר פּאַרשוינען פּאָרט צו מיטן קנאַק גלײַך צום הויז נומער 13, וואָס אַף דער וואַסילטשיקאָווער גאַס.

* * *

אַנזאָגן אַ בשורה — איז איינע פון די גרעסטע מצוות בײַ ייִדן: עס טוט הנאה, קיינעם שאַדט עס נישט און קיין געלט קאָסט דאָס נישט.

אַז דער פּאַטעאַן מיט די פיר פּאַרשוינען: איציקל שאַסטעפּאַל מיט זײַן שכן דעם אַפּטייקער, מיט זייערע קינדער טאַמאַראַ און סאַשאַ, איז צוגעפאָרן צום הויז נומער 13, וואָס אַף דער וואַסילטשיקאָווער גאַס, האָט דאָס די ערשטע דערזען נחמיה דעם שוסטערס ווײַב זיסל, וואָס זיצט אינעם זעלבן הויז נומער דרײַצן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דעם שוסטערס דירה איז אונטן, אינעם סאַמע קעלער; און מחמת די פענצטער גייען אַרויס גלײַך אַפן טראָטואַר, דערפאַר האָט דער שוסטער אַ גרויסן שאַנס צו זען יעדן דורכגייער און

יעדן דורכפאָרער פריִער און נעענטער פון אַלע אַנדערע איינוואוינער וואָס אין הויז.

— זע נאָר, ווער איז דאָס צוגעפאָרן צו אונדז אַזוי ברייט? — רופט זיך אָן נחמיה דעם שוסטערס ווייב זיסל און פליט אַרויס אינדרויסן, בשעת נחמיה דער שוסטער מיט זיינע צוויי בנים זיינען פאַרטיפט אין דער אַרבעט, שלאָגן פלעקלעך אין די נייע באָטינקעס, וואָס שיווקע שאָס־טעפּאַל האָט זיך באַשטעלט לכבוד פּסח. און ביידע בנים, חיים און בעני, בייגן זיך גלייך מיט דער ערד און קוקן זיך איין אינעם פאַעטאָן, פון וועלכן סאַשאַ איז אַראָפּגעשפּרונגען דער ערשטער, נאָך אים טאַמאַראַ, און נאָך טאַמאַראַן שוין ביידע שכנים: דער אַפּטייקער מיטן שטעקעלע און איציקל מיטן שירם.

— מיר האָבן געסט! — זאָגט חיים, און בעני כאַפּט אים אונטער:

— ציוניזם, סאָציאַליזם, בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט!

— וואָס הייסט דאָס? — פרעגט דער פאָטער, און זיינע ביידע זין געבן אים צו פאַרשטיין, אַז דאָס זיינען געקומען פיר פאַרשטייער פון פיר פאַרשיידענע פראַקציעס. און צווישן פאָטער מיט די קינדער גייט אַוועק אַ שמועס וועגן ציוניזם, סאָציאַליזם, קאַפּיטאַל און פּראָלע־טאַריאַט, און נחמיה דער שוסטער קאָן נישט פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ פּראָלעטאַריער איז סאָפּראַנאָוויטש דער אַפּטייקער? אַ פּראָלעטאַריער ווערט אָנגערופן באַם שוסטער אַן אָרעמאַן, און אַן אָרעמאַן קאָן זיין נאָר דער, וואָס האָט נישט אויף פּסח. ענטפערט אים דערויף דער עלטערער זון חיים, אַז מע קאָן האָבן אויף פּסח און דאָך זיין אַ פּראָלעטאַריער.

— אַ פּראָלעטאַריער ווערט אָנגערופן יעדער, וואָס אַרבעט פאַר געלט צוליב דער באַקוועמלעכקייט פון דער בורזשואַזיע, אַזוי, אַז אַ פּראָוויזאָר איז אַלץ איינס, וואָס אַ שוסטער.

— להבדיל! — זאָגט דער פאָטער און קלאַפּט אַריין אַ טשוואָק אין אַן אָבצאַס פון אַ שטיוול, און פונקט צו דעם וואָרט „להבדיל" קומט אָן אונדזער אַלטער באַקאַנטער, דאָס פריילעכע שניידערל יודל קטנתי, מיט אַ פאַרטיקן פּסוק און מיט אַ קללה נאָך אויף דער שוועל:

— ע ל י ש ר א ל ו ע ל ר ב נ ן — ס'זאָל אַ רוח אין זייער טאַטן אַריין, אונדזערע ייִדעלעך מיט אונדזערע רבנים, די קאַזיאָנע מיין איך, — דאָס גיי איך פון אים טאַקע, פונעם ראַבינער, — דערפאַר וואָס מע

טײלט נישט קײן מעות־חטים, װי ס'געהערט צו זײן; דעם, װאָס מע דאַרף, דעם גיט מען נישט, און װער עס האָט אַ צד אין באַד, און װער ס'איז אַ שטיקל שמעלקע, דער נעמט, נעמען זאָל זײ אַ כאָלערע! װאָס טויג אײַך? איך האָב אים געגעבן מכל הבא בידי — װאָס ס'איז מיר געקומען אין מויל אַרײַן, האָב איך אים געזאָגט, דעם שײנעם רב: „ממה נפשך, זאָג איך, האָבן מיר אײַך אױסגעקליבן, זאָג איך, פֿאַר ראַבינער אין שטאָט, דאַרפֿט איר, זאָג איך, אינזינען האָבן אָרעמעלײַט, אָלאָ נישט, זאָג איך, איז דאָך למה זה אנכי, זאָג איך, מאַכט רש"י: שאָ מיני מיקיטאָ זאָ טשולאָװיק?!"...

דעם שוסטערס װײַב זיסל איז געלאָפֿן אַרויף צו דער נגידות שיװקע שאַסטעפּאַל אָנזאָגן איר אַ בשורה, אַז איר טאָכטער איז געקומען, נישט מחמת זיסל די שוסטערן איז אַזאַ גוטע פֿרײַנדן מיט דער נגידיתטע, נאָר פּשוט װײַל ס'איז אַ מצוה באַ ייִדן אָנזאָגן יענעם אַ גוטע בשורה: „גאָט ליב אײַך מיט אײַער גאַסט, אײַער טאָכטער איז געקומען!" — האָט זי אָבער פֿאַרשפּעטיקט (דער קבצן האָט קײן גליק נישט!). די מצוה האָט אױסגעכאַפּט חוה די ייִדענע, װאָס איז געלאָפֿן צוריק פֿון די טרעפּ אַראָפּ.

— שוין, שוין, אומזיסט אײַער טרחה! מע װײס שוין!...

און אַז די שוסטערן איז געגאַנגען צוריק, האָט זיך טאַמאַראַ שוין געקושט מיט דער מוטער, און די מוטער האָט געװײנט אױף דער טאָכטערס האַלדז, זײער שטאַרק געװײנט! זי האָט, אַפּנים, געװאָלט אױסװײנען אױף דער טאָכטערס האַלדז אירע אַלע צרות, װאָס זי האָט דאָ איבערגעטראָגן פֿון דער צײַט, װאָס די טאָכטער איז אַװעקגעפֿאָרן. צרות פֿון בענקען, צרות פֿון בזיונות פֿאַר לײַטן, צרות פֿון עלנט, צרות פֿונעם מאַן, װאָס לאָזט אױס זײַן ביטער האַרץ אַלעמאָל צו איר — און אַ קשיא װאָס אַ מאַמע קאָן װײנען!...

שיװקע שאַסטעפּאַל האָט זיך נאָך נישט אָנגעקוקט זאַט אין איר טאָכטער, איז שוין געקומען כאַסקע דאָס שטוב־מײדל מיט אַ נײַעס:

— דער ייִד פֿונעם האָלץ איז דאָ, ער װיל זיך זען מיט טאַמאַראַן.

— אָט האָסטו דיר די אַנדערע טעג יום־טוב! אין דער ערד אַרײַן!

— זאָגט שיװקע.

— רוף אים אַרײַן! — זאָגט טאַמאַראַ און עס קומט אַרײַן ליפּאַ באַשעװיטש מיטן בעזעם־באָרד אַפּנעמען פֿון טאַמאַראַן אַ גרוס פֿון זײַן

טאַכטער מאַשאַ, און טאַמאַראַ נעמט אים אויף זייער פריינטלעך, פירט אים אַרײַן באַזונדער אין אַ חדר, און זעצט זיך אַוועק מיט אים שמועסן וועגן זײַן טאַכטער מאַשאַ. און איציקל שאַסטעפּאַל בלײַבט איבער מיט זײַן פרוי שוויקע אינצווייען, קוקן זיך איבער אַן ווערטער, און יעדער פון זיי לאָזט אַרויס אַ זיפץ פונעם טיפן, טיפן האַרצן...

## קאַפּיטל ב.

## פּסח צום סדר

ווער איז אָט דער שיינער קעניג מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן, מיט דעם שיינעם שוואַרצן געקרײַזלטן באָרד, אין די ווײַסע זײַדענע קליידער, מיטן ווײַסן זײַדענעם היטעלע און מיט די ווײַסע זײַדענע שיכלעך, וואָס זיצט אויבנאָן אָנגעלענט אַף דעם עסעבעט אַזוי רויק, און אַזוי מילד, און אַזוי גוט, און אַזוי פריינטלעך צו יעדן? זאָל דאָס זײַן איציקל שאַסטעפּאַל, דער שטענדיק פאַרטראַגענער, צעטראַגענער, פאַרהאָוועטער, פאַרטאַרעראַמטער איציקל שאַסטעפּאַל? ווו איז אַהינגעקומען זײַן אומרויִק פּנים, זײַן אײַלעניש, זײַן לויפעניש, זײַנע געשעפטן מיט זײַנע דרייעניש, פאַרדרייעניש און לאַדעניש מיט „קאַזנאַ”, מיט מענטשן און מיט דער גאַנצער וועלט?

ווער איז אָט די פרעכטיקע קעניגין, וואָס זיצט אים בײַ דער רעכטער האַנט מיט אַזאַ גדלות, אויסגעצירט מיט פּערל און מיט בריליאַנטן, וואָס בלישטשען און פינקלען קעגן דעם פינקלדיקן ווײַן, וואָס אין די גלאַנצנדיקע פלעשער, און געבן צו איר אַמאָליקן שיין פּנים אַזויפיל חן און גדלות, אַז ס׳איז גאַרנישט צו דערקענען אין איר די שטענדיק פאַרזאָרגטע און פאַרצאַרנטע שוויקע שאַסטעפּאַל, וואָס ווערט פאַרשוואַרצט בײַ איר מאַן דעם דעספּאָט אין עושר און אין כבוד?...

ווער איז אָט די גלענצנדע, מאַיעסטעטיש שיינע פּרינצעסן, מיט די גרויסע שיינע שוואַרצע אויגן און מיט די גלענצנדיקע שוואַרצע געקרײַזלטע האָר, וואָס פּאַסן זיך אַזוי צו דעם ווײַסן קלייד, וואָס די מוטער האָט מיט טרערן געפּועלט בײַ איר, זי זאָל דאָס אָנטאָן כאָטש איין מאָל

צוליב איר און צוליב דעם הייליקן יום־טוב, און זי האָט איר צוליב געטאָן, נישט געקאָנט צוזען דער מאַמעס טרערן?...

דאָס איז געשען באַלד נאָך ליכטבענטשן. דער פאָטער איז נאָך געווען אין שול, די מוטער איז געשטאַנען אַן אויסגעצירטע אין זייד, אין פּערל און אין בריליאַנטן, אַקעגן אַ האַלב טוץ גרויסע שיינע זילבערנע לייכטער, מיט אַן אַלטן זיבנרעריקן קאַנדעלאַבר אינמיטן, מיט אויפגע־הויבענע הענט צו די צוגעמאַכטע אויגן, געבענטשט ליכט און שטילער־היים געוויינט, אַזוי שטיל און פאַרבאָרגן, אַז נאָר ער אַליין, גאָט ברוך־הוא, זאָל הערן... און טאַמאַראַ איז זיך געזעסן באַם טישל אַן אַ זייט אין איר געוויינלעך שוואַרץ וואָכעדיק קלייד איבער אַ ביכל און האָט געלייענט, און אפשר איז זי געזעסן אַזוי און האָט געטראַכט...

אָפּגעבענטשט ליכט, איז די מוטער צוגעגאַנגען צו דער טאָכטער, אויסגעקנאַקט זיך אַלע פינגער און אָוועקגעזעצט זיך נעבן איר און גענומען ריידן איבער איר, חלילה נישט געשטראָפט, נאָר אַזוי מיט גוטן אויס־ווערעדט זיך דאָס האַרץ פאַר איר קינד, איר איינציקער טרייסט אויף דער גאַנצער וועלט, איבערגעגעבן אין האַלבע ווערטער און מער אָפּן ווונק אַליין, וואָס זי שטייט אויס פון איר מאַן... זי באַשולדיקט אים חלילה נישט און באַקלאָגט זיך נישט אויף אים, הלואי זאָל איר קינד נישט האָבן קיין ערגער לעבן, ווי זי האָט בײַ איר מאַן, נאָר אַ מאַן איז דאָך נישט מער ווי אַ מאַן, ובפרט נאָך אַזאַ פאַרטראַגענער באַשעפטיקטער מענטש ווי ער, וואָס לעבט אַליין נישט אויף דער וועלט, אחוץ שבת און אַ חוץ יום־טוב, און וואָס לאָזט אויס תמיד זײַן ביטער האַרץ צו איר, צו דער מוטער, פאַר אַלצדינג: פאַר דעם, וואָס דער סאַמאָוואַר איז נישט אַזוי גיך פאַרטיק, און פאַר דעם, וואָס דאָס לאַדעניש האָט זיך נישט אײַנ־געגעבן, און פאַר דעם, וואָס די טאָכטער איז אין פעטערבורג, — פאַר אַלצדינג, פאַר אַלצדינג קומט אויף זי, די מוטער, און אַלצדינג נעמט זי אַן פאַר ליב, ווארעם מסתמא הייסט גאָט אַזוי, און אַקעגן גאָט קאָן מען נישט גיין...

אַזוי קלאָגט זיך שיווקע פאַר איר טאָכטער און ווישט די אויגן, און די אויגן ווילן נישט אויפהערן צו וויינען. און טאַמאַראַ וויל איר דער־קלערן, אַז נישט גאָט, זי אַליין איז שולדיק, וואָס זי לאָזט זיך טרעטן מיט די פיס... און די מוטער הערט נישט אויף אויסצוגיסן איר

פארביטערט הארץ פאר איר טאכטער, וועלכע זי וואלט וועלן זען גליק־לעך, ווייס זי נישט וויאַזוי... זי וואלט זיך וועלן מפקיר זיין פאר איר, אוועקגעבן אַט די גאַנצע צירונג אירע, אַט די פערל מיט די דימענטן, מיט די בריליאַנטן, מיטן גאַנצן לעבן אירם, אויב עס זאל זיין נאר אין דעם די מניעה... צוליב איר קינד וואלט זי, שיווקע שאַסטעפּאַל, אי־ציקל שאַסטעפּאַלס ווײַב, זיך געשטעלט דינען...

אזוי זאָגט די מוטער, און טאמאראס הארץ איז גערירט און די נשמה איז צעווייקט, און זי וויל באַרויִקן איר מוטער און זי קאָן דאָס נישט טאָן. זי ווייס נישט, וויאַזוי. זי איז אַזוי ווײַט, אַזוי אָפּגעריסן פון איר מוטער!... און די מוטער הערט נישט אויף צו באַקלאָגן זיך אָף איר פינצטער מזל, וואָס זי האָט נישט פאַרדינט בײַ גאָט, אַז איר איינציק קינד, איר אויג אין קאָפּ, זאָל נישט קאָנען ברענגען פאַר איר מאַמע אַ קלײנעם קרבן, איר צוליב טאָן אָף אָט אַזויפיל, פאַרשאַפן איר מוטער כאָטש אַ קאָפּל פאַרגעניגן, כאָטש אָף אַ פאָר שעה נישט מער... זי פּועלט בײַ איר טאָכטער, זי זאָל זיך אָנטאָן אין אַ ווײַס קלייד, „צוליב איר און צוליבן הייליקן יום־טוב" — און ס'איז נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט קיין גליקלעכערע מוטער, ווי שיווקע שאַסטעפּאַל, די פּרעכטיקע קעניגן אין דער דאַזיקער נאַכט!... און אַז דער פאָטער קומט פון שול מיטן ברייטן „גוט יום־טוב!" און דערזעט טאַמאַראַן אָנגעטאָן יום־טובדיק, ווערט זײַן קייזערלעכע מאַיעסטעט נאָך מער מאַיעסטעטיש און זײַן פאָטערלעד הארץ נאָך מער גליקלעך, און ער איז איר מוחל אַלע יסורים מיט אַלע בזיונות מיט אַלע נישט־דערשלאָפענע נעכט מיט אַלע צרות, וואָס ער איז איבער איר אויסגעשטאַנען ביז הײַנטיקער נאַכט!...

— ווער וועט בײַ מיר פרעגן די פיר קשיות? — זאָגט איציקל שאַס־טעפּאַל אין אַ שפּאַס צו דער טאָכטער, און באַקומט פון איר אַזאַ מין ענטפער:

— די פיר קשיות וואָס איך וועל בײַ דיר פרעגן, וועסטו מיר נישט קאָנען פאַרענטפערן...

— גוט, מיר וועלן זען! — זאָגט דער גליקלעכער פאָטער און גרייט זיך צו צום סדר, לייגט אוועק פאַר איטלעכן אַ הגדה, אַפילו פאַר חוה די יִדענע און פאַר כאַסקע דעם שטובמיידל, וואָס זיצן, נאָך דעם אַלטן יִדישן מנהג, בײַם סדר גלײַך מיט אַלעמען, ווײַל פּסח צום סדר זײַנען אַלע

גלײַך, נישטאָ קיין בעל־הבית, נישטאָ קיין דינסט, נישטאָ קיין האַר, נישטאָ קיין קנעכט — פֿרײַ איז מען, פֿרײַ, ווי בשעת מען איז אַרויסגעגאַנגען פֿון מצרים!... און איציקל שאַסטעפּאָל זעצט זיך אָוועק אָפּריכטן דעם סדר מיט דעם גאַנצן פּראַכט און גלאַנץ, ווי זײַן טאַטע האָט געטאָן, און ער מאַכט דעם שיינעם ברייטן יום־טובדיקן קידוש, ווי זײַן טאַטע האָט געמאַכט, און ער זינגט די הגדה מיט דעם זעלבן ניגון, ווי זײַן טאַטע האָט געזונגען, און אַז ער זאָגט שוין אָפּ אַלץ, וואָס ווערט געזאָגט פֿאַרן עסן, און אַז ער וואַשט זיך צו דער סעודה און מאַכט די ברכה „על אכילת מצה“, און עס האַלט שוין באַ די פֿיש, באַ די זיסע פֿעפֿערדיקע געפּאַפּרי־צירטע צוקערדיקע שמעקעדיקע פֿיש מיט דער אונטערגעווייקטער מצה, רופֿט זיך אָן איציקל שאַסטעפּאָל צו טאַמאַראָן מיט אַ שפּאַס:

— נו, אַצינד קאָנסטו מיך פֿרעגן די פֿיר קשיות.

— משוגע מײַנע שונאים! — זאָגט שיווקע צום מאַן. — דאָס קינד וויל עסן, הייסט עס איר גאָר פֿרעגן די פֿיר קשיות.

— נישקשה, מאַמע, עס מאַכט נישט אויס, איך קאָן עסן און צו גלײַכער צײַט פֿרעגן דעם טאַטן די פֿיר קשיות.

אַזוי זאָגט טאַמאַראַ צו דער מוטער מיט אַ שמייכל און ווענדט זיך צום פֿאָטער, אַזוי צו זאָגן:

— טאַטע, איך וועל דיך פֿרעגן פֿיר קשיות — אַזוי, דאַכט זיך, דאַרף מען פֿרעגן די פֿיר קשיות?

— אַזוי, אַזוי, טאָכטער, — ענטפֿערט איר דער גליקלעכער פֿאָטער. און די מוטער קוועלט, ווערט ברייטער ווי לענגער. און טאַמאַראַ זאָגט:

— אָט ריכטן מיר אָפּ דעם סדר — אָף וויפֿל איך פֿאַרשטיי פֿון מײַן רוסישער הגדה, וואָס דו האָסט מיר צוגעגרייט, פֿײַערן מיר אַ יום־טוב פֿון באַפֿרײַונג, און מיר האָפֿן ווידעראַמאָל באַפֿרײַט צו ווערן פֿון דעם גלות, אין וועלכן מיר געפֿינען זיך איצט, און מיר ווינטשן זיך, איבעראַיאָר זאָלן מיר אַלע זײַן זעלבסטשטענדיק באַ זיך אין אונדזער לאַנד, אין אונדזער ירושלים. אַזוי, דאַכט זיך? נו, וועל איך דיך פֿרעגן: ע ר ש ט נ ס, זאָג מיר, וואָס האָבן מיר געטאָן ביז אַהער צוליב דער דאָזיקער באַפֿרײַונג? איך מיין, איך און דו, און דײַנע עלטערן, און אונדזערע אור־אור־עלטערן פֿון יענער צײַט אָן ביז הײַנטיקן טאָג? צ ו ו י י ט נ ס, וואָלט איך וועלן וויסן, צי אַלע ייִדן פֿון דער גאַנצער

ויעלט ווילן, אז ס'זאָל קומען משיח און זאָל אונדז פירן אהין, אינעם געבענטשטן לאַנד? אָדער עס געפינען זיך אַזעלכע, און אפשר נאָך א סך אַזעלכע, וואָס האָבן נישט חשק, קיין קאַפּ חשק נישט, אַז ס'זאָל קומען משיח און זאָל זיי צונעמען פון אַ ציוויליזירט לאַנד, פון שיינע הײַזער, פון רײַכע גיטער, און אַוועקפאָרן אין אַזאַ מדינה, וואָס שטייט נאָך ני־דעריקער פון אונדזער מדינה, און אונטער אַזאַ רעזשים, אַזאַ רעגירונג, וואָס איז נאָך ווילדער פון אונדזער רעגירונג?... שלאָג מיך נישט איבער, טאַטע, איך האָב דיך ערשט געפרעגט צוויי קשיות, און פרעגן דאַרף איך דיך פיר? אַלזאָ, איז געבליבן נאָך צוויי קשיות. דריטנס, וויל איך וויסן, זאָלסט מיר זאָגן, אָבער אויפריכטיק, צי איז די געשיכטע מיט משהן און מיט ירושלים נישט מער ווי אַז אַלטע תפלה פון אַן אַלטן סדור, וואָס מע האָט אַמאָל, פאַרצײַטן, אַנגעשריבן פאַר אונדזערע אור־אור־עלטערן? און, פערטנס, אויב ס'איז יאָ אַזוי, הײַנט צו וואָס נוצט אונדז די גאַנצע קאָמעדיע? האָב קיין פאַראיבל נישט, טאַטע! האָב איך דיך מיט מײַנע נאַרישע קשיות געשטערט דײַן יום־טוב, און, אויב דו קאָנסט, גיב מיר אַף זיי אַ תירוץ.

* * *

זאָגן אַז דער פאָטער האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן דער טאָכטער אַף אירע פיר קשיות, וואָלט געווען נישט ריכטיק. איציקל שאַסטעפּאַל האָט דווקא יאָ געענטפערט, און דווקא אַ סך געענטפערט, און שטאַרק געהיצט זיך, און שטאַרק געמאַכט מיט די הענט, ווי זײַן שטייגער איז, און געגעבן אַנב דער טאָכטער אַ פּסק, פאַרוואָס זי רופט אָן דעם הייליקן סדר פונעם הייליקן יום־טוב מיטן נאָמען „קאָמעדיע"... ער האָט געפײַערט, געשפּרונגען פון איין וואָרט איבערן אַנדערן, אַנגעהויבן איינס, נישט געענדיקט און אַריבער צום אַנדערן, — מיט איינעם וואָרט, איציקל שאַסטעפּאַל האָט זיך פאַרענטפערט, ווי ווײַט ער האָט געקאָנט, אָן אַ סיסטעם, ווי אַ מענטש, וואָס איז נישט געווױנט צו דיסקוסיעס, צו שלאָגן זיך; אַזאַ מענטש טוט דאָס בעסטע, וואָס ער קאָן: ער שפּרינגט, ער דרייט זיך, דערלאַנגט אַ זעץ פון הינטן, צעלאָזט זיך און פאַלט פון זיך אַליין, כאַפּט זיך אויף און שפּרינגט ווײַטער — אַזאַ

מענטש קאָן נישט געווינען דעם „קריג", אַזאַ מענטש, ווי ער זאָל נישט זיין געזונט און קרעפּטיק, מוז געשלאָגן ווערן...

טאַמאַראַ האָט געלאָזט דעם פּאַטער ריידן, געקוקט אויף אים מיט אירע גרויסע שיינע קלוגע אויגן, ווי ער פּלאָנטעט זיך, און אַ גרינג שמייכעלע איז געשטאַנען אויף איר שיין פאַרזאָרגט פּנים, וואָס די מוטער האָט זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן אָן דעם, געוואָרן ברייטער ווי לענגער, און שיווקע האָט געטראַכט מיט אַ געפיל פון נקמה:

„אַט אַזוי אַ!... זאָל ער וויסן!... זאָל ער זיך פאַרענטפערן פאַר זיין אייגן קינד!... ער מיינט, ס'איז אים איך!... אַ, זאָל זי מיר נאָר זיין געזונט און זאָל זי שוין נאָר זיין אינדערהיים, וועט זי זיך שוין רעכענען מיט אים פאַר מיר אויך!"...

איציקל שאַפּטעפּאַל האָט געכאַפּט אַ קוק אויף שיווקעס פּנים, האָט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט איז אים אַ נקמה, האָט ער פּלוצים איבערגעריסן און אַ זאָג געטאָן:

— טאַ! מילא, מע קאָן אַזוי אַוועקזיצן און אַוועקפּלאַפּלען ביז טאָג... מע דאַרף זיך נעמען צו דער הגדה, אָפּריכטן דעם אַנדערן האַלבן סדר!...

* * *

סאַשאַ סאַפּראַנאָוויטש האָט פיינט געהאַט רועו, זיצן ליידיק. ער איז נאָר אַראָפּ פון דער פור, האָט ער געלאָזט וויסן זיינע חברים, אַז ער איז דאָ, — האָבן אָנגעהויבן זיך שיטן צו אים אַלטע חברים, פּריינט און באַקאַנטע, ציוניסטן, מאָדערנע משכילים, „אינטעליגענטן", לערערס און גלאַט יונגעלייט, מייסטנטייל קבצנים.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער אַפּטייקער האָט דערפון געהאַט ווייניק וואָס נחת, האָט אָבער מורא געהאַט צו פּראָטעסטירן, עס זאָל נישט אַרויס קיין קאָנפליקט צווישן אים און צווישן זיין זון. אַ קליינער קאָנפליקט איז שוין אַרויסגעקומען צווישן זיי, בעת סאַשאַ האָט זיך איבערגעטאָן צום יום־טוב. דער פאָטער האָט זיך געוואָלט אויספּיינען פאַר זיין זון, אַז ער איז נישט קיין פּראָווינציאַל, און אַז ער לייענט אַלע פּעטערבורגער בלעטער, און אַז ער נעמט אָנטייל אין דער באַפרייונגס־באַוועגונג,

דאָס הייסט, ער אַליין טוט גאָרנישט, ווי האָט ער צייט? נאָר ער סימ־פּאַטיזירט...

— סימפּאַטיזירסטו אויך מיט דער באַפרייַונג פון אונדזער פאָלק?

— האָט אים סאַשאַ געפרעגט, פאַרקעמענדיק אַרויף זייַנע געלע האָר.

— פון וואָסער פאָלק? — פרעגט אים דער פאָטער, און דער זון ענטפערט אים:

— פון אונדזער אייגן יידישן פאָלק.

— זייַנען מיר דען אויך אַ פאָלק? — פרעגט דער פאָטער נאַיוו, און דער זון שטעלט אַוועק אויף אים פאַרוווּנדערטע אויגן:

— וואָס דען זייַנען מיר?

— איך ווייס וואָס מיר זייַנען? מיר זייַנען יידן...

און בײדע, דער פאָטער מיטן זון, צעלאַכן זיך.

— וועסט נישט האָבן קיין פאַריבל, טאַטע, וואָס איך וועל דיר זאָגן? — מאַכט סאַשאַ צום פאָטער.

— זאָג, זאָג, דו קענסט דאָך מיך, איך בין נישט פון די, וואָס באַליידיקן זיך! קאָנסט זאָגן וואָס דו ווילסט. וועסט אודאי זאָגן, אַז... וואָס וועסטו זאָגן?

— איך וועל זאָגן, אַז בײַ קיין אומה ולשון, בײַ קיין פאָלק וועט זיך נישט געפינען אַזעלכע, וואָס זאָלן אָפּלייקענען זיך אַליין, זאָגן אויף זייער אייגן פאָלק, אַז ס'איז קיין פאָלק נישט.

— נו, יאָ! — שרייט אויס דער אַפּטייקער טריומפירנד און מיט אַ קוויטש. —ווייסטו, פאַרוואָס? ווייַל אָט אַזאַ פאָלק זייַנען מיר!

— אָט אַזוי דענקען נאָר שקלאַפן! — זאָגט סאַשאַ מיט פאַרדראָס.

— שקלאַפן, קנעכט, וועלכע האָבן אונטער דער אייַזערנער רוט פון זייערע פאַרפאָלגער פאַרלאָרן אינגאַנצן זייער זעלבסטבאַוווּסטזייַן, אינגאַנצן זייער ערע צו זיך אַליין.

און עס ציט זיך בײַ זיי אַ דעבאַטע אויף אַ גאַנצע שעה, פון וועלכער דער פאָטער זעט אַרויס, אַז ער איז צו שוואַך, ער זאָל קאָנען בייַקומען זייַן זון, און עס מאַלט זיך אים אויס, אַז זייַן זון זעט זייַן שוואַכקייט, און ער פילט זיך, ווי עס דאַרף זיך פילן אַ גרויסער מענטש, וואָס ליגט פון אונטן צוגעקוועטשט מיטן פּוס פון אַ פיל קלענערן פון אים...

פּסח אַפנדערנאַכט, צום ערשטן סדר, אַז דער אַפּטייקער איז גע־

קומען פון דער אַפּטייק אַהיים, האָט ער געטראָפן בײַ זײַן זון אַ יונגנ־מאַנטשיק מיט אויסגעריבענע עלנבויגנס. נאָך די געקרײַזלטע שוואַרצע הערלעך מיטן אויסגעבויגענעם רוקן האָט ער דערקענט סאַשאַס חבר פון גימנאַזיע.

— מײַן חבר שמעון קעסלער.

אַזוי האָט אים סאַשאַ פאָרגעשטעלט פאַר זײַן פאָטער, און דער אַפּטייקער האָט דערלאַנגט קעסלערן אַ פּאָר פינגער פון זײַן קאַלטער אַפּטייקערשער האַנט און אַ זאָג געטאָן:

— עס פרייט מיך זייער...

סאַשאַ האָט נאָכן פאָטערס זויערע מינע אַרויסגעזען, אַז דער קעסלער איז עפּעס נישט אַזאַ אָנגעלייגטער גאַסט, האָט ער זיך צוגעאײַלט אים פאַרצושטעלן נאָכאַמאָל:

— קעסלער, דאַרפסטו וויסן, איז אַ אינזשעניער (קעסלער האָט געוווינט בײַם אַפּטייקער אין די אויגן גוטע פופציק פּראָצענט!), און אַ באַרימטער מאַטעמאַטיקער (קעסלערס אַקציעס האָבן זיך אויפגעהויבן מיט נאָך פערציק פּראָצענט!), און נאָך מער — אַ באַרימטער ציוניסט! (דאָ האָבן קעסלערס אַקציע געגעבן צוריק אַ פאַל אַראָפּ בײַם אַפּטייקער אין די אויגן אויף אַלע נײַנציק פּראָצענט מיטאַמאָל). איך רעכן, פּאַפּאַ, אַז דו וועסט נישט האָבן גאָרנישט קעגן דעם, וואָס מײַן חבר שמעון וועט בלײַבן בײַ מיר איבער פּסח.

נאַטירלעך, האָט דער אַפּטייקער געזאָגט, אַז עס וועט אים זייער פרייען, וואָס זײַן זונס חבר וועט בײַ זיי האַלטן פּסח. און אַזוי איז אונ־דזער נײַער באַקאַנטער שמעון קעסלער געבליבן אַ תושב, אַ היימישער מענטש בײַם אַפּטייקער אין שטוב.

סאַשאַ האָט געפּועלט בײַם פאָטער, געוויינלעך, נאָך אַ לאַנגער דע־באַטע אין בריוו הין און צוריק, ער זאָל הײַנטיקן פּסח מאַכן בײַ זיך אַ ייִדישן פּסח, מיט מצות, מיט כּשר געפּעס, מיט אַ סדר און מיט אַלע זיבעצן זאַכן. ביז אַהער פלעגט ער יוצא זײַן נאָר מיט מצות אַליין, דאָס הייסט, ער האָט צוליב געטאָן דעם בעקער, וואָס איז זײַנער אַ קונה אין דער אַפּטייק און וואָס דעקוטשעט זייער, אַז עס קומט ערב פּסח, מע זאָל באַשטעלן מצות בײַ אים, נישט בײַ קיין אַנדערן. דערפאַר אָבער אויף זייער „פּאַסכאַ" איז שוין געווען בײַ אים צום טיש אַ הויכער אַ

שיינער פּאַסכאַ־קוילעטש אויך נאָר פון יוצא ווענן, צוליב דער דיִטשקע דער קריסטן, וואָס דרייט זיך אַרום אין שטוב. אַט דאָס ווערט אָנגערופן אַ מענטש, וואָס וויל זיך נישט קריגן מיט דער וועלט!

מע האָט זיך אַוועקגעזעצט די ערשטע נאַכט צום סדר זאַלבעדריט: דער אַפּטייקער, זיין זון סאַשאַ און זיין חבר שמעון קעסלער. דער פאָטער האָט אויסגעזען בא זיך אין שטוב ווי אַ פרעמדער, ווי אַ גאַסט; ער האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן ראָק, פאַרשפּילעט פון אויבן ביז אַראָפּ, צוגעמאַכט אַלע לאָדן פון די פענצטער, מע זאָל חלילה נישט דערזען פון דרויסן, אַז בא סאַפּראָנאָוויטש דעם אַפּטייקער ריכט מען אָפּ דעם סדר, האָט געהויבן אַלע מינוט דעם צילינדערהוט און געווישט דעם שוויס, געזאָגט, אַז ער איז נישט געוווינט צו זיצן אין שטוב מיט אַ צוגעדעקטן קאָפּ, און האָט זיך באַרויִקט ערשט דעמאָלט, אַז ער האָט ארויסבאַגלייט זיין „דיִטשקע" די קריסטן, וואָס איז געווען די בעל־הביתטע בא אים אָף דער שטוב. ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז זיין „דיִטשקע" זאָל זען אים, דעם אינטעליגענט סאַפּראָנאָוויטש, איבער אַ יִדישן סדר...

## קאַפּיטל ג.

## דעם שוסטערס אורח

אויב דער ליבער גוטער יום־טוב איז פאַר די נגידים אַ תענוג, איז ער פאַר אָרעמעלייט אַ גן־עדן.

אַז אָרעמער בעל־מלאכה, אַ מלמד, אַ קרעמער, אַ הענדלער, אַ טענדלער איז איינגעשפּאַנט אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר אין דעם יאָך, ווייס נישט פון קיין שום פאַרגעניגן אין דער וועלט, אחוץ דעם איינציקן טאָג שבת, וואָס ער קאָן זיך פאַרגינען אָפּשלאָפן דעם גאַנצן טאָג, ווייס נישט, וויאַזוי גאָט צו דאַנקען, אַז עס קומט דער גוטער ליבער פּסח, וואָס מע וועט קאָנען רוען גאַנצע אַכט טאָג דורכאַנאַנד, נישט טראָגן אָפן קאָפּ קיין שום דאגות פּרנסה, וואָרעם וואָס — וואָס, מיט מצה איז מען באַוואָרנט אָף אַ גאַנצע וואָך. און ווער שמועסט, אַז צו דער מצה העלפט נאָך גאָט אַ זעקל קאַרטאָפלעס מיט אַ דייזשקעלע פּסחדיקן באָרשט, —

דעמאָלט מעג שוין רויטשילד זיצן אין פּאַריז, קיינער וועט זיך מיט אים נישט בײַטן, און נחמיה דער שוסטער אודאי נישט.

נחמיה דער שוסטער האָט דעם טאָג וואָס פֿאַר ערבֿ פּסח אָפּגעטראָגן די אַרבעט צו שיוקע שאַסטעפּאַל, און זײַנע צוויי בנים האָבן אָפּגעטראָגן אַרבעט צו די איבעריקע נגידים, און אַלע דרײַ האָבן געבראַכט צו טראָגן אַהיים געלט אַ פֿולן היטל. עס איז געווען איבערגענוג סײַ אויף אַרבע כּוסות, סײַ אויף אויסצולייזן די יום־טובֿדיקע מלבושים פֿונעם לאָמבאַרד, און ס'איז נאָך געבליבן אַ פּאָר גראָשנס אין קעשענע אויך — אַנו, זאָל איצטער פּרוּוון רויטשילד זאָגן, אַז ער וויל זיך בײַטן מיט נחמיה דעם שוסטער!

— קינדער! צו דער אַרבעט! — האָט אַ זאָג געטאָן נחמיה צו זײַנע צוויי בנים און האָט אַוועקגעלייגט דאָס גאַנצע שוסטער־געצײַג אויף אַ זײַט.

נחמיהס צוויי זין, חיים און בעני, אַרבעטן מער אויפֿן פֿאָטער, ווי אויף זיך. „דער אַלטער" — אַזוי הייסט ער בא זיי. אויף זיך גיבן זיי אויס ווינציק; וואָס דאַרפֿן אַזעלכע בחורים? גאָרנישט מיט גאָרנישט. אַן אַנצוג, אַ פּאָר שטיוול, אַ פּאַפּירענעם קאָלנער מיט אַ מאַנישקע — און פֿאַרטיק. סײַדן אַ פּאַרזאַמלונג, אַ ביכל, אַ חבר — דאָס איז דאָך זעלבסט־פֿאַרשטענדלעך... ביכלעך (פֿאַרבאָטענע) האָבן זיי ביידע ליב. חבֿרה־לײַט צווישן „חבֿרה" זײַנען זיי ביידע, נאָר דער עלטערער איז צו דער „אידעע" איבערגעגעבן מער אַלס דער יינגערער. דער יינגערער, בעני, איז נאָך מיט ווערטער. דער עלטערער אָבער, חיים, איז צווישן די אַר־בעטער איינער פֿון די בעסטע. אַמאָל מאַכט זיך, אַז חיים ווערט פֿאַר־פֿאַלן אויף אַ טאָג, אָדער אויף צוויי; קיינער ווייס נישט, ווו ער איז געווען, און מיט וועמען ער האָט זיך געזען, און וואָס ער האָט געטאָן... די ערשטע צײַט פֿלעגט די מוטער עסן דעם פֿאָטער, פֿרעגן אים: „שלים־מזל! וואָס פֿאַר אַ טאַטע ביסטו?"... דער פֿאָטער האָט אַ פּאָר מאָל געפּרוּווט זיך באַקלאָגן פֿאַר זײַן גוטן פֿרײַנט יודל קטנתי: „וואָס טוט מען, ברודער?" דערויף האָט יודל קטנתי געענטפֿערט מיט אַ לשון־קודש־וואָרט, ווי געוויינלעך: „י ע ל ה ו י צ מ ח — זאָל ער גיין, זאָל ער לויפֿן, נחמיה, דו וועסט גאָרנישט טאָן דערצו, ס'איז הײַנט אַזאַ וועלט געוואָרן, וואָס די אייער זײַנען קליגער פֿון די הינער... ס'איז

בײַ מיר די אײגענע מכּה מיט מײַן בנימטשיקן; איך בעט זיך בײַ אים, ווי מע בעט זיך בײַ אַ גזלן: „בנימין, זאָג איך אים, לאָז צורו, אַ רחמנות, זאָג איך, אױף דיר!״... הערט ער מיך, ווי המן דעם גראַגער... ברודער נחמיה, ווײסטו, וואָס איך װעל דיר זאָגן? — פּתח שין שאַ״...

און יודל קטנתי לײגט צו צװײ פינגער צום מויל, אַז נחמיה זאָל שווײַגן, און נחמיה פאָלגט אים און שווײַגט. ער בעט נאָר גאָט פּאַר צװײ זאַכן: אַז חיים זאָל נישט אַרײַנפאַלן, און אַז ער זאָל באַטש נישט קאַליע מאַכן דעם יִינגערן ברודער — בעני.

בעני, ווײַל ער איז דער קלענסטער, איז ער בײַם פּאָטער טײַער, און בײַ דער מוטער איז ער דאָס אויג אין קאָפּ, ציטעריק, ווי אַ בן־יחידל. חיים מאַכט פון אים חוזק, כאָטש ער האָט אים ליב. ער רופט אים מיט אַ מיידלשן נאָמען „בונצי״. בעני, געוויינלעך, ווײַל דאָס נישט לײַדן, איז ברוגז פאַרן מיידלשן נאָמען „בונצי״ און איז גרייט זיך לאָזן אָפּשנײַדן בײדע הענט פאַר זײַן ברודער חיים.

אָט אַזאַ מין געזינדל איז דאָס.

— קינדער, צו דער אַרבעט!

אַזוי האָט אויסגעקאָמאַנדעוועט נחמיה דער שוסטער, און דאָס האָט באַדאַרפט באַדײַטן, מע זאָל זיך גרייטן צום סדר. און אַלע האָבן זיך גענומען גרייטן צום סדר: נחמיה, זיסל, חיים, בעני און דער אורח, אַ געזונטער יונג אַ שוואַרצער, אַ באַוואַקסענער ווי אַ בער, מיט אַ באַסאָווער שטימע, וואָס הודיעט ווי אַ גלאָק. דעם „אורח״ האָט געבראַכט צו פירן חיים פון גאַס, דאָס הייסט, נישט פון גאַס, נאָר פון אַ „חבר״, וואָס האָט אים אַ זאָג געטאָן אָפן אויער:

— ער איז אַן „אַנטלאָפענער״... נעם אים, זאָל ער זײַן בײַ אײַך אַ בעל־מלאכה...

חיים האָט באַטראַכט דעם פּאַרשוין, און ער איז אים געפעלן. ווי־אַזוי ער הייסט — האָט ער אים נישט געפרעגט; ער האָט אים נאָר אַ פרעג געטאָן:

— ווי־אַזוי זאָל מען אײַך רופן?

— רופט מיך מישאַ נײַדיטש, — האָט דער אַנטלאָפענער אויסגעהודיעט אויף זײַן באַס־שטימע.

נחמיה דער שוסטער האָט דאָס נישט געקאָנט אַריבערטראָגן: וואָס

הייסט, ער הייסט זיך רופֿן מישא ניִדיטש?... האָט ער אים גענומען צום עקזאַמען: „פֿונוואַנען איז אַ ייִד? וואָס איז אײַער טועכץ? צי זײַט איר אַ באַוויַבטער?" און אַזוי ווײַטער, ווי געווײנלעך. האָט אים אָבער דער זון, חיים, איבערגעהאַקט אינמיטן:

— דאָס איז נישט דײַן באָבעס דאגה, אַלטער! דו פֿרעג אים בעסער, צי וויל ער עסן, אָדער אפֿשר ווען מיר גיין פֿריִער אין באָד אַרײַן?

און ס'איז געבליבן, מע זאָל גיין פֿריִער אין באָד אַרײַן. און אַלע פֿיר, דער פֿאָטער מיט ביידע בנים מיטן אורח, האָבן זיך געלאָזט אין באָד אַרײַן.

דערנאָך איז מען געקומען און מע האָט זיך אָװעקגעזעצט צום סדר זאָגן די הגדה. געזאָגט האָט נאָר דער אַלטער, און די איבעריקע האָבן געהערט, אַרײַנגעקוקט איטלעכער אין זײַן הגדה.

* * *

— טאָמער וואָלט געווען גענוג זאָגן סליחות? — האָט אַ זאָג געטאָן חיים דעם שוסטערס עלטערער זון און האָט צוגעמאַכט די הגדה. אַף אים קוקנדיק, האָבן צוגעמאַכט די הגדות אויך דער ייִנגערער ברודער בעני און דער אורח, און אַף זיי קוקנדיק — שוין דער פֿאָטער אויך, נחמיה דער שוסטער אַליין, וואָרעם דער עולם האָט זיך געפֿילט שטאַרק אויסגעהונגערט נאָך דעם לאַנגן תענית און נאָכן הייסן באָד, און אַגב האָט זיך פֿונעם פֿריפּעטשיק געלאָזט הערן אַ געשמאַקער ריח: דאָס האָבן געריסן די נאָז די הייסע שמעקעדיקע געפֿילטע פֿיש מיט אַ סך פֿעפֿער, און די פֿרישע קניידלעך מיט שמאַלץ, און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן, וואָס נאָר פּסח האָבן זיי דעם אמתן טעם גן־עדן. און עס האָט לאַנג נישט גענומען, און עס האָט זיך געלאָזט הערן אַ טרישטשען פֿון טרוקענע מצה אונטער געזונטע שטאַרקע ציין, און אַז מע האָט איבערגעכאַפּט דעם ערשטן הונגער, און אַז מע האָט פֿאַרזוכט אַ פּאָר פֿון די ארבע כוסות, האָט זיך דער שווײַגנדיקער אורח אָנגערופֿן, אַז ער האָט שוין לאַנג נישט פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון פּסחדיקער משקה מיט פּסחדיקע פֿיש מיט פּסחדיקע קניידלעך, ווײַל דעם גרעסטן טייל פֿון זײַן לעבן האָט ער פֿאַרבראַכט אין די טורמעס און אָסטראָגן.

— וויפל טורמעס זענט איר דאָס אויסגעוועזן? — פרעגט אים נחמיה דער שוסטער, וועלכער איז נאָך נישט אַזוי שטאַרק מלא פון די ארבע כוסות, נאָר פרייליכער פילט ער זיך.

— איך האָב שוין פאַרגעסן דעם חשבון, — ענטפערט דער אורח מיט זיין גראָבער שטימע, און נחמיה דער שוסטער כאַפּט אים אונטער:

— פונקט אַזוי ווי גדליה־לייב דער גנב, עליו השלום, ער איז שוין אויף דער אמתער וועלט. גדליה־לייב פלעגט זאָגן אויף זיך אַליין: „אַז מע זעצט מיך איין אין אַסטראָג, ווייס איך נישט — איך ווייס, אַז איך וועל אַרויס, און אַז מע לאָזט מיך אַרויס, טאָנץ איך אויך נישט — איך ווייס, אַז מע וועט מיך איינזעצן נאָכאַמאָל"...

— שלום־מזל! — רופט זיך אָפּ די שוסטערן זיסל צום מאַן מיט אַ טאָן פון אַ קאָמפּלימענט. — דו וואָלסט בעסער זען, אַז דער אורח זאָל עפּעס נעמען אין מויל אַריין.

דער אורח האָט שוין אָבער גענוג „גענומען אין מויל אַריין", איבערגעקערט די פינפטע פון די ארבע כוסות אויך, און ער האָט זיך געפילט אַזוי גוט און וואַרעם, אַז עס האָט זיך אים אויפגעבונדן די צונג און ער האָט אויסגעהודיעט אויף זיין באַסאָווער שטימע:

— אויב איר ווילט, וועל איך אייך דערציילן די געשיכטע פון מיין לעצטן אַנטלויפן פון אַסטראָג.

— איז די משמעות, אַז לויפן פון אַסטראָג איז בא אייך גאָר קיין נאַווינע נישט? קומט דאָך אויס ווידעראַמאָל, ווי גדליה־לייב דער גנב, עליו השלום, האָט געזאָגט...

אַזוי באַמערקט נחמיה דער שוסטער, און זיין ווייב זיסל האַקט אים איבער:

— שלום־מזל! טאָמער וואָלסטו איינגענומען אָביסל שטומע־ניש?...

— איך שווייג, ווי אַ פיש! — מאַכט צו איר דער שוסטער. און אַלע גרייטן זיך צו הערן די געשיכטע פונעם אורח, וואָזוי ער איז דעם לעצטן מאָל אַנטלאָפן פון דער טורמע.

* * *

אנטלויפֿן פֿון טורמע איז בײַ מיר, מײַנע ליבע פֿרײַנט, נאַפּליע־וואַט!

אַזוי האָט אָנגעהויבן צו דערציילן זײַן געשיכטע דער אורח, דער באַוואַקסענער האַריקער נפֿש מישאַ נײַדיטש, אױף זײַן גראָבער באַסאָ־ווער שטימע, וואָס הודיעט ווי אַ גלאָק.

— איך בין שוין געלאָפֿן, מײַנע ליבע פֿרײַנט, נישט פֿון איין טורמע, איך בין שוין געלאָפֿן פֿון סיביר אויך. נישט איין מאָל, נאָר צוויי מאָל. שוין געלעגן אין אַ וואָגן מיט פֿלייש, אויבן דאָס פֿלייש, אונטן איך. געגאַנגען מיט באַגאַמאַלצעס טויזנט וויאָרסט צופֿוס. פֿגרן דרײַ טאָג דורכאַנאַנד פֿון הונגער, פֿון קעלט, אַז שטיוול — נאַפּליעוואַט. צום געזונט וועט דאָס מיר נישט שאַטן. פֿאַרשטעלן זיך, אַז מע דאַרף, קאָן איך אויך. ביטער איז נאָר מיט דער שטימע. אַביסל אַ צו גראָב קול בײַ מיר. דאָס איז אָבער אַלץ גערעדט פֿון פּראָווינציעלע טורמעס. קיין און שפּײַ. נישט אַזוי איז אין דער רעזידענץ. דאָרט אַז מע כאַפּט זיך אַרײַן — איז האַלט זיך! איר מעגט זיך שוין געזעגענען. אַז איך בין אַרײַן, האָב איך געפּלאַנעוועט, זיך צונויפֿגערעדט מיט אַ פּאָר חברה־לײַט — אַ נעכטיקער טאָג. מע לאָזט נישט זען זיך. ריידן — אוממעגלעך, סײַדן מיט סימנים דורך דער וואַנט. מע האָט מיר געגעבן צו וויסן, אַז צוזאַמען מיט מיר, אַ וואַנט נעבן אַ וואַנט, זיצט מײַנע אַ באַקאַנטע. מאַשאַ הייסט זי, אַ טוערן, אַ פֿירערן און זייער־זייער אַ וויכטיקע פּער־זאָן. געוואָלט זי זאָל אַרויס, ווי מע וויל לעבן. שוין געהאַט אַ פּלאַן פּאָר איר. זיך אויפֿגערעדט מיט איר דורך דער וואַנט. פּלוצים קומט מען צו גיין און מע פֿירט מיך איבער אין אַן אַנדערע טורמע. ביטער! עס גייט אַוועק אַ טאָג דרײַ. איך ווער געוואָר פֿון חברים, אַז מאַשאַ איז אויך מיט אונדז. בראַוואָ! איך הייב מיך אָן דערשלאָגן — אַ צרה: זי איז אין דער „אָדינאָטשנע". ווייסט איר, וואָס דאָס הייסט? פֿיר הוילע ווענט, נישטאָ אַפֿילו וווּ זיך אויפֿצוהענגען. אָפּגעשניטן פֿון דער גאַנצער וועלט. ביטער! אַליין בין איך אויך אױף צרות. אַ טאָג איבער אַ טאָג שלעפּט מען מיך צום פֿאַרהער. זיי ווילן דערגיין, ווער איך בין. זיי ווילן וויסן, וואָס איך האָב געטאָן. בײַ מיר ציט מען נישט קיין ווערטער. אַ געשלאָגענער הונט. איר האָט געזען אין באָד בײַ מיר אַ לײַב? איר זעט אַן איבערגעבראָכענעם פֿינגער? איר זעט אָט דאָ אַ דרײַ אויסגעשלאָ־

געגע ציין? נאפליעוואט! יאָ, מײַנע ליבע פרײַנט! ס'איז אַ ווײַלע דינסט, נאָר נישט קיין גרינגע. דער געדאַנק פון אַנטלויפן לאָזט מיך נישט אָפּ. ווו עסן? ווער שלאָפן? אַנטלויפן דאַרף מען! און נישט אַליין. מיט איר, מיט מאַשאַן! נאָר ווי? איך ווער משוגע. ווו זײַנען אַהינגעקומען אַלע חברים? גוטע ברידער? פרײַנט? אַ סך צעשטעקט אין די טורמעס, אַ סך פאַרשיקט קיין סיביר. ווער שמועסט נאָכן רויטן זונטיק! אַז מע הענגט אַלע פאַרטאָג דאָ בײַ אונדז טאָקע אין טורמע — דאָס ווייסן מיר. אַלע טאָג ווערן מיר געוואָר שוין נאָכדעם, אַז איינער אָדער צוויי פון אונדזערע חברים זײַנען געהאַנגען געוואָרן. מע פרעגט נישט: ווער? יעדער איינציקער פון אונדז פרעגט נאָר: ווען וועל איך?... אַ קלאַפּ אין טיר — אַ קלאַפּ אין האַרצן. אַ קלונג מיט די שליסל — אַ קעלט אין בלוט. טפו — דער רוח זאָל דאָס ווייסן! איך בין נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי צעשראָקן, ווי אַצינד. נערוועז! קיינמאָל נישט געוווּסט פון קיין נערוון. איינמאָל, ס'איז געווען נאָך האַלבע נאַכט. פינצטער. שטיל. לאַנגזאַם לאָזט זיך הערן דער טיק־טאַק אין הויף. דאָס איז דער פּאַטרול, וואָס מעסט די טריט איבער די שטיינער. פּלוצים הער איך אַ רעש פון טריט. אַ סך טריט. וואָס קאָן דאָס זײַן? עס קליניגען שליסלען. עס הערן זיך קולות. אַ פײַערל פון אַ לאַמטערן טוט אַ שײַן אַרײַן צו מיר אין קעמערל און ווערט פאַר־שווונדן. סקריפּ־סקראַפּ! עס ריגלט זיך אָפּ דער לאַנגער אײַזן. מיט אַ קרעכץ עפנט זיך די טיר. אָפּן שוועל דערזע איך אונדזער אויפזעער. דאָס פײַערל פון לאַנטערנע באַלײַכט זײַן פאַרקילט פּנים. הינטער אים דער פּאַטרול־סאָלדאַט, עטלעכע וועכטער.

— נעמט צונויף די זאַכן און קומט.

איך טראַכט מיר: דאָס איז אַ גרוס פונעם מלאך־המות... איך טו אָן די שטיוול. מיר גייען. פרעגן בײַ די לײַט איז נישטאָ וואָס, זיי זײַנען שטום. אַ לאַנגער שפּאַציר איבערן קאָרידאָר. מיר זײַנען אין הויף. אַ קאַלטער שטראָם פון פרישע לופט. איך באָד מיך אין דער קילער לופט, ווי אין אַ ביטל. מיר גייען דורך דעם טורמע־הויף. די וועכטער שפּאַנען, קוקן אַף אונדז קאַלט, מיט אויסגעלאָשענע אויגן. זיי טראַכטן נישט וועגן מענטשן, וואָס מע פירט זיי צו דער תליה. זיי טראַכטן וועגן זייער שלאָף. מיר זײַנען שוין אין צווייטן הויף. דאָרט איז די „קאַנצע־

לאַריע" און דאָרט וווינט דער אויפזעער. ער האָט אַ פֿרוי, איך האָב זי געזען. איר פּנים זאָגט, אַז זי געפֿינט זיך נישט אין טורמע. די טורמע איז בײַ איר אַ גרויסע שטיק. די אַרעסטאַנטן זײַנען גענדז. אַלע טאָג קומען צו פֿרישע גענדז. די גענדז האָדעוועט מען און מע טראָגט זיי אָפּ צום שוחט. ווער קימערט זיך פֿון דעם? ווער האָט רחמנות אויף אַ גאַנדז? ווער האָט טענות צו אַ שוחט? דערויף זײַנען זיי גענדז, מע זאָל זיי שעכטן. דערויף איז אַ שוחט, ער זאָל שעכטן... זי האָט אַ קינד, אַ ייִנגעלע פֿון אַ יאָר פֿינף. מע רופֿט אים „וואַניאַ". איך האָב דאָס געהערט פֿון דער באַננע. די באַננע שײַנט צו זײַן אַ פּוילישע. נאָך די האָר און נאָך די אויגן האָב איך דאָס דערקענט. שיינע האָר, בלויע אויגן. אַ קול בײַ איר ווי אַ פֿידל. אַז זי זאָגט „וואַניאַ" — זינגט זי און אַביסל אונטער דער נאָז. וואָס טראַכט וואַניאַס קעפּל וועגן די מענטשן־גענדז, וואָס זיצן דאָ? וויים ער, אַז דאָ זיצן מענטשן, נישט קיין גענדז? וואָס זאָגט אים די באַננע? זי מוז דאָס וויסן; זי זעט דאָך אַמאָל טרערן. זי הערט דאָך אַמאָל געשרייען. און דאָס קלינגען פֿון די שווערע קייטן. — וואָס פֿאַר ווערטער זאָגט דאָס איר? ווער וויים, אפֿשר האָט זי אַליין אַ ברודער, וואָס זיצט ערגעץ אין אַ טורמע, וואָס ס'וואַרט אויף אים אַ תּליה? ווער וויים?... איצטער שלאָפֿט זי דאָ אין שטוב אויף אַ ווייך געלעגער. וואַניאַ — נעבן איר אין אַ וויגל. ער וועט אויסוואַקסן אַמאָל, מע וועט אים דערציילן, אַז זײַן פֿאָטער איז געווען אַ תּלין. וואָס וועט זאָגן דעמאָלט „וואַניאַ"? און אפֿשר וועט ער אויך זײַן דאָס זעלבע, וואָס דער פֿאָטער?...

איך האָב אַביסל אָפּגעקערעוועט אַ זײַט. ווי האַלט איך? בײַם אויפֿזעער אין שטוב. ס'איז ליכטיק אין צוויי פֿענצטער נאָר. דורכן פֿענצטער זע איך אַ הויכע פֿיגור אין זשאַנדאַרמסקי קליידער. — גרויסע וואָנסעס, גאָלדענע ברילן. נאָך די עפּאָלעטן שײַנט דאָס צו זײַן אַ קאַפּיטאַן אָדער אַ ראָטמיסטער. זיצט אַ פּוס איבער אַ פּוס, רייכערט אַ פּאַפּיראָס. אַקעגן אים — אַ שרײַבער, אײַנגעבויגן איבער אַ פּאַפּיר. אָפּן גאַנעקל זיצן פֿינף סאָלדאַטן פֿרעמדע אין פֿאַרשיידענע פּאָזן. איינער ציט אַ פּאַפּיראָסל פֿונעם אַרבל. שלינגט דעם רויך, מע זאָל נישט זען. ריידן זיך איבער שטיל. עס הערט זיך אַ סמאַצקען מיט די ליפּן, און באַלד נאָך דעם — אַ טאַפּען פֿון פֿערד. עס קאַטשען זיך רעדער. דאָס

איז צוגעפֿאָרן די באַקאַנטע גרויסע קאַרעטע גלײַך צום גאַנעק. אפֿן קוטשער־זיץ האָב איך דערקענט סעליוואַן דעם קוטשער. אַ געוועזענער אַרעסטאַנט, אַ באַוווּסטער רשע. פֿונדערווײַטן זע איך גײן אונדזער אויפֿזעער מיט די וועכטער. די שליסל קלינגען. די פֿינף פֿרעמדע סאָלדאַטן טוען זיך אַ כאַפּ אויף פֿון די ערטער: סמירנאָ!!! מע פֿירט־צו צו דער קאַרעטע נאָך פֿאַרשוינען. איך קוק מיך אײַן — צוויי באַקאַנטע פֿיגורן: איינע מאַשאַ... די אַנדערע פֿיגור — אַ יונגער בחור פֿון אַ יאָר נײַנצן מיט רויטע פּוכקע בעקלעך, בלוט און מילך, אַוורוטים רופֿט מען אים. נאָך איינער — אַן אומבאַקאַנטער אַרעסטאַנט. אַוורוטים האָט ערשט פֿריִער מיט אַ טאָג צוויי באַקומען אַ ידיעה, אַז מע באַשולדיקט אים אין אַ שווערן פֿאַרברעך, דאָס שמעקט אפֿשר מיט יענער וועלט... ער איז אַ ווײַלער בחור. ער האַלט זיך, ווי מע דאַרף. אַביסל נאָר האָט ער זיך אין די צוויי טעג אויסגעבלייכט. אַוועק די פֿאַרב פֿון די פּוכקע בעקלעך. און עפּעס הילט ער זיך מיר צו שטאַרק אין די קליידער. אפֿשר — ווײַל ס'איז קיל אינדרויסן? און אפֿשר געזעגנט ער זיך איצט במחשבה מיט דער מאַמע. ער האָט אַ מאַמע, וואָס האָט אים זייער ליב. איך האָב אַמאָל געזען אירע ליבע־בריוו צו אים. אַ ים פֿון מוטער־ליבע, אַ וועלט מיט געפֿיל. אַ מבול פֿון טרערן. ער פֿלעגט כלומרשט לאַכן פֿון אירע בריוו. אַליין אָבער, אַז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט איר שרײַבן, האָט מען אים נישט געקאָנט אָפּרײַסן. אין גראַמען האָט ער צו איר געשריבן. ער איז אַ פּאָעט. שרײַבט נישט שלעכט. ער איז אין דער מינוט אַזוי געווען פֿאַרטיפֿט אין זיך, אַז ער האָט מיך נישט באַמערקט. מאַשאַ אָבער — די האָט מיך באַלד דערזען. זי האָט זיך געגעבן אַ ציִ צו מיר. איך קוק אַף מאַשאַן, איך וויל זען, וואָס זי טוט. קוים וואָס איך זע איר פּנים. רויִק — נאַפּליעוואַט!... „סטראַסיאַ!" — הערט זיך אַ קול פֿונעם „אונטער". אַלע פֿרעמדע סאָלדאַטן ציִען זיך אויס. זיי רינגלען אונדז אַרום. אונדזער אויפֿזעער גייט אַרויס מיטן זשאַנדאַרמסקי קאַפּיטאַן אפֿן גאַנעקל. דער שרײַבער לײַכט זיי צו. דער קאַפּיטאַן ציט אויס די האַנט דעם אויפֿזעער. דער אויפֿזעער טרייסלט אים די האַנט. ער בייגט זיך אונטערטעניק, זייער אונטערטעניק. ער בעט זיך באַם קאַפּיטאַן, ער זאָל אים מוחל זײַן, וואָס סע האָט אַזוי געדויערט, און זאָל אים פֿאַרענטפֿערן. דער קאַפּיטאַן איז שטרענג. ער זאָגט אים אָן, אַז

דאָס אַנדערע מאָל זאָל ער זײַן פֿאָרזיכטיקער: „יעווֹאָ וויסאָקאָפּרעוואָס־כאָדיטעלסטוואָ האָט פֿײַנט אַזעלכע זאַכן!“... דער אויפֿזעער פֿאַרענט־פֿערט זיך. ער געזעגנט זיך מיטן קאַפּיטאַן דאָס לעצטע מאָל. ער זאָגט אים, ער זאָל זײַן זייער, זייער פֿאָרזיכטיק מיט דער חברה, וואָס ער פֿירט, און באַזונדער מיט דעם „בער“. דאָס מיינט ער מיך. דער קאַפּיטאַן ענטפֿערט אים, ער זאָל זײַן רויִק: פֿאַר אַ בער האָט ער קיין מורא נישט, און בײַ אים אַנטלויפֿט מען נישט...

מיר זיצן שוין אין קאַרעטע. מיר מיט פֿיר סאָלדאַטן מיט בלויזע שווערדן אויף די בענק אינעווייניק, פֿון פֿאָרנט. אין דער צווייטער אָפּטיי־לונג פֿון דער קאַרעטע דער קאַפּיטאַן. אויפֿן קוטשער־זיץ סעליוואַן מיט אַ סאָלדאַט. עס ווערן פֿאַרהאַקט די אײַזערנע טירלעך. עס הערט זיך דאָס לעצטע מאָל „סמירנאַ!“ סעליוואַן טוט אַ סמאַצקע מיט די ליפּן. עס הערט זיך אַ טאַפּען פֿון פֿערד, פֿיר פֿאַר פֿיס. די רעדער קאַטשען זיך לאַנגזאַם איבער די שטיינער. אויף יענער זײַט טורמע צעלאָזט סעליוואַן די פֿערד. די רעדער קאַטשען זיך גיכער. די קאַרעטע פֿליט מיט אַ רעש איבער די שטיינער.

מיר זיצן אויף לאַנגע בענקלעך אין דער לענג פֿון דער קאַרעטע איינס קעגן דאָס אַנדערע. נעבן יעדן אַ סאָלדאַט מיט אַ בלויזן שווערד. איך קוק אויף מאַשאַן. קוים וואָס מע זעט איר פּנים. זי לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פֿון דעם יונגן אוורוטים. ריידן טאָר מען נישט. ווײַזן מיר פּאָרן — ווײַס קיינער נישט פֿון אונדז, נאָר איטלעכער פֿילט עפּעס, אַז ס'איז נישט צום גוטן. אַזוי פֿירט מען קעלבלעך אין אַ וואַגאָן צו דער יאַטקע. פֿילן זיי עפּעס?... וויפֿל צײַט מיר פֿאָרן — ווייס איך אויך נישט. אָט דאַכט זיך אַ מינוט, און אָט דאַכט זיך אַ גאַנצע נאַכט. אַ נאַכט — — אַ יאָר.

פּלוצים — סטאָפּ! די קאַרעטע האָט זיך אָפּגעשטעלט. ס'איז שטיל. מע הערט די פֿערד פֿאָרשקען, שמײַסן מיט די עקן. עס הערט זיך דעם קאַפּיטאַנס קול. ער איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון דער קאַרעטע. ער איז הינטער אונדז. ער בייזערט זיך אויפֿן קוטשער. סעליוואַן קריכט אַראָפּ מיט אַ מי־שברך פֿונעם קוטשער זיץ און פֿרעגט, וואָס איז דאָ? „זעסט נישט וואָס דאָ איז? די אויגן זײַנען דיר אַרויס: בייג זיך אײַן. טו אַ קוק אַהער!“ — אַזוי קאָמאַנדעוועט דער קאַפּיטאַן. וואָס האָט זיך

דאָרט געקאָנט טרעפֿן, אַשטייגער? און עס קומט אַזאַ מחשבה אין קאָפּ: אַד, ווען עס פּלאַצט, למשל, אַן אַקס! אָדער אַזוי עפּעס אַ צרה זאָל זיך טרעפֿן: עס זאָל ווערן אַ בהלה, אַ שטיקל מהומה. עד, באַפֿאַלט מען! דעמאָלט די סאָלדאַטלעך, מע ווערגט זיי אויס אײנציקווײַז. איך אַליין נעם זיך אונטער דרײַ דערשטיקן, ווי די קעצלעך... די סאָלדאַטלעך אָבער זײַנען באַקאַנט, אַפּנים, אונדזערע מחשבות. זיי זיצן שטרענג מיט די בלויזע שווערדן. זיי לאָזן נישט אַראָפּ קיין אויג פֿון אונדז. מיטאַמאָל הערט זיך אַ פֿאַל אויף דער ערד. נאָכן פֿאַל הערט זיך אַ כראָפּען. עמעצער רעדט: „בינד אים צונויף!... אָט אַזוי... דעם זאַק פֿון אויבן.... אָט אַזוי, אָט אַזוי"... לאָמיר אים נעמען... חברה, אין קאַרעטע אַרײַן... אָט אַזוי, אַזוי"... איידער מיר קוקן זיך אַרום, עפֿנט זיך אויף דאָס אײַזערנע טירל פֿון דער קאַרעטע. עס ווערט אַרײַנגעוואָרפֿן עפּעס אַ שווערע זאַך אין אונדזער אָפּטיילונג פֿון דער קאַרעטע. אין אַ מינוט זיצן שוין אָפּן זאַק דרײַ סאָלדאַטן. דער קאַפּיטאַן שפּרינגט אַרײַן צו אונדז. ער טוט אַ ריס פֿון זיך די גרויסע וואָנסעס מיט די גאָלדענע ברילן. ער רופֿט זיך אָן צו אונדז:

— חברים! איך באַגריס אײַך, איר זײַט פֿרײַ!

— גרישאַ! — שרײַ איך אויס.

— טסס! — מאַכט ער צו מיר און ווײַזט אָפּן זאַק.

* * *

נחמיה דער שוסטער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו די קינדער. די נאָז זײַנע האָט געשײַנט און געגלאַנצט. ער האָט אַ זעץ געטאָן מיטן קולאַק אין טיש אַרײַן און מיט גרויס התפּעלות אויסגערופֿן:

— איך האָב געוווּסט, ווי איך בין אַ ייִד, אַז ס'איז אַ פֿאַרשטעלטע זאַך!

— שלים־מזל! וואָס־זשע האָסטו געשוויגן? — זאָגט צו אים זײַן ווײַב זיסל, וואָס איז אויך געווען אויסער זיך פֿון אויפֿרעגונג. חיים און בעני — די, קאָן מען זאָגן, זײַנען גאָרנישט געווען בהאי עלמא; עס האָט זיי געטראָגן אינדערלופֿטן. עס האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אַז זיי זײַנען דאָרטן צוזאַמען מיט דער אורח מישאַ נײַדיטש, אין דער גוטער

קארעטע, און זיי ברענען, ווילן שוין וויסן דעם סוף, ווער איז דער גרישא? און ווו איז די מאשא? און וואס האט זיך אויסגעלאזט מיט דעם יונגן אוורוטים און מיט די איבעריקע ארעסטאנטן?

און דער אורח הוסט זיך אוים און דערציילט ווייטער.

— אלזא, ווו האלטן מיר? בא גרישא. איך האב אים דערקענט. איר ווילט וויסן, ווער ער איז? ס'איז נישט וויכטיק, ס'איז מיינער א חבר. גענוג פאר אייך. דערווייל דארף איך אייך ענדיקן מיט דער קארעטע. די קארעטע איז געפארן ווייטער. געקוטשירט האט דער סאלדאט, אויך פון אונדזערע לייט, געוויינלעך. סעליוואן איז געלעגן אין זאק א געבונדענער, ווי א באראן, מיט א טיכל אין מויל, ער זאל שטומען. צוויי סאלדאטן (אויך אונדזערע לייט) זיינען געזעסן אף אים רייטנדיק. עס איז געווען א ישוב, וואס מע זאל מיט אים טאן: הרגענען — פאר קיין געלט נישט! גרישא האט געזאגט: „אז איין טראפן בלוט!" איינער האט אפילו ארויסגעווארפן א הכמה: זאל מען אים דערשטיקן, וועט נישט פארגאסן ווערן קיין בלוט. האט אף אים גרישא געגעבן א קוק, איז ער געווארן שטיל. פאר גרישאן האט מען דרך־ארץ.

נאר לאמיר זיך אומקערן צו אונדזערע. ווער עס האט נישט געזען דעם יונגן אוורוטים, דער האט קיין פרייד נישט געזען. פרייד, גליק, הימל, גן־עדן — דאס אלץ איז שוואכע ווערטער. ער האט געזונגען, געוויינט, ער האט געקושט זיך. מיט איטלעכן באזונדער האט ער זיך געקושט. איין עק הימל איז שוין געווען העל, עס האט שוין אנגעהויבן טאגן. מיר זיינען נאך אלץ געפארן. אף אונדז האט מען געווארט אין א הויף הינטער דער שטאט. דארט זיינען געווען „חברה". דארט איז געווען צוגעגרייט פאר אונדז קליידער, עסנווארג, פעסער און געלט. פון דארטן וועלן מיר זיך אריבערכאפן קיין פינלאנד. און פון פינלאנד איז שוין נאפליעוואט! אונדזער קארעטע איז אריינגעפארן אין א גרויסן הויף אריין. ווייט אין הויף, פארשטעלט מיט ביימער, זעט זיך א ווייסע שטוב. הינטן א גרויסער גארטן. פארנט א שטאל. דא האבן מיר זיך אפגעשטעלט. אקעגן אונדז זיינען ארוים „חברה", אלע אונדזערע.

ס'איז געווארן א קושעריי. גרישא האט נישט געלאזט לאנג פרייען זיך. מיר האבן זיך אלע איבערגעטאן. אלע אונדזערע ארעסטאנטסקי, אויך סאלדאטסקי קליידער אריין אין קארעטע אריין. סעליוואנען האט מען

ארויסגעלייגט גאַנץ אויבן אַף די קליידער. מע האָט אים אַנגעזאָגט, ער זאָל נישט דערוועגן זיך טאָן אַ פּיפּס. דער אַנזאָג איז געווען איבעריק. ער איז געווען באַוואַרנט, געבונדן הענט און פיס, דערצו אַנגעטאָן אַפן קאָפּ אַ זאַק און צוגעקרעמפּעוועט צו דער קאַרעטע. ער וועט שוין שטומען, ווי אַ הונט.

עס איז אַף אונדז אָנגעלאָפן אַ הונגער. פונוואַנען האָט זיך גענור־מען אַזאַ אַפּעטיט? בולקעס, סערדעלן, קאַלבאַסעס. דער עולם האָט געפּאַקט. גרישאַ האָט נישט געלאָזט עסן. ער האָט געטריבן האַלדז און נאַקן. ער האָט אונדז אַרויסגעגעבן פּעסער, געלט, מאַרשרוטן, איטלעכן אַן אַנדער מאַרשרוט. איך, מאַשאַ און אַוורוטים אַף איין וועג. מיר האָבן זיך געזעגנט, געביטן מיט די אַדרעסן. איינציקווייז איז מען זיך צעגאַנגען פונעם הויף. גרישאַ איז געבליבן דער לעצטער.

גיך האָט זיך באַוויזן די זון. דער שניי האָט געבלישטשעט, געסקרי־פּעט אונטער די פיס. מיר זיינען געגאַנגען פּאַוואָלי. אַנגעטאָן זיינען מיר געווען, ווי אַרבעטער. איך בין געווען אַ פּלאָטניק מיט אַ האַק אַף די פּלייצעס. אַוורוטים — אַ מאָליער, מיט אויסגעשמירטע קליידער אין קאַלך. מאַשאַן האָט מען אַנגעטאָן, ווי אַ דאָרפשיקסע: קאַרעלן, רויטע שיך, אַ גרינע פּאַטשיילע און אַ האָן אונטערן אָרעם אַף צו פאַרקויפן. אַף איר אָנטאָן זיך האָט גרישאַ מער אַכטונג געגעבן, ווי אַף אַלעמען. ער האָט זי באַטראַכט מיט דער גרינער פּאַטשיילע, מיט די רויטע שיך, מיט די קאַרעלן און מיטן האָן און איז געווען צופרידן.

מיר אַלע דריי האָבן באַדאַרפט האַלטן זיך איינאיינעם און באַזונדער. דאָס האָט געהייסן, יעדער באַזונדער גייט זיך אומבאַקאַנט, נאָר אַלע אין איין וועג. מיר האָבן באַגעגנט אַרבעטער. זיי האָבן אונדז געגריסט. עס זיינען אַנגעפאָרן דראָזשקעס, איזוואָזטשיקעס. דינגען אַ דראָזשקע — האָבן מיר נישט געטאָרט. אַרבעטער פאָרן נישט אַף קיין דראָזשקעס. מיר האָבן געמוזט אַ גרויסע שטרעקע גיין צופוס. ס'איז אָבער זיכער. קיין טראַמוויי האָט מען נאָך נישט געזען.

עס לויפט אָן דער טראַמוויי. ער שטעלט זיך אָפּ. מיר אַלע דריי קריכן אַרויף גאַנץ אויבן. פּראָלעטאַריער פאָרן אויבן. אַלעמאָל שטעלט זיך אָפּ דער טראַמוויי. עס קריכן אַראָפּ און עס גייען אַרויף פּאַסאַזשירן. נישט ווייט פון אָכטינסקאַ־גאַס איז אַרויף אַ פאַרשוין, אַ גאַנץ געוויינלעך

מענטשל. אַף די אויגן האָט ער געטראָגן אשקולירענע ברילן. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אַקעגן אונדז מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל געוואָרפן אַף יעדן פון אונדז אַ קאַלטן בליק און פאַרקוקט זיך אַז אַ זײַט. פּלוצים, איך טו אַ קוק — מײַן פאַרשווינס אשקולירענע ברילן קוקן עפּעס צו שטאַרק אַף מאַשאַן. מאַשאַ אַליין האָט נישט באַמערקט, אַז מע קוקט אַף איר. איך זאָל דאָס איר זאָגן — פּאַסט נישט. דער טראַמוויי האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער פאַרשווין מיט די אשקולירענע ברילן איז אַראָפּ־געקראָכן. עס איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. מיר זײַנען געפאָרן ווײַטער. איך האָב דערציילט מאַשאַן פונעם פאַרשווין מיט יד אשקולירענע ברילן. מאַשאַ האָט זיך אויסגעלאַכט. „נישט אַף מיר, זאָגט זי, האָט ער זיך פאַרקוקט, נאָר אָפּן האָן״... אין דער מינוט האָט זיך דער וואַגאָן אָפּגעשטעלט עפּעס ווי מיטאַמאָל. אין איין רגע איז שוין געווען פון אויבן ווידער דערזעלבער פאַרשווין מיט די אשקולירענע ברילן. ס'איז מיר פאַר־קילט געוואָרן דאָס בלוט. הינטער אים זײַנען שוין געשטאַנען זשאַנ־דאַרמען, פּאָליציאַנטן, סאָלדאַטן. אַלע האָבן זיך געגעבן אַ נעם צו מאַשאַן... איך מיט אוורוטיסן זײַנען געזעסן פאַרהאַקט אין אַ ווינקל. וואָס האָבן מיר געקאָנט טאָן? כאַפּ איך זיך אויף — זײַנען מיר ביידע פאַרפאַלן!

קאַלט האָבן מיר געקוקט אַף דער סצענע, אַזוי ווײַט ווי מיר האָבן געקאָנט. און מאַשאַ? זי האָט אַפילו קיין איינציקן קוק נישט געטאָן אַף אונדז. זי האָט מורא געהאַט, מיט איר קוק זאָל זי נישט אַרויסגעבן אונדז אויך. שטיל, פּאַוואָלי, ווי אַן אונטערטעניק שעפעלע, האָט זי זיך אַראָפּ־געלאָזט מיט זיי אַראָפּ פונעם וואַגאָן. דער טראַמוויי איז אוועק זײַן וועג. מיר ביידע זײַנען שוין געזעסן אין געהאַקטע ווונדן. נישט געטאָרט זיך אויסדרייען אַפילו אַ קוק טאָן אין יענער זײַט, וווּ די אומגליקלעכע מאַשאַ איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. מיר האָבן נישט גערעדט קיין וואָרט. מיר האָבן אַפילו נישט געקוקט איינס אַף דאָס אַנדערע. וואָס דער יונגער וועוויריק האָט זיך געטראַכט ווייס איך נישט. איך בין אים געווען אין דער מינוט אַ דם־שונא. נמאס איז ער מיר געוואָרן! און זיך אַליין בין איך געוואָרן נמאס און מאוס. ס'טײַטש, ווי אַזוי האָב איך געקאָנט בלײַבן זיצן אַזוי רויִק בשעת מאַשאַס לעבן איז אין אַזאַ געפאַר?

— פונוואַנען און ווער איז זי, אַט די מאַשאַ? — טוט אים אַ פרעג בעני.

— פונוואַנען זי איז — ווייס איך נישט. — ענטפערט דער אורח.

— איך ווייס נאָר, אַז זי הייסט „מאַשאַ" און איר פאַמיליע איז באַ־שעוויטש.

— באַשעוויטש? — רופן אויס אַלע מיטאַמאָל.

— באַשעוויטש, וואָס איז דען? — פרעגט דער אורח.

— אַ שיינע מעשה נאָר אַ קורצע! — זאָגט נחמיה דער שוסטער.

— ס'טייטש, דער פאָטער אירער איז מיינער אַ גוטער באַקאַנטער, ליפּאַ באַשעוויטש הייסט ער, אָדער דער „הילצערנער ייִד". ערשט געזען זיך מיט אים ערב יום־טוב טאַקע דאָ אויף די טרעפּ. ער איז געגאַנגען צו אונדזער שכן אָפּנעמען אַ גרוס פון פּעטערבורג באַ אונדזער נגידס טאָכטער טאַמאַראַ.

— טאַמאַראַ? — פרעגט שוין אַצינד דער אורח. — ווער איז די טאַמאַראַ? נישט שאַסטעפּאַל?

— געוויס שאַסטעפּאַל. וואָס איז דען?

— איר קענט זי?

— אויב מיר קענען זי? גוט געזאָגט! זי זיצט אַט דאָ אויבן!

— אַ נאַכט פון וווּנדער! — זאָגט דער אורח, און דערציילט, ווי אַזוי ער האָט זיך באַקענט מיט טאַמאַראַ שאַסטעפּאַל, טאַקע באַ מאַשאַ באַשעוויטש, און ער זאָגט, אַז ער וואָלט זייער וועלן זען מיט טאַמאַראַ שאַסטעפּאַל.

און אַזוי ווי אַלע באַ נחמיה דעם שוסטער האָבן זיך געפילט נאָך דעם זיבעטן כוס פון די „ארבע כוסות" לעבעדיק, בגילופין, לכן איז נעבליבן, מע זאָל נישט וואַרטן ביז מאָרגן און מע זאָל נאָך היינט, טאַקע באַלד, געבן צו וויסן טאַמאַראַן, אַז אַן אַלטער באַקאַנטער וויל זיך מיט איר זען. און חיים מיטן אורח לאָזן זיך אַרויף אויף די טרעפּ.

* * *

איציקל שאַסטעפּאַל האָט געהאַלטן שוין לאַנג נאָך די „חד־גדיאַס" און נאָכן „שיר־השירים" און איז נאָך אַלץ געזעסן באַם טיש גאַנץ

ברייטלעד, מאיעסטעטיש, געררייכערט, געטרונקען טיי און געשמועסט פון א טרויעריקן עניו, פונעם קישינעווער פאגראם, וואס די רשעים בארימען זיך, און די אנטיסעמיטישע בלעטער שרייבן, אז אויך דא און אומעטום אין אלע יידישע שטעט וועלן זיי מאכן דאס זעלבע שפיל, וואס אין קישינעוו. זיי, די אנטיסעמיטן, בארימען זיך, אז זיי וועלן זיך נוקם זיין אז די יידן פאר דער רעוואלוציע, וואס ווערט אנגעפירט בלומרשט נאך פון יידן. די טאכטער קאן זיך נישט איינהאלטן און ענטפערט אפ דעם פאטער, אז אומזיסט בארימען זיי זיך; זיי וועלן גארנישט מאכן, ווארעם אום צו מאכן אז אלגעמיינעם קישינעוו, מוז מען האבן ווער ס'זאל מאכן.

— אודאי דארף מען גיין אויסשרייבן פון פאריז היצלים, כוליגאנעס, באסיאקעס און שכורים! — זאגט דער פאטער.

— מיט כוליגאנעס און מיט באסיאקעס קאן מען גארנישט מאכן. מע דארף האבן דערצו דאס פאלק, די ארבעטער, — באמערקט די טאכטער, און דער פאטער ענטפערט איר:

— וואסער פאלק? וואסערע ארבעטער? האב קיין יסורים נישט, זאל נאר זיין א פאגראם, וועלן די ארבעטער העלפן „ארבעטן"...

און איציקל שאסטעפאל קאכט זיך. ער פילט, אז דא איז ער אפן פערד. אין די זאכן איז ער מער געניט און פארשטייט מער פון דער טאכטער... טאמארא לאזט אים אבער לאנג נישט טריומפירן און זי ענטפערט אים שניידנדיק, אז מע טאר נישט זיין קורצזיכטיק און מע דארף קאנען אונטערשיידן, וואס ווערט אנגערופן „פאלק" און וואס הייסן עטלעכע צענדליק אנגערייצטע אדער גדודונגענע כוליגאנעס אין קישינעוו, וואס האבן באפאלן א שטאט פון שוואכע מענטשן, טרוסן, ווייבער און קינדער, וואס האבן זיך געלאזט אויסשלאכטן און געגאנגען נאכדעם וויינען אף די קברים און אויסטענהן זיך מיטן רבונו־של־עולם, ווי עס ווערט אזוי שיין באשריבן באם גרעסטן יידישן דיכטער, בא ביאליקן.

— האסט דאך געלייענט ביאליקן? — טוט טאמארא א פרעג באם פאטער, און באקומט אזא מין ענטפער:

— וואסער ביאליק? פון דער מיל?...

— דאָס ליד פון ביאַליקן. — זאָגט מאַמאַראַ. — דו ווייסט נישט ביאַליקס לידער?

— וואָס בין איך אַ ייִדענע, וואָס איך זאָל לייענען לידלעך פון עפּעס אַ ביאַליק אַ לידל־מאַכער? — מאַכט אייציקל שאַסטעפּאַל גאַנץ נאַיִוו און ערנסט.

און טאַמאַראַ האָט שוין מער קיין מוט צו דיסקוטירן מיטן פאָטער, און זי באַוווּנדערט די אומנאַטירלעכע לאַגע, וואָס באַ ייִדן: אַ פאָלק פון סאַמע אינטעליגענטן, וואָס אַלע קאָנען לעזן, אַפילו ווייַבער, אַ פאָלק, וואָס האַלט זיך קליגער פון אַלע פעלקער, קליגער און בעסער און פרו־מער, קומט צו אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן דיכטער, הייסט ער באַ איר בעל־הביתישן פאָטער „אַ לידל־מאַכער". און ווען נישט דעם אַפּטייקערס זון סאַשאַ, וואָלט זי, טאַמאַראַ, גאַרנישט געוווּסט, אַז עס עקזיסטירט אונטער ייִדן אַ פּאָעט מיטן נאָמען ביאַליק. און וואָס עפּעס נאָר זי? זי קען אַ סך אַזעלכע, ווי זי, וואָס ווייסן נאָך עד היום נישט, ווער דער ביאַליק איז!... און זי קאָן זיך גאַרנישט פאָרשטעלן, אַז עס זאָל זיך געפינען אונטער רוסן אַזעלכער, וואָס איז נישט קיין פּראָסטער גוי, וואָס זאָל נישט ווייסן ווער פּושקין איז... אָדער עס זאָל זיך געפינען אונטער פּוילן, למשל, אַ מענטש, וואָס זאָל נישט ווייסן ווער מיצקעוויטש איז. און עס ווילט זיך איר אַרויספירן דערפון איינס פון די צוויי: אָדער ביאַליק איז קיין דיכטער, אָדער מיר זייַנען קיין פאָלק... און אויב מיר זייַנען נישט קיין פאָלק, טאָ וואָס־זשע דען זייַנען מיר?...

— עס פרעגט זיך נאָך אויף אייַך דעם שוסטערס זון מיט נאָך עפּעס אַ מענטשן.

אַזוי ראַפּאָרטירט דאָס שטובמיידל, און איידער מע טוט זיך אַ קער, וואַקסן אויס אויף דער שוועל צוויי פּאַרשוינען, חיים דעם שוסטערס זון און דער באַוואַקסענער האַריקער אורח, און אַלע דרייַ ווערן דערשטוינט: איציקל שאַסטעפּאַל שטוינט, ווי קומט אַהער דעם שכנס בן פּסח נאָכן סדר? „אַז עזות פון אַ שוסטער־יונג!" שיווקע שאַסטעפּאַל האָט זיך גלאַט דערשראָקן פאַרן באַוואַקסענעם האַריקן נפש; מען האָט דאָ נאָר־וואָס געשמועסט פון כוליגאַנעס, אַ קשיא אויף אַ מעשה, אפשר איז דער איינער פון זיי?... און טאַמאַראַ האָט באַלד דערקענט אינעם באַוואַק־

סענעם האַריקן נפש — מישאַ בערעזניאַק, דעם, וועלכן זי האָט קענען געלערנט באַ מאַלקינען אין דער „קאָמונע”.

זי האָט אויפגענומען מישאַ בערעזניאַקן אַף אַזויפיל פריינטלעך, ווי מע דאַרף אויפנעמען אַ גוטן באַקאַנטן, — און ס'איז געוואָרן אין שטוב אַ גערודער, אַ שטיקל בהלה. צו דעם אַלעמען איז נאָך צוגעקומען אַ אינצידענט: חיים, דעם שוסטערס זון, מיטן באַוואָקסענעם האַריקן נפש בערעזניאַק־ניידיטש האָבן נישט אָנגעפרעגט זיך באַ קיינעם, נישט געוואַרט אַף קיין כבוד, גענומען און אָוועקגעזעצט זיך, צעלייגט זיך, ווי באַם טאַטן אין ווייַנגאָרטן, פאַררייכערט פּאַפּיראָסן און גענומען שמועסן מיט טאַמאַראַן, ווי מיט זייערן אַ גלייַכן!

— אַ פּאַטעפּאַלנאַסט פון אַ שוסטערוק! אַז עזות פון קבצנים! אַרייַנקריכן מיט די שטיוול צו יענעם אין זאַל אַרייַן! ווייַ איז מיר, מע דאַרף אַפּטרעטן די שטוב! אַז מע איז באַ זיך אין שטוב שוין גאָר אויס בעל־הבית געוואָרן!...

איציקל שאַסטעפּאַל האָט געפּייַערט, און שיווקע האָט געבראָכן די הענט: ווייַ איז איר, וואָס פאַר אַ וועלט הייַנט איז געוואָרן! וואָס פאַר קינדער!... ווּ איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז יום־טוב, פּסח נאָכן סדר, זאָל קומען עפּעס אַ קבצן, אַ שלעפּער, און באַזעצן זיך מיט זייער טאָכטער באַזונדער אין אַ חדר און ריידן צווישן זיך עפּעס שטילער־הייט?... איז דאָך טאַקע עק וועלט!...

„עק וועלט” איז געווען אויך באַ טאַמאַראַן: זי איז פון איר אַלטן באַקאַנטן געוואָר געוואָרן אַ סך, אַ סך טרויעריקע נייַעס — אַז מאַשאַ זיצט, אַז דעם האָט מען פאַרשיקט, אַז יענעם וועט מען פאַרשיקן און אַז ראַמאַנענקאָן, איר אידעאַל ראַמאַנענקאָן, האָט מען ערשט אָט די טעג געכאַפּט און מע דאַרף אים הענגען...

. . . . . . . . . . . . . . .

אַ שטילע פרילינגס־נאַכט איז געווען די ערשטע נאַכט פון פּסח, אַ שטילע, אַ וואַרעמע נאַכט. שטיל, ווי פאַרחלומט, זייַנען געשטאַנען די אייַנגעשלאָפענע הייַזער. ווי סאָלדאַטן אַף דער וואַך, האָבן זיך אויסגע־צויגן די ביימער פון ביידע זייַטן גאַס, נאָך נאַקעטע, אַז בלעטלעך, נאָר גרייט אַף אָנצוקליידן זיך זייער גרינע זומערדיקע הלבשה. פונעם ווייַטן

אויסגעשטערנטן הימל האט אראפגעקוקט מיט א זילבערנעם שמייכל די לבנה, לאנגזאם און מאיעסטעטיש געשפאצירט, וועז־נישט־וועז זיך אונ־טערגעטוקט און טובל געווען אין א פארביילויפנדיק רויכיק וואלקנדל, באהאלטן זיך אף א מינוט, און ווידער ארויס אפן ברייטן פרייען הימל, צווישן די פינקלדיקע קליינע שטערנדלעך, וואס קוקן זיך איבער, שעמע־רירן און פינטלען און סודען זיך צווישן זיך, ריידן פון גאט און פון זיינע אוצרות וועלטן, מיליארדן וועלטן! אלצדינג, אלצדינג שלאפט. אלע פענצטער זיינען צו, אלע פייערס זיינען אויסגעלאשן. אלץ, אלץ שלאפט אין דער דאזיקער פרילינגס־נאכט, אין דער דאזיקער ערשטער נאכט פון פסח. נאר איין פענצטער אין איין הויז אף וואסילטשיקאווער גאס איז אפן אין דער דאזיקער נאכט, און נאר איין וואכנדיקער מענטש, טאמארא, שטייט און קוקט ארויס פונעם איינציקן אפענעם פענצטער אינדרויסן ארויס, שיקט איר בליק צו דער העל־זילבערנער לבנה און צו די מיליארדן פינקלדיקע וועלטן, וואס הייסן שטערן, און טרוקן זיינען די אויגן, און פארשטיינערט איז דאס הארץ, און דער קאפ איז פאר־טומלט, און נישט ליב איז איר די שיינע גרויסע וועלט, און פרעמד איז דער וויטער, טיפער הימל, און וויסט איז די ערד, און פוסט און לער איז אלץ ארום און ארום, און א שוידערהאפטער עלנט, און א מוראדי־קער צער, און א קאלטער צארן נעמען ארום די נשמה, ווי מיט צוואנגען, און עס ווילט זיך איר שרייען, שרייען, שרייען...

## קאפיטל ד.

## איציקל שאסטעפאל גייט ארום אן א קאפ

פון דער ערשטער מינוט, וואס טאמארא איז געקומען פון פעטער־בורג, האט איציקל שאסטעפאל נאך נישט געהאט קיין גוטע מינוט.

דער אומגליקלעכער פאטער האט נישט געקאנט איבערקייען, וואס דעם אפטייקערס זונדל קומט אריין צו אים אין שטוב אריין פראנק און פריי, אלעמאל אויסגעפוצט ווי א כלה, ווארפט אראפ די הענטשקעלעך, גיט אים, איציקל שאסטעפאלן, די האנט. און אויך שיווקען גיט ער די האנט, און האלט זיך בא אים אין שטוב ווי „עפעס א גאנצער רב

שמעלקע״! און שענער פון אלץ איז דאָס, וואָס שיווקע אליין האָט שוין אָנגעהויבן פאַרענטפערן די טאָכטער, געפינען אַ זכות אָפּן אַפּטייקערס זונדל. לויבן אים, אַז ער איז אַ גאַנץ וווּיל בחורל. — מערקווירדיק! זינט די טאָכטער איז געקומען פון פעטערבורג, איז די שטוב געוואָרן אַן אַנדער שטוב, דאָס לעבן — אַן אַנדער לעבן, און אַפּילו דאָס ווײַב — אַן אַנדער ווײַב. ס׳איז גאָרנישט די שיווקע, וואָס פריִער! אַמאָל פלעגט זי האָבן דרך־ארץ, ציטערן, וויסן נאָר צובאַמקען צו אַלצדינג, וואָס ער, איציקל, האָט געזאָגט. איצט איז זי געוואָרן אַ גאַנצער מענטש! זי זאָגט שוין אויך מבינות אַף אַ מענטשן: דעם אַפּטייקערס זון קומט אוים באַ איר אַ גאַנץ וווּיל בחורל!

— אפשר וואָלסטו געזאָגט, איך זאָל מיך משדך זײַן מיטן טריפּניאַק דעם אַפּטייקער? — פרעגט איציקל אין אַ שפּאַס באַ זײַן ווײַב שיווקע, און באַקומט פון איר אַן ענטפער דורך אַ פראַגע, ווי געוויינלעך:

— פאַרוואָס נישט?

— אפשר איז שוין באַ זיי אַן אָפּגעמאַכטע זאַך? — פרעגט ווײַטער איציקל.

— פונוואַנען וויים איך, אַז נײן? — ענטפערט אים שיווקע אַלץ מיט דעם זעלבן שטייגער, מיט אַ פראַגע אַף אַ פראַגע.

— קאָן זײַן, אַז אינגיכן זאָל אונדז קומען מזל־טוב?

— פאַרוואָס זאָל דאָס נישט קאָנען זײַן?

— דאָס וואָלט איך, דאַכט מיר, געמעגט וויסן פריִער פון דיר?

— ווּ שטייט דאָס געשריבן?

— טפו זאָל דאָס ווערן!

קיין פאָטער זאָל נישט וויסן פון אַזעלכע צרות, ווי אונדזער אומגליקלעכער פאָטער שאַסטעפּאַל, אַז ער מוז זיך אוועקשטעלן ריידן מיט דעם געלן בחורל, דעם אַפּטייקערס זונדל, פון ייִדישקייט, פון ציוניזם און פון נאָך כדומה אַזעלכע זאַכן, וואָס ער וואָלט קיינמאָל פון דעם מיט אַזאַ שנעק נישט גערעדט!

סאַשאַ סאַפּראַנאָוויטש אָבער איז נאָך פון די אומגליקן, וואָס מע קאָן אַריבערטראָגן. אַ סך ערגער איז דאָס, וואָס אַלע טאָג ווערט די טאָכטער פאַרפאַלן אַף אַ שעה אָדער אַף צוויי, דאָס הייסט, זי טוט זיך אָן, גייט אַוועק און זאָגט נישט, ווּהין, שוין פון אַ צײַט, אַז דער פאָ־

טער האָט דאָס באַמערקט. ער ווײל זי פרעגן, און ווײס נישט, וו:אַזוי ער זאָל דאָס טאָן. ער האָט איר אַ פּאָר מאָל אַפילו אַ זאָג געטאָן: „וווּהין אין?" און האָט באַקומען אַן ענטפער: „איך קום באַלד צוריק". ער האָט געפּרוּווט דורכן ווײַב, טאַמער וועט ער עפּעס געוואָר ווערן, ווײס זי אויך נישט מער פון אים.

— וו:אַזוי ווײס דאָס נישט אַ מאַמע וווּהין די טאַכטער גייט? — פרעגט איציקל בײַ זײַן פרוי און באַקומט באַלד אויסגאָב מיט דער זעלבער פראַגע:

— וו:אַזוי ווײס דאָס נישט אַ טאַטע, וווּהין זײַן טאָכטער גייט?

אויסלאָזן דעם כעס צום ווײַב לאָזט ער שוין נישט אויס, אַזוי ווי פרײַער. זינט די טאָכטער איז אַ היגע, האָט די מוטער שטאָלץ און שטאַרקייט קעגן אים, און ביידע, די מוטער מיט דער טאָכטער, האָבן ווי געשלאָסן צווישן זיך אַ פאַרבאַנד קעגן אים, און האָט ער געוואָלט פרוּוון אָפּשפּילן דעם ווײַב אַ מזמור, מאַכן איר אַ סקאַנדאַל, ווי ער איז געוווינט געוואָרן, אַזוי האָט זיך אַרויסגעשטעלט די טאָכטער, זיך אָנגענומען די קריוודע פון איר מוטער, און דוקא מיט גוטע רייד...

איציקל שאָסטעפּאַל מוז אָבער אומבאַדינגט וויסן, וואָס איז דאָס מיט זײַן טאָכטער געוואָרן? וואָס גייט זי אום אין שטוב, אַזוי ווי אַ שאָטן? וואָס איז דאָס פאַר אַן עובדה צוועקגיין אַלע טאָג אויף צוויי שעה און נישט זאָגן: וווּהין? מיט וועמען זעט זי זיך? וואָס טראַכט זי זיך?

און דער פאָטער איז געוואָרן אַ שפּיאָן. ער האָט גענומען נאָכקוקן דער טאָכטער, וווּהין זי גייט, און ער האָט זי געכאַפּט. ער איז איינמאָל אומבאַמערקט נאָכגעגאַנגען פון הינטן און האָט דערזען, ווי זי האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט צום לערער ראָמאַנענקאָ אין הויף אַרײַן און איז פאַר־שוווּנדן געוואָרן.

איציקל שאָסטעפּאַלס קאָפּ איז שיער נישט צעשפּאָלטן געוואָרן קלערנדיק: וואָס טוט זײַן טאָכטער בײַ ראָמאַנענקאָן? אַלערליי מיאוסע מחשבות, איינע מיאוסער פון דער אַנדערער, איז אים דורכגעפלויגן אין קאָפּ. אַז זײַן טאָכטער איז גוט באַקאַנט מיטן יונגן ראָמאַנענקאָ — דאָס ווייס ער. ער ווייס אָבער דאָס אויך, אַז דער יונגער ראָמאַנענקאָ איז נישט הי, אַז ער זיצט ערגעץ אײַנגעשפּאַרט און אַז ס'איז נישטאָ פון

אים קיין שום ידיעה. צו וועמען זשע קאָן זי קיין? צו די עלטערן? וויים ער אָבער, אַז ראַמאַנענקאָס פּאָטער איז אַ צורר־היהודים — און אָט דאָ ערשט קומט דער מיאוסטער פון אַלע געדאַנקען: ווײַל ער איז אַ צורר־היהודים, גייט אַהין זײַן טאָכטער!... ווײַל ער איז אַן אַנטי־סעמיט, האָט ער אַן אויג אויף זײַן, איציקל שאַסטעפּאַלס, טאָכטער, — און דער דאָזיקער מיאוסער געדאַנק מאַכט דעם אומגליקלעכן פּאָטער משוגע, און ער קאָן זיך גאָר אָרט נישט געפינען!... ביז די טאָכטער קומט צו גיין. און אַז די טאָכטער קומט צו גיין, רעדט ער מיט איר פון פאַרשיידענע זאַכן, און מער — פון ייִדן, גויים, אונדזער גלויבן, זייער גלויבן... פאַרקוקט איר אין די אויגן אַרײַן, טאָמער וועט ער עפּעס פון איר אַרויסגעפינען, — אומזיסט די אַרבעט! טאַמאַראַ איז די אייגענע, וואָס תמיד, סײַדן נאָר דאָס, וואָס אירע אויגן זײַנען מער פאַרטראַכט, ווי אַלעמאָל, און אָביסל בלאַס איז דאָס פּנים, און אַז מע פרעגט זי עפּעס, ענטפערט זי נישט באַלד, און אַז עס קומט צו איר צו גיין דעם אַפּטייקערס זונדל, היצט זי זיך נישט, ווי זי פלעגט זיך היצן ביז אַהער; זי לאָזט אים ריידן, און אַליין גייט זי אַרום מיט איבער־געלייגטע הענט אַפן האַרצן, אָדער זי קוקט אויף אים מיט אַזעלכע אויגן, וואָס ס׳איז גרינג צו דערקענען, אַז זי הערט אים נישט, וואָרעם אירע מחשבות זײַנען ווײַט פונדאַנען...

* * *

איינמאָל איז איציקל שאַסטעפּאַל געקומען אַהיים אַ פאַרטראַגענער, אַ צערייצטער פון זײַנע פאַרפּלאָנטעטע עסקים מיט „קאַזנאַ", פון די אַדוואָקאַטן, וואָס האָבן געצויגן בײַ אים די עצמות, און פון די „טשי־נאָווניקעס", וואָס האָבן "געבראַקעוועט".

— ווו איז דאָס קינד? — פרעגט ער זיך נאָך בײַם ווײַב.

— פונוואַנען זאָל איך וויסן? — ענטפערט זי אים, ווי איר שטייגער איז.

— וואָס הייסט פונוואַנען זאָלסטו וויסן?

— נו־יאָ, פונוואַנען זאָל איך וויסן?

— ביסט אַ מאַמע, צי ניין?

— און אַז איך בין אַ מאַמע, איז וואָס דערפון געדרונגען?
— וווּ איז די „באַרישני“ — פרעגט שאַסטעפּאַל בײַ די מענטשן.
— די „באַרישני“ איז בײַ זיך אין אַלקיר.
— בײַ זיך אין אַלקיר? — ער לאָזט זיך גיין צו דער טאָכטער אין אַלקיר אַרײַן.

אָנגעקלאַפּט אין טיר, האָט זיך דערהערט אַ קול:

— ווער איז?

— ס׳איז איך! — דער פאָטער טרעט אַריבער די שוועל און ער דערזעט אויפן בעטל ליגן זײַן טאָכטער מיטן פּנים אַרויף. די הענט פאַרוואָרפן אונטערן קאָפּ, אויפן האַרצן אַ בלאַט צײַטונג. די אויגן רויטלעך, ווי פאַרוויינט. ער גייט צו צו איר נאָענט, לייגט אַרויף די האַנט צו איר אויפן קאָפּ.

— וואָס איז דיר, טאָכטער?
— גאָרנישט.
— ביסט עפּעס נישט מיט אַלעמען?
— דער קאָפּ אַביסל טוט מיר וויי.
— אפשר, דעם דאָקטער?
— ניין, ניין! נאָר נישט קיין דאָקטער!

איציקל שאַסטעפּאַל קען שוין זײַן טאָכטער. אַז זי זאָגט ניין, איז ניין.

* * *

דעם זעלבן טאָג, פאַרנאַכטלעך, אַז די זון האָט געהאַלטן בײַ זעצן זיך, פאַרפאַרבט דעם אונטערשטן טייל הימל מיט רויטן, האָט צום אַפּטייקער אין טיר אָנגעקלונגען איציקל שאַסטעפּאַל. זינט זיי זײַנען שכנים איז עס דאָס ערשטע מאָל, וואָס שאַסטעפּאַל האָט אָנגעקלונגען צו זײַן שכן דעם אַפּטייקער. אויף זײַן קלונג האָט זיך באַוויזן אַ שוואַרץ בחורל מיט געקרײַזלטע הערלעך און מיט אַ אויסגעבויגענער נאָז. דאָס איז געווען סאַשאַס חבר, שמעון קעסלער.

— דעם אַפּטייקערס זונדל איז אינדערהיים? — פרעגט אים שאַסטעפּאַל און האָט שוין חרטה, וואָס ער האָט אָנגעקלונגען.

— סאשא? — מאכט צו אים קעסלער. — ער איז דא. ער לערנט. קומט אַרײַן. סאשא! קום נאָר אַהער.

— אַף דעם אויסרוף קומט אַז דעם „אַפּטייקערס זונדל", דערזעט טאַמאַראַס פאַטער פּלוצים באַ זיך אין שטוב, ווערט מבולבל און צינדט זיך אָן, ווי אַ פײַער.

— איך דאַרף דיך... איך דאַרף אײַך עפּעס פרעגן. — מאַכט צו אים שאַסטעפּאַל און קוקט אַף סאַשאַס חבר קעסלער. סאשא שטויסט זיך אָן, אַז דער חבר קעסלער איז דאַ איבעריק.

— שמעון, גיי אַרויס אַף אַ ווײַלע, — זאָגט סאַשאַ צו זײַן חבר קעסלער און בעט איציקל שאַסטעפּאַל זיך זעצן.

איציקל שאַסטעפּאַל קוקט זיך אַרום אַף אַלע זײַטן.

— האָט איר נישט אַ באַזונדערן חדר? — פרעגט ער באַ סאַשאַן.

— קומט אַרײַן צו מיר אין קאַבינעט, — זאָגט צו אים סאַשאַ זייער פרײַנטלעך און פירט אים אַרײַן צו זיך אין אַ קליין, ריין, ליכטיק חדרל. איציקל שאַסטעפּאַל באַטראַכט דאָס חדרל, וואָס איז פול מיט ספרים און ביכער און צײַטונגען, ייִדישע צײַטונגען.

איציקל שאַסטעפּאַל אָטעמט אָפּ און רופט זיך אָן צו סאַשאַן:

— דאָס איז זייער שיין פון אײַך, וואָס איר זיצט נישט ליידיק, יונגעלײַט, וואָס איר טוט עפּעס, וואָס איר זאָרגט פאַרן כלל ישראל... מיר קאָנען נישט, מיר האָבן קיין צײַט נישט, טאָג ווי נאַכט פאַרטאַרעראַמט, איר זעט דאָך, געשעפטן, פּאַדריאַדן, עסקים...

— אָט דאָס איז טאַקע די צרה, — זאָגט צו אים סאַשאַ — וואָס איר זענט פאַרטאַרעראַמט מיט אײַ ע ר ע געשעפטן, פּאַדריאַדן, און מיר זײַנען פאַרטאַרעראַמט מיט אונדזערע געשעפטן, און דערווײַל דאָס ייִדישע פאָלק גייט אונטער...

— אַט־אַט־אַט! — מאַכט צו אים דער גאַסט און ווײַזט אים מיטן פינגער, אַז ער האָט געטראָפן אין רעכטן קאַרב אַרײַן. — גערעכט! לאָמיך האָבן אַזאַ יאָר, ווי איר זײַט גערעכט! די אייגענע טענות האָב איך מיט מײַן טאָכטער: צו וואָס טויג אונדז, זאָג איך, זיך פאַרנעמען מיט פּאָליטיק, רעוואָלוציעס־שמוציעס? הלוואי איך זאָל ליגן זאָגן, זאָג איך, עס וועט זיך דאָך געווים אויסלאָזן, זאָג איך, צו אונדזערע קעפּ. מיט אַ קעשינעוו, מיט אַ פּאָגראָם און מיט אַרויסטרײַבן, זאָג איך, ייִדן

פון די דערפער און פון די שטעט, זאָג איך. אָט האָב איך, זאָג איך, צו טאָן מיט פּריצים, טייטן זיי, זאָג איך, מיט די פינגער און ווייזן אַז אַף אונדז, אַז אומעטום זיינען זיינען מיר שולדיק! איך זאָג, אַז אַ ייד טאָר זיך נישט מישן, אַ ייד דאַרף וויסן, אַז ער איז אַ ייד...

— און קושן דעם פּריץ די האַנט און זינגען מה־יפית? אָדער זיצן און וואַרטן, ביז מע וועט קומען און מע וועט אים צערייסן די קישעלעך, צעברעכן די בענקלעך, צעראַבעווען דאָס פאַרמגן, פּייניקן דאָס ווייב, שענדן די טעכטער? — זאָגט סאַשאַ צום גאַסט, און דער גאַסט ענטפערט אים:

— טע־טע־טע! זייט איר דאָך דער אייגענער פויגל, וואָס זיי אַלע! וואָס איז דאָס פאַר ווערטער געוואָרן: קעמפן? שלאָגן זיך? איך האָב געמיינט, איר זייט אַ שטילינקער, צום סוף... מיין טאָכטער אויך אַזוי...

— דער חילוק צווישן אונדז איז, וואָס איך זאָג קעמפן פאַר אונדזערע אייגענע אינטערעסן פון אונדזער אייגן פאָלק, וואָס מיר איז דאָס נאָענטער, און אייער טאָכטער איז אַוועק ווייטער...

— יאָ, מיין טאָכטער איז אַוועק ווייט, שוין צו ווייט!...

אַזוי זאָגט איציקל שאַסטעפּאַל מיט אַ זיפץ און מיט אַ ביטער שמייכעלע, און זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן דריקן אויס זייער פיל פאַרשטעלטן טרויער, פאַרבאָרגענעם שמערץ, און ער הייבט אָן מיט אַ טאָן נידעריקער:

— אָט דאָס בין איך טאַקע צו אייך אַריינגעקומען. ערשטנס, זיך אויסריידן אַביסל דאָס האַרץ. אייך האָב איך דערקענט פאַר אַ ווויל מענטשל, כ'לעבן, איר זייט מיר געפעלן, דאָס הייסט, איר הייבט מיר אָן צו געפעלן, איר האָט אין זיך כאָטש אַ קאַפּל יידישקייט.

— אַ דאַנק, — מאַכט צו אים סאַשאַ מיט אַ האַלבן שמייכל.

— נישטאָ פאַר וואָס. — זאָגט אים שאַסטעפּאַל גאַנץ ערנסט. — און, צווייטנס, האָב איך אייך געוואָלט ווייזן עפּעס אַ זאַך. איך וועל דאָס אייך באַלד ווייזן. נאָר קודם דאַרף איך אייך זאָגן אַ הקדמה, אַז איר זאָלט נישט מיינען חס ושלום, אַז איך קלער עפּעס איבער אַף מיין טאָכטער. איך קען מיין טאָכטער זייער גוט, מעגט איר מיר גלייבן אַף נאמנות.

— איך גלייב אײַך.

— אלזא, איז אפּגערעדט דערפון. — זאָגט שאַסטעפּאַל און פאַר־גנבהט זיך מיט אַ קוק צו סאַשאַן אין די אויגן אַרײַן. — אלא וואָס דיען? איך פאַרשטיי זי נישט! איך הייב זי נישט אָן צו פאַרשטיין! געוויס דאַרפט איר קענען מײַן טאָכטערס לערער, דעם קריסט, ראַמאַנ־ענקאָס זונדל, פון דער גימנאַזיע דער לערער, אַ ווויל גויעצל, אַן ערלע־כער, נאָר אַ פאַרברענטער „חברה־מאַן"! פון די דאַזיקע לײַט... מײַן טאָכטער האַלט פון אים. איך האַלט אפילו אויך פון אים; נאָר זי — גאָר לעילא ולעילא! אַ גאַנצער גאָט בײַ איר! איך אָבער זאָג איר: אַ מענטש איז נישט קיין גאָט. זאָגט זי: דו קענסט נישט ראַמאַנענקאָן. זאָג איך: איך קען גרעסערע לײַט פון אים; איך קען דעם פּראָקוראָר, איך קען דעם פּרעדסעדאַטעל, איך קען דעם גובערנאַטאָר אַליין... לאַכט זי פון מיר. איר ווייסט דאָך, בײַ די דאַזיקע איז דער גובערנאַטאָר טריפה... מילא, דאָס ביז איך אײַך נישט אויסן. אַ גאָט איז אַ גאָט... איז ער אָבער נישטאָ הי, דער גאָט, דער יונגער ראַמאַנענקאָ מיין איך. ער איז ערגעץ ווייס איך ווו, אין סיביר מסתמא. מע ווייס נישט ווו... פרעגט זיך אַ קשיא: וויבאַלד אַז ער איז נישטאָ, דער גאָט, דער יונגער ראַמאַנענקאָ מיין איך, הײַנט וואָס האָט מען אַהין צו גיין?

— וואָהין? — פרעגט סאַשאַ.

— איך ווייס וואָהין? צו זײַנע עלטערן, אפּנים?... דעם פאָטער ווייסט איר דאָך, וואָס פאַר אַ צורר־היהודים ער איז... וואָס האָט זי דאָרט צו טאָן אַלע טאָג?

— ווער? — פרעגט ווידער סאַשאַ.

— מײַן טאָכטער, טעמע, טאַמאַראַ הייסט דאָס! ביז איך בין גע־וואָר געוואָרן, וואָהין זי גייט! אַלע טאָג, אַלע טאָג ווערט זי פאַרפאַלן אויף צוויי־דרײַ שעה, און איך האָב נישט געוווּסט וואָהין... וואָס הייסט, איך האָב נישט געוווּסט? נישט געוווּסט — און אַן עק!... בקיצור, איך בין געוואָר געוואָרן, אַז זי גייט אַהין... ווי־אַזוי איך בין געוואָר געוואָרן? — אַבי איך ביז געוואָר געוואָרן... וואָס טוט זי דאָרט?... איך ווייס וואָס זי טוט?... וואָס זאָל איך קלערן? וואָס קאָן איך אויף איר קלערן? זי איז אַ ייִדישע טאָכטער, זיי זײַנען גויים, און דער פאָטער איז אַ רשע מרושע, אַ צורר־היהודים... און איך קען מײַן טאָכטער און

וויס, אַז זי האָט פֿײַנט דעם אַלטן ראָמאַנענקאָ גלײַך מיר מיר. שײַך זאָגן פֿײַנט? מיר לעבן דאָך מיט אים צוזאַמען. נאָר וואָס געהערט ער זיך אָן מיט אונדז? איך וויים, אַז בײַ איר איז ער טריפֿה, אַזוי ווי בײַ מיר. וואָס דאַרפֿסט איר? זי האָט מיר אַליין דערציילט אַ מעשה, איך גיב אײַך דאָס איבער בסוד, איר זאָלט זיך נאָר נישט אַרויסריידן פֿאַר מײַן טאַכטער...

— קיין סודות פֿון אײַער טאָכטער דאַרפֿט איר, אײַנגנטלעך, מיר נישט דערציילן. — זאָגט סאַשאַ און קוקט מיט אומרויִקייט אָפֿן גאַסט.

— מענטש! דאָס איז נישט קיין סוד! דאָס ווייסן אין פּעטער־בורג אַלע, גאַנץ פּעטערבורג וויים! מילא, בין איך אײַך, דאָס אויך נישט אויסן... פֿרעגט זיך אָבער אַ קשיא: וואָס פֿאַר עסקים קאָן זי מיט זיי האָבן?...

— מיט וועמען?

— איך וויים מיט וועמען? מיט זײַנע עלטערן, אַפֿנים? מאַלט אײַך, איך בין נישט געשלאָפֿן, איך האָב נאָכגעקוקט, נאָכגעשמעקט, — איך וויים נישט, איך וויים גאָרנישט!... דאָס קינד, זע איך, פֿון טאָג צו טאָג גייט־אײַן, איך זע, זי טראָגט יסורים, נאָר וואָס — וויים איך נישט! איך וויים נישט און קאָן נישט וויסן!... הײַנט למשל, קום איך אַרײַן, טרעף איך זי פֿאַרווײנט מיט אַ בלאַט־צײַטונג אין די הענט... וואָס איז דיר, טאָכטער? גאָרנישט. איצט איז זי אַוועק אַהין און גע־לאָזט אָט דאָס בלאַט אונטערגעשטראָכן מיט רויטן. דאָס בלאַט איז אַן אויסלענדיש בלאַט, אַ סוד פֿאַר מיר. איך וואָלט זייער וועלן וויסן וואָס דאָ שטייט... פֿאַר קיין אַנדערן וואָלט איך נישט פֿאַרגלייבט. צו אײַך האָב איך עפּעס מער צוטרויען...

— איך דאַנק אײַך זייער. — מאַכט צו אים סאַשאַ צערודערט פֿונעם גאַנצן שמועס. — מיר איז אָבער נישט אַנגענעם אַרײַנצומישן זיך אין די פּערזענלעכע ענינים פֿון אײַער טאָכטער... אינטימע, סעמיינע זאַכן...

— מענטש וואָס איז זײַט! — שרײַט אויס איציקל שאָסטעפּאָל. — וועמען דען זאָל איך גיין דערציילן? וועמען דען זאָל איך געבן איבערלייענען? פֿאַרגעסט נישט, אַז ס'איז מײַן איין־און־איינציק קינד! זי איז בײַ מיר אַ בת־יחידה, און איך האָב זי ליב...

די לעצטע ווערטער זײַנען געזאָגט געוואָרן מיט אַזאַ פֿײַער, אַז סאַשאַ סאַפּראַנאָוויטש האָט רחמנות געהאַט אויף טאַמאַראַס פֿאָטער, און אפשר ווילט זיך אים אַליין אויך וויסן, וואָס שטייט אין בלאַט? וועלכער מענטש קאָן גיין פֿאַרבײַ אַן אָרט, וווּ ער ווייס, אַז דאָרט איז אַ סוד, און נישט אַ קוק טאָן כאָטש מיט איין אויג אויף דעם אָראָפּגעלאָזטן פֿאָר־האַנג?... מע דאַרף נישט פֿאַרגעסן דאָס אויך, אַז טאַמאַראַ שאָסטע־פּאַל האָט פֿאַר סאַשאַן אויך אַ שטיקל אינטערעס. אויב נאָך עמעצער איז פֿאַרליבט אין טאַמאַראַן, איז ער געוויס נישט אַזוי פֿאַרליבט, ווי סאַשאַ, און געוויס נישט פֿרײַער פֿון סאַשאַן. און ער נעמט דאָס בלאַט באַם פֿאָטער און לייענט:

„דעם 10־טן, 12 אַזייגער האַלבן טאָג, איז אין דער קאַמער פֿון פֿעסטונג, דאָרט וווּ עס האָט זיך אויפֿגעהאַלטן דער געוועזער ראַמאַנענקאָ, געקומען דער פּראָקוראָר און האָט מודיע געווען דעם אַרעסטירטן, אַז צוויי אַזייגער וועט ער הינגעריכטעט ווערן דורך הענגען. אויף דעם פּנים פֿונעם פֿאַרמשפּטן האָט אַפֿילו איין מוסקול נישט אַ ריר געטאָן זיך. דער פּראָקוראָר האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַרטיקע בקשה וועגן באַגנאַדיקן, ער זאָל זיך אונטערשרײַבן. דער פֿאַרמשפּטער אָבער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט און האָט געבעטן, מע זאָל אים געבן טיי. דער פּראָקוראָר איז אַרויסגעגאַנגען און איז נאָכדעם צוריק אַרײַנגעגאַנגען און געבעטן בײַ אים, ער זאָל זיך התמענען אויף דער ביטע, דאַן וועט מען אים שענקען דאָס לעבן. דער פֿאַרמשפּטער האָט אים נאָכאַמאָל געזאָגט, אַז ער וועט אַזאַ ביטע קיינמאָל נישט אונטערשרײַבן. אַז מע האָט אים געפֿרעגט, אויב ער פֿאַרלאַנגט אַ גײַסטלעכן פֿאַרן טויט, האָט ער געענטפֿערט, אַז ער דאַרף נישט קיין גײַסטלעכן, קיין אָפֿיציעלן פֿאַרשטייער פֿון אַ גלויבן. זײַן גלויבן, זײַן רעליגיע איז אַ אינעוויייניקסטע, זײַן געוויסן איז ריין, ער איז איבערצײַגט, אַז ער האָט קיין שלעכטס נישט געטאָן. פֿון דער קאַמער איז דער פֿאַרמשפּטער אַרויס מיט שטאָלץ און רויִק, גלײַך ווי ער וואָלט גיין אויפֿן שפּאַציר. אַז מע האָט אים צוגעפֿירט צום עשאַפֿאָט, האָט ער זיך ליבלעך געווענדעט צו אַן אָפֿיציר מיט פֿאָלגנדע ווערטער: „גיט איבער מײַנע חברים, אַז איך שטאַרב רויִק און אַז איך וועל אייביק זײַן מיט זיי"... זײַנע לעצטע ווערטער זײַנען געווען: „גריסט מײַן

מוטער!״ אזא איבערנאַטירלעכע רויִקייט האָט מען נאָך קיינמאָל נישט געזען אין די ווענט פון פעסטונג.

אזוי שטאַרבט אַ רוסישער העלד״.

## קאַפּיטל ה.

## אַ שטילע טראַגעדיע מיט אַ רעשדיקן סוף

(אַרויסגענומען פון די צייַטונגען)

נומער איינס: „איבער אַ מיידל, וואָס האָט זיך געהאָנגען היינט אין איינע פון די טורמעס, האָבן אַלע אַרעסטאַנטן דערקלערט אַ הונגער אַף דרייַ טאָג און אויפגעהויבן אַ גרויסן סקאַנדאַל. מע האָט געמוזט אַנקומען צו דער הילף פון מיליטער. דרייַ בונטאָווטשטשיקעס זייַנען געהרגעט אַף טויט. עלף פאַרווונדעט. אַכט פון זיי טויטלעך״.

נומער צוויי: „דאָס מיידל, איבער וועלכער עס האָט אויסגעבראָכן דער גרויסער אויפשטאַנד פון די אַרעסטאַנטן אין די טורמעס, האָט מען געפונען געהאָנגען אַף די אייַזערנע גראַטעס פונעם פענצטער אַף צונויפגעדרייטע פּאַסן פון אַ צעריסן העמד. די סיבה, וואָס האָט געצווונגען דאָס מיידל צו באַגיין זעלבסטמאָרד אַף אַזאַ מוראַדיקן, מאָוימדיקן שטייגער אין טורמע, איז נאָך מער מאָוימדיק, ווי איר טויט״.

נומער דרייַ: „אונדז איז געראָטן אַרויסצוקריגן איינציקע פּרטים וועגן דעם געהאָנגענעם מיידל, וואָס מע האָט דאָ נישט לאַנג געפונען אין איינע פון די טורמעס. און אַט ווי‍אַזוי עס ווערט אונדז געמעלדעט פון זייער אַ זיכערע קוועלע: מיט אַ קורצער צייַט צוריק זייַנען אַנטלאָפן פון געפענקעניש עטלעכע אַרעסטאַנטן דורך אַ ווונדערלעכן אופן. וואָס איז כמעט אומגלייבלעך: אַרום האַלבע נאַכט האָט מען אַנגעקלונגען צום סמאָטריטעל פון דער טורמע אין טעלעפאָן מיט אַ געווויסן „פּאַראָל״, אַז באַלד וועט קומען צו פאָרן אין טורמע אריין אַ ראַטמיסטער מיט עטלעכע סאָלדאַטן, צו פאַרנעמען און ברענגען צו פירן צום פּראָקוראָר אין אַ באַזונדערער קאַרעטע איינציקע פּאָליטישע פאַרברעכער, צווישן זיי איינס אַ מיידל, אַ געוויסע פּאָליטישע, וואָס ווערט באַשולדיקט אין פיל

פאַרברעכנס. און, ווירקלעך, איז עטלעכע מינוט אַרום איז אָנגעקומען דער ראַטמיסטער מיט די סאָלדאַטן, זיך געמעלדעט מיט אַ פאַרחתמעטן פּאַקעט פונעם פּראָקוראָר, אין וועלכן עס זײַנען געווען ריכטיק אויסגע־רעכנט די זעלבע נעמען פון די פּאָליטישע פאַרברעכער, וואָס דער פּראָ־קוראָר האָט זיי אויפגעפאָדערט דורכן טעלעפאָן.

אין פאַרלויף פון איין האַלבע שעה זײַנען אַלע פאַרמאָליטעטן אָפּ־געטאָן געוואָרן, און דער ראַטמיסטער מיט די אַרעסטאַנטן זײַנען אָפּ־געפאָרן. ערשט אַפן אַנדער טאָג אינדערפרי, נאָכדעם, אַז מע האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן צוריק אַף דער קאַרעטע, און נאָכדעם, ווי מע האָט זיך אָנגעפרעגט דורכן טעלעפאָן באַם פּראָקוראָר, האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז דאָס איז געווען נישט מער ווי אַ פּאָקוס, אַ קונציקער שווינדל פון רעוואָלוציאָנערן.

דעם זעלבן טאָג אינדערפרי איז אָבער געראָטן איינעם פון די טיכטיקע פּאָליציי־שפּיאָנען צו דערקענען איינע פון די אַנטלאָפענע, און ער האָט זי אַרעסטירט און אָפּגעפירט אין אוטשאַסטאָק. פון דאָרט האָט מען זי אָפּגעפירט אינעם צווייטן אוטשאַסטאָק, פונעם צווייטן אינעם דריטן... אַף מאָרגן אַרום פאַרנאַכט האָט מען געפונען די אומגליקלעכע אַ געהאַנגענע. דער נאָמען פון דער אומגליקלעכער, ווי מיר האָבן דער־פאַרן, איז מאַניאַ, אָדער מאַשאַ באַשעוויטש".

נומער פיר: „הײַנט זייגער 10 אינדערפרי האָבן זיך צונויפ־געקליבן עטלעכע הונדערט סטודענטן און אַריבער צען טויזנט אַרבעטער און האָבן געוואָלט אָפּהאַלטן אַ פּאַניכידאַ פאַר דער געהאַנגענער באַ־שעוויטש. גיך האָט זיך באַוויזן פּאָליציי און האָט צעטריבן דעם גאַנצן עולם. קיין ערנסטער צוזאַמענשטויס איז נישט פאָרגעקומען. עטלעכע און דרײַסיק זײַנען אָפּגעפירט געוואָרן אין האָספּיטאַל".

נומער פינף: „דעם זעלבן טאָג, מיט צוויי שעה שפּעטער, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ פּאַניכידאַ פאַר מאַשאַ באַשעוויטש, און ווײַל דערבײַ זײַנען געהאַלטן געוואָרן אָנצינדענדיקע רעדעס און ס'איז אַרויס־געוואָרפן געוואָרן אַ רויטע פאָן, איז דער צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָ־ליציי געווען אַ סך ערנסטער. מע ציילט צוויי און צוואַנציק געהרגעטע און מער אַלס הונדערט שווער פאַרוווּנדעטע; אונטער זיי פיל פרויען און קינדער.

איצט איז רויִק".

נומער זעקס: „אַלס נאָכווייעניש פונעם צוזאַמענשטויס אײַבער דער פּאַניקידאַ פאַר דער געהאַנגענער באַשעוויטש, האָט אין אײַניקע פאַבריקן אויסגעבראָכן אַ שטרײַק, וועלכער פארשפּרייט זיך אויך אין אַנדערע שטעט. עס ווערט געפּלאַנט אַן אַלגעמיינער באַן־שטרײַק. אין די הויפן איז אָנגעגרייט מיליטער, אַף די גאַסן איז רויִק".

* * *

די לופט איז געוואָרן וואָס אַ טאָג געדיכטער און שטיקנדיקער. שווערע וואָלקנס האָבן באַצויגן דעם הימל. עס האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון שוועבל. דער שטורעם האָט זיך גערריקט אַלץ נענטער און נענטער. יעדע מינוט האָט מען געקאָנט דערוואַרטן אַ וואָלקנברוך, אַן אויסגוס, אַ מבול.

נאָך אויב די טרויעריקע געשיכטע מיט מאַשאַ באַשעוויטש האָט אומעטום אַרויסגערופן אַזאַ שטורעם, קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ רעש זי האָט באַדאַרפט אַרויסרופן אין דער שטאָט, ווו מאַשאַ באַשעוויטש איז געבאָרן, ווו כמעט אַלע האָבן זי געקענט, ווו אַ מינדסט קינד האָט געקאָנט אָנווײַזן אַף איר מיטן פינגער און זאָגן: „אָן גייט מאַשאַ". די זעלבע שכנים פון ליפּאַ באַשעוויטש, וואָס פלעגן פריִער אַנטלויפן פון דעם האַלץ־ייִד מיט זײַנע חדושים ונפלאות פון זײַן טאָכטער מאַשאַ, די זעלבע גוטהאַרציקע לײַט האָבן מיטאַמאָל באַקומען רחמנות אַף דעם אָרעמען פאָטער אין זײַן גרויסן טיפן אומבאַשרײַבלעכן טרויער און האָבן באַקומען חשק צו טרייסטן מיט ווערטער דעם, וואָס קאָן נישט זײַן געטרייסט, פאַרהיילן מיט אַ קרעכץ דעם גרויסן ווייטיק, וואָס קאָן נישט אויסגעהיילט ווערן קיינמאָל. די גוטהאַרציקע מענטשן, וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט אינטערעסירט מיט ליפּאַס טאָכטער, האָבן זיך מיטאַמאָל אָנגעהויבן דערמאָנען אָן דעם דאָזיקן מיידל מיט די אונטערגעשאָרענע האָר און אָן אירע אַלע גוטע מעלות, און יעדער האָט באַקומען חשק צו זאָגן דעם אומגליקלעכן פאָטער כאָטש אַ גוט וואָרט, און אַגב זיך אויספרעגן בײַ אים, וויִאַזוי און וואָס און ווען, און צי האָט ער עפּעס געהאַט פון איר בריוו די לעצטע צײַט, און וואָס האָט זי

אים געשריבן, און צי ס'איז אמת איר אנטלויפן פון דער טורמע, ווי מע שרייבט, און וויאַזוי איז זי צו דערצו געקומען?

— דאַכט זיך, אַזוי איז זי געווען אַ מיידל, גאָרנישט, גלייך מיט אַלע... גיי זיי אַ נביא, אַז פון דעם מיידל וועט אַמאָל אויסוואַקסן אַזאַ... אַזאַ... וואָס פון איר וועט ריידן די גאַנצע וועלט;

ליפּאַ באַשעוויטש, אין דער ערשטער מינוט, אַז ער האָט דערפאַרן פונעם גרויסן אומגליק, האָט ער זיך אויסגעריסן אַ שטיק באָרד, זיך געלאָזט לויפן מיט אויסגעשטרעקטע הענט, אַליין נישט צו וויסן, וווּהין ער לויפט. נאָכדעם האָט ער זיך אומגעקערט צוריק, אַראָפּגעוואָרפן די שטיוול פון די פיס, זיך אַנגעריסן די לאַץ פון דער סײַ־ווי־סײַ צעריסע־נער קאַפּאָטע, געריסן קריעה אויך מיט ווײַב און קינדער, און אַלע האָבן אַוועקגעזעצט זיך „שבעה". נאָר איין אַליק (אַ בחור פון אַכצן יאָר) האָט נישט געוואָלט זיך אַוועקזעצן אויף דער ערד. ער האָט נישט אַרויס־געלאָזט אַפילו קיין טרער. עס האָט זיך אים נאָר אָנגעצונדן דאָס פּנים, די אויגן זײַנען בײַ אים געוואָרן ווי איבערגעקערט, זיך אַ טאַפּ געטאָן אין די הויזן־קעשענעס און אַ זאָג געטאָן:

— טאַטע! איך פאָר גלייך אַהין. איך בעט אײַך, איר זאָלט מיך נישט צוהאַלטן.

און עס האָבן נישט געהאָלפן נישט דעם טאַטנס בייזערן זיך, נישט דער מאַמעס טרערן, נישט דאָס געוויין פון די קלענערע קינדער, — אַליק איז אוועק און איז ווי אין וואַסער אַרײַן. ווו איז אַהינגעקומען אַליק — ווייס נישט ליפּאַ באַשעוויטש. לאָזט אים צורו — ער ווייס נאָר איין זאַך: ער ווייס, אַז ער האָט געהאַט אַ מאַשאַ, וואָס קיינער פאַרמאָגט נישט אַזאַ מאַשאַ, און איצט איז זי נישטאָ! ליפּאַ ווייס, אַז די גאַנצע שטאָט, די גאַנצע וועלט וויגט זיך מיט זײַן מאַשאַ! אַפילו איציקל שאַסטעפּאַל, וואָס פלעגן פון אים אַנטלויפן, שטעלט זיך אויך הײַנט אַפּ אַלעמאָל, ווען ער דערזעט אים, און פרעגט זיך אויס אַף מאַשאַן. פון איציקלס טאָכטער שמועסט מען נישט! ווען נישט זי, וואָלט ער מיט זײַן ווײַב און קינדער שוין לאַנג אויסגעגאַנגען פון הונגער... אַפילו גויים, קריסטן, סטודענטן האַלטן אַף פּאַניכידעס, אומעטום, אַר־מעטום, דאָ אויך, עס וועט הײַנט זײַן, זאָגט מען, אין דער גרויסער שול אַן אַסיפה, אַ מין הזכרת־נשמות. אַהינצו דאַרף מען גיין, כאָטש אַפילו

זײַן װײַב שלאָגט אים אָפּ דערפֿון. זי זאָגט: מע דאַרף נישט גײן. נאָר װאָס װײס אַ ייִדענע? למאי זאָל מען נישט צולאָזן אים דאָס שטיקל פּאַרגעניגן, האָרכן, װאָס לײַטן װעלן זאָגן װעגן זײַן מאַשאַן? ... און ליפּאַ לאָזט זיך גײן אין דער גרױסער שול, און טרעפֿט אינדרױסן שױן אַזאַ עולם, װאָס ער האָט שױן לאַנג אַזעלכן נישט געזען. דער גרעסטער מיליאָנער זאָל שטאַרבן, װעט ער נישט צונױפֿנעמען אַזאַ עולם! און אינעװײניק אין שול װאָס טוט זיך! מע קאָן דען אַהין אַרײַן? מע לאָזט דען? אַ גליק, װאָס מע האָט אים דערקענט.

— דעם פֿאָטער! ... לאָזט אַרײַן דעם פֿאָטער! ...

און ליפּאַ באַשעװיטש גײט מיט גדלות, קוים װאָס מע שטופּט אים דורך, אַהין אַרױף, אַרױף, װוּ איציקל שאַסטעפּאַל, װוּ די בערנשטײנס מיט די הײַלפֿערנס מיט די אַלע איבעריקע גרױסע... ער זעט פֿאַר זיך אַ סך באַקאַנטע פּנימער. דעם אַפּטײקער סאַפּראָנאָװיטש, נחמיה דעם שוסטער מיט זײַנע בנים, יודל קטנתי און נאָך און נאָך... אַלצדינג איז דעקאָרירט מיט טרױער, באַהאַנגען מיט שװאַרצן... אַן אומעט איז אױסגעגאָסן אױף אַלע פּנימער... מאַצבילן און װײַבער צוזאַמען... אױף דער בימה שטײט עפּעס אַן אומבאַקאַנט בחורל מיט געלע האָר, שײַנט אים אַ סטודענטל צו זײַן, אױב נישט דעם אַפּטײקערס זונדל, און האַלט זײער אַ פֿײַעריקע רעדע. ליפּאַ פֿאַרשטײט אים נישט... רײדן רעדט ער אַפֿילו זײער שײן, זיס, געשמאַק, נאָר ער פֿאַרשטײט אים נישט... פּסוקים גאַנצע ברענגט ער... פּילגש בגבעה... סדום און עמורה... דור המבול... דער עולם װישט די אױגן, און אים, דעם פֿאָטער, גאָר־נישט; און ער פֿאַרשטײט אַלײן נישט, פֿאַרװאָס אים איז גאָרנישט... און אַפֿילו נאָכדעם, װען עס קומט אַרױף דער חזן מיטן כאָר, און דער כאָר הײבט אָן זינגען, און דער חזן פֿיסקלט זיך, און עס לאָזט זיך הערן ד׳ער טרױעריקער װײנענדיקער נוסח אױסגעצױגן: „אל מלא רחמים"... און די שול װערט פֿול מיט געװײן... עס װײנען יונגע קינדער... עס װײנען אַלטע ייִדן... װײַבער חלשן... און ער, דער פֿאָטער, גאָר־נישט; און ער פֿאַרשטײט אַלײן נישט, פֿאַרװאָס אים איז גאָרנישט... נאָר אַז עס קומט צו די װערטער: את נשמת הבתולה מרים גיטל בת רב ליפּאַ שהלכה לעולמה", — דערפֿילט דער אומגליקלעכער פֿאָטער, װי עפּעס מיטאַמאָל האָט זיך געגעבן אַ ריס אָפּ בײַ אים אין האַרצן, אַ

שטיק ארויף אין גארגל און א זעץ, ווי מיט א האמער, איבערן מח, און עס רײַסט זיך ארויס בײַ אים פונעם האלדז, נישט ווי בײַ א מענטשן, נאר ווי בײַ א געקוילעטן אקס, ארויף און אראפּ, און ער אליין דערשרעקט זיך פאר זײַן משונהדיקן קול און צעלאכט זיך פון זײַן אקסן־שטימע שטיל צו זיך אין בארד אַרײַן... און דער כאר הערט נישט אויף צו זינגען, און דער חזן הערט נישט אויף צו מאכן פּיסקעס, באַווײַזן, וואס ער קאן... און דער אָרעמער ליפּא פילט, אז ער האט פארגעסן אין דער מינוט, צו וואס ער איז אהער געקומען, און וואס טוט דא דער עולם? און אז אף דער בימה גייט ארויף א נײַער פּאַרשוין, עפּעס אן אומבאקאנטער, א געזונטער, א באוואקסענער, א האריקער, ווי א בער, מיט א שטימע פון א בער, און דונערט מיט זײַן בערן־שטימע: „ווייסט איר, ווער איז געווען מאשא באשעוויטש!" — דא דערמאנט זיך ליפּא, צו וואס ער איז אהער געקומען און וואס עס טוט דא דער עולם... נאר ער קאן נישט פארשטיין איין זאך: וואס זאגט עפּעס אט דער באוואקסענער נפש אף זײַן מאשא, אז זי איז געווען? וואס הייסט, זי איז געווען? נו, און איצט וווּ איז זי?... און בשום אופן קאן זיך ליפּא באשעוויטש נישט דערמאנען, ווו זײַן טאכטער מאשא איז?... און ליפּא באַשעוויטש קאן נישט פארשטיין וואס טוען די סאלדאטן אין שול? סאלדאטן רײַטנדיק אף פערד? און וואס לויפט אזוי דער עולם? וואס שפּרינגט מען דורך די פענצטער? פאר וואס א מהומה אף זיי? וואס פאר א בהלה? און א זעץ פון א „נאגײַקע" ניכטערט אים אויס, און מע טרײַבט אים צוזאמען מיט נאך מענטשן אין אוטשאסטאק ארײַן, און דארטן אין הויף שרײַבט מען זיי איבער, און אז עס קומט צו אים, גיט מען אים האלדז אין נאקן און מע ווארפט אים ארויס:

— איר זעט נישט, אז דער אלטער איז גערירט?...

* * *

— דער רוח האט מיך געטראגן אין שול ארײַן! — האט געזאגט איציקל שאסטעפאל, נאכדעם אז ער איז ארויס פון שול פרײַ, אפּגעקומען סך הכל מיט איין נאגײַקע אין פּלייצע. — א גליק, וואס איך בין א ריינער מענטש און בין נישט פארמישט אין די „דאזיקע" זאכן...

— וואָס דו ביסט נישט פאַרמישט אין די „דאַזיקע" זאַכן איז פון די קליינינקייטן; זעסטו, דאָס, וואָס אונדזער טעמע איז אַרויס פון זייערע הענט ריין — דאָס איז יאָ אַ גליק!

אַזוי ענטפערט אים זײַן פרוי שיווקע און דאַנקט גאָט יעדן טאָג, יעדע שעה, יעדע מינוט, וואָס איר טאָכטער איז מיט איר. איר זאָגט דאָס האַרץ, — אַ מוטערס האַרץ פילט — אַז נישט אויף לאַנג האָט איר גאָט געשענקט די מתנה; איז נישט הײַנט — איז מאָרגן וועט חלילה קומען אַן אויסכאַפּעניש אויף איר קינד.

אַזוי האָט זיך אַביסל דורכגערעדט דאָס האַרץ שיווקע שאַסטעפּאַל פאַר איר קעכן חוה די ייִדענע, און קיינער האָט זי נישט געקאָנט אַזוי פאַרשטיין און אַזוי מיטפילן איר, ווי חוה די ייִדענע, וואָס האָט אַליין אויך געהאַט אַן „אומגליק".

חוה דער ייִדענעס „אומגליק" איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט געהאַט אַ זון אַן „אומגליק". געהייסן האָט ער שמואליק, נאָר גע־רופן האָט זי אים „דער אומגליק".

— גלאַט, מע טאָר נישט זינדיקן, נאָר דעם אמת פאַרלייקענען טאָר מען אויך נישט. גאָט האָט מיך געבענטשט מיט אַן אומגליק. אַזוי אַ קוק טאָן אויף דער מצבה, דאַכט זיך, אַ גאַנץ פײַנער בחור, אַ הויכער, אַ גלאַטער, אַ לעבעדיקער, און רעדט מיט אים — דאַכט זיך, נישט קיין נאַר אויך, און אַ שטילער, אַ סטאַטעטשנער בחור, און אַן אַרבעט־יונג, גאָלדענע הענט! ער איז אַ זייגערמאַכער; זײַן בעל־הבית, יאָסי דער זייגערמאַכער, קאָן זיך פון אים גאַרנישט אָפּלויבן. אַז מע שמועסט אַ געראָטענער! איז אָבער דער שוואַרץ יאָר זאָל אים וויסן — זינט ער האָט זיך „זניובעט" מיטן שוסטערס בנימלעד, פאַרכאַפּט זאָלן זיי אײַך ווערן, איז דאָס קינד געוואָרן אַן אַנדער קינד! ערשטנס, וואָס פאַר אַ מחותן ביסטו גלאַט מיט אַ שוסטערס אַ יינגל? דײַן טאַטע איז נישט געווען קיין שוסטער, און דײַן זיידע אויך נישט... וואָלט דאָס נאָך נישט געווען אַזאַ אומגליק, ווען ער זאָל נישט לייענען קיין ביכלעך פון עקספּראַ... טפו! איך האָב פאַרגעסן, ווי ס'הייסט! — און ער זאָל נישט מישן זיך אין פרעמדע געשעפטן, דאַרן דעם קאָפּ פאַר יענעמס אַר־בעטער. וואָס גייט דיך אָן, צי יענעמס אַרבעטער וועלן אַרבעטן צוועלף שאָ, צי פערצן, צי אַכצן שעה? פון מײַנטוועגן מעגן זיי זיך שלאָגן

קאָפּ אַז וואַנט מיט די בעלי־ביתים אינאיינעם אפילו זעקס־און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת. וואָס, אפשר נישט אַזוי?...

— געווים אַזוי! — זאָגט שיווקע און קוקט זיך אַרום, צי טאַמאַראַ הערט נישט זייער שמועס. — ס'איז הײַנט מיט זיי אומעטום צרות און צרות און צרות!

פריִער, איידער די טאָכטער איז געקומען פון פעטערבורג, האָט זי געציילט די מינוטן, זי זאָל שוין קומען בשלום, און אַז זי האָט דערהערט, אַז עס זײַנען געשלאָסן אַלע גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטן, האָט זיך שיווקע פשוט מחיה געווען.

אַז עק, אַ סוף — מע וועט אויפהערן שטודירן, מע וועט שוין קאָנען אַמאָל אַ שידוך טאָן מיט אַ קינד, שוין צײַט...

צום סוף, גיי זײַ אַ נביא, אַז מע וועט נישט לערנען, וועט זײַן נאָך ערגער! וואָרעם וואָס קאָן נאָך זײַן ערגער פון דעם, ווי זען אַ קינד גייט אַרום ווי אַ שאָטן, נודעט זיך, ווערט פאַרפאַלן אויף צוויי־דרײַ שעה, מע ווייס נישט וווּ, גיט זיך אָפּ מיט פוסטע זאַכן, פירט קענטשאַפט מיט אַזעלכע מענטשלעך, ווי דעם שוסטערס קינדער, — אסור אויב זי פאַר־שטייט, וואָס דאָס איז מיט איר! הײַנט די שרעקן, וואָס מע הערט זיך אַן אָנצינד! הרגענען, שיסן, אויפרײַסן איז הײַנט געוואָרן אַ וואָכעדיקער גאַנג, און דאָ רעדט מען ערשט פון אומגליקן, פון בלוט־פאַרגיסונגען, וואָס וועלן זײַן!... גוואַלד, ווי־אַזוי לעבט מען איבער אָט די אַלע פּחדים?!

* * *

דעם זעלבן טאָג, אָפּדערנאַכט, איז בײַ טאַמאַראַ שאַסטעפּאַל געווען אַ שטיקל פאַרזאַמלונג. פון פאַרנאַכט אַז האָט זי געהייסן צומאַכן די לאָדן און געבעטן מאַכן טיי. אַרום זייגער עלף האָבן זיך איינציקווײַז אָנגעהויבן צונויפקלײַבן, און מייסטנס אויף דער הינטערשטער טיר, יונגע־לײַט, צווישן וועלכע עס זײַנען געווען דעם שוסטער צוויי בנים, יודל קטנתים אַ זונדל, הײַנט דער באַוואַקסענער האַריקער נפש, נײַדיטש, און צום לעצט (אחרון אחרון חביב) האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אויך שמואליק, חוה דער ייִדענעס יינגל. די גאַנצע צײַט, וואָס די יונגעלײַט זײַנען גע־

גאנגען, האָט איציקל שאַסטעפּאַל נישט גערוט, געקנייטשט מיט די פּליי־צעס, אויפגעכאַפּט זיך פונעם אָרט און אַרומגעלאָפן איבערן שטוב, פאַרלייגט די הענט אַרונטער, און געפּינַיערט מיט די אויגן — מלא גזלן! נאָר אַז ער האָט דערזען אַרײַנגיין צו דער טאַכטער דער קעכנם בנאָק, איז ער געוואָרן געפּלעפט, אַנידערגעפאַלן אַף דער קאַנאַפּע, זיך געכאַפּט מיט בײדע הענט באַם קאָפּ און גענומען שאָקלען זיך און שרײַען:

— גוואַלד! גוואַלד! גוואַלד!...

— איצי! גאָט איז מיט דיר! — זאָגט צו אים שיווקע, און איציקל מאַכט צו איר מיט די הענט און לייגט צו אַ פינגער צום מויל:

— שאַ! שטילער! שרײַ נישט! דו מאַכסט אונדז אומגליק־לעך!... אומגליקלעך מאַכסטו אונדז!... מיר הערן נישט! מיר זעען נישט! מיר ווייסן גאָרנישט! מיר זײַנען נישטאָ אינדערהיים — ששששאַ!!!...

## קאַפּיטל ו.

## אַ ביטער שטיקל צײַט

איציקל שאַסטעפּאַל איז פונדעסטוועגן נישט געשלאָפן. ער האָט געטאָן וואָס ער האָט געקאָנט. אַז מע האָט אַזאַ טאָכטער, אַזאַ געראָטענע טאָכטער, ווי ער האָט, באַדאַרף מען זען זי חתונה מאַכן, איר ריידן אַ שדוך. נאָר וויאַזוי? געוויינטלעך, אַפּן נײַעם שטייגער, מאָדערן, נאָך דער צײַט. די רעכטע האַנט טאָר נישט וויסן וואָס די לינקע טוט. חתן־כלה אַליין דאַרפן נישט וויסן, אַז זיי זײַנען חתן־כלה. דער שדכן דאַרף שטיין אין אַ זײַט, און דער בחור דאַרף זיך באַקענען מיטן מיידל און אַרומטאַנצן אַרום איר אַזוי לאַנג, ביז די צײַט וועט קומען. ביז די שעה וועט שלאָגן... נישטאָ קיין שענערע זאַך אַף דער וועלט, ווי זען אַ בחור, אָדער עטלעכע בחורים טאַנצן אַרום אַ מיידל, ווילן זיך אויס־פײַנען פאַר איר, איבערשטײַגן איינער דעם אַנדערן.

אַרום טאַמאַראַ שאַסטעפּאַל האָבן געטאַנצט פײַנע בחורים, די פײַנסטע בחורים אין שטאָט. און מחמת זיי האָבן געטאַנצט אַרום אַזאַ רעוואָלוציאָנערקע, ווי שאַסטעפּאַלס טאָכטער, זײַנען זיי געוואָרן, זעלבסט־

פארשטענדלעך, ברענענדיקע אנהענגער פון דער רעוואלוציע, אריינגע־ווארפן אלעמאל א הויך ווארט, ארויסגעווארפן א שיינע פראזע. טאמארא שאסטעפאל האט אבער געפאדערט פון די בורזשואזע רעוואלוציאנערן, אז זיי זאלן ארויסווייזן זייער סימפאטיע צו דער באוועגונג נישט נאר מיט שיינע פראזן, נישט נאר מיט הויכע ווערטער אליין, נאר מיט דעם, וואס זיי פארמאגן, — און וואס קאנען פארמאגן אזעלכע „בורזשואזע פרינצן", אז נישט קיין געלט? און וואס נאך קאן מען פאדערן פון אזעלכע בורזשואזע רעוואלוציאנערן, אז נישט קיין געלט? און די בור־זשואזע רעוואלוציאנערן האבן געעפנט זייערע בײַטעלעך און האבן גע־געבן געלט צוליב דער „באוועגונג", איינער איבערן אנדערן, — און מער האט טאמארא פון זיי נישט פארלאנגט, און איז געווען צופרידן פון דער באקאנטשאפט, און זיי אוודאי — אלע זײַנען געווען צופרידן, און מער פון אלעמען איז געווען צופרידן דער שדכן, וואס האט זיך געדרייט „הינטער די קוליסן". זײַן גאנצע ארבעט איז געווען „הינטער די קוליסן". ער האט זיך נאר אריינגעכאפט איין מאל אין וואך, צווישן טאג און נאכט, צו די שאסטעפאלס, געכאפט עטלעכע ווערטער מיט איציקלען אדער שיווקען, נאכגעפרעגט זיך:

— נו? ווי האלט דאס?...

— דאנקען השם יתברך, דאכט זיך, עס גייט אף א גאנג... — האט געזאגט איציקל שאסטעפאל, און שיווקע האט צוגעלייגט:

— דער וואס לעבט אייביק זאל וועלן העלפן, ס'זאל שוין זײַן וואס גיכער...

דער וואס לעבט אייביק האט זיך אבער נישט געכאפט העלפן וואס גיכער. דער וואס לעבט אייביק האט צײַט. און דער זומער איז זיך גע־גאנגען מיט זײַנע הייסע לאנגע טעג, און ס'איז געקומען א נאכט, א ווארעמע, א שיינע זומער־נאכט, אן אויסגעשטערנטע, מיט א טיפן בלויען הימל, מיט א זינגען פון פייגלען פונעם נישט־ווייטן גארטן. עס ליגט זיך בא אפענע פענצטער און עס שלאפט זיך נישט, און עס דענקט זיך, און עס פלאנטן זיך גאלדענע מחשבות בא אונדזער איציקל שאסטעפאל אין קאפ, גוטע, ליכטיקע, טײַערע מחשבות: א קנס־מאל... א חופה... פאר ייִדן א חופה־וועטשערע... פאר קריסטן א באל... אפן באל פריצים א סך: דער „פרעדסעדאטעל" פון „אינטענדאנטסקע פראוולע־

ניע"... דער „סמאַטריטעל" פון דער טורמע... צוויי גענעראַלן... און נאָך פּריצים... זיי טרינקען געשמאַק פון גרויסע כוסות, הייסן זיך צופירן צו דער כלה, לויבן זי אין טאָג אַריַין, לויבן אַלע ייִדישע מיידלעך: „אַלע ייִדישע מיידלעך, זאָגן זיי, זיַינען שיין, זיַינען מלא חן, רייצנד, רייצנד!"...

פּלוצים דערהערט איציקל שאָסטעפּאַל אַ קלונג. ווער קאָן דאָס צו אים קלינגען אַזוי שפּעט? די דינסטן אַלע שלאָפן שוין. ער הערט נאָך אַ קלונג און נאָך אַ קלונג. מע מוז זיך אַליין מטריח זיַין גיין עפענען.

און איציקל שאָסטעפּאַל איז זיך מטריח בכבודו ובעצמו און גייט אַליין עפענען די טיר, און ער דערזעט... אַנטאָן איוואַנאָוויטש!

אַנטאָן איוואַנאָוויטש כאַלאַדקאָוו איז שאָסטעפּאַלס אַן אַלטער באַקאַנטער. ער איז דאָ פּריסטאַוו שוין פון כמה וכמה יאָרן, און איז אַ וואָילער גוי — ער נעמט אַ קערבל... מיט איציקל שאָסטעפּאַל איז ער גאָר אַ גוטער ברודער: ער זאָגט שאָסטעפּאַלן „דו" און פּאַטשט אים אין די פּלייצעס. אַלע יום־טוב כאַפּט ער זיך אַריַין צו שאָסטעפּאַלן אויף אַ גלעזל וויַין, לויבט די פיש און רעדט אים אויס, למאַי ער האָט אַ גדלנטע אַ טאָכטער. טאַמאַראַ, אַלעמאַל ווען זי זעט אים, באַהאַלט זי זיך, ווייל בשום אופן נישט אַרויסקומען צו אַנטאָן איוואַנאָוויטשן. אַנטאָן איוואַנאָוויטש פאַרשטייט דאָס, ווינקט מיט איין אויג צום פאָטער און זאָגט: „דו באַלעוועסט זי צופיל! צופיל איז זי באַ דיר געפּעסטעט! מע טאָר אַ טאָכטער אַזוי נישט נאָכגעבן!"... אַזוי מוסרט אים אַנטאָן איוואַנאָוויטש פאַר דער טאָכטער, און איציקל שאָסטעפּאַל קוועלט אָן, ווערט ברייטער ווי לענגער:

דערזען כאַלאַדקאָוון, האָט זיך איציקל שאָסטעפּאַל געגעבן אַ לאָז צו אים:

— אַנטאָן איוואַנאָוויטש! — און איז אָבער באַלד אָפּגעשפּרונגען צוריק, וואָרעם ער האָט דערזען הינטער כאַלאַדקאָווס פּלייצעס אַן אומבאַקאַנטן נאַדזיראַטעל מיט אַ זשאַנדאַרמסקי אָפיציר מיט עטלעכע סאָלדאַטן אַ צוגאָב...

אַ גליק, וואָס איציקל שאָסטעפּאַל איז נישט קיין ייִדענע און האָט נישט קיין טבע פון חלשן... ער לאָזט אַריַין די פּאָליציי, בייגט זיך און

נייגט זיך צו זיי און בעט זיי, זיי זאָלן אַרײַנגיין. מע פֿאַרשפּאָרט זיי אָבער בעטן, זיי גייען אַליין.

— וווּ איז דײַן טאָכטער?

אודאי האָט איציקל שאָסטעפּאַל געוווּסט, אַז זיי וועלן זיך נאָכפֿרעגן אויף דער טאָכטער... צו וועמען דען וועלן קומען אַזעלכע געהויבענע געסט?... ער בעט זיי צוּוואַרטן, ער וועט גיין אויפֿוועקן די טאָכטער און וועט זי אַרײַנרופֿן אַהער... מע באַדאַנקט אים. מע דאַרף נישט. זיי וועלן אַליין... זיי לאָזן זיך צו דער טאָכטערס צימער... דער פֿאָטער האָלט אויסגעשטרעקט די הענט און ציטערט...

שיווקע האָט דערהערט אומבאַקאַנטע קולות, איז זי אַ דערשראָקענע אַרויסגעשפּרונגען פֿון בעט מיט אַ ליאַרעם:

— איצי, וואָס איז?

— גאָרנישט, גאָרנישט, גיי צוריק! — זאָגט צו איר דער מאַן און מאַכט אויף איר מיט ביידע הענט, זי זאָל אָוועקגיין... נאָר ווי קאָן זי אָוועקגיין, ווײַסט איז איר, אַז זי זעט באַ זיך סאָלדאַטן אין שטוב, און דאָס האַרץ זאָגט איר, אַז דאָס איז צוליב דער טאָכטער?...

— איצי! זאָג מיר, וואָס טוט זיך דאָ, איצי? — אַזוי בעט זיך נעבעך די אָרעמע פֿרוי באַ איר מאַן, ער זאָל איר זאָגן, און איר מאַן הערט נישט אויף צו מאַכן מיט די הענט, זי זאָל גיין.

שיין און רויִק ווי תמיד, גרויסאַרטיק ווי אַ פּרינצעסן, קומט אַן טאַמאַראַ פֿון איר צימער. דאָס ווײַסע שאַלכל אויף די קוים־צונויפֿגענומענע האָר גיט צו נאָך מער חן צו איר שיין ליכטיק פּנים. מיט איין קוק פֿון אירע גרויסע שיינע שוואַרצע אויגן נעמט זי אַרום דאָס גאַנצע בילד. שטיל גייט זי צו צום פֿאָטער און צו דער מוטער, וואָס שטייען האַלב־טויטע מענטשן, רעדט זיי אויס דאָס האַרץ:

— ס'איז גאָרנישט, האָט נישט קיין יסורים... עס וועט מיר גאָר־נישט זײַן... מע וועט מיך נישט קעפּן...

און טאַמאַראַ נעמט אַרום די מוטער, נאָכדעם דעם פֿאָטער, און קושט זיי (דאָס ערשטע מאָל פֿאַרן גאַנצן זומער), און עס מישט זיך אַרײַן פּאָליציי און זאָגט, אַז נישט איצט איז די צײַט פֿון קושן זיך...

וואָס אַ קראַנקע אָנגעשטרענגטע פֿאַנטאַזיע קאָן איבערטראַכטן אין איין מינוט, וועט דאָס אַ האַנט נישט באַשרײַבן אין קיין טאָג... עס איז

נישט געווען די שרעק און די צרה אויף דער וועלט. וואָס דער אומגליקלע־כער פאָטער האָט נישט איבערגעטראַכט וועגן דעם אין די מינוטן, וואָס די פּאָליציי מיט די זשאַנדאַרמען האָבן „געאַרבעט", און שרעקלעכער פון אַלץ איז געווען דער געדאַנק, טאָמער האָט דאָס אַ שייכות מיט ראָמאַ־נענקאָן?... פון דער איינציקער מחשבה אַליין איז אים געוואָרן קאַלט און הייס, און ווידעראַמאָל קאַלט.

און אַז טאָמאַראַ איז אָפּגעגאַנגען, און די רעדער פון אַן עקיפּאַזש האָבן איציקל שאָסטעפּאַל געגעבן צו וויסן, אַז זײַן טאָכטער איז אוועק־געפאָרן, אוועקגעפאָרן זײַן איינציק קינד, זײַן איינציקע ליבע, גוטע, טײַערע טאָמאַראַ, האָט דער אומגליקלעכער פאָטער גענומען ערשט אַרומ־לויפן הין און צוריק איבער אַלע חדרים, אײַקען און אָכקען, ברעכן די הענט, רײַסן זיך בײַ די האָר, שלאָגן זיך מיטן קאָפּ אָן וואַנט, און צום סוף איז ער אַנידערגעפאַלן צו שיווקען אויף די הענט און האָט זיך צע־וויינט: „פאַרפאַלן! פאַרשפּילט אונדזער קינד!"...

* * *

דער ערשטער, צו וועלכן דער אומגליקלעכער פאָטער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן, איז געווען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַנטאָן איוואַנאָוויטש. דער פּריסטאַוו אַנטאָן איוואַנאָוויטש כאָלאָדקאָוו איז נאָך געשלאָפן, אַז איציקל שאָסטעפּאַל האָט פון דער גרינג, קוים־קוים, אָנגעקלונגען צו אים אין דער טיר. אים איז אַרויסגעגאַנגען אַקעגן אַ שרײַבערל מיטן נאָמען נעטשיפּאָרענקאָ, און אַ הונט סירקאָ. איציקל שאָסטעפּאַל איז גוט באַ־קאַנט סײַ מיטן שרײַבערל נעטשיפּאָרענקאָ, סײַ מיטן הונט סירקאָ. ער האָט מיט אַן אונטערטעניק שמייכעלע זיך נאָכגעפרעגט באַם שרײַבער אויף אַנטאָן יאַוואַנאָוויטשן, און געוואָר געוואָרן, אַז אַנטאָן איוואַנאָוויטש שלאָפט נאָך, איז ער אַרײַנגעגאַנגען מיט שטילע־שטילע טריט צום שרײַבערל נעטשיפּאָרענקאָ אין קאַנצעלאַריע אַרײַן. דאָרט האָט ער אים אַרײַנגעשמוגלט אין האַנט אַרײַן אַ זילבערן קערבל. נעטשיפּאָרענקאָ, אַ שוואַרצער בחור מיט אַ פּלאַטשיקן שטערן און מיט שטאַרק־אָנגעשמירטע האָר, האָט דאָס זילבערנע קערבל שטיל אַראָפּגעלאָזט אין קעשענע, גע־

געבן אַ הוסט אין האַנט אַריַין און געבעטן שאַסטעפּאַלן, ער זאָל זיך זעצן נענטער צום אָפענעם פענצטער: באַם פענצטער איז בעסער.

נעטשיפּאָרענקאָ איז געווען גערעכט: באַם פענצטער איז בעסער. אַ הייסער זומערדיקער פרימאָרגן. גרין און פריש איז באַ כאָלאָדקאָוון אונ־טער די פענצטער. אַ קליין גערטנדל מיט אַ צוויי־דריַי יונגע ציבלקעס, גרינער סאַלאַט און שאַר ירקות. אַ קיַילעכיקע צעקודלטע הון פירט זיך אַרום מיט איר כאַליאַסטרע און פאַרהילכט דעם קאָפּ מיט איר קוואָקען און מיט זייער פּישטשען. נעטשיפּאָרענקאָ שריַיבט, און די פּען באַ אים סקריפּעט. איציקל שאַסטעפּאַל קוקט אין גאָרטן אַרויס און טראַכט וועגן עולם הזה, וואָס איז אינגאַנצן אָפּגעגעבן געוואָרן צו עשון. „יעקב, וואָס האָט אויסגענאַרט באַ עשון די בכורה און באַ יצחקן די ברכה, האָט מכות, צרות האָט ער מיט שלעק, מיט ווייטיקן מיט געבראָטענע ליַיד. אָט איז ער, איציקל שאַסטעפּאַל, אַ ייִד אַ נגיד, מע קאָן זאָגן אַ גביר, האָט איין קינד סך־הכל, — וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן האָט ער געהאַט אין זיַין לעבן? האָט ער זיך פאַרגונען ווען האָבן אַזאַ גערטנדל? אַזעלכע גרינע פרישע ביימלעך? הינער מיט קליינע הינדעלעך?... וואָס ווייס ער פון אַ לעבן צו זאָגן, אַ חוץ געשעפט און געשעפט און ווידעראַמאָל געשעפט? אַ חוץ פּריץ און פּריץ און ווידעראַמאָל פּריץ? שיין האָט זיך אויסגעפּיַינט דער חכם יעקב אָקעגן זיַין פּראָסטן ברודער עשו!”...

פון צווייטן צימער הערט זיך אַ באַקאַנט קול: נע־טשי־פּאָ־רענ־קאָ!... דאָס איז אַנטאָן איוואַנאָוויטש אויפגעשטאַנען פונעם שלאָף, רופט צו זיך דעם שריַיבער. אין עטלעכע מינוט אַרום רופט מען אַריַין צו אים שאַסטעפּאַלן. איציקל שאַסטעפּאַל לייגט אַוועק אַנטאָן איוואַנאָוויטשן אויפן טיש אַ פאַרחתמעטן פּאַקעט. אַנטאָן איוואַנאָוויטש כאַפּט אַ קוק מיט איין אויג אויפן פּאַקעט און טוט אַ זאָג צו שאַסטעפּאַלן: „צו וואָס?”... איציקל שאַסטעפּאַל ענטפערט אים נישט אויף דער פראַגע און פרעגט אים, צי ער איז גוט געשלאָפן? אַ מינוט זיצן זיי ביידע שטיל. נאָכדעם ווענדט זיך דער ייִד צום פּריסטאַוו מיט זייער אַ אונטערטעניק שמייכעלע:

— אַנטאָן איוואַנאָוויטש דאַרף זיך שטויסן, וואָס איך בין געקו־מען... אַנטאָן איוואַנאָוויטש מוז ווּיסן, וואָס דאָ איז... איך פאָדער פון אַנטאָן איוואַנאָוויטשן קיין זאַך נישט, נאָר דאָס איינציקע — ער זאָל מיר זאָגן, וואָס דאָ איז?...

— ביסט אַ גרויסער נאַר, שאַסטעפּאַליעץ! (אַזוי רופט אים דער פּריסטאַוו.) אַף דיר איז מיר אַ וווּנדער. דו ביסט דאָך עפּעס אַ ייִד, און ייִדן זײַנען אַלע קלוג, — ווי קומט דאָס, דו זאָלסט מיך פרעגן אַזאַ זאַך? דו פאַרשטייסט דען אַליין נישט, אַז איך ווייס גלײַך מיט דיר? וואָס ווייס פּאָליציי? פּאָליציי איז אַ בעזעם, אַ שטעקן אין די הענט פון דער העכער מאַכט. מע הייסט אונדז גיין — גייען מיר, מע הייסט אונדז נעמען — נעמען מיר...

— אַנטאָן איוואַנאָוויטש וועט מיר זאָגן כאָטש, ווו זי איז? ווו מײַן טאָכטער איז?...

— דײַן טאָכטער, שאַסטעפּאַליעץ, איז אין טורמע.

— אין טורמע?...

איציקל שאַסטעפּאַל פילט, ווי מע האָט אים געגעבן מיט אַ פּיסטויל אין האַרצן. עס באַשלאָגט אים אַ שוויס, און ער ווערט קלענער מיט אַ גאַנצן קאָפּ.

— אַנטאָן איוואַנאָוויטש זאָל זײַן אַ גוטער, וואָלט ער מיר געזאָגט, צו וועמען איך זאָל גיין, צו וועמען איך זאָל מיך ווענדן?...

— צום סמאַטריטעל פון דער טורמע פאַרוואָס גייסטו נישט? — פרעגט אים דער פּריסטאַוו. — ביסט דאָך מיט אים אַ גאַנץ קנעפּל!... איר מאַכט דאָך ביידע „כאַפּעס”... (אַנטאָן איוואַנאָוויטש באַווײַזט אים מיט דער האַנט, וויאַזוי זיי ביידע מאַכן כאַפּעס.) גיי זיך דורך צו אים, אפשר וועט ער דיר עפּעס קאָנען זאָגן, פאַרוואָס מע האָט זי פאַרנומען? כאָטש איך גלייב נישט אין דעם. ערשטנס, ווייס ער גלײַך מיט אונדז ביידן. דאָס ווייס נאָר די זשאַנדאַרמעריע, ווײַטער קיינער נישט... און, צווייטנס, איז ער אַ גרויסער הונט, דײַן סמאַטריטעל. איאָ, ער איז אַ הונט?

— נאָך אַ מין הונט! אַ הונט שבהונט! — זאָגט איציקל שאַסטעפּאַל, שטייט אויף, גלײַכט זיך אויס די ביינער, לאָזט אַרויס אַ טיפן זיפץ, און אַז ער שטייט שוין בײַ דער טיר, באַקומט ער פון אַנטאָן איוואַנאָוויטשן אַן אויסרייד, למאַי האָט ער אַזויפיל נאָכגעגעבן דער טאָכטער? אַנטאָן איוואַנאָוויטש האָט אים וויפל מאָל געזאָגט, אַז אַ קינד טאָר מען אַזוי נישט נאָכגעבן, אַזויפיל באַלעווען!...

— אַצינד זעסטו, שאַסטעפּאַליעץ, אַז איך בין דיר אַ גוטער פרײַנט?...

מיט אַ היץ אין קאָפּ און מיט אַ קעלט אין האַרצן כאַפּט זיך אַרויס

פונדאַנען איציקל שאַסטעפּאַל און לאָזט זיך צום סמאַטריטעל פון דער טורמע.

די טורמע איז אַ טורמע — אַזוי ווי אַלע טורמעס. אַן אומעטיקע, אַ הויכע, אַ שטומע, מיט אַ סך קוימענס און מיט אַ סך פענצטערלעך פון אויבן ביז אַראָפּ, ווי אַ מלאך־המות מיט אויגן. וויפל מאָל איציקל שאַסטעפּאַל איז דאָ געווען, האָט ער קיינמאָל נישט קיין טראַכט געטאָן וועגן די נשמות, וואָס רייניקן זיך אינעם דאָזיקן גהינם... און אַז ער האָט יאָ ווען אַ טראַכט געטאָן, איז דאָס געווען אַ מחשבה אויף אַ רגע. ווען האָט ער צייט דערויף?... קיינמאָל האָט ער זיך נישט פאָרגע־שטעלט, אַז פאַר אים וועלן אַמאָל האָבן אַן אינטערעס אָט די קליינע פענצטערלעך, אָט די אײַזערנע גראַטעס, אָט די שטומע ווענט, וואָס שווייַגן, ווילן נישט זאָגן, וואָס דאָרטן, אינעווייניק, טוט זיך... שווינ־דלשע געפינט זיך דאָרטן איצטער זײַן טאָכטער גלײַך מיט אַלע די, פאַר וועלכע ער שטעלט צו „פּראָוויאַנט“? עס קאָן נישט זײַן! עס איז אַ חלום! אַ בייזער חלום!...

ער פאָרט צו צו דער טורמע, שפּרינגט אַראָפּ פון דער דראָזשקע און קלינגט אָן צום סמאַטריטעלס טויער, וואָס פון דער רעכטער זײַט פאַרקאָן. אַ קליין, ווײַס שטיבל מיט גרויסע טעפּ מיט בלומען אויף די פענצטער און מיט אַ גרינעם פּאַפּוגײַ אין אַ געגילט שטײַגל.

דער סאָלדאַט וואָס באַ דער טיר קען שוין שאַסטעפּאַל דעם פּאָד־ריאַדטשיק און ער ווייס, אַז אויף אַ טרונק בראָפן וועט שוין דאָ זײַן געווים. אַלעמאָל, ווען דער ייִד קומט אַהער, רוקט ער אים אַרײַן אַ זילבערנע מטבע אין האַנט אַרײַן. פאַר וואָסערע מעשים טובים — ווייס ער אַליין נישט...

— איר דאַרפט צום פּריץ? זײַט זיך מטריח אַהער, אין קאַנצע־לאַריע; דאָרטן זײַנען זיי...

אַזוי זאָגט צו אים דער שומר, האַלט שוין גרייט די האַנט אויף צו מקבל זײַן די מטבע, און לאָזט אַרײַן דעם סוחר שאַסטעפּאַל צום סמאַט־ריטעל אין קאַנצעלאַריע.

דער סמאַטריטעל פון דער טורמע, מיראָן פּאַדייאַיטש קאַבאַלקין, איז אַ גוי אַ סוחר. אים האָט נאָך קיין ייִד נישט אָפּגענאַרט; און דער ייִד, וואָס מיינט, אַז ער האָט אָפּגענאַרט קאַבאַלקינען, האָט זיך נאָכדעם

געווים ארומגעקוקט, אז קאבאלקין האָט אים אָפּגענאַרט... איין אייגל באַ אים קוקט ארוים קיין צפון־זײַט, און דאָס אַנדערע קוקט גלײַך אין דער נשמה אַרײַן. ער האָט אַ טבע, אַז ער רעדט מיט אײַך, צעשפּילעט ער דעם מונדיר און פאַרשפּילעט זיך, האָט צו טאָן כסדר מיט די קנעפּ. און ריידן רעדט ער גיך, צו דער זאַך, האָט פײַנט פּוסטע רייד. דערזען איציקל שאָס־טעפּאַל באַ זיך אין קאַנצעלאַריע, האָט ער צו אים אַ מאַך געטאָן מיט ביידע הענט, געקוקט מיט איין אייגל:

— ניין, ברודערל, באַ מיר פרעג נישט, איך ווייס גאָרנישט ניט! גאָרנישט ניט! און בין פאַרנומען הײַנט! און איך האָב קיין צײַט נישט! האָב קיין פאַריבל נישט!...

און איציקל שאָסטעפּאַל מוז נעבעך גיין צוריק און מיט אַ וויסט האַרץ כאַפּן נאָכאַמאָל אַ קוק אַף די שטומע ווענט פון דער הויכער טויטער טורמע.

„וווּהין פאָרט מען?“ — טראַכט זיך איציקל שאָסטעפּאַל און הייסט זיך פירן אַף דער רײַכסטער גאַס און שטעלט זיך אָפּ און קלינגט אָן פריִער צו יענע מחותנים, וואָס זייערע קינדער שדכנען זיך צו זײַן טאָכטער. זיי וווינען ווי „מאָנאַרכן“ אין די שענסטע פּאַלאַצן, און דווקא אַקעגן גובער־נאַטאָר... ייִדן זײַנען אַף זיי להרג ולאבד, למאַי זיי רײַסן אויף גויים די אויגן, און די גויים שמועסט מען נישט! זיי פרעגן: „ווער איז באַ וועמען אין גלות — די ייִדן באַ אונדז, צי מיר באַ די ייִדן!“...

געטראָפן אַ לאַקיי באַ דער טיר מיט אַ שוואַרצן פראַק און מיט אַ ווײַסן שניפּס, און דווקא אַ גוי, און דווקא אַ רשע, וואָס לאָזט נישט צו קיין ייִדן אַריבער דער שוועל: „אין קאָנטאָר אַרײַן!“ — איין ענטפער פאַר אַלעמען, — איז ער געפאַלן אַף אַן עצה: ער האָט אַרײַנגעשמוגלט דעם „גויישן פריץ“ וואָס באַ דער טיר אַ „חצי פויגל“ און האָט אים געזאָגט, ער זאָל זאָגן דעם „ייִדישן פריץ“, אַז אים וויל זען איסאַק שאָסטעפּאַל... אַזוי טאַקע מיט די ווערטער: איסאַק שאָסטעפּאַל!... עס האָט גע־האָלפן! ברייט זײַנען אויפגעעפנט געוואָרן פאַר אים די טירן, אין אַ שיינעם זאַל האָט מען אים אַרײַנגערופן, אַף אַ ווייכן שטול האָט מען אים באַזעצט, און מיט זייער אַ פרײַנטלעך שמייכעלע האָט מען אים אויפגע־נומען, געוואָלט מכבד זײַן מיט טיי, — האָט ער זיך אָפּגעזאָגט, נאָר אַז כ'איז געקומען צו דער זאַך, צוליב וועלכער ער איז אַהער געקומען, איז

דאָס פֿריַינטלעכע שמייכעלע פֿאַרשוווּנדן געוואָרן, און עס האָט זיך באַוויזן אויף זייערע פּנימער אַ שטיקל בהלה.

— וואָס? איַיער טאָכטער אין טורמע?... וואָס זאָל דאָס באַ־דיַיטן?... שרעקלעך! שרעקלעך! אַ קלאָפּ, פּשוט ווי מיט אַ קויל אין האַרצן!... וואָס פֿאַר אַן עצה זאָל מען איַיך געבן? ליידער קאָן מען נישט העלפֿן דערצו גאָרנישט... נישט באַקאַנט מיט די „דאָזיקע" ליַיט...

אַט אַזאַ מין וואַרעמען „ברוך־הבא" האָט געהאַט איציקל שאָסטע־פּאַל באַ זיַינע געהויבענע מחותנים, וואָס זייערע זינדלעך שדכנען זיך צו זיַין טאָכטער.

* * *

דער איינציקער, וועלכער האָט באמת מיטגעפֿילט דעם אָרעמען פֿאָטער אין זיַין גרויסן אומגליק און אין וועלכן איציקל שאָסטעפּאַל האָט געפֿונען אַן אמתן איבערגעגעבנסטן פֿריַינט, איז געווען, ווי דער לעזער קאָן זיך שטויסן, סאַשאַ סאַפּראַנאָוויטש.

דעם אַפּטייקערס זונדל האָט נישט געוואַרט, ביז שאָסטעפּאַל וועט קומען צו אים און וועט אים בעטן, ער זאָל עפּעס טאָן. סאַשאַ, וויבאַלד ער האָט נאָר דערהערט, אַז באַנאַכט האָט מען צוגענומען טאַמאַראַן, איז ער גליַיך אַרויפֿגעלאָפֿן אַרויף צו שאָסטעפּאַלן און האָט געטראָפֿן די אומגליקלעכע מוטער, שיווקע שאָסטעפּאַל, אין אַזאַ לאַגע, וואָס מע האָט געמוזט רופֿן באַלד אַ דאָקטער, מינטערן און ברענגען רפֿואות פֿון דער אַפּטייק, און שפּעטער, אַז דער פֿאָטער איז געקומען פֿון זיַין גליקלע־כער רייַזע איבער זיַינע קריסטלעכע און ייִדישע גוטע פֿריַינט און איז אַריַינגעפֿאַלן אין שטוב אַריַין מיט אַזאַ פּנים, וואָס מע האָט פֿאַרשפּאָרט ווערטער, — האָט סאַשאַ זיך אַליין אַרויסגערופֿן, אַז טאָמער דאַרף מען ערגעץ גייַין געוואָר ווערן — גייט ער; טאָמער דאַרף מען אָנווענדן פּראָ־טעקציעס, אויסנוצן זכות־אבות, האָט ער אַ וועג דורך זיַין פֿאָטער. דער אַפּטייקער האָט פֿיל באַקאַנטע קריסטן, אָפֿיצירן, וואָס ער שפּילט מיט זיי אין קאָרטן...

— שאַט! — האָט אַ זאָג געטאָן סאַשאַ און האָט זיך געגעבן אַ פּאַטש אין שטערן. — איך האָב! איך האָב! באַ מיַין פֿאָטער איז דאָ

א באַקנטע פּערזאָן, אַז אַלטע „באַרישני״, נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ הייסט זי, זי קומט צו אונדז אַלע טאָג אין דער אַפּטייק. האָט די נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ אַ ברודער אַ זשאַנדאַרמסקי ראַטמיסטער, וואָס ער מוז וויסן אַלץ. אויב איר וועט מיר דערלויבן, טו איך שוין אַ גיי צו דער נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ... איך בין באַ איר אַ גאַנצער חשוב...

— אויב איך וועל אײַך דערלויבן? — זאָגט איציקל שאָסטעפּאַל און קאָן מער נישט ריידן, און ווען ער זאָל זיך נישט שעמען פאַרן אַפּטייקערס זונדל, וואָלט ער אים געפאַלן אַפן האַלדז קושן, וואָרעם ער פילט, אַז ער, סאַשאַ, איז אים אַ פרײַנט, אַז אמתער, אַז איבערגעגעבענער פרײַנט, דער איינציקער צווישן אַלע גוטע פרײַנט!...

סאַשאַ איז אַוועק צו דער „אַלטער באַרישני״ און האָט זי געטראָפן באַ זיך אין גאָרטן איבערזעצן קווייטן. דערזען דעם יונגן סאַפּראָנאָוויטש, האָט זי זיך אויפגעהויבן פון איר אַרבעט און איז אים געגאַנגען אַקעגן מיט אַ שיינעם „גוטמאָרגן״, אים אויסגערעדט, פאַרוואָס ער קומט נישט אָפט אַהער, אין דעם קליינינקן גן־עדן, וואָס זי אַליין מיט אירע אייגענע הענט האָט באַשאַפן. דאָ האָט אים נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ מיט איר הענטל באַוויזן באמת אַ קליינעם גן־עדן פון פאַרשיידענע בלומען, וואָס שמעקן, יונגע ביימלעך, וואָס בליִען, סאַמעטן גראָז, וואָס בעט זיך, מע זאָל דאָס אַ גלעט טאָן, און געלע שמאָלע סטעזשקעלעך, מיט זאַמד אויסגעשיט, וואָס ציִען זיך, ווי געלע סטענגעס אַף גרין זײַדנציַיג, מיט בלומען באַפּוצט פון דער מילדער האַנט פון דער דאַזיקער פעע, אָדער פּרינצעסן פון גן־עדן, נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ. עס איז נאָר געווען אַן עבירה און אַ פאַרדראָס, וואָס די פעע, אָדער די פּרינצעסן פון דעם גן־עדן, מיט דיברילן אַף דער נאָז, האָט מיט איר גראָבלעכער מאַנצבילשער שטימע גענומען אויסרעכענען, וואָס דאָס קאָסט, וואָס דאָס גאַנצע הויז קאָסט, און וואָס דאָס הויז ברענגט אײַן, און וואָס דער גאָרטן ברענגט אײַן, — „ס׳איז נישט כדאי, עס טראָגט נישט אַפילו קיין פינף פּראָצענט״... אַ פעע מיט ברילן... אַ פּרינצעסן מיט פּראָצענט... אַך, ווי ווייניק דאָס שטימט מיט דעם קליינינקן גן־עדן!... און סאַשאַ טרעט צו צו זײַן זאַך, וואָס צוליב דעם איז ער געקומען.

די גאַנצע צײַט, וואָס דער יונגער סאַפּראָנאָוויטש האָט גערעדט, איז די אַלטע „באַרישני״ געשטאַנען, די הענט פאַרלייגט אַהינטער, גע־

קוקט דורך די ברילן אַרויף אַפֿן הימל און געהערט מיט קאָפּ. און אַז סאַשאַ האָט געענדיקט, האָט זי אַוועקגעשטעלט די ברילן אַף אים און געזאָגט מיט איר גראָבלעכער מאַנצבילישער שטימע:

— ווילט איר, הייסט דאָס, איך זאָל דורך מײַן ברודער אײַך איבערגעבן אַלץ, וואָס באַלאַנגט צו דער געפֿאַנגענער, וויאַזוי הייסט זי? טאַמאַראַ? אַ פּאָעטישער נאָמען... זייער אַ פּאָעטישער נאָמען!... אָבער, איך מוז אײַך זאָגן, מײַן ליבער יונגערמאַן, אַז די אויפֿגאַבע איז נישט פֿאַר מיר. איר ווילט וויסן, פֿאַרוואָס? איך וויל נישט האַנדלען מיט אַ זשאַנדאַרמסקי.

— אײַער ברודער דער ראָטמיסטער... — וויל איר סאַשאַ אָפּענטפֿערן.

— מײַן ברודער איז דער זעלבער, וואָס זיי, דער זעלבער זשאַנדאַרם, איך וויל אים נישט קענען! איך וויל זײַן פּנים נישט אָנקוקן!

אַף אַזאַ קלאַפּ האָט זיך סאַשאַ נישט געריכט. סאַשאַ איז אָבער נישט פֿון די מענטשן, וואָס פֿאַרלירן זיך באַם ערשטן אָפּשטויס. ער האָט אָנגעווענדעט אַלע קרעפֿטן. ער האָט אָנגעשיקט אויך זײַן פֿאָטער אַף דער „אַלטער מויד", און ער האָט געפּועלט, אַז זי זאָל זיך איבערבעטן צוליב דעם מיט איר ברודער דעם זשאַנדאַרמסקי ראָטמיסטער. און עס איז נישט אַוועקגעגאַנגען קיין עטלעכע טעג, האָט נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ געבראַכט צו טראָגן אין דער אַפּטייק אַרײַן אַ גאַנצן פּאַק מיט נײַס, פֿאַרדרייטע, פֿאַרפּלאָנטערטע, פֿאַרקריפּלטע, דער רוח אַליין קאָן דאָ ברעכן דעם קאָפּ: עפּעס אַ מיידל, וואָס האָט זיך אויפֿגעהאַנגען אין טורמע... און אַ באַקאַנטשאַפֿט מיט אַ מענטשן, וואָס האָט אַוועקגעשיקט איינעם אַף יענער וועלט...

— דער שוואַרצער יאָר זאָל זיי וויסן דאָרטן! זאָלן זיי אײַך אַלע ברעכן די קעפּ! און מיך זאָלט איר לאָזן צורו און נישט בעטן מער, איך זאָל מיר שמוצן די הענט! און פֿאָלגט מיך, יונגערמאַן, טוט אַ שפּײַ אַף דעם גאַנצן עסק און קומט בעסער צו מיר אין גאָרטן הײַנט, וועל איך אײַך מכבד זײַן מיט „שפּאַנקעס", מײַן אייגענע פֿלאַנצונג, איר האָט נאָך אַזעלכע שפּאַנקעס נישט געגעסן! ווען איך האָב אַזעלכע ביימער אַ סך, וואָלט איך געקאָנט פֿאַרגרעסערן די הכנסה פֿונעם גאָרטן אין צווייען, אויב נישט אין דרײַען...

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז סאַשאַ סאַפּראָנאָוויטש האָט איבערגע־געבן טאַמאַראַס פּאַטער די דאָזיקע ידיעה אין זייער אַן איידעלער פאָרעם, אָדער ווי זיין פאָטער דער אַפּטייקער האָט זיך אויסגעדריקט אויף זיין אַפּטייק־לשון: „אַ ביטערע פּיל איינגעוויקלט אין גאָלד". ער האָט גע־מאַכט די גאַנצע געשיכטע צו קליין געלט, און אַז איציקל שאָסטעפּאַל האָט מיט שרעק און מיט האַפענונג אויסגעהערט די דאָזיקע באַפּוצטע געשיכטע, האָט אים דאָס פּנים געשיינט, די אויגן געלויכטן, ווי בײַ אַ קליין קינד, וואָס מע האָט נאָר וואָס באַשטראָפט און איבערגעבעטן מיט אַ שפּילעכל: „ער ווייס שוין, ער פאַרשטייט שוין — אַלץ איבער אָט דעם ראָמאַנענקאָ, ימח שמו וזכרו"...

פון יענעם טאָג האָט סאַשאַ נישט גערוט. ער האָט דורכגעשלאָגן, ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט, אייזערנע מויערן, און זיך באַקאַנט מיט אַזעלכע מענטשן, וואָס ער וואָלט זיינע יאָרן אויסגעלעבט און וואָלט זיי נישט געקענט. ער איז געוואָר געוואָרן סודות... עס איז אים גע־ראָטן, געוויינטלעך, פאַר געלט (שאָסטעפּאַל האָט נישט געזשאַלעוועט קיין געלט), צו לייענען אַ קאָפּיע פון טאַמאַראַס בריוו צו איינעם אַ חברה־מאַן מיטן נאָמען מאַרטשענקאָ. אַ בריוו אַ הייסער, אַ פלאַם־פייעריקער בריוו... סאַשאַ וואָלט זיך גערעכנט גליקלעך, ווען טאַמאַראַ שרייבט צו אים, צו סאַשאַן אַזאַ בריוו... ער האָט נעבעך אַלץ געמוזט אָראָפּ־שלינגען, נאָר עס האָט זיך נישט געהאַנדלט דאָ אום זיינע אייגענע גע־פילן צו טאַמאַראַן; דאָ איז געווען נייטיק אַרויסצוציִען זי פון די אייזערנע נעגל, אַרויסשלעפּן זי פונעם אָפּגרונט, אין וועלכן זי איז אַריין און אין וועלכן זי האָט וואָס ווייטער אַלץ מער געזונקען. עס האָט זיך בײַ זיי געוויקלט איין ענין אינעם אַנדערן: דער נאָמען מאַרטשענקאָ איז געווען געבונדן מיט ראָמאַנענקאָ. ראָמאַנענקאָ־מאַרטשענקאָ איז געווען איינגעפלאָכטן אין דער געשיכטע פון מאַשאַ באַשעוויטש, וואָס האָט אַזוי טראַגיש געמאַכט אַ סוף צו איר לעבן אין טורמע...

אין אַפּטער גאַסט איז געוואָרן איציקל שאָסטעפּאַל בײַ זיין שכן דעם אַפּטייקער אין הויז... ער האָט זיך באַפריינדעט נישט נאָר מיטן אַפּטייקערס זונדל, נאָר אויך מיטן אַפּטייקער אַליין, און מיט סאַשאַס חבר, קעסלער. עס איז געווען צו זען אַלע פאַרנאַכט באַם אַפּטייקער אין שטוב אַ קליינע אסיפה פון היימישע מענטשן: סאַלאָמאָן סאַפּראָנאָ־

וויטש, איציקל שאַסטעפּאַל, סאַשאַ סאַפּראַנאָוויטש און זײַן חבר שמעון קעסלער, און מע האָט גערעדט נאָר פֿון איין פּערזאָן — פֿון טאַמאַראַן, און נאָר פֿון איין זאַך — פֿון איר באַפֿרײַונג.

— דו ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן? — אַזוי מאַכט איציקל שאַסטעפּאַל צו זײַן פֿרוי שיווקע. — אָט דער סאַפּראַנאָוויטש (שווין אויס „אַפּטייקער") איז אַ גאַנץ ווויל מענטשל. מיר איז געפֿעלן, ווי־אַזוי ער פֿירט זיך מיט זײַן זון (שווין אויס „זונדל", נאָר „זון"!), ווי־אַזוי ער גיט אים אָפּ כּבֿוד און ווי־אַזוי ער האָט אים ליב — און ס'איז טאַקע דאָ וועמען!...

אויך דער אַפּטייקער האָט געביטן די מיינונג אָף זײַן שכן שאַסטעפּאַל. ער זאָגט צו זײַן זון:

— אַ רחמנות געבעד אָף אונדזער שאַסטעפּאַל! (שווין אויס „ייִדאַש"!) ער איז גאָרנישט אַזאַ ווילדער מענטש, כּ'לעבן!

## קאַפּיטל ז.

## אַלצדינג רויט

מיט ריזנטריט איז זיך די באַוועגונג געגאַנגען איר וועג איבער אַלע שטעט און שטעטלעך אין איין גרויסן ווידער־קול, אין וועלכן עס האָט אָפּגעקלונגען דאָס איינציקע וואָרט פֿ ר ײַ ה י י ט... אַלע רעדער פֿון דער גרויסער לאַנד־מאַשין האָבן זיך ווי דורך אַ באַפֿעל פֿון אַ גרויסן מעכאַניק, אָדער דורך אַ כּישוף פֿון אַ צויבער־שטעקן, אָפּגעשטעלט, און אַלץ איז ווי פֿאַרשטאַרבן געוואָרן, און אַ מאָדנע רו און אַ מערקווירדיקע שטילקייט איז אַרײַנגעטראָטן אין גאַנצן לאַנד, אַ מין נאַטירלעכער פֿײַער־טאָג, אַ גרויסער יום־טובֿ, נישט אַזאַ יום־טובֿ, וואָס ס'איז איבערגעגעבן געוואָרן צו די מענטשן בירושה, נאָר אַזאַ מין יום־טובֿ, וואָס מענטשן אַליין האָבן אים באַשאַפֿן, וואָס מענטשן אַליין האָבן, נאָך אַ סך יאָרן שווער אַרבעטן און נאָך אַ סך יאָרן זיך אַרומרײַסן איינער מיטן אַנדערן, מיטאַמאָל אים, דעם יום־טובֿ, אַרויסגערופֿן אין לעבן, האָבן זיך פֿאַר־אייניקט אונטער איין אידעע און זיך צונויפֿגעקליבן אַלע אין איין אָרט

און געזאָגט צו זיך אַליין: היינט זאָל זיין שבת וינפש — גערוט און אויסגערוט!...

— אַ גוט יום־טוב אייך! — האָט געזאָגט יודל קטנתי, אַריינגע־פאַלן צו נחמיה דעם שוסטער מיט אַזאַ יום־טובדיק אויסזען, ווי סיידן שמחת־תורה קאָן אַ ייד זיין אַזוי בגילופין. אפשר איז דאָס געווען דער־פאַר, ווייל יודל קטנתי איז שוין געווען אין אַ פאַר ערטלעך בײַ באַקאַנטע בעלי־מלאכות און געטרונקען לחיים לכבוד דעם גרויסן יום־טוב, וואָס „מיר בעלי־מלאכות" האָבן געמאַכט? און אפשר איז דאָס געווען דער־פאַר, ווייל זיין „זוגתי" (אַזוי האָט ער זי גערופן: „מיין זוגתי") האָט אים אַרויסגעטריבן, ער זאָל גיין קריגן ערגעץ אַף שבת? און אפשר איז די פרייליכקייט אים געקומען דערפון, וואָס זיין „קדיש" איז איבערגע־פירט געוואָרן פון איין געפענגעניש אינעם אַנדערן, און ס'איז אַ סברה, אַז מע זאָל אים משפטן מיט פעלד־געריכט, אָדער, ווי יודל רופט דאָס אָן, „בחסד וברחמים — מיט יושר און מיט סאָוועסט, אַ שטריקל אָפן האַלדז און פאַזשאַלויטע אַגוו קאַזנאַו"?...

— אַ מצוה, זאָל זיך אַ הונט נישט גלוסטן קיין המנטאַש, אַז ער הערט נישט די מגילה!

אַזוי לאָזט אויס יודל קטנתי מיט זיין בלומענשפּראַך און באַקומט אַ פאַרציע פון נחמיה דעם שוסטערס ווייב, זיסל:

— אַ חרפה און אַ בושה אין אייער וויטן האַלדז אַריין! ווי שעמט זיך דאָס נישט אַ ייד היינטיקע ציטן ריידן אַזעלכע ווערטער און מאַכן חוזק פון אַן אייגענעם זון, וואָס האָט איינגעשטעלט זיין לעבן פאַר אייך און פאַר מיר און פאַר אונדז אַלעמען? אייער גליק, וואָס מיינע קינדער זיינען איצט נישטאָ אינדערהיים; מיין חיים וואָלט אייך געגעבן אַ פעטשאַטשעק, אַז ס'וואָלט אייך פינצטער געוואָרן איןביידע אויגן!

— וואָט טיבע יוצר המאורות! — זאָגט יודל קטנתי, און נחמיה דער שוסטער זעצט דאָס איבער אַף יידיש:

— אַט האָסטו דיר אַ חתונה!

— וואָס דען? זעצט זיך אַוועק אַזאַ ייד אָפּלאַכן פון זיין אייגן קינד, וואָס איז זיך מפקיר פאַר דער וועלט...

— פאַר דער וועלט? — זאָגט יודל. — די „וועלט" האָט, הייסט עס אַריינגעשיקט אַ בריוול צו מיין זון: „ידידי רב וועלוול! הנה כפי

כאשר אַזוי ווי איך, „וועלט", בין פאַרביַי, איך דאַרף האָבן פריַיהייט, לכן בקשתי, זאָלסט זיך מטריח זיַין צו מיר למען השם מיט נחמיה דעם שוסטערס צוויי בנים און מיט חוה דער ייִדענעס קדיש, און מיט נאָך אַזעלכע אנשי־חיל פון אונדזער פאָלק עמך... שאַ! ברוך הבא, אַ ייִד רב ליפּאַ!...

דאָס איז געווען ליפּאַ באַשעוויטש.

ווען יודל קטנתי זאָל נישט געבן צו וויסן, אַז דאָס איז ליפּאַ באַ־שעוויטש, וואָלט מען אים זיכער נישט דערקענט. אַזוי שטאַרק האָט זיך דער אָרעמער „האַלץ־ייִד" איבערגעביטן. זיַין בעזעמדיקע באָרד איז גע־וואָרן וויַיס ווי שניי און צעשפּרייט אין דער ברייט איבערן גאַנצן פּנים. און דאָס פּנים אַליין איז געוואָרן מאָדנע געל־גלאַנצנדיק און געקנייטשט, ווי אַ צעקנייטשטע מגילה אַף דער לינקער זיַיט. דער שטערן האָט זיך אַרויסגערוקט אַרויף מיט צוויי גאַנץ טיפע ווינקלען. דאָס היטל טראָגט ער איבער די אויגן, דאָס האַרץ באַ אים איז צעבראָסטעט, די קאַפּאָטע איז צעפּליקט, איין אַרבל אויסגעריסן, און אַ גרויסן שטעקן אין האַנט טראָגט ער, און די אויגן באַ אים ברענען ווי קוילן, קוקן אין איין פּינטל אַריַין, און ריידן רעדט ער מיט אַ ניגון, אָן אַן אָפּשטעל, שטייט נישט אַף איין אָרט, גייט פון איין שטוב אין דער אַנדערער און וועקט דעם עולם, גרייט אים צו צום גרויסן אומגליק, צום אויסגוס, צום שטורעם, וואָס קומט אַף דער וועלט.

— הערט צו, פעלקער! — אַזוי האָט ליפּאַ אָנגעהויבן מיט אַ ניגון פון פּסוק, אַז ער איז אַריַינגעקומען צו נחמיה דעם שוסטער. — פאַר־נעמט, איר מענטשן פון דער וועלט, וואָס מיַין מויל טוט צו אייַך ריידן אַצינד. וואַכט אויף פון אײַער שלאָף, הייבט אויף איַיערע אויגן אַרויף און אַראָפּ, אַרום און אַרום, און זעט, ווי עס כמאַרעט זיך דער הימל. שוואַרצע וואָלקנס טראָגן זיך אין דער לופטן, דער ווינט טוט זיי טריַיבן מיט גרויס איַילעניש, און זיי פאַרדעקן דעם גאַנצן הימל. אָט באַלד ברעכט אויס אַ שטורעם, אָט באַלד קנאַלט אויס אַ דונער און עס טוט אַ זעץ אַ רעגן, אַ שלאַגס־רעגן, אָבער נישט קיין רעגן פון וואַסער, נאָר אַ רעגן פון בלוט. עס פליסן טיַיכן, טיַיכן פון בלוט לויפן באַרג־אַראָפּ, פילן אָן די היַיזער, טריַיבן אַרויס די מענטשן אַף דער גאַס, לויפן אַרום ווי משוגעים, שריַיען און פּילדערן, קוקן אַרויף, גייען ביזן האַלדז אין

בלוט און רופן צו גאָט, ער זאָל זיי העלפן. אָבער ער הערט נישט, דער גאָט, ער איז אַ גאָט פון נקמה. ער קאָן אײַך נישט פאַרגעסן אײַערע זינד און אײַער שולד, וואָס איר טוט פאַלשן, נאַרן איינער דעם אַנדערן, שווינדלען און ליגנערן און פאַרגיסן אומזיסטיק בלוט...

— אָט וועט איר באַלד הערן, ווי ער וועט אויסלאָזן מיט אַ מאָדנעם געזאַנג! — אַזוי באַמערקט יודל קטנתי, און ער האָט געטראָפן: ליפּאַ באַשעוויטש פּאַלט אַרײַן פונעם פריִערדיקן נוסח אינעם נוסח פון קינות און לאָזט אויס זײַן דרשה אַזוי:

— זאַמלט אײַך צענויף אַלע, איידער עס קומט דער בלוטיקער מבול אַף דער וועלט, טוט תשובה, זײַט מתפלל און זאָגט: אנא ד' הושיעה נא — עגעדען, מאַגעדען, מאַגדאַדען! עעעעגעדען, מאַגעדען, מאַגדאַאַאַדען!!!...

— רב ליפּאַ! אפשר וועט איר עפּעס עסן? — פרעגט אים נחמיה דעם שוסטערס ווײַב.

— עסן? — פרעגט ליפּאַ און פאַלט אַרײַן צוריק אין זײַן פריִערדיקן נביאותדיקן טאָן אַרײַן. — אײַער אייגן פלייש וועט איר עסן, איינס דאָס אַנדערע לעבעדיקערהייט, אַ מוטער וועט אויפפרעסן איר אייגן קינד, און קינדער וועלן מאַכן אַ סעודה פון זייערע עלטערן, אַ ברודער וועט פאַרקויפן זײַן אייגענע שוועסטער, אַ חתן — זײַן כלה. עס וועט אויסגעמעקט ווערן דאָס וואָרט „רחמנות" פון דער וועלט, ביז גאָטס צאָרן וועט נישט אויסגעגאָסן ווערן אין אַ גרויס דערטרינקעניש, אַ מבול פון בלוט און פון טרערן. דאָס זײַנען די טרערן פון אלמנות און יתומים, פון אַלטע פאָטער און מוטער, פון שוועסטער און ברידער, וואָס האָבן זיך געלאָזט פּײַניקן פון די אומריינע רשעים און האָבן נישט געוואָלט רופן צו גאָט און לויבן זײַן נאָמען און זינגען צו אים אַף אַ קול: עגעדען, מאַגעדען, מאַגדאַדען! עעגעדען, מאַגעדען, מאַאַגדאַאַדען! עעעעגעדען, מאַגעדען, מאַגדאַאַאַדען!!!...

— ווי איך האָב ערגעץ אַ שונא און ווי איר האָט אַ שונא און אַף אַלע גוישע שונאים געזאָגט געוואָרן אַזאַ סוף, רבונו של עולם!

אַזוי זאָגט זיסל די שוסטערן און ווישט די אויגן מיטן פאַרטוך. ליפּאַ באַשעוויטש הערט נישט אויף צו זאָגן נביאות אַלץ מיט דעם זעלבן נוסח:

— זעט איר דען נישט, ווי עס פֿאַלן שטיינער פֿונעם הימל? פֿײַעריקע שטיינער, פֿעד און שוועבל, און פֿעדערן, פֿעדערן, פֿעדערן אָן אַ שיעור? הערט איר דען נישט קיין געשריי פֿון געשענדעטע ווײַבער, פֿון צעריסענע קינדער, און פֿון אַלטע לײַט מיט צוויעקעם אין מוח? זעט איר דען נישט קיין אויפֿגעשניטענע בײַכער, אָנגעפֿילט מיט לעבער־דיקע קעץ?...

— זאָל שוין זײַן גענוג, רב ליפֿאַ, גייט אײַך געזונטערהייט! — זאָגט צו אים זיסל און באַגלייט אים אַרויס פֿון דער טיר. און עס הערט זיך נאָך פֿון יענער זײַט ליפֿאַס געזאַנג אַלץ מיטן אייגענעם טרויעריקן נוסח פֿון קינות: „ענעדען, מאַגעדען, מאַגדאַדען!”...

## קאַפּיטל ח.

## מזל טוב! גוט יום־טוב!

. . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . .

וואָס האָט זיך אַזעלכעס געטראָפֿן? פֿונוואַנען האָבן זיך גענומען אַזויפֿיל מענטשן אַף דער גאַס? וואָס לויפֿן דאָס אַרום פֿון גאַנץ פֿרי אָן סטודענטן מיט לאַנגע פּאַפּירן אין די הענט און טיילן יעדן איינציקן, ווער מען זיי באַגעגענען, פּראַנק און פֿרײַ? וואָס נעמט מען זיך אַרום אינמיטן גאַס? וואָס קושט מען זיך? וואָס גראַטולירט מען זיך? וואָס גיט מען זיך אָפּ מזל־טוב? און ווו איז ערגעץ פּאָליציע? פֿאַרוואָס זעט מען נישט קיין סאָלדאַטן, קאָזאַקן, זשאַנדאַרמען?...

די גאַסן ווערן אַלע מינוט פֿולער, מענטשן — מערער. קיין טראַמ־ווײַ, קיין דראָזשקעס זעט מען נישט פֿאָרן. אַלץ באַוועגט זיך, אַלצדינג גייט. ביידע זײַטן טראָטואַרן און די גאַנצע גאַס אינמיטן זײַנען געפּאַקט מיט מענטשן. און די פּנימער פֿון די מענטשן לײַכטן. און אָנגעטאָן איז מען יום־טובדיק. און רויטע בענדלעך האָט מען זיך צוגעשפּילעט אַפֿן האַרצן. און רויטע פֿאָנען האָט מען אויפֿגעהאָנגען אַף די באַלקאָנעס, רויטע קווייטן אַף די פֿענצטער. אָט האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ מיידל מיט אַ רויט זײַדן טיכל אַפֿן קאָפּ. אין איין מאָמענט רײַסט זי אַראָפּ פֿון קאָפּ

דאָס רויטע טיכל, צעריסט דאָס אַף אַ סך קליינע שטיקלעך, צעטיילט זיי צווישן די סטודענטן, וואָס רינגלען זי אַרום פון אַלע זייַטן און רייַסן די רויטע שטיקלעך בײַ איר פון די הענט. אַלע זייַנען יום־טובדיק, פריילעך, אָבער ערנסט. ס'איז פאָרגעקומען עפּעס אַ גרויסע, אַ מוראדיק־גרויסע זאַך...

* * *

איציקל שאַסטעפּאַל איז נאָך געשלאָפן, אַז מע האָט אָנגעקלאַפּט צו אים אין דער טיר אַרייַן.

— ווער איז? — האָט זיך געלאָזט הערן איציקלס קול.

— ס'איז איך, סאַפּראָנאָוויטש.

— סאַשאַ? וואָס איז דאָרטן?

— מזל־טוב, קאָנסטיטוציע!

— וואָס?

— אַ קאָנסטיטוציע האָט מען אונדז געשענקט... שטייט אויף, עס קערט זיך די וועלט!

— שיוּוקע, דו הערסט?

— ווייַ איז מיר! וואָס האָט זיך געטראָפן?

— קאָנסטיטוציע!...

— איך בעט אײַך, זאָלט איר געזונט זייַן, וואָס איז דאָס אַזעלכעס?

— זאָגט שיוּוקע צו סאַשאַן, און איציקל ווערט אין כעס, מאַכט מיט די הענט און גיט איר צו פאַרשטיין אַף די פינגער:

— וואָס פאַרשטייסטו נישט? קאָנסטיטוציע הייסט אַ קאָנסטיטוציע!

און איציקל דרייט אויס דעם קאָפּ צו סאַשאַן, ווי איינער רעדט: „גייט טענהט מיט אַ ייִדענע!” סאַשאַ סאַפּראָנאָוויטש אָבער האָט גע־דולד און גיט צו פאַרשטיין דער מאַדאַם שאַסטעפּאַל, וואָס הייסט דאָס קאָנסטיטוציע, און ער גיט צו, אַז ווי באַלד מע האָט אונדז געגעבן אַ קאָנסטיטוציע, קאָנען מיר האָפן אַף אַמנעסטיע.

— איר פאַרשטייט? אין אַ פּאָר שעה אַרום וועלן מיר האָבן די זכיה צו זען טאַמאַראַן פרייַ אַט־דאָ־אָ אין שטוב!

סאשאַ זאָגט דאָס מיט אַזאַ איבערצייַגונג, אַז די פֿאָטער־און־מוטער קוקן זיך איבער איינס מיט דאָס אַנדערע, קאָנען זיך נישט איינהאַלטן און צעווייַנען זיך. ער געזעגנט זיך אָפּ אַף גיך און לויפֿט אַרויס און באַגעגנט זיך אַף די טרעפּ מיטן פֿאָטער.

— סאשאַ? פֿונוואַנען איז?

— פֿון די שאַסטעפּאַלס.

— האָסט זיי אָנגעזאָגט די בשורה?

— נו געווים.

— וואָס האָב איך דיר געזאָגט?

— וואָס האָסטו מיר געזאָגט?

— קאָנסטיטוציע!...

— וואַרט אויס, פּאַפּאַ, ביסט נאָך נישט פֿאַרטיק.

— וואָס רעדסטו, סאשאַ, גאָט איז מיט דיר! אָט איז די צייַטונג, נאַ לייען!

— איך האָב שוין געלייענט, געלייענט...

— נו?

— נו — נו!...

קיין ווערטער האָט מען מער נישט באַדאַרפֿט. דער פֿאָטער האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס דער זון מיינט. ער קען אים. דער אַפּטייקער איז אויסער זיך פֿון סאשאָס ענטפֿער. ער האָט אויפֿגעשטעלט אַף אים די בלויע ברילן און וויל אים עפּעס זאָגן, קומט אָן די „אַלטע מויד" מיטן הונט העקטאָר און פֿאַלט אַרויף דעם אַפּטייקער אַפֿן האַלדז און קושט זיך מיט אים און גראַטולירט אים מיט דער קאָנסטיטוציע און זאָגט, אַז איצטער זייַנען אַלע מענטשן גלייַך... און וויל זיך צעקושן אויך מיטן אַפּטייקערס זון. קומט אָן פֿון דער אַנדערער זייַט קעסלער און שלעפּט אים אַוועק, און נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ בלייַבט מיטן אַפּטייקער אין צווייען, און זי קוקט אַרויף דורך אירע ברילן, און עס לאָזט זיך הערן איר מאַנצבילשע שטימע:

— זעט נאָר וואָס דאַרטן טוט זיך!

דאָס, וואָס זיי האָבן דערזען, לאָזט זיך נישט באַשרייַבן אַזוי גרינג. דאָס איז געווען אַ מבול פֿון מענטשן, וואָס האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן אינאיינעם מיט די גאַסן, און צוזאַמען מיט די גאַסן האָבן זיי געוואַקסן

און באוועגט זיך. נישט מענטשן זײַנען געגאַנגען, נאָר גאַסן, גאַנצע גאַסן, און קעפּ, געדיכט ווי זאַנגען אין פעלד, האָבן זיך געוויגט קוים־קוים, ווי עס וויגן זיך די זאַנגען פון אַ קליין לײַכט ווינטל, און פאָנען האָבן געפלאַטערט איבער די קעפּ, און די באַלקאָנען פון די הײַזער מיט די דעכער און מיט די פענצטער זײַנען געווען באַהאַנגען מיט רויטן און באַזעצט מיט מענטשן, און אַלצדינג איז געווען צונויפגעגאָסן אינאיינעם: מענער און פרויען און קינדער, און קריסטן און ייִדן. און שטיל איז געווען און רויִק און יום־טובדיק, ווי יום־טוב אין אַ מקום קדוש. און קיין זכר פון פּאָליציע איז נישט געווען. און כאָטש ס'איז געווען אַן אָקטאָבער־טאָג, האָט די זון געמאַכט שלום מיט דער ערד צוליב דעם גרויסן יום־טוב אויף דעם דאָזיקן טאָג און האָט געלויכטן, געשײַנט און געוואַרעמט, ווי אינעם שענסטן זומער־טאָג. און פון די זײַטיקע גאַסן זײַנען אויסגעוואַקסן נײַע ימים פון מענטשן מיט פאָנען און האָבן זיך צונויפגעגאָסן אינעם גרויסן מבול פון קעפּ, און אַלע אינאיינעם האָבן שטורעמדיק באַגריסט דעם גרויסן יום־טוב, דעם ערשטן פרײַהייטס־טאָג אינעם גרויסן לאַנד. און עס האָבן זיך געהערט פאַרשיידענע לידער און געזאַנגען. און עס האָבן זיך אַרויסגעריסן אַלעמאָל פאַרשיידענע ווער־טער און אויסגעשרייען. נאָר אַפּטער פון אַלע ווערטער האָט מען גע־קאָנט הערן דאָס וואָרט: „קאָנסטיטוציע!" „קאָנסטיטוציע!"

טויזנטער קולות האָבן זיך אַרויסגעריסן פון טויזנטער העלדזער און האָבן אָנגעפילט די לופט מיט דעם איינציקן ליבן טײַערן וואָרט: „קאָנ־סטיטוציע!"

עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז נישט נאָר די מענטשן — די הײַזער, די דעכער, די גאַסן, די ביימער, די שטאָט, די שטיינער האָבן געשריגן „קאָנסטיטוציע!" עס האָט זיך געדאַכט, אַז אויך די ערד ציטערט און שרײַט: „קאָנסטיטוציע!"

איינער פון דעם גאַנצן מבול מיט מענטשן איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אַן איבערגעקערטן פאַס און האָט אויסגעדונערט מיט אַ גראָבער באַ־סאָווער שטימע, אין וועלכער ס'איז געווען צו דערקענען דעם באַוואָקסע־נעם פאַרשווין מישאַ בערעזניאַק־נײַדיטש.

— בירגער! דאָס ערשטע מאָל ווערט איר אָנגערופן מיט דעם דאָזיקן פרײַען נאָמען „בירגער"! דערלויבט מיר, אַז אומבאַקאַנטן, צו

גראַטולירן איַך מיט דעם גרויסן יום־טוב, מיט דעם גרויסן טריומף. בירגער! מיר פיַיערן אונדזער טריומף, מיר פרייען זיך מיט אונדזער יום־טוב! פאַרגעסט אָבער נישט אונדזערע קעמפער, די, וועלכע האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט, די, וועלכע האָבן געשענקט זייער לעבן, די, וועלכע האָבן אוועקגעטראָגן זייערע קעפּ אָפּן עשאַפאָט פאַר אונדז און פאַר אונדזער פריַיהייט. אַף די קני זאָלט איר פאַלן, אַלע ביז איינעם!

און דער גאַנצער מבול מענטשן שטעלט זיך אַוועק, ווי איין מענטש, אַף די קני, און דער רעדנער טוט דאָס אייגענע אַף דעם איבערגעקערטן פאַס, הייבט אויף די האַנט און לאָזט אַרויס מיט זיַין באַסאָווער שטימע דאָס געוויסע טרויער־ליד:

„ווי זשערטוואַיו פּאַלי —

איר זענט אַ קרבן געפאַלן"...

און דער גאַנצער מבול פון מענטשן כאַפּט אונטער, ווי איין מענטש, דאָס דאָזיקע טרויער־ליד, און עס לאָזן זיך אַראָפּ די רויטע פאָנען, און אַלע קעפּ זיַינען אַנגעבויגן, און אַלע זינגען, און פיל־פיל ווייגען, וואָרעם פיל־פיל האָבן אייגענע און באַקאַנטע, וואָס זיַינען געפאַלן... און אַ הייליקע שטילקייט ווערט פאַרשפּרייט איבער דעם מבול פון אָפּגעדעקטע קעפּ פון די אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָ צונויפגעזאַמלט אינעם נאָמען פון דער פריַיהייט...

און אַז דער רעדנער שטעלט זיך אַף די פיס, שטייט אויף מיט אים דער גאַנצער מבול פון מענטשן, און זיַין באַסאָווע שטימע דונערט וויַיטער:

— בירגער! מיר האָבן אָפּגעגעבן אונדזער חוב צו די געפאַלענע קעמפער. איצט דאַרפן מיר זיך דערמאָנען אָן די קעמפער, וועלכע זיַינען נאָך נישט געפאַלן. זיי לעבן נאָך און מוטשען זיך אין די ענגע פינצטערע טורמעס. אָן זיי דערמאָנט איַיך. זיי ווייסן נאָך נישט פון אונדזער גרויסן יום־טוב, וואָס זיי האָבן אונדז באַשאַפן. צו זיי, צו זיי לאָמיר גיין! צו די מאַרטירער פאַר אונדזער פריַיהייט לאָמיר קומען! אַלע, ווי איין מענטש, לאָמיר זיך לאָזן צו די טורמעס. קיין איינציקער זאָל נישט בליַיבן דאָ. אַמנעסטיע לאָמיר פאָדערן פאַר אונדזערע שוועסטער און ברידער! באַפריַיען זאָל מען זיי באַלד, די רגע, די טירן עפענען און אַרויסלאָזן די

אומשולדיקע. און זאָל מען אונדז באַגעגענען מיט פֿייַער, וועלן מיר אַלע פֿאַלן. צו די טורמעס, בירגער, צו די טורמעס!

— הורררררראַ!!! — קאַטשעט זיך אַ הילך פֿונעם מבול מיט מענטשן פֿון איין עק שטאָט ביזן אַנדערן, און גאַנצע כוואַליעס קעפּ טראָגן זיך אַהין, צו די טורמעס!

די ערד, וואָס טראָגט אויף זיך די דאָזיקע אַלטע שטאָט, האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזאַ הילך, פֿון וועלכע מויערן קאָנען צעשפּאָלטן ווערן. דער הימל, וואָס דעקט איבער די דאָזיקע ערד, האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ באַוועגונג פֿון מוראַשקעס־מענטשן. און די זון האָט פֿאַרגעסן אַז עס איז אַן אָקטאָבער־טאָג, און האָט אַ צופֿרידענע אַראָפּ־געקוקט מיט איר פֿייַעריק פּנים אויף די צעהיצטע גליקלעכע מענטשן, און די גאַנצע נאַטור האָט גענומען אַנטייל אינעם דאָזיקן ליכטיקן הייליקן פֿרייַהייטס־יום־טוב.

## קאַפּיטל ט.

## פֿאַרשטערט דעם יום־טוב

חדושים ונפלאות! וויאַזוי האָבן זיך מענטשן אינעם דאָזיקן ים, אינעם דאָזיקן מבול, געקאָנט געפֿינען איינס דאָס אַנדערע? אויף אַזאַ בריהשאַפֿט זייַנען געווען פֿעיִק נאָר אַזעלכע מזיקים, ווי סאַשאַ סאַפּראָ־נאָוויטש און זייַן חבר קעסלער. די צוויי חברים האָבן מיטן כּח פֿון זייערע עלנבויגנס זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג און האָבן, גייענדיק צו די טורמעס, זיך אָנגעשלאָגן אויף איציקל שאַסטעפּאַל, וואָס סע האָט אים אַרויסגעטראָגן פֿון שטוב איינעם אַליין מיט זייַן שירם — ער ווייס אַליין נישט מיט וואָסער אַ כּח.

ווי מע דערזעט אַן אייגן קינד, אַזוי האָט זיך שאַסטעפּאַל דערפֿרייט, אַז ער האָט דערזען דעם אַפּטייקערס זון. שוין זשע איז דאָס אַלץ אויף דער וואָר? שוין זשע איז דאָס אַלץ אמת? קאָנסטיטוציע? אַלע זייַנען גלייַך? און אַפֿילו ייִדן אויך?... מע וועט באַפֿרייַען די פּאָליטישע? און אָט באַלד וועט ער זען זייַן באַפֿרייַטע טאָכטער? זייַן ליבע, איינ־ציקע, טייַערע טעאָכטער? ער קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייַטן, באַטראַכט

די דאָזיקע אַלע „יִנגלעד", דאַכט זיך, „גאָרנישטן", און דאָך האָבן טאַקע זיי אויסגעפירט!... און באַקאַנטע ייִדן באַגעגנט ער, וואָס געבן אים אַ מזל־טוב, קושן זיך מיט אים: „מיר זײַנען הײַנט גלײַך מיט אַלעמען!"... נישט שוין זשע טאַקע גלײַך מיט אַלעמען?... און נישט נאָר ייִדן — קריסטן באַקאַנטע גריסן אים, קושן זיך מיט אים, געבן אים אַ מזל־טוב. עפּעס נאָר משיחס צײַטן!... פּלוצים דערפילט ער אַ האַנט אויף זײַן פּלייצע. ער דרייט אויס דעם קאָפּ:

— סאַשאַ?...

און איציקל נעמט סאַשאַן אונטער דער האַנט און ער קוקט אים אין די אויגן אַרײַן, ווי איינער רעדט: „איז דאָס נישט קיין חלום?"... און סאַשאַ סאַפּראַנאָוויטש האָט ווי געטראָפן זײַן מחשבה, און זאָגט צו אים מיט אַ שמייכל:

— יאָ. מיר גייען זיי באַפרײַען. נאָך אַ האַלבע שעה און טאַמאַרא וועט דאָ זײַן מיט אונדז... מיט אונדז!...

אם ירצה השם! — זאָגט אים איציקל מיט אַ ירא־שמים־פּנים, האָט מורא זיך אַליין געבן אַ גוט אויג און קוועטשט סאַשאַן די האַנט.

— איז די משמעות, הייסט עס, אַז איצטיקס מאָל האָבן מיר אויסגעפירט?

דאָס וואָרט „מיר" זאָגט איציקל שאַסטעפּאַל שוין מיט גדלות, מיינענדיק דערמיט נישט אַזוי זיך, ווי די טאָכטער.... און ער דערזעט אינעם מבול פון קעפּ אַ באַקאַנט מיידל מיט אַ בחור אונטער דער האַנט גייען זיי ביידע זייער יום־טובדיק. ער וואָלט געמעגט שווערן, אַז דאָס איז זײַן שטוב־מיידל כאַסקע. יאָ, עס איז כאַסקע מיט איר חתן דעם טרובאַטש... „אַ יום־טוב — טראַכט ער זיך — אַלע זײַנען גלײַך, אַביסל טוט אים הנאה, וואָס אַלע זײַנען גלײַך און אַביסל אַרט דאָס אים: ווי געשיקט זיך עס, אַז זײַן שטוב־מיידל כאַסקע זאָל זײַן גלײַך מיט זײַן טאָכטער טאַמאַרא?... און צוריק טוט ער אַ טראַכט: „אַ שיינע ריינע כפּרה, זאָלן זיי זײַן גלײַך, אַבי ער זאָל שוין דערלעבן זען די טאָכטער געזונטערהייט!"... און נאָך אַ באַקאַנט פּנים דערזעט ער פון מבול פון קעפּ; דאָס איז נעטשיפּאָרענקאָ, דעם פּריס־טאַווס שרײַבערל. „וואָס טוט דאָ דער גויעץ?" און ער קאָן זיך נישט

אײַנהאַלטן און טוט אַ װוּנק צו אים און אַ מאַך מיטן שירם, און דעם קאָפּ האַלט ער הויך, מיט גדלות:

— װוּ איז אַנטאָן איװאַנאָװיטש? פּאַרװאָס זעט מען אים נישט אױף אונדזער יום־טוב?

נעטשיפּאָרענקאָ לאָזט אַראָפּ די אױגן, טוט אַ טרייסל מיטן קאָפּ, ענטפערט נישט שאַסטעפּאַלן. מע װײס נישט, צי איז ער צופרידן, אָדער נישט?...

— עס איז דעם פּריסטאַװס רעכטע האַנט. — זאָגט שאַסטעפּאַל צו סאַשאַן מיט גדלות. נאָר סאַשאַ האָט זיך פאַרקוקט אין אַן אַנדער זײַט. דאָרט גייט זײַן פאָטער, סאַלאָמאָן סאַפּראַנאָװיטש, געאָרעמט מיט זייער שכנה, נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָװנאַ, זעען אויס גליקלעך, װי אַ פּאָר־פאָלק נאָר װאָס נאָך דער חתונה. אױף איטלעכנס פּנים איז אָנגעצייכנט גליק, יום־טוב, יום־טוב, יום־טוב!

אַ געװאַלטיקער „הורא”, אַ נײַער שטראָם פון מענטשן. אַן אומ־באַשרײַבלעכער ענטוזיאַזם כאַפּט אַרום די גאַנצע מאַסע. דאָס האָט גע־עפנט די טױערן פון טורמע דער גובערנאַטאָר אַלײן, און האָט נאָך גע־האַלטן דערבײַ אַ רעדע און האָט באַפרײַט אַלע פּאָליטישע, װעלכע דער עולם האָט באַגעגנט מיט דער גרעסטער התפּעלות. און עס איז נישטאָ קײן ברעג צו דער שמחה פון די מאַסן, און עס קײַקלט זיך דער הילך פון איין עק ביזן אַנדערן:

— לעבן זאָל די פרײַהייט! לעבן זאָלן די באַפרײַטע!

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז יעדער איינציקער װיל זען די באַפרײַטע מיט זײַנע אייגענע אויגן. אייניקע האָבן עס געװאָלט נאָר פון נײַגעריקייט, אייניקע האָבן געהאַט אַן אינטערעס: אַן אייגענער, אַ קרוב, אַ גוטער באַקאַנטער. און בכדי דער יום־טוב זאָל זײַן נאָר פולער און די גאַנצע שטאָט זאָל װיסן פון דער אַמנעסטיע, האָט מען די באַפרײַטע גענומען פירן מיט מוזיק, מיט געזאַנג און מיט געשרייען „הורא” איבער די גרעסטע גאַסן פון שטאָט. אַלעמאָל האָט מען אָװעקגעשטעלט אױף אַן אימפּראָװיזירטער בינע איינעם פון די באַפרײַטע, ער זאָל זיך באַװײַזן, ער זאָל עפּעס זאָגן, כאָטש עטלעכע װערטער — און אַ הורא האָט פאַר־הילכט זײַנע רייד. נאָר אָט איז געװאָרן מיטאַמאָל אַ דערשטיקעניש. מע האָט זיך פּשוט געשטעלט איינער דעם אַנדערן אױף די קעפּ. און אױף דער

אימפּראָוויזירטער בינע האָט זיך באַוויזן זייער אַ שיין מיידל מיט שוואַרצע געקרייַזלטע האָר, מיט אַ ייִדישער נאָז און מיט שיינע שוואַרצע גרויסע אויגן. איציקל שאָסטעפּאַל, וואָס האָט זיך געהאַלטן די גאַנצע צייַט אַז זייַן יונגן פרייַנט סאַשאַ סאַפּראַנאָוויטש, האָט זיך געגעבן אַ וואָרף, אויסגעצויגןביידע הענט אַרויף:

— מייַן טאָכטער! מייַן קלוגע, טייַערע טאָ...

מער האָט דער גליקלעכער פאָטער נישט געקאָנט אַרויסזאָגן. ער איז איבערגעהאַקט געוואָרן אינמיטן וואָרט. עס האָט זיך געטראָפן אַ מאָדנע זאַך, אַ זאַך, וואָס קיין מענטש האָט נישט געקאָנט פאָרויסזען, אַ זאַך, וואָס קיינער האָט עס זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן נישט אויף וואָר, נישט אין חלום, אַ זאַך, וואָס האָט פאַרשטערט דעם גליקלעכסטן יום־טוב, פאַרשטערט, פאַרפינצטערט אויף לאַנג, אויף לאַנג, אויב נישט אויף שטענדיק... עס האָט זיך פּלוצים גאָר אומגעריכט דערהערט אַ קנאַק פון אַ סך ביקסן, מע ווייס נישט פונוואַנען, פון וועלכער זייַט, און דער מבול פון קעפּ האָט זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייַז צו וויגן, און אַלץ האָט באַקומען אַ מאָדנע אויסזען.

ווי פון אַ זיסן שלאָף, ווי פון אַ גוטן חלום האָט מען זיך אויפגע־כאַפּט, און אַ קאַלטער שרעק האָט אַרומגענומען אַלעמען, און צווישן דעם פאַרגליווערטן עולם איז מיטאַמאָל אויסגעבראָכן אַ פּאַניק, אַ בהלה, אַ לויפערייַ און אַ שפּרינגערייַ איבער קעפּ, אַן ערדטרעטעניש... נישט פאַרשטאַנען נאָך, וואָס דאָ איז געשען, האָט יעדער איינציקער אינסטינק־טיוו געגעבן אַ טראַכט פון זיך, וויאַזוי ראַטעווען מען זיך אַרויס פונדאַ־נען אַ לעבעדיקער? — און מע האָט גענומען ראַטעווען איטלעכער זייַן אייגענעם נפש... סאַשאַ סאַפּראַנאָוויטשעס ערשטער געדאַנק איז געווען — „טאַמאַראַ"... ווּ איז טאַמאַראַ? וויאַזוי דערשלאָגט מען זיך צו איר און מע שלעפּט זי אַרויס פון דער סאַמע הושטשע? אָנשטאָט דעם, ער זאָל לויפן אויף־צו־פריִער, ווי אַלע וואָס אַרום אים, האָט ער זיך געגעבן אַ וואָרף צוריק, אַהין, צום אויבנאָן. דאָרט, ווּ טאַמאַראַ איז נאָרוואָס געשטאַנען. ער האָט גענומען אַרבעטן מיטן כח פון זייַנע טרוקענע עלנ־בויגנס, שפּאַנען איבער קעפּ, פאַרגעסן יעדע סכנה, און האָט זיך סוף־כל־סוף טאַקע דערשלאָגן צו דער סאַמע הושטשע, צו דער סאַמע טריבונע. דערזען די צעטומלטע פאַרלוירענע טאַמאַראַ צווישן אַ סך צעטומלטע

און פארלוירענע, געגעבן זי א נעם מיט גוואלד אונטער דער האנט, א שלעפ ארויס פון דער מאסע און האט זיך געלאזט מיט דעם זעלבן כח פון זײַנע דארע עלנבויגנס און מיט דעם זעלבן שפאנען איבער קעפ, איבער געהרגעטע און איבער לעבעדיקע מענטשן, און עס איז אים גע־ראטן ארויסצורײַסן זיך פון דער ענגשאפט אף א פרײַ שטיקל פלאץ.

אין דער ערשטער מינוט האט זיך טאמארא נישט געקאנט אפגעבן קיין רעכענונג, וואס זי טוט און וואהין זי גייט און מיט וועמען זי גייט. שפעטער, אז זי האט זיך ארויסגעמאכט פון דער ענגשאפט אף דעם פרײַען פלאץ און זי האט זיך ארומגעקוקט צוריק און האט דערזען בלוט, בלוט פון אונטערגעשאסענע, צעהרגעטע, צעטראטענע מענטשן, — האט זי זיך געגעבן א רײַס אויס פון סאשאס הענט און האט זיך געוואלט לאזן לויפן צוריק. סאשא סאפראנאוויט אבער האט זיך באשלאסן, טאמאראן פון די הענט נישט ארויסצולאזן, האט ער זי א כאפ געטאן צוריק מיט זײַנע דארע, נאר שטארקע הענט:

— צוריק וועט איר נישט גיין!

איבעריקע ווערטער. סײַ ווי סײַ איז שוין אוממעגלעך געווען גיין צוריק. גיין האט מען געקאנט נאר ווײַטער, אי דאס נישט גיין, נאר לויפן, ווארעם א געדיכטע כוואליע פון מענטשן האט זיך, ווי א שטראם, געטראגן און געטראגן...

און פון הינטן האט זיך געהערט א שיסערײַ... און פערד האבן געטראטן איבער לעבעדיקע מענטשן...

ערשט אז זיי זײַנען שוין געווען אף דער וואסילטשיקאווער גאס, באם הויז נומער 13, בא דער אפטייק פון סאלאמאן סאפראנאוויטש, האט טאמארא באמערקט, אז איר באגלייטער סאשא האלט זיך מיט דער לינקער האנט בא דער רעכטער פלייצע, און אז דאס פנים איז אים בלאס, ווי בא א טויטן.

— וואס איז אײַך? — האט זי אים געפרעגט, געשעמט זיך קוקן אים גלײַך אין די אויגן.

— גארנישט, גארנישט, נישט געפערלעך.

אזוי האט איר געענטפערט סאשא מיט א פרײַנטלעך שמייכעלע, אנווײַזנדיק איר אף דער פלייצע, און האט ארפגעלאזט זיך פאוואלינקע אף דער ערד. טאמארא האט זיך אנגעבויגן איבער אים, אויפגעהויבן

אים מיטביידע הענט, ווי מע הייבט אויף אַ קינד, און מיט אַלע כחות איז זי צוגעגאַנגען צו דער טיר און האָט גענומען קלינגען אַזוי לאַנג, ביז עס זײַנען אַרויסגעלאָפן חוה די ייִדענע, כאַסיע דאָס מיידל און דער סטאָראָזש דער גוי, און מע האָט דעם אונטערגעשאָסענעם סאַשאַ אַרויפגעטראָגן צו איציקל שאַסטעפּאַל אין הויז אַרײַן (דעם אַפּטייקערס וווינונג איז געווען צוגעשלאָסן), און ערשט דאָרט, אַז מע האָט אים אוועקגעלייגט אויף אַ קאַנאַפּע, צעשפּילעט דעם אַרבל, האָט מען דערזען, אַז ער גייט אויס מיט בלוט, און סאַשאַ האָט אָנגעהויבן חלשן.

— דעם דאָקטער! וואַסער! אײַז! דעם אַפּטייקער! — און אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַלע זײַטן, ווער נאָך וואַסער, ווער נאָך אײַז, ווער נאָכן דאָקטער. שיווקע, וואָס האָט שוין געוווּסט אַז טאַמאַראַ איז פרײַ (נחמיה דעם שוסטערס ווײַב האָט פאַרדינט די מצוה; זי איז געקומען צו לויפן אַהיים איר אָנזאָגן די בשורה פריִער פאַר אַלעמען), האָט זיך געלאָזט לויפן מיט אַ גוואַלד אין דער גאַס אַרויס און באַגעגנט זיך מיטן מאַן, וועלכער איז געלאָפן אַהיים האַלב אַ טויטער. דערזען שיווקען לויפן, איז איציקל שאַסטעפּאַל שיער נישט געשטאָרבן פאַר שרעק. ער האָט מיטן שירעם געוויזן נאָך פון דער ווײַטן צו שיווקען, אַז זי זאָל גיין צוריק, וואָרעם אין גאַס טוט זיך חושך, מע שיסט.

— מע שיסט! — שרײַט צו איר דער מאַן.

— מע שיסט?

— מע שיסט! מע שיסט! גיי צוריק!

— דאָ אויך, — ענטפערט אים שיווקע, — מע האָט שוין געשאָסן! דערשאָסן!

— ווו? ווען? — שרײַט איציקל און פאַלט שיער חלשות.

— דעם אַפּטייקערס זון האָט מען געשאָסן...

* * *

דעם פאַרוואונדעטן סאַפּראָנאָוויטשן האָט מען אַרויסגענומען די קויל און איבערגעבונדן די וווּנד. דער דאָקטער האָט געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ קיין געפאַר, דער קראַנקער וועט אין דרײַ־פיר טעג אַרום קאָנען אויפשטיין. ער האָט נאָר אָנגעזאָגט, מע זאָל אַכטונג געבן אויף דער טעמפּע־

ראטור, און ווײַטער גאָרנישט. דער קראַנקער האָט גערעדט, געשפּאַסט און געפּילט זיך זייער גוט. און וויאַזוי האָט ער זיך געקאָנט פילן נישט גוט, אַז טאַמאַראַ איז געזעסן נעבן אים ־גלײַך מיט אַלע; זי האָט זיך אַליין אַרויסגערופן אָפּ צו זיצן נעבן קראַנקן. איציקל שאָסטעפּאַל האָט געוואָלט, אַז זי זאָל גיין רוען נאָך אַ טאָג פון גרויסע שרעק, און אַגב האָט די מאַמע זי שוין אַזאַ צײַט נישט געזען... האָט אָבער טאַמאַראַ געזאָגט, אַז זי וועט פון דעם קראַנקן נישט אָפּטרעטן... זיצנדיק אָט דאָ, האָט טאַמאַראַ פאַרטראַכט זיך, דאָס ערשטע מאָל פון זינט זי קען זיך מיט סאַשאַן, איבער אַלץ, וואָס צווישן זיי איז פאָרגעקומען ביז איצטיקן מאָמענט. דאָס ערשטע מאָל, קאָן מען זאָגן, האָט זיך טאַמאַראַ אָפּגעגעבן אַזוי נאָענט מיט דעם מענטשן, און איר גאַנצע פאַרגאַנגענ־הייט איז איר דורכגעלאָפן אין די געדאַנקען, און זי האָט זיך דערמאָנט, ווי דער דאָזיקער סאַפּראָנאָוויטש איז איר נאָך קינדווײַז נאָכגעגאַנגען, ווי אַ שאָטן... און נאָכדעם, אַז ער איז אונטערגעוואַקסן, געוואָרן אַ „בחור'ל", איז ער איר געווען כסדר פאַר די אויגן, שטענדיק אַ רויטער, תמיד אַ שעמעוודיקער... און נאָכדעם, ווי ער איז געפאָרן מיט איר קיין פּעטערבורג, מורא געהאַט צוגיין צו איר נאָענט... נאָכדעם אין פּעטערבורג זייערע באַגעגענישן און געשפּרעכן: „מ ע  ה אָ ט  מ י ך  ג ע מ אַ כ ט  פ אַ ר  אַ ן  א ו י פ ז ע ע ר ן  אָ פּ  װ ײַ נ ג ע ר ט נ ע ר,  מ ײַ ן  אַ י י ג ע נ ע ם  ג אָ ר ט ן  ה אָ ב  אַ י ך  פ ר ל אָ ז ט"...

און טאַמאַראַ פאַרטראַכט זיך אָפּ דעם פּשט פונעם פּסוק און אָפּ דעם אַלעם, וואָס זי איז דורכגעגאַנגען און דורכגעמאַכט אין דער לעצטער צײַט: וואָס איז זי, אייגנטלעך, געווען פאַר דער באַוועגונג? נישט מער אַלס אַ פּאַסיווע, אַ זײַטיקע פּערזאָן... וואָס האָט זי אַליין אויפגעטאָן? גאָרנישט מיט גאָרנישט! מיט וואָס האָט זי אין דער דאָזיקער קאָנסטי־טוציע אַ גרעסערן חלק, למשל, פון איר מוטער? אַ גאַנצע ריי פון אַקטיווע פאַרשווינען גייען דורך פאַרבײַ איר: ראָמאַנענקאָ, מאַשאַ, בע־רעזניאַק און נאָך און נאָך — וואָס איז זי פאַר זיי געווען, אַז נישט קיין גוטע באַקאַנטע און נישט מער? פאַרוואָס האָבן אַלע אַנדערע געהאַט מער אָדער ווייניקער אַרבעט, און זי נישט? צוויי מאָל איז זי אָפּגעזעסן אין טורמע, און ביידע מאָל אַלס אַ זײַטיקע, אַ צוגעטשעפּעטע, און קיין־מאָל נישט אַלץ אַז אַקטיווע מיטאַרבעטערן, ווי אַנדערע. און ווער האָט

זיך נאָך אַזויפיל געריסן צו אַקטיווער אַרבעט, ווי זי? אַט איז סאַפּראָ־נאָוויטש נישט קיין רעוואָלוציאָנער, — פאַרוואָס האָט ער שטענדיק אַזויפיל צו טאָן אַלס נאַציאָנאַליסט פאַר זײַן אייגן פאָלק? איז דען זײַן פאָלק נישט איר פאָלק? איז זי דען נישט שולדיק, ווי סאַשאַ זאָגט, צו איר פאָלק מער אַלס צו אַלע אַנדערע, פאַר וועמען עס דאַרט איר דער קאָפּ און עס טוט איר ווײ דאָס האַרץ און זי איז גרייט אַפילו זיך מוסר נפש צו זײַן?...

— וואָס מאַכט ער? — פרעגט שאַסטעפּאַל, צוגייענדיק אויף די שפּיץ פינגער צום בעטל, ווו סאַשאַ ליגט און די טאָכטער מיט סאַשאַס חבר קעסלער זיצן בײַ די זײַטן.

— ער שלאָפט, — זאָגט טאַמאַראַ שטיל.

— ששש... ער שלאָפט! — זאָגט איציקל שאַסטעפּאַל צו שיווער־קען, וואָס גייט אים נאָך פון הינטן.

אין דער מינוט רײַסט זיך אַרײַן חוה די ייִדענע מיט אַ בשורה גלײַך צום בעל־הבית, צו איציקל שאַסטעפּאַל:

— בעל־הבית! אויף דער ייִדישער גאַס, זאָגט מען, איז פרייילעך!

— ששש... וואָס הייסט ס'איז פרייילעך? — פרעגט איציקל.

— אַ פּאָגראָם, זאָגט מען.

אַלע כאַפּן זיך אויף פון די ערטער.

— אַ וואָס?

— אַ פּאָגראָם ווייסט איר נישט? אַ ייִדישער פּאָגראָם, דאָס איי־געגע, וואָס איז קעשינעוו...

דאָס דאָזיקע עכט־רוסישע וואָרט „פּאָגראָם", וואָס קאָן נישט איי־בערגעזעצט ווערן אויף קיין שפּראַך אין דער וועלט, רופט אַרויס בײַ ייִדן אַ געפיל, וואָס קיין אומה ולשון קאָן עס נישט פאַרשטיין, אויסער אַ ייִדן. ווי ווילד דאָס זאָל נישט קלינגען, האָט דאָס אין דער מינוט, אין דעם דאָזיקן טאָג, געקלונגען נאָך מער ווילד, ווי אַלעמאָל. הײַנט אַ פּאָגראָם? ווי איז דאָס מעגלעך?!...

אין די ווערטער קומען אָן נחמיה דער שוסטער מיט זײַנע ביידע זין מיט שטאַרק איבערגעשראָקענע פּנימער.

— מע שלאָגט, — זאָגט חיים, און בעני חזרט איבער:

— מע שלאָגט... ס'איז אַ פּאָגראָם...

אַלע זײַנען פֿאַרגליווערט געוואָרן. סאַשאַ האָט זיך אויפֿגעזעצט, אָנגעשפּאַרט אָפּן עלנבויגן און באַגעגנט זיך מיט טאַמאַראַס אויגן. אינעם דאָזיקן קוק האָט זיך אויסגעדריקט אַלצדינג, וואָס ס׳איז ביז אַהער צווישן זיי נאָך נישט געזאָגט געוואָרן. נחמיה דער שוסטער האָט געפֿונען פֿאַר נייטיק צו באַרויִקן די בעלי־בתּים.

— שרעקט אײַך נישט, עס איז מיט חסד: אָרעמעלײַט שלאָגט מען... אַף דער ייִדישער גאַס איז אַ פֿאַרמענע פּאָגראָם. נאָרוואָס איז געווען בײַ מיר מײַנער אַ באַקאַנטער שנײַדער, יודל קטנתי...

— גייט אײַך געזונטערהייט מיט אײַער שנײַדער קטנתי! — צע־לאָזט זיך איציקל שאַמעפּאַל מיט כּעס אָפּן שוסטער, גלײַך ווי דער שוסטער איז דאָ דער גאַנצער חייב, און טאַמאַראַ שטייט אויף, גלײַכט זיך אויס, דאָס פּנים פֿלאַמט איר, די אויגן ברענען:

— ס׳אַליגן! עס קאָן נישט זײַן! עס קאָן נישט זײַן!...

— פֿאַרוואָס קאָן עס נישט זײַן? עס קאָן זייער זײַן! — זאָגט סאַשאַ אין אויפֿרעגונג. — דאָס איז דער אמתער עפּילאָג, וואָס מע האָט באַדאַרפֿט אַרויסזען...

—— איר זאָלט נאָר ליגן רויִק! — שלאָגט אים טאַמאַראַ איבער מיט אַ ווייכן טאָן, וועלכן ער האָט נאָך פֿון איר קיינמאָל נישט געהערט.

— אײַך האָט דער דאָקטער אָנגעזאָגט, איר זאָלט ליגן רויִק... איך גיי און קום באַלד צוריק... רויִק זאָלט איר ליגן!

סאַשאַ פֿאָלגט זי, ווי אַ קינד, לייגט זיך אָוועק צוריק, ליגט כּלומרשט רויִק און קוקט, ווי טאַמאַראַ טוט זיך אָן, קלײַבט זיך גיין. נישט שוין זשע וועט זי אָוועקגיין, און ער וועט דאָ בלײַבן אַליין, אָן איר?... ער פֿילט, ווי עס טראָגט אים פֿון דער קאָנאָפּע. אַט־אַט, דאַכט זיך, שפּרינגט ער אַראָפּ, טוט זיך אַ וואָרף איר פֿאַר די פֿיס: „נ יי ן, ד ו  וו ע ס ט נ י ש ט  ג יי ן  אַ ל יי ן, ט אַ מ אַ ר אַ, מ י ט  מ י ר  וו ע ס ט ו  ג יי ן! מ י ט  מ י ר! מ י ט  מ י ר!"...

* * *

טאַמאַראַ איז אָוועק, און סאַשאַ איז געבליבן ליגן אין אַ העליש פֿײַער.

די טעמפּעראַטור האָט זיך בײַ אים אויפֿגעהויבן.

## קאפיטל י.

## וואָס טאַמאַראַ האָט געזען און געהערט

עס איז נאָך געווען פרי, אַז טאַמאַראַ האָט זיך געלאָזט איבער דער שטאָט אַראָפּ־צו, דאָרט ווו די אָרעמעלייט וווינען, אויף דער ייִדישער גאַס. זי האָט באַגעגנט אָרעמע ווייַבער מיט קינדער, מיט פּעקלעך און שמאַטעס אַ סך, פאָרן אויף פורלעך, איין פור נאָכן אַנדערן, מיט איבערגעשראָקענע פאַרשעמטע פּנימער, גלייַך ווי זיי וואָלטן עפּעס אָפּגעטאָן אַ מיאוסע מעשה, באַגאַנגען אַ פאַרברעכן... וווּהין פאָרט מען? זיי ווייסן אַליין נישט וווּהין זיי פאָרן. איז שטאָט איז, זאָגט מען, אַ פּאָגראָם, דאַרף מען פאָרן ערגעץ זיך באַהאַלטן; דער — צו אַ באַקאַנטן קריסט, דער — אין אַ האָטעל, און דער צום באַן... לאַנג האָבן אָבער די דאָזיקע נישט געקאָנט פאָרן, וואָרעם מע האָט זיי נישט געלאָזט; מע האָט זיי גענומען אָפּשטעלן, פאַרקערעווען די פערדלעך און אָפּשיקן צוריק, צוריק. טאַמאַראַ איז צוגעגאַנגען צו אַ פּאָליציאַנט און געפרעגט, וואָזוי דערלאָזט ער אַזאַ זאַך? האָט זי באַקומען פון אים אַ תשובה, אַז די באַרישני זאָל זיך בעסער אָפּטראָגן פון דאַנען באַצייַטנס, וואָרעם זי קאָן כאַפּן דעם אייגענעם פּסק, וואָס די דאָזיקע ייִדן...

— וואָס עפּעס ייִדן? — פרעגט אים טאַמאַראַ.

— וואָרעם הייַנט איז אַזאַ טאָג... — ענטפערט איר דער פּאָליציאַנט מיט אַזאַ טאָן, גלייַך ווי עס וואָלט זיך גערעדט פון באַגיסן די גאַסן וכדומה אַזעלכע געוויינלעכע זאַכן.

טאַמאַראַ גייט ווייַטער און שלאָגט זיך אָן אויף אַזאַ סצענע: אַן אָרעמע ייִדישע פרוי, נאָך אַ יונג ווייַבל, מיט צוויי קינדער, איינס בײַ דער האַנט, דאָס אַנדערע אויף די הענט, לויפט מיט אַ קאַשיק, און איר לויפן נאָך צוויי גויעס. איינע האָט שוין דעם קאַשיק צוגענומען, און די אַנדערע רייַסט בײַ איר די שאַל פונעם קאָפּ. טאַמאַראַ לויפט צו און שטעלט זיך אָפּ.

— וואָס טוט איר דאָס? גאָט איז מיט אייַך!

— הייַנט מעג מען! — ענטפערן איר די גויעס מיט אַ געלעכטער

און לאָזן אַפּ דאָס ווײַבל. און טאַמאַראַ ווערט געוואָר פון איר, אַז דאָס לויפט זי פון דער ייִדישער גאַס, ווו מע שלאָגט ייִדן... וווּהין זי לויפט — ווייס זי נאָך אַליין נישט, נאָר זי האָט גערעכנט, אַז דאָ, צווישן די יגידים, און איבערהויפּט — צווישן קריסטן, וועט מען מן הסתם נישט שלאָגן, טאָמער וועט עמעצער אַפּ איר רחמנות האָבן און אַפּ אירע צוויי יתומהלעך? זי וואָלט וועלן זיך באַהאַלטן ערגעץ באַ אַ גוטן קריסט, צאַ אַ קריסט איז מען זיכערער...

טאַמאַראַן פאַלט אײַן אַ געדאַנק צו פאַרבאָרגן דאָס דאָזיקע ווײַבל באַ אַ קריסט. באַ וועמען? עס איז נישט ווײַט פון דער גימנאַזיע — באַ דער פרוי ראָמאַנענקאָ! און זי זאָגט צום ווײַבל, אַז זי וועט זי אָפּפירן צו אַ באַקאַנטן קריסט. „צו אַ קריסט? לאַנג לעבן זאָלט איר!"... דאָס ווײַבל וויל זי אַרומכאַפּן קושן. און זי כאַפּט זי פאַר אַ האַנט און זי לויפט מיט איר, און לויפנדיק דערציילט איר דאָס ווײַבל טויזנטער שרעקלעכע זאַכן, וואָס האָבן זיך אָפּגעטאָן באַ זיי אַפּ דער ייִדישער גאַס: מע שלאָגט, מע הרגעט, מע הרגעט אַפּ טויט. טאַמאַראַ פאַרשטעלט זיך די אויערן, און נישט ווילנדיק דערמאָנט זי זיך אין ביאַליקס בלוטיקע פּאָעמע, וואָס סאַשאַ האָט איר אַמאָל געלייענט, און וואָס האָט דעמאָלט געמאַכט אַפּ איר אַ אײַנדרוק פון אַ שיינער, הויכער פּאָעזיע, נישט מער. איצטער קליגנען זיי איר אין די אויערן, ווי טראָמפּייטן, ווי הונדערט קעסל־פּויקן:

א פויסט ווו איז?
ווו איז אַ גרויסער דונער,
וואָס זאָל זיך אָפּרעכענען פאַר אַלע דורות?...

עס ציט זי צוריק אין שטאָט אַרײַן, כאַפּן וואָס ס'וועט איר אַרײַנ־פאַלן אין די הענט אַרײַן, זיך נוקם זײַן, זיך אָפּרעכענען פאַרן אומזיס־טיקן בלוט. זי דערמאָנט זיך, אַז זי האָט גענומען אָפּפירן דאָס דאָזיקע ווײַבל מיט די קינדער צו אַ קריסט. אָט איז שוין די גימנאַזיע. אָט דאָ זיצט אירער אַ באַקאַנטער קריסט...

— אָט דאָ וועט איך זײַן גוט! — זאָגט טאַמאַראַ צום ווײַבל און זי קלינגט אַז באַ דער טיר איין מאָל און צוויי מאָל און דרײַ מאָל — מע ענטפערט נישט. קלינגט זי אַז אין טויער, באַווײַזט זיך דער דוואָרניק. דערזעט „ייִדן", ווער ער מלא חמה: „דאָ איז נישט קיין ייִדישע סי־

נאגאגא, טראגט זיך אפ באציִטנס, כל זמן מע האט איִך נישט געבראכן די ביינער!"...

— איר קאנט איִך גייז, — זאגט דאס וויִבל צו טאמאראן. — איך בליִב זיצן דא, עס מעג זיך זיִן וואס עס וויל זיך, פארט צווישן קריסטן, טאמער וועט זיך עמעצער דערבארעמען. איך בין אן ארעמע אלמנה מיט צוויי ברעקלעך קינדער יתומים. וואס וועט מען בא מיר נעמען?...

טאמארא לאזט זיך גיין און דערזעט פונדערוויִטן א פראצעסיע מיט נאציאנאלע פאנען. וואס זאל דאס באדייטן? און זי דערזעט פונדערוויִטן שוין זייער א שיין בילד, וויאזוי מע האקט טירן, מע ברעכט פענצטער און מע ווארפט און מע שמיצט און מע שליִדערט, און קליינע שקצימ־לעך און גויעס און שיקסעס הייבן דאס אויף, און מע שלאגט עפעס עמעצן. און זי זעט, ווי מענטשן פאלן און מע טרעט אף זיי מיט די פערד... און טאמארא לויפט צו, און דערזעט, אז אט האט זיך פלור־צים די פראצעסיע אפגעשטעלט נעבן דער גימנאזיע... אפן באלקאן שטייט דער אלטער ראמאנענקא א א היטל און בייגט זיך און נייגט זיך, און עס לאזט זיך הערן א מוראדיקער „הורא!"

— נידער מיט דער קאנסטיטוציע! א טויט צו די ייִדן!!!

— הורא! א טויט צו די ייִדן!!!...

. . . . . . . . . . . . . .

## קאפיטל יא.

## דער שטורעם פארשפרייט זיך

דעם אפטייקער סאלאמאן סאפראנאוויטש איז דאס אפגעראטן, ווי א מוצלח. אים האט דאס נאכן ערשטן שאס אפגעריסן פון זיִן פריִנדן נאדיעזשדא אלעקסאנדראוונא און אוועקגעטראגן מיטן שטראם אין אן אנדער זיִט שטאט, אין די וויִטע גאסן און געסלעך, ווו ער איז שוין לאנג נישט געווען. ער האט דערהערט פון דארטן, פון אונטן ערגעץ, טראגן זיך מאדנע קולות; עס האט אויסגעדאכט, ווי מענטשן שריִען, רופן צו הילף, און ס'איז אים געווארן קאלעמוטנע אפן הארצן, און ער

האָט געוואָלט שוין אומקערן זיך צוריק. נאָר דער גוטער יאָר האָט אים געטראָגן, און ער האָט זיך איינגעשטעלט און איז געגאַנגען אַביסל אַראָפּ באַרג, צו דער ייִדישער גאַס צו, און האָט אָנגעהויבן צו באַגעגענען מאָדנע מינים נפשות, וואָס ער האָט שוין לאַנג אַזעלכע נישט געזען: באָרוועסע, אָפּגעריסענע, מיט געשוואָלענע פּנימער, מיט רויטע נעזער, מיט אונטערגע־בלויטע אויגן. יעדער פון זיי האָט עפּעס געטראָגן פולע הענט און האָט זיך געאײַלט מיט אַזאַ אימפּעט, ווי מע אײַלט זיך אויף יום־טוב, אָדער מע דאַרף אָפּטראָגן דאָס און גיכער גיין נעמען נאָכאַמאָל, וואָרעם מע קאָן פאַרשפּע־טיקן... צווישן דעם, וואָס די נפשות האָבן געטראָגן, זײַנען געווען נײַע שטיוול, אַלטע קאַלאָשן, נײַע קאָלדרעס, אַלטע זעק, זילבערנע וואַזעס, פּאַ־פּירענע פודלען, אײַזערנע טעפּ, פּעקלעך מיט טיי, פּראָצעלײַענע זייגערס מיט היטלעך צוקער, וכדומה אַזעלכע זאַכן, וואָס פאָרן זיך עפּעס נישט... נאָך נישט געוווּסט אַקוראַט וואָס דאָס איז, נאָר דערפילט, אַז דאָ איז נישט פריילעך, האָט ער חשק געהאַט שוין אַ נעם טאָן זיך צוריק. נאָר אַ מאָדנער כח האָט אים ווי געצויגן אַלעמאָל וואָס ווײַטער און ווײַטער, ביז ער האָט באַגעגנט פון אַ צווייטער גאַס אַ כאַליאַסטרע יונגע שקצים מיט דובינקעס. האָבן זיי אים אָפּגעשטעלט און אַ פרעג געטאָן, וויפל געלט האָט ער בײַ זיך? נאַטירלעך, האָט זיך דער אַפּטייקער אַרויסגע־שטעלט אַקעגן זיי מיט גרויסקייט: וואָס פאַר אַ העזה האָבן זיי אָוועק־שטעלן אַ רוּיקן מענטשן אינמיטן גאַס, און נאָך אין אַזאַ צײַט, וואָס מע האָט אונדז געשענקט קאָנסטיטוציע?...

— אַהאַ? קאָנסטיטוציע? — האָבן די יונגע שקצים געענטפערט דעם אַפּטייקער און מכבד געווען מיט אַ ברוך־הבא איבערן קאָפּ אַזוי געשמאַק, אַז ער איז באַלד פריטשמעלעט געוואָרן, פאַרלאָרן דעם קאַ־פּעלוש מיט די בלויע ברילן און איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד. און חברה האָבן קודם אַראָפּגענומען בײַ אים דעם גאָלדענעם זייגער מיט דער קייט, אויסגעטרייסלט אַלע קעשענעס, און ערשט נאָכדעם איז בײַ זיי אַרויס אַ ספק, צי איז דאָס אַ ייִד אָדער אַ קריסט? זאָל ער זײַן אַ קריסט? — למאַי איז ער אַ גלער? איז ער אַ ייִד? למאַי איז ער געגאָלט? און עס איז געבליבן בהסכם כולם, אַז מע זאָל פרעגן בײַם אַפּטייקער אַליין. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער אַפּטייקער האָט באַלד געענטפערט, אַז ער איז אַ קריסט, אַן אמתער קריסט.

— וויבאַלד ער איז אַ קריסט, זאָל ער אונדז באַווייזן; זאָל ער זיך אָקאָרשט איבערצלמען ברײַ מאָל!

אַזוי האָבן געפאָדערט חברה, און דער אַפּטייקער, טויט ווי אַלע טויטע, האָט זיך נעבעך געמוזט דרײַ מאָל איבערצלמען.

— צלמען זיך קאָן אַ ייִד אויך! — האָט זיך אָנגערופן איינער אַ חכם. — זאָל ער אונדז ווײַזן, אַז ער טראָגט אַ צלם.

דאָ איז אים געוואָרן שלעכט: טאָמער, אַ קשיא אַף אַ מעשה, וואָס חברה קאָנען טאָן מיט אים? איז ער געפאַלן אַף אַן עצה (נישט אומזיסט האָבן ייִדן אַ שם פון אַ כיטרע פאָלק!) און האָט זיך כלומרשט מודה געווען פאַר זיי, אַז ער אַליין קומט אַרויס פון ייִדן, דאָס הייסט, ער איז אַמאָל געווען אַ ייִד, נאָר איצט איז ער אַ קריסט. אײַ, וווּ איז דער צלם? —

— איך בין אַ פּראָטעסטאַנט! — האָט זיך באַצײַטנס פאַרענטפערט דער אַפּטייקער און געבעטן זיך בײַ די חברה־לײַט, זיי זאָלן אַף אים רחמנות האָבן, ער האָט אַ קראַנק ווײַב מיט פיר קליינע קינדערלעך, מיט אַן אַלטער מאַמע, מיט אַ בלינדן טאַטן (צוליב פּקוח־נפש און מחמת ער האָט שוין אָנגעהויבן זאָגן ליגן, האָט ער שוין געהאַקט ווײַטער).

און די חברה־לײַט האָבן רחמנות געהאַט אַפן געשמדטן פּראָטעסטאַנט, וואָס האָט אַ קראַנק ווײַב מיט פיר קליינע קינדערלעך מיט אַן אַלטער מאַמע מיט אַ בלינדן טאַטן, און האָבן נאָר צוגענומען בײַ אים די מלבושים מיט די שטיוול, אים איבערגעלאָזט דאָס העמד מיט די זאָקן און געשענקט אים אַ פּאָר פּעטש דערפאַר, וואָס ער איז אַ פּראָטעסטאַנט, נישט קיין פּראַוואָסלאַוונער.

—— האָסטו זיך געשמדט, האָסטו שוין באַדאַרפט אָננעמען דעם ריכטיקן גלויבן פון אַ פּראַוואָסלאַוונעם, נישט אַזאַ גלויבן, ווי בײַ די פּראָטעסטאַנטן! דאָס אַנדערע מאָל, אַז דו וועסט זיך שמדן, זאָלסטו זיך שוין שמדן ווי עס געהער צו זײַן...

. . . . . . . . . . . . . . .

דער על־פּי־נס־געראַטעוועטער אַפּטייקער סאַפּראַנאָוויטש האָט בײַ זיך אין האַרצן געבענטשט גומל, וואָס ער איז ניצל געוואָרן פונעם טויט, וואָס ער האָט זיך מיט אים געזען נאָר־וואָס פּנים אל פּנים. ער האָט נישט געוווּסט, אַז דאָרט, אינדערהיים, איז פון זײַן גאַנצן גוטס, פון זײַן אַפּ־

טיק, נישט געבליבן קיין שריד ופליט. אַ גליק נאָר, וואָס זײַן פֿרײַנדין נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט אים כאָטש אָפּגעראַטעוועט זײַן שטוב און זײַן זון סאַשאַן. ווען זי קומט מיט איין האַלבע שעה פֿריִער, וואָלט זי אפֿשר די אַפּטייק אויך אָפּגעראַטעוועט. די גוטע נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, ווי באַלד ס'איז געוואָרן די גרויסע בהלה, געקומען אַהיים און געוואָר געוואָרן, אַז אין שטאָט איז נישט רויִק, — אַזוי איז זי אַוועק גלײַך צו איר פֿרײַנט סאַפּראָנאָוויטש, זען וואָס טוט זיך דאָרטן, און אָנגעקומען אַקוראַט צו דער רעכטער אַרבעט. דערזען דעם חורבן פֿון דער אַפּטייק, איז זי פֿאַרציטערט געוואָרן. געטראָפֿן הינטן בײַ דער טיר אַ באַנדע חברה־לײַט שוין גרייט אַף צו גיין אַרויף אין שטוב אַרײַן זיך נעמען דאָרט אויך צו דער אַרבעט, האָט זיך נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ צעשריגן אַף אַ קול, אַז זיי זאָלן זיך די רגע אָפּטראָגן פֿונדאַנען, וואָרעם אָט רופֿט זי אַרויס אַ ראָטע קאַזאַקן! זי איז אַ ראַטמיסטערס אַ שוועסטער, זי וועט נישט דערלאָזן, מע זאָל זיך צורירן צו דעם דאָזיקן הויז. דאָס הויז איז אירס! „עטאָ אוזשאַסנאָ! עטאָ וואַזמוטיטעלנאָ!"...

און נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט אויסגעזען שרעקלעך אין איר נישט־געמאַכטן כעס. די שוואַרצע חברה האָבן זיך מיישב געווען: יידן זײַנען דאָ גענוג אין שטאָט, דער טאָג שטייט נישט, — און זײַנען אָפּגעטראָטן צום צווייטן הויז.

* * *

איציקל שאַסטעפּאַל און זײַן ווײַב שיווקע, וואָס זײַנען געשטאַנען באַם פֿענצטער אין מוראדיקע פּחדים, נישט געוווּסט וווּהין צו לויפֿן, האָבן דערזען, ווי די שוואַרצע חברה האָבן עפּעס מיטאַמאָל ווי אָפּגעטראָטן פֿון זייער טיר, און זיי האָבן געדאַנקט גאָט, וואָס זיי זײַנען עפּעס על־פּי־נס ניצל געוואָרן פֿון אַזאַ סכנה, גאָר אַליין נישט געוווּסט וועמע זיי האָבן צו פֿאַרדאַנקען מיטן דאָזיקן נס...

אויך סאַשאַס חבר, קעסלער, איז געשטאַנען באַם פֿענצטער און האָט אַלע מינוט אָפּגעגעבן דעם קראַנקן סאַשאַן אַ ראַפּאָרט, וואָס איז דרויסן טוט זיך. סאַשאַ האָט געגעבן טאַמאַראַן דאָס וואָרט, אַז ער וועט

זיך נישט רירן פונעם אָרט, — מעג זיך קערן די וועלט, וועט ער זײַן וואָרט האַלטן. סײַדן די שוואַרצע חברה וועלן אַרײַנקומען אין שטוב אַרײַן! קעסלער האָט אַפּילו פאַרבאַריקאַדירט די טיר מיט קאַסטנס און מיט בענקלעך. אַז אַנגעלאָדענעם רעוואָלווער האָט ער אויך. ער וועט שיסן יעדן איינציקן, ווער עס וועט זיך ווײַזן אַף דער טיר, און וועט צו זײַן קראַנקן חבר נישט צולאָזן קיינעם, סײַדן מע וועט אים, קעסלערן, הרגענען...

— די באַנדע האָט אָפּגעקערעוועט פון אונדזער שטוב און איז אַוועק ווײַטער, — אַזוי ראַפּאָרטירט קעסלער פאַר זײַן חבר, דעם אונ־מערגעשאָסענעם סאַשאַ, און איציקל שאַסטעפּאַל טוט זיך אַ וואָרף צום פענצטער און דערזעט דעם פּריסטאַוו, אַנטאָן איוואַנאָוויטש כאָלאָדקאָוו, דורכפאָרן פאַרבײַ רײַטנדיק אַף אַ פערד, שאָקלט זיך אַהין און אַהער מיט דער גאַנצער גראַציע פון אַן אָפיציר, מאַכט עפּעס מיט דער האַנט, נאָר ער הייסט נישט צעטרײַבן די באָסיאַקעס. איציקל שאַסטעפּאַל וויל עפענען דאָס פענצטער און אויסשרײַען צו אַנטאָן איוואַנאָוויטשן, ער זאָל זיך אַננעמען זײַן קריוודע, ער זאָל צעטרײַבן אָט די שכורים. לאָזט אים נישט שיוועק. זי האַלט אים צו בײַ דער האַנט.

— איצי! עפן נישט דאָס פענצטער! מיר זײַנען פאַרבײַ, איצי!

איציקל שאַסטעפּאַל פאַרהאַקט דאָס פענצטער, נאָר עס טראָגן זיך דורכן פאַרהאַקטן פענצטער משונה־מאָדנע קולות, טויזנטער קולות, אַ מאָדנער הילד, אַ מיש־מאַש פון געשרייען, פון געוויין, פון מענטשן, וואָס בעטן זיך, מע זאָל זיי ראַטעווען, און פון מענטשן, וואָס שרײַען „ביי זשידאָוו", און אַ קאָמאַנדע הערט זיך, און אַ שיסערײַ פון ביקסן הערט זיך, און אַ קלונג פון צעבראָכענע שויבן הערט זיך, און אַ מוראַדיקער „הורראַ" פאַרהילכט די אַלע קולות — ס'איז עק־וועלט, אַפּנים?...

* * *

נאָר נחמיה דעם שוסטערס קינדער, יודל קטנתים קדיש, חוה דער דער ייִדענעס „אומגליק", בערעזניאַק־נײַדיטש און די איבעריקע חברים זייערע האָבן נישט געוואַרט ביז מע וועט קומען צו זיי גוט־יום־טוב

ביטן... ווי באַלד זיי האָבן נאָר דערהערט, אַז אַף דער ייִדישער גאַס איז „פריילעך“, אַזוי האָבן זיי אויסגעפּויקט צווישן אַלע חברים, מע זאָל זיין גרייט. זיי האָבן זיך איינגעטיילט אין פאַרשיידענע פונקטן, אַרויסגעגעבן אַלעמען דאָס געווער, און אַ סך האָבן זיך געלאָזט אַראָפּ צו דער ייִדישער גאַס, און אומעטום, ווו נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן ערגעץ ווו אַ חתונה, זיינען זיי אונטערגעקומען און האָבן מיט זייערע רעוואָלווערן צעטריבן די חברה־לייט, אַזוי ווי וואָראָנעס. אַזוי איז דאָס געגאַנגען אַף איין גאַס, אַף דער אַנדערער גאַס; נאָר אַז ס׳איז געקומען צו דער דריטער גאַס, האָט פון זיי מיטאָמאָל דאָס גליק אָפּגעטראָטן. זיי האָבן באַגעגנט צו אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, און זיי האָבן אָנגעהויבן פאַלן איינציקווייז, אַזוי ווי שטרוי...

צווישן די ערשטע קרבנות איז געווען נחמיה דעם שוסטערס ייִנגע־רער זון, בעני, וועלכער איז אַרונטערגעפאַלן פון צוויי קוילן, וואָס האָבן אים דורכגעלעכערט די לונגען און דאָס האַרץ.

ווי אַז אונטערגעשאָסענעם הירש אַף דער אַכאָטע, האָבן אים צוויי חברים אונטערגעכאַפּט אַף די הענט און האָבן אים אַף דער גיך אַוועק־געטראָגן אַהיים, און האָבן געטראָפן אינדערהיים נאָר די מוטער. דער ברודער, חיים, איז געווען מיט זיינע חברים אַף אַן אַנדער פונקט, און דער טאַטע נחמיה איז געגאַנגען מיט זיין פריינט יודל קטנתי געוואָר ווערן, וואָס טוט זיך.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז יודל קטנתי איז געווען אויפגעלייגט ווי תמיד, ובפרט ער האָט דעם פרימאָרגן לכבוד דעם גרויסן יום־טוב גע־מאַכט אַ פיינע כוסה, האָט ער געשאָטן מיט פסוקים און געלאַכט פון דער קאָנסטיטוציע, זיך געהאַלטן פשוט באַ די זייטן, זיך געריצט מיטן שוסטער, זיך באַרימט, אַז ער האָט געוווּסט פריִער, ער זאָל אַזוי האָבן אַלדאָס גוטס אַף ד ע ר וועלט און אַף י ע נ ע ר וועלט, אַז דאָס אַליין דאַרף זיך אָט אַזוי ענדיקן, כאַ־כאַ־כאַ!...

לאַנג לאַכן האָט מען אָבער דעם דאָזיקן פריילעכן שניידערל נישט געלאָזט. דערהערט, אַז אַף דער וואַסילטשיקאָווער גאַס הייבט שוין אָן ווערן פריילעך, האָבן זיי זיך אינצווייען מיט נחמיה דעם שוסטער גע־לאָזט אַרויף אַהיים, און ווי זיי זיינען געקומען, האָבן זיי געטראָפן די

גאָס שוין רעכט באַלאַגערט מיט מענטשן... מע איז נאַרוואָס צוגע־טראָטן צו סאַפּראָנאָוויטשעס אַפּטייק.

— יודל, מיר זײַנען אין דער ארבעט! — זאָגט נחמיה דער שום־טער.

— וואָס טיבע יוצר המאורות! — ענטפֿערט אים יודל דער שנײַדער.

באַ די ווערטער קומט אָן ליפּאַ באַשעוויטש אָן אַ היטל, די האָר צעלאָזט, דאָס האַרץ צעבראָסטעט, אין האַנט אַ שטעקן, און ער האַלט אינמיטן פּרעדיקן מיטן נוסח פֿון ישעיהו:

— און עס וועט קומען אַ בראָך אַף אײַערע לײַבער, און איר וועט זוכן הילף און וועט שרײַען, און קיינער וועט אײַך נישט ענטפֿערן, וואָרעם גרויס איז דער צאָרן פֿון גאָט, וואָס טוט ריכטן די וועלט מיט זײַן גרויסן שטורעם־ווינט, וואָס ער ברענגט אַף דער ערד, דערפֿאַר וואָס איר האָט נישט געוואָלט צוהערן זײַן געבאָט... עגעדען, מאַגעדען, מאַגדאַדען! עגעעדען, מאַגעדען, מאַגדאַאַאַדען! עעעגעדען, מאַגע־דען, מאַגדאַאַאַאַדען!...

. . . . . . . . . . . . . . .

טרויעריק, זייער טרויעריק האָט זיך אויסגעלאָזט דער טאָג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי גליקלעך, אַזוי פֿריילעך, און שטיל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער ערד די טונקעלע נאַכט און האָט פֿאַרשפּרייט אירע שוואַרצע פֿליגל אַף דער מרה־שחורהדיקער וועלט. נאָך דעם צו־פֿריילעכן און גליקלעכן טאָג האָט די נאַכט אויסגעזען ווי אַן אַלמנה, אָנגעטאָן אין שוואַרצן. שטיל איז געווען אַרום און אַרום. קיין דורכגייער, קיין דורכ־פֿאָרער. אַלע טעאַטערן זײַנען געשלאָסן. אַלע רעסטאָראַנען זײַנען גע־שפּאַרט, אויסגעלאָשן זײַנען די ליכט אין די גאַס־לאָמפּן. עס איז חושך און שטיל. ווען־נישט־ווען לאָזט זיך הערן אַ ווײַטער הילך, אַן אָפּקלאַנג פֿון אַ הייזעריקן „הורראַ", אַ קול פֿון אַ געשלאָגענעם, אַ גוואַלד פֿון אַ סך מענטשן, אַ געזאַנג פֿון אַ שכור, וואָס רײַסט זיך דורך און ווערט פֿאַר־שטאַרבן, און ווידער ווערט שטיל... שטיל קוקט אַראָפּ אויך דער מרה־שחורהדיקער הימל מיט זײַנע מיליאַרדן פֿינקלדיקע וועלטן אַף דער קליינער חושכדיקער ערד, וואָס מיינט און וויל אײַנריידן אויך יענעם, אַז צוליב איר האָט דאָס גאָט באַשאַפֿן אָט די גרויסע רײַכע מיליאַרדן־שטערנדיקע וועלט. שטיל, פֿינצטער, חושך! זי וויל נישט דערציילן, די שטילע פֿינצ־

נערע חושכדיקע נאַכט, וואָס ס'איז פאָרגעקומען דאָרט, אין די חושכדיקע, אָרעמע, שמוציקע יידישע גאַסן און געסלעך, אין די חושכדיקע, אָרעמע, שמוציקע יידישע הײַזער און הײַזלעך, בײַ די דערנידעריקטע, אָרעמע, הונגעריקע, אומגליקלעכע, נאַקעטע און באָרוועסע פאַרוואָרפענע, פאַרגעסענע און דערשלאָגענע — — — ניין, זי וויל נישט דערציילן, די שטילע פינצטערע חושכדיקע נאַכט, וואָס עס איז פאָרגעקומען דאָרט! אויך שווײַגט די שטילע פינצטערע חושכדיקע נאַכט פון די שטילע פינצטערע געהיימע פאַרזאַמלונגען אין שטילע פינצטערע געהיימע קעלערס, ווו שטילע פינצטערע געהיימע מענטשלעך האָבן אויסגעטיילט די אַרבעט, זיי זאָלן זײַן גרייט צו „מאָרגנדיקן טאָג”... און נאָך און נאָך אַ סך זאַכן זײַנען אָפּגעטאָן געוואָרן אין דער דאָזיקער שטילער, פינצטערער חושכדיקער נאַכט. און זי שווײַגט, די נאַכט. זי וואַרט אויפן ליכטיקן פרישן פרימאָרגן. ער וועט קומען, דער געווינטשטער ליכטיקער פרימאָרגן. ער וועט קומען און מע וועט עס אַלצדינג דערציילן — אין פריידן.

## קאַפּיטל יב.

## אייביקע וואַנדערער

עס איז געווען אַ נאַסער, אַ קאַלטער פרימאָרגן, איינער פון יענע קאַלטע נאַסע אָסיענדיקע טעג, וואָס מע זאָגט, אַז עס איז „אַן עבירה אַ הונט אַרויסצולאָזן אויף דער גאַס”. דער וואָקזאַל, אויף וועלכן עס האָבן זיך אַמאָל געטראָפן שאַסטעפּאַל מיט סאַפּראַנאָוויטש דעם אַפּטייקער, בשעת זייערע קינדער זײַנען אָנגעקומען פון פעטערבורג אַהיים אויף פּסח, איז געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן, און איבערהויפּט — די דריטע קלאַס. עס איז נישט געווען אַ נאָדל דורכצוגוואָרפן. מערסטנס פּאַסאַזשירן זײַנען געווען אחינו בני ישראל. מע קאָן זאָגן, כמעט לויטער יידן. געזעסן און געשטאַנען קעפּ אויף קעפּ ווײַבער מיט קינדער מיט טשעמאָדאַנעס, טאָרבעס, זעק און פּעקלעך, און קישנס, קישנס, קישנס!... די פּנימער בײַ אַלע אָנגעשראָקענע, קוקן זיך אַרום אויף אַלע זײַטן, ציטערן פאַר אַ געשריי, פאַר אַ פײַף... נאָך די שמועסן פון די פּאַסאַזשירן דאַרף מען רעכענען, אַז דאָס זײַנען עמיגראַנטן, וואָרעם עס לאָזן זיך הערן די ווערטער

„ליבוי"... „האמבורג"... „שיפסקארטן"... „אמעריקא"... דאָס וואָרט „אמעריקא" — אפּטער פון אַלץ. דאָס וואָרט „אמעריקא" האָט פאַר זיי אַ באַזונדערע צוציִונגס־קראַפט, אַ מין כּשוף. דאָס איז אַ ווּנטש, אַן אידעאַל, וואָס אַ סך, אַ סך פון זיי האָבן לאַנג וועגן דעם געחלומט. אמעריקאַ שטעלט זיך זיי פאָר ווי אַ מין יענע וועלט, אַ מין גן־עדן. הלוואַי, רבונו של עולם, מע זאָל זיי כאָטש אַריינלאָזן, נישט אָפּשיקן חלילה צוריק...

דאָס געשריי איז גרויס, דער טומל מיטן לויפן מיטן שטופּן זיך איז נאָך גרעסער. צווישן די פּאַרשווינענע זעט מען אייניקע מיט איבער־געבונדענע קעפּ, מיט אונטערגעבלויטע אויגן — סימנים פונעם נאָך נישט פאַרהיילטן אומגליק, נאָך נישט אָפּגעקילטן פּאָגראָם...

— מע וועט איַיך דען אַריינלאָזן אין אַמעריקע מיט אַזאַ פּאַסאָן?

— רייצט זיך אַ ייִנגל אַן עזות־פּנים, די הענט אין די קעשענעס, קעגן אַ ייִדענע מיט אַן אײַנגעקוועטשטן שטערן און מיט געלזוכט אין פּנים.

— אַ מכּה דער מאַמע דיַינער! — ענטפערט אים די ייִדענע. — אַבי איך האָב געזונטע אויגן, האָב איך דיך אין דער ערד!

אַ יונג ווײַבל און זייגט אַ קינד און שלעפּט אַ ייִדן פאַר דער פּאָלע. זי וויל וויסן, צי מע לאָזט אַרײַן קיין אַמעריקאַ מיט זייגנדיקע קינדער? דער ייִד דאַוונט, קאָן איר נישט ענטפערן, טוט ער איר אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי אייענר רעדט: „דו ביסט נעבעך אַ גרויסע בהמה!" און קוקט זיך אַרום בשעת מעשה, צי זעט נישט דער זשאַנדאַרם, ווי ער דאַוונט.

באַזונדער איז אַ ווינקעלע זיצט אַ געזינדל: אַ פאָטער, אַ מוטער, זעקס קינדער; פיר ייִנגלעך, — ייִנגלעך איז אין אַמעריקאַ, זאָגט מען, אַ גליק, זיי גייען אַרבעטן — צוויי מיידלעך, — מיידלעך, זאָגט מען, איז אויך אַ גליק אין אַמעריקאַ, זיי גייען אַרבעטן, און אַ באָבע מיט אַ זיידן זיינען אויך דאָ. די באָבע וואָלט אפשר אויך געפאָרן מיט די קינדער קיין אַמעריקאַ, קאָן זי נישט איבערן זיידן, ווײַל ער איז אַ בלינדער. אַ בלינדן לאָזט מען קיין אַמעריקאַ נישט אַרײַן. מוז זי דאָ בלײַבן מיטן אַלטן. סײַדן אַמאָל, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, וועלן זיי איר צושיקן פון דאָרטן אַ שיפסקאַרטע... דערווײַל זאָל ער נאָך לעבן. גענוג, אַז גאָט האָט אים געשטראָפט, מע האָט אים בשעת פּאָגראָם אויסגע־

שטאַכןביידע אויגן, דערפֿאַר, וואָס ער האָט נישט געוואָלט זאָגן ווי איז די קינדערס געלט, צוויי און צוואַנציק קערבלעך... און דער אַלטער זיידע גלעט די אייניקלעך איבער די קעפּלעך, וויינט מיט זײַנע בלינדע אויגן און זאָגט צו זיי:

— איך וועל איַיך שוין מער, קינדערלעך, אַפּנים, נישט זען קיינ־מאָל! קיינמאָל איַיך נישט זען מער!...

צווישן די עמיגראַנטן קאָן מען דערקענען נחמיה דעם שוסטער, זײַן ווײַב זיסל און זייער עלטערן זון חיים. דער יינגערער, בעני, ליגט אַפֿן הייליקן אָרט נאָך אַן אַ מצבה. זיי האָבן אויספאַרקויפֿט וואָס זיי האָבן געהאַט און פֿאָרן אין אַזאַ לאַנד, פֿונוואַנען זיי וועלן שוין מסתמא קיינמאָל צוריק נישט קומען.

— האָסט אַ טעות, אַלטער, מיר וועלן נאָך קומען צוריק אַלע, און איך אודאי...

אַזוי זאָגט חיים צום פֿאָטער און ער וויל אים אײַנריידן, אַז ער, חיים, פֿאָרט נישט אַהין אַף שטענדיק; און נישט צוליב זיך פֿאָרט ער, נאָר צוליב זיי. און זאָל זיך נאָר אַביסל איבערקאָכן אָט דאָ, וועלן אַלע פֿאָרן צוריק אַהער, „צו אונדז", אַזוי ווי מע פֿאָרט אַצינד אַהין, קיין אַמעריקאַ...

— אם ירצה השם! — מישט זיך אַרײַן אַ ייִד אַ ווילד־פֿרעמדער פֿון דער זײַט, וואָס שנײַדט דינע ריפּטלעך ברויט מיט אַ קליין שאַרף מעסערל און באַשמירט דאָס מיט אַ געלכל פֿון אַן איי און בעט אויס אַביסל זאַלץ בײַ אַ פֿרעמדער ייִדענע מיט אַ פֿאַרוויינט פּנים צו זיך אין הויפֿן אַרײַן.

— אַהין געפֿאָרן, אַהער געפֿאָרן — ישׂראליק פֿאָרט!

אַזוי רופֿט זיך אָפּ דער ייִד, וואָס האָט ביז אַהער געדאַוונט און איצט לייגט ער צונויף דעם טלית ותפֿילין, און די באַקן פֿלאַמען אים.

— אונדזער פֿאָלק ישׂראל, פֿאַרשטייט איר מיך, איז מקיים דעם פּסוק, וואָס גאָט האָט אַמאָל געזאָגט צו אברהם אבינו: ל ך ־ ל ך — זאָלסט אַרויסגיין פֿון דײַן לאַנד און פֿון דײַן געבורטס־אָרט און פֿון דײַן פֿאָ־טערס הויז...

— אַ גליק האָט אונדז געטראָפֿן! — רופֿט זיך אָפּ נאָך אַ זײַטיקער פֿאַרשוין מיט אַ גילקע אַף אַן אויג, און אים ענטפֿערט אָפּ אַ דריטער,

אויך א ווילד־פרעמדער, נאָר א יונגערמאַן, וואָס זעט אויס, א שטיק אינטע־ליגענט, אַז פּאות און שטאַרק אונטערגעהאַקט דאָס בערדל:

— געווים א גליק, וואָרעם וואַנדערן, גלות פּראָווען — דאָס איז אונדזער געבאָט, אונדזער מיסיאָן. האָט איר פאַרשטאַנען, צי ווער־וואָס? אין דעם טאָג, וואָס ייִדן וועלן אויפהערן אָפּריכטן גלות, וועלן זיי חלילה אויפהערן צו זײַן ייִדן...

דערזען, אַז די צוהערער קוקן אויף אים פאַרחדושט, פאַרענטפערט ער זיך:

— איר מיינט, ס'איז מײַנס? דאָס זאָגט איינער א גרויסער, גאָר א גרויסער מענטש (און דרייט אויס מיטן גראָבן פינגער און זאָגט מיט א ניגון): „מה־דאָד, זאָגט ער, אַצינד, ווען מיר זײַנען צו שאַנד און צו שפּאָט, פאַרדערט מען, זאָגט ער, פון אונדז, מיר זאָלן זײַן ערלעכער און אָרנטלעכער און בעסער און פײַנער פאַר אַלעמען, הײַנט לאָ כל שכן וואָס פאַר פּרעטענזיעס וועלן שוין האָבן, זאָגט ער, צו אונדז די פעלקער אין דער צײַט, ווען מיר וועלן זײַן, זאָגט ער, לײַטן גלײַך אויף אונדזער אייגענער ערד?"... נייִן, ברידער! אונדזער מיסיאָן איז וואַנדערן, שטענדיק זײַן צווישן פרעמדע פעלקער, זײַן א מוסר, א בײַשפּיל פאַר אַלעמען... האָט איר עס פאַרשטאַנען, צי ווער־וואָס?

דאָס רעדל אַרום דעם יונגנמאַן, וואָס פּרעדיקט, ווערט אַלע מינוט ברייטער און גרעסער. ייִדן האָבן ליב האָרכן א גוט וואָרט, עס מעג זײַן וווּ איר ווילט און ווען איר ווילט, אפילו „א מינוט פאַר פּאַיעזד". מאַנצ־בילן, די וואָס האָבן פאַרשטאַנען, האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער יונגערמאַן באַדאַרף זײַן א ציוניסט, וואָרעם ער רעדט צו שיין און היצט זיך צו שטאַרק. און ווײַבער, וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען גאָרנישט, האָבן אויך צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, אונטערגעהאַלטן מיט א זיפץ און גרייט געווען אַלע מינוט לאָזן א טרער — עלעהיי, לאָז זיך אײַך דאַכטן, א מגיד רעדט...

צווישן דעם עולם וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם יונגנמאַן דעם אינטעליגענט, איז געווען סאַשאַ סאַפּראָנאָוויטש, וואָס איז אַרויסגעקו־מען אַרויסבאַגלייטן זײַן פאָטער דעם אַפּטייקער — ער פאָרט קיין ארץ־ישראל דאָרט ווערן אַן אַפּטייקער. טאָמער וועט מען באַדאַרפן האַלטן עקזאַמען, וועט ער האַלטן. אַן אומגעריכטע מעטאַמאָרפאָזע האָט גע־

קאַנט אַרויסרופן בא אים נאָר דער שטורעם מיט אַלע רעזולטאַטן פונעם שטורעם, וועלכע ער האָט איבערגעלעבט. פאַרשטייט זיך, אַז סאָלאָמאָן־קאַפּראַנאַוויטש האָט געהאַט אַן אַנדער מאַרשרוט — קיין אַמעריקאַ. נאָר עמיגרירן קיין ארץ־ישראל האָט אים אַרויפגעפירט זײַן זון סאַשאַ. און אַנדערש האָט דאָס נישט געקאָנט זײַן — פאַרט אַז איין־און־איינציקער זון. סאַשאַ בלײַבט דערווײַל דאָ ביז ער וועט ענדיקן; אַז ער וועט ענדיקן, וועט ער סײַ ווי סײַ אַריבערפאָרן קיין ארץ־ישראל. ארץ־ישראל און אַמעריקאַ — צו אַ גרויסער תהום! שענער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס דעם אַפּטייקערס קריסטלעכע פרײַנטן, נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ, האָט צוגערעדט איר פרײַנט דעם אַפּטייקער, ער זאָל בעסער אַריבערפאָרן קיין ארץ־ישראל. „פּאַלעסטינאַ — האָט זי געזאָגט, און מאַקע גוט מכבד געווען אים — פּאַלעסטינאַ — דאָס איז דאָך אײַער באַטקאָווּשטשינאַ, אײַער פאָטערלאַנד, ווי קאָנט איר עס פאַרבײַטן אויף אַ פרעמד לאַנד, אויף אַמעריקאַ?... עטאָ אוזשאַסנאָ! עטאָ וואָזמוטיטעלנאָ!"...

אַ סך האָט אויך מיטגעהאָלפן זײַן שכן איציקל שאַסטעפּאַל, וואָס איז פון איצט אָן נישט נאָר אַ שכן — אַ סברה, אַז ער איז שוין נאָר אַ מחותן. עס איז נאָך נישט אָפיציעל, פאַרשטייט זיך, עס איז נאָך דערווײַל אַ סוד, נאָר אַזאַ סוד, וואָס אַלע ווייסן עס און אַלע ריידן, שושקען זיך, — היינט־מאָרגן קאָן עס ווערן אַ פאַקט. די קינדער באַדאַרפן דערווײַל ערשט ענדיקן זייער קורס. זיי פאָרן ביידע ווידעראַמאָל קיין פּעטערבורג, און זײַנען די לעצטע צײַט אַזוי באַפרײַנדעט, אַז ס'איז שוין גאָר בא קיינעם קיין שום ספק נישט, אַז דאָס זײַנען חתן־כּלה. אַ שטיקל מניעה איז נאָך אין איין זאַך: דער חתן איז אַ ציוניסט, און אַ פאַרברענטער ציוניסט, און די כלה איז צום ציוניזם דערווײַל קאַלט, זייער קאַלט. נאָר „מ ה ש ל א י ע ש ה ה ש כ ל י ע ש ה ה ז מ ן" — זאָגט איציקל שאַסטעפּאַל מיט אַ פּסוק צו זײַן האַלב־אָפיציעלן מחותן דעם אַפּטייקער, וואָס כאָטש ער פאַרשטייט נישט קיין לשון־קודש, פונדעסטוועגן טוט ער אַ גלאַנץ מיט דיברילן, מע זאָל מיינען, אַז ער האָט פאַרשטאַנען.

— אַלעקסאַנדער סאָלאָמאָנאָוויטש, ווי זענט איר פאַרפאַלן געוואָרן? עטאָ אוזשאַסנאָ! עטאָ וואָזמוטיטעלנאָ!

נאדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט דאָס אַזוי אויסגערופֿן, אַ פּלעסק געגעבן מיט די הענט, דערזען סאַשאַ סאַפּראַנאָוויטשן אין דריטער קלאַס צווישן עולם, וואָס אַרום דעם יונגן אינטעליגענט. נאָך איר זײַנען באַלד אָנגעקומען דער אַפּטייקער. וואָס האָט זיך שטאַרק אויסגעבלייכט, און טאַמאַראַ און איציקל שאַסטעפּאַל, וואָס האָט זיך שטאַרק פֿאַרעלטערט אין דער לעצטער צײַט: די אויגן זײַנען געוואָרן ווי אונטערגעשוואָלן, מיט קישעלעך. זײַן טאָכטער טאַמאַראַ האָט זיך אויך פֿאַרענדערט — זי איז שענער געוואָרן, נאָך שענער ווי פֿריִער.

— וואָס טוט זיך דאָ? — האָט טאַמאַראַ אַ פֿרעג געגעבן.

— אונדזערע וואַנדערער — האָט איר סאַשאַ אָפּגעענטפֿערט, באַוויזן מיט די אויגן אױף דעם עולם עמיגראַנטן — אונדזערע אייביקע וואַנדערער.

— די אייביקע וואַנדערער! — האָט אים, ווי אַ ווידער־קול, מעלאַנכאָליש נאָכגעזאָגט נאַדיעזשדאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ מיט אַ טראַגישער אינטאָנאַציע און איז אָבער באַלד אָנגעפֿאַלן אױף אירע גוטע פֿרײַנט: וואָס שטייט מען? ס'איז שוין צײַט זיך געזעגענען! און אויסגעלאָזט האָט זי מיט איר שטענדיקן אויסרוף! עטאָ אוזשאַסנאָ! עטאָ וואָזמוטיטעלנאָ!"...

און דאָס גאַנצע געזינדל לאָזט זיך גיין אַפֿן פּעראָן, און דאָרט געזעגנט מען זיך מיטן אַפּטייקער סאַפּראַנאָוויטש, און מע קושט זיך און מע ווינטשט אים אַלדאָס גוטס פֿונעם גאַנצן האַרצן.

סוף פֿונעם צווייטן טייל.

Este libro se terminó de imprimir el día 24 de octubre de 1952, en los Talleres Gráficos OPTIMUS S. R. L., Valentín Gómez 2715-19 - Buenos Aires.